STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06388

# VOS DER GOYRL HOT MIR BASHERT

Adolf Abraham Berman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַדאָלף אברהם בערמאַן / וואָס דער גורל האָט מיר באַשערט

רעדאַקציע: צבי שנער און שלמה אבן־שושן

געבראַכט צום דרוק און אינדעקס: צבי אייזנמאַן

דערשיינט מיט דער הילף
פון מעמאָריאַל־פאָנד א״נ פון
פייגע און חיים פרענקעל, אויסטראַליע

אַדאָלף אברהם בערמאַן

# וואָס דער גורל האָט מיר באַשערט

## מיט יידן אין וואַרשע, 1939־1942

בית לוחמי הגיטאות
והוצאת הקיבוץ המאוחד • תשמ״א

אדולף אברהם ברמן

# במקום אשר יעד לי הגורל

עם יהודי וארשה, 1939־1942

*

Adolf Avraham Berman

# With Jews in occupied Warsaw 1939-1942

סדר־צילום ודפוס
גסטליט חיפה בע"מ

©
by Ghetto Fighters House Ltd
אַלע רעכט באַוואָרנט

געדרוקט אין ישראל 1980

# מיטן בוך

במשך פון פינף יאָר און מער — פון סעפּטעמבער 1939 ביז יאַנואַר 1945 איז דר. אַדאָלף אברהם בערמאַן געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער יידישער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין אָקופּירטן פּוילן. דאָס אַליין איז גענוג כדי צו באַווייזן די וויכטיקייט פון זיינע זכרונות. דאָס בוך נעמט אַרום נאָר דעם ערשטן טייל פון דער תקופה: פונעם מלחמה־אויסברוך און דעם איינעמען וואַרשע דורכן דייטשן מיליטער ביז סעפּטעמבער 1942, ווען דער מחבר און זיין פרוי באַשיע האָבן פאַרלאָזט דאָס געטאָ אין די טעג פון בלוטיקן גירוש און אַריבער־געגאַנגען אויף דער אַרישער זייט פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט.

אַדאָלף בערמאַנס בוך איז אַן אויסגעשפּראָכן פּערזענלעכער דאָקומענט. דער מחבר דערציילט אויף אַן אָביעקטיוון אופן וועגן דער דעראָבערונג און פונ־אַנדערטייל פון פּוילן, וועגן וואַרשע אין דייטשן אָקופּאַציע־קלעם, אירע יידן וואָס זענען אויסגעשטעלט אויף רדיפות און נגישות, וועגן לעבן און געראַנגל אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ — דעם ערשטן שטאַפּל פונעם אַלגעמיינעם פאַרניכטונגס־פּלאַן, און צום סוף וועגן דער מערדערישער גירוש־אַקציע. אָבער נישט ווינציקער איז דער פּערזענלעכער עלעמענט אין זיין באַשרייבונג. בערמאַן האָט אויסגעפּירט אין די חורבן־יאָרן וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע געזעל־שאַפטלעכע שליחותן און נישט איין מאָל איינגעשטעלט זיין לעבן. בערמאַנס בוך דאַרף אויפגענומען ווערן נישט ווי אַ מאָנאָגראַפיש ווערק וועגן וואַרשעווער יידנטום, נייערט ווי אַן עדות־זאָגן, פאַר וועלכן עס פּאַסט זיך בפירוש דער אינדיווידועלער טאָן און דער סוביעקטיווער צוגאַנג.

בערמאַן טונקט אָפּטמאָל זיין פּען אין שטאַרק קאָנצענטרירטע פאַרבן. ס'איז אָבער פאַרן לייענער פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז זיין פּערזענלעכער אופן פון אויסדרוק.

דר. אַדאָלף בערמאַנס בוך איז אַן אויטענטישער ביישטייער צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור פון דער אומקום־תקופה, אַ ביישטייער פון גרויסן ווערט. דער היסטאָריקער וועט זיך אין זיינע פאָרשונגען זיכער אָפט פאַרופן אויף אָט דעם עדות־בוך, אַפילו ווען ער וועט וועלן דאָ און דאָרט אַוועקשטעלן די באַשריבענע פאַקטן אין אַנדערע פּראָפּאָרציעס.

דער מחבר דערשיינט פאַר אונדז ווי אַ פּראָמינענטער טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, איבערגעגעבן צו זיין פּאַרטיי, אירע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן און צו איר אידעאָלאָגישן וועג; אַ לינק־געשטימטער סאָציאַליסט — פאַרבונדן מיט דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און איבער אַלץ — ווי אַ געזעלשאַפטלעכער יידישער עסקן, וואָס ווייסט גענוי ווו ס׳איז זיין אָרט אין דעם פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, און קעמפט געטריי און איבער־געגעבן פאַר זיינע אידעאָלאָגישע אמתן.

מיר האָבן טאַקע זיך אָפּגעהאַלטן פון מאַכן וועלכע עס איז קאָרעגירונגען אין בערמאַנס באַריכט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אונדזער רעדאַקציאָנעלער אַריינ־מישן זיך קאָן נאָר פאַרמינערן דעם דאָקומענטאַרן ווערט פונעם בוך.

נאַטירלעך, אַז אינעם בוך איז קענטיק דער אינדיווידועלער חותם פון מחבר, אָבער דאָס שטערט אים נישט צו באַווייזן בולט דעם געראַנגל פון דער גרויסער עדה יידן פאַר זייער קיום. פון דר. בערמאַנס זכרונות טויכט טאַקע אויף פאַר אונדזערע אויגן אַן איינדרוקספול בילד פון אַ גרויסן, פאַשידנאַרטיקן יידישן ציבור, וואָס פירט אַ פאַרעקשנטן קאַמף קעגן דער דייטשער פּאָליטיק פון אָפּשוואַכן אים גייסטיק און פיזיש, אָפּזונדערן און באַרויבן, אַוועקרייסן אים פון זיין פאַרגאַנגנהייט און פון דעם טייל יידישן פאָלק, וואָס לעבט אין דער פרייער וועלט.

דער מחבר שילדערט אונדז פון זיין אייגענער רייכער דערפאַרונג, ווי אַזוי האָבן וואַרשעווער יידן אויסגענוצט יעדע שפּאַרונע, יעדן צייטווייליקן אָפּשטעל פון דער פאַרניכטונגס־מאַשין כדי צו טראָגן הילף צו דעם יידישן הונגעריקן קינד אין געטאָ און זיכערן זיין דערציאונג. מער פון דעם — אין בערמאַנס בוך שפּיגלט זיך אָפּ דער וווּנדערלעכער אויפטו פון דער סאָציאַלער אַליינהילף אין געטאָ. די דאָזיקע קעגנזייטיקע הילף האָט געטראָגן אַ ברייטן פאָלקס־כאַראַקטער און מאָביליזירט צענדליקער און הונדערטער פרייוויליקע אַקטיוויסטן. דאָס רוב פון זיי האָט דר. בערמאַן געקענט פּערזענלעך. ער האָט אינעם בוך אַרויסגעבראַכט אַ סך פון זייערע נעמען, דערמאָנענדיק זיי צום גוטן — פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן ביז צו די פּשוטע זעלנער פון יידישער קולטור און הילפס־אַרבעט. כמעט אַלע זענען אומגעקומען און נאָר אַ קליינער טייל האָט זיך געראַטעוועט. פיל פון זיי און זייערע אויפטוען ווערן בלויז אין נאָר אין דר. בערמאַנס בוך פאַראייביקט, ווייל אַ חוץ אים איז נישט געבליבן ווער, וואָס ווייסט וועגן זיי און קאָן וועגן זיי דערציילן.

דר. אַדאָלף בערמאַן איז באַזונדער טעטיק געווען אויף אַ וויכטיקן געזעל־שאַפטלעכן אָפּשניט שטיצע פאַר קינדער און קינדערשוץ אין דער ראַם פון צענטאָס. דער פאַרדינסטפולער אָרגאַניזאַציע, אין שפּיץ פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען דער מחבר אין די געטאָ־יאָרן

די יידן פון געטאָ האָבן אין זיך געפונען כוח איבערצולאָזן פאַר די צוקונפטיקע דורות פולע און באַגלויבטע עדות־בלעטער, ווו ס׳ווערט באַשריבן וואָס עס איז מיט זיי פאַרלאָפן. וועגן אָט די כראַניקער פון יידישן אומקום און וועגן דער וווּנדערלעכער אַרכיוויסטישער אונטערנעמונג — עונג־שבת, דערציילט בערמאַן אויספירלעך. ער טוט עס דורך דער פריזמע פון דער לאַנגיעריקער פריינטשאַפט, וואָס האָט אים געבונדן מיט דר. עמנואל רינגעלבלום, דעם גרינדער און אָנפירער פונעם עונג־שבת אַרכיוו.

ווי געזאָגט ענדיקט זיך בערמאַנס שילדערונג אין די טעג פון דער גרויסער דעפּאָרטאַציע, סוף זומער 1942. עס איז נאָך ווייט פונעם ערשטן באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס פון יאַנואַר חודש און פון גרויסן אויפשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943. דר. בערמאַנס בוך איז זיך עוסק מיט דעם וואָס ווערט אָנגערופן ״ציווילער ווידערשטאַנד״, אָבער דער ענין פון באַוואָפנטן קאַמף ווערט דערמאָנט אין אַ סך קאַפּיטלען. צו דעם פּראָבלעם קערט ער זיך אום ווען ער שילדערט זיינע פּאַרטיי־חברים, די אַקטיוויסטן פון אַנדערע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע בערמאַן האָט זיך געטראָפן ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין געטאָ.

דר. בערמאַן איז געווען איינער פון די צענטראַלע פיגורן אינעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק און דאָס קאַפּיטל, וואָס ווערט געווידמעט אָט דער ווידער־שטאַנדס־אָרגאַניזאַציע איז אַ וויכטיקער און וועזנטלעכער ביישטייער צו דער געשיכטע פון ״בלאָק״ וועלכער האָט טאַקע עגזיסטירט בלויז עטלעכע מאָנאַטן אָבער געווען אַ פּאָזיטיווער גורם ביים אויסבילדן דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידערשטאַנד צווישן די יידן אין געטאָ.

דר. בערמאַן האָט געהאַט בדעה פאָרצוזעצן און אָנשרייבן אַ צווייטע טייל פון זיינע זכרונות. ליידער, ליידער האָט זיך דער טויט אַריינגעמישט און צונישט געמאַכט די אויספירונג פון דער הייליקער אַרבעט. דר. אַדאָלף בערמאַן איז נפטר געוואָרן דעם 3 מערץ 1978. מיט זיין אַוועקגיין האָט די יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט און די היסטאָריאָגראַפיע געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט. אין צווייטן טייל פון בוך האָט דר. בערמאַן געדאַרפט דערציילן וועגן זיין טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט. אין באַדינגונגען פון דאָפּלטער קאָנספּיראַציע האָט ער געפירט אַ פאַרצווייגטע, געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט אַלס חבר אין פּרעזידיום פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און ווי אַ סעקרעטאַר פון זשעגאָטאַ (פוילישער קאָמיטעט צו העלפן יידן).

עס איז געווען צו דערוואַרטן אַז דר. בערמאַן וועט דערגאַנצן זיין חיבור מיט וויכטיקע פּרטים, וואָס זענען ביז איצט נישט באַקאַנט פאַרן ברייטערן עולם, וועט וואַרפן אַ ניי ליכט אויף די אָנשטרענגונגען פון דעם יידישן אָרגאַניזירטן אונטערגרונט ביים טראָגן הילף צו די איבערגעבליבענע יידן, נאָך דער ליקווי־

דאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, און אויך צו די יידן איבערן לאַנד, וואָס האָבן געשמאַכט אין די לעצטע געטאָס, אַרבעטס־און־פאַרניכטונגס־לאַגערן. עס האָט געזאָלט קומען אַ באַשרייבונג וועגן די קאָמפּליצירטע באַציאונגען פונעם יידישן אונטערגרונט מיט די צוויי טיילן פון דער פוילישער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג — דעם וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן און דעם וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ סך איינצלהייטן וועגן דער יידישער אונטערערדישער אַקטיוויטעט, נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, האָט אַדאָלף בערמאַן מיטגענומען מיט זיך אין קבר. וועגן אַדאָלף בערמאַנס עדות־בוך קאָן מען זאָגן: תם ולא נשלם.

קאַפּיטל 1

# פאַרן מבול

איך האָב נישט געהאַט בדעה אָנצוהויבן דאָס בוך פון אַן אויטאָביאָגראַפיע. איך געפין זיך שוין אָבער אין האַרבסט פון מיין לעבן און עס איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ געוויסן סך־הכל.

ווען איך קוק זיך אום אויף די פופציק יאָר פון מיין אָנטייל אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען איך דערמאָן זיך די העכער פינף טראַגישע און דערהויבענע יאָרן פון מיין אונטערערדישער טעטיקייט אין דער תקופה פון אומקום און געראַנגל, פיל איך אַ באַדערפעניש צו געבן אַ רעטראָספעקטיוון בליק אויף די מקורות, אויף די קוואַלן פון מיין לעבנס־וועג.

איך פיל אַ באַדערפעניש, אויפצוקלערן פאַר זיך און פאַר אַנדערע די קוואַלן, וואָס האָבן מיר געגעבן דעם כוח נישט בלויז דורכצוהאַלטן דעם גיהנום פון וואַרשעווער געטאָ, נאָר אויסצופירן סיי אין געטאָ און סיי אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פונקציעס.

איך פיל די נויטווענדיקייט אויפצוקלערן, ווי אַזוי איז עס געשען, אַז שוין דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, ווען די ערשטע היטלעריסטישע לופט־באָמבעס זענען געפאַלן אויף וואַרשע און איר אומגעגנט, האָב איך געמוזט זיך שטעלן אין דינסט פון יידישע קינדער. ווי אַזוי איז עס געשען אַז אין מאָמענט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָב איך געקאָנט גלייך אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דעם גרויסן, כמעט האַלב־מיליאָניקן, גרויזאַמען קאָנצענטראַציע־לאַגער, און אַקטיוו מיטווירקן ביי דער שאַפונג פון דער ערשטער מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַקטיוון ווידערשטאַנד אין געטאָ, פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

און שפּעטער — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, איך זאָל קאָנען, שוין ביים סוף פון דער ערשטער אַקציע אין געטאָ, וואָס האָט דערפירט צום טויט פון העכער 300.000 מענטשן — צווישן זיי 100.000 קינדער — אין סעפּטעמבער 1942 ווערן אַקטיוו אויף דער אַרישער זייט, אַלס איינער פון די "אַמבאַסאַדאָרן

פון דעם קעמפנדיקן געטאָ", ווי עס האָבן אונדז אָפּטמאָל באַצייכנט די פירער פון דער פּוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. וועלכע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות און אומשטענדן האָבן מעגלעך געמאַכט, איך זאָל קאָנען ווערן דער סעקרעטאַר פון דעם גרויסן און פאַרצווייגטן פּויליש־יידישן "ראַט צו העלפן יידן" (ראַט פון זשעגאָטאַ), וואָס האָט געראַטעוועט טויזנטער יידן פון טויט, און שפּעטער — ווערן דער פאַרשטייער פון יידישע קעמפער אין דעם אונטערערדישן רעוואָלוציאָנערן פּוילישן פּאַרלאַמענט — קראַיאָווע ראַדאַ נאַראָדאָוואַ (ק.ר.נ.) און לייטער פון זיין אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים? וואָס האָט מיר געגעבן דעם כוח צו זיין אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג ביז דער באַפרייאונג, טעג און נעכט אויף דער שוועל פון לעבן און טויט, אין באַדינגונגען פון אַ דרייפאַכער קאָנספּיראַציע — אַלס אַ ייד, אַן אונטערערדישער אַנטינאַצישער טוער און דערצו — פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דערביי — די גאַנצע צייט, סיי אין געטאָ און סיי אויף דער אַרישער זייט — מיט אַ באַוווסטזיין פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער שליחות, וועלכע איז אַ נויטווענדיקייט, אַ לעבנס־חוב?
ווען איך פּרוּוו אַנאַליזירן די דאָזיקע סיבות, קום איך צום אויספיר, אַז די קוואַלן גרייפן טיף, אַ סך טיפער, ווי איך האָב זיך אַ מאָל פאָרגעשטעלט. זיי שטאַמען נאָך פון מיין קינדהייט און יוגנט, פון דער אַטמאָספער, וועלכע איך האָב איינגעזאַפּט אין מיין היים, און פון מיין גאַנצן לעבנס־וועג — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביזן אָנהויב פון דער תקופה פון אומקום און גערוּאַנגל.

### מיין פאָטער

מיינע עלטערן, מיין פאָטער און מוטער, שטאַמען פון קליינע שטעטלעך אין ווייסרוסלאַנד. מיין מוטער — פון דעם שטעטל זשירעוועצ (Żyrowice) ביי סלאָנים. דאָרט, אין סלאָנים, איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן מיין משפחה, פון דער מוטערס זייט, אין די נאַצישע שחיטות.
מיין פאָטער שטאַמט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פון דעם שטעטל ראָזשנוי (Różana) , אָבער ביידע האָבן זיך, נאָך אין די יונגע יאָרן, נאָך דער חתונה, באַזעצט אין וואַרשע. מיין פאָטער, איסר־לייב (איזידור), האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעטס־לעבן אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער און בוכהאַלטער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט ווערט ער אַ זעלבשטענדיקער סוחר. מיט דער צייט, באַזונדער אַ דאַנק זיין ענערגיע און דער הויכער קאָניונקטור, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צייט פון דער מלחמה, ווערט מיין פאָטער אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער סוחר. מיין קינדהייט און פריע יוגנט האָב איך פאַרבראַכט אין פאַרהעלטענישמעסיק גוטע באַדינגונגען. קיין מאַטעריעלע זאָרגן האָבן מיר דאַן ניט געהאַט.

מיין פּאָטער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט זיין פאַרצווייגטער האַנדלס־טעטיקייט. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַ משכיל. געקענט נישט שלעכט עברית און יידיש. פון זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַן איבערצייגטער, אַ פלאַמיקער ציוניסט. געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער געזעלשאַפט חובבי שפת עבר אין וואַרשע, האָט אַבאָנירט די העברעיִשע טאָג־צייטונג הצפירה און פון צייט צו צייט אַליין געשריבן אין הצפירה אונטער דעם פסעודאָנים "איש־דוב".
ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. ער האָט באַזונדער ליב געהאַט די ווערק פון שלום עליכם. אַליין געשריבן לידער, אין דער יידישער שפּראַך.
אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז ער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג, מיט דער פּראַקציע "עת לבנות". אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן זיין מאַטעריעלער באַרג־אַראָפּ. די משפחה האָט זיך פונאַנדערגעשאָטן. ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה איז ער געווען אין אַ גענוג שווערער מאַטעריעלער לאַגע.
אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער, מיט מיין הילף, באַקומען די אַרבעט פון אַ בוכ־האַלטער אין דעם גרויסן אַפּראָוויזאַציִע־פאַרזאָרגונגס־אַמט Z.Z. . איך האָב זיך באַמיט אים צו העלפן מיט אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך. אויך אין געטאָ האָט ער זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און געשריבן יידישע לידער. איך האָב געוווּסט, אַז זיי האָבן נישט קיין קינסטלערישן ווערט. זיי זענען אָבער געווען פול מיט געפיל פון אומרו און פון בענקשאַפט נאָך בעסערע צייטן. שוין אין דער ערשטער אַקציע איז מיין פּאָטער אַוועקגעריסן געוואָרן דורך דעם בלוטיקן שטראָם און דערמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע.
מיין פּאָטער האָט מיר אַ מאָל דערציילט, אַז אין זיין משפחה איז איינער פון די אור־זיידעס געגאַנגען צום טויט אויף קידוש־השם, אין דער תקופה פון די גזירות ת"ח — ת"ט. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַ לעגענדע. מעגלעך, אַז אַזוי איז עס באמת געווען. איך געדענק, אַז דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם.

### מיין מוטער

מיין מוטער גוטע (גוסטאַוואַ בערניקער) איז געווען זייער אַ קלוגע, אַ שיינע און אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישע פרוי. זי איז געווען אַן אויטאָדידאַקט. אַליין זיך אויסגעלערנט די רוסישע און די פּוילישע שפּראַך און, נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, געלערנט זיך ביי אַן אַלטן שכן, אַ לערער, פראַנצויזיש. איך געדענק, ווי זי האָט, נאָך אַ גאַנצן טאָג פון שווערער אַרבעט אין דער הויזווירט־שאַפט, געלייענט ביז שפּעט ביינאַכט די פילזייטיקע ראָמאַנען פון לעוו טאָלסטוי (אַ באַזונדער גרויסן רושם האָט אויף איר געמאַכט "אַננאַ קאַרענינאַ"), די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ, די היסטאָרישע סעריע־ראָמאַנען פון אַלעקסאַנדער דיומאַ — אַלץ אין דער רוסישער שפּראַך.

איר אַמביציע איז געווען צו געבן אַלע אירע קינדער אַ גרינטלעכע אַקאַדעמישע בילדונג. זי האָט דאָס דערגרייכט -- אַלע קינדער האָבן געענדיקט הויכשולן. זי האָט ליב געהאַט די גזעלשאַפט פון געבילדעטע מענטשן און -- פון רעוואָלוציאָנערע טוער
מיין מוטער האָט געהאַט בולטע סאָציאַליסטישע נייגונגען. איינע פון אירע ליבלינגס־ביכער איז געווען — דאָס ווערק פון דעם באַקאַנטן דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער אויגוסט בעבעל, "די פרוי און דער סאָציאַליזם". זי איז געווען אַן איבערצייגטע אָנהענגערין פון דער עמאַנציפּאַציע פון פרויען און פון זייער פולער גלייכבאַרעכטיקונג. געהאַט אַ געוויסן קאָנטאַקט מיטן יידישן פרויען־פאַראיין, אָבער נישט געהאַט קיין נייגונג און קיין צייט צו זיין אַ געזעל־שאַפטלעכע טוערין. געווען אַ גוטע "יידישע מאַמע", אָבער אָן סענטימענטאַלע איבערטרייבונגען. מיר האָבן זי אַלע שטאַרק געשעצט און געליבט. זי איז געשטאָרבן, נאָך אַ שווערע קראַנקייט, אין 1936, דריי יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. זי געהערט צו די געציילטע אין מיין נאָענטער און ווייטער משפּחה, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם געטאָ־גיהנום און דעם טויט־לאַגער.

**מיינע ברידער**

איך האָב געהאַט צוויי ברידער און צוויי שוועסטער. מיין עלטסטער ברודער, שמואל, איז געווען אַ מעדיצין־דאָקטאָר, אַ כירורג. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט זיבן יאָר. אידעאיש־פּאָליטיש איז ער געווען, פון זיינע סטודענטישע יאָרן, פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי פּועלי־ציון צ.ס. געווען דער פאָרזיצער פון דעם יידישן מעדיקער־פאַרבאַנד. נאָך אים האָט דעם פאָרזיץ איבערגענומען דר. משה קליינבוים (סנה). מיין ברודער איז געווען דער לעצטער, פאַר דער וועלט־מלחמה, פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ספּאָרט־קלוב הפּועל אין פּוילן.
ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז מיין ברודער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי אַלס אַ מעדיצין־דאָקטאָר. נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער אַרמיי האָט ער זיך אַ געוויסע צייט אַרומגעוואַלגערט אין די מזרח־קאַנטן פון פּוילן, און דאַן — זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער געאַרבעט אין דער געזונדהייט־אָפּטיילונג און אין דעם יידישן שפּיטאָל אַלס כירורג. אויך זיין פרוי, אירענאַ קרעניצקאַ, איז געווען אַ מעדיצין־דאָקטאָר. זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּעדיאַטריע און אין וואַרשעווער געטאָ געאַרבעט אין אַ קינדער־אַנשטאַלט. ביי דער ערשטער גרויסער אַקציע זענען זיי נאָך געבליבן ביים לעבן. מען האָט נאָך דאַן די מעדיצין־דאָקטוירים, אין אַלגעמיין, טאָלערירט.
ווען איך בין אין סעפּטעמבער 1942 אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט האָב איך נאָך אַ געוויסע צייט געהאַט מיט מיין ברודער אַ טעלעפאָנישע

פאַרבינדונג. איך האָב געקלונגען אין באַשטימטע שעהען אין דעם געזונדהייט־אַמט. איך האָב געוואָלט אים און זיין פרוי ברענגען אויף דער אַרישער זייט. אַפילו אַראַנזשירט, אויף אַ שטרענג קאָנספּיראַטיוון אופן, אַ צוזאַמענטרעף מיט זיין פרוי אויף דער אַרישער זייט, ביי איר פּוילישער פריינדין. איך האָב איר נאָך אַ מאָל געראָטן, זיי זאָלן אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן זיך אָבער געוואַקלט. דאַן סוף 1942 האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן איינצואָרדענען מענטשן אויף דער אַרישער זייט און פאַרזיכערן זיי אַ מינימום פון עגזיסטענץ. מיר, מיין פרוי באַשיע און איך, מיר האָבן נאָך אַליין ממש געהונגערט.

יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז, אין דעצעמבער 1942, צוריקגעקומען פון קראָקע (Kraków) אין וואַרשעווער געטאָ, פון דער ערשטער באַוואָפנטער אַרויסטרעטונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, מיט אַ פאַרוווּנדעטן פוס, האָט אים מיין ברודער, אַלס כירורג, געהיילט דעם פוס.

מיין ברודער, שמואל, און זיין פרוי, זענען אַריינגעפאַלן אין די היטלעריסטישע הענט בעת דער צווייטער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאַנואַר 1943 צוזאַמען מיט כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים און קראַנקע פון געטאָ־שפּיטאָל און פון דער געזונדהייט־אָפּטיילונג. זיי זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

מיין צווייטער ברודער יעקב (יאַקוב) עלטער פון מיר מיט פינף יאָר, איז געווען דער ליבלינג פון דער משפּחה. זייער האַרציק, איבערגעגעבן, אינטעליגענט און ענערגיש, האָט ער דעראָבערט די הערצער פון נאָענטע און פון ווייטע. ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אָבער נישט געוואָלט, צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, ווידמען זיך דער אַדוואָקאַטור. ער האָט געאַרבעט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַלס רעדאַקטאָר אין דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור (ייט״א).

אין זיינע ערשטע סטודענטישע יאָרן איז ער געווען נאָענט צו יידישע פּראָבלעמען. ער האָט באַהערשט גוט יידיש און אויך געקענט אַ ביסל עברית. ער האָט געאַרבעט וויסנשאַפטלעך אויפן געביט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געשיכטע, געשריבן און פאַרעפנטלעכט אַ ריי אָפּהאַנדלונגען וועגן די פּראָבלעמען.

עס ליגט פאַר מיר אַ ביכל, וואָס האָט פאַר מיר אַ באַזונדערן סענטימענטאַלן ווערט: אַ קליינער באַנד ״יונגער היסטאָריקער״, ״שריפטן פון סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע ביי דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע״. דערשינען אין יאָר 1926 מיט קנאַפּע 50 יאָר צוריק. רעדאַקציע־קאָלעגיע: מאַגיסטער יעקב בערמאַן, דר. רפאל מאַהלער, עמנואל רינגעלבלום. אַלע דריי נעמען זענען פאַר מיר נאָענט און ליב.

אין דעם באַשיידענעם בוך געפינען זיך צווישן אַנדערע די פאָלגנדע אַרטיקלען

און אָפּהאַנדלונגען "די אויפגאַבע פון דער היסטאָרישער סעקציע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" יעקב בערמאַן: "וועגן די טעאָריעס פון דער יידישער קולטור־געשיכטע" - רפאל מאַהלער "פון לעבן פון די וואַרשעווער יידן אין 15־טן יאָרהונדערט" עמנואל רינגעלבלום: "מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין 17־טן יאָרהונדערט" - יעקב בערמאַן און אַ ריי אַנדערע אָפּהאַנדלונגען

נאָך אין די סטודענטישע יאָרן דערנענטערט זיך מיין ברודער יעקב צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און ווערט פאָרזיצער פון דעם יידישן קאָמוניסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד דער פּאַקעל ("Pochodnia")

גלייכצייטיק טרעט ער אַריין אין די רייען פון דעם אומלעגאַלן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און עטוואָס שפּעטער אין די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן (ק.פּ.פּ.). ער ווערט אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער רעדאַקציע פון די פּאַרטיי־אויסגאַבן און איינער פון די טוער אין די רייען פון דער אַרבעטנדיקער און שעפערישער אינטעליגענץ.

ווען עס ברעכט אויס די וועלט־מלחמה האָט ער פאַרלאָזט פוילן, באַזעצט זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד און ווערט באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער צייטונג אין מינסק. ווען אין יאָר 1943 ווערט געשאַפן אין ראַטן־פאַרבאַנד דער פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן (Z.P.P.) ווערט ער איינער פון די הויפּט־טוער פון פאַרבאַנד, איינער פון די פירער פון דער פּוילישער עמיגראַציע און איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער פּוילישער אַרמיי אין ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך דער באַפרייאונג קערט ער זיך אום גלייך קיין פוילן, ווערט אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ פון דער הערשנדיקער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי (P.P.R.) און איינער פון די פירנדיקע מיטגלידער פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג, פריער אַלס סעקרעטאַר אין פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראַט און שפּעטער אַלס וויצע־מיניסטער.

אין יאָר 1956, נאָך דער אַזוי גערופענער "אָקטאָבער איבערקערעניש" אין פוילן, ווען וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ האָט איבערגענומען די מאַכט, ווערט מיין ברודער און עטלעכע אַנדערע פירער פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג, באַזייטיקט. ער אַרבעט אַ לענגערע צייט אַלס רעדאַקטאָר אין אַ גרויסן פּוילישן מלוכה־פאַרלאַג. איצט לעבט ער אין פוילן, מיט זיין פרוי און משפחה, אַלס ערן־פּענסיאָנער.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אין די יאָרן 1947 און 1948, האָט מיין ברודער יעקב, צוזאַמען מיטן דאַמאָלסטיקן פּרעזידענט פון פוילן, באָלעסלאַוו ביערוט, מיטן אויסערן־מיניסטער זיגמונט מאָדזשעלעווסקי, מיטן פּראָפעסאָר אָסקאַר לאַנגע און אַנדערע פירער פון פאָלקס־פוילן אַקטיוו געהאָלפן אונדזער פאָלק אין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און פאַר

דער שאַפונג פון מדינת ישראל. איך בין געשטאַנען מיט אים, אין יענע יאָרן, ביז מיין עליה קיין ישראל אין 1950, אין אַן ענגער און האַרציקער פאַרבינדונג.

**מיינע שוועסטער**

די עלטערע פון מיר מיט דריי יאָר, די איידעלע און ליבע שוועסטער אַננאַ, האָט שטודירט פילאָלאָגיע, גערמאַניסטיק, אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איר מאַן, דר. פּאַוועל וואָלק, האָט געהאַט צוויי פּראָפעסיעס: געווען אַ מעדיצין־דאָקטאָר, אַ קאַרדיאָלאָג, און גלייכצייטיק — אַ דיפּלאָמירטער סטענאָגראַפיסט, אַ געוויסע צייט — דער לייטער פון דעם סטענאָגראַפיסטן־ביוראָ אין פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט). זיי האָבן געהאַט אַ וווּנדערשיין טעכטערל.

אויך זיי זענען געווען אין וואַרשעווער געטאָ. איך געדענק זיי אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע, ווען זי האָט זיך שוין זייער פאַרשאַרפט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע בלאָקאַדעס פון גאַנצע הייזער־בלאָקן. זיי זענען געקומען אין מיין ביוראָ און דערציילט, מיט טרערן אין די אויגן, אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייער דירה און אַלץ איבערגעלאָזט. זיי האָבן אויסגעזען ווי גערודפטע חיות. איך האָב זיי געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערע בלאָקאַדע. אויך די פּאַפּירן פון מעדיצין־דאָקטאָר האָבן שוין נישט געהאָלפן. אַלע דריי זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע. זייער טעכטערל איז דאַן אַלט געווען פינף יאָר.

מיין צווייטע שוועסטער, אירענאַ, איז געווען יינגער פון מיר מיט עלף יאָר, די יינגסטע אין דער משפחה. זי האָט שטודירט פּעדאַגאָגיק.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה איז איר לאַגע געווען אַ שווערע. איך האָב זיך באַמיט איר צו העלפן. זי האָט אָנטייל גענומען אין דער ערשטער רעטונגס־קאַמפּאַניע, בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, מיט מסירות־נפש. נאָך אַ קורצער צייט האָט זי געשמוגלט די מזרח־גרענעץ און זיך באַזעצט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך אַלס שילערין אין דער גימנאַזיע איז זי אַריינגעטראָטן אין דעם קאָמוניסטישן שילער־פאַרבאַנד. שפּעטער געווען אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע פּיאָניער אין פּוילן.

נאָך דער מלחמה האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ בוך — "צו דער געשיכטע פון פּיאָניער אין פּוילן".

איצט וווינט מיין שוועסטער אירענאַ אין פּוילן און אַרבעט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק.

ווי עס האָבן מיר דערציילט מיינע עלטערע ברידער, בין איך אַלס קינד געווען ערנסט, צו ערנסט, עטוואָס פאַרמאַכט אין זיך, עמפּינדלעך און טרוימעריש. מיין מוטער־שפּראַך איז געווען פּויליש. מיינע עלטערן האָבן צווישן זיך גערעדט מערסטנטייל יידיש, אָבער מיט די קינדער — פּויליש. מיינע ביידע ברידער האָבן זיך נאָך געלערנט, אין זייערע ערשטע שילער־יאָרן, אין אַ רוסישער גימנאַזיע — ביז דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאַן האָב איך זיך אויסגעלערנט צו לייענען רוסיש, אָבער מיין שול־בילדונג האָב איך אָנגעהויבן אין אַ פּוילישער גימנאַזיע. שוין אין די קינדער־יאָרן האָב איך אָנגעהויבן צו שלינגען ביכער און צו שווימען אין דעם גרויסן ים פון דער פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור. שוין דאַן האָב איך אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך ליב צו האָבן דיכטונג און מוזיק.
מיין פאָטער האָט זיך באַמיט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען אַ יידישע און אַן אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט דורכויס געוואָלט, מיר זאָלן קענען עברית. מיר אַלע דריי ברידער, האָבן אין דער קינדהייט אַדורכגעמאַכט די העברעיִשע פּרעבל־שולע, אַ מין גן־ילדים, פון דעם באַקאַנטן העברעיִשן שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג שמואל־לייב גאָרדאָן (של״ג). דאָס איז געווען אַ מאָדערנע פּרעבל־שולע, ווו מ׳האָט געלערנט ״עברית בעברית״. אַ דאַנק דעם האָבן מיינע ביידע עלטערע ברידער, שמואל און יעקב, זיך אויסגעלערנט אַ ביסל עברית. איך בין אין דער פּרעבל־שולע געווען נישט לאַנג. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיטן זון פון של״ג, מיט משה גאָרדאָן, דעם לאַנגיעריקן לייטער פון מוסד ביאַליק, און מיט זיין פרוי. זיי געהערן צו די געציילטע מענטשן אין ישראל, וועלכע געדענקען נאָך מיך, מיינע ברידער און מיין משפּחה פון יענע זייער־זייער ווייטע צייטן. מיר האָבן זיך דערמאָנט יענע קינדער־און יוגנט־יאָרן מיט אַן אויפריכטיקן סענטימענט.
שפּעטער האָט מיין פאָטער אַנגאַזשירט פאַר מיר אַ פּריוואַטן עברית־לערער. ער איז שוין אָבער געווען אַלט און מיד, און געהאַט די געוווינהייט צו דרימלען אויף די לעקציעס. קיין באַזונדערן אינטערעס און נייגונג צו עברית און צו תנ״ך האָט ער ביי מיר, פאַרשטייט זיך, נישט אַרויסגערופן. זיין איינציקער אויפטו און פאַרדינסט איז געווען, אַז ער האָט מיך צוגעגרייט צו אַ קורצער בר־מצווה־דרשה. מיט דעם האָט זיך מיין עברית־בילדונג אין דער קינדהייט געענדיקט.
אונדזער פאָטער איז נישט געלונגען איינצופלאַנצן אין אונדז רעליגיעזע געפילן און געוווינהייטן. ער אַליין איז געווען זייער ווייט פון אָרטאָדאָקסיע, אָבער ער האָט אָפּגעהיט שטאַרק די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע טראַדיציעס. ער איז געווען רעליגיעז אין גייסט פון דער היינטצייטיקער קאָנסערוואַטיווער שטרעמונג.
אין די וויכטיקסטע יום־טובים, אין ראש־השנה, יום־כיפור און פּסח, זענען מיר אַלע, די גאַנצע משפּחה — און אויך איך, ביז בר־מצווה — געגאַנגען אין דער

גרויסער און קאָמפּאָרטפּולער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, מיטן פּרעכטיקן קינדער־כאָר, וועלכן איך האָב געהערט מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן. איך געדענק, ווי שיין און פייערלעך האָט מיין פאָטער געפּראַוועט דעם פּסח־סדר. איך געדענק אויך די חנוכה־ליכטלעך ביי אונדז אין דער היים. מיר האָבן אַלע געהאַט אַ סענטימענט פאַר די דאָזיקע טראַדיציעס, אָבער קיינער פון אונדז, פון דעם יונגן דור אין דער משפחה, איז נישט געווען און נישט געוואָרן רעליגיעז. שוין אין דער צייט פון מיין בר־מצווה בין איך געווען ווייט פון יעדן רעליגיעזן געדאַנק און געפיל. איך בין שוין דאַן געווען פריידענקעריש געשטימט. קורץ נאָך דעם בין איך געוואָרן אַן איבערצייגטער אַטעאיסט.

עס וואָלט אָבער געווען דורכויס פאַלש צו מיינען, אַז איך האָב זיך אין די יוגנט־יאָרן אָפּגעריסן פון יידישקייט. די קוואַלן פון מיין יידישקייט זענען אָבער געווען גאָר אַנדערע. איינע פון די קוואַלן פון מיין יידישן וויסן איז געווען — "די יידישע ענציקלאָפּעדיע" אין דער רוסישער שפּראַך ("Jewrejskaja Enciklopedia") , אין זעכצן גרויסע און שיינע בענד. מיין פאָטער האָט זי אַבאָנירט. איך האָב דאָס געשלונגען מיט אַ גרויסן אינטערעס, באַזונדער די אומצייליקע אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען וועגן דער יידישער געשיכטע, קולטור, ליטעראַטור, קונסט און מוזיק.

אַ צווייטער וויכטיקער און ליכטיקער קוואַל פון מיינע יידישע נאַציאָנאַלע געפילן זענען געווען די לידער אין דער רוסישער שפּראַך פון דעם באַקאַנטן דיכטער שמעון פרוג. מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון זיינע לידער. אויך איך האָב זיי ליב געהאַט. איך געדענק, אַז אויף איינער פון די מסיבות, וועלכע מיינע עלטערן האָבן איינגעאָרדנט, האָב איך, נאָך זייענדיק אַ קינד, רעציטירט אויף רוסיש, פאַר דעם היפּשן עולם פון אונדזערע קרובים, פריינד און באַקאַנטע, פרוגס ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: "עבדים היינו!" ("Rabami my byli!") . דאָס ליד איז געווען אַ רוף צום קאַמף פאַר יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

נישט קיין קלענערע השפּעה אין דעם גייסט האָט געהאַט אויף מיר אַ רוסישער דיכטער פון יידישער אָפּשטאַמונג, סיעמיאָן נאַדסאָן. דער דאָזיקער וווּנדער־באַרער ליריקער, וועלכער איז געשטאָרבן נאָך אין יאָר 1887, אַלס 24־יעריקער יונגער מאַן, איז געווען אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער אין רוסלאַנד, באַזונדער צווישן די רוסישע דעמאָקראַטן און פרייהייטס־קעמפער. ער ווערט נאָך איצט געלייענט אין די קרייזן פון דער רוסישער יוגנט, וואָס האָבן ליב גוטע דיכטונג. נאַדסאָן, וועלכער איז געווען פולקאָם רוסיפיצירט און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רוסישן דיכטער, האָט געווידמעט בלויז איין ליד דעם יידישן פאָלק, אָבער דאָס ליד האָט אויף מיר, אין מיינע פריע יוגנט־יאָרן, געמאַכט אַ טיפן רושם. עס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "איך בין געוואָקסן אַ פרעמדער פאַר דיר" ("Ja ros tiebie czużym..."). געמיינט — פרעמד דעם יידישן פאָלק.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדע ווערטער, אין אַ פרייער און נישט גענויער איבערזעצונג: "אָבער אין אונדזערע טעג... ווען דיינע שונאים, ווי אַ סטאַדע פון בלוטדורשטיקע הינט, רייסן דיך אויף שטיקער און באַליידיקן דיך אָן אויפהער

— דערלויב אויך מיר צו שטעלן זיך באַשיידן אין די רייען פון דיינע קעמפער

— דו, פאָלק, באַליידיקט דורכן גורל!"

שוין דאַן, אין יענער ווייטער יוגנט־צייט האָב איך באַשלאָסן "צו שטעלן זיך אין די רייען" פון די קעמפער פון יידישן פאָלק.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער אויף מיין יידיש־נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוווּסטזיין האָבן אויך געווירקט די גראַפישע ווערק און בילדער פון דעם גרויסן יידישן מאָלער א. מ. ליליען. איך האָב, אין מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן באַוווּנדערט סיי די יידיש־נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע און ארץ־ישראלדיקע מאָטיוון, און סיי ליליענס אילוסטראַציעס צו די "לידער פון געטאָ" פון דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, וועלכע זענען געווען געווידמעט דער סאָציאַלער נויט פון יידישע אַרבעטער. דאַן האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז ליליען, דער איבערצייגטער ציוניסט, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דייטשע און רוסישע סאָציאַליסטן, באַזונדער מיט מאַקסים גאָרקי.

שוין אין מיינע קינדער־יאָרן זענען די יידיש־נאַציאָנאַלע געפילן געווען ביי מיר פאַרבונדן מיט ציוניסטישע שטרעבונגען און מיט ארץ־ישראל. ווי אַ סך עמפּינדלעכע קינדער, וואָס האָבן ליב דיכטונג און מוזיק, האָב איך געשריבן, אין דער פּוילישער שפּראַך, לידער און דערציילונגען, איך האָב אָבער געפילט און פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן נישט קיין קינסטלערישן ווערט. איך געדענק, אַז איינע פון די דאָזיקע דערציילונגען איז געווען — אַ קרימינעלע רויבער־געשיכטע, וואָס קומט פאָר אין... ראשון לציון! דאַמאָלסט, אין מיינע קינדער־יאָרן, איז ראשון לציון געווען איינער פון די סימבאָלן פון יידישן אויפקום אין ארץ־ישראל.

איך געדענק אויך, אַז קורץ נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָב איך, דאַן, אַ יינגל פון עלף אָדער צוועלף יאָר, ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין אַן אינטערע־סאַנטן פאַר מיר שפּיל — אין צוזאַמענשטעלן פּראָיעקטן פון רעגירונגען פאַר דער יידישער מדינה... איך האָב זיך שוין דאַן, מער־ווייניקער, אָריענטירט אין די פּראָגראַמען פון די פאַרשידענע ציוניסטישע פּאַרטייען און געוווּסט, ווער זענען זייערע פירער. פאַרשטייט זיך, אַז אויב עמעצער וואָלט מיר דאַן געזאָגט, אַז איך וועל זיין אַ מאָל אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט פון דער יידישער מדינה

— אין דער כנסת פון מדינת־ישראל — וואָלט איך אים זיכער געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם.

אין יענע יאָרן האָב איך געזאַמלט די שיינע מאַרקעס פון קרן קימת, וועלכע מיין פאָטער האָט מיר סיסטעמאַטיש צוגעשטעלט. ווען עמעצער וואָלט מיר דאַן געזאָגט, אַז איך וועל אַמאָל אַריינגעשריבן ווערן אין דעם "ספר הזהב" פון ק.ק.ל., וואָלט איך דאָס אויך געהאַלטן פאַר אַ וויץ.

גלייכצייטיק מיט מיינע יידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָבן זיך אַלץ מער געשטאַרקט און פּאַרפעסטיקט די סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען. נאָך זייענדיק אין דער גימנאַזיע האָב איך אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו שטודירן די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, באַזונדער די פילאָזאָפישע און סאָציאַליסטישע ווערק, געשריבענע פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאַן געלייענט כמעט אַלע ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, אָבער אַ באַזונדער טיפן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט די ווערק פון די גרויסע רוסישע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער און פילאָזאָפן: פּלעכאַנאָוו און באָגדאַנאָוו. איך האָב זיי געלייענט אין אָריגינאַל, אין דער רוסישער שפּראַך. נישט געקוקט אויף זייערע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע שטריטכלונגען, פאַרעכן איך זיי אויך איצט צו די טיפסטע און אינטערעסאַנטסטע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער. מיט די ווערק פון לענינען און פון אַנדערע לינק־מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער און פּובליציסטן, ווי ראָזאַ לוקסעמבורג, טראָצקי, בוכאַרין א.א. איז מיר אויס־געקומען צו באַקענען זיך שפּעטער.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז מיך, אַזוי ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידישע יונגע לייט אין יענע יאָרן, האָט אַ טרייסל געטאָן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און, נישט ווייניקער פון איר, דער שטורמישער און מוטיקער קאַמף פון דער יונגער סאָוויעטישער מדינה קעגן פערצן אַרמייען פון פרעמדע אינטערווענטן און פון די רוסישע אַנטירעוואָלוציאָנערן, ווי דעניקין, וורענגעל, קאָלטשאַק, יודעניטש א.א. מיר האָבן דאַן געפילט, אַז דאָס איז אַן איבערברוך אין דער געשיכטע.

איך האָב דאַן געהאַט געוויסע באַוואָרעניש, פון מאָראַלישן כאַראַקטער, לגבי די מעטאָדן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. איך האָב אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַזוי אַרום, ווען אין מיין גימנאַזיע האָבן זיך, אין די עלטערע קלאַסן, אויסקריסטאַליזירט סאָציאַליסטישע גרופּן: איינע, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועג, די צווייטע — אַ שטאַרקערע — פאַר דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָב איך, ביים אָנהייב, פאַרטראָטן די שטעלונגען פון דעם לינק־סאָציאַליסטישן לאַגער, פון דער אַזוי גערופענער "ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט", מיט פרידריך אַדלער, אָטאָ באַוער, געאָרג לעדעבור, אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ און אַנדערע לינק־סאָציאַליסטישע פירער בראש. איך האָב זיך אָבער גענוג שנעל אָנטוישט אין דעם "צענטריסטישן" וועג, אַלס אַ נישט רעאַליסטישן, באַזונדער, ווען די "ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט" און אַנדערע "צענטראַליסטישע" גרופּן זענען זיך פונאַנדערגעפאַלן. פון שטאַנדפּונקט פון דעם אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן קאַמף האָב איך זיך אַלץ מער דערנענטערט צו די שטעלונגען פון דער רעוואָלו־ציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאָך אין מײַנע יוגנט־יאָרן, װען איך האָב זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליס־טישער ליטעראַטור אין שײַכות מיט די ייִדישע פּראָבלעמען, האָב איך קאַטעגאָריש אָפּגעװאָרפֿן סײַ די שטעלונג פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטײען און סײַ די שטעלונג פֿון כמעט אַלע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, װאָס האָבן געפּרעדיקט די אַסימילאַציע אַלס די אײנציקע לײזונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. איך האָב שױן דאַן באַטראַכט די דאָזיקע לײזונג נישט בלױז אַלס אַ נישט רעאַליסטישע, װאָס נעמט נישט אין אַכט סײַ די אָביעקטיװע אַנטװיקלונג־פּראָצעסן און סײַ די סוביעקטיװע שטרעבונגען פֿון די מיליאָניקע ייִדישע מאַסן אין דער װעלט, נאָר אױך אַלס אַן אוממאָראַלישע שטעלונג!

איך געדענק, אַז נאָך אין דער גימנאַזיע האָב איך שאַרף פּאָלעמיזירט מיט מײַנע קאָלעגן פֿון בײדע פֿליגלען, פֿון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און פֿון קאָמוניסטישן, װאָס האָבן בײדע געפּרעדיקט די טעאָריע פֿון דער אַסימילאַציע פֿון ייִדן אַלס "אײנציקע לײזונג". באַזונדער שאַרף האָב איך פּאָלעמיזירט מיט די אָנהענגער פֿון דער פּױלישער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ (פּ.פּ.ס.), װאָס האָבן אױפֿגעשריבן אױף זײערע פֿענער אַלס הױפּט־לאָזונג: "אומאָפּהענגיקײט און סאָציאַליזם!"

איך האָב זײ געפֿרעגט: װאָס פֿאַרן האָטענטאָטישע מאָראַל איז דאָס? פֿאַר דעם פּױלישן פֿאָלק און פֿאַרן פּױלישן אַרבעטער־קלאַס װילט איר געבן דעם "װײַן" פֿון נאַציאָנאַלער און מלוכהשער אומאָפּהענגיקײט, פֿון נאַציאָנאַלן אױפֿבלי, אָבער פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און אַרבעטער־קלאַס לײגט איר פֿאָר דעם "עסיק" פֿון אַסימילאַציע, פֿון נאַציאָנאַלער אױפֿלײזונג און זעלבסט־ליקווידאַציע. װאָס פֿאַראַ מאָראַל איז דאָס? און װאָס פֿאַראַ רעכט האָט איר בכלל פֿאָרצולײגן אַזאַ לײזונג, װען דאָס ייִדישע פֿאָלק און אױך דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס װילן זיך נישט אַסימילירן און װאַרפֿן אָפּ דעם דאָזיקן װעג?!

איך האָב שױן דאַן, מיט דעם גרעסטן פֿאַרדראָס, אָפּגעװאָרפֿן די שטעלונגען פֿון יונגן קאַרל מאַרקס אין זײַן בראָשור װעגן דער ייִדן־פֿראַגע, איך האָב אָבער גענומען אין אַכט, אַז די בראָשור איז געשריבן געװאָרן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט. נישט װײניקער קאַטעגאָריש האָב איך אָפּגע־װאָרפֿן די אַסימילאַציע־טעאָריעס סײַ פֿון קאַרל קאַוטסקי און סײַ פֿון לענין און סטאַלין.

איך געדענק, מיט װאָס פֿאַראַ אױפֿגעבראַכטקײט האָב איך געלײענט די בראָשור װעגן דער ייִדן־פֿראַגע פֿון צװײ פּױלישע סאָציאַליסטישע פֿירער: פֿון יוליאַן מאַרכלעװסקי, דעם טעאָרעטיקער פֿון דער פּױלישער לינקער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע פֿון פּױלן און ליטע און פֿון מאַקסימיליאַן האָרװיץ־װאַלעצקי, אײנעם פֿון די פֿירער פֿונעם לינקן פֿליגל פֿון פּ.פּ.ס. און שפּעטער — אײנער פֿון די הױפּט־פֿירער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פֿון פּױלן. האָרװיץ־װאַלעצקי איז געװען, פֿאַרשטײט זיך, פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג. ער איז, צוזאַמען מיט

כמעט אַלע דאָמאָלסדיקע פירער פון ק.פּ.פּ., אומגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן, ביי די גרויסע רייניקונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד. דרך־אגב, מיט קאַשיאַ האָרוויץ, בין איך געווען באַפריינדעט אין די גימנאַזיע־יאָרן.

פאַר ביידע, סיי פאַר מאַרכלעווסקי, און סיי פאַר האָרוויץ־וואַלעצקי, איז נישט געווען קיין ספק, אַז די איינציקע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם איז — אַסימילאַציע. דער איינציקער פּוילישער לינק־סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און פירער, וועלכער האָט געהאַט אַ געוויסע פאַרשטענדעניש פאַר די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן איז געווען — טאַדעאוש רעכניעווסקי.

שפּעטער — אין די דרייסיקער יאָרן — האָבן שוין אַ ריי לינק־סאָציאַליס־טישע פּוילישע טוער אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע פאַרן געדאַנק פון אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל, פאַר דער לאָזונג: ״אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַליזם!״ אויך פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס זענען געווען די באַקאַנטע אַנטיהיטלעריסטישע קעמפער — סטאַניסלאַוו דיבוֹאַ (אומגעקומען אין אוישוויץ) און דר. אַדאַם פּרוכניק, וועלכער איז געשטאָרבן אין דער צייט פון אַנטינאַצישן קאַמף. אויך דער באַקאַנטער פּוילישער סאָציאַליסטישער פירער, מיעטשיסלאַוו ניעדזשאַלקאָווסקי (דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס) און אַנדזשעי סטרוג — איינער פון מיינע באַליבסטע פּוילישע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער און פרייהייט־קעמפער (געשטאָרבן קורץ פאַר דער וועלט־מלחמה) זענען געווען אַקטיווע סימפּאַטיקער פון דעם סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל־געדאַנק. אָבער וועגן זיי אַלע — אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

און איצט — צוריק צו מיינע יוגנט־יאָרן. עס איז קלאָר, אַז מיין אידעאיש־פּאָליטישע אַנטוויקלונג, סיי אין אַלגעמיין־סאָציאַלע און סיי אין יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, האָט מיך געמוזט פירן צו איין קאָנצעפּציע — צו בער באָראָכאָוון און צום מאַרקסיסטישן באָראָכאָוויזם!

דער, וואָס האָט מיך פערזענלעך פאַרבונדן מיט דער באָראָכאָוויסטישער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג, איז געווען מיין אומפאַרגעסלעכער חבר און פריינט, דער היסטאָריקער און קעמפער, דר. עמנואל רינגעלבלום. איך בין דאַן געווען אין דעם העכסטן, אַכטן קלאַס אין דער גימנאַזיע. ווען רינגעלבלום האָט מיר פאָרגעלייגט צו פאַרבינדן זיך מיט דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג בין איך שוין געווען רייף דערצו. איך האָב שוין דורכשטודירט, אין דער פּוילישער איבערזעצונג, באָראָכאָווס באַקאַנטע אָפּהאַנדלונג ״קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ און שטודירט, שוין אין דער יידישער שפּראַך, באָראָכאָווס טעאָרעטיש גרונט־ווערק ״אונדזער פּלאַטפאָרם״. דאָס איז געווען פון די ערשטע ביכער, וועלכע איך האָב געלייענט אין דער יידישער שפּראַך. רעדן יידיש האָב איך נאָך נישט געקענט. נישט געקוקט אויף געוויסע ספקות, האָבן באָראָכאָווס ווערק געמאַכט אויף מיר אַ טיפן רושם. איך האָב אין

זיי געפֿונען אַ סך פֿון מיינע געדאַנקען און שטעלונגען. איך האָב געגעבן רינגעלבלומען אַ פּאָזיטיווע תשובה.
מיט רינגעלבלומען האָט מיך דער גורל פֿאַרבונדן אין דער תקופֿה פֿון אומקום און קאַמף, פֿון די ערשטע טעג פֿון דער וועלט־מלחמה — ביז זיין טראַגישן טויט אין מערץ 1944 יאָר. ער איז געווען עלטער פֿון מיר מיט זעקס יאָר. אונדזער פֿריינטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן, נישט געקוקט אויף דעם עלטער־אונטערשיד, אין די יאָרן 1924—1925. זי האָט געדויערט קנאַפּע צוואַנציק יאָר.
מיין פּובליציסטישע אַרבעט האָב איך אָנגעהויבן נאָך אין דער גימנאַזיע. דאָס איז געווען אַ גענוג מאָדנע גימנאַזיע. אַ פּוילישע מיט בלויז פּוילישע לערער, אויסער דעם יידישן רעליגיע־לערער, און — כמעט ניינציק פּראָצענט יידישע שילער... די יידישע תלמידים האָבן געשטאַמט פֿון די קרייזן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ און פֿון די מער פֿאַרמעגלעכע סוחרישע משפּחות. די גימנאַזיע איז געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. דער לערער־פּערסאָנאַל, מיטן אייגנטימער און דירעקטאָר פֿון דער גימנאַזיע, דעם היסטאָריקער מיכאַל קרעטשמאַר, בראָש, איז באַשטאַנען, מערסטנטייל, פֿון וויסנשאַפֿטלער, שריפֿטשטעלער און קינסטלער.
איינער פֿון מיינע לערער איז געווען דער באַקאַנטער פּוילישער זאָאָלאָג, דר. יאַן זשאַבינסקי, אַ מחבר פֿון אַ ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכער. דער גורל האָט אונדז שפּעטער פֿאַרבונדן אין דער אונטערערדישער רעטונגס־טעטיקייט פֿון יידן. דער דאָזיקער איידעלער פּוילישער אינטעלעקטואַליסט און אַקטיווער און מוטיקער הומאַניסט, איז דאַן געווען, שוין אַ לענגערע צייט, דער דירעקטאָר פֿון דעם וואַרשעווער זאָאָלאָגישן גאָרטן. ער און זיין איידעלע פֿרוי, אַנטאָנינאַ, אַ שריפֿטשטעלערין, האָבן באַשלאָסן צו העלפֿן, אין דער טראַגישער צייט, די גערודפֿטע יידן. אין די שטייגן פֿון פֿאַרשידענע חיות, וועלכע זענען דאַן באַזייטיקט געוואָרן פֿון גאָרטן, האָבן זיי געגעבן אַ באַהעלטעניש אַ ריי יידן און זיי אַ לענגערע צייט באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק, ריזיקירנדיק אַליין מיטן לעבן. איינע פֿון די קאָנספּיראַטיווע פֿאַרבינדלערינס מיט די זשאַבינסקיס איז געווען די באַקאַנטע יידישע שריפֿטשטעלערין, אונדזער פֿריינדין, רחל אויערבאַך. ווען איך האָב זי געזען מיט דר. זשאַבינסקי, שוין נאָך דער מלחמה בעת זיין באַזוך אין ישראל, האָבן מיר לאַנג און האַרציק געשמועסט, סיי וועגן דער טראַגישער און הערלאָישער תקופֿה פֿון דער אונטערערדישער טעטיקייט און סיי וועגן די ווייטע, זייער ווייטע גימנאַזיע־יאָרן.
צווישן די שילער אין אונדזער גימנאַזיע האָט זיך געפֿונען אַ היפּשע גרופּע פֿון צוקונפֿטיקע דיכטער, וויסנשאַפֿטלער, פּובליציסטן און געזעלשאַפֿטלעכע טוער. מיר האָבן צוזאַמען געשאַפֿן אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע צייטשריפֿט. איך בין געווען אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע. דער נאָמען פֿון דער צייטשריפֿט איז געווען: "Per aspera ad astra" ("דורך ליידן — צו די שטערנס!")

אין 8־טן קלאַס פון דער גימנאַזיע, אין יאָר 1925, נאָך די שמועסן מיט רינגעל־בלומען, האָב איך באַקומען דעם ערשטן פּאַרטיי־אויפגאַב: אַרויסצוגעבן אין דער פּוילישער שפּראַך אַן איינמאָליקע אויסגאַבע אין באָראָכאָוויסטישן גייסט. זי איז אַרויס און געהאַט אַ גוטן אָפּקלאַנג. איך האָב איר געגעבן דעם נאָמען: ״געדאַנק און טאַט״. ("Myśl i czyn") .

דאָס איז געווען מיין ערשטע זעלבשטענדיקע פּובליציסטישע אַרבעט. אַלע אַרטיקלען האָב איך אָנגעשריבן אַליין. זייט דאַן בין איך געווען טעטיק אין דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער פּרעסע, אין דער יידישער און פּוילישער שפּראַך — צענדליקער יאָרן.

**סטודענטישע יאָרן**

נאָך דעם, ווי כ׳האָב געענדיקט די גימנאַזיע, האָב איך געהאַט אַ קליינעם צוזאַמענשטויס מיט מיין מוטער. איך האָב זי ליב געהאַט און געשעצט פאַר איר איינגעבוירענע אינטעליגענץ, קלוגשאַפט און פאַר איר שטאַרקן כאַראַקטער, זי האָט אָבער, אַזוי ווי כמעט אַלע יידישע מאַמעס, געוואָלט, אַז אירע זין זאָלן ווערן מעדיצין־דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן אָדער אינזשיניערן.

מיין עלטסטער ברודער האָט אַזוי געטאָן. ער האָט געענדיקט מעדיצין און געוואָרן אַ גוטער כירורג, אַן אַסיסטענט פון דעם דאַמאָלסט באַקאַנטן פּראָפעסאָר ראַדלינסקי. מיט מיין ברודער יעקב איז שוין געווען אַנדערש. ער האָט טאַקע געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און באַקומען דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט ווערן אַן אַדוואָקאַט, געהאַט אַ ווידערווילן צו דעם דאָזיקן באַרוף. עס האָט אים אַ סך מער געצויגן צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, באַזונדער אויפן געביט פון געשיכטע און עקאָנאָמיע, און — צו דער אידעאיש־פּאָליטישער טעטיקייט. איך געדענק די הייסע שמועסן און דיסקוסיעס צווישן אים און אונדזער מוטער. עס איז איר אָבער נישט געלונגען אים צו איבערצייגן און ער איז געגאַנגען מיט זיין לעבנס־וועג — ביז צו די העכסטע שטאַפּלען פון דער פּאָליטישער מאַכט אין פּוילן.

פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז איך דאַרף שטודירן דאָס, וואָס אינטערעסירט מיך אַממערסטן — די פילאָזאָפישע און פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטס־צווייגן, באַזונדער די, וואָס זענען פאַרבונדן מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. ווען מיין מוטער האָט געפּרוּווט מיך באַווירקן, איך זאָל שטודירן מעדיצין און ווערן אַ פּסיכיאַטער, ווייל דאָס איז נאָענט צו פּסיכאָלאָגיע, האָב איך אויך דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. איך האָב דערקלערט: ״גענוג איין מעדיצין־דאָקטאָר אין דער משפּחה״. דערביי האָב איך מיין מוטער געפּרוּווט איבערצייגן, אַז אויך די פּסיכאָלאָגיע קאָן פאַרזיכערן די עגזיסטענץ, ווייל עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין פּוילן פאַרשידענע צווייגן פון דער פּראַקטישער פּסיכאָלאָגיע, באַזונדער — די פּסיכאָטעכניק און די פּעדאַגאָגישע

פסיכאָלאָגיע. מיין מוטער האָט מיך דאַמאָלסט אָנגערופן: ״אַ קאַץ, וואָס גייט מיט אייגענע וועגן״ איך בין טאַקע געגאַנגען מיט אייגענע וועגן. שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געווען גערעכט. איך האָב אינטענסיוו געאַרבעט און נישט שלעכט פאַרדינט אויף די געביטן פון דער פראַקטישער פסיכאָלאָגיע, ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, און — וואָס איז אָן אַ פאַרגלייך וויכטיקער — די חברישע און פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט צענדליקער פוילישע פסיכאָלאָגן און פילאָזאָפן האָבן מיר אויסערגעוויינלעך געהאָלפן אין מיין אונטערערדישער אַרבעט און אין דער רעטונגס־טעטיקייט.

מיט אַ יוגנטלעכן ברען האָב איך זיך גענומען צו די אוניווערסיטעט־שטודיען. איך האָב זיך געלערנט ביי אַ סך פראָפעסאָרן, אָבער די נאָענטסטע זענען געווען צוויי: דער פילאָזאָף, פראָפעסאָר קאָטאַרבינסקי און דער פסיכאָלאָג, פראָפעסאָר וויטוויצקי. צוויי פאַרשידענע טיפן און מענטאַליטעטן.

פראָפעסאָר טאַדעוּש קאָטאַרבינסקי געהערט צו די גרעסטע און באַקאַנטסטע פוילישע דענקער און פילאָזאָפן. אַ ספעציאַליסט אויפן געביט פון לאָגיק איז ער געווען דער שאַפער פון אַ נייעם צווייג אין דער פילאָזאָפיע, פון דער א.ג. ״פראַקסעאָלאָגיע״, וויסנשאַפט וועגן פרינציפן פון ראַציאָנאַלער טעטיקייט. קאָטאַרבינסקי האָט אָנגעשריבן אַ ריי ווערק און אָפהאַנדלונגען וועגן דער ״טעאָריע פון פראַקטיק״, וועגן דער ״טעאָריע פון קאַמף״, דעם ״טראַקטאַט וועגן גוטער אַרבעט״ און אַ סך אַנדערע. זיין ״פראַקסעאָלאָגיע״ האָט געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפקלאַנג.

איך געדענק, אַז אין דעם א.ג. ״קאָנווערסאַטאָריום״ פאַר זיינע דאָקטאָראַנטן האָט פראָפ. קאָטאַרבינסקי געווידמעט עטלעכע זיצונגען דער ״פראַקס־עאָלאָגיע״. אויף איינע פון די זיצונגען האָב איך רעפערירט וועגן דעם גרויסן ווערק פון דעם באַקאַנטן רוסישן, מאַרקסיסטישן, אָבער נישט־קאָנפאָר־מיסטישן דענקער, באָגדאַנאָוו, וואָס האָט געהייסן ״טעקטאָלאָגיע — די אַלגעמיינע טעאָריע וועגן אָרגאַניזאַציע״. איך האָב זיך דאַן שטאַרק אינטערעסירט מיט די טעאָרעטישע פראָבלעמען פון אָרגאַניזאַציע און מיטן פסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיִקייטן.

פראָפ. קאָטאַרבינסקי געהערט צו די נאָבלסטע און איידלסטע פוילישע אינטעלעקטואַלן. נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה, אין די שוואַרצע יאָרן פונעם אויפשטייג פון פוילישן פאַשיזם און ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם, פון ״נומערוס קלאַוּזוס״ און פון ״יידישע בענק״ אין די הויכשולן, איז פראָפ. קאָטאַרבינסקי געווען אין דער ערשטער ריי פון קעמפער קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. אויך אין דער תקופה פון אומקום האָט ער געהאָלפן יידן, מיט וואָס ער האָט געקאָנט.

איך געדענק מיין באַזוך ביי אים אין דעם ״פראָפעסאָרן־הויז״ אין וואַרשע, ווען איך בין שוין געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער

אַרישער זייט, געהאַט שוין אַלע נויטיקע פּאַפּירן און אויסגעזען ווי אַ פּולשטענ־דיקער אַריער. איך געדענק ווי ער האָט זיך אויפריכטיק געפרייט, אַז איך בין געבליבן לעבן נאָך די שרעקלעכע אַקציעס אין געטאָ. ער האָט מיר דורכויס געוואָלט געבן זיין מאַנטל. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם מאַנטל נישט גענומען, איך בין אָבער געווען גערירט פון זיין באַציאונג. דאָס האָט מיך מאָראַליש געשטאַרקט.

זיין הויפּט־אַסיסטענטין איז געווען די לאָגיק־פאָרשערין, דר. דינה שטיינבערג (שפּעטער — יאַנינאַ קאַמינסקאַ). אין דער צייט פון דער מלחמה האָט זי די גאַנצע צייט געלעבט, מיט איר אַלטער מוטער, אויף דער אַרישער זייט, אויף פאַלשע פּאַפּירן. זי האָט אונדז געהאָלפן אין אונדזער אונטערערדישער הילפס־טעטיקייט פאַר יידן. נאָך דער מלחמה איז זי געוואָרן די פרוי פון פּראָפ. קאָטאַרבינסקי.

נאָך דער באַפרייאונג האָט ער באַנייט זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אַלס אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן הויכן אַמט אַלס פּרעזידענט פון דער פּוילישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. אויך אין פאָלקס־פּוילן האָט פּראָפ. קאָטאַרבינסקי אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע און האַרציקע באַציאונג צו יידן און צו דער יידישער מדינה.

ווען מיר האָבן נאָך דער באַפרייאונג געשאַפן אין פּוילן די "געזעלשאַפט פריינט פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים", איז פּראָפ. קאָטאַרבינסקי, און צוזאַמען מיט אים דער גרויסער פּוילישער דיכטער פון יידישער אָפּשטאַמונג, יוליאַן טוווים, געשטאַנען בראש פון דער געזעלשאַפט. פּראָפ. קאָטאַרבינסקי האָט באַזוכט ישראל, אַלס גאַסט פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. זיין נאָענטער תלמיד און פריינט איז געווען דער פאַרשטאָרבענער דר. עדוואַרד פּאָזנאַנסקי, דער געוועזענער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון ירושלימער אוניווערסיטעט, דער זון פון הרב דר. שמואל פּאָזנאַנסקי, וועמענס "פּרעדיגטן" (דרשות), אין דער פּוילישער שפּראַך, אין דער גרויסער סינאַגאָגע אין וואַרשע, האָב איך נאָך געהערט אַלס קינד.

מיין צווייטער נאָענטער פּראָפעסאָר, ביי וועלכן איך האָב געמאַכט מיין הויפּט־דאָקטאָראַט פון פּסיכאָלאָגיע, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער נאָך דער וועלט־מלחמה, וולאַדיסלאַוו וויטוויצקי. דאָס איז געווען אַ פּילזייטיק באַגאַבטער מענטש. ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע און דער מחבר פון גרויסע לערן־ביכער, פון וועלכע עס האָבן געלערנט טויזנטער סטודענטן אין פּוילן. איך האָב אים אָבער נישט געשעצט הויך אַלס אַ פּסיכאָלאָגישן פאָרשער. ער איז, לויט מיין מיינונג, געווען צו אויבערפלעכלעך. איך האָב אים אַ סך העכער געשעצט אַלס אַ גלענצנדיקן איבערזעצער פון פּלאַטאָנס אַלע ווערק אויף פּויליש. וויטוויצקי איז געווען אַ גרויסער קענער פון גריכיש. אויך זיין פּוילישע איבערזעצונג איז געווען אַ

מוסטערהאַפטע. אַ דאַנק אים האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַקענען זיך מיט די וווּנדערלעכע דיאַלאָגן פון פּלאַטאָן.

אויך פּראָפ. וויטוויצקי איז, אין דער צייט פון די אַנטי־יידישע עקסצעסן אויף די פּוילישע אוניווערסיטעטן, שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמשטשיקעס. אויך זיין הויפּט־אַסיסטענטין איז געווען אַ יידישע פרוי, דר. אסתּר מאַרקין, וועלכע האָט אָנגעשריבן אַ ווערטפול בוך וועגן דער טעאָריע פון אַלפרעד אַדלער. זיין צווייטע נאָענטע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערין איז געווען דר. ראָמאַנאַ ווישניאַצקאַ, אויך אַ יידישע פרוי. ביידע זענען שפּעטער געווען אין וואַרשעווער געטאָ. איך האָב זיי געהאָלפן צו באַקומען אַרבעט אין דער קינדערשוץ־צענטראַלע — צענטאָס. בעת דער ערשטער גרויסער אַקציע זענען ביידע פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם בלוטיקן שטראָם און אומגעקומען אין טרעבלינקע.

פּראָפ. וויטוויצקי איז געווען ווייט פון אַנטיסעמיטיזם. ער האָט זיך גוט באַצויגן צו זיינע צאָלרייכע יידישע שילער און שילערינס. דאָך איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אים און פּראָפ. קאָטאַרבינסקי. איך קאָן נישט פאַרגעסן אַן אומאַנגענעמען שמועס מיט וויטוויצקין שוין נאָך דעם, ווען איך האָב באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם, נאָך דעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן מיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע וועגן פּראָבלעמען פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע און ווען איך האָב אויסגעהאַלטן אַלע דאָקטאָר־עגזאַמענס מיט אַ הויכער אויסצייכנונג. פּראָפ. וויטוויצקי האָט מיר דאַן געראָטן פאַרצוזעצן מיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און געהאַלטן, אַז איך קאָן מאַכן אַ גוטע וויסנשאַפטלעכע קאַריערע אין פּוילן. ער איז אויך געווען גרייט צו באַמיען זיך, איך זאָל באַקומען די ״ראָקפעלער־סטיפּענדיע״ און אַרויספאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן כדי צו פאַרטיפן דעם וויסן, אָבער — מיט איין באַדינג: איך זאָל ענדערן מיין נאָמען און רעליגיע, פּשוט — טויפן זיך...

זיין פאָרשלאָג האָט מיך שרעקלעך אויפגעבראַכט. איך האָב אים גאַנץ שאַרף געענטפערט, אַז איך וואַרף זיין עצה קאַטעגאָריש אָפּ, אַז איך בין אַ ייד און וועל בלייבן אַ ייד, דערצו — בין איך נישט קיין קאַריעריסט און וועל קיינמאָל קיין קאַריעריסט נישט זיין! נאָך דעם דאָזיקן שמועס זענען אונדזערע באַציאונגען געוואָרן קאַלט.

אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אויף דער אַרישער זייט אַלס אַ ״פּולער אַריער״, האָב איך דאָך באַשלאָסן איין מאָל צו באַזוכן אים, אויך אין דעם ״פּראָפעסאָרן־הויז״, דער עיקר, כדי איבערצוגעבן אים וועגן דעם טראַגישן און שרעקלעכן גורל פון זיין אַסיסטענטין און אַ סך פון זיינע יידישע מיטאַרבעטער און תּלמידים. עס איז געווען אַ מאָדנער באַזוך. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער בלאַס געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט דערזען אַ געשפּענסט... ער האָט געזאָגט: ״וואָס טוט איר דאָ?״ און קוים איינגעלאַדן מיך צו זיצן. איך האָב אים אין געציילטע ווערטער איבערגעגעבן, וואָס עס איז געשען מיט דר. אסתּר

מאַרקין און זיינע אַנדערע נאָענטע מיטאַרבעטער. ער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. געזעסן, ווי אַ שטומער. אויך איך האָב געשוויגן. אַזוי זענען מיר געזעסן אַ פּאָר מינוט, געשוויגן און געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. דאַן האָב איך זיך געזעגנט און אַוועק. זינט דעם באַזוך האָב איך אים נישט געוואָלט זען און נישט געזען, אויך נאָך דער מלחמה און באַפרייאונג — ביז זיין טויט. מעגלעך, אַז די סיבה פון זיין בהלה איז געווען, אַז זיין פרוי איז געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג און זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן. ווי אַנדערש איז געווען דער באַזוך ביי פּראָפ. קאָטאַרבינסקי!

און נאָך איין פּראָפעסאָר וויל איך דערמאָנען. עס איז געווען אַן אָבליגאַטאָרישער פאַרשריפט, אַז כדי צו דערגרייכן דעם דאָקטאָראַט מוז מען, אויסער דער דיסערטאַציע און די עגזאַמענס פון די הויפּט־געגנשטאַנדן (ביי מיר — פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע), אויסקלייבן אַלס אַ צוגאָב־געגנשטאַנד אַן אַנדערן צווייג פון וויסנשאַפט. דער ציל איז געווען — אויסצוברייטערן די האָריזאָנטן פון די צוקונפטיקע דאָקטוירים. איך האָב אויסגעקליבן געשיכטע. מיין פּראָפעסאָר איז געווען דער, אין יענע יאָרן, זייער באַקאַנטער און געשעצטער פּוילישער היסטאָריקער פון יידישער אָפּשטאַמונג מאַרצעלי האַנדעלסמאַן.

איך האָב אים אויסגעקליבן נישט צופעליק. ער איז געווען דער הויפּט־פּראָפעסאָר פון עמנואל רינגעלבלום, וועלכער האָט אים זייער געלויבט פאַר זיין ברייט וויסן און הויכע אינטעליגענץ. רינגעלבלום איז געווען איינער פון זיינע נאָענטסטע און באַליבטסטע שילער.

איך געדענק נאָך די טעמעס, וועלכע איך האָב, צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר האַנדעלסמאַן אויסגעקליבן צו מיינע דאָקטאָר־עגזאַמענס: פון דער אַלגעמיינער געשיכטע — "די רעליגיעזע שטרעמונגען און די פּראָבלעמען פון רעליגיע אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", און פון דער געשיכטע פון פּוילן — "די רעוואָלוציאָנערע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע שטרעמונגען אין פּוילן אין 19־טן יאָרהונדערט". ביידע טעמעס האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. אויך די דאָזיקע עגזאַמענס האָב איך אויסגעהאַלטן מיט אַן אויסצייכנונג.

פּראָפעסאָר האַנדעלסמאַן האָט זיך, אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט אין פּוילן, אויסבאַהאַלטן ביי זיינע פריינט. ער איז אָבער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. צוליב אַ מסירה פון פּוילישע פאַשיסטן איז ער אַריינגעפאַלן אין היטלעריסטישע הענט, פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָרט געשטאָרבן.

רינגעלבלום, אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו צו מיר, פון דעם אונטער־ערדישן בונקער אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, האָט זיך געפרעגט, וואָס טוט זיך מיט האַנדעלסמאַן. דאַן האָט נאָך זיין פּראָפעסאָר געלעבט.

איך דערמאָן זיך איצט, מיט אַ שמייכל, אַז מיינע ערשטע פּאַרדינסטן (ממש געלד־פּאַרדינסטן) זענען געווען פֿאַרבונדן מיט די דאָקטאָראַט־עגזאַמענס. אַלע צוקונפטיקע דאָקטוירים פון די הומאַניסטישע וויסנשאַפטס־צווייגן האָבן געמוזט אַדורכמאַכן אַן אָבליגאַטאָרישן עגזאַמען פון פילאָזאָפיע, אָבער נישט פּאַר אַלע, אַפילו פעאיִקע סטודענטן, איז דאָס געווען לייכט. באַזונדער די לאָגיק און די אַזוי גערופענע "דערקענטניש־טעאָריע" איז נישט אַלעמען געקראָכן אין קאָפּ. האָבן זיי געמוזט נעמען פּריוואַטע לעקציעס, כדי זיך שנעל צוצוגרייטן צו דעם, פאַר זיי שווערן, עגזאַמען. מיינע פּראָפעסאָרן פון פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע האָבן רעקאָמענדירט מיך אַלס אַ לערער. האָב איך דאַן געהאַט אַ ריי שילער, אויך פּוילישע, מיט 5—6 יאָר עלטערע פון מיר. איך האָב מיט זיי אינטענסיוו געאַרבעט, אָבער באַקומען די אָנגענומענע דאַן, "געזאַלצענע" פּרייזן פּאַר די לעקציעס. אויך עמנואל רינגעלבלום איז געווען מיין שילער, פּאַר זיינע לעצטע דאָקטאָר־עגזאַמענס, אָבער ביי אים האָב איך קיין געלד נישט גענומען...

## דער אָנהייב פון אידעאיִש־פּאָליטישן קאַמף

מיט דעם זעלבן יוגנטלעכן ברען, מיט וועלכן איך האָב זיך געוואָרפן אין די אוניווערסיטעט־שטודיען, האָב איך אויך אָנגעהויבן מיין אידעאיִש־פּאָליטישע טעטיקייט.

אין יענע יאָרן איז שוין געווען טעטיק און גענוג פּאָפּולער דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער סטודענטישער פאַרבאַנד "יוגנט". אין זיינע ערשטע יאָרן האָבן מיט אים אָנגעפירט: עמנואל רינגעלבלום, יעקב פּעטערזייל, יוסף ראָזען און אַנדערע טוער, וועלכע האָבן זיך אָבער אַלץ מער אַנגאַזשירט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי איך בין געוואָרן טעטיק אין דעם סטודענטן־פאַרבאַנד בין איך אויסגעווײלט געוואָרן אַלס זיין פּאָרזיצער און איך האָב אָנגעפירט מיט אים ביז דער פאַרענדיקונג פון מיינע אוניווערסיטעט־שטודיען.

דאָס איז נישט געווען קיין גרויסע און מאַסנהאַפטע אָרגאַניזאַציע, דאָך האָט זי אַרומגענומען קנאַפּע טויזנט סטודענטן, מערסטנטייל — טיף־אידעאיִשע, ערנסטע יונגע לייט. דער פאַרבאַנד האָט געפירט אַן ענערגישע און סיסטעמאַטישע פּאָליטיש־אידעאיִשע אויפקלערונגס־אַרבעט און איז געווען טעטיק אין דעם אַלגעמיין־יידישן סטודענטישן לעבן.

ביי דעם פאַרבאַנד האָבן מיר געשאַפן דעם "סאָציאָלאָגיש־עקאָנאָמישן סעמינאַר", מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער דאַמאָלסט יונגער היסטאָריקער דר. רפאל מאַהלער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ ערנסטער סעמינאַר, וועלכער האָט געפירט זיין אַרבעט אין דעם מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישן גייסט. מאַהלערס רעפעראַטן זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן טעאָרעטישן ניוואָ. מיר האָבן שוין

דאַן אים באַטראַכט אַלס אַ צוקונפטיקן, באַדייטנדיקן יידישן היסטאָריקער. אויך מיינע ערשטע רעפעראַטן וועגן די גרונט־יסודות פון באָראָכאָוויזם האָב איך געהאַט אין דעם סעמינאַר, פאַרשטייט זיך, נאָך אין דער פּוילישער שפּראַך.
אין יענע יאָרן האָט די לינקע פּועלי־ציון פּאַרטיי באַנייט דאָס דערשיינען פון איר צייטשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך Nasze Hasla (אונדזערע לאָזונגען) און מיך באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר. די צייטשריפט איז אַרויס אין די יאָרן 1927 און 1928, ווען איך בין געווען אַ יונגער 21—22־יעריקער סטודענט. דאָס ערשטע מאָל איז די צייטשריפט אונטערן נאָמען Nasze Hasla דערשינען אין גאַליציע, נאָך פּאַר דער שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. עס האָבן דאַן מיט איר אָנגעפירט — דר. מאַקס ראָזענפעלד, דר. יצחק שיפּער און אַנדערע דאַן באַקאַנטע פּועלי־ציון טוער. דאָס דריטע און דאָס לעצטע מאָל איז Nasze Hasla אַרויס אַלס אַן אונטערערדישע אויסגאַבע אין וואַרשעווער געטאָ.
אין 1928 יאָר איז אין דעם טעאָרעטישן אָרגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, אין דעם נומער, וועלכער איז געווען געווידמעט בער באָראָכאָוון, צו זיין 10־טן יאָרטאָג, דערשינען מיין ערשט גרעסער אַרטיקל אויף אידעאָלאָגישע טעמעס א.ד.ט. — ״דער באָראָכאָוויזם אַלס די וויסנשאַפטלעכע טעאָריע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע״. דאָס אַרטיקל האָב איך נאָך געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך. מ׳האָט עס איבערגעזעצט אויף יידיש.
ביסלעכוויז האָט זיך אָנגעהויבן מיין דערנענטערונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון מיין אידעאָלאָגישער דערנענטערונג צו דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. איך האָב אָנגעהויבן צו רעפערירן אין די קרייזן פון דער אַרבעטער־יוגנט פון דעם לינקן פּועלי־ציוניסטישן אַרבעטער יוגנט־פאַרבאַנד יוגנט. אין אָנהויב האָב איך רעפערירט אויף פּויליש, אָבער ביסלעכוויז בין איך אַריבער צו דער יידישע שפּראַך.
גלייכצייטיק האָב איך אָנגעהויבן צו זיין טעטיק, ווידער צוזאַמען מיט עמנואל רינגעלבלומען, אין דער פּאַרצווייגטער און פּאָפּולערער ״געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער״, דער צענטראַלער קולטור־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון. דאַן איז נאָך בראש פון דער אָרגאַניזאַציע געשטאַנען דר. ברוך אייזנשטאַדט, דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר שמואל אייזנשטאַדט. אין די שפּעטערע יאָרן איז ברוך אייזנשטאַדט אומגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַ געוויסע צייט בין איך געווען דער לייטער פון אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער ״געזעלשאַפט״.
שוין אין די סטודענטישע יאָרן האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען די יידישע פּרעסע, ליטעראַטור און דיכטונג אין דער יידישער שפּראַך. צו מיין

איבעראַשונג האָב איך געפונען אוצרות אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז דאַן האָב איך זיך אויסגעלעבט אין דער פוילישער און רוסישער ליטעראַטור. עס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק די ריזן פון דער רוסישער ליטעראַטור: פושקין, לערמאָנטאָוו, טאָלסטוי און טורגיעניעוו, שפּעטער — טשעכאָוו. איך בין געווען ממש פאַרליבט אין די לידער און פּאָעמעס פון די רוסישע גרויסע דיכטער: אַלעקסאַנדער בלאָק, סערגעי יעסיענין, אַננאַ אַכמאַטאָווא. (דרך־אגב: דאָסטאָיעווסקין האָב איך קיין מאָל נישט ליב געהאַט...)

אויך די פּוילישע ליטעראַטור האָט מיך שטאַרק באַווירקט: די גרויסע ראָמאַנטיקער — אַדאַם מיצקיעוויטש און יוליוש סלאָוואַצקי, דער דראַמאַטורג סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי, דער ראָמאַנען־שרייבער סטעפאַן זשעראָמסקי, די פּוילישע דיכטער — לעאָפּאָלד סטאַף, יאַן לעכאָן, יוליאַן טווים און אַנטאָני סלאָנימסקי (די צוויי לעצטע — פון יידישער אָפּשטאַמונג), שפּעטער — דער גרויסער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, דער וואָס האָט, נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אָנגעשריבן דאָס ליד ״צו די פּוילישע יידן!״

וועגן דער יידישער ליטעראַטור האָב איך כמעט קיין אַנונג נישט געהאַט. אויסער די שריפטן פון שלום עליכם, וועלכע מיין פאָטער האָט ליב געהאַט פאַרצולייענען פאַר דער גאַנצער משפחה, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָב איך, אין אָריגינאַל, גאָר נישט געהערט און גאָר נישט געלייענט. איך האָב געהאַט אַ געוויסן פאָרורטייל צו דער יידישער ליטעראַטור, אַ שפּראַכלעך־אַסימילאַטאָרישן פאָרורטייל.

י.ל.פרץ איז געווען פאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג. סיי זיינע דערציילונגען און סיי זיינע דראַמאַטישע ווערק ״ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און די ״גאָלדענע קייט״ האָבן דאַן געמאַכט אויף מיר אַ רושם. (דרך־אגב: אויף זיין דראַמאַטישע שאַפונג האָט געהאַט אַן השפּעה סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי. פּרץ איז בכלל געווען נאָענט צו דער פּוילישער ליטעראַטור).

אַ גרויסן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט די לירישע, אומעטיקע ראָמאַנען פון דוד בערגעלסאָן, ווי ״נאָך אַלעמען״, ״אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט״ א.א. איך געדענק, ווי איך האָב דאַן מיט התלהבות דערציילט מיינע קאָלעגן, וואָס האָבן אַפילו וועגן זיין נאָמען נישט געהערט: ״דוד בערגעלסאָן איז אַ גרויסער שרייבער און אַ וואָרט־קינסטלער. נישט קלענער פון אַ סך וועלט־באַקאַנטע שריפטשטעלער!״

אַ באַזונדערע אַנטפּלעקונג זענען פאַר מיר געווען די יידישע דיכטער: ה. לייוויק, דוד האָפשטיין, איציק מאַנגער, משה־לייב האַלפּערן, מאַני לייב, איזי כאַריק א.א. און ווידער האָב איך דאַן נישט איין מאָל דערציילט מיינע פריינט — ״ מיר האָבן דאָך אַ גרויסע יידישע ליטעראַטור און דיכטונג! באַציען זיך

צו איר ווי צו אַ זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז אַ הימלשרייענדיקע עוולה! ווען נישט די שפּראַך־דאַמבע, וואָלטן זיי געווען וועלט־באַקאַנט!"

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען אין דער יידישער שפּראַך פאַר די צייטשריפטן פונעם יוגנט־פאַרבאַנד און אין דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, אין דער אַ ר ב ע ט ע ר ־ צ י י ט ו נ ג. אַזוי איז פאַרגעקומען מיין ערשטע שפּראַך־רעוואָלוציע. די צווייטע — דאָס אַריבערגיין אויף עברית — נאָך מיין עליה קיין מדינת־ישראל. דעם אמת זאָגנדיק, האָט מיך די טעטיקייט אין די ראַמען פון די אַלגעמיין־יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס ווייניק אינטערעסירט. דאָך האָב איך געמוזט אַ געוויסע צייט רעפּרעזענטירן אונדזער סטודענטן־פאַרבאַנד אין דער צענטראַלע פון די יידישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס. און דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָדנער, אַ ביסל קאָמישער פאַל. אַ קורצע צייט זענען מיר, אַלע דריי ברידער, געווען מיטגלידער פון דער צענטראַלע... יעקב, אַלס פאָרשטייער פון דעם יידישן קאָמוניסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד פּ אַ ק ע ל (Pochodnia) שמואל, אַלס פאָרשטייער פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון — צ.ס., "חרות" און איך, אַלס פאָרשטייער פון דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער י ו ג נ ט. איך געדענק, ווי מ'האָט זיך דאַן געוויצלט, אַז אויב אַ פּאָר מיטגלידער פון דער צענטראַלע וועלן צופעליק קראַנק ווערן, קאָנען די "דריי בערמאַנס" איבערנעמען די מאַכט אין דער צענטראַלע...

איך געדענק אויך, אַז געוויסע באַקאַנטע האָבן זיך אין יענע צייטן אויס־געדריקט: "אַ מאָדנע משפּחה! אין איין משפּחה — פיר אידעאיִשע ריכטונגען. דערצו — אַלע דריי זין — סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן. אַ משפּחה מיט אַ "נשמה יתירה"...

בלויז איין מאָל האָב איך געפילט, אַז אונדזער טעטיקייט צווישן די סטודענטן האָט אַ גרעסערע פּאָליטישע באַדייטונג און אַ טיפערן זין. דאָס איז געווען אין 1928 יאָר, צוויי יאָר נאָך דער מאַי־איבערקערעניש פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודזקי, ווען עס זענען שוין צערונען די אילוזיעס, אַז פּילסודזקי, דער געוועזענער פּוילישער סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער, וועט איינפירן אַ מער דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיוון רעזשים, אָנשטאָט דער הערשאַפט פון די עקסטרעם־רעכטע, רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע, "ענדעקעס" און "כאַדעקעס". אויף פּילסודזקי האָט, אויף זיין שטייגער, מאַרשירט רעכטס און געפירט פּוילן אויף אַ רעאַקציאָנערן וועג. שפּעטער — ביז צו דער מיטאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד!

שוין דאַן, אין יאָר 1928, האָט די מערהייט פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע קרייזן פאַרשטאַנען מיט וואָס עס שמעקט דער פּילסודזקי־רעזשים. דאַן איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַן איינהייטלעכן לינקן סטודענטישן פראָנט און ער איז געשאַפן געוואָרן. עס האָבן צו אים אָנגעהערט

פינף סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס: דער פּוילישער סטודענטישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד Życie (דאָס לעבן), פון וועלכן עס שטאַמען, דורך אגב, צענדליקער פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק; דער יידישער סטודענטיש־קאָמוניסטישער פאַרבאַנד Pochodnia (דער פאַקעל); אַ לינק־סאָציאַליסטישע פּוילישע אָרגאַניזאַציע; דער פאַרבאַנד פון סטודענטן פון דער לינקער פּוילישער פּויערים־באַוועגונג און דער סטודענטן־פאַרבאַנד יוגנט פון די לינקע פּועלי־ציון. איך האָב רעפּרעזענטירט אונדזער פאַרבאַנד אין דער לייטונג פון "פראָנט".

מיר האָבן צוזאַמען אַדורכגעפירט אַ ריי מאַסן־מיטינגען, אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אין פּאָליטעכניקום און אין אַנדערע הויכשולן — אין שוץ פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אומפּאַרמעגלעכע סטודענטן און אין שוץ פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן אין לאַנד קעגן פאַשיזם. איך בין דאַן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַרויסגעטרעטן אויף מיטינגען פון טויזנטער פּוילישע און יידישע סטודענטן. איך געדענק, אַז אויף איינע פון די גרויסע פאַרזאַמלונגען האָבן מיר די ענדעקישע סטודענטן געמאַכט אַ שרעקלעכע "קאַצן־מוזיק".

גלייכצייטיק האָב איך זיך דאַן, דאָס ערשטע מאָל, דערוואָרבן אַ סך באַקאַנטע און פריינט צווישן דער לינקער פּוילישער, סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער יוגנט. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער שוין מיין אָנטייל אין דעם "לינקן פראָנט" אין די סטודענטישע יאָרן, האָט מיר שפּעטער געהאָלפן אין דער אונטערערדישער טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אויך — אין דעם קאַמף פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן — אין פּוילן און אין ארץ־ישראל — שוין נאָך דער באַפרייאונג.

בראש פון "פראָנט" איז צ.אַ. געשטאַנען דער יונגער פּוילישער קאָמוניסט, מיעטשיסלאַוו וואָנגראָווסקי. ביי אים, אין זיין וווינונג, האָבן מיר אָמערסטן אָפּגעהאַלטן די זיצונגען פון דער לייטונג פון "פראָנט". נאָך דער באַפרייאונג איז ער געווען אַ גענעראַל אין דער פּוילישער אַרמיי. איך געדענק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945, געווען אין לאָנדאָן, שוין אַלס דעפּוטאַט פון פאַרלאַמענט פון פאָלקס־פּוילן און אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן (דער פאָרזיצער איז דאַן נאָך געווען דר. עמיל זאָמערשטיין) האָב איך, פאַרשטייט זיך, באַזוכט די אַמבאַסאַדע פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק אין ענגלאַנד. צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָב איך דאָרט געטראָפן מיין אַלטן באַקאַנטן, מיעטעק וואָנגראָווסקי, אַלס מיליטערישן אַטאַשע. אויך ער איז געווען גערירט. מיר האָבן, אין אַ לאַנגן שמועס, דערמאָנט זיך די ווייטע סטודענטישע יאָרן און דעם געמיינזאַמען קאַמף. איך האָב אין דעם שמועס באַרירט אויך די אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען.

אין נאָך ענגערע און מער האַרציקע באַציאונגען בין איך געווען, אין יענע סטודענטישע יאָרן, מיטן סעקרעטאַר פון ״פראָנט״ און זיין ״נשמה״, מיטן איידעלן, יונגן פוילישן קאָמוניסטישן טוער, װלאַדיסלאַװ גורסקי. מיר האָבן צוזאַמען געטאָן די שווערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט פון ״פראָנט״. ער איז געשטאָרבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין די דרייסיקער יאָרן, װאַרשײנלעך — אומגעקומען ביי די גרויסע ריײניקונגען פון פוילישע קאָמוניסטן.
דער סטודענטישער ״לינקער פראָנט״ איז נישט געווען דער איינציקער ״איינהייטס־פראָנט״, אין וועלכן איך האָב אין יענע יאָרן אָנטיילגענומען. אין יאָר 1930 איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכער פראָנט צווישן דעם לינקן פועלי־ציוניסטישן אַרבעטער יוגנט־פאַרבאַנד יוגנט און דעם אומלעגאַלן ״קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פוילן״ (ק.ז.מ.). איך בין שוין דאַן געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם אַרבעטער יוגנט־פאַרבאַנד יוגנט און איך האָב אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ק.ז.מ., וועלכע זענען פאָרגעקומען אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען.
דאָס יאָר 1930 איז געווען אַן איבערברוך יאָר אין קאַמף פון די דעמאָקראַטישע כוחות אין פוילן קעגן דער דיקטאַטור פון פּילסודזקי. דאַן איז געשאַפן געוואָרן דער ברייטער בלאָק פון לינקע און צענטריסטישע פּאַרטייען אין פוילן, דער ״צענטראָ־לעוו״, בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען: די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּ.פּ.ס. און צוויי פּוילישע פּויערים־פּאַרטייען, אַ צענטריסטישע און אַ לינקערע. דאַן האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער טעראָר קעגן די דעמאָקראַטישע כוחות. עס ווערן אַרעסטירט און אַרייַנגעזעצט אין תפיסה אין בריסק (Brześć) אַ ריי סאָציאַליסטישע און פּויערים־פירער, צווישן זיי די לינקע סאָציאַליסטן, נאַרבערט באַרליצקי און סטאַניסלאַוו דיבואַ, און איינער פון די הויפּט־פירער פון פּ.פּ.ס. — הערמאַן ליבערמאַן, אַ באַקאַנטער יוריסט און אַ פּאַרלאַמענט דעפּוטאַט, פון יידישער אָפּשטאַמונג.
דער איינהייטס־פראָנט צווישן דער קאָמוניסטישער און דער לינקער פועלי־ציוניסטישער יוגנט איז געווען איינער פון די אויסדרוקן פון דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער ברויזונג. דער דאָזיקער פראָנט האָט נישט עגזיסטירט לאַנג, דאָך האָבן מיר דאַן אַדורכגעפירט צוזאַמען אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע, אין צענטער פון דער יידישער געגנט אין וואַרשע. איך געדענק, אַז איך האָב געדאַרפט אויספאָרשן די ״סטראַטעגישע״ לאַגע פון די גאַסן און געבן דעם סיגנאַל אָנצוהויבן די אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציע. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז ברוטאַל פונאַנדערגעטריבן געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליצײ. פאַר מיר פּערזענלעך איז זי געווען איינע פון די ערשטע לעקציעס פון קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט.

**אַכט יאָר פון וויסנשאַפטלעכער און פּאַך־אַרבעט**

אין יאָר 1931 האָב איך באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם, ווי עס איז אָנגענומען, ביי אַ זייער פּייערלעכער צערעמאָניע אין דער "אַולע" פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. מיין מיט־דאָקטאָראַנט איז געווען מיין פּוילישער אוניווערסיטעט־קאָלעגע, עוגעניוש געבלעוויטש, איצט — פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

פון יאָר 1931 ביז סעפּטעמבער 1939, ד.ה. ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך זייער אינטענסיוו געאַרבעט סיי פּראָפעסיאָנעל, אויף פאַרשידענע געביטן פון דער "פּראַקטישער פּסיכאָלאָגיע" און סיי ביי וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען. אָבער פּאַראַלעל בין איך געווען די גאַנצע צייט אומאויפהערלעך טעטיק אַלס יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער, באַזונדער אין די רייען פון דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

איך האָב אָנגעהויבן מיין פּאַך־אַרבעט אַלס לערער פון פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע אין די אַכטע (העכסטע) קלאַסן פון צוויי יידישע גימנאַזיעס אין וואַרשע ("קרינסקי" און "חינוך"). חוץ אין די דאָזיקע גימנאַזיעס האָב איך אַ געוויסע צייט, אויך געאַרבעט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע אַלס אַ שול־פּסיכאָלאָג. דאָס איז געווען דאַן אַ נייער אַמט אין די מיטלשולן אין פּוילן און איך בין געווען איינער פון די פּיאָנירן אויף דעם געביט. עטלעכע פון מיינע שילער פון די דאָזיקע גימנאַזיעס זענען געבליבן לעבן נאָך דעם היטלעריסטישן בלוט־באָד. אַ פּאָר פון זיי געפינען זיך אין ישראל. (ווי פּראָפ. חנא שמערוק און דער זשורנאַליסט ה. יוסטוס).

עטוואָס שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין עטלעכע פּסיכאָלאָגישע באַראַטונג־שטעלעס — ביי דער "קינדער־פריינט געזעלשאַפט", ביים "יידישן לערער־פאַראיין" א.א. די אַרבעט אַלס שול־פּסיכאָלאָג אין די גימנאַזיעס און אַלס פּסיכאָלאָג אין די באַראַטונג־שטעלעס האָט מיר געגעבן אַ סך מאַטעריאַל פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, באַזונדער אויפן געביט פון דער "סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע" פון קינדער און יוגנטלעכע אין די שולן. איך האָב וועגן די פּראָבלעמען רעפערירט אויף דער וויסנשאַפטלעכער לאַנד־קאָנפערענץ פון פּסיכאָלאָגן אין וואַרשע, אין יאָר 1934. דער רעפעראַט און מיינע אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען זענען אין יענע יאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פּוילישע פילאָזאָפיש און פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע צייטשריפטן.

איך האָב דאַן אויך געהאַט אַ סך רעפעראַטן וועגן די פּראָבלעמען פון דער "סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע" און וועגן די שטרעמונגען אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, אין פאַרשידענע פּוילישע און יידישע אינסטיטוציעס. איך האָב דאַן, דרך אגב, געהאַט זייער אַ קריטישע באַציאונג צו פרוידס פּסיכאָאַנאַלי־טישע טעאָריעס און מעטאָדן, און געווען אַ הייסער אָנהענגער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון אַלפרעד אַדלערס "אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע". אַ פּאָר

רעפעראַטן אויף פּסיכאָלאָגישע טעמעס האָב איך געהאַט אין דעם פּוילישן פּראָגרעסיוון "פאָלקס־אוניווערסיטעט" אין דער געגנט זשאָליבאָזש אין וואַרשע, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער פּוילישער ראַדיקאַלער, סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער אינטעליגענץ. מיט דער דאָזיקער ראַדיקאַלער געגנט בין איך שפּעטער געווען פאַרבונדן אין דער צייט פון מיין אונטערערדישער טעטיקייט, באַזונדער אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד.

מיין פּאַרצווייגטע אַרבעט אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע האָט מיך געמאַכט גענוג פּאָפּולער אין די פּוילישע פּסיכאָלאָגישע און פּעדאַגאָגישע קרייזן. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער צענטראַלער פּסיכאָלאָגישער קאָמיסיע ביים בילדונגס־מיניסטעריום פון פּוילן. איך האָב דאָרט רעפערירט וועגן דעם אַרבעטס־פּראָגראַם פון שול־פּסיכאָלאָגן אין די גימנאַזיעס און ליצעומס. איך בין אין דער קאָמיסיע געווען דער איינציקער ייִד.

אין די יאָרן 1934 און 1935 האָב איך אַקטיוו געאַרבעט אין דעם "קאָמיטעט פאַר די ענינים פון דער יידישער מלאכה", אַלס לייטער פון רעפעראַט פאַר די פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטנדיקער יוגנט און פון דער פּראָפעסיאָנעלער פאַך־באַראַטונג. דער דאָזיקער קאָמיטעט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דזשוינט האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו אַנט־וויקלען און פאַרשטאַרקן דאָס יידישע האַנדווערקערטום און באַזונדער — דעם יונגן דור פון יידישע בעלי־מלאכות.

דאַן האָב איך זיך פּערזענלעך באַקענט מיט די פירער פון דזשוינט אין פּוילן, באַזונדער מיטן דזשוינט־דירעקטאָר און געזעלשאַפטלעכן טוער, יצחק גיטערמאַן, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע און זייער אַ פּאָזיטיווע ראָל אין וואַרשעווער געטאָ. דאַן האָב איך זיך אויך דאָס ערשטע מאָל פּערזענלעך באַקענט מיט דר. מיכאַל וייכערט, דעם יוריסט און טעאַטער־רעזשיסער, וועגן וועלכן עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן. ער איז דאַן געווען דער יורידישער ראַטגעבער פון קאָמיטעט. מיינע אַנדערע אַרבעטס־קאָלעגן אין קאָמיטעט זענען געווען — דער האַנטווערקער־טוער האָפּמאַן און פרוי מאַריאַ (מרים) קראָמאָלאָווסקאַ, וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון האַנטווערקערטום. זי איז געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין יאָר 1936 האָט די גרויסע און פאַרצווייגטע יידישע אָרגאַניזאַציע פאַר קינדער און יתומים־שוץ צענטאָס (אַ קיצור פון דעם פּוילישן נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע), באַשלאָסן צו שאַפן אַ נעץ פון יידישע פּסיכאָטעכנישע פאַך־באַראַטונג־שטעלעס. אויך צענטאָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן דזשוינט. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס לייטער פון דער צענטראַלע פון די דאָזיקע באַראַטונג־שטעלעס. איך האָב אָנגעפירט מיט זיי ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיר האָבן דאָן געשאַפן אַ ברייטע נעץ פון די פּסיכאָטעכנישע באַראַטונג־שטעלעס אין פופצן שטעט פון פוילן און ביי די באַראַטונג־שטעלעס אָרגאַניזירט — געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו העלפן דער יידישער יוגנט צו דערווערבן פאַך־בילדונג. בראש פון די באַראַטונג־שטעלעס האָבן מיר באַשעפטיקט יידישע פּסיכאָלאָגן, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין דער פּסיכאָטעכניק. אויך איך האָב אַדורכגעמאַכט אַ פּסיכאָטעכנישע ספּעציאַליזירונג אין די פּוילישע פּסיכאָטעכנישע אַנשטאַלטן.

אַלס וויסנשאַפטלעכע לייטערין פון די פּסיכאָלאָגיש און פּסיכאָטעכנישע אונטערזוכונגען אין די באַראַטונג־שטעלעס איז, אויף מיין פאָרשלאָג, אַנגאַזשירט געוואָרן דר. מאַריאַ אַדלער. דאָס איז געווען מיין אוניווערסיטעט־קאָלעגין, אַ זייער אינטעליגענטע פּסיכאָלאָגין, פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון פּראָפעסאָר וולאַדיסלאַוו וויטוויצקי.

מיר האָבן האַרמאָניש מיטגעאַרבעט ביי דער לייטונג פון דער צענטראַלע און, אויפן סמך פון אונדזערע פּסיכאָטעכנישע אונטערזוכונגען, אָנגעהויבן צוזאַמען צו שרייבן אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג, אַן אַנאַליז פון אַ וויכטיקן פּסיכאָלאָגישן אונטערזוכונג־טעסט, פון דעם "עבינגהאַוז־טעסט". דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט איבערגעריסן אונדזער געמיינזאַמע פאָרשונג־אַרבעט.

שפּעטער, אין וואַרשעווער געטאָ, האָט אויך מאַרילקאַ אַדלער מיטגעאַרבעט אין די קינדערשוץ־אַנשטאַלטן פון צענטאָס. אויך אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי אַרויסגעוויזן איר ערנסטקייט און געוויסנהאַפטקייט. נאָך דער ערשטער גרויסער אַקציע איז זי אַריבער, מיט אונדזער הילף, אויף דער אַרישער זייט. דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע. זי האָט נישט געקאָנט פריי אַרומגיין, ווייל איר אויסזען איז נישט געווען גענוג אַריש. זי איז געווען אַן אָריענטאַלישע שיינקייט. בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע איז זי אומגעקומען פון אַ דייטשע באָמבע.

מיר האָבן נאָך באַוויזן, פאַר דער מלחמה, אַדורכצופירן אַ לאַנד־באַראַטונג פון די לייטערס פון אַלע באַראַטונג־שטעלעס, מיט אַ ריי רעפעראַטן. איך האָב געהאַט אַ פּראָגראַמאַטישן גרונט־רעפעראַט, דר. אַדלער האָט גערעדט וועגן די פּסיכאָטעכנישע אונטערזוכונג־מעטאָדן. איך האָב נאָך באַוויזן, קורץ פאַר דער מלחמה, אָנצושרייבן אַ גרעסערע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער "מעטאָדאָלאָגיע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען". די אָפּהאַנדלונג איז געווען כמעט גרייט צום דרוק. אויך זי איז פאַרברענט געוואָרן אין די פלאַמען פון געטאָ, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פאָרשונג־מאַטעריאַלן און טאָגביכער. כמעט אַלע לייטער און מיטאַרבעטער פון אונדזערע באַראַטונג־שטעלעס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, אין פאַרשידענע שטעט.

נישט געקוקט דערויף, אַז די פּראַקטישע און טעאָרעטישע פּסיכאָלאָגישע אַרבעט האָט מיך זייער אַבסאָרבירט, האָב איך אין משך פֿון די אַכט יאָר, נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט ביזן אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה, נישט פֿאַרנאַכלעסיקט מיין געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייט. איך האָב געהאַלטן מיין אַקטיוון אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פליכט. עס איז מיר נישט געווען לייכט צו פֿאַרבינדן די צוויי באַזונדערע שטחים פֿון מיין טאָג־טעגלעכער פֿאַרנומענקייט. דאָס האָט מיך געצווּנגען אָפּטמאָל צו אַרבעטן ביז שפּעט ביינאַכט.

איך האָב זיך גוט געפֿילט אין דער געזעלשאַפט פֿון פּשוטע יידישע אַרבעטער, פֿון ״עמך שער און אייזן״, נישט ערגער ווי אין דער געזעלשאַפט פֿון אינטעלעקטואַלן און אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָרן. אַ גרויסער טייל פֿון די אַרבעטער איז נישט געווען אַזוי ״פּשוט״. די לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, אָבער איר אַקטיוו איז באַשטאַנען, אין אַ גרויסער מאָס, פֿון אינטעליגענטע אַרבעטער, וואָס האָבן אַ סך געלייענט, שטודירט די סאָציאַליסטישע און מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, געווען באַהאַוונט אין אינטערנאַציאָנאַלע פֿראַגן און אין יידישע און ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען.

אין משך פֿון די אַכט יאָר האָב איך אויסגעפֿירט אַ סך פֿונקציעס און, צוזאַמען מיט דער אַרבעט, געשטיגן אויך אין דער געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישער היעראַרכיע. געווען אַ מיטגליד אין דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ״געזעל־שאַפֿט אָוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער״ און מיטאָרגאַניזירט איר קולטור־צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכן איך האָב געהאַט אַ רעפֿעראַט וועגן פֿאָלקס־אוני־ווערסיטעטן.

אַ געוויסע צייט בין איך געווען סעקרעטאַר פֿון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פֿון די לינקע פּועלי־ציון, צוזאַמען מיט מיין אַלטן פֿריינט פֿון יענע יאָרן, דעם אינטעליגענטן אַרבעטער יאָסל וואָראָנסקי (איצט — אין ישראל).

זיין זון, הערשל וואָראָנסקי, איז געווען טעטיק אין וואַרשעווער געטאָ אין דער אונטערערדישער לינקער פּועלי־ציון־יוגנט. געווען אַ מיטגליד פֿון דער יידישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע און אין דער צייט פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד, געפֿאַלן אין קאַמף, מיט געווער אין האַנט, אין עלטער פֿון ניינצן יאָר.

אין די דרייסיקער יאָרן בין איך געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פֿון דער אַ ר ב ע ט ע ר צ י י ט ו נ ג. געשריבן, מערסטנטייל, אויף אידעאָלאָגישע טעמעס, אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע און יידישע. די אַרטיקלען האָב איך נישט אונטערגעשריבן מיט מיין נאָמען, נאָר מיט אַ פּסעוודאָנים אָדער בלויז מיט איניציאַלן. די סיבה איז געווען, אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער האַלב־פֿאַשיסטישער פּילסודזקיס סאַנאַציע־רעזשים אָנגעהויבן אויך צו רודפֿן די

לינקע פועלי־ציון־באַוועגונג און אירע פאַרשידענע צווייגן. איך געדענק, ווי ברוטאַל און אכזריותדיק איז די פוילישע פּאָליציי אָנגעפאַלן אויף אַן ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע פון די לינקע פועלי־ציון אין וואַרשע. עס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן צענדליקער חברים. נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט דער צענטראַלער קלוב פון די לינקע פועלי־ציון, די דאַן זייער פּאָפּולערע "אַרבעטער־היים" אויף קאַרמעליצקע 23, אויסגעזען ווי אַ שפּיטאָל. אין אַלע עקן זענען געלעגן פאַרוווּנדעטע און די פּאַרטיי־חברים — מעדיצין־דאָקטוירים (דר. אָפּענהיים, דר. קראַסוצקאַ א.א.), האָבן זיך באַמיט זיי צו העלפן. עס האָט זיך דאַן, בוכשטעבלעך, געגאָסן אַרבעטער־בלוט.

ווען דער סאַנאַציע־רעזשים האָט געשאַפן דעם טרויעריק־באַקאַנטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע (Bereza Kartuska) , פאַר די קעמפער קעגן דער דיקטאַטור און קעגן דעם פאַשיזם, זענען דאָרט פאַרשיקט געוואָרן אויך לינקע פועלי־ציון־טוער, צווישן זיי — דער דאַן זייער פּאָפּולערער טוער און רעדנער פון לאָדזש, מיִטעק — חיים בראַנד, אַן אמתער אַרבעטער־טריבון. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ישראל. אויך מיך האָט דער טעראָר נישט אויסגעמיטן. נאָך מיין רעפּעראַט אין דער "אַרבעטער־היים" וועגן די "קוואַלן און אַנטוויקלונג פון פאַשיזם", אין וועלכן איך האָב גערעדט אויך וועגן די פּאָליטישע געשעענישן אין פּוילן, האָט מיך די פּאָליציי אויפן אָרט אַרעסטירט. איך געדענק, ווי דאָס האָט אויסגעזען. פּאָליציאַנטן האָבן מיך אַרומגערינגלט און געפירט צו פוס צו דער אויס־פאָרשונגס־תפיסה אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע גאַס, וועלכע איז געווען נישט ווייט. נאָך מיר און די פּאָליציאַנטן איז נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע "מאַניפעסטאַציע" פון חברים און סימפּאַטיקער, וועלכע זענען געווען אויף מיין רעפּעראַט, כמעט ביז צו דער תפיסה.

אין דער תפיסה בין איך געזעסן נישט לאַנג, בלויז עטלעכע טעג, ווייל די פועלי־ציון־ראַטמענער אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט און באַזונדער דער ענערגישער חבר יצחק לעוו, האָבן אָנגעהויבן צו אינטערווענירן און צו שטורעמען די "הויכע פענצטער", באַזונדער די פון דער סאָציאַליסטישער אָפּשטאַמונג. איך וועל אָבער נישט פאַרגעסן די פינצטערע און פייכטע תפיסה־קעמערלעך און ספּעציעל — דאָס שרעקלעכע ברויט, וואָס מ'האָט אונדז געגעבן צו עסן. דאָס זענען געווען ממש שטיקלעך ליים.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָר טעג האָב איך נישט געגעסן און כמעט נישט געשלאָפן. די פּאַרטיי האָט אַלאַרמירט אויך מיינע עלטערן. זיי זענען שוין אָבער געווען אַ ביסל צוגעוווינט צו אַזעלכע "אומאָנגענעמלעכקייטן", ווייל נאָך דעם, ווי מיין ברודער יעקב איז געוואָרן אַקטיוו אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָבן מיר געהאַט גענוג אָפּט באַזוכן פון דער פּאָליטישער פּאָליציי און עטלעכע מאָל — גרינטלעכע רעוויזיעס. מיין ברודער

איז געזעסן אין תפיסות אָפּטער און לענגער פון מיר, אָבער אויך נישט צו לאַנג, אַ דאַנק דער ענערגיע פון מיין מוטער און פון די אַדוואָקאַטן, וועלכע זי האָט מאָביליזירט.
איך געדענק נאָך דעם שמועס מיטן אויספאָרשונגס־ריכטער, איידער מ׳האָט מיך באַפרייט. איך האָב אים געפּרוּווט איבערצייגן, אַז מיין רעפעראַט וועגן פאַשיזם איז געווען אַ ״ריין וויסנשאַפטלעכער״.
אין די באַדינגונגען האָב איך מיינע אַרטיקלען נישט אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען. איינער פון מיינע פּסעוודאָנימען, מיט וועלכע איך האָב אונטער־געשריבן מיין ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגן באַראָכאָוויזם אין דעם ״פּראָלעטאַרישן געדאַנק״, איז געווען — ״עמיל רובער״ (אָדער ״ע. רובער״).
פון וואַנעט האָט דער פּסעוודאָנים געשטאַמט? אין מיינע שול־יאָרן בין איך געווען פאַרליבט אין זשאַן־זשאַק רוסאָ און אין זיין ווערק ״עמיל אָדער — וועגן דער דערציאונג״, אין וועלכן רוסאָ, איינער פון די פאָרגייער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מוטיק געפּרעדיקט זיין שטרעבונג צו ״פרייהייט און גלייכקייט״ פאַר אַלע מענטשן אין דער וועלט. און ״רובער״ איז אויף לאַטייניש — ״רויטער״. צוזאַמען: ״דער רויטער עמיל״.
איך דערמאָן זיך איצט, מיט אַ שמייכל, נאָך איין פּאַרטייאישע פונקציע. איך האָב זיך מיט ספּאָרט קיינמאָל נישט אינטערעסירט. אין אונדזער משפחה האָט בלויז מיין עלטסטער ברודער שמואל, געהאַט אַן אינטערעס צום ספּאָרט און דערפאַר געוואָרן אַ טוער פון ״הפועל״. אָבער איינע פון די וויכטיקסטע אָפּצווייגונגען פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז געווען די גענוג שטאַרקע ספּאָרט־באַוועגונג ״שטערן״ (Gwiazda) .
אין אַ ריי שטעט זענען געווען קלובן פון ״שטערן״. די פאַרצווייגטע ״שטערן״״־באַוועגונג, וועלכע האָט געשפּילט אַ גענוג גרויסע ראָל אין דעם אַרבעטער־ספּאָרט אין פּוילן, איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דער צענטראַלע פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער־ספּאָרט־קלובן .Z.R.S.S (פּוילישע קירצונג פון — ״פאַרבאַנד פון אַרבעטער־ספּאָרט־געזעלשאַפטן״) וואָס האָט רעפּרעזענטירט הונדערטער ספּאָרט־קלובן אין לאַנד.
די דאָזיקע אַרבעטער־ספּאָרט־צענטראַלע איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) איר גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען דער יונגער סאָציאַליסטישער טוער דר. יעזשי מיכאַלאָוויטש, אַ מעדיצין־דאָקטאָר. ער איז געווען דער זון פון דעם זייער באַקאַנטן פּראָפעסאָר מיעטשיסלאַוו מיכאַלאָוויטש, וואָס איז געווען דער בעסטער קינדער־דאָקטאָר און גלייכצייטיק אַ מוטיקער, אַלטער, דעמאָקראַטישער טוער. אין די דרייסיקער יאָרן, ווען עס האָט זיך זייער פאַרשאַרפט דער קאַמף קעגן דער רעאַקציאָנערער סאַנאַציע־דיקטאַטור, איז די גרויסע און שטאַרקע אַרבעטער־ספּאָרט־צענטראַלע, וועלכע האָט אַרומ־

געגומען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער־ספּאָרטלער, געוואָרן איינער פון די אָנשפּאַר־פּונקטן פון די דעמאָקראַטישע כוחות, אין זייער קאַמף קעגן דער דיקטאַטור. דאַן האָט דער צ.ק. פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי באַשטימט מיך אַלס פאָרשטייער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון "שטערן" אין דער אַרבעטער־ספּאָרט־צענטראַלע.

דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט צענדליקער פּוילישע סאָציאַליסטישע טוער. אויך דאָס האָט מיר געהאָלפן אין דער שפּעטערדיקער אונטערערדישער טעטיקייט. אין דער צענטראַלע בין איך געווען גענוג אַקטיוו, באַזונדער אין די פּאָליטישע דעבאַטן, אָבער ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, האָב איך זיך געמוזט פאַרנעמען אויך מיט ספּאָרט־פּראָבלעמען.

דרך אגב: אין דער צענטראַלע זענען געווען פאַרטראָטן אויך עטלעכע פּוילישע ספּאָרט־קלובן אונטער דער קאָמוניסטישער השפּעה. זייער דעלעגאַט איז געווען דער עלטסטער זון פון יצחק גרינבוים. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַרבעטער־ספּאָרט־צענטראַלע, דר. מיכאַלאָוויטש, איז געשטאָרבן נאָך אין די דרייסיקער יאָרן. ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דיפטעריט פון אַ קינד, וואָס ער האָט געהיילט.

מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ גענוג פּאָפּולערער רעפערענט און רעדנער, סיי אין דער יידישער און סיי אין דער פּוילישער שפּראַך. איך האָב אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין פאַרשידענע וואַל־קאַמפּאַניעס: צום פּאַרלאַמענט, צו די שטאָט־ראַטן, צו די קהילות. אַ סך אַרומגעפאָרן אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, רעפערירט אויף אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע און קולטור־טעמעס. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

איך האָב אַפילו געפּרוווט צו פּאָפּולאַריזירן צווישן יידישע אַרבעטער די פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, אין די ראַמען פון "פאָלקס־אוניווערסיטעטן". איך געדענק אַזאַ רעפעראַט אין לאָדזש. אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעטער־שטאָט זענען די לינקע פּועלי־ציון געווען אַ שטאַרקע פּאַרטיי, מיט פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט און אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. איך בין דאָרט איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן "פּסיכאָלאָגיע און פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם". צו מיין איבעראַשונג איז דער גרויסער זאַל פון דער לאָדזשער פילהאַרמאָניע געווען פול געפּאַקט. איך האָב רעפערירט אין דער יידישער שפּראַך. ווייזט אויס, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן זיך דאַן אויך אינטערעסירט אַפילו מיט פּסיכאָלאָגישע פראַגן.

שפּעטער איז דער דאָזיקער רעפעראַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער לינקער פּוילישער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער צייטשריפט ס י ג נ אַ ל ן, וועלכע איז דערשינען אין לוואָוו (לעמבערג). דער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט, קאַראָל קורילוק, איז נאָך דער מלחמה געווען, אַ געווויסע צייט, דער קולטור־

מיניסטער אין דער פוילישער פּאָקלס־רעגירונג. אויך דעם רעפּעראַט האָב איך אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים "ע. רובער".

די פּאָליטישע לאַגע אין פּוילן איז געוואָרן אַלץ געשפּאַנטער. אין דייטשלאַנד האָט שוין געהערשט און געבושעוועט דער פאַשיסטישער היטלער־רעזשים. די פּוילישע דיקטאַטאָרישע סאַנאַציע־רעגירונג האָט געפירט לגבי דעם דאָזיקן רעזשים אַ פּאָליטיק פון "פריינטשאַפט און מיטאַרבעט". אַ טיפער אומרו האָט אַרומגענומען סיי די פּוילישע און סיי די יידישע דעמאָקראַטישע קרייזן און אַרבעטער־פּאַרטייען. עס האָט אָנגעהויבן רייף ווערן דאָס באַוווסטזיין, אַז די הערשנדיקע סאַנאַציע פירט פּוילן צו אַ תהום, און אַז עס דערנענטערט זיך אַ שרעקלעכע פאַשיסטישע און היטלערישע געפאַר. די אידעע פון אַ ברייטן אַנטי־היטלעריסטישן און אַנטיפאַשיסטישן פראָנט האָט דעראָבערט אַלץ ברייטערע קרייזן, אויך צווישן יידן. דער נצחון פון דער דאָזיקער אידעע אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויך אין פּוילן.

דאָס יאָר 1936 איז געווען באַזונדער שטורמיש. אין קראָקע, אין לוואָוו און אין אַנדערע שטעט זענען אויסגעבראָכן אַרבעטער־שטרייקן. עס זענען פאָרגע־קומען בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס. אין מאַי 1936 איז צונויפגערופן געוואָרן אין לוואָוו דער גרויסער אַלפּוילישער קולטור־צוזאַמענפאָר קעגן דער געפאַר פון נאַציזם, פאַשיזם און מלחמה. ער איז איניצירט געוואָרן דורך לינק־סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע שריפטשטעלער, קינסטלער און קולטור־טוער, פּוילישע און יידישע. די שטימונג אין דעם פול־געפּאַקטן, גרויסן טעאַטער־זאַל איז געווען אַן ענטוזיאַסטישע.

אַ גרויסן איינדרוק האָבן געמאַכט די רעדעס פון די פּוילישע שריפטשטעלער, וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ און לעאָן קרוטשקאָווסקי, וועלכע זענען נאָך דאַן געווען פאַרבונדן מיטן לינקן פליגל פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), און פון דעם רעוואָלוציאָנערן דיכטער, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, וועמענס לידער האָבן אויפגעשטורעמט דעם גרויסן עולם. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן דער פּוילישער "קולטור־פראָנט".

אַ גרויסן רושם האָט דאַן געמאַכט אין פּוילן דער פאַקט, אַז אַ ריי באַקאַנטע פּוילישע שריפטשטעלער, וועלכע זענען ביז דאַן געווען ווייט פון דער אַנטי־פאַשיסטישער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַנדזשעי סטרוג, זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, עמיל זעגאַדלאָוויטש און אַ סך אַנדערע שרייבער און קינסטלער, האָבן אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיטן קאַמף פון דעם "קולטור־פראָנט". עס הויבן דאַן אָן צו דערשיינען אַ צאָל נייע, אַנטיפאַשיסטישע, ליטע־ראַריש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפטן ווי אויך, דאָס ערשטע מאָל, די איינהייטס־פראָנטיקע, סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג די פּאָפּו־לערע צייטונג (Dziennik Popularny) וועלכע האָט זיך בליץ־שנעל דערוואָרבן אַ פּאָפּולאַריטעט אין פּוילן. איר טיראַזש איז געוואָקסן פון טאָג צו

טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז די סאַנאַציע־רעגירונג האָט, נאָך אַ קורצער צייט, פאַרמאַכט די צייטונג.

אין יענער תקופה האָבן געשמאַכט אין סאַנאַציע־פּוילן אין די תפיסות און אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע — פינף און צוואַנציק טויזנט פּאָליטישע אַרעסטירטע, צווישן זיי טויזנטער יידן.

אין דער זעלבער צייט, אין יאָר 1936, איז פּאַראַלעל געשאַפן געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער יידישער "קולטור־פראָנט". ער האָט אַרומגענומען: די יידישע קאָמוניסטישע שריפטשטעלער, די קולטור־טוער פון די לינקע פּועלי־ציון און אומפּאַרטייאיש ראַדיקאַל־געשטימטע שרייבער.

דעם פּאָרזיץ האָט געפירט דער דיכטער און דראַמאַטורג אַלתר קאַציזנע. ביי אים, אין זיין וווינונג זענען מערסטנטייל פאָרגעקומען די זיצונגען פון דער לייטונג פון "קולטור־פראָנט" אַלס פאָרשטייער פון די לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך באַטייליקט: שכנא זאַגאַן, דר. עמנואל רינגעלבלום, דר. רפאל מאַהלער און איך. מצד דער יידישער קאָמוניסטישער שרייבער־גרופּע — דר. דוד ספאַרד און מיכאַל מירסקי. אַ גרויסע ראָל האָט אין דעם "קולטור־פראָנט" געשפּילט דער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, רעדאַקטאָר פון דער פּאָפּולערער צייטשריפט ליטעראַרישע בלעטער, נחמן מייזיל.

איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט, צוזאַמען מיט מיכאַל מירסקי, אין דעם סעקרעטאַריאַט פון "פראָנט". איך געדענק אַז מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, אין דעם הויז פונעם פּוילישן לערער־פאַראיין, ווו זי האָט רעדאַגירט די קינדער־צייטונג דאָס פּלעמל (Płomyk). מיר האָבן איר איבערגעגעבן וועגן דער שאַפונג פון יידישן "קולטור־פראָנט" און אַרומגערעדט דעם קאָנטאַקט צווישןביידע "קולטור־פראָנטן". זי האָט אונדז אויפגענומען האַרציק.

איך געדענק אויך, אַז מיר האָבן באַזוכט דעם פירער פון בונד, וויקטאָר אַלטער, און אים פאָרגעלייגט, אַז אויך די בונדישע קולטור־טוער זאָלן זיך באַטייליקן אין דעם יידישן "קולטור־פראָנט". אַלטער האָט אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אונדזער פאָרשלאָג.

די אָנפירונג פון יידישן "קולטור־פראָנט" האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן איר צייטשריפט — פאָרמעסט. אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע האָבן זיך באַטייליקט: אלתר קאַציזנע, נחמן מייזיל, דוד ספאַרד, מיכאַל מירסקי און איך. דעם לייטאַרטיקל צום ערשטן נומער האָב איך אָנגעשריבן. דער ערשטער נומער איז אַרויס, אָבער די פּאָליציי האָט גלייך אַרויסגערופן קאַציזנען און אים געמאָלדן, אַז די צייטשריפט ווערט פאַרמאַכט. זי האָט אים געדראָט מיט קאַרטוז בערעזע...

אַזוי האָט דער פאָרמעסט פאַרענדיקט זיין קורצע עגזיסטענץ. אלתר קאַציזנע איז, בעת דער מלחמה דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַיִנישע פאַשיסטן. נחמן מייזיל איז געשטאָרבן אין ישראל.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די געשעענישן פֿון יענער צייט, קורץ פֿאַרן אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה, האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף די יידישע מאַסן און אויף די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע שטימונגען אין וואַרשעווער געטאָ, אויף דער אַנטשטייאונג פֿון דעם אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק אין געטאָ און אויף דער פּאָליטישער ליניע פֿון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג.

איך האָב אַ סך געלערנט פֿון דער דאָזיקער שטורמישער צייט. מיינע פֿאַרבינדונגען, סיי מיט יידישע און סיי מיט פּוילישע, וויסנשאַפטלעכע, געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע קרייזן האָבן מיר, אין אַ גרויסער מאָס, געהאָלפֿן אין דער גאַנצער טעטיקייט, סיי אין געטאָ און סיי אויף דער אַרישער זייט, באַזונדער — אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אין דער רעטונגס־אַרבעט.

**באַשיע**

עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן מיין לעבן און אויפֿטוען, באַזונדער אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿון דער אומדערמידלעכער טעטיקייט פֿון מיין פֿרוי און מיטקעמפֿערין — באַשיע. זי איז געשטאָרבן שוין אין ישראל, דעם 30־טן אַפּריל 1953.

קנאַפּע 25 יאָר האָט אונדז פֿאַרבונדן דאָס געמיינזאַמע לעבן און דער געמיינ־זאַמער קאַמף. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט דעם היטלעריסטישן גיהנום, סיי אין וואַרשעווער געטאָ און סיי אויף דער אַרישער זייט. צען מאָל זענען מיר געווען צוזאַמען אויף דער שוועל פֿון טויט. אויב מיר זענען דאָך געבליבן לעבן, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס, איר פֿאַרדינסט. דאָס איז געשען אַ דאַנק אירע כאַראַקטער־אייגנשאַפֿטן.

דער כאַראַקטער פֿון אַ מענטש אַנטפּלעקט זיך, אין דער פֿולער מאָס, נישט אין רואיִקע נאָר אין שווערע און שטורמישע צייטן. דאַן העלפֿן נישט קיין שום מאַסקעס, קיין שום שלייערן. אין די טראַגישע און שטורמישע יאָרן פֿון קאַמף אויף לעבן און טויט, אין דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און אין דער קאָנספּיראַטיווער רעטונגס־טעטיקייט פֿון יידן, האָבן זיך אַנטפּלעקט, אין זייער פֿולער גרויסקייט, באַשיעס אייגנשאַפֿטן: די אידעיִשע שפּאַנונג און אינערלעכער פּאַטאָס, איר קרבנות־גרייטקייט, איר קלוגשאַפֿט און פּאָרזיכ־טיקייט, איר זעלבסטבאַהערשונג און פּרעציזקייט אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אויסערלעכן אויסזען איז באַשיע, אויף דער אַרישער זייט, געווען אין אַן ערגערער לאַגע פֿון מיר. מיין נישט־יידישער אויסער־לעכער אויסזען האָט מיר די גאַנצע צייט זייער געהאָלפֿן אין דער קאָנספּי־ראַציע. באַשיע האָט, נישט געקוקט אויף אירע בלויע אויגן, נישט געהאַט קיין

"אַרישן" אויסזען, פֿאַרקערט — אַ געגוג בולט יידישן. און דאָך האָט זי די גאַנצע צייט, פֿון סעפּטעמבער 1942 ביז יאַנואַר 1945, געפּירט, אָן אַן איבערייס, איר אונטערערדישע אַרבעט, אויף דער אויבערפֿלאַך, אַלס אַ פּוילישע פרוי — באַרבאַראַ ביערנאַצקאַ. דערביי — וואָס מיר האָבן באַוואונדערט — זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פֿאַל פֿון שאַנטאַזש!
די יידישע און פּוילישע אונטערערדישע טוער האָבן געוווסט, אַז אויף באַשיען קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן, אַז זי וועט אויספֿירן די שווערסטע אויפֿגאַבן, נישט געקוקט אויף די געפֿאַרן. זיי האָבן אָפּטמאָל אונדזביידע באַצייכנט אַלס אַ "גוט פֿונקציאָנירנדיקן Team". מיר האָבן זיך באמת קעגנזייטיק דערגאַנצט, פֿאַרשטאַנען זיך אויף אַ ווונק און געאַרבעט האַרמאָניש.
באַשיע האָט אויף דער אַרישער זייט אָנגעפֿירט מיט צענדליקער רעטונגס־ און הילף־קעמערלעך פֿאַר יידן, אין די ראַמען פֿון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די דאָזיקע קעמערלעך, בראש פֿון וועלכע עס זענען געשטאַנען יידישע און פּוילישע אונטערערדישע טוער, האָבן דערטיילט הילף צו העכער 2.000 יידן.
באַשיע האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער אָנפֿירונגס־אַרבעט. זי האָט אַליין געטאָן אַ גרויסן טייל פֿון דער געפֿערלעכער, טעכנישער אַרבעט. באַשיע האָט באַוויזן צו מאָביליזירן אַרום זיך אַ גאַנצן שטאַב פֿון איבערגעגעבענע אונטערערדישע טוער און פֿאַרבינדלער, יידישע און פּוילישע, וועלכע זענען געווען גרייט צו גיין מיט באַשיען "אין פֿייער און אין וואַסער".
ווען מיר האָבן באַשלאָסן פֿאַרצוזעצן אויף דער אַרישער זייט די טעטיקייט פֿון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו, עונג־שבת, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפֿירט עמנואל רינגעלבלום, האָט באַשיע גענומען אויף זיך, אין אַ גרויסער מאָס, אויך די דאָזיקע אויפֿגאַבע. זי האָט מיט ברען, און גלייכצייטיק, אויף אַ סיסטע־מאַטישן אופֿן געזאַמלט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דעם אומקום און יידישן געראַנגל, און האָט זיי אויסבאַהאַלטן, ריזיקירנדיק נישט איינמאָל מיטן לעבן. אַ טייל פֿון די מאַטעריאַלן איז פֿאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פֿון דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, אַ גרויסער און וויכטיקער טייל איז אָבער אָפּגעהיט געוואָרן, בילדנדיק די באַזע פֿון דעם אונטערערדישן אַרכיוו פֿון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכער געפֿינט זיך איצט אין "בית לוחמי הגיטאות".
באַשיע טעמקין־בערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1907 אין אַ חסידישער משפּחה אין וואַרשע. איר פֿאָטער, אַ ייד מיט אַ לאַנגער, פּאַטריאַרכאַלער באָרד, איז געווען אַ תּלמיד־חכם אָבער קיין פּרנסה האָט ער נישט געהאַט. אַלע קינדער האָבן זיך געמוזט אַליין ראַנגלען פֿאַר זייער עגזיסטענץ.
נישט געקוקט אויף די זייער שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, האָט באַשיע, אַ דאַנק איר ענערגיע און וויסנדורשט, דערוואָרבן העכערע אַקאַדעמישע בילדונג.

זי האָט געענדיקט דעם "פרייען פוילישן אוניווערסיטעט", שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפטן און זיך ספּעציאַליזירט אין ביבליאָטעק־וועזן.
אַלס דיפּלאָמירטע און פּעאיקע ביבליאָטעקאַרין איז זי געוואָרן לייטערין פון אַן אָפּטיילונג אין דער גרויסער נעץ פון די פוילישע עפנטלעכע ביבליאָטעקן אין וואַרשע. באַשיע האָט לײדנשאַפטלעך ליב געהאַט די ייִדישע שפּראַך, דאָס ייִדישע בוך, די ייִדישע ליטעראַטור, דעם ייִדישן פאָלקלאָר און פאָלקס־לידער. אויפן געביט פון ייִדישן בוך און ייִדישן ביבליאָטעק־וועזן איז זי געווען אַן ערנסטער פאַכמאַן.
אין יאָר 1934 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן איר אָפּהאַנדלונג וועגן די ייִדישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע, אין 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט. די דאָזיקע פאָרשונגס־אַרבעט, באַזירט אויף אַרכיוואַלע און סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, איז געווען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון ייִדישן בוך אין פוילן. באַשיע האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין דער יודאַיסטישער אָפּטיילונג פון דער גרויסער פוילישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, אַלס רעפערענטין פאַר די פראַגן פון ייִדישן בוך. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג איז דאַן געווען דר. עדוואַרד פּאָזנאַנסקי, דער שפּעטערדיקער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

די פוילישע ביבליאָטעקאַרן און ביבליאָגראַפן האָבן באַשיען זייער געשעצט. מיט אַ טייל פון זיי האָט זי זיך באַפריינדעט. אויך דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונדזער שפּעטערדיקער אונטערערדישער טעטיקייט. פּונקט אַזוי, ווי מיינע פריינט און באַקאַנטע — פוילישע פּסיכאָלאָגן און פילאָזאָפן — פּונקט אַזוי האָבן באַשיעס פריינט — פוילישע ביבליאָטעקאַרן, אונדז אויסער־געוויינלעך געהאָלפן, באַזונדער אין דער רעטונגס־טעטיקייט.
איך האָב זיך באַקענט מיט באַשיען אין די רייען פון דעם לינקן פּועלי־ציוניסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד יוגנט. אין אירע פריע יוגנט־יאָרן איז באַשיע געווען אַ מיטגליד פון השומר הצעיר. זי האָט אָבער, נאָך אַ קורצער צייט, פאַרלאָזט די באַוועגונג. איינע פון די סיבות איז געווען — די ביטול־באַציאונג פון השומר־הצעיר, אין יענע יאָרן, צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.
באַשיע האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זייער ליב געהאַט די ייִדישע שפּראַך. איר ליבשאַפט צו דער ייִדישער שפּראַך, צו "מאַמע־לשון" און צו דער ייִדישער ליטעראַטור האָט געהאַט אַ טיפערן, אידעאישן אונטערשלאָק. זי האָט זיך געפילט פאַרבונדן מיטן ייִדישן אַרבעטס־פאָלק, מיט "עמך". זי האָט נישט געקרענקט אויף די אינטעליגענטישע אָפּגעזונדערטקייט פון פאָלק. זי האָט אויך געפילט אַ סימפּאַטיע פאַר דעם לינקן, רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די ייִנגסטע יאָרן געטרוימט וועגן אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. דאָס אַלץ האָט זי געפירט צו די לינקע פּועלי־ציון.

אונדזער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט, ווען איך בין געווען פּאָרזיצער און באַשיע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַרין פון דעם סטודענטן־פאַרבאַנד. זי האָט שוין דאַן, אין דער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט, באַוויזן אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן. עס האָט אונדז פּערזענלעך דערנענטערט די ליבשאַפט צו דער יידישער דיכטונג און ליטעראַטור, צום יידישן פאָלקס־ליד. באַשיע האָט אין די יוגנט־יאָרן געהאַט אַ שיינע שטימע און געשמאַק געזונגען יידישע פאָלקס־לידער.

דרך אגב, סיי באַשיע און סיי איך זענען געווען גרויסע ליבהאָבער פון איציק מאַנגערס לידער. באַשיע האָט גערן רעציטירט זיינע "חומש־לידער" און "מגילה־לידער". שוין נאָך דער מלחמה, ביי אונדזערע ערשטע באַזוכן אין לאָנדאָן, האָבן מיר זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט איציק מאַנגערן. ער האָט געוווּסט וועגן אונדזער טעטיקייט אין דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. ער האָט אונדז דאַן געשאָנקען עטלעכע פון זיינע ביכער און געשריבן אויף זיי וואַרעמע דעדיקאַציעס. אויף איינעם פון די ביכער האָט מאַנגער אָנגעשריבן בלויז דריי ווערטער: "פּאַר באַשיע — מאָלאָדיעץ".

עס האָט מיך מיט באַשיען פאַרבונדן נאָך דער פאַרענדיקונג פון די הויכשולן, אַ געמיינזאַמע אידעאיש־פּאָליטישע איינשטעלונג אין דער פּאַרטיי. מיר האָבןביידע געפילט די זיך דערנענטערנדיקע פאַשיסטיש־היטלעריסטישע געפאַר און די נויטווענדיקייט פון אַ ברייטן פראָנט קעגן איר. מיר האָבן ביידע אָנגעהערט צו דעם לינקן, איינהייטס־פראָנטיקן פליגל אין דער פּאַרטיי.

דער ליבשאַפט צום יידישן בוך איז באַשיע געבליבן געטריי ביזן סוף פון איר לעבן. אין וואַרשעווער געטאָ האָט זי געשאַפן אַ גרויסע קינדער־ביבליאָטעק און באַדינט מיט ביכער אַ סך קינדער־אַנשטאַלטן. נאָך דער באַפרייאונג איז זי באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־לייטערין פון דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. צוזאַמען מיט אירע מיטאַרבעטער האָט באַשיע, ממש פון אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ און פון די געטאָס אין אַנדערע שטעט און אויף אַנדערע וועגן, געראַטעוועט צענדליקער טויזנטער יידישע ביכער און געשאַפן אַ גרויסע ביבליאָטעק פון 100.000 בענד.

דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פון ספרי־קודש און פון העברעיִשע ביכער איז דאַן אין דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק געווען דער דיכטער און רעליגיעזער עסקן, יהודה לייב ביאַלער (געשטאָרבן — אין 1977 אין ישראל). צוזאַמען מיט באַשיען האָט ער אויסגעקליבן — 10.000 ביכער אין עברית און מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט און די צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק אין פוילן האָט זיי געשאָנקען און אַרויסגעשיקט צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק ביי דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

אויך נאָך דער עליה קיין ישראל, האָט באַשיע, שוין זייענדיק קראַנק, נישט רעזיגנירט פון דער אַרבעט אויפן געביט פון יידישן בוך. זי האָט אַ געוויסע צייט אָנגעפירט מיט אַ קינדער־ביבליאָטעק אין אַ גרויסער פאָלקס־שול אין תל־אביב. פונקט אַזוי האָט זי נישט רעזיגנירט, ביזן סוף פון איר לעבן, פון אירע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פאַראינטערעסירונגען.

עס איז געווען סימבאָליש, אַז באַשיע איז געשטאָרבן געציילטע טעג נאָך דעם 10־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. זי האָט שוין אַליין נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין די געטאָ־אָנדענק־פאַרזאַמלונגען. זי האָט אָבער געהאַט טרערן אין די אויגן ווען איך האָב איר דערציילט, קומענדיק פון אַ גרויסער געטאָ־פאַרזאַמלונג, ווו איך בין אַרויסגעטראָטן, ווי די ישראלדיקע פאָלקס־מאַסן באַערן דעם אָנדענק פון די געטאָ־קעמפער.

עס איז געשען אַזוי, ווי זי וואָלט זיך, נאָך אַן איבערייס פון צען יאָר, ווידער פאַראייניקט מיט די, מיט וועלכע זי האָט זיך געפילט טיף פאַרבונדן — מיט די געפאַלענע געטאָ־קעמפער און אונטערערדישע טוער.

אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק געפינט זיך באַשיעס קבר און מצבה. אויף דער פאָן פון אַ סימבאָלישן געטאָ־מויער איז אויסגעקריצט די אויפשריפט:

בתיה ברמן

מלוחמי המחתרת בגיטו וארשה

מראשי ארגון הצלת היהודים

בת נאמנה לעם ישראל ולמעמד הפועלים

אויף דער פאָן פון געטאָ־מויער — אַ ברענענדיקער פאַקעל. אַ סימבאָל פון דעם פלאַמיקן האַרץ פון באַשיען.



אַדאָלף בערמאַן

17 אָקטאָבער 1906 — 3 מערץ 1978.



באַשיע בערמאַן

21 אויגוסט 1907 — 30 אַפּריל 1953.



Name / Nazwisko: Biernacki
Vorname / Imię: Michał
Dienststelle / Stanowisko służbowe: Angestellter
urzędnik
Abteilung-Betrieb / Wydział-Przedsiębiorstwo: Stadtplanung
planowania miasta
Warschau den / Warszawa dnia 16 III 1942
Kommissarischer Bürgermeister / Komisaryczny Burmistrz
Direktor—Dyrektor

Michał Biernacki
Unterschrift des Inhabers – Podpis właściciela legitymacji

Alle Behörden werden ersucht, den Inhaber—die Inhaberin dieses Ausweises zu anderweitigen Dienstleistungen nur mit meiner vorherigen Einwilligung heranzuziehen.

DER STADTHAUPTMANN IN WARSCHAU

Warschau, den ... 194...

אַדאָלף בערמאַנס פאַלשער דאָקומענט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע.



א. בערמאַן אויפן יידישן בית־עלמין אין וואַרשע בעתן קובר זיין די רעשטן פון פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך, צווישן די פּאַרזאַמלטע דוד שטאָקפיש, עמיל זאַמערשטיין, וואַרשע, 1945.

קאַפּיטל 2

# אין אַ באַלאַגערטער שטאָט

**סעפּטעמבער 1939**

דער חודש אויגוסט 1939 איז געווען סיי פּאַר באַשיען און סיי פּאַר מיר אונדזער אָפּרו־חודש. מיר זענען ביידע געווען ליבהאָבער פון בערג און פון לאַנגע בערג־אויספלוגן. האָבן מיר דעם חודש פאַרבראַכט אינעם דאָרף אוסטראָן, ביים באַרג באַביאַ־גוראַ. אין שיינע טעג האָט מען פון זיין העכסטן פּונקט געזען די אויסערגעוויינלעך שיינע פּאַנאָראַמע פון דער גאַנצער קייט טאַטרי־בערג.

נישט ווייט פון אונדז האָבן געוווינט אונדזערע גוטע באַקאַנטע פון וואַרשע, דר. שמעון לובעלסקי מיט זיין שיינער פרוי. לובעלסקי איז געווען איינער פון די נאָענטסטע און אינטימסטע פריינט פון דר. עמנואל רינגעלבלום. זיי זענען געווען אין דעם זעלבן עלטער. עס האָט זיי פאַרבונדן די געמיינזאַמע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייט. אין זיינע יוגנט־יאָרן איז שמעון לובעלסקי געווען אַן אַקטיווער טוער פון די לינקע פּועלי־ציון. געווען אַן אינסטרוקטאָר פון דער "געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער" ווי אויך פון די יידישע וועלטלעכע שולן פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט די שולטוער פון בונד און פון די לינקע פּועלי־ציון. שפּעטער האָט ער שטודירט גערמאַניסטיק אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און נאָך דער פאַרענדיקונג פון די שטודיען, געוואָרן איינער פון די באַקאַנטסטע יידישע פּעדאַגאָגן אין וואַרשע.

אונדז ביידן האָבן פאַרבונדן געמיינזאַמע פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישע פאַראינטערעסירונגען. שמעון איז געווען אַ האַרציקער, זייער סימפּאַטישער מענטש, אַ שיינער מאַנספּערשוין. מיר האָבן דאַן, אין דער געגנט פון אוסטראָן, געמאַכט, צוזאַמען מיט אונדזערע פרויען, אָפטע אויספלוגן.

איך געדענק, דאָס זענען שוין געווען די לעצטע טעג פון אויגוסט. אונדזער אָפּרו־חודש האָט זיך דערנענטערט צום סוף. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ צוויי טאָגיקן געזעגנונגס־שפּאַציר אויף דעם הויכפּונקט פון באַביאַ־גוראַ און נעכטיקן אין דעם באַרג־האָטעל, נישט ווייט פונעם הויכפּונקט. דאָס וועטער איז געווען וווּנדערשיין, מיר זענען אַלע געווען אין אַ פריילעכער שטימונג. ווען מיר האָבן זיך, שפּעט אין אָוונט, מידע פון דעם לאַנגן מאַרש, דערנענטערט צום

באַרג־האָטעל, האָבן מיר באַמערקט אין און אַרום דעם האָטעל אַ מאָדנע, לעבהאַפטע באַוועגונג. מיר האָבן זיך געפרעגט: וואָס איז געשען? מען האָט אונדז געענטפערט: וואָס? איר ווייסט נישט? עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע! אַלע מענער דאַרפֿן זיך מעלדן אין די מאָביליזאַציע פּונקטן.

די ידיעה האָט אונדז געטראָפֿן ווי אַ דונער. מיר האָבן שוין נישט געקאָנט שלאָפֿן. די גאַנצע נאַכט צוזאַמען אַרומגערעדט די לאַגע און די פּערספּעקטיוון. גלייך אין דער פֿרי זענען מיר אַראָפּ פֿון דעם באַרג אין דאָרף און האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער צוריקרייזע קיין וואַרשע.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט איז געווען אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דר. שמעון לובעלסקי וועט שוין אין אַ פּאָר חדשים אַרום דערשאָסן ווערן דורך די היטלעריסטן, אַז ער וועט זיין איינער פֿון די ערשטע קורבנות פֿון דעם נאַצישן טעראָר!

גלייך נאָך דעם, ווי מיר זענען געקומען קיין וואַרשע, האָב איך זיך פֿאַרבונדן מיט מיין משפּחה, געמאָלדן זיך אין דעם קינדערשוץ־צענטראַלע צענטאָס און אַנטיילגענומען אין די באַראַטונגען פֿון דער אָנפֿירונג פֿון די לינקע פּועלי־ציון.

איך האָב זיך אויך געמוזט מעלדן אין איינעם פֿון די מאָביליזאַציע־פּונקטן. איך האָב אין דער פּוילישער אַרמיי נישט געדינט, באַפֿרייט געוואָרן אין דער צייט פֿון מיינע אוניווערסיטעט־שטודיען. איך האָב בלויז אַדורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען פֿאַר סטודענטן. דאָך האָט די מאָביליזאַציע אויך מיך פֿאַרפּליכטעט.

איך געדענק, אַז איך האָב זיך דאַן געטראָפֿן מיט מיין ברודער יעקב, וועלכער איז געווען שטענדיק נישט נאָר מיין עלטערער ברודער נאָר אויך אַ האַרציקער פֿריינט, און מיר האָבן אויף די גאַסן פֿון וואַרשע צוזאַמען אַנאַליזירט די לאַגע און באַזוכט די מאָביליזאַציע־פּונקטן. ער האָט מיר שוין דאַן געזאָגט, אַז ער וועט וואַרשיינלעך מוזן, אין די נאָענטסטע טעג, פֿאַרלאָזן וואַרשע, אין דער ריכטונג פֿון מזרח. אין די מאָביליזאַציע־פּונקטן האָבן מיר דערזען מאַסן מענטשן און — אַן אומבאַשרייבלעכן כאַאָס! דאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דערווייל דאַרף איך זיך נישט מעלדן אין דער אַרמיי.

### די ערשטע באָמבעס

דער 1־טן סעפּטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די ווערמאַכט האָט אָנגעהויבן איר ברוטאַלע און שטורמישע אינוואַזיע אויף פּוילן. שוין דעם 1־טן סעפּטעמבער האָט די לופֿטוואַפֿע אָנגעהויבן איר באָמבאַרדירונג פֿון וואַרשע און איר אומגעבונג.

איינע פֿון די ערשטע לופֿט־באָמבעס איז געפֿאַלן אויף דעם קינדער־אַנשטאַלט פֿון צענטאָס אין דעם אָפּרו־שטעטל אָטוואָצק, נישט ווייט פֿון וואַרשע, ווו עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך פּוילישע און יידישע סאַנאַטאָריעס און קינדער־

אַנשטאַלטן. אין דעם מעדיציניש־דערציערישן צענטאָס־אַנשטאַלט האָבן זיך דאַן געפונען הונדערט און אַכציק יידישע קינדער, אין עלטער פון זיבן ביז פופצן יאָר.
די רעזולטאַטן פון דעם לופט־אָנפאַל זענען געווען שרעקלעכע: זיבן קינדער זענען אומגעקומען אויפן אָרט, צוויי און דרייסיק זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, אַ טייל פון זיי איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. פון פערסאָנאַל זענען פאַרוואונדעט געוואָרן פינף פערזאָן צווישן זיי — דער לייטער פון אַנשטאַלט, דער יידישער דיכטער און פעדאַגאָג, קלמן ליס.
אינעם אַנשטאַלט איז אויסגעבראָכן אַ פאַרשטענדלעכע פּאַניק. דאַן האָב איך באַקומען אַ פאַראָרדנונג פון דער צענטאָס־צענטראַלע, כ׳זאָל תיכף פאָרן קיין אָטוואָצק, פאַרטרעטן צייטווייליק דעם לייטער פון אַנשטאַלט און באַהערשן די פּאַניק. דאָס בילד, וואָס איך האָב דערזען וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַ גרויסער טייל פון די הייזער איז דורך די באָמבעס צעשטערט געוואָרן. אויף די פּאָדלאָגעס — ממש שטראָמען בלוט! אויף די ווענט — שטיקלעך פון מאַרך פון די דערמאָרדעטע קינדער! די פּאַניק צווישן די קינדער און אַ טייל פון פערסאָנאַל איז געווען גרויס. דאָס אומגליק איז געקומען אַזוי שנעל, אַזוי אומדערוואַרטעט! קלמן ליס איז שוין געווען אין שפּיטאָל.
איך האָב זיך באַמיט צו באַהערשן דעם כאַאָס. איך האָב תיכף אָרגאַניזירט אַ פאַרזאַמלונג פון די דערציער און פון גאַנצן פערסאָנאַל. באַמיט זיך זיי צו באַרואיקן און איינפירן ווידער אַ געוויסע אָרדענונג. עס האָט מיר דאַן, אין די שווערע שעהען זייער געהאָלפן די באַהערשטע דערציערין רעגאַ (רעגינאַ) קאָוואַלסקאַ. עס האָט מיר אויך געהאָלפן דער לייטער פון אַ צווייטער, קלענערער צענטאָס קינדער־היים אין אָטוואָצק, אָסאָוויצקי: דאָס איז געווען דער אַנשטאַלט פאַר קינדער פון זבאָנשין.
אין אָקטאָבער 1938 האָט די נאַציסטישע רעגירונג אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד זיבעצן טויזנט יידן, אָפּשטאַמיקע פון פוילן. זיי זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין אַ פּויליש גרענעץ־שטעטל זבאָנשין, אין זייער שווערע באַדינגונגען. דער דזשוינט איז זיי געקומען צו הילף. בראש פון דער הילפס־אונטערנעמונג ווערט דאַן געשטעלט עמנואל רינגעלבלום. ער האָט דאָרט געאַרבעט פיבערהאַפט. שוין דאַן האָבן זיך אַנטפּלעקט זיינע גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן און זיין ענערגיע. די קינדער און יתומים פון די זבאָנשינער פליטים האָט גענומען אונטער איר שוץ די צענטאָס־צענטראַלע און געשאַפן פאַר זיי אַ באַזונדערן אַנשטאַלט אין אָטוואָצק, מיטן דערציער אָסאָוויצקי בראש. סיי ער, סיי רעגאַ קאָוואַלסקאַ און כמעט אַלע אַנדערע דערציער זענען שפּעטער, צוזאַמען מיט די קינדער, דערמאָרדעט געוואָרן, בעת דער שרעקלעכער שחיטה פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָטוואָצק, אין דער צייט פון דער ערשטער גרויסער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ אין אויגוסט 1942.
ווען איך האָב, אין אַ געוויסער מאָס באַהערשט די לאַגע אין אַנשטאַלט, האָב

איך באַזוכט קלמן ליס אין שפּיטאָל. ער איז געווען שווער פאַרוווּנדעט. ער איז געווען אַ פּעאיקער ייִדישער דיכטער, דער מחבר פון דער שיינער פּאָעמע "וואָלינער שליאַכן". נאָך אין יאָר 1938, אַ יאָר פאַר דער מלחמה, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּאָעטישן ביולעטין אונטערן נאָמען "ליריק". ער האָט געהערט צו דער לינקער שרייבער־גרופּע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן די צייטשריפט "ליטעראַרישע טריבונע" און שפּעטער "זיבן טעג". אין שפּיטאָל איז ער געלעגן אַ לענגערע צייט. שפּעטער צוריקגעקומען קיין אָטוואָצק און ווידער איבער־גענומען די לייטונג פון דעם אַנשטאַלט. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דער צייט פון דער גרויסער אַקציע.

איך האָב אָנגעפירט מיט דעם אַנשטאַלט בלויז עטלעכע טעג. די דייטשע אַרמייען האָבן זיך אָנגעהויבן שנעל צו דערנענטערן צו וואַרשע. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די קאָמוניקאַציע צווישן וואַרשע און אָטוואָצק וועט איבערגע־ריסן ווערן. איך האָב פון דער צענטאָס־צענטראַלע באַקומען אַ פאַראָרדנונג צוריקצוקומען קיין וואַרשע.

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און די בלוטיקע טעג אין אָטוואָצק האָבן געמאַכט אַן איבערברוך אין מיין לעבן. דאַן איז נאָך געווען אוממעגלעך פאָרויסצוזען, אַז דער ערשטער שטראָם פון בלוט פון די ייִדישע קינדער איז אַן אָנזאָג פון אַ שרעקלעכן מבול פון בלוט פון זעקס מיליאָן ייִדן און צווישן זיי מער פון אַ מיליאָן ייִדישע קינדער. דער גורל האָט מיך פאַרבונדן מיט די קינדער פון וואַרשעווער געטאָ ביז דער גרויסער אַקציע.

**דער גרויסער עקזאָדוס**

ווען איך בין, נאָך די עטלעכע געציילטע טעג, געקומען צוריק קיין וואַרשע, האָב איך די הויפּטשטאָט פון פּוילן כמעט נישט דערקענט. די גאַנצע באַפעלקערונג, די פּוילישע און די ייִדישע, האָט געלעבט אַזוי ווי אין אַ פיבער.

די דייטשע באָמבאַרדירונגען זענען געוואָרן אַלץ שווערער. אויף אונדזערע אויגן איז זיך פונאַנדערגעפאַלן דער גאַנצער הערשנדיקער סאַנאַציע־רעזשים, דער גאַנצער פּוילישער רעאַקציאָנערער רעגירונגס־סיסטעם. אין אַלע מיניסטעריומס און רעגירונג־אַנשטאַלטן האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינ־לעכער כאַאָס און דעזאָרגאַניזאַציע. די פירער פון סאַנאַציע־פּוילן: דער אומפעאיקער הויפּטפירער פון דער פּוילישער אַרמיי מאַרשאַל רידז־שמיגלי, דער טראַגי־קאָמישער פּרעמיער פון דער פּוילישער רעגירונג, דער רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט, סלאַווי־סקלאַדקאָווסקי, דער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק, וועלכער האָט געפירט זינט יאָרן די שענדלעכע און אומגליקלעכע פּאָליטיק פון מיטאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד, די אַלע באַנקראָטירטע פירער זענען שוין אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער אַנט־לאָפן פון וואַרשע און, אין געציילטע טעג פאַרלאָזט פּוילן.

דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אַ שטורמישן בליץ־קריג קעגן פּוילן. זי האָט געוואָרפן אין קאַמף אַ ריזן אַרמײ פון אַ מיליאָן און אַכט הונדערט טויזנט זעלנער, מיט דריי טויזנט טאַנקען און צוויי טויזנט אַעראָ־פּלאַנען. קעגן דעם דאָזיקן גוט צוגעגרייטן ריזן כוח, קעגן דעם מבול פון פייער און שטאָל האָט פּוילן מאָביליזירט אַרום אַכט הונדערט טויזנט זעלנער, אָבער שוואַך באַוואָפנטע און אינגאַנצן נישט צוגעגרייטע צו אַזאַ בליץ־קריג. גענוג צו זאָגן, אַז דער גאַנצער פּוילישער מיליטערישער לופט־פלאָט איז באַשטאַנען פון אַרום פיר הונדערט אַעראָפּלאַנען, אָבער בלויז זעקס און דרייסיק (!) פון זיי זענען געווען פעאיק צום קאַמף...

אַ טייל פון די פּוילישע זעלנער און אָפיצירן האָבן מוטיק געקעמפט אָבער די מעכטיקע דייטשע אָפענסיווע האָט אין משך פון געציילטע טעג צעבראָכן דעם רוקנביין פון דער פּוילישער אַרמײ, און די ווערמאַכט האָט זיך שנעל דערנענטערט צו דער פּוילישער הויפּטשטאָט.

נאָך דער עוואַקואַציע פון דער רעגירונג און פון אַלע מלוכהשע אינסטיטוציעס איז די פּאַניק געוואָרן נאָך גרעסער. דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939 האָט אַ געוויסער קאָלאָנעל אומיאַסטאָווסקי גערופן דורך דעם פּוילישן ראַדיאָ אַלע מענער, פון אַכצן ביז פופציק יאָר, צו פאַרלאָזן וואַרשע. דער דאָזיקער רוף האָט דערפירט דערצו, אַז הונדערטער טויזנטער מענטשן, מערסטנטייל יונגע מענער, האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און אַ ריזיקער מענטשן־שטראָם האָט גלייך פאַרפולט אַלע שאָסייען און וועגן אין דער ריכטונג פון מזרח. דאָס האָט דערמאָנט ממש אין אַ שטראָם פון אַ פעלקער־וואַנדערונג, אַ פאַנטאַסטיש־ריזיקן עקזאָדוס. נישט בלויז פון וואַרשע, נאָר פון גאַנץ פּוילן.

מען קאָן, אָן אַן איבערטרייבונג, פעסטשטעלן, אַז אין דעם דאָזיקן מאַסן־עקזאָדוס און אין די שפּעטערדיקע קלענערע כוואַליעס פון דעם "שטראָם אויף מזרח" האָבן פאַרלאָזט פּוילן העכער 300.000 יידן. טויזנטער זענען צוליב פאַרשידענע סיבות געקומען צוריק, אָבער מער ווי 250.000 יידן זענען דאָן געבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַ דאַנק דעם — געבליבן ביים לעבן.

פון וואַרשע זענען אַוועק, מיטן מאַסן־עקזאָדוס, צענדליקער טויזנטער יידן. צווישן זיי — טויזנטער טוער פון אַלע יידישע פּאַרטייען, ציוניסטישע און אַנטיציוניסטישע, און פון פאַרשידענע יידישעווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס — די מערהייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן יידישן אַקטיוו.

אויך מיין ברודער יעקב האָט דאַן פאַרלאָזט וואַרשע. מיין ברודער שמואל איז מאָביליזירט געוואָרן אַלס מעדיצין־דאָקטאָר. אויך די מערהייט פון די טוער און פון די פירנדיקע באַאַמטע פון צענטאָס, מיטן דירעקטאָר א. גאָלדין בראש, האָבן דאַן פאַרלאָזט פּוילן. אין דער צענטאָס־צענטראַלע האָט געהערשט אַ כאַאָס.

איך געדענק אונדזערע גורלדיקע שמועסן מיט באַשיען אין די טעג פון 6־טן און 7־טן סעפּטעמבער 1939. מירביידע האָבן זיך נישט געוואַקלט. נישט געהאַט קיין ספק, אַז מיר דאַרפן בלייבן. די מיליאָניקע יידישע מאַסן וועלן בלייבן, מוזן מיר אויך בלייבן!

איך געדענק אויך מיינע שמועסן מיט רינגעלבלומען אין יענע גורלדיקע טעג. אַ פּאָר וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַרויסגעפאָרן צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז דאַן פאָרגעקומען אין דער שווייץ, אין זשענעווו. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער דעלעגאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן דאַן דאָס ערשטע מאָל אָנטיילגענומען אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז די מערהייט דעלעגאַטן פון פּוילן נישט צוריקגעקומען. רינגעלבלום האָט באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין פּוילן. אויף וועגן און אומוועגן קומט רינגעלבלום צוריק קיין וואַרשע. אויך ער האָט באַשלאָסן נישט אָנטיילצונעמען אין דעם עקזאָדוס. אין די שמועסן מיט מיר האָט ער דערקלערט: איך האָב באַקומען צענדליקער טעלעפאָנען איך זאָל גיין, אָבער איך בלייב. מיר מוזן זיין מיטן פאָלק!

עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ דרינגענדע זיצונג פון דער אָנפירונג פון דער לינקער פּועלי־ציון פאַרטיי. די מערהייט פון די פירנדיקע טוער באַשליסט צו פאַרלאָזן וואַרשע. פון די הויפּטפירער האָט בלויז שכנא זאַגאַן דעצידירט צו בלייבן. דאַן איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז עס ווערט געשאַפן אַ קאָנספּיראַטיווע, ענגע, דריי־פּערזאָניקע אָנפירונג פון דער לינקער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין פּוילן, אין דעם צוזאַמענשטעל: שכנא זאַגאַן, עמנואל רינגעלבלום און איך.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז אַלע דריי איז אויסגעקומען אויסצופירן פאַראַנט־וואָרטלעכע פונקציעס אין וואַרשעווער געטאָ, נישט בלויז אין דער פאַרטיי, נאָר אין דעם אַלגעמיין־יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

נאָכן אומקום פון שכנא זאַגאַן וועלכער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע פירער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין געטאָ און נאָך דעם, ווי רינגעלבלום איז גענומען געוואָרן אין דעם טויט־לאַגער טראַוווניקי, האָב איך געמוזט אָנפירן מיט די לינקע פּועלי־ציון און גלייכצייטיק אויספירן פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס אין דער אַלגעמיין־יידישער אונטערערדישער באַוועגונג.

### אונטערן האָגל פון באָמבעס

נאָך דעם גרויסן עקזאָדוס האָבן די פאַרבליבענע טוער פון צענטאָס באַשלאָסן צו שאַפן אַ נייע לייטונג. אַלס דירעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דער ביז־איצטיקער יורידישער ראַטגעבער פון צענטאָס, אַדוואָקאַט בריאַנסקי. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס וויצע־דירעקטאָר.

די לאַגע אין דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט פון פּוילן איז געוואָרן אַלץ

שווערער. די פוילישע מיליטערישע אָנפירונג האָט באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן וואַרשע און נישט קאַפּיטולירן. מ׳האָט געגעבן אַ באַפעל צו בויען טראַנשייען און צו אָרגאַניזירן די ציווילע לופט־פאַרטיידיקונג. דער עיקר, כדי צו לעשן שריפות נאָך אַ לופט־באָמבאַרדירונג. מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען באַריקאַדן אויף די גאַסן. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַרבעטער־באַטאַליאָנען. אויך איך האָב כמעט יעדע נאַכט אָנטיילגענומען אין די נאַכט־דיזשורן פון דער לופט־פאַרטיידיקונג און עס איז מיר אויסגעקומען צו קריכן אויף די דעכער, כדי צו לעשן שריפות פון די ברען־באָמבעס.

דערווייל זענען די דייטשע לופט־אָנגריפן געוואָרן אַלץ גרויזאַמער. יעדע פּאָר שעה האָבן געהילכט די סירענעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ לופט־אַליאַרם. איך הער נאָך ביז היינט די ראַדיאָ־רופן: ״מיר פּראָקלאַמירן אַ לופט־אַליאַרם פאַר דער שטאָט וואַרשע!״ ״אַכטונג, ער קומט!״ ״דער אַליאַרם דויערט!״, ״ער איז אַדורך!״

איך הער נאָך ביז היינט די הייזעריקע שטים פון דעם מוטיקן פּרעזידענט פון וואַרשע, סטעפאַן סטאַרזשינסקי, וועלכער האָט יעדע פּאָר שעה אַפּעלירט צו דער באַפעלקערונג צו האַלטן זיך שטאַלץ און אַרויסווייזן אויסדויער און שטאַרקע נערוון ביי דער פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט. סטאַרזשינסקי איז שפּעטער אומגעקומען אין אַ לאַגער. ער איז געווען די איינציקע פּירנדיקע פוילישע אָפיציעלע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט אין יענע טראַגישע טעג אַרויסגערופן אַ באַציאונג פון דרך־ארץ.

נאָך עטלעכע טעג האָט די ווערמאַכט אָנגעהויבן צו באַשיסן וואַרשע אויך מיט דער שווערער אַרטילעריע. עס ברעכן אויס גרויסע שריפות: אין צענטער שטאָט, אין פאַרשידענע פאָרשטעט און אויך אין די יידישע קוואַרטאַלן. די לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער. דורך לופט־באָמבעס און שראַפּנעלן ווערן צעשטערט גאַנצע בלאָקן פון הייזער. טויזנטער מענטשן ווערן דערהרגעט, טויזנטער פאַמיליעס, פוילישע און יידישע, פאַלירן דעם דאַך איבערן קאָפּ. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס צושטעלן פון וואַסער, פון עלעקטרישן שטראָם, פון גאַז, אין די שפּעטערדיקע טעג אויך פון ברויט. עס האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ הונגער.

גלייכצייטיק הויבן אָן צו קומען קיין וואַרשע טויזנטער פּליטים, באַזונדער יידן פון לאָדזש און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען שוין פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן.

די דרינגענדיקע רעטונגס־טעטיקייט סיי פאַר די טויזנטער יידן, וואָס האָבן שווער געליטן פון די באָמבאַרדירונגען און שריפות, און סיי פאַר די טויזנטער פּליטים איז געוואָרן אַ געבאָט פון דער שעה.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער באַלאַגערונג איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, מיט פאָרשטייער פון דזשוינט, פון צענטאָס, פון דער יידישער

געזונטהייט־שוץ־געזעלשאַפט טאָז, פון אָרט און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער ערשטער פּאָרזיצער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע איז געווען איינער פון די דזשוינט־דירעקטאָרן לעאָן נוישטאַדט. אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר איז באַשטימט געוואָרן דר. עמנואל רינגעלבלום.

איך דער צענטאָס האָט אָנגעהויבן אַ רעטונגס־אַרבעט צווישן די נייע יתומים, קינדער פון די היימלאָזע יידן און פון די פּליטים, מיר האָבן געמוזט אין אַ שנעלן טעמפּאָ שאַפן קינדער־קיכן, נייע יתומים־הייזער און קינדער־היימען.

איך האָב זיך געמוזט אַליין גייסטיק "איבערשטעלן". מיין פּסיכאָלאָגישע און פּסיכאָטעכנישע אַרבעט האָט זיך געענדיקט. די ערשטע און דרינגענדיקע אויפ־גאַבע איז איצט געווען — צו געבן קינדער עסן און צו שאַפן פאַר זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די רעטונגס־אַרבעט האָבן מיר אַלע, די טוער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און אויך פון צענטאָס, געמוזט פירן בוכשטעבלעך אונטערן האָגל פון באָמבעס און שראַפּנעלן, אָפטמאָל — אין פלאַמען פון די גרויסע שריפות. נאָך די שווערע באָמבאַרדירונגען האָט מען געמוזט פאַרוווּנדעטע מענער, פרויען און קינדער אַרויסציִען פון אונטער די חורבות, ממש פון פייער.

וואַסער האָט מען געמוזט ברענגען פון ברונעמער. ביי די לאַנגע רייען נאָך וואַסער און נאָך ברויט זענען אָפט געפאַלן באָמבעס און געהרגעט צענדליקער מענטשן. ביי איינער פון די באָמבאַרדירונגען איז אומגעקומען די פרוי פון דירעקטאָר נוישטאַדט און ער אַליין איז פאַרווּונדעט געוואָרן. עס איז אויך אומגעקומען פון אַ באָמבע די פרוי פון דעם פּעדאַגאָג און פילאָלאָג שיע (ישעיהו) ברוידא, איינער פון די בעסטע און מסירות־נפשדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער. אויך צווישן די צענטאָס־טוער און דערציִער זענען געווען טויטע און פאַרווּונדעטע.

**דער לעצטער יידישער אויפרוף**

נישט געקוקט אויף דער כמעט אומאויפהערלעכער באָמבאַרדירונג און באַשיסונג און נישט געקוקט אויפן גרויסן אָפּפלוס פון פּאַרטיי־טוער, מיטן מאַסן־געלויף אויף מזרח, איז דער דופק פון פּאָליטישן לעבן, אַפילו אין די דראַמאַטישע באַדינגונגען, נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן.

איך געדענק, אַז שוין אין די טעג פון דער באַלאַגערונג האָט די נייע דריי פּערזאָניקע, צענטראַלע אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון באַשלאָסן אַרויס־צוגעבן אַן אויפרוף, מיטן אַפּעל צום ווידערשטאַנד קעגן דער היטלעריסטישער אינוואַזיע, און צו פּלאַקאַטירן אים אין די גאַסן. דעם אויפרוף האָב איך געשריבן. פאַרשטייט זיך, אין דער יידישער שפּראַך. חברים און טוער פון דעם וואַרשעווער קאָמיטעט פון די לינקע פועלי־ציון האָבן אים ביינאַכט צעקלעבט אויף די הייזער פון די יידישע גאַסן און קוואַרטאַלן. דאָס איז געווען דער איינציקער און דער לעצטער יידישער אַנטיפאַשיסטישער פּלאַקאַט אין יענער

צייט. ער איז געהאַנגען אויף די ווענט ביז סוף סעפּטעמבער 1939, ביז דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע. אַ טאָג פאַר דעם אַריינמאַרשירן פון די דייטשע חיילות האָט אַ ספּעציעלע אַקטיוויסטן־בריגאַדע פון דער פּאַרטיי אַראָפּגעריסן די פּלאַקאַטן, ווידער ביינאַכט, פון אַלע הייזער, כדי נישט צו געבן דער געסטאַפּאָ אַ דאָקומענט אין האַנט קעגן יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען.
אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, ווען די פּאַרטיי האָט געפירט איר טעטיקייט אומלעגאַל, האָט זי אַלע אירע דאָקומענטן און אויפרופן אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים "דער יידישער מאַרקסיסטישער לאַגער". שפּעטער, נאָך דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, האָבן זיך די לינקע פּועלי־ציון אויף דער אַרישער זייט באַנוצט מיטן פּסעוודאָנים "יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד" (מיט פּוילישע איניציאַלן — .Z.R.Ż).
דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל שרייבן דעם לעצטן יידישן אויפרוף, פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע און — דעם ערשטן יידישן אויפרוף גלייך נאָך דער באַפרייאונג, אין יאַנואַר 1945, אויף די רואינען פון וואַרשע, אויך אין דער יידישער שפּראַך. דאַן האָבן מיר דעם אויפרוף אונטערגעשריבן מיט אונדזער פולן נאָמען: יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון.
אין די טעג פון באַלאַגערונג, ווען יעדן טאָג האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון די נויטבאַדערפטיקע און עס איז געוואַקסן דער שטראָם פון פּליטים פון פאַרשידענע שטעט — זייער צאָל האָט דערגרייכט אין סעפּטעמבער מער ווי זיבן טויזנט — האָבן אַלע יידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס געגעבן זייערע לאָקאַלן און קלובן צו דער דיספּאָזיציע פון דער געזעלשאַפטלעכער רעטונגס־אַרבעט, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע. אין די לאָקאַלן און קלובן האָט מען געשאַפן פאָלקס־קיכן.
איינע פון די ערשטע און גרעסטע פאָלקס־קיכן איז געעפנט געוואָרן אין דעם לאָקאַל פון יידישן פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האָלץ־אַרבעטער (סטאָליאַרעס א.א.), וועלכער איז געווען אונטער דער השפעה פון די לינקע פּועלי־ציון, אויף עלעקטאָראַלנע 14. מיט דער קיך האָט אָנגעפירט די יונגע טוערין פון די לינקע פּועלי־ציון, פּאָלאַ עלסטער, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. זי איז אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע.
די קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14 האָט גלייכצייטיק געדינט אַלס איינער פון די פּאַרטיי־קלובן און אַ טרעף־פּונקט פאַר אַלע חברים און סימפּאַטיקער, וועלכע זענען דאַן געקומען אַלס פּליטים פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.
אויך אונדזער, באַשיעס און מיינע, קליינע און באַשיידענע דירה אויף אָגראָדאָווע 29, האָט געדינט אַלס אַ צייטווייליקער מקום־מקלט פאַר חברים און פריינט — פּליטים פון פאַרשידענע שטעט. זי איז באַשטאַנען בלויז פון צוויי צימערן, אָבער דאַן האָבן מיר, באַשיע און איך, פאַרנומען איין צימער און דעם

צווייטן איבערגעגעבן צו חברים. אַזוי האָט ביי אונדז אַ קורצע צייט געוווינט עמנואל רינגעלבלומס שוועסטער, גיזאַ, מיט איר קליין קינד, ביז זי האָט באַקומען אַ דירה. זי איז שפּעטער אומגעקומען, מיט איר קינד, ביי דער ערשטער אַקציע.

**וואַרשע אין פלאַמען**

דערווייל האָט זיך די לאַגע אין דער באַלאַגערטער שטאָט פאַרערגערט. אין טאָג פון ראש־השנה, דעם 14־טן סעפּטעמבער איז געווען אַ שרעקלעכער דייטשער לופט־אָנגריף. צענדליקער הייזער, אין דעם צענטער פון דער יידישער געגנט — אויף די גאַסן נאַלעווקי, גענשיע, ניסקע, סטאַווקי — זענען באָמבאַרדירט און צעשטערט געוואָרן. עס זענען אויסגעבראָכן גרויסע שריפות.
דאָס לעבן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס איז נישט געווען קיין רואיקע שעה, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. אויך אין טאָג פון יום־כיפור, דעם 23־טן סעפּטעמבער, האָט מען באָמבאַרדירט, ווידער זענען צעשטערט געוואָרן הייזער, אָבער דער הויכפּונקט פון נאַצישן לופט־טעראָר איז געווען מאָנטיק, דעם 25־טן סעפּטעמבער.
די איינוווינער פון וואַרשע געדענקען דעם דאָזיקן "בלוטיקן מאָנטיק". דאָס איז געווען אַ טאָג פון אַן אומבאַשרייבלעכן מלחמה־קאָשמאַר! אַרום פיר הונדערט (!) דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן פון אין דער פרי באָמבאַרדירט, אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע. די גאַנצע באַלאַגערטע שטאָט האָט זיך ממש געטרייסלט פון די אויפרייסן. גלייכצייטיק האָט די שווערע דייטשע אַרטילעריע באַשאָסן. הונדערטער הייזער האָבן זיך ממש צעשאָטן. גרויסע שריפות זענען אויס־געבראָכן אין אַלע עקן שטאָט, אויך אין די יידישע געגנטן.
איך האָב דריי מאָל געזען וואַרשע אין פלאַמען: בעת דער באַלאַגערונג, דעם אויפשטאַנד אין געטאָ און בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד. איך וועל נישט פאַרגעסן די טעג פון דער טייוולאָנישער באַלאַגערונג, ווען וואַרשע איז געשטאַנען אין פלאַמען און רויך און ביינאַכט איז דער גאַנצער הימל געווען רויט!
די לופט־באָמבאַרדירונג האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, מער ווי צען שעה. מענטשן זענען געוואָרן היסטעריש, און אַרומגעלאָפן איבער די ברענענדיקע גאַסן. נאָך דער בייטאָגיקער לופט־באָמבאַרדירונג האָט די גאַנצע נאַכט געדויערט די אַרטילעריע־באַשיסונג.
דער ציל פון דער ווערמאַכט איז געווען אַ קלאָרער: דורך דעם באָמבן־טעראָר, דורך דעם ים פון פלאַמען צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד און צו דעראָבערן שנעל די הויפּטשטאָט פון פּוילן.
דאָס איז די דייטשן געלונגען. די באַפעלקערונג האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דאָזיקן קאָשמאַר. אויף צו מאָרגנס, דעם 26־טן סעפּטעמבער, האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַפּיטולאַציע־אונטערהאַנדלונגען צווישן די פירער פון

די פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונגען און דער קאָמענדאַנטור פון דער ווערמאַכט.

די באָמבאַרדירונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם 28־טן סעפּטעמבער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך. די ערשטע דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן אַריינמאַרשירט קיין וואַרשע דעם 30־טן סעפּטעמבער. דעם 1־טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די ערשטע דייטשע מיליטערישע דעפילאַדע אויף די גאַסן פון וואַרשע, אָבער די גרויסע זיג־דעפילאַדע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דעם 5־טן אָקטאָבער 1939.

צו דער זיג־דעפילאַדע איז געקומען אַדאָלף היטלער. ער האָט די מאַרשירנדיקע ווערמאַכט־חיילות אויפגענומען אין דער באַגלייטונג פון די העכסטע דייטשע אַרמיי־קאָמאַנדירן, די גענעראַלן — בראַוכיטש, רונדשטעדט, רייכענאַו, בלאַסקאָוויץ, קעסעלרינג און אַנדערע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַגישער פּעריאָד פאַר פּוילן און, אין דער ערשטער ריי, פאַר דער דריי־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג.

די באַפעלקערונג פון וואַרשע, סיי די פּוילישע און סיי די יידישע, האָט אויפ־גענומען די קאַפּיטולאַציע מיט געמישטע געפילן. נאָך דעם שרעקלעכן קאָשמאַר פון דער באַלאַגערונג, באָמבאַרדירונגען און שריפות, האָבן אַלע אָפּגעאָטעמט. גלייכצייטיק האָט געהערשט אַ שטימונג פון טיפן אומרו: וואָס וועלן ברענגען די נאָענטסטע וואָכן און חדשים?

**די טראַגישע אוווערטורע**

דער סך־הכל פון "בלוטיקן סעפּטעמבער" 1939 איז געווען אַזאַ: ביי דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, וועלכע האָט געדויערט דריי וואָכן, זענען אומגע־קומען אַרום 20.000 איינוווינער, צווישן זיי — 2.300 יידן, מער ווי 10 פּראָצענט. אַרום 25 פּראָצענט הייזער זענען רואינירט, פאַרברענט אָדער צעשעדיקט געוואָרן, אַ גרויסער טייל פון זיי — אין די יידישע געגנטן.

אין דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דער דייטשער אינוואַזיע, זענען געווען 120.000 יידן. 32.000 יידישע זעלנער און אָפיצירן זענען געפאַלן אין קאַמף אויף די פראָנטן.

דער דאָזיקער ערשטער חודש פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען אַן אָנהויב פון דער טראַגישער אַנטוויקלונג פאַר דעם פּוילישן יידנטום, אַ טראַגישע אוווערטורע. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונדז האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס קומט אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פון דעם פּוילישן יידנטום און פון די יידן אין אייראָפּע בכלל. מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיר שטייען פאַר אַן אומקום פון מיליאָנען יידן און אַז עס דערוואַרטן אונדז העכער פינף יאָר פון אומבאַשרייבלעכע ליידן. מיר האָבן אָבער אַלע געפילט, אַז די יידישע מאַסן שטייען פאַר גרויסע געפאַרן, אַז עס קומען זייער שווערע צייטן פאַרן יידישן פאָלק.

דער "בלוטיקער סעפּטעמבער" האָט אָפּגעשוואַכט דעם צוקונפטיקן פּאָטענ־ציאַל פון די געטאָ־קעמפער און אויפשטענדלער. סיי דער אומקום פון העכער דרייסיק טויזנט יידישע זעלנער און אָפיצירן אויף די פראָנטן, און סיי דער אָפּפלוס פון צענדליקער טויזנטער יידישע יונגע לייט פון וואַרשע בעת דעם גרויסן געלויף און צווישן זיי אַ סך אַקטיוויסטן פון אַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף דעם צאָלמעסיקן פאַרנעם פון דער קעמפער־מחנה אין וואַרשעווער געטאָ.
גלייכצייטיק אָבער — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — דער "בלוטיקער סעפּטעמבער"־חודש, די אומגעהויער־שווערע באַלאַגערונגס־באַדינגונגען און די שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען האָבן אונדז, דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו, וועלכער איז געבליבן אין וואַרשע — זייער פאַרהאַרטעוועט, אין אַ געוויסער מאָס, צוגעגרייט צו דעם היטלעריסטישן טעראָר און צו דער אונטערערדישער טעטיקייט. מיר האָבן שוין דאַן, אין סעפּטעמבער 1939, געזען, נישט איין מאָל, דעם טויט פּאַר די אויגן, געוווען טעג און נעכט אויף דער שוועל פון טויט.
דאַן, אין די באַלאַגערונגס־וואָכן, האָט דער איבערגעגעבענער פאַרן פּאָלק און מסירות־נפשדיקער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו געלערנט זיך צו אָרגאַניזירן די רעטונגס־ און הילפס־אַרבעט, ממש אין פלאַמען און בלוט. דאַן, אין סעפּטעמבער 1939, האָט ער אָנגעהויבן צו בויען די יסודות פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע, נאַציאָנאַל־וויכטיקע ראָל אין וואַרשעווער געטאָ. די סאָציאַלע אַליינהילף, אין אירע פאַרשידענע געשטאַלטן, איז געוואָרן איינע פון די באַזעס פון דער יידישערווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין געטאָ.

קאַפּיטל 3

# אין די נעגל פון נאַציישן אָקופּאַנט

### די ערשטע כוואַליעס פון טעראָר

נישט געקוקט אויף דעם אומרו, וועלכער האָט באַהערשט די יידן אין וואַרשע נאָכן אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי, האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג אָפּגעאָטעמט נאָך דעם קאָשמאַר פון דער באַלאַגערונג און פון די באָמבאַרדי־רונגען.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז אין משך פון די ערשטע צוויי חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די יידן אין וואַרשע נישט געפילט נאָך די גרוילן פון היטלעריסטישן טעראָר. די נאַצישע הערשער האָבן שוין דאַן, פון אָנהויב אָן, אָנגעווענדעט לגבי יידן די טאַקטיק פון צביעות און אָפּנאַרעריי. זיי האָבן, אין פאַרשידענע שמועסן, דערקלערט, אַז "יידן האָבן נישט קיין גרונט מורא צו האָבן פאַר רעפּרעסיעס"...

זיי האָבן אין אָנהויב "שטודירט" די לאַגע און מיט דער דייטשער פּרעציזקייט געגרייט, סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק, זייער דיסקרימינאַציע־ און אונטער־דריקונגס־פּאָליטיק קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן אָבער, שוין אין די ערשטע טעג, אָנגעהויבן צו איזאָלירן יידן און זיי אָפּטיילן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע איזאָלירונגס־פּאָליטיק האָבן מיר גלייך דערפילט אויפן געביט פון סאָציאַלער אַליינהילף. אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג האָט די יידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ענג מיטגעאַרבעט מיט דעם פּוילישן "קאָמיטעט פון סאָציאַלער אַליינהילף" און באַקומען פון אים אַ געוויסע הילף. געציילטע טעג נאָך זייער אַריינמאַרש האָבן די דייטשן פאַרווערט די דאָזיקע מיטאַרבעט. מיר איז אָבער געלונגען אַ דאַנק מיינע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע פּעדאַגאָגן, צו שטיין אַ לענגערע צייט אין קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פאַר קינדערשוץ אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון סאָציאַלער שוץ פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט.

אין די ערשטע וואָכן און חדשים איז דער טעראָר געווען געווענדעט מער קעגן דער פּוילישער באַפעלקערונג ווי קעגן דער יידישער. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן צווישן די פירער און טוער פון פּוילישע פּאָליטישע פּאַרטייען און קעגן דער פּוילישער אינטעליגענץ. אַ באַזונדער שווערן רושם האָט געמאַכט

דאָס אַרעסטירן פון 180 פּראָפּעסאָרן און דאָצענטן פון דעם עלטסטן פּוילישן אוניווערסיטעט אין קראָקע, פון דעם "יאַגיעלאָנישן אוניווערסיטעט". זיי זענען אַלע פאַרשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַ גרויסער טייל פון זיי איז דאָרט אומגעקומען.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן און געיעגן ("לאַפּאַנקעס") אויף די גאַסן, אין די באַנען און טראַמווייען. אין נאָוועמבער 1939 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשע "באַקאַנטמאַכונגען" אויף די גאַסן מיט די נעמען פון דערשאָסענע פּוילישע טוער — "פאַר באַהאַלטן געווער" אָדער פאַר "סאַבאָטאַזש". סוף אָקטאָבער 1939 איז אַרעסטירט געוואָרן דער מוטיקער שטאָט־פּרעזידענט פון וואַרשע, סטעפאַן סטאַרזשינסקי. ער איז שוין נישט צוריקגעקומען.

## די ערשטע מאַסן־מאָרדן

סוף נאָוועמבער 1939 איז פאָרגעקומען דער ערשטער בלוטיקער טעראָר־אַקט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אין אַ הויז אויף דער הויפּטגאַס פון דער יידישער געגנט, אויף נאַלעווקעס 9, זענען אַרעסטירט געוואָרן צוויי און פופציק יידן, כלומרשט פאַר דערהרגענען אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און פאַר "ווידערשטאַנד קעגן די מאַכט־אָרגאַנען". אַלע צוויי און פופציק יידן זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן און די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע אין דער הויך פון אַ פערטל מיליאָן זלאָטי. איך געדענק, אַז דער דאָזיקער ערשטער מאַסן־מאָרד האָט אויף אונדז אַלע געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

סוף דעצעמבער 1939 איז פאָרגעקומען אַ נייער מאַסן־מאָרד. אין דאָרף וואַווער, ביי וואַרשע, איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן שיכורים. בעת דעם געשלעג זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי קרימינעלע טיפּן און צוויי דייטשע זשאַנדאַרמען. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן גלייך אַרעסטירט הונדערט און זיבן אומשולדיקע מענטשן, צווישן זיי צען יידן, און אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. דער דאָזיקער מאָרד האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג. אויף די גאַסן פון וואַרשע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע לאָזונגען פון די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס: "נקמה פאַר וואַווער!"

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז געציילטע וואָכן נאָך דעם, ווי וואַרשע איז פאַרנומען געוואָרן האָט שוין אָנגעהויבן צו דערשיינען די ערשטע פּוילישע קאָנספּיראַטיווע צייטשריפט: פּ ו י ל ן ל ע ב ט ! עס האָט זי אַרויסגעגעבן איינע פון די ערשטע פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס: "די קאָמענדאַנטור צו פאַרטיידיקן פּוילן" (ק.אָ.פּ.). דער רעדאַקטאָר איז געווען דער פּוילישער ליטעראַט וויטאָלד הולעוויטש, וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. עס איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז צווישן די מיט־

אַרבעטער פון דער צייטשריפט, צווישן די ערשטע פוילישע קאָנספּיראַטיווע פּובליציסטן, זענען געווען די זייער באַקאַנטע קאַטוילישע ראָמאַנען־שרייבערין, זאָפיאַ קאָסאַק־שטשוצקאַ, וועלכע איז שפּעטער געווען איינע פון די איניציאַטאָרן פון דער הילפס־אַרבעט פאַר יידן, און דער קאַטוילישער פּובליציסט, וויטאָלד ביענקאָווסקי, וועלכער איז שפּעטער געשטאַנען בראש פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים ביי דער לאַנד־דעלעגאַטור פון דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן און האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דעם "פוילישן ראַט צו העלפן יידן" (זשעגאָטאַ).

צום סוף פון יאָר 1939 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די פוילישע אונטער־ערדישע צייטשריפט אינפאָרמאַציע ביולעטין, דער אָרגאַן פון דער גרויסער, געהיימער, פוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע "דער פאַרבאַנד פון באַוואָפנטן קאַמף" (ז.וו.ז.), וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די אונטערערדישע פוילישע לאַנד־אַרמיי (אַרמיאַ קראַיאָוואַ — אַ.ק.). די צייטשריפט איז שפּעטער געוואָרן דער פּאָפּולערסטער קאָנספּיראַטיווער פוילישער פּרעסע־אָרגאַן, וועלכער האָט אין יאָר 1943 דערגרייכט דעם טיראַזש פון 50 טויזנט עקזעמפּליאַרן. ער איז מיט אַ גרויסן אינטערעס געלייענט געוואָרן אויך אין וואַרשעווער געטאָ. זיין הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען דער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער קאַמינסקי (הובערט), איינער פון די הויפּט־פירער פון דער גרויסער פוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאָלפן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) איז געווען מיט אים אין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען.

איינע פון די ערשטע פוילישע אונטערערדישע אַנטיהיטלעריסטישע אָרגאַני־זאַציעס האָט געהייסן "פוילישע פאָלקס־אַקציע פאַר אומאָפּהענגיקייט" (פּ.ל.אַ.ן.). איינער פון אירע פירער איז געווען אַ יונגער, דאַן 20־יעריקער קאָנספּיראַטיווער טוער פון יידישער אָפּשטאַמונג, קאַזימיעזש אַנדזשעי קאַט. מיט זיין נאָמען און קאַמף איז פאַרבונדן דער מאָרד פון הונדערט פאַרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע.

**די קאַט־טראַגעדיע**

דעם 18־טן יאַנואַר 1940 איז אויף די גאַסן פון וואַרשע דערשינען אַ "באַקאַנט־מאַכונג" פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, אַז עס ווערט געזוכט אַ געוויסער ק. א. קאַט און אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ פּרעמיע פון צוויי טויזנט זלאָטי פאַר יעדן, וואָס וועט איבערגעבן אַן אינפאָרמאַציע וועגן זיין אויפגעהאַלט. אויף דעם פּלאַקאַט איז אויך געווען זיין פאָטאָגראַפיע. גלייכצייטיק האָבן די פירער פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים אין געסטאַפּאָ, מענדע און בראַנדט, זיך געווענדעט מיט אַ פאָדערונג צום פאָרזיצער פון יודנראַט אין וואַרשע, אַדאַם טשערניאַקאָוו, אַז די יידן זאָלן אַרויסגעבן דעם "ייד" קאַט. אויב זיי וועלן די

פאָדערונג נישט אויספּילן וועלן אַרעסטירט ווערן הונדערט יידן.
ווער איז געווען קאָט? ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1919 אין אַ פּאָלשטענדיק אַסימילירטער, יידישער, אינטעליגענטער משפּחה. אין דער גימנאַזיע איז ער שוין געווען אַקטיוו אין אַ פּוילישער דעמאָקראַטישער שילער־אָרגאַניזאַציע. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע איז ער אַרויסגעפאָרן אויף אוניווערסיטעט־שטודיען קיין ענגלאַנד, אין יאָר 1937, כדי נישט צו ליידן פון די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן. ער האָט שטודירט סאָציאַל־פּאָליטישע וויסנשאַפטן אויף דעם אוניווערסיטעט אין ליווערפּול. פון דאָרט האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין די צייטשריפטן פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.
אין יאָר 1939, פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, קומט ער צוריק קיין פּוילן און קעמפט, אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי קעגן דער היטלעריסטישער אינוואַזיע. גלייך נאָך דעם, ווען די הויפּטשטאָט פון פּוילן איז אָקופּירט געוואָרן, שליסט זיך דער יונגער קאָט אָן אין דער פּוילישער אונטער־ערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין די ראַמען פון דעם דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד פּ.ל.א.ן. אַלס אַ זייער ענערגישער, מוטיקער יונגער מאַן ווערט ער איינער פון די מחברים פון דער אידעאָלאָגישער דעקלאַראַציע פון פאַרבאַנד און ווערט באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון איר קאַמפּס־אָפּטיילונג. ער נעמט אָנטייל אין אַ פּאָר סאַבאָטאַזש־אַקטן און העלפט צו שאַפן די ערשטע געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אָנהויב יאַנואַר 1940 ווערט ער, צוליב אַ מסירה פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ און געבראַכט אין די געסטאַפּאָ־צענטראַלע אויף דער שוכאַ גאַס. דאָרט באַווייזט ער ווידער זיין מוט און ענערגיע. עס געלינגט אים צו אַנטלויפן. דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע פאַלן, אַז עמעצן זאָל געלינגען צו אַנט־לויפן פון דער געסטאַפּאָ־צענטראַלע. ער אַנטלויפט פון וואַרשע קיין לעמבערג, אין גאַליציע, און פון דאָרט קיין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרט איז ער אומגעקומען.
די געסטאַפּאָ האָט גלייך אַרעסטירט זיין גאַנצע משפּחה. זיינע עלטערן און שוועסטער האָט מען שפּעטער אומגעבראַכט בעת די אַקציעס אין וואַרשעווער געטאָ. די פּוילישע אונטערערדישע טוערין, מאַריאַ בראָדאַצקאַ, די טאָכטער פון דעם פּוילישן גענעראַל, יאַקסאַ־ראָזשען, ביי וועלכער קאָט האָט זיך אַ קורצע צייט אויסבאַהאַלטן נאָך זיין אַנטלויפן פון דער געסטאַפּאָ־צענטראַלע, איז דערשאָסן געוואָרן.
פאַרשטייט זיך, אַז דער יודנראַט האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג, ווו געפינט זיך קאָט און אַפילו, ווער ער איז. דאַן האָט די געסטאַפּאָ איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ באַשטימטן טאָג הונדערט יידישע אַדוואָקאַטן, מעדיצין־דאָקטוירים, אינזשיניערן, לערער און אַנדערע פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ. צווישן די איינגעלאַדענע איז אויך געווען מיין גוטער באַקאַנטער און עמנואל רינגעלבלומס אינטימער פריינט, דר. שמעון לובעלסקי. די ידיעה האָט אונדז

אַלע געטראָפן ווי אַ דונער. איך געדענק, אַז ער האָט זיך באַראַטן סיי מיט רינגעלבלומען און סיי מיט מיר און מיט באַשיען וואָס ער זאָל טאָן. איך געדענק די גורלדיקע שמועסן אין אַ פיבערהאַפטער שטימונג. מיר אַלע האָבן אים געראָטן נ י ש ט צו מעלדן זיך אין געסטאַפּאָ און גלייך אויסבאַהאַלטן זיך, אויסער וואַרשע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ "איינלאַדונג" איז פאַרבונדן מיט טויט־געפאַר. מיר האָבן שמועסן ממש ליב געהאַט. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו מעלדן זיך, כדי נישט צו באַדראָען דאָס לעבן פון זיין פרוי און זייער טעכטערל. זיין פרוי איז דאַן געווען שוואַנגער. ער האָט זיך געמאָלדן אין געסטאַפּאָ און מער האָבן מיר אים נישט געזען.

כמעט אַלע איינגעלאַדענע האָבן זיך צוגעשטעלט, צוליב ענלעכע מאָטיוון, כדי נישט צו באַדראָען זייערע משפחות. אַ טייל פון זיי האָט נאָך, ביים אָנהויב פון דער נאַצישער הערשאַפט, געהאַט אילוזיעס, אַז אויב זיי זענען גלייך נישט אַרעסטירט געוואָרן, נאָר איינגעלאַדן געוואָרן, איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג... זיי זענען וואַרשיינלעך אַלע גלייך דערשאָסן געוואָרן. אָבער דער יודנראַט האָט, נאָך אַ ריי אינטערווענצן, באַקומען פון דער געסטאַפּאָ די ידיעה וועגן זייער טויט ערשט אין חודש אויגוסט 1940.

דער אַרעסט און טויט פון די הונדערט האָט געהאַט אַ השפעה אויף מיין לעבן און גורל. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען דער אַדוואָקאַט בריאַנסקי, דער דירעקטאָר פון דער קינדערשוץ־אָרגאַניזאַציע צענטאָס. איך בין גלייך באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס און האָב אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געוואַקסן ממש פון וואָך צו וואָך, ביזן סוף פון דער ערשטער גרויסער אַקציע, ביז דער פאַרניכטונג פון אַלע העכער הונדערט קינדערשוץ־אינסטיטוציעס און ביזן אומקום פון הונדערט טויזנט קינדער פון וואַרשעווער געטאָ.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרעסט פון די הונדערט, איינער פון די ערשטע אַקטן פון אַנטי־יידישן, נאַצישן טעראָר, האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם אויף די יידישע מאַסן.

**די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן**

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זענען די ערשטע וואָכן פון דער דייטשער הערשאַפט אין וואַרשע געווען, לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, פאַרהעל־טנישמעסיק רואיקע. אַ געוויסער איבערברוך איז פאָרגעקומען דעם 1־טן דעצעמבער 1939, ווען די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן דאַרפן טראָגן אַ יידישן אָרעם־באַנד (אַן אָפּאַסקע): אַ בלויען מגן־דוד אויף אַ ווייסן פאָן. דאָס איז געווען די וואַרשעווער "געלע לאַטע".

אין חודש נאָוועמבער 1939 האָט די ס.ס.־אָנפירונג געפּרוווט צו שאַפן אַ געטאָ. האָבן די יידישע אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אַ גרויסן אַליאַרם, געשיקט דעלעגאַציעס צו די קאָמענדאַנטן פון דער דייטשער ווערמאַכט, וועלכע האָט,

ביים אָנהויב פון דער אָקופּאַציע, געשפּילט נאָך אַ דעצידירנדיקע ראָל, אַליאַרמירט אויך די צענטראַלע דייטשע מאַכט־אָרגאַנען אין קראָקע, דער הויפּטשטאָט פון דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט און עס איז געלונגען ״אָפּצו־שרייען״ די גזירה, אָפּצולייגן זי אויף אַ יאָר צייט. דאָס וואַרשעווער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין נאָוועמבער 1940.

אַנדערע גזירות אָבער זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער. נאָך אין אָנהויב נאָוועמבער 1939 איז פאַרעפענטלעכט געוואָרן די דייטשע פאַראָרדנונג וועגן קאָנפיסקירן אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. דאָס איז געווען פאַר אַלע אַ שווערער קלאַפּ. די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען דאָך געווען דער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פון אַלע אייראָפּעיִשע לענדער, די איינציקע בריק צו דער ברייטער וועלט. פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס געווען אַ דאָפּלטער קלאַפּ. איך האָב שטענדיק זייער ליב געהאַט מוזיק. זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבן מיר געלעבט אין אַ גרויסער שפּאַנונג. מוזיק איז געווען פאַר מיר און געבליבן ביזן היינטיקן טאָג, דער קוואַל פון אַנטשפּאַנונג, פון אַ געוויסער באַרואיִקונג. נאָך שווערע און, זייער אָפּט, דראַמאַטישע טעג, האָבן מיך אַ ביסל באַרואיִקט די נאַכט־קאָנצערטן, וועלכע איך האָב געהערט דורכן ראַדיאָ פון פאַרשידענע שטעט. מיט אַ שווער האַרץ האָב איך געטראָגן מיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט צום זאַמל־פּונקט. אָבער נישט אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן. אַ ריי טוער פון פּוילישע און יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויסבאַהאַלטן און פאַרגראָבן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין די קעלערס. שפּעטער, ווען סיי די פּוילישע און סיי די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרקער און ברייטער זענען די דאָזיקע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן געווען דער הויפּט־קוואַל פון ידיעות פאַר די צענדליקער געהיימע ״ראַדיאָ־ביולעטינען״, וועלכע האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אויך אין וואַרשעווער געטאָ. איך האָב ליידער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצו־באַהאַלטן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1939 זענען געוואָרן אַלץ אָפטער די אָנפאַלן פון דייטשע זשאַנדאַרמען און וועדמאַכט־זעלנער אויף יידן אין די גאַסן, באַזונדער אויף די אָרטאָדאָקסישע און חסידישע יידן. די זשאַנדאַרמען און זעלנער האָבן געשניטן זייערע בערד און פּיאות, געשלאָגן זיי, געוואָרפן די היטלען פון קאָפּ, געצווונגען צו מאַכן ״גימנאַסטיק״ און אויף פאַרשידענע אַנדערע אופנים געמאַכט אַלץ, כדי צו דערנידריקן און צו באַליידיקן די יידן.

אַ באַזונדערע, שרעקלעכע פּלאָג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען די רויב־אָנפאַלן אויף די יידן און יידישע געשעפטן פון באַנדעס פּוילישע אונטערוועלט־מענטשן און כוליגאַנעס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צום סוף פון יאָר 1939, פאַרשטאַרקט אין יאַנואַר 1940 און מיט איבעררייסן, געדויערט כמעט דאָס גאַנצע יאָר 1940, ביז דער שאַפונג פון געטאָ אין נאָוועמבער 1940. אין מערץ און אין אַפּריל 1940, באַזונדער אין די פּסח־טעג, זענען דאָס געווען

אמתע פּאָגראָמען, וועלכע עס האָבן אַדורכגעפירט גרויסע באַנדעס, צו קנאַפּע 500 יונגע כוליגאַנעס און אויסוואורפן.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די דאָזיקע באַנדעס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די נאַציס, וואָס האָבן זיי געגעבן נישט בלויז די פולע פרייהייט צו שלאָגן יידן און צו רויבן דאָס יידישע האָב און גוטס, נאָר ג ע צ א ָל ט זיי פאַר די עקסצעסן און רויב־אָנפאַלן אַ ט ע ג ל ע כ ן ל ו י ן, אין געלט און אין פּראָדוקטן (ברויט, פלייש און אַ האַלבן ליטער וואָדקאַ).

עס איז גלייכצייטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין דער אָרגאַניזירונג פון די פּאָגראָם־באַנדעס האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען די פוילישע פאַשיסטיש־אַנטי־סעמיטישע גרופּירונגען, די "פאַלאַנגאַ" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די היטלעריסטישע פּרעסע אין דער פוילישער שפּראַך, ווי די שונד־צייטונג נ אָ ו וי ק ו ר י ע ר ו וא ַ ר ש אַ ו ו ס ק י (דער נייער וואַרשעווער קוריער), די ספּעציעלע אַנטיסעמיטישע צייטשריפט אַ ט אַ ק און אַ סך אַנדערע נאַציש־אַנטיסעמיטישע אויסגאַבן, בראָשורן, פלאַקאַטן און פלוגבלעטלעך, אין דער פוילישער שפּראַך, האָבן זיך באַמיט צו צעפלאַקערן דאָס פייער פון אַ זאָאָלאָגישער שנאה צום יידישן פאָלק און צו די יידישע מאַסן אין פוילן. די נאַציס האָבן אָרגאַניזירט ספּעציעלע אַנטי־יידישע אויסשטעלונגען. אַלס באַזע פאַר זייער טעטיקייט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט די געוויסע ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין דער פוילישער געזעלשאַפט.

די סאָציאַלע באַזע פון די פוילישע פּאָגראָמשטשיקעס איז באַשטאַנען פון לומפּנפּראָלעטאַריער, אַרבעטסלאָזע און אָפּטמאָל פון פאַרוואָרלאָזטע יוגנטלעכע פון דער אַנאָפּאָלער געגנט.

שפּעטער, נאָך די אַקציעס אין געטאָ, ווען טויזנטער יידן זענען אַריבער אויף דער אַרישער זייט, האָבן זיך פון די זעלבע קרייזן רעקרוטירט די פוילישע שאַנטאַזשיסטן ("שמאַלצאָוניקעס") און פוילישע געסטאַפּאָ־ און קריפּאָ ("קרימינאַל־פּאָליציי")-אַגענטן, וועלכע האָבן דערפירט טויזנטער יידן צום טויט.

די פוילישע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אונטערערדישע פּרעסע האָט שוין דאַן, אין יאָר 1940, שאַרף געשטעמפּלט די פוילישע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמשטשיקעס און יעדע פאָרם פון מיטאַרבעט מיט דער אַנטי־יידישער, היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָגראָם־טעטיקייט.

ווען די אַנטי־יידישע עקסצעסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין פּאָגראָמען, איז ביי אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט רייף געוואָרן דער געדאַנק פון יידישער זעלבסטשוץ. עס דאַרף דערמאָנט ווערן מיט אָנערקענונג, אַז אין אַפּריל 1940, ווען עס האָבן געבושעוועט די באַנדעס, האָט די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בונד, וועלכע האָט פאַרמאָגט מיליץ־גרופּן נאָך פון פאַר דער מלחמה, מאָבּיליזירט איר מיליץ, און צוזאַמען מיט גרופּן פון יידישע טרעגער, טראַנספּאָרט־אַרבעטער און קצבים, אַרויס אויף די גאַסן. זיי

האָבן מיט שטעקנס, אייזנס און אַנדערע מכשירים, גוט אָנגעבראָכן די ביינער פון די פּאָגראָמשטשיקעס. די בלוטיקע געשלעגן האָבן געדויערט לאַנגע שעהען. עס זענען געווען פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן. דער אַקטיווער יידישער ווידער־שטאַנד האָט אַ ביסל אָפּגעקילט די צעהיצטע געמיטער פון די כוליגאַנעס.

אין יאָר 1940, נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, האָבן נישט געפעלט אויך אַנדערע צרות און גזירות. אין יאַנואַר 1940 איז אַרויס די דייטשע פאַראָרדנונג, וואָס פאַרווערט די יידן צו פאָרן אין די באַנען.

דאָס איז געווען אַן ערנסטער קלאַפּ פאַר יידן בכלל און באַזונדער פאַר יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט זיי זייער באַשווערט אָנצו־האַלטן אַ רעגלמעסיקן קאָנטאַקט צווישן וואַרשע און אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן. באַשווערט די טעטיקייט פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג.

אין פעברואַר 1940 איז געקומען נאָך אַ גרעסערע צרה. די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן איינגעפירט דעם אַרבעטס־צוואַנג פאַר יידן און עס זענען געשאַפן געוואָרן צענדליקער אַרבעטס־לאַגערן. די מאָביליזירונג פון יידישע אַרבעטער אין די דאָזיקע צוואַנגס־לאַגערן האָט אַדורכגעפירט די אַרבעטס־אָפּטיילונג פון יודנראַט. שוין אין דער העלפט פון יאָר 1940 זענען אַרום פערצן טויזנט יידישע יונגע לייט פאַרטריבן געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן. אין יאָר 1941, שוין נאָך דער שאַפונג פון געטאָ, האָבן געשמאַכט און געאַרבעט אין העכער פופציק לאַגערן מער ווי 30 טויזנט יידישע אַרבעטער. זיי האָבן דאָרט געלעבט און געאַרבעט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. ממש אין בלאָטע, כמעט נאַקעט און באָרועס, אָן די מינימאַלסטע סאַניטאַרע איינריכטונגען, געשלאָגן און געפּייניקט דורך אוקראַיִנישע און פּוילישע לאַגערן־וועכטער, אין באַדינגונגען, וועלכע האָבן גלייך אַרויסגערופן עפּידעמיעס — האָבן די לאַגערן פאַרוואַנדלט דאָס לעבן פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער אין אַ גיהנום. פאַר אַ טייל פון זיי זענען די אַרבעטס־לאַגערן שוין דאַן, פאַר די אַקציעס, געוואָרן טויט־לאַגערן. טויזנטער פון די יונגע לאַגעריסטן זענען געשטאָרבן פון די עפּידעמיעס און פון הונגער.

די גזירה פון אַרבעטס־צוואַנג און פון די אַרבעטס־לאַגערן האָט אַנטפּלעקט, אין זייער פולער גרויזאַמקייט, דעם סאָציאַלן תהום אין דער יידישער געזעלשאַפט. די זין פון די רייכע און פאַרמעגלעכע יידישע משפחות האָבן געקאָנט אויס־קויפן זיך פון דעם אַרבעטס־צוואַנג פאַר היפּשע געלט־סומעס. די צענדליקער טויזנטער קרבנות פון די אַרבעטס־לאַגערן זענען געווען מענטשן פון דער יידישער אָרעמקייט, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מינימאַלסטע מעגלעכקייט זיך אויסצוקויפן. דער תהום צווישן אָרעם און רייך איז געווען הימלשרייענדיק שוין אין 1940 יאָר און נאָך שאַרפער אויף פאַרשידענע געביטן, אין געטאָ. דערצו איז דער אַרבעטס־צוואַנג און די מעגלעכקייט אויסצוקויפן זיך פון אים געוואָרן איינער פון די קוואַלן פון דער קאָרופּציע און דעמאָראַליזאַציע פון אַ סך יודנראַט־באַאַמטע, פון די יידישע וועכטער פון די אַרבעטס־באַטאַליאָנען,

און שפּעטער, אין נאָך אַ גרעסערער מאָס, פון דער געטאָ־פּאָליציי. איך וועל נישט פאַרגעסן די דעמאָנסטראַציעס פון די פרויען און מוטערס פון די לאַגעריסטן, אין אָקטאָבער 1940, פאַר דער געבײַדע פון דעם יודנראַט, נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ. דאָס זענען געווען האַרץ רײַסנדיקע סצענעס. די הונדערטער פרויען האָבן הויך געוויינט און געפּאָדערט צו באַפרייען זייערע זין און מענער פון די לאַגערן.

די יידישע אָרגאַניזאַציעס, און בראש פון זיי, די לאַנד־אָנפירונג פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף האָבן אַלאַרמירט פאַרשידענע מאַכט־אָרגאַנען וועגן דער שרעקלעכער לאַגע אין די אַרבעטס־לאַגערן, פאַרשאָטן זיי מיט מעמאָראַנדומס, דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. די דײַטשן האָבן געזען אין די דאָזיקע לאַגערן איינעם פון די מיטלען צו פאַרטיליקן יידן, פּונקט ווי דורך דעם אָרגאַניזירטן הונגער און דורך עפּידעמיעס אין געטאָ.

זיי האָבן אָבער סוף־סוף פונאַנדערגעלאָזט דעם רוב פון די אַרבעטס־לאַגערן ערשט דאַן, ווען ביי די העכסטע אינסטאַנצן פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי און פון ס.ס. איז רייף געוואָרן דער באַשלוס וועגן דער "ענדלייזונג פון יידן־פּראָבלעם" דורך די מאַרד־אַקציעס, דורך טויט־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס. און ווידער איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויך דער טויט פון די טויזנטער יונגע לאַגעריסטן אין די העכער פופציק אַרבעטס־לאַגערן האָט צאָלמעסיק אָפּגעשוואַכט דעם פּאָטענציאַל פון די צוקונפטיקע געטאָ־קעמפער און יידישע אויפשטענדלער.

### די טראַגעדיע פון יידישע פליטים

איינע פון די גרויזאַמסטע נאַציסטישע גזירות, וועלכע האָבן פּאַראַלעליקט הונדערטער טויזנטער יידן נאָך פאַר די אַקציעס און טויט־לאַגערן, איז געווען די פליטים־גזירה. גלייך נאָך דעם, ווען די ווערמאַכט האָט אָקופּירט פּוילן, זענען די מערבדיקע קאַנטן פון פּוילן, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון צענטראַל פּוילן אָנגעשלאָסן געוואָרן אָן דעם דײַטשן רייך, אין דער פאָרם פון אַ באַזונדערן "וואַרטעלאַנד" און פון אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע איינהייטן. אַ גרויסער טייל פון די יידישע מאַסן איז נאָך אין די לעצטע חדשים פון 1939 אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אינעם רייך. מען האָט זיי געטריבן אין די שטעט פון דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט, באַזונדער קיין וואַרשע.

ביז סוף יאַנואַר 1940 זענען געקומען קיין וואַרשע אַרום פערציק טויזנט יידישע פליטים, אָבער די פליטים־כוואַליעס האָבן געדויערט, כמעט אומאויפהערלעך, אין יאָר 1940 און אויך אין 1941, ווען עס האָט שוין עגזיסטירט דאָס וואַרשעווער געטאָ. די צאָל פון פליטים האָט איבערגעשטיגן הונדערט און פופציק טויזנט! די איבערוויגנדיקע מערהייט פון זיי איז באַרויבט געוואָרן דורך

די דייטשן פון זייער האָב און גוטס און האָט זיך געפונען אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער מאַטעריעלער לאַגע, ממש נאַקעט און באָרוועס און הונגעריק.

איך געדענק, אַז דאָס פּליטים־פּראָבלעם איז געוואָרן פאַר דער יידישער סאָציאַלער שוץ, און אויך פאַר דעם קינדערשוץ, איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען. דאָס שאַפן פאַר די מאַסן פּליטים אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאָס פאַרזיכערן זיי דעם מינימום פון עגזיסטענץ האָט ווייט איבערגעשטיגן די מענטשלעכע כוחות פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. אַ גרויסער טייל פון די פּליטים־פּונקטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין "הייזער פון טויט". די שטערבלעכקייט צווישן די פּליטים און פּליטים־קינדער איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע.

דאָס איז געווען דער ציל פון די מאַכט־האָבער. זיי האָבן צילבאַוווּסט און פּלאַנ־מעסיק געטריבן הונדערטער טויזנטער יידן פון שטאָט צו שטאָט, און שפּעטער פון איין געטאָ אין אַן אַנדערן, כדי צו צעברעכן די מאַסן יידן פיזיש און גייסטיק, צו דערפירן זיי צו אַ פולשטענדיקער אָנמאַכט און צום טויט. די דייטשן האָבן אויך געוווּסט, אַז דאָס קאָנצענטרירן אין וואַרשעווער געטאָ אַזאַ ריזיקע צאָל פון פּליטים וועט נאָך מער פאַרערגערן די לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער יידן, וועט נאָך שרעקלעכער מאַכן דעם הונגער, די עפּידעמיעס און די מאַסן־שטערבלעכקייט.

עס אונטערליגט אויך נישט קיין ספק, אַז די פירער פון ס.ס. און פון געסטאַפּאָ האָבן דערביי געהאַט אַ קאָנקרעטן ציל — צו דערפירן די יידישע מאַסן צו אַזאַ פיזישן און פסיכישן צושטאַנד, זיי זאָלן נישט זיין פעאיק צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

## דער אָנהויב פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג

איך האַלט פאַר מיין חוב אונטערצושטרייכן, למען דעם היסטאָרישן אמת, אַז דער דופק פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, האָט אין פּוילן, און באַזונדער אין וואַרשע, געקלאַפּט, אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער הערשאַפט, כמעט אָן אַן איבעררייס. איך זאָג כמעט, ווייל עס זענען געווען צוויי קורצע צייט־אָפּשניטן, ווען דאָס יידישע פּאָליטישע לעבן איז אויף אַ געוויסער צייט פּאַראַליזירט געוואָרן. דער ערשטער איבעררייס איז געווען, ווען די דייטשע חיילות האָבן אָקופּירט פּוילן און באַזעצט די הויפּטשטאָט. דער שאָק, וועלכן עס האָט אַרויסגערופן סיי די באַלאַגערונג און סיי די באַהערשונג פון וואַרשע דורך דער ווערמאַכט, דורך ס.ס. און געסטאַפּאָ, האָט אויף אַ פּאָר חדשים פּאַראַליזירט די פּאָליטישע טעטיקייט פון די יידישע פּאַרטייען.

די יידישע סאָציאַלע שוץ און אַליינהילף איז געווען, ווי געזאָגט, טעטיק, אָן אַ מינימאַלסטן איבעררייס, אויך אין די באַדינגונגען פון באַלאַגערונג און באָמבאַר־

דירונג און נאָך דער באַהערשונג פון וואַרשע דורך די נאַציס. עס האָבן זיך אין איר אַקטיוו באַטייליקט טוער פון כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען, אָבער די פּאָליטישע טעטיקייט איז באַנייט געוואָרן ערשט אין אָנהויב פון 1940 יאָר. אַ געוויסע השפּעה האָט דערביי געהאַט דער אָפּפלוס פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פּאָליטישן אַקטיוו מיטן מאַסן־געלויף אויף מזרח.

די צווייטע קורצע פּאַזע פון דער פּאַראַליזירונג פון פּאָליטישן לעבן איז געווען בעת דער ערשטער אַקציע פון סוף יולי 1942 ביז אָנהויב סעפּטעמבער 1942, אין דער צייט פון די אומאויפהערלעכע בלאָקאַדעס און געיעגן אויף מענטשן, ווען צוזאַמען מיט די העכער דריי הונדערט טויזנט יידן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן בלוטיקן שטראָם טויזנטער געזעלשאַפּטלעכע און פּאָליטישע טוער פון אַלע יידישע גרופּירונגען. אָבער שוין אין אָקטאָבער 1942 האָבן זיך די, ביים לעבן געבליבענע, יידן אין וואַרשעווער געטאָ אויפגעוועקט פון דעם פּאַראַליזי־רנדיקן קאָשמאַר, און די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס האָבן באַנייט זייער טעטיקייט, אין גייסט פון אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דאַן איז געשאַפן געוואָרן, אויף אַ ברייטער פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכער באַזע — די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און דער געהיימער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט.

לאָמיר זיך אָבער צוריקקערן צום יאָר 1940 צום אָנהויב פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. לאָמיר דערמאָנען די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן באַשווערט איר אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג. דאָס יאָר 1940 איז דאָך געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַ דייטשן פּאָרויסמאַרש אין אייראָפּע, פון גרויסע נצחונות פון דער ווערמאַכט. אין אַפּריל און מאַי 1940 באַהערשט זי דענעמאַרק, נאָרוועגיע, האָלאַנד און בעלגיע. אַ באַזונדערן שאָק האָט אַרויס־גערופן אין יוני 1940 די באַהערשונג פון פּאַריז און די קאַפּיטולאַציע פון פראַנקרייך.

דער אַלץ וואַקסנדיקער נאַצישער טעראָר ווערט אָנגעווענדעט אויך קעגן דער פּוילישער באַפעלקערונג. אין פעברואַר 1940 ווערן דערשאָסן דרייסיק פּוילישע פּאַטריאָטן אין וואַרשע, דריי און פערציק אין לובלין. אין חודש מאַי — אַ נייע כוואַליע פון טעראָר, אַרעסטן און דערשיסונגען. אין יוני 1940 ווערן דערשאָסן די באַקאַנטע פּוילישע פּאָליטישע טוער — דער פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), אַ פריינד פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, מיעטשיסלאַוו ניעדזיאַלקאָווסקי, און דער פירער פון דער ראַדיקאַלער פּויערים־פּאַרטיי, דער געוועזענער פּאָרזיצער פון פּוילישן פּאַרלאַמענט, מ. ראַטאַי.

דעם 15־טן יוני 1940 ווערט געשאַפן דער קאָנצענטראַציע־ און טויט־לאַגער אין אוישוויץ. מ׳שיקט דאָרט די ערשטע אַרעסטאַנטן. אין אויגוסט — אַ נייע כוואַליע פון מאַסן־אַרעסטן, וועלכע נעמט אַרום טויזנטער מענטשן. אין אויגוסט און אין די ווייטערדיקע חדשים פון 1940 יאָר ווערן דערשאָסן דריי

הונדערט און זעכציק פוילישע אונטערערדישע טוער און פּאַטריאָטן.

די דאָזיקע אַלע טעראָר־אַקטן מאַכן אַ שווערן רושם אויך צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. דערצו ווערט אַלץ שטאַרקער די אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פון געסטאַפּאָ און ס.ס. אויך לגבי יידן. עס הויבן אָן אַלץ מער צו בושעווען די ס.ס.־לייט, דער שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר די יידישע ענינים אין געסטאַפּאָ, גערהאַרד מענדע און באַזונדער זיין פאַרטרעטער, קאַרל געאָרג בראַנדט, וועלכער ווערט, מיט דער צייט, איינער פון די אכזריותדיקסטע הערשער אויף דער יידישער גאַס, שפּעטער — אַ תלין פון וואַרשעווער געטאָ.

אויך איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען בראַנדטן בעת זיין טעטיקייט. ער האָט אָנגעפירט מיט דער בלאָקאַדע און מיט דער סעלעקציע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און אָנגעשטעלטע, אויפן הויף פון דער יודנראַט־געביידע, בעת דער אַקציע, אין אויגוסט 1942. אויך איך און באַשיע זענען געשטאַנען אין די רייען און געזען בראַנדטן, ווען ער גיט די באַפעלן: "רעכטס! לינקס! רעכטס! לינקס!", די סעלעקציע־באַפעלן צום טויט אָדער, דערווייל, צום לעבן. דאַן זענען מיר, ממש על־פּי־נס געבליבן לעבן.

אין יאָר 1940 זענען אָבער אויך פאָרגעקומען אַנטוויקלונגען, וועלכע האָבן פּאָזיטיוו געווירקט אויף דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. עס זענען שטאַרקער און ברייטער געוואָרן די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַלער שוץ: די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף, די קינדערשוץ־אָרגאַניזאַציע — צענטאָס, די געזונדהייטס־שוץ־אָרגאַניזאַציע טאָז און אַ ריי אַנדערע. די אָרגאַניזאַציעס ווערן ביסלעכווייז די באַזע, דער זאַמלפּונקט און דער לעגאַלער דעקמאַנטל פאַר אונטערערדישער אַרבעט. צווישן די פירער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אַ סך טוער פון יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

אַ סטימולירנדיקע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג האָט אויך געהאַט דער גוואַלדיקער וווּקס פון פוילישע אונטערערדישע אַנטינאַצישע אָרגאַניזאַציעס. אויסער דעם אַלץ וואַקסנדיקן פאַרבאַנד פון באַוואָפנטן קאַמף (ז.וו.ז.), וועלכער איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין נאָוועמבער 1939, וואַקסן אין יאָר 1940, ווי אויף הייוון, צענדליקער פוילישע קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, פון אַלע שאַטירונגען. גענוג צו זאָגן, אַז אין יאָר 1940 זענען שוין דערשינען 84 (!) פוילישע אומלעגאַלע צייטשריפטן.

אויף די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָט געמאַכט אַן איינדרוק דער פאַקט, אַז עס האָבן באַנייט זייער טעטיקייט די פוילישע סאָציאַליסטן. דער רעכטער פליגל פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) שאַפט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע און צייטשריפט — "פרייהייט, גלייכהייט, אומאָפּהענגיקייט" (וו.ר.נ.). דער לינקער פליגל פון די פוילישע סאָציאַליסטן שאַפט די קאָנספּיראַטיווע צייטשריפט די פ ר ייה יי ט ־ ב אַ ר י ק אַ ד ע. בראש פון די לינקע סאָציאַליסטן זענען געשטאַנען: נאָרבערט באַרליצקי, דער געוועזענער

פרעזידענט פון דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש און דער יונגער, אויפגייענדיקער שטערן פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סטאַניסלאַוו דיבוא, אַ פריינט פון דער באַוועגונג פאַרן סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל.ביידע פאַלן אַריין אין די הענט פון געסטאַפּאָ און ווערן, נאָך אין יאָר 1940, אַרויסגעשיקט קיין אוישוויץ. דאָרט זענען ביידע אומגעקומען. דאַן האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון די לינקע פוילישע סאָציאַליסטן און די רעדאַקציע פון דער "פריי־הייט־באַריקאַדע" דער פוילישער היסטאָריקער און סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, ד"ר אַדאַם פּרוכניק, אויך אַ אָנהענגער פון דער אידעע פון אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. גראָד בראש פון דעם רעכטן פליגל פון פוילישע סאָציאַליסטן זענען געשטאַנען טוער, ווי זאַרעמבאַ, פּוזשאַק א.א., וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנטיציוניסטישע שטעלונג און נאָך פאַר דער מלחמה ענג צוזאַמענ־געאַרבעט מיטן בונד.

אַ סטימולירנדיקע ווירקונג האָט אויך געהאַט דער פאַקט, אַז אין יאָר 1940 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פוילישע אַנטינאַציִשע פּאַרטיזאַנישע גרופּן. בראש פון זיי איז געשטאַנען דער מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי, הענריק הובאַלאַ־דאָבזשאַנסקי.

נישט געקוקט אויף דעם אַלץ וואַקסנדיקן טעראָר באַנייען, שוין אין אָנהויב פון 1940, זייער טעטיקייט די יידישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. זיי פּאַסן זיך צו ביסלעכווייז צו די קאָנספּיראַטיווע אַרבעטס־מעטאָדן. אין יאָר 1940, נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, קומען פאָר אין וואַרשע אַ ריי וויכטיקע קאָנפערענצן: אין מערץ און מאַי פון השומר הצעיר. אין די פסח־טעג פון אַפּריל 1940 אַ וויכטיקע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אַקטיוו אין איר אָנטיילגענומען, אַלס אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

אין יוני 1940 איז פאָרגעקומען אַ לאַנד־סעמינאַר פון דרור און אין די יום־כיפור־טעג — די קאָנפערענץ פון דרור. אין מאַי 1940 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דעם אונטערערדישן ב י ו ל ע ט י ן פון בונד. זינט דעצעמבער 1939 איז געווען טעטיק דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד "ספּאַרטאַקוס".

איך דערמאָן זיך, אַז יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען און סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעצייכנט דעם אַרבעטער יום־טוב אין 1־טן מאַי מיט פייערלעכע געהיימע פאַרזאַמלונגען און גאַסן־"שפּאַצירן". אויך אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די אַרבעטער־פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס געפייערט דעם 1־טן מאַי. סיי אין יאָר 1941 און סיי אין 1942, אַפילו אין דער צייט פונעם אויפשטאַנד האָבן קאַמפס־אָפּטיילונגען, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען סאָציאַליסטישע, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטי־שע טוער, אָפּגעצייכנט דעם 1־טן מאַי דורך פאַרשטאַרקטע אָנגריפן קעגן די ס.ס. און זשאַנדאַרמען, נישט בלויז אין די נאַכט־שעהען, נאָר אויך בייטאָג.

עס איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז דעם 5־טן אָקטאָבער 1940, אַ חודש פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון געטאָ, איז געגרינדעט געוואָרן דורך דר. עמנואל רינגעלבלום דער געהיימער יידישער אַרכיוו, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיטן קריפּטאָנים עונג־שבת. אין געטאָ איז דער אַרכיוו פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנספּיראַטיווע פֿאַרצווייגטע, אויסערגעוויינלעך וויכטיקע אינסטיטוציע, וועלכע האָט נישט געהאַט אירס גלייכן אין קיין שום אָקופּירט לאַנד אין אייראָפּע. אויך דער עונג־שבת־אַרכיוו, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער וויסנשאַפֿטלער, שריפֿטשטעלער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער, מיט רינגעלבלומען בראש, איז געווען אַן אויסדרוק פֿון יידישן ווידערשטאַנדס־גייסט.

אויב עס גייט וועגן מיר פּערזענלעך, האָב איך געלעבט נאָך אין יאָר 1940, אָבער באַזונדער — אין געטאָ, מיט אַ דאָפּלט לעבן: אויף דער אויבערפֿלאַך בין איך געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פֿון צענטאָס, וואָס איז מיט יעדן חודש געוואָרן מער פֿאַרצווייגט און האָט מיך אַלץ מער אַבסאָרבירט. אונטער דער אויבער־פֿלאַך — בין איך געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג סיי אין דער קאָנספּיראַטיווער אָנפֿירונג פֿון די לינקע פּועלי־ציון, סיי שפּעטער, זינט דעם אָנהויב פֿון יאָר 1942 אין דעם אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק.

דאָס דאָפּלטע לעבן האָט געדויערט ביז דער גרויסער אַקציע, ביז אָנהויב סעפּטעמבער 1942, ווען אַלע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן זענען שוין פֿאַרניכטעט געוואָרן און די קינדער — אַרויסגעשיקט אין די טויט־לאַגערן.

קאַפּיטל 4

# צווישן די מויערן פון געטאָ

### די געטאָ־גזירה

דאָס שאַפֿן פון וואַרשעווער געטאָ און זיין שליסונג איז געווען אַן איבערברוך אין דעם לעבן פון הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער יידן און פּליטים פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך.

ווען פאָרשטייער פון דער ישראלדיקער פּרעסע אָדער פון ראַדיאָ האָבן מיך לעצטנס געפרעגט, וואָס פאַראַ בילדער פון געטאָ האָבן זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך געדענק זיי נאָך איצט, נאָך העכער דרייסיק יאָר, האָב איך געענטפערט: איך געדענק די פּאַניק און בהלה, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט הונדערטער טויזנטער מענטשן, ווען עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די דייטשע פאַראָרדנונגען, אַז יידן און מענטשן פון יידישער אָפּשטאַמונג (לויט די נאַציִשע אַריער־פּאַראַגראַפן), דאַרפן זיך גלייך אַריבערטראָגן אין דעם "יידישן וווין־פירטל". (די נאַציִשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אויסגעמיטן צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט "געטאָ").

איך געדענק די אומגלויבלעכע פעלקער־וואַנדערונג אויף די גאַסן פון וואַרשע, דעם ריזיקן שטראָם פון מענטשן, פון פאַרשידענע וועגענער מיט מעבל, בעט־געוואַנט און הויזגעשיר, פון טויזנטער קינדער־וועגעלעך. דער שטראָם איז געגאַנגען אין ביידע ריכטונגען, ווייל אויך טויזנטער פּוילישע משפּחות האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אין די יידישע געגנטן. איך וועל נישט פאַרגעסן די געטאָ־מויערן. זייער לענג האָט דערגרייכט אַכצן קילאָמעטער! זיי זענען געווען דריי און אַ האַלבן מעטער הויך אָבער נישט מער ווי זיבן און צוואַנציק צענטימעטער ברייט — בלויז איין ציגל. און די דאָזיקע ציגל איז געווען די גרענעץ צווישן לעבן און טויט! איך וועל נישט פאַרגעסן, ווי די דייטשע זשאַנדאַרמען און ס.ס.־לייט האָבן פון די געטאָ־מויערן געשאָסן אויף יידישע דורכגייער און באַזונדער אויף יידישע קינדער. דאָס איז געווען דער באַליבסטער נאַציִשער ספּאָרט... דאַן, ביים אָנהויב פון געטאָ האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט, אַז די געטאָ־מויערן זענען אַן אָנזאָג פון פעלקער־מאָרד. די היטלעריסטישע פאַרניכטונגס־מאַשין האָט ערשט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן.

ווען דאָס געטאָ איז פאַרשלאָסן געוואָרן, האָבן מיר דאָס אַלע איבערגעלעבט, ווי

אַ גוואַלדיקן שאָק. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי אין אַ ריזיקן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, וועלכע יידן דאַרפן אַליין אויסהאַלטן. אויך די געטאָ־מויערן האָבן יידן געמוזט בויען אויף זייער חשבון...

און דאָך, ווי מאָדנע און פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — נאָך דעם ערשטן שאָק, ווען מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן איינצוּאָרדנען און צופּאַסן צו די נייע געטאָ־באַדינגונגען, איז געקומען אַ געוויסע באַרואיקונג. אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, און באַזונדער די אָרטאָדאָקסישע און חסידישע קרייזן, זענען געווען אַפילו צופרידן. נאָך די כמעט אומאויפהערלעכע אַנטייידישע עקסצעסן און פּאָגראָמען פון די פּוילישע באַנדעס, נאָך די רויבערייען, געשלעגן און אָנפאַלן, באַזונדער אויף יידן מיט בערד און פאות, האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון יידן — אַזוי ווי אָפּגעאָטעמט אין געטאָ, געפילט זיך מער "היימיש"...

דאָס דאָזיקע געפיל האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. מיט דער צייט האָבן די הונדערטער טויזנטער יידן אָנגעהויבן צו שפּירן אויף דער אייגענער הויט די שרעקלעכע רעזולטאַטן פון דער באַוווסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער היטלעריס־טישער אונטערדריקונגס־ און אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי די יידן אין געטאָ. דאָס איז געווען אַ פּאָליטיק פון אויסהונגערונג, פון ענגשאַפט, פון שאַפן ציל־באַוווסט באַדינגונגען, וועלכע האָבן געמוזט פירן צו מאַסן־עפּידעמיעס.

דער נאַצישער גובערנאַטאָר פון דעם וואַרשעווער דיסטריקט, לודוויג פישער, האָט דערקלערט אַ לאַנגע צייט פ אַ ר די מאַסן־אַקציעס און פ אַ ר די טויט־לאַגערן: "די יידן וועלן שטאַרבן פון הונגער און פון נויט, און פון דער גאַנצער יידן־פראַגע וועט בלייבן בלויז אַ בית־עולם".

אַזוי איז עס, אין אַ גרויסער מאָס, געשען. די נאַצישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געטאָן סיסטעמאַטיש אַלץ, כדי צו דערפירן די יידן צום טויט, דורך הונגער, עפּידעמיעס און פאַרשידענע בלוטיקע טעראָר־אַקטן, גלייכצייטיק אָבער האָבן זיי אַ לענגערע צייט נישט אָנגערירט צו שטאַרק דאָס אינערלעכע געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין געטאָ, אַזוי ווי זיי וואָלטן געטראַכט — "זאָלן זיך די יידן פּרעגלען אין דעם אייגענעם זאַפט, סיי ווי סיי איז זייער גורל געחתמעט"...

אַ געוויסע צייט, ביז דער שרעקלעכער "בלוטיקער נאַכט" פון דעם 17 אויפן 18 אַפּריל 1942, וועלכע איז געווען דער אָנזאָג פון דער מאַסן־אַקציע, האָט אין וואַרשעווער געטאָ געהערשט אַ געפיל פון אַ געוויסער, זייער מאָדנער "אויטאָנאָמיע" אויף אַ ריי געביטן, פון אַ משונהדיקער און קאַריקאַטורעלער קליינער "יידישער מדינה"...

נאָך דער "בלוטיקער נאַכט", ווען די ס.ס. און געסטאַפּאָ־אַגענטן האָבן אַרויס־געצויגן פון די וווינונגען און דערשאָסן אויף די גאַסן צוויי און פופציק יידן, צווישן זיי אַ ריי געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו פילן אַז דאָס געטאָ ווערט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער — אַ טויט־לאַגער. אַ קורצע צייט נאָך דער "בלוטיקער נאַכט" האָט זיך, דעם 22־טן יולי 1942 אָנגעהויבן די גרויסע, שרעקלעכע ערשטע מאַסן־אַקציע.

איך האָב, ווי געזאָגט, נישט בדעה צו באַשרייבן אַלע פּאַזן פון דעם געטאָ־מאַרטירערטום אָדער איבערצוגעבן די טראַגישע געטאָ־סטאַטיסטיק. איך וויל אָבער אינפאָרמירן בלויז וועגן עטלעכע ציפערן, וועלכע שרייען העכער ווי לאַנגע באַשרייבונגען פון דעם געטאָ־גיהנום.

געגוג צו דערמאָנען, אַז אין יאָר 1941 האָבן די אָפיציעל צוגעטיילטע פּראָדוקטן פאַרמאָגט די פאָלגנדיקע צאָל קאַלאָריעס: פאַר דייטשן — 2.310; פאַר פּאָליאַקן 634; פאַר יידן — 184!

יידן האָבן באַקומען — 180 גראַם ברויט טעגלעך און 220 גראַם צוקער חודשלעך! פאַר דער שאַפונג פון געטאָ האָבן געוווינט דורכשניטלעך אין איין צימער — 7 יידן, אין געטאָ — 13!

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין יאַנואַר 1938 זענען געשטאָרבן אין וואַרשע 450 יידן, אין יאַנואַר 1940 — 3.200 יידן; אין יוני 1941 — אין געטאָ — 5.500 מענטשן! אין די שפּעטערדיקע חדשים איז די צאָל פון פאַרשטאָרבענע דערגאַנגען ביז 7.000 (!) חודשלעך! דער הונגער, די ענגשאַפט, די אַלץ וואַקסנדיקע עפּידעמיעס און די שרעקלעכע געטאָ־באַדינגונגען האָבן דערפירט דערצו, אַז ביז דער ערשטער פאַרניכטונגס־אַקציע, אין יולי 1942, זענען געשטאָרבן אין וואַרשע און אין וואַרשעווער געטאָ מער ווי 100.000 יידן!

אין פעברואַר 1942, עטלעכע חדשים פאַר דער אַקציע האָט מען געפונען אויף די גאַסן פון געטאָ 252 טויטע קערפּערס, פאַרדעקטע מיט פּאַפּיר: 79 מענער, 80 פרויען און 93 קינדער!

איך וועל נישט פאַרגעסן די שרעקלעכע ענגשאַפט, נישט בלויז אין די הייזער, נאָר אויך אויף די גאַסן פון געטאָ — דעם גוואַלדיקן מענטשן־שטראָם, די וועגעלעך און ריקשעס, די טויזנטער אָרעמע גאַסן־הענדלער, די מאַסן בעטלער און גאַסן־קינדער. איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס שוידערלעכע בילד פון צענדליקער פּליטים־פּונקטן וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין "הייזער פון טויט"!

אין דער צייט, ווען עס האָבן נאָך עגזיסטירט צוויי געטאָס: דאָס "גרויסע" און דאָס "קליינע", וועלכע עס האָט פאַרבונדן די בריק ביי דער זשעלאַזנע גאַס (אייזן גאַס), זענען נאָך אין דעם "קליינעם" געטאָ געווען אַ פאַר "אַריסטאָקראַטישע" גאַסן, ווי די שיענע גאַס, וווּ עס איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק שטיל און רויִק. דאָרט האָט געוווינט אַ טייל פון די פאַרמעגלעכע יידן אין געטאָ. מיר, באַשיע און איך, האָבן געוווינט אויף דער אָגראָדאָווע (גאָרטן־גאַס, כאָטש קיין ברעקל גאָרטן איז דאָרט נישט געווען), אין דעם "גרויסן געטאָ", אָבער נישט ווייט פון דער בריק און אויך אונדזער גאַס איז געווען אַ גענוג רויִקע. אָבער אין צענטער פון געטאָ, אויף די טראַדיציאָנעלע יידישע גאַסן, ווי אויך אויף די גאַסן און געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט, ווי די באַקאַנטע גאַסן, וועגן וועלכע יידישע און פּוילישע שריפטשטעלער און דיכטער האָבן געשריבן לידער און דערציילונגען, ווי — נאַלעווקי, מילע, מוראַנאָווסקע,

גענשע, קאַרמעליצקע, נאָוואָליפּקי, סמאָטשע, וואָלינסקע, פּאַוויע און אַ סך אַנדערע, האָט געהערשט אַן אומגלויבלעכער געדראַנג און טומל. ווען די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן ליקווידירט דאָס "קליינע" געטאָ איז דער געדראַנג און די ענגשאַפט געוואָרן נאָך גרעסער. נאָך אומדערטרעגלעכער.

מיר האָבן אַלע געבענקט נאָך אַ ביסל גרינס. אין אַ טייל פון די הייף פון די געטאָ־הייזער זענען געווען געציילטע "גרינס־אַאַזן", עטלעכע ביימער מיט אַ ביסל גראָז. זיי זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך דעם צענטאָס פאַר קינדער, מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפט טאָפּאָראָל (געזעלשאַפט צו שטיצן די לאַנד־ווירטשאַפט). דאָס געטאָ איז אָבער געווען גרויזאַם גרוי. איך געדענק, אַז מיר האָבן געטרוימט, ממש געחלומט, וועגן וועלדער און פעלדער, וועגן אַ גרינעם פּייזאַזש, וועגן אָטעמען מיט פרישער לופט. בעת איינעם פון אונדזערע גענוג זעלטענע שבתדיקע שפּאַצירן, ווען מ'האָט נאָך געקאָנט אַרומגיין אויף די גאַסן פון געטאָ, האָבן מיר, באַשיע און איך, "אַנטדעקט", ביי איינער פון די גרענעץ־גאַסן פון געטאָ, אַ קליין, בלינד געסל, מיט אַ מאָדנעם נאָמען פשעסקאָק (איבערשפּרונג). דאָרטן האָבן מיר געפונען אַ קליין הילצערן בריקל, פון וועלכן מ'האָט געקאָנט זען דעם שיינעם ווייסל טייך, די וועלדלעך און פעלדלעך אַרום אים און, פון דערוויטנס, איינעם פון די גרינע קוואַרטאַלן פון וואַרשע, זשאָליבאָזש. מיר האָבן אויפן בריקל דערשפּירט אַ ביסל פרישע לופט. מיר זענען געווען ווי פאַרשיכורט! נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דעם גרינעם פּייזאַזש! מיר האָבן זיך געפילט, ווי אַרעסטאַנטן, וועלכע קוקן דורך דעם קליינעם פענצטערל אויף דעם ברעקל בלויען הימל. דאָס געטאָ איז דאָך געווען באמת אַ מאָדנע, ריזיקע תפיסה. ווען מיר האָבן געהאַט אַ זעלטענע פרייע שעה אין אָוונט, זענען מיר געלאָפן צו דעם דאָזיקן בריקל, צו דעם "בליק אויף דער ברייטער וועלט"... שפּעטער האָט מען אויך דאָס דאָזיקע געסל מיט די אַרומיקע גאַסן אָפּגעריסן פון געטאָ.

איינער פון די צילן פון די נאַצישע הערשער ביים שאַפן און פאַרמאַכן דאָס געטאָ איז געווען — צו איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג פון דער פּוילישער, ווי אויך פון דער פּוילישער אונטערערדישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. אַ געוויסע, קורצע צייט נאָכן שליסן דאָס געטאָ, איז געבליבן אַן איין און איינציק אָרט, ווו יידן האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט זייערע פּוילישע פריינט און באַקאַנטע, די גרויסע געביידע פון די געריכטן אויף לעשנאָ גאַס. אויך איך און באַשיע האָבן זיך דאָרט געטראָפן מיט צענדליקער פּוילישע באַקאַנטע, איך — באַזונדער פון די אוניווערסיטעט־קרייזן, באַשיע — פון די ביבליאָטעקן. איך געדענק דעם רירנדיקן צוזאַמענטרעף אין דער געריכט־געביידע מיט מיין לערער, פּראָפ. טאַדעוש קאָטאַרבינסקי. שפּעטער איז די דאָזיקע איינציקע "בריק" אויך ליקווידירט געוואָרן.

אין דעם באַוווסטזיין פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם ישראל־פאָלק און פון די יידישע מאַסן אין דער וועלט, באַזונדער פון דעם יונגן דור, האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע סטאַנדאַרט־פאָרשטעלונג וועגן געטאָ, אַז דאָס איז געווען איין שוואַרצער פלעק. דער באַגריף ״געטאָ־יידן״ האָט אין זייער באַוווסטזיין אַ דורכויס נעגאַטיווע, אָפטמאָל — אַן עקסטרעם־נעגאַטיווע מיינונג. דאָס איז דורכויס פאַלש. עס אַנטשפּרעכט נישט דעם היסטאָרישן אמת.

דאָס וואַרשעווער געטאָ איז געווען פול מיט טיפע, אָפטמאָל שרייענדיקע קאָנטראַסטן: סאָציאַלע און עקאָנאָמישע, קולטורעלע, אָבער דער עיקר — מאָראַלישע. אין געטאָ איז געווען אַלץ: פון דעם תהום פון מאָראַלישער געפאַלנקייט, דעמאָראַליזאַציע און דעגענעראַציע, פון די אָפּגרונטן פון נידער־טרעכטיקן נאַציאָנאַלן פאַראַט, פון אַן אומבאַשרייבלעכער קאָרופּציע — ביז די העכסטע שטאַפּלען פון מאָראַלישער דערהויבונג, פון אַ מסירות־נפשדיקער באַציאונג צו די פאָלקס־אינטערעסן, פון אַ טיפן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוווסטזיין, ביזן ביישפּיללאָזן העלדנטום.

די יידישע מאַסן אין געטאָ האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע וויטאַליטעט, אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע אין קאַמף פאַרן לעבן. די יידישעווירטשאַפט־לעכע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט אַ געראַנגל פאַר די פיזישע עגזיסטענץ פון הונדערטער טויזנטער יידן, זיי האָבן געפירט אַן אומאויפהערלעכן, פיבערהאַפטן געיעג מיטן טויט. פאַרשטייט זיך, אַז די נאַצישער טויט־מאַשין איז געווען שטאַרקער פון זיי, אָבער דאָס פאַרקלענערט נישט די וויכטיקייט פון דעם לעבנס־געראַנגל, מיט אַלע מעגלעכע לעגאַלע און אומלעגאַלע מיטלען. גענוג צו דערמאָנען, אַז בלויז 20 פּראָצענט פון די לעבנס־פּראָדוקטן האָט דאָס געטאָ געשאַפן אויף אַ לעגאַלן, אָפיציעלן וועג. 80 פּראָצענט (!) האָט מען אין געטאָ געשמוגלט פון דער אַרישער זייט אויף אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן.

איך וועל ביזן סוף פון מיין לעבן נישט מוחל זיין דער מערהייט פון די יידישע געטאָ־פּאָליציאַנטן פון דער אַ. ג. אָרדנונגס־דינסט, וועלכע זענען געוואָרן אַ ווערקצייג אין די הענט פון די נאַצישע רוצחים און האָבן זיי אַקטיוו געהאָלפן בעת די מאָרד־אַקציעס. איך וועל נישט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין די הונדערטער יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן און נידערטרעכטיקע מוסרים, וועלכע האָבן פאַרקויפט זייער נשמה דעם טייוול!

איך שטעל אָבער קאַטעגאָריש פעסט, אַז די דעמאָראַליזאַציע און מאָראַליש־דעגענערירטע עלעמענטן זענען געווען בלויז אַ קליינע מינדערהייט אין דער ריזיקער, כמעט האַלבמיליאָניקער באַפעלקערונג פון געטאָ. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די יידן האָבן, נישט געקוקט אויף די קאָשמאַר־באַדינגונגען, נישט פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע פּנים און נישט פאַרקויפט זייער נשמה.

עס איז געגנוג צו דערמאָנען, אַז נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן הונגער און נויט, זענען אין וואַרשעווער געטאָ כמעט נישט געווען קיין רויב־אָנפאַלן, קיין כוליגאַנישע עקסצעסן און עס איז נישט געווען קיין איין און איינציקער פאַל פון מאָרד, אויסגעפירט פון יידן כלפּי יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין געטאָ, אַזוי ווי אין יעדער געזעלשאַפט, איז אַ געוויסער טייל געווען געזעלשאַפטלעך פּאַסיוו, איך שטעל אָבער פעסט, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידישע מאַסן אין געטאָ האָט אָנטייל גענומען אַקטיוו אין דעם געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן, אין זיינע פאַרשידענע געשטאַלטן. איך שטרייך אונטער — טויזנטער מענטשן פון אַלע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע ריכטונגען, בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע, לינקע און רעכטע, וועלטלעכע און רעליגיעזע האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, איניציאַטיוו און שאַפונגס־קראַפט.

אַ דאַנק זיי — סיי עמך־טוער און סיי די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, האָט אין וואַרשעווער געטאָ כמעט די גאַנצע צייט געברויזט דאָס געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־לעבן.

איך, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס, וועל נישט פאַרגעסן די אויסערגעוויינלעך וואַרעמע און האַרציקע באַציאונג פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג צו דעם קינדערשוץ. פאַר דער מלחמה איז צענטאָס געווען אַ פילאַנטראָפּישע, בירגערלעכע אָרגאַניזאַציע. בעת דער מלחמה, אין וואַרשעווער געטאָ, איז זי געוואָרן אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך באַזירט אויף ברייטע פאָלקס־קרייזן, אויף טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענע שאַטירונגען, פון עמך און פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן מיט מסירות־נפש געשטיצט אַקטיוו, אויף פאַרשידענע וועגן, די קינדערשוץ, כדי צו ראַטעווען דאָס יידישע קינד. אונטערן דעקמאַנטל פון די צענטאָס־קינדער־קיכן האָט אין וואַרשעווער געטאָ עגזיסטירט דאָס געהיימע יידישע שולוועזן, פון אַלע ריכטונגען, וועלטלעכע און רעליגיעזע.

נישט אַלע ווייסן, אַז אין געטאָ זענען געווען טעטיק צוויי העברעישע גימנאַזיעס: פון דרור און פון תרבות, ווי אויך אַ ריי מיטלשול־קאָמפּלעטן אין דער פוילישער שפּראַך, פון כמעט אַלע פאַרמלחמהדיקע יידישע גימנאַזיעס. נישט אַלע ווייסן, אַז אין געטאָ זענען געווען טעטיק געהיימע הויכשול־קורסן, אויף אַן אוניווערסיטעט־ניוואָ, און אַז עס זענען געפירט געוואָרן ערנסטע וויסנ־שאַפטלעכע מעדיצינישע פאָרשונגען, געווידמעט די פּראָבלעמען פון הונגער און די קראַנקייטן, וועלכע ער רופט אַרויס.

ווען איך דערמאָן זיך איצט, נאָך דרייסיק יאָר, די שרעקלעכע לעבנס־באַדינ־גונגען אין געטאָ איז מיר אַליין שווער צו גלויבן, אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָט כמעט די גאַנצע צייט פולסירט אַן אינטענסיוו פּאָליטיש לעבן, אין קאָנספּיראַטיווע פאָרמען, פון כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס, אַז עס איז דערשינען אַ פאַרצווייגטע אונטערערדישע פּרעסע פון

פאַרשידענע ריכטונגען, מער ווי פערציק (!) פרעסע־אָרגאַנען, אַ טייל פון זיי — אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. עס איז שווער צו גלויבן, אַז אין געטאָ האָט פולסירט אַן אינטענסיוו קולטור־לעבן, אין דער יידישער און העברעיִשער שפּראַך, אַז עס זענען פאָרגעקומען הונדערטער מאַסנהאַפטע קולטורעלע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, אַז עס האָט עגזיסטירט אַ ווונדערבאַרער, געהיימער געטאָ־אַרכיוו, אַז אין געטאָ האָבן פונקציאָנירט פינף טעאַטערס, אין דער יידישער און פוילישער שפּראַך (נישט אַלע אויף אַ הויכן ניוואָ), עס זענען פאָרגעקומען קינסטלערישע אויסשטעלונגען, און אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנץ אינטענסיווע מוזיק־טעטיקייט, וואָס איז מיר פערזענלעך געווען צום האַרצן.
עס זענען פאָרגעקומען אַ סך סימפאָנישע קאָנצערטן, עס זענען אויפגעטרעטן עטלעכע שטרייך־קוואַרטעטן און אַ גאַנצע ריי כאָרן, צווישן זיי פינף קינדער־כאָרן, געשטיצטע דורכן צענטאָס. עס זענען אַפילו פאָרגעקומען קינסטלערישע קאָנקורסן צווישן די קינדער־כאָרן. ביים צענטאָס איז אויך געווען טעטיק אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, מען האָט איינגעאָרדנט ספּעציעלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַר קינדער און עס האָט געפירט אַן אינטענסיווע און פאַרצווייגטע טעטיקייט אַ גרויסע קינדער־ביבליאָטעק, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט מיין פרוי באַשיע.
דאָס וואַרשעווער געטאָ איז נישט "איין שוואַרצער פלעק". עס איז דאָרט געווען אַ סך שאָטן און אַ סך ליכט. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג זענען געווען שטאָלצע און ווירדיקע יידן! אין געטאָ איז געווען אַ שטאָלצע, מוטיקע און העלדישע יידישע יוגנט!
איך וועל נישט פאַרגעסן נישט די גרוילן און נישט דעם פאַטאָס פון וואַרשעווער געטאָ. איך בין שטאָלץ, אַז איך בין די גאַנצע צייט, פון אָנהויב אָן, געווען טעטיק צווישן די יידישע מאַסן אין געטאָ.
נישט מיט גרינגשעצונג און נישט מיט ביטול דאַרף זיך דאָס פאָלק פון ישראל און דער יונגער יידישער דור אין ישראל און אין דער וועלט, באַציען צום וואַרשעווער געטאָ און צו דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון די יידישע מאַסן אין געטאָ, נאָר מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט. איך שטרייך אונטער: די באַציאונג פון טיפסטן דרך־ארץ, באַוווּנדערונג און ליבשאַפט קומט נישט נאָר די העלדישע געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד, נאָר אויך די טויזנטער יידן אין געטאָ, וועלכע האָבן אָפּגעהיט דעם יידישן און מענטשלעכן כבוד, די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונגס־אידעען און די יידישע קולטור־ווערטן. פון זיי און פון די רייען פון דער מוטיקער יידישער יוגנט זענען דאָך אויסגעוואַקסן די קאַדרן פון די געטאָ־קעמפער, די נקמה־נעמער.

## צוויי לאַגערן אין געטאָ

איינע פון די בולטע דערשיינונגען אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען דער פאַקט, אַז עס האָבן אין אים עגזיסטירט צוויי לאַגערן, צוויי כוחות. פון איין זייט דער יודנראַט מיט זיינע אומצייליקע אַמטן און פון דער צווייטער זייט — די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף און די ענג פאַרבונדענע מיט איר יידישע געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז אַ פאַקט, וועלכן קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז צווישן די צוויי לאַגערן איז פאָרגעקומען אַן אומאויפהערלעכער געראַנגל — נישט פאַר מאַכט־פּאָזיציעס אָדער פאַר פּריווילעגיעס, נאָר פאַר דעם כאַראַקטער, פאַרן גייסט און נשמה פון וואַרשעווער געטאָ.

די דאָזיקע דערשיינונג, וועלכע האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ, איז לויט מיין מיינונג, נישט געקומען ווי געהעריק צום אויסדרוק אין דער געטאָ־ליטעראַטור.

דער געראַנגל האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, קורץ נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, ווען די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן באַפוילן צו שאַפן דעם יודנראַט און האָבן, נאָך פאַרשידענע אינצידענטן, נאָמינירט דעם אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו אַלס פאָרזיצער פון יודנראַט אָדער, לויט דער נאַצישער נאָמענקלאַטור, אַלס "יודען־עלטעסטער", מיט ברייטע רעכט און פּרעראָגאַטיוון לגבי דער געטאָ־באַפעלקערונג. אויסער אים האָבן די נאַצישע מאַכט־אָרגאַנען, קאָנקרעט — די ס.ס. און געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנטור אויף דער שוכאַ גאַס — נאָמינירט אַ 24־פּערזאָניקן יודנראַט.

ווי איך האָב דערמאָנט, האָט שוין דאַן עגזיסטירט און געפירט אַ וויכטיקע רעטונגס־ און הילפס־אַרבעט די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיטן דזשוינט. איך געדענק, מיט וואָס פאַראַ אומצוטרוי, פיינטשאַפט און ממש עקל האָבן זיך די מיטגלידער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און טוער פון כמעט אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען באַצויגן צו דעם נאָמינירטן יודנראַט. די ברייטע יידישע מאַסן, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען, האָבן געפילט און פאַרשטאַנען, אַז אויב די ס.ס. און געסטאַפּאָ שאַפט אַזוי שנעל און אייליק דעם יודנראַט, איז ער דורכויס נויטיק פאַר די נאַציס, ווייל ער דאַרף אויספירן זייערע באַפעלן און זייער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. וואָס פאַראַ באַפעלן און וואָס פאַראַ פּאָליטיק, איז שוין דאַן נישט געווען שווער זיך פאָרצו־שטעלן. כאָטש קיינער האָט אין אָקטאָבער 1939, נישט געקאָנט פאָרויסזען דעם מאַסן־מאָרד פון מיליאָנען יידן און דעם דערשיטערנדיקן פאַקט, אַז די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען וועלן זיך באַנוצן מיטן יודנראַט און זיין עגזעקוטיוו־אָרגאַן, מיט דער געטאָ־פּאָליציי (אָרדנונגס־דינסט) אויך ביי די מאָרד־אַקציעס.

אַ פֿאַקט איז, אַז כּמעט אַלע יידישע פּאַרטייען, ציוניסטישע און נישט ציוניסטישע, בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע, האָבן באַשלאָסן נישט אָנטייל־צונעמען אין דעם יודנראַט. איך זאָג כּמעט, ווייל אַ פּאָר טוער פֿון אגודת־ישראל, וועלכע זענען געווען פֿריער קהילה־פּרנסים, האָבן אָנגענומען די נאָמינירונג אין יודנראַט. איך וויל אָבער אָביעקטיוו פֿעסטשטעלן, אַז אויך אין אגודת־ישראל זענען געווען אין דער פֿראַגע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן. אַזוי האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אגודת־ישראל פֿון פֿאַר דער מלחמה, אַלעקסאַנדער זישע פֿרידמאַן, מיט וועלכן עס איז מיר שפּעטער אויסגעקומען פּריינטשאַפֿטלעך מיטצואַרבעטן אויפֿן געביט פֿון דעם געהיימען שולוועזן אין געטאָ, האָט געהאַט אַ קריטישע באַציאונג צום יודנראַט.
איך האָב נישט בדעה צו שרייבן די געשיכטע פֿון יודנראַט. עס וועט מיר נאָך אויסקומען אָפּצושטעלן זיך אויף דער ראָל פֿון דעם יודנראַט און פֿון דער געטאָ־פּאָליציי בעת די אַקציעס. איך וויל אָבער אונטערשטרייכן, אַז אויך אין דער פֿראַגע פֿון יודנראַט וועל איך אָפּהיטן די אָביעקטיוויטעט. איך טייל אָפּ דעם סוביעקטיוון גוטן ווילן פֿון אַ טייל יודנראַטלער פֿון דער פֿאַטאַלער אָביעקטיווער ראָל פֿון דעם יודנראַט און פֿון דער געטאָ־פּאָליציי. איך פֿאַראַל־געמיינער נישט די שולד פֿון אַלע יודנראַט־מיטגלידער. איך שטעל אָבער פֿעסט פֿאַקטן און בלויז פֿאַקטן.
באַזונדער לגבי דעם "יודנעלטסטן" אַדאַם טשערניאַקאָוו, האָב איך נישט קיין שום גרונט צו זיין סוביעקטיוו און איינזייטיק. מיר האָבן זיך, פֿאַרשטייט זיך, פּערזענלעך געקענט, אָבער זייער נאָענט און פֿריינטשאַפֿטלעך בין איך געווען באַקאַנט מיט זיין פֿרוי, דר. פֿעליציאַ טשערניאַקאָוו, אַ זייער קולטורעלע פֿרוי, פֿון באַרוף אַ פּעדאַגאָגין, וועלכע האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער טעטיקייט פֿון צענטאָס. סיי זי און סיי איר מאַן האָבן געהאַט אַ זייער האַרציקע באַציאונג צו דער קינדערשוץ און צו קינדער־אינסטיטוציעס. טשערניאַקאָוו און זיין פֿרוי האָבן אונדז שטאַרק געהאָלפֿן אין אונדזער צענטאָס־טעטיקייט. איך האָב אויך געוווּסט, פֿון זיין פֿרוי און פֿון אַנדערע קוועלן, אַז ער שעצט הויך מיין אַרבעט אַלס הויפּט־דירעקטאָר פֿון צענטאָס.
מיט זיין פֿרוי (ער האָט זי גערופֿן "ניוניאַ") האָב איך נישט איינמאָל געשמועסט אויך אויף פּערזענלעכע טעמעס. סיי זי און סיי איר מאַן האָבן שרעקלעך געבענקט נאָך זייער איינציקן זון, דעם יונגן יוריסט און עקאָנאָמיסט יאַן טשערניאַקאָוו, וועלכער איז, בעת דעם גרויסן "מאַרש אויף מזרח" אַוועק קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 28 יאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, דעם 18־טן יולי 1942, עטלעכע טעג פֿאַר דער דאַטע, ווען זיין פֿאָטער איז,ביים אָנהויב פֿון דער ערשטער אַקציע, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.
נאָכן טראַגישן טויט פֿון איר מאַן, איז פֿעליציאַ טשערניאַקאָוו אַריבער אויף דער אַרישער זייט. מיר האָבן זיך דאָרט ווידער געטראָפֿן. זי האָט אונדז אַקטיוו

געהאָלפן אין דער אונטערערדישער הילפס־אַרבעט פאַר יידן. זי איז געשטאָרבן נאָך דער מלחמה, אין 1950.

נישט געקוקט אויף מיין דורכויס נעגאַטיווע באַציאונג צום יודנראַט, פון אָנהויב ביזן סוף, ווי אויך צו דער פּאָליטיק פון זיין פּאָרזיצער, האָב איך טשערניאַקאָוון באַטראַכט פאַר אַ פּערזענלעך אָנשטענדיקן מענטש. ער איז געווען אַ געוועזענער ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט און אַ יידישער האַנט־ווערקער־טוער פון אַ דורכשניטלעכן קאַליבער. אַ געבילדעטער און קולטורעלער מענטש, אָבער נישט איבעריק קלוג אָן אַן אידעאישן רוקנביין און אָן אַ ברייטערן האָריזאָנט. האָט ער נישט געהאַט קיין אייגנשאַפטן צו זיין אַ פירער אין אַזאַ שטורמישער און טראַגישער צייט. זייענדיק זייער אַמביציעז, האָט אים אַ לענגערע צייט אימפּאָנירט די ראָל פון אַ "פירער" פון אַ גרויס געטאָ, ביז עס זענען געקומען די בלוטיקע טעג און דער טראַגישער סוף. ער איז געווען נישט קיין שלעכטער רעדנער. עטלעכע מאָל אַרויסגעטראָטן אויף די פייערלעכע אַקאַדעמיעס פון "חודש פון קינד", אין דעם גרויסן זאַל פון טעאַטער "פעמינאַ" אויף לעשנאָ גאַס. ער האָט גערעדט וועגן יידישע קינדער און זייער נויט זייער האַרציק. איך געדענק, אַז זיין רעדע אויף דער לעצטער קינדער־אַקאַדעמיע, אין יאָר 1942, קורץ פאַר דער אַקציע, האָט ער אָנגעהויבן און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: "צו די שטערן"... ער האָט, דאַכט זיך, ציטירט דאַנטעס ווערטער.

ווי געזאָגט, פּערזענלעך אַ ריינער מענטש, איז ער געווען אַרומגערינגלט אין דעם יודנראַט דורך צענדליקער דעמאָראַליזירטע און קאָרומפּירטע אויסוואורפן, אַ טייל פון זיי — ענג פאַרבונדענע מיט דער געסטאַפּאָ. אויף עטלעכע פון זיי האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, שוין נאָך די צוויי מאַסן־אַקציעס, קורץ פאַר דעם אויפשטאַנד, אַרויסגעגעבן טויט־אורטיילן און זיי האָבן באַקומען אַ קויל אין קאָפּ פון די געטאָ־קעמפער.

טשערניאַקאָוו האָט געוווּסט און אַפילו געשריבן וועגן דעם אין זיין טאָגבוך, אַז עס רינגלט אים אַרום אַ באַנדע אויסוואורפן, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח, און אפשר אויך נישט קיין ווילן, זיי צו באַזייטיקן. ער האָט, צוזאַמען מיט זיינע מיטאַרבעטער, געשאַפן אַ ריזיקן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט: זיבעצן דעפּאַרטאַמענטן און אָפּטיילונגען, מיט פינף טויזנט באַאַמטע און אָנ־געשטעלטע! ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויך צווישן די מיטגלידער פון יודנראַט געפינען זיך קאָרומפּירטע טוער, וועלכע מאַכן פאַרשידענע שמוציקע געשעפטן אויפן חשבון פון די פאָלקס־מאַסן.

ווי געזאָגט — נישט אַלע. עס זענען געווען עטלעכע יודנראַט־מיטגלידער, וועלכע איך דערמאָן צום גוטן. איינער פון זיי איז געווען אברהם־אַדאָלף געפּנער, דער פאָרזיצער פון דעם גרויסן און זייער פאַרצווייגטן אַפּראָווי־זאַציע־פאַרזאָרגונגס־אַמט ביים יודנראַט .Z.Z. איך האָב אים פּערזענלעך געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה. ער איז געווען אַ זייער רייכער סוחר און

פּאָרזיצער פון דעם גרויסן יידישן סוחרים־פּאַראיין. שפּראַכלעך און קולטורעל אַסימילירט, אַזוי ווי אַדאַם טשערניאַקאָוו און זיין פרוי, האָט ער אָבער געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און געשטיצט, נאָך פאַר דער מלחמה, פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס. ער איז געווען טשערניאַקאָווס פּערזענלעכער פריינט. אין געטאָ איז ער געווען איינע פון די באַקאַנטסטע געשטאַלטן. מ׳האָט געוווּסט, אַז ער איז פּערזענלעך אַן אָנשטענדיקער מענטש, מיט ריינע הענט, אָבער אויך אין דעם פּאַרזאָרגונגס־אַמט מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט, האָט געבליט די קאָרופּציע און אַ סך באַאַמטע האָבן געמאַכט פולע געשעפטן אויפן חשבון פון כלל. געפּנער האָט ליב געהאַט קינדער. ער האָט אַ סך געהאָלפן דעם צענטאָס און די קינדער־אַנשטאַלטן ביי דער פּאַרזאָרגונג מיט לעבנס־מיטלען. ער איז געווען נישט קיין לייכטער מענטש. זיך אויפגעפירט אָפּטמאָל ווי אַ קאַפּריזנער אויטאָקראַט, אָבער אויך אין געטאָ האָט מען געפילט זיין גוטהאַרציקייט.

געפּנער איז געווען איינער פון די געציילטע מיטגלידער פון יודנראַט, וועלכע האָבן, נאָך די צוויי אַקציעס, געהאַט אַ פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און געגעבן גרויסע געלט־סומעס פאַר קאַמפס־צוועקן. אַ באַזונדערן דרך ארץ און סימפּאַטיע האָט ער אַרויסגעוויזן פאַר צביה לובעטקין, פון די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון החלוץ און פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אברהם געפּנער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, אָנהויב מאַי 1943, אין עלטער פון 71 יאָר.

שמואל ווינטער איז געווען אַ צווייטע פּאָזיטיווע פּערזענלעכקייט צווישן די יודנראַט מיטגלידער. אויך ער איז געווען אַ רייכער סוחר און פאַר דער מלחמה געשפּילט אַ ראָל אין די יידישע סוחרישע קרייזן אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. גלייכצייטיק אָבער איז ער געווען אַן ערנסטער און אַקטיווער קולטור־טוער, אַ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר, אַ טיף פון אַ פאָלקסטימלעכן יידישן עסקן.

אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך ווינטער געווען איינער פון די צענטראַלע טוער פון דעם פּאַרזאָרגונגס־אַמט. גלייכצייטיק איז ווינטער געווען ענג פאַרבונדן מיט די יידישע קולטור־קרייזן און האָט מיטגעאַרבעט סיי מיטן אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת און סיי מיט דער קאָנספּיראַטיווער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע ייקאָ״ר. ער איז אומגעקומען אין דער צייט פון אויפשטאַנד.

און נאָך איינער פון די געציילטע פּאָזיטיווע מענטשן צווישן די יודנראַט־מיטגלידער — יוסף יאַשונסקי. אַן אינזשיניר פון פאַך איז ער פאַר דער מלחמה געווען דער דירעקטאָר פון אָרט אין פּוילן. געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש מיט אַ ברייטן און טיפן וויסן אויף די געביטן פון סטאַטיסטיק, פון נאַטור־וויסנשאַפט, פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און גלייכצייטיק — פון ביבליאָגראַפיע. געווען, אָן שום ספק, אַ קלוגער און ערנסטער, אַ זייער אַרבעטזאַמער, אָבער פּערזענלעך — אַ נישט סימפּאַטישער, שטייפער און

האַרטער מענטש. פּאָליטיש איז ער געווען אַן אומפּאַרטייאישער סאָציאַליסט, נאָענט צום בונד.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער זיך באַמיט צו זיין גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. ער האָט זיך פאַרנומען מיט סטאַטיסטיק, אָבער אין מאָמענט, ווען מ׳האָט, נאָך לאַנגע באַמיאונגען באַקומען די דערלויבניש צו עפענען פאַך־קורסן, האָט יאַשונסקי אָנגעפירט מיט דער ברייטער נעץ פון פראָפעסיאָנעלע פאַך־קורסן אין געטאָ. דאָס דאָזיקע געביט איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ המשך פון דער אָרט־טעטיקייט. יוסף יאַשונסקי איז אומגעקומען מיט זיין משפחה אין דער צווייטער אַקציע, אין יאַנואַר 1943.

צווישן די איבעריקע, אַרום צוואַנציק, מיטגלידער פון יודנראַט, זענען אַ טייל געווען ווילנלאָזע און כאַראַקטערלאָזע מאַריאָנעטקעס, וועלכע האָבן אָנגענומען די נאָמינאַציע, באַטראַכטנדיק דעם אָנטייל אין יודנראַט אַלס אַ מיטל פאַר פּערזענלעכער אַסעקוראַציע, אָבער די מערהייט האָט געשפּילט אַ נעגאַטיווע, שענדלעכע ראָל און איז געווען פאַרהאַסט צווישן די געטאָ־מאַסן.

צו די אַממערסטן פאַרהאַסטע יודנראַטלער האָט אָנגעהערט דער וויצע־פּאָרזיצער פון יודנראַט, טשערניאַקאָווס אָפיציעלער פאַרטרעטער, אינזשיניער מאַרעק ליכטענבוים, אַ מיטגליד פון דער פאַרמלחמהדיקער קהילה־פאַרוואַלטונג. דאָס איז געווען אַ ברוטאַלער און בייזער תקיף, פון די קרייזן פון דער פולשטענדיק אַסימילירטער יידישער פּלוטאָקראַציע, פרעמד די יידישע פאָלקס־מאַסן און דער יידישער קולטור. זיינע ביידע זין האָבן זיך געלערנט אין דער זעלבער גימנאַזיע, וועלכע איך האָב געענדיקט. ביידע האָבן שוין דאַן אָנגע־הערט צו די קרייזן פון דער דעמאָראַליזירטער ״גאָלדענער יוגנט״. אין געטאָ זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט דער באַנדע, וועלכע האָט אַרומגערינגלט דעם פּאָרזיצער און וויצע־פּאָרזיצער פוו יודנראַט. נאָך טשערניאַקאָווס זעלבסט־מאָרד איז ליכטענבוים נאָמינירט געוואָרן דורך די דייטשן אַלס פּאָרזיצער פונעם יודנראַט געווען אַ דם־שונא פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג און פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

דער יודנראַט האָט אין געטאָ אַ לענגערע צייט אַמטירט אין דער געביידע פון דער געוועזענער יידישער קהילה, אויף גזשיבאָווסקע. מען קאָן אָבער דעם יודנראַט בשום אופן נישט באַטראַכטן אַלס אַ המשך פון דער קהילה אָדער אַלס איר יורש. אויך די באַציאונג צו דער קהילה איז פאַר דער מלחמה צווישן ברייטע יידישע מאַסן געווען, אין אַלגעמיין, אַ נעגאַטיווע. מ׳האָט זי גערופן ״דאָס מתים־שטיבל״

די באַציאונג פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג צום יודנראַט איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערע. דאָס איז געווען אַ באַציאונג פון שנאה און פאַראַכטונג! דער תהום צווישן דעם יודנראַט און דער געטאָ־באַפעל־קערונג איז מיט יעדן חודש געוואָרן טיפער. די דאָזיקע שנאה האָט געהאַט צוויי הויפּט סיבות: די הונדערטער טויזנטער יידן אין געטאָ האָבן פון ערשטן

מאָמענט געזוען און באַטראַכט דעם יודנראַט אַלס אַן אויספירער פון די היטלעריסטישע אַנטי־יידישע פאַראָדנונגען און באַפעלן. גלייכצייטיק האָבן די מאַסן אין געטאָ געפילט אויף דער אייגענער הויט די הימלשרייענדיקע אַנטיסאָציאַלע פּאָליטיק פון דעם יודנראַט און די אומבאַשרייבלעכע קאָרופּציע.
די דאָזיקע פאָלקס־פיינטלעכע פּאָליטיק איז געקומען צום אויסדרוק סיי אין דער פראַגע פון אַרבעטס־צוואַנג, פון די אַרבעטס־באַטאַליאָנען אין די שרעקלעכע קאַטאָרזשנע אַרבעטס־לאַגערן, פון וועלכע מ׳האָט זיך געקאָנט אויסקויפן פאַר גרעסערע געלט־סומען. זי איז געקומען צום בולטן אויסדרוק אין דער אַנטיסאָציאַלער שטייערן־פּאָליטיק. שפּעטער, ווען די עפּידעמיעס זענען געוואָרן מאַסנהאַפט האָבן די יידן געליטן פון דעם דעזינפעקציע־צוואַנג, וואָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט די עפּידעמיעס. פון דער דאָזיקער ״דעזינפעקציע״ אין די שמוציקע באָדן האָט מען זיך אויך געקאָנט באַפרייען, אַלץ פאַר געלט!
דערביי איז די סאָציאַלע לאַגע אין געטאָ געווען אַזאַ, אַז אַפילו דער פּאָרזיצער פון יודנראַט, טשערניאַקאָוו, האָט געמוזט פעסטשטעלן, אין דעצעמבער 1941, אַז צווישן די העכער 400.000 געטאָ־איינוווינער זענען נישט מער ווי צען טויזנט געווען פאַרמעגלעכע און אַלע איבעריקע האָבן געלעבט אין נויט אָדער אויף דער גרענעץ פון נויט!
מיט אַ באַזונדערער שנאה האָט זיך די געטאָ־באַפעלקערונג באַצויגן צו דער יידישער אָרדנונגס־דינסט, צו דער געטאָ־פּאָליציי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם יודנראַט און אויסגעפירט זיינע פאַראָרדנונגען.
ווען עס זענען געקומען די טראַגישע טעג פון די מאַסן־אַקציעס איז די שנאה צום יודנראַט און צו דער געטאָ־פּאָליציי געוואָרן אַן אומבאַשרייבלעכע. דאַן האָט זיך דאָך, אין דער פולער מאָס, אַנטפּלעקט זייער פאַטאַלע ראָל, אַלס אַ וועקצייג אין די היטלעריסטישע הענט.
איך שטעל קאַטעגאָריש פעסט, אַז אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ און די גאַנצע יידישע אונטערערדישע פּרעסע פון אַלע ריכטונגען, האָט שאַרף און אַנטשידן געשטעמפּלט און פאַראורטיילט סיי דעם יודנראַט און סיי די געטאָ־פּאָליציי. די דאָזיקע באַציאונג פון שנאה און פאַראַכטונג איז געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק סיי אין די ״כתבים פון געטאָ״ פון דעם געטאָ־היסטאָריקער, דר. עמנואל רינגעלבלום, סיי אין די פּאָעמעס פון דעם גרויסן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, סיי אין אַלע, אָן אויסנאַם, אויטענטישע טאָגביכער פון פאַרשידענע שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, געשריבענע אין געטאָ.
די דאָזיקע אַלע טאָגביכער און רעלאַציעס, געשריבענע אין יענער צייט, אין געטאָ אָדער אויף דער אַרישער זייט, זיי און די גאַנצע אונטערערדישע פּרעסע שפּיגלען אָפּ די דאַמאָלסטדיקע ווירקלעכקייט און דעם היסטאָרישן אמת, און נישט די היינטצייטיקע מאָדנע פּרוּוון פון געוויסע יידישע היסטאָריקער און פּסעוודאָ־היסטאָריקער צו רעהאַביליטירן די יודנראַטן.

די דאָזיקע פּרוּוון, וועלכע ווערן געמאַכט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און לעצטנס אויך אין ישראל, רייסן זיך אָפּ פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער ווירקלעכקייט פון דער תקופה פון אומקום און אויפשטאַנד און אומבאַוווּסט־זיניק פעלשן זיי דעם היסטאָרישען אמת.

### די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף

דער צווייטער לאַגער אין געטאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע, דעצידי־רנדיקע השפעה פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז געווען די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף, אין אַלע אירע פאַרשידנאַרטיקע און פאַרצווייגטע פאָרמען.

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרמירן נאָך אין די טעג פון דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, אין דער געשטאַלט פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער, נאָך דער קאַפּיטולאַציע איז זי מגולגל געוואָרן אין יידישע סאָציאַלע אַליינהילף (Ż.S.S.) און איז געוואַקסן פון חודש צו חודש. איר באַזע זענען געווען די פאַרמלחמהדיקע יידישע געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: אָרט, צענטאָס, טאָז (געזונדהייט־שוץ), טאָפּאָראָל (לאַנדווירטשאַפט) א.א. ביי דער זייער אַקטיווער באַטייליקונג פון דזשוינט. מיט דער צייט האָבן אין אירע ראַמען געמוזט אַנטשטיין אויך נייע אָרגאַניזאַציעס, און בראש פון זיי די געזעלשאַפט פון סאָציאַלער שוץ (Ż.T.O.S.) , פאַר דערוואַקסענע. זיי זענען אָבער אַלע געווען פאַרבונדן צווישן זיך.

איך וועל נישט איבערטרייבן, אויב איך וועל פעסטשטעלן, אַז די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף איז אויסגעוואַקסן אין געטאָ אין אַ געזעלשאַפטלעכע מאַסן־באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן דער אויסדרוק פון דער אומאָפּהענגיקער און זעלבשטענדיקער אָרגאַניזירטער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. אין די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און קעמערלעך פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף האָבן אָנטייל גענומען טוער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע, ווי אויך פון די יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס. דאָס איז געוואָרן אין געטאָ אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג.

איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מאַסן־באַוועגונג איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער סעקטאָר פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין יאָר 1940. בראש פון אים איז געשטאַנען דר. עמנואל רינגעלבלום. צוזאַמען מיט אים האָט אָנגעפירט מיטן ״סעקטאָר״ דער סימפּאַטישער אַלגעמיין־ציוניסטישער טוער אליעזר ליפּע בלאָך.

ער איז פאַר דער מלחמה געווען דער לייטער פון דער ק.ק.ל.־צענטראַלע אין פּוילן. געווען איינער פון די פירער פון דער ראַדיקאַל־ציוניסטישער ״על המשמר״־גרופּירונג. אין געטאָ איז ער אויך געווען אַן אַקטיווער טוער פון דעם תרבות־שול־ווען. געווען אַ גוטער רעדנער און ענערגישער אָרגאַניזאַטאָר. נאָך

דער ערשטער אַקציע האָט ער אַקטיוו געהאָלפֿן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע. נאָכן אויפשטאַנד אין געטאָ — אומגעקומען אין אַ לאַגער.
רינגעלבלומס און בלאָכס הויפּט־אידעע איז געווען — צו שאַפן אין אַלע הייזער אין געטאָ הויז־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן ווערן דער אָרגאַן פון סאָציאַלער זעלבסטהילף און פון געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד. צו דעם צוועק האָבן זיי פאַרטיילט דאָס געטאָ אין זעקס ראַיאָנען, אין יעדן ראַיאָן געשאַפן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ מאַקסימאַלע צאָל פון הויז־קאָמיטעטן און אָנצופירן מיט זייער טעטיקייט. יעדער הויז־קאָמיטעט האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיעס: פאַר אינדיווידועלער הילף פאַר די באַזונדער נויטבאַדערפטיקע, פאַר קינדערשוץ (אין פאַרבינדונג מיטן צענטאָס), אַ פרויען־קאָמיסיע, אַ יוגנט־קאָמיסיע, אַן אימפּרעזן־קאָמיסיע א.א.
דער דאָזיקער פּלאַן איז זיי, אין אַ גרויסער מאָס, געלונגען. שוין צום סוף פון 1940 זענען געשאַפן געוואָרן 2.000 (!) הויז־קאָמיטעטן, מיט טויזנטער לאָקאַלע, פרייוויליקע טוער. שפּעטער, אַלס רעזולטאַט פון דער דערפאַרונג און כדי צו קאָנסאָלידירן און שטאַרקן די קאָמיטעטן, איז זייער צאָל פאַרקלענערט געוואָרן, זיי זענען אָבער געוואָרן וואָגיקער און אַקטיווער. אין יאַנואַר 1942 זענען געווען טעטיק אין געטאָ — 1.100 הויז־קאָמיטעטן, מיט אַ גאַנצער אַרמיי פון פרייוויליקע טוער.
אויסער דער ברייטער נעץ פון די הויז־קאָמיטעטן האָט די סאָציאַלע אַליינהילף געשאַפן אַנדערע פאָרמען פון מאַסן־טעטיקייט. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די צענטראַלע פּליטים־קאָמיסיע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט זעכציק לאַנדס־מאַנשאַפטן פון פאַרשידענע שטעט, ווי אויך געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן איבער די פּליטים־פּונקטן, וועלכע זענען געווען אין אַ ממש טראַגישער לאַגע. דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער פּליטים־קאָמיסיע איז געווען דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער טוער, דער סעקרעטאַר פון רינגעלבלומס געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת, הערש וואַסער (לעבט אין ישראל).
עס איז געשאַפן געוואָרן אויך אַ צענטראַלע פרויען־קאָמיסיע, מיט אַזעלכע אויסערגעוויינלעך איבערגעגעבענע טוערינס, ווי פרוי ראַטנער, פרוי מאַקרסקאַ א.א. אין יאָר 1942 זענען געווען טעטיק אין דער יידישער געזעלשאַפט פון סאָציאַלער הילף פאַר דערוואַקסענע (Ž.T.O.S.), אויסער די באַאַמטע, העכער 3.000 פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע טוער. אויך אין דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון צענטאָס, אין די פּאַטראָנאַטן איבער די יתומים־הייזער, אינטער־נאַטן און אַנדערע אינסטיטוציעס פון קינדערשוץ זענען געווען טעטיק הונדערטער פרייוויליקע טוער.
עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער מאַסן־באַוועגונג פון סאָציאַלער אַליינהילף האָבן אָנטייל גענומען מענטשן פון אַלע שיכטן: סוחרים, האַנטווערקער, אַרבעטער, פאָרשטייער פון דער אַרבעטנ־דיקער און שעפערישער אינטעליגענץ. עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שיכט פון

פעאיקע און איבערגעגעבענע טוער פון עמך, אַזעלכע, ווי מנחם קאָן, כּאָלעוואַ און אַ סך אַנדערע.
אַ וויכטיקע ראָל האָט אין דער סאָציאַלער אַליינהילף געשפּילט די צענטראַלע אימפּרעזן־קאָמיסיע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער באַקאַנטער שוישפּילער און שריפטשטעלער, מיין פריינט יאָנאַס טורקאָוו. ער האָט אַרום דער אימפּרעזן־קאָמיסיע קאָנצענטרירט אַן אַקטיוו, וועלכער האָט אַרומגענומען הונדערטער שוישפּילער, מוזיקער, פּלאַסטיקער א.א. און אָרגאַניזירט אָדער סטימולירט הונדערטער קינסטלערישע אימפּרעזן.
צוזאַמען מיט שריפטשטעלער, וויסנשאַפטלער, זשורנאַליסטן, פּעדאַגאָגן און קולטור־טוער האָט דער קולטור־אַקטיוו אין וואַרשעווער געטאָ אַרומגענומען קנאַפּע פינף הונדערט מענטשן. אַ גרויסער טייל פון זיי איז, אין דער אָדער יענער פאָרם, געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. אויך די קאָנספּיראַטיווע קולטור־אָרגאַניזאַציעס — ייקאָ״ר, אין דער יידישער שפּראַך און תקומה, אין עברית, זענען געווען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער אַליינהילף.
די צענטראַלע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף איז אַ לאַנגע צייט געווען טעטיק אין דער גרויסער און שיינער געביידע פון דעם געוועזענעם אינסטיטוט פאַר יודאַאיסטישע וויסנשאַפטן, אויף טלאָמאַצקיע גאַס, ביי דער גרויסער וואַרשעווער סינאַגאָגע. דער אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין יאָר 1925 דורך די באַקאַנטע יידישע וויסנשאַפטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער: פּראָפ. משה שאָר, פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, סענאַטאָר דר. מאַרקוס ברוידא, סענאַטאָר רפאל שערעשעווסקי א.א.
אין געטאָ איז די דאָזיקע געביידע געווען שטענדיק פול מיט מענטשן, עס האָט דאָרט געזשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק. דאָרט האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער סאָציאַלער אַליינהילף. דאָרט האָבן גאַנצע טעג געאַרבעט דר. עמנואל רינגעלבלום, בלאָך און צענדליקער אַנדערע טוער. אין דעם גרויסן זאַל פון געוו. אינסטיטוט זענען פאָרגעקומען הונדערטער פאַרזאַמלונגען און ליטעראַריש־קינסטלערישע אונטערנעמונגען.
פאַרשטייט זיך, אַז אויך די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף און אַלע פאַרבונדענע מיט איר געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זענען געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען און האָבן געמוזט איבערגעבן זייי טעטיקייטס־באַריכטן. דער אונטערשיד איז אָבער געווען אַזאַ, אַז דער הויפּט־שעף פון דעם יודנראַט איז געווען — די קאָמענדאַנטור פון ס.ס. און געסטאַפּאָ, אויסער אַ סך אַנדערע דייטשע אַמטן, און די קאָנטראָל פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר סאָציאַלער שוץ האָבן אויסגעפירט די ציווילע דייטשע אַמטן, סיי אין די ראַמען פון דער צענטראַלער רעגירונג פון דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט אין קראָקע און סיי אין די דיסטריקט־אַמטן אין וואַרשע.
אַלס רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף כלפּי די ציווילע

דייטשע מאַכט האָט פונקציאָנירט דאָס אַזוי גערופענע לאַנדס־פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף (אין דער דייטשער קירצונג — (J.S.S.). דאָס דאָזיקע פּרעזידיום האָט פּאַקטיש געהאַט בלויז רעפּרעזענטאַטיווע פונקציעס און נישט געהאַט קיין השפּעה אויף די טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן פון די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. דאָס פּרעזידיום איז באַשטאַנען פון זיבן פּערזאָן: פיר פון וואַרשע און דריי פון קראָקע. די פיר מיטגלידער פון וואַרשע זענען געווען: דר. מיכאל וויכערט אַלס פּאָרזיצער, יוסף יאַשונסקי, אַדוואָקאַט וויעליקאָווסקי און בנימין זאַבלודאָווסקי. אַ פּאָר ווערטער וועגן יעדן פון זיי:

ווי איך האָב שוין דערמאָנט איז דר. מיכאל וויכערט געווען אַ באַקאַנטער רעזשיסער און טעאַטראָלאָג; פאַר דער מלחמה — פּאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין און וויצע־פּאָרזיצער פון יידישן פּ.ע.נ.־קלוב. פון בילדונג — אַ יוריסט. ער איז אויך פאַר דער מלחמה געווען אַ לערער פון דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור אין אַ יידישער גימנאַזיע אין וואַרשע השכלה (Askola). ער האָט גלענצנד באַהערשט די דייטשע שפּראַך און געווען זייער רעפּרעזענטאַטיוו.

נישט געקוקט אויף זיינע פאַרבינדונגען מיט די יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־קרייזן אין געטאָ, זענען די באַציאונגען צווישן די פּאַקטישע פירער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און פון די זעלבסטשטענדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי צענטאָס, טאָז א.א., געווען מיט אים די גאַנצע צייט געשפּאַנט. זיי האָבן זיך באַציגן צו וויכערטן און צום גאַנצן לאַנד־פּרעזידיום מיט אַ געוויסן אומצוטרוי, לויטן פּרינציפּ — כבדהו וחשדהו... די דאָזיקע באַציאונג איז געקומען צום אויסדרוק אויך כלפּי יוסף יאַשונסקי, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון יודנראַט, און כלפּי די איבעריקע מיטגלידער פון פּרעזידיום.

וועגן יאַשונסקין האָב איך שוין געשריבן. איצט — אַ פּאָר ווערטער וועגן די איבעריקע צוויי. דר. גוסטאַוו (גמזו) וויעליקאָווסקי איז געווען אַ באַקאַנטער יידישער אַדוואָקאַט, אַ גוטער יוריסט. אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ סאָציאַליסט, אַ טוער פון דער פּאַרטיי ס״ס׳ (סאָציאַליסטן־ציוניסטן), אין אַ שפּעטערדיקער פּאַזע — אַ טעריטאָריאַליסט. ער האָט געקענט גוט די יידישע שפּראַך, געווען אַ גוטער רעדנער. שפּעטער האָט ער זיך דערווייטערט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן בכלל. אויך ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און גלענצנד באַהערשט די דייטשע שפּראַך. געווען פּעאַיק, ענערגיש, זייער אַמביציעז. אויך צו אים האָבן די פירנדיקע קרייזן פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף נישט געהאַט קיין פולן צוטרוי. ער האָט לאַווירירט צווישן דעם יודנראַט און דער ״אַליינהילף״.

דרך אגב: וויעליקאָווסקי איז געווען אַ ברודער פון־סלאַוואַ מיקוניס־וויעליקאָווסקאַ, דער פאַרשטאָרבענער פּרוי פון געוועזענעם כנסת־דעפּוטאַט

און פירער פון דער ישראלדיקער מק״י־פּאַרטיי, שמואל מיקוניס.
בנימין זאַבלודאָווסקי איז פאַר דער מלחמה געווען אַ סוחר און אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער פון די אַסימילאַטאָריש־פּלוטאָקראַטישע קרייזן. געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה. געווען פאַרבונדן מיט דעם אינסטיטוט פאַר יודאַאיסטישע וויסנשאַפטן און מיט יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.
אין וואַרשעווער געטאָ זענען מיר געווען אַ געוויסע צייט אין אַ כמעט טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון צענטאָס און מיר איז אויסגעקומען, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס, זיך אָפט מיט אים צו באַראַטן. מיר זענען געווען אין קאָרעקטע באַציאונגען. ער האָט געהאַט דרך־ארץ און צוטרוי צו מיין אַרבעט און זיך צו פיל נישט געמישט אין די טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן. אויך ער, אַזוי ווי יאַשונסקי, איז געווען אַ מיטגליד פון יודנראַט און אַ נאָענטער פריינט פון אַדאַם טשערניאַקאָוו. אַ געוויסע צייט האָט ער אָנגעפירט מיט דער פּאָסט־אָפּטיילונג אין געטאָ. צו זיין גונסטן וויל איך דערמאָנען, אַז ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען, נאָך אין יאָר 1940, דערשי־טערנדיקע באַריכטן פון די אַרבעט־לאַגערן, האָט זאַבלודאָווסקי, מיט עטלעכע באַאַמטע, אַדורכגעפירט אַן אינספּעקציע אין אַ ריי לאַגערן און צוגעשטעלט אַן אַלאַרמירנדיקן באַריכט. אויפן סמך פון זיין באַריכט זענען אַדורכגעפירט געוואָרן ענערגישע אינטערווענצן ביי די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, סיי אין קראָקע און סיי אין וואַרשע. בנימין זאַבלודאָווסקי איז געשטאָרבן אין געטאָ, אין יאַנואַר 1942, נאָך פאַר די אַקציעס.
די דריי פּרעזידיום־מיטגלידער פון קראָקע זענען געווען די אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער: דר. טיש, דר. חיים הילפשטיין און מאַרק ביבערשטיין, זיי האָבן אָבער קיין שום ראָל נישט געשפּילט.
די באַציאונגען צווישן דער פּאַקטישער אָנפירונג פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און דעם פּרעזידיום האָבן זיך פאַרשאַרפט, ווען דאָס פּרעזידיום מיט דר. ווייכערטן בראש, האָט אָנגעהויבן אויסצואיבן אַ דרוק, לויטן אויפטראָג פון די ציווילע דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, עס זאָלן ליקווידירט ווערן די פאַרמלחמהדיקע, זעלבשטענדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי צענטאָס, טאָז, טאָפּאָראָל א.א. מיר האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער ״גלייכשאַלטונגס־טענדענץ״. די פירער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף זענען געווען פאַר איינהאַלטן די אויטאָנאָמיע און המשכדיקייט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן אויך מורא געהאַט, אַז די ״גלייכשאַלטונג״ וועט פאַרשטאַרקן דאָס דייטשע אַריינמישן זיך אין די טעטיקייטן פון די אָרגאַניזאַציעס, אָדער פונעם יודנראַט.
דער שטרייט האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. ערשט אין נאָוועמבער 1941 זענען פאָרמעל ליקווידירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס, פּאַקטיש אָבער האָבן מיר ווייטער געפירט אונדזער אַרבעט אויף אַן אויטאָנאָמען אופן און אַפילו,

נישט אָפּיציעל, באַנוצט זיך מיט די אַלטע, טראַדיציאָנעלע נעמען צענטאָס, טאָז א.א.
וועגן דער ראָל פון דר. ווייכערט אין דער לעצטער תקופה פון מאַרטירערטום, שוין נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און נאָך דער בלוטיקער ליקווידירונג פון כמעט אַלע געטאָס, וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן.
נאָך דער פאָרמעלער "גלייכשאַלטונג" פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, איז אַלס אַן אָפּיציעלע רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער סאָציאַלער שוץ אין געטאָ געשאַפן געוואָרן דער יי.ה.ק. (J.H.K.) — יידישער הילפס־קאָמיטעט.
בראש פון דעם יי.ה.ק. איז געשטעלט געוואָרן אינזשיניער סטאַניסלאַוו שערעשעווסקי. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ רייכער אינדוסטריעלער און אַ יידישער בירגערלעכער געזעלשאַפטלעכער טוער, פּאָרזיצער פון טאָפּאָראָל, אויך פון די אַסימילאַטאָריש־פּלוטאָקראַטישע קרייזן. אַ רואיִקער און ערנסטער, זייער אַרבעטזאַמער מענטש, האָט ער זיך באַמיט נישט צו אַריינמישן צו שטאַרק אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַלער אַליינהילף. ער איז געווען פּערזענלעך אַן אָנשטענדיקער מענטש, אָבער אויך ער האָט, אַזוי ווי יאַשונסקי און וויעליקאָווסקי, לאַווירירט צווישן דער "אַליינהילף" און דעם יודנראַט, באַזונדער נאָך דער ערשטער גרויסער אַקציע.
ווי געזאָגט, איז די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען, געווען אין אַ פּערמאַנענטן קאָנפליקט מיטן יודנראַט. איינע פון די גרונט־אונטערשידן צווישן זיי איז געווען, אַז דער יודנראַט האָט רעגירט אין געטאָ מיט דער הילף פון זיינע טויזנטער באַאַמטע און מיט דער הילף פון דער געטאָ־פּאָליציי, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכע באַזע. די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף האָט יאָ געהאַט אַ ברייטע און איבערגעגעבענע געזעל־שאַפטלעכע באַזע, געווען אַ מאַסן־באַוועגונג, אַן אויסדרוק פון דער זעלב־שטענדיקער און אומאָפּהענגיקער יידישער עפנטלעכער מיינונג אין געטאָ.
נישט איינמאָל האָט די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף געשיקט דעלעגאַציעס צום פּאָרזיצער פון יודנראַט, מיט די פירער פון כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען בראש, כדי שאַרף צו פּראָטעסטירן קעגן דער אַנטיסאָציאַלער פּאָליטיק פון דעם יודנראַט אויף פאַרשידענע געביטן, קעגן די שרייענדיקע עוולות לגבי הונדערטער טויזנטער געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָבן געלעבט אין נויט און אין הונגער־באַדינגונגען, ווי אויך קעגן דער הערשנדיקער קאָרופּציע.
איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אין דעם געראַנגל קעגן דער סאָציאַלער אומגלייכ־קייט אין געטאָ, קעגן דעם תהום צווישן אָרעם און רייך און קעגן דער אַנטי־סאָציאַלער פּאָליטיק פון דעם יודנראַט, האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען נישט בלויז די פאָרשטייער פון אַרבעטער־פּאַרטייען, נאָר אויך פירנדיקע טוער פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, ווי מ. ראָגאָווי פון אגודת־ישראל, און אומפּאַרטייאישע עמך־טוער פון דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר און פון די הויז־קאָמיטעטן, ווי מנחם קאָן און אַ סך אַנדערע.

די נאַציאָנאַל־געשטימטע און רעליגיעזע טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף האָבן שאַרף באַקעמפט דעם יודנראַט צוליב נאָך איין סיבה: זיי האָבן אים געזען אַלס אַ נעסט פון אַסימילאַטאָרישע קרייזן, ווו עס האָט געהערשט בלויז די פוילישע שפּראַך. זיי האָבן אויך נישט איינמאָל זיך געקלאָגט, אַז אין יודנראַט און צווישן די אָפיצירן פון דער געטאָ־פּאָליציי — שווימבלט און גריבלט מיט משומדים.

פון דער פּערספּעקטיוו פון דרייסיק יאָר באַטראַכט איך די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף אַלס אַן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכן אַנטינאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד צוליב צוויי הויפּט־סיבות. אין אַ ל ע סעקטאָרן און אָרגאַניזאַציעס, פאַרבונדענע מיט דער "אַליינהילף", האָט געהערשט דער גייסט פון שנאה צו די נאַציס און צו די קרייזן, וועלכע האָבן, אין דער אָדער יענער פאָרם, אויסגעפירט זייערע פאַראָרדנונגען און באַפעלן. שוין נישט רעדנדיק וועגן די יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן און מוסרים.

נישט וויניקער וויכטיק איז אָבער געווען דער פאַקט, אַז אונטער דעם דעק־מאַנטל פון די אַליינהילף־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, האָבן געפירט זייער אונטערערדישע, קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט כמעט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, און, אין אַ גרויסער מאָס, אויך קעמערלעך פון די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, ווי — פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין געטאָ און שפּעטער, פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

איך קאָן פעסטשטעלן, אויפן סמך פון מיין פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז הונדערטער מיטאַרבעטער און טוער פון צענטאָס זענען גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פון פאַרשידענע ריכטונגען, אין אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַ סך צענטאָס־אינסטיטוציעס, ווי קינדער־אינטערנאַטן, קינדער־קיכן א.א. זענען געווען אַ דעקמאַנטל פאַר דער געהיימער אונטערערדישער ווידערשטאַנדס־טעטיקייט.

אויך אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף זענען געווען אַ באַזע און אַ זאַמלפּונקט פאַר דער ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג.

**דער דזשוינט אין וואַרשעווער געטאָ**

עס איז אוממעגלעך, אַפילו אין קורצע שטריכן, צו באַשרייבן דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין וואַרשעווער געטאָ און נישט דערמאָנען די וויכטיקע און פּאָזיטיווע ראָל פון דזשוינט און זיינע דירעקטאָרן.

מיט דער טעטיקייט פון דזשוינט אין פוילן בין איך געווען, אין אַ געוויסער מאָס, פאַרבונדן נאָך פאַר דער מלחמה. דער איניציאַטאָר און אַפּאַראַטאָפּוס פון דעם קאָמיטעט פאַר די ענינים פון יידישער מלאכה, ווו איך האָב אַ געוויסע צייט געאַרבעט, איז דאָך געווען דער דזשוינט, און פּערזענלעך — דער דזשוינט־

דירעקטאָר, יצחק גיטערמאַן. דאַן האָב איך זיך מיט אים באַקענט און מיר האָבן זיך נישט איין מאָל געטראָפן. אויך דער צענטאָס איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען, אין אַ גרויסער מאָס אונטערגעשטיצט דורכן דזשוינט. ווען איך האָב איבערגענומען די אָנפירונג פון דער צענטראַלע פון די פסיכאָטעכנישע באַראַטונג־שטעלעסביים צענטאָס, בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג סיי מיט גיטערמאַנען און סיי מיט אַן אַנדערן דזשוינט־דירעקטאָר, לעאָן נוישטאַדט, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך אין דזשוינט פאַר קינדערשוץ. אויך מיט דעם דריטן דזשוינט־דירעקטאָר, דעם פינאַנץ־לייטער, דניאל גוזשיק, בין איך געווען באַקאַנט נאָך פאַר דער מלחמה. איך האָב אויך גוט געקענט דעם סעקרעטאַר פון דזשוינט, יצחק באָרנשטיין, וועלכער איז אַ מאָל געווען אַ סימפּאַטיקער פון די לינקע פּועלי־ציון.
די דאָזיקע פערזענלעכע פאַרבינדונגען האָבן מיר פאַרלייכטערט דעם קאָנטאַקט און די מיטאַרבעט מיטן דזשוינט אין וואַרשעווער געטאָ, ווען איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס.
ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, איז יצחק גיטערמאַן אַוועק מיט דעם גרויסן שטראָם אויף מזרח, אָבער נאָך פאַרשידענע איבער־לעבונגען איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע אין אַפּריל 1940. די צוויי אַנדערע דירעקטאָרן, גוזשיק און נוישטאַדט, זענען געבליבן אין פוילן און האָבן, צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר באָרנשטיין, אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער הילפס־רעטונגס־אַרבעט בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, אין די ראַמען פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז נוישטאַדטס פרוי אומגעקומען פון אַ דייטשער באָמבע און נוישטאַדט אַליין איז פאַרוווּנדעט געוואָרן.
ביים אָנהייב פון דער אָקופּאַציע איז די באַציאונג פון די דייטשן צום דזשוינט, אַלס צו אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוציע, געווען אַ גענוג קאָרעקטע. זיי האָבן אַפילו דערלויבט גוזשיקן און נוישטאַדטן אַרויסצופאָרן אויף אַ קורצן באַזוך קיין בריסל כדי זיי זאָלן קאָנען זיך באַראַטן מיט דער אייראָפּעאישער דזשוינט־דירעקציע וועגן דער הילף פאַר די יידן אין פוילן. שפּעטער אָבער האָט זיך אויך די באַציאונג צום דזשוינט שטאַרק פאַרערגערט.
ווען עס איז געשאַפן און געשלאָסן געוואָרן דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָט דער דזשוינט געמאַכט פיבערהאַפטע באַמיאונגען, כדי צו שאַפן אויף פאַרשידענע וועגן, גרעסערע געלט־סומעס פאַר די אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַלער אַליינ־הילף. דערביי האָט דער דזשוינט גענומען הלוואות ביי פאַרמעגלעכע יידן, מיט דער פאַרפליכטונג אויסצוצאָלן זיי נאָך דער מלחמה. די דאָזיקע און אַנדערע טראַנזאַקציעס זענען נישט געבליבן קיין סוד. אין אָנהויב פון 1941 איז דער פינאַנץ־דירעקטאָר גוזשיק אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן פאַר ״אומ־לעגאַלע טראַנזאַקציעס״ און איז געזעסן ניין חדשים אין תפיסה. דער דזשוינט ווערט אָבער טאָלערירט, ביזן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און

די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען אין דעצעמבער 1941 ברעכט אויס די דאָזיקע מלחמה, ווערט די טעטיקייט פון דזשוינט אין פוילן פאַרבאָטן.
די דזשוינט־דירעקטאָרן האָבן אָבער געפירט זייער אַרבעט, אַלס געזעל־שאַפטלעכע טוער. אין די ראַמען פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. איך האַלט פאַר מיין חוב צו באַטאָנען, אַז זיי האָבן אין וואַרשעווער געטאָ געפירט זייער טעטיקייט מיט מסירות־נפש. דער געזעלשאַפטלעכער ראַט ביים דזשוינט אין געטאָ איז געווען איינע פון די צענטראַלע קעמערלעך פון דעם אומאָפּ־הענגיקן פון יודנראַט יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און געשפּילט אַן ערנסטע ראָל, אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַלער אַליינהילף.
צום געזעלשאַפטלעכן ראַט האָבן אָנגעהערט: אברהם געפּנער, אַלס פאָרשטייער פון דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט און פון די ווירטשאַפטלעכע קרייזן; סטאַניסלאַוו שערעשעווסקי, אַלס פאָרזיצער פון דעם יי.ה.ק. (יידישער הילפס־קאָמיטעט), און די פירער פון פיר פּאַרטייען אין געטאָ — מנחם קירשענבוים, אַלס פאָרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן; שכנא זאַגאַן — פון די לינקע פועלי־ציון; מאַוריצי אָזשעך — פונעם בונד און אַלעקסאַנדער זישע פרידמאַן — פון דער אגודת ישראל.
פאַרשטייט זיך, אַז אַלע פּאַרטייען האָבן געפירט זייער טעטיקייט אומלעגאַל און אויך דער געזעלשאַפטלעכער ראַט ביים דזשוינט איז געווען אַ געהיימער. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט אַלע דריי דירעקטאָרן פון דזשוינט — גיטערמאַן, גוזשיק און נוישטאַדט — ווי אויך דער סעקרעטאַר באָרנשטיין.
וועגן די פּאַרטיי־פירער וועט מיר אויסקומען צו שרייבן. איך וויל ווידמען עטלעכע ווערטער די דזשוינט־דירעקטאָרן: לעאָן נוישטאַדט האָט אין וואַרשעווער געטאָ קיין גרעסערע ראָל נישט געשפּילט. די מלחמה־איבער־לעבונגען האָבן אים שטאַרק דעפּרימירט און צעבראָכן. אַפילו מיט דער קינדערשוץ האָט ער זיך ווייניק אינטערעסירט. עטלעכע טעג פאַרן אָנהויב פון דער ערשטער גרויסער אַקציע, איז ער מיט זיין צווייטער פרוי, דער באַקאַנטער יידישער שוישפּילערין, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, אַרעסטירט געוואָרן, אַלס בירגער פון אַ פרעמדער מדינה מיט געפעלשטע פּעסער, אַוועקגעפירט געוואָרן אין די טרויעריק־באַקאַנטע תפיסה פּאַוויאַק, און דאָרט זענען זיי צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע יידן, דערשאָסן געוואָרן.
סיי יצחק גיטערמאַן און סיי דניאל גוזשיק האָבן געשטיצט די יידישע אונטער־ערדישע באַוועגונג. ביידע האָבן אַדורכגעלעבט די ערשטע אַקציע. נאָך איר האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און זיך באַטייליקט אין דעם בירגער־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן געלט־מיטלען כדי צו קויפן געווער און אַמוניציע פאַר די יידישע קעמפער, און כדי צו בויען געהיימע בונקערס אין געטאָ.
דניאל גוזשיק איז שפּעטער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער ווערט אַ מיטגליד פון דעם ענגן

פרעזידיום פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, (אַלס פאָרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַנען (אַנטעקן) און מיט מיר. וועגן דעם פּעריאָד פון זיין טעטיקייט וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן. ער איז, נאָך פאַרשידענע איבערלעבונגען, על־פּי־נס געבליבן לעבן ביזן סוף פון דער מלחמה, אָבער שוין נאָך דער מלחמה, אין מערץ 1946, אומגעקומען אין אַ לופט־קאַטאַסטראָפע.

איך האַלט פאַר מיין חוב צו ווידמען אַ מער גענויע אינפאָרמאַציע וועגן יצחק גיטערמאַנען. ער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ איינער פון די וויכטיקסטע, פאַרדינסטפולע טוער.

יצחק גיטערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין האָרנאָסטאָפּאָל. אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען טעטיק אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס.ס.) און פּאַקטיש געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן אַן אומפּאַרטייאישער סאָציאַליסט, מיט אַ טיפן סענטימענט פאַר ארץ־ישראל. אין יאָר 1920 האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע, אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דזשוינט און מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די דזשוינט־דירעקטאָרן. גלייכצייטיק איז ער געווען אַן אַקטיווער קולטור־טוער. אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור און פון יידישן טעאַטער. געווען דער פאָרזיצער פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) און מיטגעאַרבעט מיט דעם יידישן וועלטלעכן שול־וועזן פון ציש״אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן בונד און לינקע פועלי־ציון. ער איז געווען אַ קלוגער, אַרבעטזאַמער געזעלשאַפטלעכער טוער, פול מיט איניציאַטיוו, מיט גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן. זייענדיק איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן פון דזשוינט האָט ער זיך נישט פאַרמאַכט אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט, געווען נאָענט צו די פשוטע פאָלקס־מאַסן.

אויך אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער געאַרבעט מיט מסירות־נפש אויף פאַרשידענע געביטן פון דעם פאַרצווייפלטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. געווען פּאַקטיש איינע פון די פירנדיקע, צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער קאָנספּיראַטיווער קולטור־אָרגאַניזאַציע ייקאָ״ר און מיט דעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת.

דר. עמנואל רינגעלבלום איז געווען, זינט לאַנגע יאָרן, איינער פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און פריינט. זיי האָבן פאַר דער מלחמה צוזאַמען געאַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן אוןווירט־שאַפטלעכן לעבן. אויך אין געטאָ האָבן זיי מיטגעאַרבעט, געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט.

איך בין געווען מיט גיטערמאַנען אין געטאָ אין גוטע באַציאונגען. האָב זיך מיט אים נישט איינמאָל באַראַטן. כ׳האָב הויך געשעצט זיין קלוגשאַפט און אינטעליגענץ. איך וועל נישט פאַרגעסן, אַז דעם לעצטן שמועס אין געטאָ, פאַרן

אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט, האָב איך געהאַט מיט גיטערמאַנען. דאָס איז געווען אין די שרעקלעכע טעג, אין דער לעצטער פאַזע פון דער ערשטער אַקציע, אָנהויב סעפּטעמבער 1942. עס איז שוין דאַן געווען כמעט אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין גאַס. די שיסערייי איז געווען אַן אומאויפהערלעכע. ביים טויער פון אונדזער הויז זענען געלעגן טויטע קערפּערס פון פריש דערשאָסענע יידן. דאָך האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק צו געזעגענען זיך מיט גיטערמאַנען און איבערגעבן אים וועגן מיינע טעטיקייטס-פּלענער אויף דער אַרישער זייט. גיטערמאַן האָט געווינט נישט ווייט, דאָך איז דער קורצער וועג געווען לעבנס־געפערלעך. גיטערמאַן האָט מיך אויסגעהערט מיט דער גרעסטער פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן.

נאָך דער ערשטער אַקציע איז גיטערמאַן געווען, ווי געזאָגט, פאַרבונדן מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און זיך באַמיט איר צו העלפן. ער איז דערשאָסן געוואָרן בעת דער צווייטער אַקציע, דעם 18־טן יאַנואַר 1943.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אויך אַלע דירעקטאָרן פון דזשוינט, מיט יצחק גיטערמאַנען בראש, האָבן געהאַט אַ דורכויס נעגאַטיווע באַציאונג צום יודנראַט און צו דער געטאָ־פּאָליציי. אויך זיי האָבן באַטראַכט די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף אַלס דעם אויסדרוק פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון געטאָ. אויך זיי האָבן זיך ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג, קעגן דעם ווילן פון די פירער פון יודנראַט.

אַלע דריי דזשוינט־דירעקטאָרן זענען געווען אומפּאַרטייאיש. גוזשיק איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג, לעאָן נוישטאַדט — נאָענט צום בונד (די בונדיסטן האָבן אים גערופן "חבר ליאָוואַ"), זיין צווייטע פרוי, די שוישפּילערין קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, האָט זיך אין געטאָ דערנענטערט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. יצחק גיטערמאַן איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַן אומפּאַרטייאישער דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט.

איך וויל נאָך דערמאָנען איינעם פון די העכערע באַאַמטע פון דזשוינט, פּנחס טשערסקי. ער איז געווען טעטיק אין קינדערשוץ, אָבער זיין הויפּט־אויפגאַבע אין געטאָ איז געווען — צו העלפן דעם קולטור־אַקטיוו, די נויטבאַדערפטיקע שריפטשטעלער, קינסטלער, פּלאַסטיקער. אויך ער האָט די אַרבעט געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט און אויף אַ דיסקרעטן אופן.

נאָך די אַקציעס איז ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט. איך האָב זיך מיט אים אַ פּאָר מאָל געטראָפן, אָפּהיטנדיק דערביי די כללים פון קאָנספּיראַציע. אויף דער אַרישער זייט האָבן מיר אים געמוזט העלפן, אין נאָמען פון דעם אונטער־ערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. טשערסקי איז געווען זייער נידער־געשלאָגן. צוליב זיין אויסערלעכן אויסזען האָט ער נישט געקאָנט באַוועגן זיך פריי אויף די גאַסן. ער איז שפּעטער אומגעקומען אין אוישוויץ.

קאַפּיטל 5

# "אַלץ פאַרן יידישן קינד!"

די קינדערשוץ איז געווען איינער פון די ליכטיקע שטראַלן אין דעם לעבן פון וואַרשעווער געטאָ. דאָס שטעלן פעסט אַלע כראָניקאַלע באַריכטן און זכרונות פון יענער צייט. די הויפּט־סיבה איז געווען, אַז אַרום די לאָזונגען: "ראַטעוועט דאָס יידישע קינד!", "גיט די קינדער אַ ביסל פרייד!" און "אַלץ פאַרן יידישן קינד!" — האָט זיך מאָביליזירט די ג אַ נ צ ע אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין געטאָ, אָן אונטערשיד פון סאָציאַלע שיכטן און פון פּאָליטישע איבערצייגונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־סטימול, דער מאָטאָר, וואָס האָט מאָביליזירט די יידישע געזעלשאַפט איז געווען — די טראַגישע לאַגע פון צענדליקער טויזנטער קינדער אין געטאָ. די אַלץ וואַקסנדיקע שטערבלעכקייט האָט פאַרגרעסערט מיט יעדן טאָג די צאָל פון יתומים. די שנעלע און קאַטאַסטראָפאַלע פאַראָרעמונג פון ברייטע יידישע מאַסן האָט געטריבן אויף די געטאָ־גאַסן הונדערטער בעטלענדיקע קינדער. די לאַגע פון טויזנטער קינדער אין די פּליטים־פּונקטן איז געווען ממש אַ טראַגישע.

נאָך אין געטאָ האָבן יידישע דיכטער געווידמעט רירנדיקע לידער דעם גרויזאַמען גורל פון יידישן קינד. די יונגע, יידיש־פּוילישע דיכטערין, הענריקאַ לאַזאַווערט, האָט געווידמעט אַ ליד דעם "קליינעם שמוגלער", וועלכער שמוגלט לעבנס־פּראָדוקטן פון דער אַרישער זייט אין געטאָ כדי צו ראַטעווען זיינע עלטערן פון הונגער־טויט און פאַלט ביי דעם געטאָ־מויער פון די קוילן פון ס.ס.־לייט. דאָס ליד איז געווען זייער פּאָפּולער. אַ סך אַזעלכע קינדער־העלדן זענען געפאַלן ביי די מויערן פון נאַצישע הענט.

אויך אַן אַנדערער באַרימטער דיכטער אין וואַרשעווער געטאָ, וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וועלכער האָט גערופן אין זיינע לידער נאָך דער ערשטער אַקציע, די באַפעלקערונג פון געטאָ צו אַ באַוואָפנטן קאַמף, האָט געווידמעט עטלעכע רירנדיקע לידער די קינדער אין געטאָ.

לויט אונדזערע דאַמאָלסטדיקע אָפּשאַצונגען האָט די איבערוויגנדיקע מערהייט צווישן די בערך 100 טויזנט קינדער אין געטאָ, געליטן פון הונגער און נויט. פאַר 75 ביז 80 פּראָצענט קינדער איז געווען דרינגענד נויטיק סאָציאַלע הילף.

די שווינדזוכט האָט אָנגעהויבן צו פאַרברייטערן זיך. טויזנטער קינדער האָבן געליטן פון די אַלץ וואַקסנדיקע עפּידעמיעס.
די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז אָרגאַניזירט ווערן אַ שנעלע און ברייטע הילף פאַר די צענדליקער טויזנטער קינדער. די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע האָט גענומען אויף זיך, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, די יידישע קינדערשוץ־געזעלשאַפט צענטאָס.

**צענטאָס**

די געזעלשאַפט צענטאָס איז געווען נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ גרויסע און פּאָפּולערע יידישע אָרגאַניזאַציע. דאָס וואָרט צענטאָס איז אַ קירצונג פון דעם אָפיציעלן פּוילישן נאָמען — "צענטראַלע פון געזעלשאַפטן פאַר דער שוץ פון יידישע קינדער און יתומים". זי איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1923, מיט דער באַדייטנדיקער הילף פון דזשוינט. דאַן האָט זי געדאַרפט, דער עיקר, העלפן די יידישע קינדער, וועלכע האָבן געליטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי האָט געהאַט דריי אויטאָנאָמע צענטראַלעס: אין וואַרשע — פאַרן צענטראַלן טייל פון פוילן (קאָנגרעס־פוילן), אין קראָקע — פאַר מערב־גאַליציע און אין לוואָוו (לעמבערג), פאַר מזרח־גאַליציע.
אין יאָר 1938 האָט די טעטיקייט פון צענטאָס אין גאַנץ פוילן, אין צענדליקער שטעט, אַרומגענומען 218 קינדערשוץ־אַנשטאַלטן: 83 יתומים־הייזער, 90 האַלב־אינטערנאַטן, 21 יוגנט־היימען, אַ געוויסע צאָל זומער־קאָלאָניעס און פאַרשידענע אַנדערע אינסטיטוציעס. צענטאָס האָט אַרויסגעגעבן צוויי חודש־זשורנאַלן: דאָס קינד (אויף יידיש), אין וואַרשע, און סאָציאַלער איבערבליק ("Przegląd Spoleczny") , אין דער פּוילישער שפּראַך אין לוואָוו; ביידע אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ.
דער הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער אהרון גאָלדין. די לייטערין פון דער צענטראַלע פון צענטאָס אין קאָנגרעס־פוילן איז געווען די דאַן באַקאַנטע יידישע געזעל־שאַפטלעכע טוערין רחל שטיין. דער לייטער פון צענטאָס אין קראָקע איז געווען דער אַלגעמיין־ציוניסטישער עסקן און איינער פון די פירער פון די מכבי ספּאָרט־קלובן, דר. הענריק לעזער. ער איז געשטאָרבן אין ישראל. בראש פון צענטאָס אין לוואָוו איז געשטאַנען דער אַדוואָקאַט דר. מאַקס שאַף, איינע פון די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון צענטאָס אין פוילן, דער פאָטער פון דעם באַקאַנטן מאַרקסיסטישן פילאָזאָף און טעאָרעטיקער, פּראָפעסאָר אַדאַם שאַף, וועלכער איז טעטיק אין פוילן.
צווישן די בולטע צענטאָס טוער זענען געווען — סענאַטאָר רפאל שערעשעווסקי, בנימין זאַבלודאָווסקי און דער דזשוינט־דירעקטאָר לעאָן נוישטאַדט.
ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט דער הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס, א.

גאָלדין, פאַרלאָזט פּוילן אין די ערשטע טעג פון דער וועלט־מלחמה. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער יורידישער ראַטגעבער פון צענטאָס, אַדוואָקאַט י. בריאַנסקי, און איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס וויצע־דירעקטאָר. אין יאַנואַר 1940, ווען אַדוו. בריאַנסקי איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן, און שפּעטער — דערשאָסן געוואָרן, בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס.

די טעטיקייט פון צענטאָס איז מיר געווען באַקאַנט און נאָענט. נאָך פאַר דער מלחמה, אַלס לייטער פון דער צענטראַלע פון פּסיכאָטעכנישע באַראַטונגס־שטעלעס און פון פּאַטראָנאַטן פאַר דער יידישער אַרבעטנדיקער יוגנט, ביים צענטאָס, האָב איך באַזוכט די צענטאָס־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס אין די גרעסערע שטעט, געווען אין קראָקע, לוואָוו, לאָדזש, ביאַליסטאָק, לובלין און אין אַנדערע שטעט, און געווען באַקאַנט מיט די פּירנדיקע טוער פון צענטאָס אין גאַנצן לאַנד. איך האָב אויך אָנטיילגענומען אין עטלעכע צענטאָס־קאָנפערענצן. די פונקציע אָבער פון הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס, באַזונדער אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, און — פון נאָוועמבער 1940 — אין געטאָ, האָט געשטעלט פאַר מיר שווערע און זייער קאָמפּליצירטע אויפגאַבן. איך האָב אָבער אָן באַוואָרענישן, אָנגענומען די פונקציע, ווייל איך האָב געפילט און פאַרשטאַנען איר גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג.

**דער שטאַב פון צענטאָס אין געטאָ**

די פּערסאָנעלע לאַגע אין דער לייטונג פון צענטאָס איז געווען אַ שווערע. אַ גרויסער טייל פון די באַאַמטע און טוער האָט פאַרלאָזט פּוילן, מיטן גרויסן געלויף אויף מזרח. דירעקטאָר נוישטאַדט איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, און זיך אין דער צענטאָס־טעטיקייט כמעט נישט באַטייליקט. די געוועזענע לייטערין פון צענטאָס אין וואַרשע, רחל שטיין, איז שוין געווען אַן עלטערע און קראַנקע פרוי און נישט געווען מסוגל אָנטיילצונעמען אַקטיוו אין דער זייער שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון דער צענטאָס־אָנפירונג אין געטאָ. איך האַלט פאַר מיין חוב צו ווידמען איר עטלעכע אָנדענק־ווערטער.

רחל שטיין האָט לאַנגע יאָרן אָנגעפירט מיט דעם קינדערשוץ־טעטיקייט אין צענטראַל־פּוילן און געדינט מיט איבערגעגעבנקייט און מיט ליבשאַפט דער זאַך פון יידישן קינד. פּאָליטיש־אידעאיש איז זי, צוזאַמען מיט איר מאַן, אריה שטיין, געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דער פּאַרטיי פועלי־ציון — צ.ס. זי איז געווען אַ ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט און געווען טעטיק אין דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ. אויך געווען אַקטיוו אין דער יידישער פרויען־באַוועגונג, אין דער לייטונג פון יידישן פרויען־פאַראיין. זי האָט אַדורכגעמאַכט די אַלעליידן פון וואַרשעווער געטאָ. ווען עס איז אויסגע־

בראָכן די ערשטע אַקציע, האָט רחל שטיין באַשלאָסן, אַז זי וועט לעבעדי־קערהייט נישט גיין אין די טויט־וואַגאָנען. ווען מ׳האָט זי, נאָך אַ שרעקלעכער בלאָקאַדע געפירט צום אומשלאַגפלאַץ, האָט זי, פאַרן אַריינגיין אין וואַגאָן, גענומען ציאַנקאַלי און געשטאָרבן אויפן אָרט.

אַלס פאָרזיצער פון צענטאָס איז, ווי געזאָגט, באַשטימט געוואָרן בנימין זאַבלודאָווסקי. איך האָב מיט אים האַרמאָניש מיטגעאַרבעט, אָבער ער האָט געהאַט אַ ריי אַנדערע פונקציעס אין געטאָ און געווען שטאַרק פאַרנומען. אין יאַנואַר 1942 איז ער געשטאָרבן. אין דעם געזעלשאַפטלעכן פרעזידיום פון צענטאָס איז אויך געווען טעטיק דער געוו. אינדוסטריעלער, טאַדעאוש פלוצער־סאַרנאַ. אויך מיט אים בין איך געווען אין גוטע באַציאונגען.

איך האָב אָבער געמוזט דעם אָנפירנדיקן אַפּאַראַט פון צענטאָס בויען פון דאָס ניי, פון די יסודות. דאָס איז געווען דרינגענד נויטיק, ווייל די טעטיקייט פון צענטאָס האָט זיך פון וואָך צו וואָך פונאַנדערגעוואָקסן און געוואָרן אַלץ פאַרצווייגטער. מיר האָבן געמוזט שאַפן נישט בלויז נייע קינדערשוץ־אינסטי־טוציעס און אַנשטאַלטן, נאָר אויך נייע אָפּטיילונגען אין דער צענטאָס־צענטראַלע, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט די פאַרשידענע אַרבעטס־צווייגן.

אַ דאַנק מיינע פערזענלעכע פאַרבינדונגען איז מיר געלונגען צו מאָביליזירן אין צענטאָס כמעט אַלע פעדאַגאָגן און פּסיכאָלאָגן, וועלכע זענען געווען אין געטאָ, אַ גרויסער טייל פון זיי — מענטשן אויף אַ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ. אויסער זיי, איז מיר געלונגען צו קאָנצענטרירן אין צענטאָס אַ סך פּעאיקע קראַנקן־שוועסטער, ספּעציאַליסטן פון סאָציאַלער שוץ, עקאָנאָמיסטן, אַדמיניסטראַטאָרן, באַאַמטע און אָנגעשטעלטע.

מיט דער צייט, ווען די טעטיקייט פון צענטאָס האָט זיך אויסערגעוויינלעך אויסגעברייטערט אויף פאַרשידענע געביטן, ווען צענטאָס האָט געגעבן הילף צענדליקער טויזנטער קינדער און האָט פאַרמאָגט העכער 100 קינדערשוץ־אַנשטאַלטן, אויסער אַנדערע שוץ־קעמערלעך, איז די צאָל פון גייסטיקע און פיזישע מיטאַרבעטער פון צענטאָס איבערגעשטיגן 1.000 פּערזאָן!

דער גרויסער לאָקאַל פון דער צענטאָס־צענטראַלע, אויף לעשנאָ 2, מיט זיינע פופצן צימערן, איז געווען שטענדיק פול מיט מענטשן. אויך אין אים אַזוי ווי אין דער צענטראַלע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אויף טלאָמאַצקיע 5, האָט שטענדיק גערוישט.

פון די טויזנט מיטאַרבעטער פון צענטאָס זענען געבליבן ביים לעבן נישט מער ווי צוואַנציק ביז דרייסיק מענטשן. אַ טייל פון זיי געפינען זיך אין פוילן, אַ טייל אין ישראל און אין אַנדערע לענדער.

אין יאָר 1940 איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון די מזרח־קאַנטן פון פוילן דער לאַנגיעריקער און דערפאַרענער צענטאָס־באַאַמטער, יוסף גיטלער. ער איז פאַר דער מלחמה געווען לייטער פון דער פינאַנציעלער בוך־פירונג ביי דער צענטראַלע פון צענטאָס און געווען פאַרבונדן מיט דער דירעקציע פון דזשוינט.

מיר האָבן זיך פּערזענלעך גוט געקענט, נאָך פאַר דער מלחמה, ווען איך האָב אָנגעפירט מיט דער פּסיכאָטעכנישער צענטראַלע ביים צענטאָס.

עס האָט אונדז אָבער פאַרבונדן פּערזענלעך נאָך איין סיבה. ער איז געווען אַ נאָענטער חבר און פריינט פון מיין עלטערן ברודער, יעקב. יוסף גיטלער (באַרסקי) איז איינער פון די וועטעראַנען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן. ער איז, זינט זיינע יוגנט־יאָרן, געווען פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און זינט דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן, געווען אַקטיוו אין אירע רייען. אויך ער, ווי מיין ברודער, איז געווען טעטיק אויפן געביט פון פאַרטיי־אַרבעט אין די רייען פון דער פוילישער און יידישער אינטעליגענץ.

דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, איז ער געגאַנגען מיטן גרויסן שטראָם קיין מזרח, אָבער אין די מזרח־קאַנטן פון פוילן האָט ער אַדורכגעלעבט אַ משפחה־אומגליק און באַשלאָסן, צוזאַמען מיט זיין פרוי צעלינאַ, אַ קוואַליפיצירטע דערציערין, וועלכע האָט אויך געאַרבעט אין די צענטאָס־אַנשטאַלטן, צוריקצוקערן זיך קיין וואַרשע.

מיר האָבן זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. איך האָב געוווּסט, אַז יוסף גיטלער איז אַ זייער פּעאיקער באַאַמטער, אַ ספּעציאַליסט אויפן געביט פון פינאַנציעלע ענינים. אויך דאָס פּרעזידיום פון צענטאָס און די דירעקציע פון דזשוינט האָבן אים אויפגענומען האַרציק. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פינאַנץ־דירעקטאָר פון צענטאָס. זינט דאַן, ביז דער לעצטער פאַזע פון דער גרויסער אַקציע, זענען מיר געשטאַנען בראש פון צענטאָס.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט מיט די פונקציעס אויף אַ נאַטירלעכן אופן. איך בין געבליבן דער הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס און האָב אָנגעפירט, אויסער דער אַלגעמיינער פּלאַנירונג, מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע, געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע ענינים. גיטלער האָט, דער עיקר, אָנגעפירט מיט די פינאַנציעלע, ווירטשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע ענינים. מיר האָבן זיך, ביזן סוף, קעגנזייטיק דערגאַנצט און האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק.

י. גיטלער איז געווען אין געטאָ לענגער פון מיר. עס איז אים און זיין פרוי געלונגען איבערצולעבן די ערשטע גרויסע אַקציע. גיטלער און אַ קליינע גרופּע פון צענטאָס־מיטאַרבעטער האָבן נאָך געשאַפן פּראָוויזאָרישע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן אין געטאָ פאַר דער קליינער צאָל קינדער, וועלכע זענען געבליבן ביים לעבן נאָך דער אַקציע. גלייכצייטיק האָט י. גיטלער געהאָלפן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

בעת דער צווייטער אַקציע, אין יאַנואַר 1943, האָט מען אויך די דאָזיקע קליינע קינדערשוץ־אינסטיטוציעס ליקווידירט. די קינדער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע. נאָך דער צווייטער אַקציע האָב איך באַשלאָסן צו ברענגען י. גיטלערן, זיין פרוי און זייער קליינע טאָכטער אויף דער אַרישער זייט. באַשיען און מיר איז געלונגען צו שאַפן פאַר זיי אַ דירה, ביי אַ

פּוילישן לינקן אַרבעטער־טוער. אין פעברואַר 1943 איז גיטלער אַריבער־געגאַנגען, צוזאַמען מיט זיין משפחה, אויף דער אַרישער זייט. נאָך פאַרשידענע איבערלעבונגען זענען זיי שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם נאַציזישן לאַגער אין בערגען־בעלזען. זיי געהערן צו דער קליינער גרופּע יידן וועלכע זענען דאָרט געבליבן ביים לעבן. נאָך דער מלחמה איז י. גיטלער (באַרסקי) געווען עטלעכע יאָר דער סעקרעטאַר פון דזשווינט אין פאָלקס־פּוילן. איצט לעבט ער אין פּוילן אַלס אַן ערן־פּענסיאָנער און איז נאָך געזעלשאַפטלעך טעטיק. אונדזער ביידנס, י. גיטלערס און מיין רעכטע האַנט אין דער צענטאָס־צענטראַלע אין געטאָ איז געווען דער אינספּעקטאָר פון צענטאָס, דער פאַרשטאָרבענער אין ישראל, וולאַדיסלאַוו (זאב) פרידהיים. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ שול־טוער אין די ראַמען פון דעם יידישן שול־וועזן אין דער פּוילישער שפּראַך אין וואַרשע. זיינע פעאיקייטן האָבן זיך אַנטפּלעקט אין וואַרשעווער געטאָ, אין צענטאָס. דאָס איז געווען אַן איבערגעגעבענער טוער מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן. ער האָט זיך באַצויגן צו דער קינדערשוץ־טעטיקייט אין געטאָ מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט. ער איז געווען דער מיטבויער פון אַ ריי נייע אַנשטאַלטן, יתומים־הייזער, קינדער־קיכן, האַלב־אינטערנאַטן, אָנטיילגענומען אַקטיוו אין די גרויסע געזעל־שאַפטלעכע אַקטיוויטעטן פון צענטאָס, אין דער אָרגאַניזירונג פון די "קינדער־חדשים" און אין אַנדערע אונטערנעמונגען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע גרויסע אַקציע, האָט פרידהיים, צוזאַמען מיט גיטלערן, מיט מיר און מיט אַנדערע צענטאָס־טוער, אָנטיילגענומען אין אונדזערע באַמיאונגען צו ראַטעווען קינדער און קינדער־אַנשטאַלטן, אַפילו אויפן אומשלאַגפּלאַץ, נישט ווייט פון די וואַגאָנען.

ער האָט נאָך, צווישן דער ערשטער און צווייטער אַקציע, געפּרוּווט, צוזאַמען מיט י. גיטלערן, צוריקצובויען קינדערשוץ־אַנשטאַלטן. בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ פאַלט פרידהיים אַריין אין נאַצישע הענט און ווערט אַוועקגעשיקט אין דעם אַרבעטס־לאַגער אין בודזין, אין לובלינער קאַנט. דאָרט זענען געווען פאַרשפּאַרט אַרום דריי טויזנט יידן, צווישן זיי אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע טוער און רבנים פון וואַרשעווער געטאָ — אליעזר־ליפּע בלאָך, דער רעוויזיאָניסטישער טוער דר. דוד וודאָווינסקי, צוויי באַקאַנטע וואַרשעווער רבנים, קעלמיש שפּירא און שמעון שטאָקהאַמער, דער בונדישער טוער ישראל פּאַלק א.א. איך האָב, אין נאָמען פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן לאַגער, דורך פרידהיימען. מיר האָבן געטאָן, אַלץ וואָס עס איז געווען מעגלעך, כדי צו העלפן די יידן אין לאַגער, און באַזונדער דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. אַ דאַנק אונדזערע פאַרבינדלער האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פירן מיט פרידהיימען אַ געגנוג לעבהאַפטע קאָנספּיראַטיווע קאָרעספּאָנדענץ.

פרידהיימען און זיין פרוי איז געלונגען איבערצולעבן די מלחמה. נאָך דער

באַפרייאונג איז זאב פרידהיים געווען טעטיק אין די די־פּיס־לאַגערן אין דייטשלאַנד און שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין ישראל. ער האָט אין ישראל לאַנגע יאָרן, ביזן סוף פון זיין לעבן, געאַרבעט אַלס פּאָרזיצער פון דעם פאַרבאַנד פון געוועזענע קאַצעטלער (ארגון אסירי הנאצים לשעבר). ער איז געשטאָרבן אין תל־אביב, אין 1973. מיר זענען די גאַנצע צייט, אויך אין ישראל, געווען אין פּערזענלעכע, האַרציקע באַציאונגען. עס איז נישט געווען קיין קאָנפערענץ אָדער פאַרזאַמלונג אויף וועלכער זאב פרידהיים זאָל נישט דערמאָנען אונדזער מיטאַרבעט אין געטאָ און די הילף פאַר די יידן אין דעם לאַגער בודזין.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך, איך זאָל קאָנען דערמאָנען און כאַראַק־טעריזירן די 1.000 צענטאָס־מיטאַרבעטער און די הונדערטער געזעל־שאַפטלעכע טוער, פאַרבונדענע מיטן צענטאָס. איך וויל בלויז אונטער־שטרייכן, אַז די מערהייט פון זיי, כמעט אַלע, האָבן געטריי געדינט דער זאַך פון יידישן קינד. צענדליקער דערציער, לערער און מיטאַרבעטער פון די יתומים־הייזער און קינדער־אינטערנאַטן, האָבן, פּונקט אַזוי ווי יאַנוש קאָרטשאַק, באַגלייט די קינדער אין זייער לעצטן וועג, אין די וואַגאָנען, ביז דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע. אַ טייל פון די צענטאָס־מיטאַרבעטער איז געפאַלן אין קאַמף, בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ און אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

די נעמען פון אַ טייל פירנדיקע מיטאַרבעטער און טוער וועל איך דערמאָנען, ווען איך וועל מאַכן, דאָס ערשטע מאָל אין דער געטאָ־ליטעראַטור, אַ קורצן איבערבליק פון דער טעטיקייט פון צענטאָס אויף פאַרשידענע אַרבעטס־געביטן.

די קינדערשוץ אין געטאָ האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז אין יאָר 1942, געציילטע וואָכן פאַר דער ערשטער מאַסן־אַקציע, זענען אין דער צענטאָס־צענטראַלע געווען טעטיק אַרום צוואַנציק אָפּטיילונגען. יעדע וואָך האָבן מיר אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיטן אָנטייל פון די לייטערס פון אַלע אָפּטיילונגען, מיט אַרבעטס־באַריכטן און קאָנקרעטע אַרבעטס־פּלענער פאַר דער צוקונפטיקער וואָך.

איך געדענק די ערנסטע און געשפּאַנטע אַטמאָספער אויף די דאָזיקע קאָנפערענצן. מ׳האָט גערעדט קורץ, זאַכלעך, אָן פראַזעאָלאָגיע. דאָס האָט דערמאָנט שטאַב־קאָנפערענצן פון אַן אַרמיי אין דער צייט פון אַ מלחמה. יאָ, מיר האָבן דאַן געפירט אַ טראַגישע, אומגלייכע מלחמה פאַרן לעבן פון יידישן קינד און... פאַר אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן.

עס איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז איך בין אַ לענגערע צייט געשטאַנען אין אַ רעגלמעסיקן קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פאַר קינדערשוץ אין דער סאָציאַלער שוץ פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט און שפּעטער אויך — אין דעם פּוילישן הויפּט־ראַט פאַר סאָציאַלער שוץ (R.G.O.).

דעם קאָנטאַקט האָב איך געהאַט אַפילו דאַן, ווען דאָס געטאָ איז געווען געשלאָסן. אַלס אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַלער שוץ, בין איך געווען איינער פון די אַרום 1.000 לייטערס און פירנדיקע טוערס

פון יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט געהאַט אַ "ערלײבעניש" אַרומצוגײן אויך אויף דער אַרישער זייט, אויסער געוויסע פּלעצער און גאַסן, ווו דער צוטריט פון יידן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. איך האָב פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט די דערלויבעניש, קודם־כל, אין די אינטערעסן פון דער יידישער קינדערשוץ. נאָך אַ געוויסער צייט זענען אויך די דערלויבענישן אַנולירט געוואָרן. מ'האָט דאָס געטאָ פאַרמאַכט נאָך הערמעטישער.

דעם רעגלמעסיקן קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער קינדערשוץ האָט מיר פאַרלייכטערט דער פאַקט, אַז די לייטערין פון דער קינדערשוץ־אָפּטיילונג איז געווען מיין יינגערע קאָלעגין פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, די הויפּט־אַסיסטענטין פון אונדזער געמיינזאַמען פּראָפעסאָר פון פּעדאַגאָגישער פּסיכאָלאָגיע און מחבר פון אַ ריי וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף דעם געביט, פּראָפ. סטעפאַן באַלעי. איר נאָמען איז געווען — דר. עוואַ ריביצקאַ. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי.

זינט די ערשטע וואָכן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז זי געווען טעטיק אין דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, אין די ראַמען פון דעם גרויסן פּוילישן סקויטן־פאַרבאַנד (Z.H.P.). דער קאָנספּיראַטיווער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז דאַן געווען די ג ר ו י ע ר י י ע ן (Szare Szeregi). זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל אין דעם קאַמף פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אין פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין יאָר 1944. עוואַ ריביצקאַ האָט געהאַט אַ דורכויס פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און אַקטיוו געהאָלפן ביים ראַטעווען אַ טייל יידישע קינדער אויף דער אַרישער זייט, אין פּוילישע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן.

איך וועל נישט פאַרגעסן, אַז, אין אַ גרויסער מאָס, אַ דאַנק דעם פּערזענלעכן און שפּעטער טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט איר, איז אונדז, באַשיען און מיר, געלונגען אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט. זי איז, אין שייכות מיט דער דאַזיקער געפערלעכער אונטערנעמונג, געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט באַשיעס און מיינע פּוילישע פריינט. עוואַ ריביצקאַ האָט אונדז צוגעשטעלט אונדזערע ערשטע אַרישע פּאַפּירן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט ביז דער באַפרייאונג. דאַן, אין סעפּטעמבער 1942, איז נאָך די קאָנספּיראַטיווע טעכניק פון צוגרייטן "אַרישע דאָקומענטן" נישט געווען אַזוי אַנטוויקלט, ווי אין די יאָרן 1943 און 1944. ווען עס זענען געווען גאַנצע אונטערערדישע "פאַבריקן" פון דעם מין. דאַן האָט אונדז עוואַ ריביצקאַ געגעבן דאָקומענטן אויף די נעמען מיכאַל און באַרבאַראַ ביערנאַצקי, אַלס ברודער און שוועסטער... אַזוי זענען מיר שוין געבליבן ביז דער באַפרייאונג. אָפיציעל זענען מיר געווען אַ ברודער און אַ שוועסטער דאָס האָט אונדז נישט איינמאָל קאָמפּליצירט דאָס לעבן אין די באַדינגונגען פון דער דרייפאַכער קאָנספּיראַציע.

דער גורל פון דער אומפּאַרגעסלעכער עוואַ ריביצקאַ איז געווען אַ טראַגישער. איר מאַן — דר. לודוויק גאָלדשיידער־גאָרינסקי — איז געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג. ער איז געווען איינער פון די פּעאיקסטע יונגע פּסיכאָלאָגן און פּסיכאָטעכניקער אין פּוילן. זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אים געמסרט. ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. מיט דער צייט האָבן געסטאַפּאָ־אַגענטן אָנגעהויבן צו אינטערעסירן זיך סיי מיט עוואַ ריביצקאַ, אַלס אַ פּוילישע אונטערערדישע טוערין און מיט איר מאַן, אַלס אַ ייד.

איך געדענק, אַז אין איינעם פון מיינע שמועסן מיט איר, ווען איך בין שוין געווען זייער טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט, האָט זי מיר אָפּן געזאָגט אַז איר לעבן און דאָס לעבן פון איר מאַן, איז אין געפאַר. איך האָב איר דאַן געראַטן און געבעטן, זי זאָל אויף אַ געוויסע צייט פאַרלאָזן וואַרשע און ענדערן "דאָס פּנים" און די "לעבנס־געוווינהייטן". זי האָט אָבער אומדערשראָקן פאָרגעזעצט איר טעטיקייט. נאָך אַ קורצער צייט זענען זיי ביידע, עוואַ ריביצקאַ און איר מאַן, אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און דערשאָסן. אויך איר פאָטער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן.

**אין קאַמף פאַרן לעבן פון יידישע קינדער**

איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען מיט וועלכן עס איז אויסגעקומען דעם צענטאָס און מיר פּערזענלעך צו ראַנגלען זיך די גאַנצע צייט, ביז דעם טראַגישן סוף, איז געווען די אומאויפהערלעכע און אַלץ וואַקסנדיקע כוואַליע פון יתומים, צוליב דער מאַסן־שטערבלעכקייט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָבן עגזיסטירט אין וואַרשע און איר אומגעבונג עטלעכע יידישע יתומים־הייזער און אינטערנאַטן. דער באַקאַנטסטער צווישן זיי איז געווען — דאָס יתומים־הויז אונטער דער אָנפירונג פון יאַנוש קאָרטשאַק און סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ. נישט געקוקט אויף די באַוואָרענישן, וועלכע זענען נאָך פאַר דער מלחמה אַרויסגערוקט געוואָרן צו דעם פּעדאַגאָגישן סיסטעם פון יאַנוש קאָרטשאַק, איז דאָס געווען אַ מוסטער־האַפטער אַנשטאַלט. עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן גענויער וועגן קאָרטשאַקן און זיין אומפאַרגעסלעכער מיטאַרבעטערין סטעפאַ ווילטשינסקאַ אין דעם קאַפּיטל וועגן טראַגישן אומקום פון 100.000 קינדער פון וואַרשעווער געטאָ. איך וויל בלויז דערמאָנען, אַז אין זייער יתומים־הויז האָבן זיך, ביים אויסברוך פון דער מלחמה געפונען 150 קינדער, און אַפילו אין געטאָ, אין דער לעצטער פאַזע פאַרן אומקום, איז די צאָל פון קינדער אין קאָרטשאַקס אַנשטאַלט נישט איבערגעשטיגן די 200. דאָס איז געווען ממש אַ טראָפּן אין ים.

עס האָבן ביים אָנהויב עגזיסטירט נאָך עטלעכע אינטערנאַטן פאַר יינגלעך און פאַר מיידלעך, אָבער די צאָל פון קינדער ביי זיי איז אויך געווען אַ קליינע. די טראַגישע לאַגע פון די קינדער און יתומים אין געטאָ האָט געצוווּנגען דעם צענטאָס צו שאַפן אין אַ שנעלן, אָפּטמאָל פּיבערהאַפטן, טעמפּאָ, נייע יתומים־

הייזער און אינטערנאַטן פאַר פאַרשידענע גרופּן פון קינדער. מיר האָבן זיי איינגעאָרדנט מערסטנטייל אין די געביידעס פון פּוילישע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס געביט פון געטאָ, אין לאָקאַלן פון געוויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַפילו אין פּריוואַטע, מער־וויינינקער צוגעפּאַסטע לאָקאַלן.

אַזוי האָבן מיר געשאַפן אַ קליינעם, אָבער מוסטערהאַפטן אינטערנאַט פאַר יתומים פון די פּליטים, אין דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט, אויף אָגראָדאָווע 29. איך בין דאָרט, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אָפטער גאַסט. איך וועל נישט פאַרגעסן די פּופּציק גערעטענע, אינטעליגענטע קינדער. זיי זענען אַלע אומגע־קומען אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע.

דער צענטאָס האָט אויך געשאַפן אַ סך אַ גרעסערן יתומים־הויז פאַר 250 פּליטים־קינדער אויף דזשיקע 3 און אַ מוסטערהאַפטן אינטערנאַט פאַר קליינע קינדער אויף דזשיעלנע 67, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מיין גוטע באַקאַנטע פון די פּסיכאָלאָגישע באַראַטונג־שטעלעס, די איידעלע און פעאיקע דערציערין פון פּראָבלעמאַטישע קינדער, שרה גראָבער־יאַנאָווסקאַ. אויך זי איז געגאַנגען צום טויט מיט די קינדער, אַזוי ווי יאַנוש קאָרטשאַק, און גערופן אַלע דערציער נישט צו פאַרלאָזן די קינדער אין זייער לעצטן וועג.

דער צענטאָס האָט געשאַפן עטלעכע רעטונגס־היימען פאַר גאַסן־קינדער. מיט איינעם פון זיי האָט אָנגעפירט דער היסטאָריקער און לערער, דר. ליפּמאַן־צאָמבער. מיט אַן אַנדערער רעטונגס־היים, אויף אַ גאַס מיט אַ מאָדנעם נאָמען "פרייהייט" ("Wolność") 16, האָט אָנגעפירט מיין באַקאַנטער, מאַרעק גאָלדקאָרן, אַן אינטעליגענטער פּעדאַגאָג און גלייכצייטיק אַ קאָמוניסטישער טוער. אויך ער האָט באַגלייט די קינדער ביזן טויט־לאַגער.

די אַלץ וואַקסנדיקע צאָל יתומים האָט געצווונגען דעם צענטאָס צו שאַפן גרויסע, אַפילו ריזיקע יתומים־הייזער. אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס ריזיקע קינדער־הויז אויף דער "פרייהייט"־גאַס 16 — פאַר אַרום 1.000 קינדער. מיט דעם דאָזיקן גרויסן און קאָמפּליצירטן אַנשטאַלט האָט אַ געוויסע צייט אָנגע־פירט מיין פריינט, דר. יאַן פּשעדבאָרסקי, איינער פון די בעסטע און אינטעלי־גענטסטע מעדיצין־דאָקטוירים אין געטאָ, אַ ספּעציאַליסט פון אינערלעכע און קינדער־קראַנקייטן. איך האָב זיך מיט אים נישט איינמאָל באַראַטן אין פאַרשידענע שווערע קינדערשוץ־פראַגן. ער איז געווען אויך מיין פערזענלעכער מעדיצין־דאָקטאָר. ער איז אומגעקומען אין 1942 יאָר.

שפּעטער האָט מיט דעם דאָזיקן ריזיקן קינדער־הויז אָנגעפירט דער דערפאַ־רענער דערציער און אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ, שימאַנסקי. אויך ער איז מיטגעגאַנגען מיט די טויזנט קינדער אין די טויט־וואַגאָנען. פאַרן פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט האָט ער געגעבן סם זיין אַלטיטשקער מוטער, כדי זי זאָל נישט דאַרפן אַדורכמאַכן די שרעקלעכעליידן אין די וואַגאָנען און אין די גאַז־קאַמערן.

אַ נייער, גרויסער קינדער־אינטערנאַט איז געשאַפן געוואָרן דורכן צענטאָס אין

דעם געוועזענעם יידישן עמיגראַנטן־הויז אויף מילנע 18. זיין לייטער איז געווען דער לערער און דערציער אהרון קאָנינסקי, אַ נאָענטער קרוב פון דר. עמנואל רינגעלבלום. א. קאָנינסקי איז געווען אַ טוער פון דער פועלי־ציון־צ.ס.־פּאַרטיי און פון דער שול־ריכטונג שול־קולט, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי.

ער איז געווען אַ גוטער לייטער פון דעם אינטערנאַט, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן דעם נאָמען פון איינעם פון די בעסטע צענטאָס־אינטערנאַטן אין געטאָ. אויך א. קאָנינסקי האָט באַגלייט די קינדער אין זייער לעצטן וועג.

אויך די מוסטערהאַפטע פאַרמלחמהדיקע צענטאָס־אינטערנאַטן: פאַר יינגלעך, אויף טוואַרדע 7, מיט די דערפאַרענע דערציערס, שטערנפעלד און דאָמבראָווסקי בראש, און פאַר מיידלעך, אויף שליסקע 28, מיט דער קלוגער און ענערגישער לייטערין, פרוי בראָניאַטאָווסקאַ בראש, האָבן אין געטאָ אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט און פאַרגרעסערט די צאָל קינדער. אַלע דריי האָבן באַגלייט די קינדער ביזן טויט.

צענטאָס האָט פאַרמאָגט, נאָך פאַר דער מלחמה אַ ריי קינדער־אַנשטאַלטן אין די דערפער, אויף דער באַן־ליניע וואַרשע—אָטוואָצק: אין אָטוואָצק גופא, ווו עס זענען געפאַלן די ערשטע דייטשע לופט־באָמבעס, ווי אויך אין פאַלעניץ און אין מיעדזעשין. אויך דאָרט האָבן מיר געשיקט די געטאָ־יתומים. אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן האָבן באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, פרישע לופט און גרינע ביימער — אַרום 500 קינדער. בעת די אַקציעס זענען זיי אַלע דערמאָרדעט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון זיי — אויפן אָרט.

אויך די באַקאַנטע בונדישע מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַר קינדער, אין דעם דאָרף מיעדזעשין ביי וואַרשע, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון דעם אידעאָלאָג און פירער פון בונד, וולאַדימיר מעדעם, האָט בעת דער מלחמה געענדערט איר כאַראַקטער. אויך זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינדער־אינטערנאַט פון צענטאָס, פאַר 250 קינדער. איך האָב זי עטלעכע מאָל באַזוכט און באַוווּנדערט די איבערגעגעבנקייט און די פעאיִקייטן פון דער לייטונג און פון דעם גאַנצן פערסאָנאַל. אויך דאַן, אין דער צייט פון מלחמה און אין די געטאָ־באַדינגונגען, איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע געבליבן אַ מוסטערהאַפטער קינדער־אַנשטאַלט. עס האָבן מיט איר אָנגעפירט די בונדישע טוער, דערציער און מעדיצין־דאָקטוירים: מושקאַט, ראָזאַ אייכנער, דר. טאָלאַ מינץ, מאַניאַ זיגעלבוים, די פרוי פון דעם באַקאַנטן בונדישן טוער שמואל זיגעלבוים (אַרטור), וועלכער איז באַגאַנגען זעבלסטמאָרד אין לאָנדאָן, נאָך דעם געטאָ־אויפשטאַנד, א.א.

איך געדענק, אַז די לייטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט מיך און מיין פרוי באַשיע איינגעלאַדן אויף אַ פּאָר טעג אָפּרו צווישן די גרינע וועלדער, כדי אַ ביסל אָפּצואָטעמען פון דעם געדראַנג און טומל פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב נישט געהאַט דערצו קיין צייט, געווען אומאויפהערלעך פאַריאָגט. אָבער

ווען באַשיע איז געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט נאָך אַ קראַנקייט, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצונוצן די איינלאַדונג. באַשיע איז דאָרט אַהין געפאָרן אויף אַ פערד און וואָגן, אַלס באַגלייטערין פון אַ פּראָדוקטן־טראַנספּאָרט פון די צענטאָס־מאַגאַזינען פאַר דער סאַנאַטאָריע. זי האָט געהאַט אויפן וועג פאַרשידענע אומאָנגענעמע אינצידענטן מיט די דייטשע וואַכן, אָבער סוף־כל־סוף אָנגעקומען בשלום. זי האָט פאַרבראַכט דאָרט אַ וואָך צייט און זיך באמת אָפּגערוט "צווישן וועלדער און פעלדער", נאָך וועלכע זי האָט אין געטאָ אַזוי געבענקט. אויך זי האָט אויסערגעוויינלעך געלויבט די אָרדנונג און די חברישע און האַרציקע אַטמאָספער אין דער סאַנאַטאָריע. אויף דער צוריקרייזע האָט די לייטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשאָנקען באַשיען פאַר איר און פאַר מיר, אַ בינטל שיינע בלומען. איך געדענק, אַז דאָס איז פאַר אונדז געווען אַן אמתע איבערלעבונג. פרישע בלומען אין געטאָ! אַ קליייניקייט!...

סוף אויגוסט 1942 זענען די 250 קינדער צוזאַמען מיט אַ צאָל דערציער אַוועק־געפירט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע.

נישט געקוקט אויף דעם וווקס פון דער נעץ פון יתומים־הייזער און אינטער־נאַטן איז דער דרוק אויף די צענטאָס־אָנפירונג געוואָרן אַלץ שטאַרקער. די כוואַליע פון נייע יתומים איז געווען אַ סך גרעסער ווי דער וווקס פון די קינדער־אַנשטאַלטן. גלייכצייטיק אָבער איז די פינאַנציעלע לאַגע פון צענטאָס געוואָרן אַלץ שווערער. נישט געקוקט אויף די הילף פון דזשוינט און פון דעם פאַרזאָר־גונגס־אַמט, באַזונדער פון זיין פאָרזיצער אברהם געפּנער און פון דעם ענערגישן און סימפּאַטישן קינדער־פריינט, דירעקטאָר הענריק ראָטענבערג און נישט געקוקט אויף די הילף פון די געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן, וועלכע זענען געווען טעטיק כמעט ביי אַלע גרעסערע קינדער־אַנשטאַלטן, האָבן אויס־געפעלט מיטלען צו שאַפן נייע יתומים־הייזער. אויך די גאַנץ גרויסע הכנסות פון די אימפּאָזאַנטע געזעלשאַפטלעכע און פינאַנציעלע אונטערנעמונגען ווי דער "חודש פון קינד" האָבן נישט געקאָנט דעקן די קאָלאָסאַלע באַדערפענישן פון אַלע צענטאָס־אינסטיטוציעס.

דאַן האָט אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע צענטאָס־טוער גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ נייעם, גרויסן קינדער־אינטערנאַט מיט דער הילף פון די... יידישע געטאָ־מיליאָנערן. צווישן די איניציאַטאָרן האָבן זיך געפונען די זייער איבערגעגעבענע שוץ־טוערין, פרוי מאַריאַ פּינקערט, די פרוי פון אַדוואָקאַט פּינקערט, איינעם פון די געציילטע, פאַרהעלטנישמעסיק אָנשטענדיקע און נישט דעגענערירטע מאָראַליש אָפּיצירן פון דער געטאָ־פּאָליציי; די ענערגישע פרוי פולמאַן, די פרוי פון דעם דיריגענט פון דעם סימפּאָנישן אָרקעסטער אין געטאָ, שמעון פולמאַן, ווי אויך דר. פעליציאַ טשערניאַקאָוו.

זיי האָבן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן "קעניג" פון די בערשטלער אין געטאָ, עמיל ווייץ, און מיט זיינע יידישע און פּוילישע שותפים. עמיל ווייץ איז אין

געטאָ געווען גאָר באַקאַנט. ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט טאַרנאָוו, אין מערב־גאַליציע. געווען אַ מאָל אַ בערשטלער־אַרבעטער. פּאָליטיש פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטישן בונד. אַן ענערגישער מענטש, האָט ער שוין ביים אָנהויב פון דער מלחמה דערשמעקט, אַז די דייטשע אַרמיי דאַרף האָבן אַ סך בערשטן... ער האָט, צוזאַמען מיט זיינע שותפים, געשאַפן אין וואַרשעווער געטאָ אַ גרויסע בערשטן־פאַבריק. עס זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט אַרום 2.000 אַרבעטער. עס איז אים געלונגען. אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָרן אַ מיליאָנער.

צו זיין גונסטן קאָן מען פעסטשטעלן, אַז עמיל ווייץ האָט געגעבן פינאַנציעלע הילף די יידישע אינסטיטוציעס אין געטאָ מיט אַ ברייטער האַנט. געגעבן אַ גרויסע הלוואה דעם דזשוינט אויף אויסצוצאָלן נאָך דער מלחמה. ער האָט געשטיצט די קולטור־טעטיקייט אין געטאָ און, ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, אויך געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט דעם בונד און זיין אונטערערדישע פרעסע.

עמיל ווייץ האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו־גרופּע צו שאַפן אַ גרויסן און מאָדערנעם יתומים־הויז און געגעבן אויף דעם צוועק אַ באַדייטנדיקע געלט־סומע. אויך זיין יידישער שותף, קאַראָל זילבערשטיין, און באַזונדער זיין פּוילישער שותף, דער אינדוסטריעלער יוליאַן קודאַשיעוויטש, זענען מסכים געווען צו פינאַנצירן דעם גרויסן נייעם קינדער־שוץ־אַנשטאַלט. יוליאַן קודאַשיעוויטש האָט אין געטאָ געהאַט אַ גוטן שם אַלס אַ יידן־פריינט און אַלס אַ קולטורעלער און איידעלער מענטש, וואָס האָט אויך געהאָלפן פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס. ער איז געווען באַפריינדעט מיט דעם יידיש־פּוילישן דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל און האָט אויף דער אַרישער זייט אויסבאַהאַלטן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער. אַ דאַנק אים זענען זיי ניצול געוואָרן.

אויסער עמיל ווייצן און זיינע שותפים האָבן דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט געהאָלפן אויך אַנדערע פאַרמעגלעכע יידן, ווי דוד מאַוער, און, פאַרשטייט זיך, אברהם געפּנער.

אַזוי איז אַנטשטאַנען, אין די ראַמען פון צענטאָס, אַ נייער, באמת מוסטער־האַפטער. גרויסער קינדער־אינטערנאַט אונטערן נאָמען ״גוטער ווילן״ (״Dobra Wola״), אויף דזשיעלנע 61. עס האָבן דאָרט געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ וואַרעמע, קולטורעלע היים — העכער 400 יתומים. ביז... ביז דער גרויסער אַקציע, ווען אין אויגוסט 1942 זענען אַלע 400 קינדער אומגעקומען אין טרעבלינקע.

עס איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז אויפן געביט פון די בערשטלער־וואַרשטאַטן, אויף די גאַסן שוויענטאָיערסקע, וואַלאָווע און פראַנטשישקאַנער, איז בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע און העלדישסטע שלאַכטן.

איך וויל נאָך דערמאָנען, אַז אויסער עמיל ווייצן, דעם "ברעשטלער־קעניג", האָבן געהאָלפן דעם צענטאָס אויך אַנדערע יידישע אינדוסטריעלער, שאָפּן־אייגנטימער אין געטאָ. איך האַלט פאַר מיין חוב צו דערמאָנען דעם רייכן אינדוסטריעלער ראָווינסקי און זיין זון, אייגנטימער פון דעם גרויסן שאָפּ בראַון— ראָווינסקי. דאָס איז געווען, אין אַלגעמיין אַ שטייפער ביזנעסמאַן, פון דעם טיפּ "שווערע יידן", אָבער לגבי קינדער און צו דער קינדערשוץ אין געטאָ האָט סיי ער און סיי זיין זון אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציאונג און געגעבן הילף מיט אַ ברייטער האַנט. איך געדענק, אַז אין באַזונדער שווערע מאָמענטן פאַרן צענטאָס האָב איך ביי די ראָווינסקיס געפונען אַ פאַרשטענדניש. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר נאָענטע פריינט פון צענטאָס.

איך וויל דערמאָנען נאָך איין וויכטיקן צענטאָס־אַנשטאַלט, די פאַרמלחמה־דיקע יוגנט־היים פאַר מיידלעך, אויף טוואַרדע 27. איר לייטערין איז געווען די דערפאַרענע דערציערין, פרוי מאַריאַ ראָטבלאַט. זי האָט געהאַט צו די יתומים־מיידלעך אַ מוטערלעכע און האַרציקע באַציאונג. אין איר "בורסע" האָט מען זיי געלערנט פאַכן, באַזונדער שניידעריי, און זיי צוגעגרייט צו אַ פּראָדוקטיוו, שעפעריש לעבן.

איך האָב געהאַט צו פרוי ראָטבלאַט אַ באַזונדערן סענטימענט צוליב נאָך איין סיבה. זי איז געווען די מוטער פון דעם געטאָ־קעמפער לוטעק (לייב) ראָטבלאַט, איינעם פון די פירער פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע עקיבא. זיין באַציאונג צו דער מוטער און צו איר דערציאונגס־אַנשטאַלט איז געווען אַ רירנדיקע, איך בין געווען מיט לוטעקן אין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען.

די דאָזיקע יוגנט־היים איז געווען דער איינציקער צענטאָס־אַנשטאַלט, וועלכן דער לייטונג איז געלונגען צייטווייליק אַרויסצוראַטעווען פון דעם אומשלאַג־פּלאַץ, אין אַ גרויסער מאָס, אַ דאַנק דער שנעלער און ענערגישער אינטער־ווענץ פון יוסף גיטלער. פאַרשטייט זיך, אַז די מיידלעך זענען שוין נישט געקומען צוריק אין זייער היים, נאָר זענען פונאַנדערגעשאָטן געוואָרן צווישן אַנדערע צענטאָס־אַנשטאַלטן. אין דעם ווייטערדיקן שרעקלעכן פאַרלויף פון דער גרויסער אַקציע זענען זיי, כמעט אַלע, אומגעקומען.

לוטעק ראָטבלאַט האָט העלדיש געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַלס קאָמענדאַנט פון דער קאַמפס־אָפּטיילונג פון עקיבא. אין דער שפּעטערדיקער פאַזע פון אויפשטאַנד, איז ער געווען, צוזאַמען מיט זיין מוטער, אין דעם גרויסן בונקער פון דעם שטאַב פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, אויף מילע 18. אין מאָמענט ווען די ס.ס.־לייט האָבן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דעם בונקער און אָנגעהויבן צו וואַרפן אין אים גראַנאַטן און גאַז־באָמבעס, איז לוטעק ראָטבלאַט, אַזוי ווי אַ ריי אַנדערע קעמפער, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט פריער דערשאָסן זיין באַליבטע מוטער און שפּעטער זיך אַליין.

דאָס איז געווען דער טראַגישער סוף. כמעט אַלע קינדער און דערציער פון די צענטאָס־אַנשטאַלטן זענען אומגעקומען. אויב מ׳זאָל אָבער מאַכן אַ קורצן סך־הכל פון דער צענטאָס־טעטיקייט אויפן געביט פון יתומים־שוץ, אויף איינעם פון די שווערסטע און וויכטיקסטע קינדערשוץ־אָפּשניטן אין געטאָ, איז ער געווען אַזאַ: צענטאָס האָט געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ וואַרעמע היים אַרום פאַר אַ 4.000 יתומים אין 30 יתומים־הייזער און אינטערנאַטן. דאָס איז אין יענער צייט, אין די גרויזאַמע געטאָ באַדינגונגען, געווען אַ גרויסער אויפטו.

## הילף פאַר קינדער אין גיהנום־באַדינגונגען

אויסער די יתומים־הייזער און אינטערנאַטן האָט צענטאָס געשאַפן אין געטאָ אַ נעץ פון האַלב־אינטערנאַטן און פון טאָג־היימען פאַר קליינוואַרג, ווו די קינדער האָבן פאַרבראַכט אַ האַלבן טאָג, באַקומען באַשפּייזונג און, אָפּהענגיק פון זייער עלטער: קליינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אונטער דער אויפזיכט פון די דערציערינס, עלטערע האָבן זיך אַ ביסל געלערנט, צוזאַמען געלייענט ביכער און אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזן. די דאָזיקע האַלב־טאָגיקע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען באַזונדער וויכטיק פאַר די אַרבעטנדיקע מוטערס. זיי האָבן די פרויען באַפרייט אויף אַ האַלבן טאָג, באַזונדער אין די אַרבעטס־שעהען, פון דער זאָרג פאַר די קינדער.
אַזעלכע האַלב־אינטערנאַטן און טאָג־היימען האָט צענטאָס געשאַפן קנאַפּע 20, אין וועלכע ער האָט באַשפּייזט אַ פּאָר טויזנט קינדער. בראש פון דער אָפּטיילונג פון האַלב־אינטערנאַטן איז געשטאַנען די דערפאַרענע דערציערין, פרוי אַננאַ נאַטאַנבלוט. פאַר דער מלחמה איז זי געווען די לייטערין פון אַ גרויסער יידישער פאָלקס־שול אין דער פוילישער שפּראַך.
שפּעטער, זינט סעפּטעמבער 1941, ווען נאָך לאַנגע באַמיאונגען, האָט מען באַקומען די דערלויבעניש צו שאַפן יידישע פאָלקס־שולן אין געטאָ, איז פרוי נאַטאַנבלוט באַשטימט געוואָרן דורך דעם יידישן שול־קאָמיטעט אַלס וויזיטאַטאָרין פון די שולן. זי האָט אויסגעפירט די וויכטיקע פונקציע געוויסנהאַפט ביז דער אַקציע. עס איז איר געלונגען צו בלייבן לעבן. זי וווינט איצט אין שוועדן.
די באַדינגונגען אין די האַלב־אינטערנאַטן זענען געווען שווערערע, ווי אין די יתומים־הייזער און אינטערנאַטן. קיין געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן זענען ביי די האַלב־אינטערנאַטן און טאָג־היימען נישט געווען. אין די פאַרמאַכטע אַנשטאַלטן האָבן די קינדער געהאַט אַ גאַנצטאָגיקע באַשפּייזונג, זיי האָבן אויך באַקומען באַקליידונג און שיך. אין די האַלב־אינטערנאַטן זענען קינדער געקומען אָפּטמאָל באָרוועס. בלויז אין באַזונדערע פאַלן איז געווען מעגלעך צו געבן זיי שיך און מלבושים.
די דריטע פאָרם פון קינדערשוץ, אין די ראַמען פון צענטאָס, זענען געווען קינדער־קיכן. דאָס איז געווען די סאַמע מאַסנהאַפטיקע פאָרם פון הילף פאַר די

הונגעריקע קינדער. די קינדער־קיכן האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין געטאָ. צענטאָס, מיט דער הילף פון דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט, האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די זופּן פאַר קינדער זאָלן זיין נאַרהאַפטע. זיי האָבן נישט געקאָנט זאַט מאַכן אויף אַ גאַנצן טאָג. זיי האָבן אָבער טויזנטער קינדער געראַטעוועט ממש פון הונגער־טויט.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1941 זענען געווען טעטיק קנאַפּע דרייסיק קינדער־קיכן, וועלכע האָבן געגעבן דורכשניטלעך טעגלעך אַרום 30 טויזנט זופּן. אין יאָר 1942 איז די צאָל קינדער, וועלכע מ׳האָט באַשפייזט אין די קינדער־קיכן געווען נאָך גרעסער, אָבער די גאַנצע צייט האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט צייטווייליקע קריזיסן אין די קינדער־קיכן, וועלכע זענען געווען אָפּהענגיק פון דער צושטעלונג פון פּראָדוקטן דורך דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט.

די קינדער־קיכן זענען געשאַפן געוואָרן מערסטנטייל אין די לאָקאַלן פון געוועזענע שולן פון אַלע, אָן אויסנאַם, שול־ריכטונגען, וועלטלעכע און רעליגיעזע, אין דער יידישער, העברעישער און פּוילישער שפּראַך, אָבער נישט בלויז אין די שול־לאָקאַלן. ביי אַ טייל פון די גרויסע קינדער־קיכן פון פאַרשידענע ריכטונגען זענען געשאַפן געוואָרן געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן. אַ טייל פון זיי האָט געטאָן אַ ווונדערבאַרע אַרבעט, געזאָרגט פאַר פּראָדוקטן און פאַר צוגאָב־באַשפּייזונג, אָרגאַניזירט, אין פאַרשטענדיקונג מיטן צענטאָס אָדער זעלבשטענדיק, פאַרשידענע קינדער־אימפּרעזן, פאַרווײַלונגען א.א.

אַ גרויסע באַדייטונג אין דעם לעבן פון טויזנטער קינדער אין געטאָ האָט געהאַט דער פאַקט, אַז אין דער צייט, ווען די דייטשן האָבן נישט דערלויבט, אַז אין געטאָ זאָלן זיין טעטיק יידישע שולן — זענען, אונטערן דעקמאַנטל פון די קינדער־קיכן פון צענטאָס געשאַפן געוואָרן געהיימע שולן פון אַלע ריכטונגען. אָבער וועגן דעם געהיימען שול־וועזן וועל איך שרייבן באַזונדער.

עס איז קלאָר, אַז כדי אָנצופירן מיט אַזאַ גרויסער צאָל קינדער־קיכן, וועלכע האָבן באַדינט צענדליקער טויזנטער קינדער איז געווען נויטיק אַ גוט־פונקציאָנירנדיקער אַפּאַראַט. עס איז אונדז געלונגען צו קאָנצענטרירן אין דער קיכן־אָפּטיילונג ספּעציאַליסטן פון באַשפּייזונג און ווירטשאַפטלעכע טוער. עס איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָבן אויך געאַרבעט ענערגישע פרויען, יוריסטן פון באַרוף, פאַר דער מלחמה — טעטיקע אַדוואָקאַטן. אין די צימערן פון דער קינדער־קיכן־אָפּטיילונג איז געווען שטענדיק זייער רוישיק.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז איינער פון די שווערסטע און טראַגישסטע פּראָבלעמען אין וואַרשעווער געטאָ געווען די פּליטים־פראַגע. די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט אין וואַרשעווער געטאָ אַרום 150 טויזנט פּליטים, פאַרטריבענע פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. זייער לאַגע אין געטאָ איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף האָט געמאַכט איבער־מענטשלעכע באַמיאונגען, כדי צו לינדערן זייער נויט. עס זענען געשאַפן

געוואָרן אַרום הונדערט און זעכציק פּליטים־פּונקטן. די צענטראַלע פּליטים־קאָמיסיע האָט אָרגאַניזירט ביי אַ טייל פון גרעסערע פּליטים־פּונקטן געזעל־שאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן אָפן — די סאָציאַלע אַליינהילף איז נישט געווען בכוח צו ענדערן ראַדיקאַל די לאַגע פון די גרויסע פּליטים־מאַסן.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די לאַגע פון די טויזנטער קינדער אין די פּליטים־פּונקטן. זי איז געווען אומבאַשרייבלעך. די קינדער האָבן דאָרט געלעבט אין שמוץ, אין געדראַנג און אין געשטאַנק, הונגעריק, כמעט נאַקעט און באָרוועס. אַ טייל קינדער איז דאָרט ממש ווילד געוואָרן, אַ טייל האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן.

אויך פאַרן צענטאָס איז דאָס געווען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען. איך געדענק, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַזוכט עטלעכע פּליטים־פּונקטן און געזען דאָרט די לאַגע פון די קינדער, בין איך געקומען אַ היים ממש קראַנק און צעבראָכן, נישט געקאָנט שלאָפן ביינאַכט. נאָך אַזאַ באַזוך האָב איך עטלעכע טעג געטאַפּט ביי זיך דעם דופּק, צי איך האָב נישט קיין היץ, צי איך האָב דאָרט נישט געכאַפּט קיין טיפוס...

דאָס איז געווען אַ גענוג אָפטע דערשיינונג, אַז דערציערינס, קראַנקן־שוועסטער און מיטאַרבעטער פון צענטאָס, פון טאָז און פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די פּליטים־פּונקטן אָדער געקומען אין קאָנטאַקט מיט די גאַסן־קינדער, זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. פיל פּערזענלעכקייטן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זייער הילפס־אַרבעט פאַר די דאָזיקע געטאָ־קינדער.

מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין ברירה. אויך די דאָזיקע געפערלעכע שליחות האָט צענטאָס גענומען אויף זיך. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט צענטאָס געשאַפן אַ פּאָר נייע, ספּעציעלע אינטערנאַטן פאַר די יתומים פון די פּליטים־פּונקטן. אין יאָר 1942 האָבן מיר געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ אין די און אין אַנדערע אינטערנאַטן פאַר העכער 500 יתומים פון די פּונקטן.

דער צענטאָס האָט אָבער באַשלאָסן, נאָך אין יאָר 1940, צו פירן אַ קינדער־שוץ־אַרבעט אין די פּליטים־פּונקטן גופא, כדי, אין אַ געוויסער מאָס צו לינדערן די טראַגישע לאַגע פון די קינדער. דאָס איז געווען אַ שווערע און געפערלעכע אַרבעט. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אין די גרעסערע פּונקטן, ספּעציעלע קינדער־צימערן, אין דער פאָרם פון קינדער־קלובן ("Świetlice") . צו דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר מאָביליזירט די פּעאיקסטע קרבנות־גרייטע דערציערינס, פּסיכאָלאָגן און ספּעציאַליסטן פון סאָציאַלער שוץ.

מיר האָבן געשאַפן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר דעם קינדערשוץ אין די פּליטים־פּונקטן און געשטעלט בראש פון דער אָפּטיילונג מיין גוטע באַקאַנטע פון דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט, דר. אסתר מאַרקין, די הויפּט־אַסיסטענטין פון פּראָפ. וולאַדיסלאַוו וויטוויצקי. אַלס דערציערינס אין די

קינדער־קלובן און אין די פונקטן האָבן געאַרבעט אַזעלכע ווערטפולע פּעדאַגאָגן און פּסיכאָלאָגן, ווי דר. אירענאַ פּילאָזאָף, סטעפאַניאַ האַלבערשטאַדט, סימאַ רידיגער, נועמי דאַניעל, פּרוי אַפּעל, רות אַפּעלקיר און אַ ריי אַנדערע.

זיי האָבן געטאָן אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען. אין יאָר 1942 האָט צענטאָס אָנגעפירט מיט העכער דרייסיק אַזעלכע קינדער־קלובן פאַר קנאַפּע 5.000 קינדער. ווי עס האָבן זיך נישט איינמאָל אויסגעדריקט די געזעל־שאַפטלעכע טוער פון צענטאָס, פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און פון די פּאַטראָנאַטן, ווי אויך די עלטערן פון די קינדער — דאָס זענען געווען ממש אָאַזן אין די גיהנום־באַדינגונגען פון די פּליטים־פּונקטן.

אין די קינדער־קלובן איז געווען ריין, ליכטיק, וואַרעם. די קינדער האָבן דאָרט יעדן טאָג באַקומען אַ פרישטיק. די דערציִערינס האָבן אַדורכגעפירט שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס, געהאָלפן די עלטערע קינדער צו לערנען זיך אַליין, אָרגאַניזירט שפּילערייען און פאַרווײַלונגען, אָנגעוויזן די קינדער, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן שמוץ. די טויזנטער קינדער האָבן זיך געפילט גוט אין די קלובן. די רעזולטאַטן זענען געווען אַזעלכע, אַז אַ היפּשע צאָל באַגאַבטע קינדער פון די פּליטים־פּונקטן האָבן אָנטיילגענומען אין די גרויסע, עפנטלעכע, קינסטלע־רישע פאַראַנשטאַלטונגען פון צענטאָס, אין די ראַמען פון "חודש פון קינד". שפּעטער, בעת דער ערשטער מאַסן־אַקציע, זענען די קינדער פון די פּונקטן געווען צווישן די ערשטע קרבנות.

### פאַר דער רעטונג פון גאַסן־קינדער

נישט ווייניקער טראַגיש איז געווען דאָס פּראָבלעם פון די גאַסן־קינדער. די שנעלע און קאַטאַסטראָפאַלע פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן האָט געטריבן טויזנטער קינדער אויף די גאַסן. די בעטלענדיקע קליינע קינדער, כמעט אַלע באָרוועסע און אַרומגעוויקלטע אין שמאַטעס, זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע גרוילִיקע דערשײַנונג אין דעם געטאָ־פּייזאַזש. עס זענען געווען צווישן זיי דריי־יעריקע בעטלער. אַ טייל פון די עלטערע גאַסן־קינדער זענען מיט דער צייט געוואָרן קליינע גאַסן־גנבים, "כאַפּערס". זיי האָבן ביי די דורכגייער בליץ־שנעל געכאַפּט — אַ לעבל ברויט אָדער אַנדער עסנוואַרג און אַנטלאָפן.

אויך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם האָט צענטאָס געמוזט זיך פאַרנעמען. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן עטלעכע ספּעציעלע רעטונגס־היימען פאַר גאַסן־קינדער. אויף די דאָזיקע זייער שווערע קינדערשוץ־טעטיקייט האָט געפאָדערט ספּעציעלע דערציִערישע קוואַליפיקאַציעס.

גלייכצייטיק האָט דער פאָרזיצער פון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו, פאַראָרדנט, אַז אויך די געטאָ־פּאָליציי זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע פון גאַסן־קינדער, באַזונדער, ווען די פּלאָג פון די "כאַפּערס" און קליינע גנבים איז געוואָרן גענוג מאַסנהאַפטיק. ער האָט אויך פאָרגעלייגט דער לייטונג פון צענטאָס אָנצוקניפּן אין דער פראַגע אַ קאָנטאַקט מיט דער קאָמענדאַנטור פון

דער געטאָ־פּאָליציי. דאָס איז געווען דער איינציקער פּאַל און דאָס איינציקע געביט, ווו עס איז פּאָרגעקומען אַ געוויסע קאָאָרדינאַציע צווישן דעם צענטאָס און דער געטאָ־פּאָליציי.

דער געמיינזאַם אויסגעאַרבעטער פּלאַן איז געווען אַזאַ, אַז די פּאָליציי וועט שאַפן עטלעכע פאַרהאַלטונגס־סטאַציעס פאַר גאַסן־קינדער און באַזונדער פאַר קליינע גאַסן־גנבים, און צענטאָס וועט זיי פון דאָרט, נאָך אַ קורצער צייט, איינ־אָרדנען אין די אינטערנאַטן. מיר האָבן דערביי קאַטעגאָריש געפּאָדערט, אַז די באַציאונג פון די פּאָליציאַנטן צו די גאַסן־קינדער זאָל זיין אַ מענטשלעכע. איך וויל אָביעקטיוו פעסטשטעלן, אַז, אין אַלגעמיין, איז די באַציאונג פון די פּאָליציאַנטן צו די קינדער אין די דריי געשאַפענע פאַרהאַלטונגס־סטאַציעס געווען אַ גוטע. וואַרשיינלעך האָבן זיי באַקומען געהעריקע אינסטרוקציעס. דאָס ענדערט נישט, בשום אופן, מיין דורכויס נעגאַטיווע אָפּשאַצונג וועגן דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ. איך וועל נישט פאַרגעסן, אַז די זעלבע פּאָליציאַנטן האָבן, בעת דער ערשטער אַקציע, אַדורכגעפירט דעם גרויזאַמען גזירה, אין דער ערשטער ריי – אויף גאַסן־קינדער, און געהאָלפן אַקטיוו די דייטשע מערדער צו ברענגען די קינדער מיט כוח אין די וואַגאָנען, וועלכע האָבן זיי געפירט אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע.

כדי צו געבן די גאַסן־קינדער אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט צענטאָס אין אַ שנעלן טעמפּאָ געשאַפן עטלעכע רעטונגס־היימען און געשטעלט בראש פון זיי דערפאַרענע דערציער, דערביי, אין די דאָזיקע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן — נישט קיין פרויען נאָר מענער: דעם צענטאָס־דערציער שטאָרך, דר. צאָמבער, מאַרעק גאָלדקאָרן א.א. עס איז זיי געלונגען צו שאַפן אין די רעטונגס־היימען אַ גוטע אַטמאָספער און די קליינע בעטלערס און "כאַפּערס" האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוריקצוגעווינען זייער פאַרלוירענע קינדהייט. אין די רעטונגס־היימען האָט צענטאָס געשאַפן אַרבעטס־וואַרשטאַטן פאַר די עלטערע קינדער. וועלכע זענען אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָנשטענ־דיקע, אַרבעטנדיקע יינגלעך.

בראש פון דער אָפּטיילונג פון הילף פאַר גאַסן־קינדער אין דער צענטאָס־צענטראַלע איז געשטאַנען מיין גוטער באַקאַנטער נאָך פון פאַר דער מלחמה, דער יונגער יוריסט און עקאָנאָמיסט, מאַגיסטער גוסטאַוו אַלעף. ער האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אין דער יידישער ווירטשאַפטלעכער פרעסע־אַגענטור און שפּעטער אין דעם לאַגער אין זבאָנשין, פון די פּוילישע יידן, וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון היטלער־דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון דר. עמנואל רינגעלבלום.

ביים אָנהויב פון דער מלחמה איז אויך ג. אַלעף געגאַנגען מיטן שטראָם קיין מזרח. אין יאָר 1941, נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט ער זיך אומגעקערט אין וואַרשעווער געטאָ און באַקומען אַרבעט אין צענטאָס. מיר האָבן אים געקענט אַלס אַ זייער גוטן אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט

אָנגעפירט מיט דער גאַסן־קינדער־אָפּטיילונג געוויסנהאַפּט און ענערגיש.
אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַ חבר פון השומר הצעיר, אָבער נאָך פאַר דער מלחמה פאַרבינדט ער זיך מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין וואַרשעווער געטאָ ווערט ער איינער פון די הויפּט־טוער פון די אונטער־ערדישע קעמערלעך פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.). נאָך דער שאַפונג פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין געטאָ נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פונעם בלאָק. שוין נאָך דער ערשטער מאַסן־אַקציע האָט ג. אַלעף באַקומען אַ פּאַרטיי־באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ און ווערן אַקטיוו אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג פון דער לינקער פּאָקלס־אַרמיי (Armia Ludowa — A.L.).
ג. אַלעף („באָלקאָוויאַק״, „באָלעק״) ווערט מיט דער צייט איינער פון די פירנדיקע פּאַרטיזאַנער פון א.ל., רעדאַגירט געהיימע פּאַרטיזאַנישע אויסגאַבן און אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע ראַיאָנען פון פּוילן די פּאַרטיזאַנישע אַנטי־נאַצישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג. נאָך דער מלחמה איז ג. אַלעף געווען לאַנגע יאָרן טעטיק אין דער פּוילישער אַרמיי, אין דער ראַנג פון אַ קאָלאָנעל, געווען מיליטערישער אַטאַשע אין דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און געהאַט אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע מיליטערישע פונקציעס. שפּעטער איז ער געווען לאַנגע יאָרן דער פאַרטרעטער פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די קעמפער פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג (פ.י.ר.). נאָך דער מלחמה איז ער אַ געוויסע צייט געווען מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון יידישע פּאַרטיזאַנער.
אַלס מיטגליד פון ביוראָ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע (פ.י.ר.) האָב איך זיך מיט ג. אַלעפן עטלעכע מאָל געטראָפן אויף די קאָנגרעסן און ביוראָ־זיצונגען פון פ.י.ר. ער האָט מיט אַ גרויסן סענטימענט דערמאָנט די צייטן, ווען ער האָט, אין נאָמען פון צענטאָס, אָרגאַניזירט די הילפס־אַרבעט פאַר די גאַסן־קינדער אין וואַרשעווער געטאָ. (ג. אַלעף איז אין די לעצטע חדשים פון 1979 געשטאָרבן אין פּוילן — רעד.).
אין דער אָפּטיילונג פון הילף פאַר גאַסן־קינדער אין צענטאָס האָט געאַרבעט די אומפאַרגעסלעכע דר. ראָזאַ סימכאָוויטש, אַ פּעדאַגאָג און פּסיכאָלאָג פון אַ גרויסן קאַליבער. זי איז געווען איינע פון די שענסטע, איידלסטע און נאָבלסטע פערזענלעכקייטן אין וואַרשעווער געטאָ.
זי האָט געשטאַמט פון אַ באַקאַנטער יידישער משפחה אין רוסלאַנד. איר ברודער איז געווען דער העברעיִשער שריפטשטעלער און היסטאָריקער דר. י. נ. שמחוני. זי האָט אין די יוגנט־יאָרן געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפן נאָמען פון זשאַן־זשאַק רוסאָ אין זשענעוו. זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע און

פאַרעפנטלעכט אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אויף די געביטן, אין פאַרשידענע שפּראַכן.
זינט די יוגנט־יאָרן פאַרבונדן געווען מיט יידישע פּראָבלעמען, מיט דער יידישער שפּראַך און קולטור, האָט זי געטריי געדינט דער זאַך פון יידישן קינד. נאָך אין יאָר 1921 באַשטימט געוואָרן אַלס לייטערין פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. זי איז געווען טעטיק אין דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ווילנע, אין דער אָנפירונג פון זיין פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע. גלייכצייטיק איז זי געווען אַקטיוו אין דעם יידישן וועלטלעכן שול־וועזן. געאַרבעט אַלס אינספּעקטאָרין אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש״אָ) און מיטרעדאַגירט איר פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל די נייע שול. נאָך אין יאָר 1937 האָט ראָזאַ סימכאָוויטש רעפערירט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּעדאַגאָגישן קאָנגרעס אין פּאַריז וועגן יידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען.
זי איז געווען דורך אַלעמען הויך געשעצט, סיי צוליב איר אינטעליגענץ און גרינטלעכן וויסן, סיי צוליב איר באַשיידנקייט און איר קרישטאָל־ריינעם כאַראַקטער. איך האָב זיך מיט ראָזאַ סימכאָוויטש באַקאַנט אין וואַרשעווער געטאָ. זי איז שוין דאַן געווען אַן עלטערע פרוי עס זענען אָבער געבליבן סימנים פון איר אַמאָליקער שיינהייט. זי איז געווען אַ שטילע און באַשיידענע פרוי. איך האָב אָבער גלייך דערפילט איר אינערלעכן, גייסטיקן פּאַטאָס, איר אידעאַליזם און איר טיפע ליבשאַפט צום יידישן קינד. איך האָב איר גלייך פאָרגעלייגט צו אַרבעטן אין צענטאָס.
פון ערשטן מאָמענט אָן האָט זי געהאַט די נייגונג צו אַרבעטן צווישן די אָרעמסטע קינדער אין געטאָ, צווישן די קינדער, וואָס האָבן געהונגערט און געלעבט אין דער גרעסטער נויט. איז געווען נאַטירלעך, אַז ווען מיר האָבן געשאַפן די אָפּטיילונג פאַר גאַסן־קינדער, האָט זי אויסגעדריקט איר ווילן צו אַרבעטן צווישן זיי. זי איז געווען באַשעפטיקט ביי אָננעמען און קוואַליפיצירן די גאַסן־קינדער אין די רעטונגס־היימען פון צענטאָס. זי האָט מיט יעדן פון זיי געשמועסט און אַרויסגעוויזן צו זיי אַ האַרציקע, ממש מוטערלעכע באַציאונג.
ראָזאַ סימכאָוויטש איז נאָך אין צענטאָס געווען טעטיק אויף אַן אַנדער געביט. זי האָט אָנגעפירט מיטן רעפעראַט פאַר קולטור־אַרבעט אויף יידיש. אַלס אַ הייסע ליבהאָבערין פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, האָט זי מיט־געאַרבעט מיט דער אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס און זיך באַמיט אַז עס זאָלן פאָרקומען קולטור־אונטערנעמונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַר קינדער און פאַרוויילונגען, נישט נאָר אין דער פּוילישער, נאָר אויך אין דער יידישער שפּראַך. איך האָב אירע באַמיאונגען אונטערשטיצט. ראָזאַ סימכאָוויטש האָט זיך באַפריינדעט מיט מיין פרוי, באַשיע, און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער צענטראַלער קינדער־ביבליאָטעק ביים צענטאָס, מיט וועלכער באַשיע האָט אָנגעפירט. זיי האָבן ביידע ליב געהאַט יידישע פאָלקס־לידער און דעם יידישן

פֿאָלקלאָר. אויך באַשיע האָט זיך באַמיט, אַז די קינדער זאָלן לייענען יידישע ביכער.

ראָזאַ סימכאָוויטש איז געווען אין געטאָ פֿאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע ייקאָ״ר. אַרבעטנדיק טאָג־טעגלעך צווישן די שמוציקע און פֿאַרלייזיקטע גאַסן־קינדער האָט זי זיך אָנגעשטעקט פֿון זיי מיט טיפֿוס און אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָך שווערע ליידן, געשטאָרבן. זי האָט באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר איר ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט פֿאַר דער זאַך פֿון די ליידנדיקע יידישע קינדער.

איר לוויה איז געווען אַ מאַסנהאַפֿטיקע. הונדערטער פֿריינט און באַקאַנטע זענען געקומען אָפּגעבן איר דעם לעצטן כבוד. צווישן זיי — די פֿירער און דערציִער פֿון צענטאָס, פֿון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, פֿון ייקאָ״ר. מענטשן האָבן געוויינט. דער ייקאָ״ר האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע העקטאָגראַפֿישע אויסגאַבע, כדי צו באַערן איר אָנדענק.

אין מיין זכרון איז ראָזאַ סימכאָוויטש געבליבן אַלס איינע פֿון די סימבאָלישע געשטאַלטן אין געטאָ, וועלכע האָבן שטיל און באַשיידן, אָבער מיט אַ גרענעצלאָזער קורבנות־גרייטקייט, געדינט דעם יידישן פֿאָלק און דעם יידישן קינד און געגעבן זייער לעבן אין דעם קאַמף פֿאַרן לעבן פֿון די אָרעמסטע, ליידנדיקע יידישע קינדער אין געטאָ. איר נאָמען דאַרף נישט פֿאַרגעסן ווערן.

**די קינדער־ווינקלעך אין הונדערטער הייזער**

ווי איך האָב שוין אונטערגעשטראָכן, האָט די לייטונג פֿון צענטאָס קאָאָרדינירט איר טעטיקייט אויף פֿאַרשידענע געביטן מיט אַנדערע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי טאָז, טאָפּאָראָל, אָרט און, אין דער ערשטער ריי, מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. אין מאָמענט ווען דער געזעלשאַפֿטלעכער סעקטאָר ביי דער סאָציאַלער אַליינהילף האָט באַשלאָסן צו שאַפֿן אין גאַנצן געטאָ הויז־קאָמיטעטן און, אין די ראַמען פֿון זיי, אָרגאַניזירן קאָמיסיעס פֿאַר קינדערשוץ, איז פֿאַר דער צענטאָס־לייטונג געווען קלאָר, אַז אויך אויף דעם געביט מוז צענטאָס זיין אַקטיוו און העלפֿן אָרגאַניזירן די קינדערשוץ אין די הייזער.

אין דער דאָזיקער פֿראַגע האָב איך געהאַט אַ ריי שמועסן מיט די לייטערס פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן סעקטאָר ביי דער ״אַליינהילף״, מיט מיין חבר און פֿריינט דר. עמנואל רינגעלבלום, מיט א.ל. בלאָך און אַנדערע טוער. מיר זענען געקומען צו אַ געמיינזאַמען אויספֿיר, אַז די קאָמיסיעס פֿאַר קינדערשוץ ביי די הויז־קאָמיטעטן דאַרפֿן שאַפֿן אין די הייזער קינדער־ווינקלעך, אין וועלכע עס דאַרף קאָנצענטרירט ווערן סיי די הילפֿס־אַרבעט פֿאַר די נויט־באַדערפֿטיקע קינדער (באַשפּייזונג, באַקליידונג א.א.) און סיי די קולטור־אַרבעט צווישן קינדער און די אָרגאַניזירונג פֿון אימפּרעזן און פֿאַרוויילונגען.

רעאַליזירן דעם דאָזיקן ברייט־פֿאַרמאָסטענעם פּלאַן האָט געדאַרפֿט די

אָפּטיילונג פאַר גזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פאַר פּראָפּאַגאַנדע כיי דער צענטראַלע פון צענטאָס. פּאַראַלעל מיטן געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דער סאָציאַלער אַליינהילף האָבן אויך מיר געשאַפן זעקס ראַיאָן־רעפעראַטן פאַר קינדערשויץ אין די הייזער אין די זעקס ראַיאָנען פון דער ״אַליינהילף״

די דאָזיקע אָפּטיילונג איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע אין צענטאָס יי האָט אָרגאַניזירט די גרויסע און אימפּאָזאַנטע אַלגעמיין־געזעל־שאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען פון ״חודש פון קינד״ און אַ ריי אַנדערע. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג איז געווען דער ענערגישער און דערפאַרענער געזעלשאַפטלעכער טוער אברהם שמידט, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי פּועלי־ציון—צ.ס.. איך האָב אָבער די גאַנצע צייט געהאַט אַ פּערזענלעכן אויפזיכט איבער דעם דאָזיקן וויכטיקן טעטיקייטס־געביט

איך האָב מיט א. שמידטן מיטגעאַרבעט זייער האַרמאָניש. ער איז. אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט, געוואָרן מיין רעכטע האַנט און איינער פון מיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין צענטאָס בכלל. מיר האָבן טאָג־טעגלעך מיטגעאַרבעט אַפילו אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע. שפּעטער איז ער פאַרטריבן געוואָרן אין דעם טויט־לאַגער פּאָניאַטאָוו, אין לובלינער קרייז און דאָרט אומגעקומען. אַ זייער אַקטיווע ראָל אין דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט געשפּילט מיין נאָענטע באַקאַנטע, נאָך פון פאַר דער מלחמה, העלענאַ מערענהאָלץ. מיר האָבן צוזאַמען אַמטירט אין די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע באַראַטונגס־שטעלעס. זי האָט געאַרבעט אין צענטאָס מיט איבערגעגעבנקייט, סיי אַלס אָרגאַניזאַטאָרין פון די קינדער־ווינקלעך, און סיי ביי דער אָרגאַניזירונג פון ״חודש פון קינד״ און פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען. אין צענטאָס האָט זי זיך זייער באַפריינדעט מיט מיין פרוי, באַשיע.

שפּעטער. אויף דער אַרישער זייט, האָט העלענאַ מערענהאָלץ, דאַן שוין — סטאַשיאַ קרוליקאָווסקאַ, געשפּילט אַן ערנסטע ראָל אין דער קאָנספּיראַטיווער רעטונגס־און הילפס־אַרבעט פאַר יידן, אין די ראַמען פון אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. זי האָט אָנגעהערט צו דעם ענגן שטאַב פון באַשיעס מיט־אַרבעטער, געווען איינע פון די צענטראַלע פאַרבינדלערינס , געהאַט אונטער איר שוץ הונדערטער יידן.

נאָך דער מלחמה האָט זי געאַרבעט לאַנגע יאָרן אין פּוילישן ראַדיאָ, אַלס לייטערין פון די אודיציעס פאַר קינדער. איצט לעבט זי אין פּוילן אַלס פּענסיאָנערין.

אין די ראַמען פון דער זייער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין צענטאָס איז אויך געווען טעטיק מיין אומפאַר־געסלעכער יונגער פריינט, יוסף זיסמאַן (שפּעטער זשיעמיאַן). דאַן איז ער געווען נאָך זייער יונג. עס האָט אים רעקאָמענדירט העלענאַ מערענהאָלץ. אין געטאָ האָב איך מיט אים געהאַט אַ לויזן קאָנטאַקט, אָבער שפּעטער אויף דער אַרישער זייט איז דער יונגער יוזשיאָ געוואָרן איינער פון די מוטיקסטע

פאַרבינדלער פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, איינער פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע מיטאַרבעטער פון באַשיען, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דעם גרעסטן הילפס־ און רעטונגס־צווייג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אונדזער אומדערמידלעכער יושיאָ האָט אָנגעקניפּט אויף דער אַרישער זייט אַ קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע פון יידישע גאַסן־קינדער — פּאַפּיראָסן־הענדלער, און געוואָרן זייער אַפּוטרופּוס, אין נאָמען פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון קאַמף פאַרן לעבן פון יידישע קינדער האָט ער באַשריבן אין זיין בוך "די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי קרייצן". דאָס בוך איז געוואָרן אַ "בעסט־סעלער" אין ישראל און איז איבער־געזעצט געוואָרן אויף עטלעכע שפּראַכן.

אויך אין ישראל בין איך געווען מיטן בוי־אינזשיניער יוסף זשיעמיאַן אין זייער האַרציקע און פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. ער איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1971 יאָר.

צווישן די צענדליקער מיטאַרבעטער פון דער אָפּטיילונג פאַר געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט אין צענטאָס איז אויך געווען מיכאל לאַנדאַו, מיין שפּעטערדיקער נאָענטער חבר און פריינט אין ישראל. ער איז דאַן געקומען אין וואַרשעווער געטאָ פון לאָדזש, געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון—צ.ס. ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער געזעלשאַפטלעכער עסקן. אין ישראל האָבן מיר לאַנגע יאָרן ענג מיטגעאַרבעט, סיי אין דעם פאַרבאַנד פון אַנטי־נאַצישע קעמפער און סיי, ביז דער יוני־מלחמה 1967, אין דער ליגע פאַר פריינטשאַפט צווישן ישראל און פאָלקס־פּוילן. אויך מיין אומפאַרגעסלעכער פריינט, אַדוואָקאַט מיכאל לאַנדאַו איז געשטאָרבן אין ישראל, אין יאָר 1971.

דעם צענטאָס איז געלונגען צו שאַפן אַ גרויסע נעץ פון קינדער־ווינקלעך. אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1941 זענען געווען טעטיק העכער 160 קינדער־ווינקלעך. אין יאָר 1942 האָט צענטאָס באַדינט אַרום 200 ווינקלעך, אין וועלכע עס האָבן באַקומען הילף און שוץ העכער 5.000 קינדער.

די אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער צענטאָס־צענטראַלע האָט אויך סטימולירט און, אין אַ געוויסער מאָס, קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון די געזעלשאַפטלעכע פּאַטראָנאַטן ביי די יתומים־הייזער, אינטערנאַטן, גרויסע קינדער־קיכן און אַנדערע קינדערשוץ־אינסטיטוציעס. זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער טעטיקייט פון צענטאָס.

### גרינע אָאַזן אין געטאָ

איינע פון די פראַגן, וועלכע האָט נישט געגעבן קיין רו דער לייטונג פון צענטאָס איז געווען, ווי אַזוי צו געבן די קינדער אין געטאָ, באַזונדער די זייער שוואַכע קינדער, אַ ביסל פרישע לופט, אַ ביסל זון און גרינס. אויף די גאַסן פון געטאָ איז דאָך געווען אַזאַ געדראַנג, עס איז נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען, אַלץ איז

געוועזן אַזוי גרוי איידער עס איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס געטאָ האָט צענטאָס זומערצייט אַרויסגעשיקט גרופּן פֿון באַזונדער שוואַכע קינדער אין אירע אַנשטאַלטן אין די דערפֿער, ביי דער באַן־ליניע וואַרשע־אָטוואָצק. ווען דאָס געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן, איז דאָס שוין נישט געווען מעגלעך. דאָך, אַ געוויסע באַשיידענע לייזונג האָבן מיר געפֿונען.

אין געטאָ איז געווען טעטיק די פֿאַרמלחמהדיקע געזעלשאַפֿט טאָפּאָראָל. דאָס איז אַ קירצונג פֿון דעם אָפֿיציעלן נאָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער פּוילישער שפּראַך: "געזעלשאַפֿט צו שטיצן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט צווישן ייִדן". אויך די געזעלשאַפֿט איז געשטיצט געוואָרן דורכן דזשוינט.

פֿאַר דער מלחמה האָט זי אָרגאַניזירט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קורסן און געשטיצט, מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, די פּרוּוון פֿון דער לאַדווירט־שאַפֿטלעכער פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די ייִדן אין פּוילן. אין וואַרשעווער געטאָ זענען די אויפֿגאַבן פֿון טאָפּאָראָל געווען אַנדערע. די געזעלשאַפֿט האָט געזוכט אין אַלע הויפֿן פֿון די הייזער אין געטאָ פּלעצער, ווו מ׳האָט געקאָנט פֿאַרזייען פֿאַרשידענע ירקות, כדי צו פֿאַרלייכטערן די באַשפּייזונג פֿון דער געטאָ־באַפֿעלקערונג און באַזונדער — פֿון די אָרעמסטע, נויטבאַדערפֿטיקע שיכטן.

נאָך אַ גרינטלעכער פֿאָרשונג און נישטערונג האָבן די אַגראָנאָמען פֿון טאָפּאָראָל געפֿונען אַרום 200 אַזעלכע הויפֿן און פּלעצער אויף פֿאַרשידענע גאַסן פֿון געטאָ. אַ טייל פֿון אַזעלכע פֿאַרזייטע פּלעצער האָט טאָפּאָראָל, אין אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף געגעבן צום פֿאַרברויך צו די הויז־קאָמיטעטן, זיי זאָלן קאָנען די רייפֿע ירקות געבן, אַלס צוגאָב־פּראָדוקטן די אָרעמסטע הויז־איינוווינער. מ׳האָט אויך פֿאַרזייט ירקות און בלומען אויף די באַלקאָנען.

אויסער דעם האָט טאָפּאָראָל געהאַט אין געטאָ נאָך אַן אויפֿגאַבע — אויסצו־זוכן פּלעצער אין די הויפֿן, מיט אַ פּאָר ביימער און אַ ביסל גרינס. ווו מ׳וואָלט געקאָנט אַראַנזשירן גערטנדלעך פֿאַר קינדער. אין שייכות מיט דעם האָט די צענטאָס־לייטונג אָפּגעהאַלטן אַ ריי צוזאַמענטרעפֿן מיט דער לייטונג פֿון טאָפּאָראָל און — דאָס כמעט אומגלויבלעכע איז מקוים געוואָרן. די בערך צוואַנציק אַגראָנאָמען פֿון טאָפּאָראָל האָבן שיין איינגעאָרדנט אַ צאָל גערטנ־דלעך פֿאַר קינדער, מיט ביימער, גראָז און אַפֿילו מיט בלומען. באַזונדערע פֿעאיִקייטן אויף דעם געביט האָט געהאַט דער אינזשיניער הענריק בלום. מ׳האָט אים גערופֿן — דער "כישוף־מאַכער" פֿון טאָפּאָראָל. ער האָט די געציילטע גרינע אינדזלען פֿאַר די געטאָ־קינדער אַראַנזשירט מיט געשמאַק. עס איז געווען אָנגענעם זיי צו זען. דאָס זענען געווען באמת גרינע אָאַזן אין דעם שרעקלעך גרויעם געטאָ.

מיר, די צענטאָס־לייטונג און די דערציִער אין די קינדער־אַנשטאַלטן, זענען געווען גליקלעך. צענטאָס האָט אָרגאַניזירט אין די גערטנדלעך צען האַלב־קאָלאָניעס פֿאַר קינדער. הונדערטער קינדער פֿון פֿאַרשידענע קינדערשוץ־

אַנשטאַלטן האָבן געקאָנט גלייכצייטיק געניסן עטלעכע שעה פון דער זון, פון דער פרישערער לופט און פון דעם גרינס אין די גערטנדלעך. דערציער האָבן דאָרט אָרגאַניזירט פאַרווײלונגען, שפּילערייען, ריטמישע איבונגען, טענץ און פאַרשידענע קינדער־אימפּרעזן. יעדע עטלעכע שעה זענען געקומען אַנדערע קינדער און אַזוי אַרום האָבן פון די האַלב־קאָלאָניעס גענאָסן טויזנטער געטאָ־קינדער. ווי אָנגענעם איז געווען צו זען אין די גערטנדלעך שמייכלענדיקע, זינגענדיקע, זיך פריילעך שפּילענדיקע קינדער...

טאָפּאָראָל האָט אויך אַראַנזשירט עטלעכע שיינע קינדער־גערטנדלעך פאַר אַ פּאָר פּאָלקס־שולן אין געטאָ. פייערלעכע דערעפענונגען פון די גערטנדלעך, פאַרבונדענע מיט קליינע ספּאָרט־פלעצער, זענען פאָרגעקומען, מיטן אָנטייל פון אַדאַם טשערניאַקאָוו און זײַן פרוי. געציילטע וואָכן פאַרן אָנהויב פון דער גרויסער אַקציע, וועלכע איז שוין אין די ערשטע טעג געווען געווענדעט קעגן די יידישע קינדער... דאַן איז געקומען אַ סוף אויך צו די גרינע אָאַזן אין געטאָ.

עס איז נאָך כדאי צו באַטאָנען, אַז טאָפּאָראָל און זײַן לייטער אין געטאָ, אינזשיניער־אַגראָנאָם ישראל סודאָוויטש, האָט געהאָלפן דעם החלוץ איינצו־אָרדענען און ווי געהעריק אויסצונוצן די חלוצישע גרויסע און וויכטיקע פערמע אין גראָכאָוו, ביי וואַרשע.

און נאָך אַ סימבאָלישער שטריך: אינזשיניער סודאָוויטש, וועלכער איז, בעת איינער פון די אַקציעס, אַריינגעפאַלן אין די נאַציס הענט, איז שפּעטער געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פונעם יידישן אויפשטאַנד אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע, אין 1943. אויך דאָרט האָט ער באַוויזן זײַן גוואַלדיקע ענערגיע, אָרגאַניזאַציע־פעאיקייט און, דער עיקר — זײַן מוט. בעת דעם אויפשטאַנד איז אינזש. סודאָוויטש געפאַלן אין קאַמף מיט די נאַציס.

### טויזנטער — אין דינסט פון קינד אין געטאָ

אויב מ׳זאָל מאַכן דעם ערשטן סך־הכל פון דער קינדערשוץ־טעטיקייט פון צענטאָס אין פאַרשידענע פאַרמאַכטע און אָפענע שוץ־אינסטיטוציעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָט צענטאָס אָנגעפירט מיט העכער 110 אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן דערטיילט הילף, אין פאַרשידענע פאָרמען, העכער פערציק טויזנט נויטבאַדערפטיקע יידישע קינדער. אויב מ׳זאָל צו די ציפערן צוגעבן די פּאָר הונדערט קינדער־ווינקלעך ביי די הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געגעבן הילף טויזנטער קינדער, ווייזט זיך אַרויס, אַז די הילף פון צענטאָס האָט אַרומגענומען העכער 45 טויזנט קינדער אין העכער 300 קינדער־שוץ־אינסטיטוציעס.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זענען אין וואַרשעווער געטאָ געווען אַרום 100 טויזנט קינדער, צווישן זיי נויטבאַדערפטיקע — 75 ביז 80 פּראָצענט. דער

אויספיר איז, אַז צענטאָס האָט דערטיילט הילף, אין פאַרשידענע פאָרמען, דער מערהייט פון די נויטבאַדערפטיקע קינדער.
די דאָזיקע גרויסע דערגרייכונג איז מעגלעך געווען אַ דאַנק דער מסירות־נפשדיקער אַרבעט פון העכער טויזנט מיטאַרבעטער פון צענטאָס, אַ דאַנק דער געטרייער הילף פון קנאַפּע צוויי טויזנט פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע טוער, קינדער־פריינט, אין די פּאַטראָנאַטן פון צענדליקער קינדער־אַנשטאַלטן און אין דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר, אָבער, אין דער ערשטער ריי, איז דאָס מעגלעך געווען אַ דאַנק דער סאָלידאַרישער הילף פון אַ ל ע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ, פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע האָט זיך מאָביליזירט אין שוץ פון יידישן קינד.
כדי אָנצופירן מיט אַזאַ מאַסנהאַפטיקער און פאַרצווייגטער טעטיקייט זענען געווען נויטיק קנאַפּע צוואַנציק אָפּטיילונגען אין דער צענטאָס־צענטראַלע, מיט אַן איבערגעגעבענעם שטאַב פון אָנפירנדיקע כוחות. איך וועל קורץ דערציילן וועגן אַ טייל פון זיי:
איינע פון די וויכטיקסטע צענטראַלע אָפּטיילונגען איז געווען, פאַרשטייט זיך, די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, וועלכע האָט אויך אָנגעפירט מיט די גרויסע צענטאָס־מאַגאַזינען. די אָפּטיילונג האָט געזאָרגט פאַר דער באַשפּייזונג פון די צענדליקער טויזנטער קינדער אין אַלע אַנשטאַלטן. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן געשטעלט בראש פון דער אָפּטיילונג מענטשן, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ פולשטענדיקן צוטרוי.
די לייטערין פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג איז געווען די פרוי פון דר. עמנואל רינגעלבלום, די טייערע חברטע יהודית (יוזשיאַ) רינגעלבלום. אויך מיט איר בין איך געווען באַקאַנט פון די יוגנט־יאָרן. זי איז געווען אַ קוואַליפיצירטע לערערין אין די רעגירונגס־שולן פאַר יידישע קינדער און אין די באָראָכאָוו־שולן פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ). אויך זי, אַזוי ווי איר מאַן, איז פון די יוגנט־יאָרן געווען אַקטיוו אין דער לינקער פועלי־ציון. איר פונקציע אין צענטאָס האָט זי אויסגעפירט געוויסנהאַפט. זי האָט אַדורכגעלעבט די דראַמאַטישע געשעענישן פון צוויי אַקציעס. נאָך דער צווייטער אַקציע האָבן מיר, באַשיע און איך, געהאָלפן דער משפחה רינגעלבלום אַריבער־צוגיין אויף דער אַרישער זייט. יהודית איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט איר מאַן, עמנואל, און מיט זייער איינציקן, 13־יעריקן זון, אורי, אין חודש מערץ 1944, ווען דער גרויסער אונטערערדישער בונקער אויף דער גרויעצקע, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 37 יידן, איז אַנטדעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.
צוזאַמען מיט יהודית רינגעלבלום האָט אָנגעפירט מיט דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג דער יונגער עקאָנאָמיסט, מאַגיסטער מאַרעק פאַסענשטיין. ער האָט אַ קורצע צייט געדינט אַלס אָפיציר אין דער געטאָ־פּאָליציי, ער האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז ער קאָן נישט זיין אַ פּאָליציאַנט, ער וויל דינען דעם יידישן קינד. אויך ער האָט געאַרבעט געוויסנהאַפט. דער גורל האָט

געוואָלט, אַז אויך ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט און געווען מיטן דר. רינגעלבלום און זיין משפחה אין דעם זעלבן גרויסן בונקער.

סיי דר. רינגעלבלום און סיי איך, האָבן אים סטימולירט, אַז ער זאָל אין בונקער שרייבן וועגן וואַרשעווער געטאָ. נישט געקוקט אויף די אומגעהויער שווערע באַדינגונגען, האָט מאַרעק פאַסענשטיין אָנגעשריבן צוויי זייער ווערטפולע מאָנאָגראַפיעס: איינע — וועגן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין געטאָ און די צווייטע — וועגן דעם שמוגל, אויף דעם פּאָן פון דערווירט־שאַפטלעכער לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט ביידע מאָנאָגראַפיעס איבערגעשיקט דורך אונדזערע פאַרבינדלערינס. ביידע מאָנאָגראַפיעס האָבן מיר אָפּגעהיט ביז צו דער באַפרייאונג.

מאַרעק פאַסענשטיין איז, צוזאַמען מיט דר. רינגעלבלום און אַלע אַנדערע יידן פון בונקער דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון געטאָ.

דער לייטער פון די צענטאָס־מאַגאַזינען איז געווען מיין באַקאַנטער און שכן פון דעם הויז, וווּ מיר האָבן געלעבט אין געטאָ, א. גליזער. ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ דרוקער אין דער יידישער טאָג־צייטונג הײַנט. ער איז געווען אַ קרישטאָל־ריינער און קולטורעלער פאָלקס־מענטש. ער האָט אָפּגעהיט די צענטאָס־מאַגאַזינען, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט זיין פרוי, בעת דער ערשטער אַקציע.

איינער פון די אָנפירנדיקע מיטאַרבעטער אין דער ווירטשאַפטלעכער און טעכנישער אָפּטיילונג אין דער צענטאָס־צענטראַלע איז געווען דער אינזשיניער אַלפרעד גאַלעווסקי. דאָס איז געווען אַ קולטורעלער יונגער מאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער, פולשטענדיק אַסימילירטער משפחה אין לאָדזש. ער האָט געטאָען זיין אַרבעט רואיק און געוויסנהאַפט. ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער שטילער און רואיקער, אַ ביסל פלעגמאַ־טישער יונגער מאַן, וואָס האָט זיך באַמיט אויך אין געטאָ צו זיין אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט — וועט שפּעטער ווערן איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון דעם יידישן אויפשטאַנד אין דעם שרעקלעכן טויט־לאַגער טרעבלינקע! עס איז מיר, ביזן היינטיקן טאָג, שווער אין דעם צו גלויבן, עס איז אָבער אַ פאַקט. אינזשיניער גאַלעווסקי, צוזאַמען מיט אַנדערע פירער פון אויפשטאַנד, ווי אינזשיניער סודאָוויטש, ווי דער באַקאַנטער וואַרשעווער מעדיצין־דאָקטאָר כאָראָנזשיצקי א.א. זענען געפאַלן בעת דעם אויפשטאַנד מיט אַ העלדן־טויט.

מיט אַ באַזונדערן ציטער שרייב איך וועגן דער טעטיקייט פון דער צענטראַלער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פון צענטאָס. די מעדיצין־דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג, האָבן געהאַט אויסערגעוויינלעך שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע און — געפערלעכע פאַר זיי אויפגאַבן. זיי האָבן געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון צענדליקער טויזנטער קינדער און פאַר אַ באַפרידיקנדיקן סאַניטאַרן צושטאַנד פון אַלע קינדערשויך־אַנשטאַלטן פון צענטאָס. זיי האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געאַרבעט אין אַ

פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט טויזנטער קינדער אין די פּליטים־פּונקטן און מיט די גאַסן־קינדער, געפירט אַ טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן שמוץ און פאַרלויזונג, אין דער צייט, ווען די טיפוס־עפּידעמיע האָט געבושעוועט.

פאַרמעל איז בראש פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג געשטאַנען פרוי דר. זאָפיאַ ראָזענבלום (שימאַנסקאַ), די דאַן באַקאַנטע ספּעציאַליסטין פון פּעדיאַטריע און פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע. זי איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען בראש פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער באַראַטונג־שטעלע ביים צענטאָס. דאָרט האָב איך זיך מיט איר באַקענט, נאָך פאַר דער מלחמה. זי איז אויך געווען די פּסיכאָ־לאָגישע און מעדיצינישע ראַטגעבערין אין די פאַרמלחמהדיקע אינטערנאַטן פון צענטאָס. אין וואַרשעווער געטאָ איז זי שוין געווען אַן עלטערע און מידע פרוי. זי האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן, אָבער שוין נישט געווען מסוגל אָנצופירן מיט אַזאַ פאַרצווייגטער אָפּטיילונג, אין די קאָשמאַר־באַדינגונגען פון געטאָ.

די פאַקטישע לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג איז געווען די געניטע קראַנקן־שוועסטער מיראַ בראַודאַ. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי. איר באַציאונג צו דער אַרבעט צווישן קינדער אין געטאָ איז געווען — ווי צו אַ אידעאיש־געזעלשאַפטלעכער שליחות, צו אַ גרויסער הומאַניטאַרער מיסיע. זי האָט, מיט אַ פעסטער האַנט, אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג און מיטן גאַנצן שטאַב פון קראַנקן־שוועסטערס. זי האָט זיי אָנגעשטעקט מיטן שליחות־געפיל.

מיראַ בראַודאַ איז געווען אַ שוועסטער פון דעם דאַן באַקאַנטן יידישן פּעדאַגאָג, פילאָלאָג און טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און פון ייקאָ״ר, ישעיהו (שיע) בראַודאַ, אַ נאָענטן פריינט פון דר. עמנואל רינגעלבלום. זי איז געווען פאַרבונדן, ווי אַ גרויסער טייל פון די יידישע קראַנקן־שוועסטער אין געטאָ, מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נאָך אַ לענגערער צייט האָט זי זיך אָנגעשטעקט ביי דער אַרבעט צווישן די געטאָ־קינדער מיט אַ טיפוס און, נאָך שווערע ליידן, איז זי געשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ פאַר דעם קינדער־שוץ אין געטאָ. איר ברודער, שיע בראַודאַ, וועלכער איז געווען קראַנק אויף שווינדזוכט, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די נאַצישע הענט.

נאָכן טויט פון מיראַ בראַודאַ האָט די פאַקטישע אָנפירונג פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג איבערגענומען איר פאַרטרעטערין און פריינדין, ראַיאַ (ראַיסאַ) אַבעל. אויך זי איז געווען אַן ענערגישע און דערפאַרענע קראַנקן־שוועסטער. צוזאַמען מיט איר האָבן מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט געאַרבעט די קראַנקן־שוועסטערס: דאָראַ בלאַטמאַן, רחל זילבערבערג, מינאַ שפּירא א.א. זיי זענען אַלע אומגעקומען ביי די אַקציעס.

אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פון צענטאָס האָט אויך געאַרבעט די קראַנקן־שוועסטער זשיוטאַ גרייפּעל. זי האָט אָבער גלייכצייטיק געהאַט אַנדערע פונקציעס. זי איז געווען פון די פירנדיקע טוער פון דער פּוילישער אַרבעטער

פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) אין געטאָ און שפּעטער — אויסערן געטאָ. אַ זייער ענערגישע פרוי, האָט זי אויסגעפירט וויכטיקע, אָפּטמאָל געפערלעכע פונקציעס אין דער לינקער פּוילישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. איך האָב געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט איר אויך אויף דער אַרישער זייט און בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין יאָר 1944, אין דעם ראַדיקאַלן וווין־ראַיאָן, זשאָליבאָזש. דאָן איז זי שוין געווען באַקאַנט אין די לינקע קרייזן אַלס "איזאָלדאַ" אָדער "קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ". זי איז געווען די פרוי פונעם קאָמענדאַנט פון דער לינקער, געהיימער פאָלקס־אַרמיי (A.L.) אין וואַרשע, באָלעסלאַוו קאָוואַלסקי, וועלכער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיטן גאַנצן שטאַב פון דער פאָלקס־אַרמיי, פון אַ דייטשער באָמבע, בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד, אין דער געגנט פון פון דער אַלטשטאָט אין וואַרשע. אויף דער אַרישער זייט האָט זשיוטאַ גרייפּעל געהאָלפן אונדז אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די געראַנגלטע ייִדן.

איך וויל נאָך דערמאָנען די קראַנקן־שוועסטער פון טאָז, אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג, וועלכע האָט מיט מסירות־נפש געראַטעוועט ייִדישע קינדער פון דעם אומשלאַגפּלאַץ. אפילו אין דעם טויט־לאַגער פּאָניאַטאָוו, אין לובלינער קרייז, ווו זי איז אַוועקגעפירט געוואָרן, האָט זי זיך באַמיט צו העלפן דער קליינער צאָל קינדער. זי איז אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיט קנאַפּע פופצן טויזנט ייִדן אין דעם פּאָניאַטאָווער לאַגער.

די העלדישקייט פון די ייִדישע דערציִער און קראַנקן־שוועסטער אין וואַרשעווער געטאָ, אין זייער קאַמף פאַרן לעבן פון קינדער, טאָר נישט פאַרגעסן ווערן.

איך וויל ווידמען עטלעכע ווערטער נאָך איין אָפּטיילונג אין דער צענטאָס־צענטראַלע, וועלכע האָט געטאָן אַ געבענטשטע אַרבעט. סיי אין דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף און סיי אין צענטאָס איז געווען טעטיק אַן אָפּטיילונג, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אונטער דער קירצונג P.I. — די איניציאַלן פון צוויי פּוילישע ווערטער — "אינדיווידועלע הילף". אין געטאָ זענען געווען אַ געוויסע צאָל משפּחות, באַזונדער פון דער אַרבעטנדיקער אָדער שפּעפערישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געלעבט אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען, ממש אין הונגער און נויט, וועלכע האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט זיך ווענדן צו די אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַלער הילף. סיי די סאָציאַלע אַליינהילף און סיי די לייטונג פון צענטאָס האָבן באַשלאָסן, אַז מ'טאָר נישט די דאָזיקע משפּחות פון אָפּטמאָל זייער ווערטפולע מענטשן, איבערלאָזן זייער טראַגישן גורל, מ'טאָר נישט לאָזן זיי אויסגיין פון הונגער. באַזונדער איז געווען דרינגענדיק צו העלפן זייערע קינדער. דאָס האָט מען אָבער געמוזט טאָן אויף אַ זייער דיסקרעטן אופן. די דאָזיקע הילפס־אַרבעט האָט געפאָדערט אַ סך טאַקט און פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדניש.

אין צענטאָס האָבן מיר די אַרבעט אָנפאַרטרויט די פּסיכאָלאָגן, מיינע גוטע באַקאַנטע פון פאַר דער מלחמה, מיין קאָלעגין פון וואַרשעווער אוניווער־

סיטעט. דר. מאַריאַ אַדלער און מיין קאָלעגין פון דער פּסיכאָלאָגישער באַראַטונגס־שטעלע ביי צענטאָס, יאַנינאַ נודינג, ביידע האָבן די וויכטיקע הילפס־אַרבעט געטאָן אויסגעצייכנט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דר. מאַריאַ אַדלער אומגעקומען בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע פון אַ דייטשער באָמבע. דער מאַן פון יאַנקאַ נודינג, דער אינזשעניער יעזשי נודינג, דער פירער פון אַ קליינער גרופּע פון לינקע פּוילישע סאָציאַליסטן אין וואַרשעווער געטאָ, איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער בלוטיקער נאַכט, פון דעם 17 אויף דעם 18 אַפּריל 1942. זיין פרוי, יאַנינאַ, איז נאָך דער גרויסער אַקציע אַריבער אויף דער אַרישער זייט. זי לעבט איצט און אַרבעט אין פּוילן.

**טעאַטער פאַר קינדער און קינדער־כאָרן אין געטאָ**

איינע פון די הויפּט־לאָזונגען פון צענטאָס אין וואַרשעווער געטאָ: "גיב די קינדער אַ ביסל פרייד!" איז נישט געווען קיין פראַזע. מיר, באַזונדער די פּסיכאָלאָגן אין דער לייטונג פון צענטאָס, האָבן געפילט און פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט גענוג צו געבן די נויטבאַדערפטיקע קינדער אַ טעלער זופּ און אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר האָבן געזען, אַז די מערהייט פון געטאָ־קינדער האָבן אויפ־געהערט צו לאַכן! מיר האָבן געזען די אומעטיקע, זייער אָפט פאַרוויינטע פּנימער פון טויזנטער קינדער — אין די פּליטים־פּונקטן, פון די גאַסן־קינדער, פון די הונגעריקע קינדער אין די קינדער־קיכן. מיר האָבן געזען, ווי זיי פאַרלירן זייער קינדהייט.

מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז אַפילו די האַרציקע באַציאונג צו די טויזנטער קינדער אין די פאַרשידענע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן — און מיר האָבן געטאָן אַלץ, אַז די באַציאונג זאָל זיין אַ האַרציקע — איז נישט גענוג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי אַרויסרופן ווידער אַ שמייכל אויף די קינדער־פּנימלעך, כדי די קינדער זאָלן ווידער לאַכן — מוז מען פאַר זיי עפענען קוואַלן פון פרייד. דעם וועג דערצו האָבן מיר געזען אין גוט אָרגאַניזירטע קינדער־פאַרווײַלונגען, אין פאָרשטעלונגען פון אַ טעאַטער פאַר קינדער און קינדער־כאָרן, אויך אין צושטעלן די קינדער אַ גוט בוך.

כדי דאָס אַלץ צו אָרגאַניזירן אָדער צו סטימולירן האָבן מיר געשאַפן די צענטראַלע אימפּרעזן־קאָמיסיע פאַר קינדער ביים צענטאָס. בראש פון דער אימפּרעזן־קאָמיסיע האָבן מיר געשטעלט די פרוי בלומאַ (קלימאַ) פּוסווערק. איך האָב זי געקענט נאָך פאַר דער מלחמה. זי איז די שוועסטער פון מיין אַלטן באַקאַנטן, נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, דר. יוסף פּוסווערק (איצט אין פּאַריז). זי איז געווען פאַר דער מלחמה אַ לערערין אין אַ גימנאַזיע, גלייכצייטיק האָט זי זיך ספּעציאַליזירט אין רעזשי פון טעאַטערס פאַר קינדער און באַזונדער פון מאַריאָנעטן־טעאַטער. זי איז געווען טעטיק אין דעם דאַן זייער באַקאַנטן פּוילישן קינדער־טעאַטער "באַי" (אַ קירצונג פון פּוילישן וואָרט Bajka — אַ

מעשהלע) און האָט זיך דערוואָרבן דעם נאָמען פון אַ פּעאַקער רעזשיסערין. אַ זייער קולטורעלע פּרוי מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן, האָט זי פּאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער אַרבעט, וועלכע מיר האָבן איר פאָרגעלייגט. זי האָט די אַרבעט געטאָן מיט אַ סך קינסטלערישער אינוועניץ און מיט ליבשאַפט צו קינדער.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך, באַשיע און איך, מיט קלימאַ זייער באַפריינדעט. אַ געוויסע צייט האָט די אימפּרעזן־קאָמיסיע און דער מאַריאָנעטן־טעאַטער געהאַט זייער זיץ־אָרט אין לאָקאַל פון דער צענטראַלער קינדער־ביבליאָטעק פון צענטאָס, אויף לעשנאָ 67, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט מיין פרוי, באַשיע. דאָס האָט זיי נאָך מער דערנענטערט.

אונדזער פריינטשאַפט און מיטאַרבעט האָט זיך נישט געענדיקט אין געטאָ. אויך קלימאַ פּוסוועדק איז נאָך די אַקציעס און נאָך פאַרשידענע איבערלעבונגען, אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט. מיר האָבן גלייך אָנגעקניפט מיט איר אַ קאָנטאַקט און פאָרגעלייגט מיטאַרבעט אין דער אונטערערדישער טעטיקייט. קלימאַ פּוסוועדק איז געוואָרן איינע פון די אַקטיווסטע טוערינס אין דער רעטונג־ און הילפס־טעטיקייט פאַר יידן, אין די ראַמען פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. זי איז געווען איינע פון די נאָענטסטע מיטאַר־בעטערינס פון באַשיע און האָט, צוזאַמען מיט העלענאַ מערענהאָלץ (סטאַשיאַ), מיט יוסף זיסמאַן־זשיעמיאַן (יוזשיאַ) און מיט אַנדערע טוער געבילדעט באַשיעס ענגסטן אַרבעטס־שטאַב. קלימאַ פּוסוועדק, וועלכע האָט אויף דער אַרישער זייט זיך באַנוצט מיטן פּסעוודאָנים "באָגושיאַ", האָט געהאַט אונטער איר שוץ אַ גרויסע צאָל אויסבאַהאַלטענע יידן. אין דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט האָט איר געהאָלפן איר ריין פּוילישער אויסזען און איר קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך. מיר האָבן גלענצנד מיטגעאַרבעט ביזן פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, ביז אויגוסט 1944.

נאָך דער באַפרייאונג האָט "באָגושיאַ", דאָן שוין, נאָך איר מאַן — וואַלענטינאַ קרימקאָ, געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, אויך ביי אָרגאַניזירן פאָרשטעלונגען פאַר יידישע קינדער. שפּעטער איז זי געוואָרן די לייטערין פון אַ פּוילישן קינדער־טעאַטער. זי לעבט איצט אין פּוילן.

ווען קלימאַ פּוסוועדק האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער אימפּרעזן־קאָמיסיע אין צענטאָס, האָב איך געהאַט מיט איר אַ פּאָר "פּראָגראַמאַטישע" שמועסן. זי האָט פאָרגעלייגט גלייך צו שאַפן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער און גלייכצייטיק צו אָרגאַניזירן אַ שוישפּילער־בריגאַדע, וואָס זאָל געבן פאָרשטע־לונגען פאַר קינדער, סיי עפנטלעכע און סיי אין פאַרשידענע גרעסערע קינדער־שוץ־אַנשטאַלטן. איך האָב אַקצעפּטירט ביידע פּלענער, אָבער מיט איין באַדינג — אַז סיי דער מאַריאָנעטן־טעאַטער און סיי די שוישפּילער־בריגאַדע זאָלן געבן פאָרשטעלונגען אין ביידע שפּראַכן, סיי אויף פּויליש און סיי אויף יידיש.

די שווערקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קלימאַ פּוסוועֶרק האָט נישט באַהערשט די יידישע שפּראַך. דאַן האָב איך פאָרגעלייגט, אַז ביי צוגרייטן טעקסטן אין דער יידישער שפּראַך פאַרן מאַריאָנעטן־טעאַטער זאָל איר העלפן ראָזאַ סימכאָוויטש און אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן צוויי שוישפּילער־בריגאַדעס, פון די בעסטע קינסטלער פון די פוילישע און פון די יידישע טעאַטערס, וועלכע האָבן געוווינט אין געטאָ. איך האָב אויך אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז די פאָרשטעלונגען זאָלן שטיין אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ און אַז די פּראָגראַמען זאָלן אַנטהאַלטן אַ סך פריילעכע און קאָמישע טעקסטן און סצענעס. איך האָב געוואָלט ממש צווינגען די טויזנטער קינדער זיי זאָלן לאַכן... און זיי האָבן געלאַכט!

די פּעאַיקע קלימאַ האָט דעם אַרבעטס־פּראָגראַם רעאַליזירט מייסטערהאַפט. איך וויל באַטאָנען, אַז אין אירע ערשטע שריט אין געטאָ האָט איר געהאָלפן דער פּוילישער מאַריאָנעטן־טעאַטער ״באַי״. ער האָט געשאַנקען פאַר די יידישע קינדער אַ גרויסן ליאַלקעס־קאָמפּלעט. בראש פון טעאַטער ״באַי״ זענען געשטאַנען פּראָגרעסיווע פּוילישע קינסטלער. דער לייטער פון טעאַטער איז געווען דער פּוילישער קאָמוניסטישער טוער יאַן וועסאָלאָווסקי. ווען איך בין אַריבער, מיט באַשיען, אויף דער אַרישער זייט איז ער געווען פון די ערשטע פּוילישע אונטערערדישע טוער, וועלכער האָט אָנגעקניפּט מיט מיר אַ קאָנטאַקט. לויטן אויפטראָג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.), האָט ער אָרגאַניזירט קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענטרעפן מיט דער פּוילישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, אויף וועלכע איך האָב רעפערירט וועגן די פּראָבלעמען פון וואַרשעווער געטאָ און, אין אַלגעמיינע ווערטער, וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ. איך געדענק, אַז פאַר די צענדליקער פאָרשטייער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ זענען דאָס געווען ממש רעוועלאַציעס. זיי האָבן זייער ווייניק געוווּסט וועגן דעם לעבן אין געטאָ, און נאָך ווינציקער וועגן דעם פּאָליטישן און פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. איך בין פאַר זיי געווען דער ערשטער פאָרשטייער פון קעמפנדיקן געטאָ. אַ טייל פון זיי האָט אונדז שפּעטער געהאָלפן אין דער רעטונגס־אַרבעט. אויך יאַן וועסאָלאָווסקי האָט געהאָלפן אַ סך יידן.

קלימאַ פּוסוועֶרק האָט אין אַ געניאַלן שנעלן טעמפּאָ צוגעגרייט די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער. דאָס זענען געווען: ״גוליווערס נסיעות״, ״דער שרעקלעכער פּיפערנאָטער״ א.א. עס איז איר געלונגען צו מאָביליזירן אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן איר געהאָלפן אין דער טעכנישער אַרבעט. זי האָט אַפילו אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן קורס צו נייען ליאַלקעס פאַרן טעאַטער.

די פאָרשטעלונגען פון דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער אין די קינדער־אַנשטאַלטן האָבן געהאַט דערפאָלג. שפּעטער האָט דער מאַריאָנעטן־טעאַטער פון צענטאָס צוגעגרייט אַ ספּעקטאַקל אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געהייסן ״איציק־

שפּיציק". אויך די פֿאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג ביי די קינדער.
פֿאַר אונדז, פֿאַר די טוער און דערציִער פֿון צענטאָס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זען, ווי הונדערטער קינדער האָבן געשמאַק געלאַכט אויף די פֿאָרשטעלונגען. אַ טייל קינדער האָבן זיך ממש געקייקלט פֿון געלעכטער. עס איז אונדז דאָך געלונגען צו צווינגען זיי צו שמייכלען און צו לאַכן.
נישט קיין קלענערן דערפֿאָלג האָבן געהאַט די פֿאָרשטעלונגען פֿון די שוי־שפּילער־בריגאַדעס. מיר האָבן צו זיי אַנגאַזשירט די בעסטע בינע־קינסטלער.
איך בין פֿון מיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון אַ גוט טעאַטער. איך האָב געהאַט דאָס גליק, אַז אין פּוילן איז די טעאַטער־קונסט שטענדיק געשטאַנען אויף אַ זייער הויכן קינסטלערישן ניוואָ. איך וועל נישט פֿאַרגעסן אַזעלכע גלענצנדע, טאַלענטפֿולע פּוילישע שוישפּילער ווי סטעפֿאַן יאַראַטש, יוליוש אָסטערוואַ, אַלעקסאַנדער זעלוועראָוויטש, אַזעלכע גרויסע שוי־שפּילערינס, ווי אירענאַ סאָלסקאַ, וואַנדאַ שיעמאַשקאָוואַ א.א.
אין דער צייט פֿון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָט אַ טייל פֿון זיי אַקטיוו געהאָלפֿן די גערודפֿטע יידן. די אומפֿאַרגעסלעכע, טייערע אירענאַ סאָלסקאַ, איינע פֿון די באַקאַנטסטע פּוילישע שוישפּילערינס, באַזונדער אין טראַגישע ראָלן, איז געווען פֿון די אַקטיווסטע טוערינס אין דער הילפֿס־אַרבעט פֿאַר יידן. זי איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט באַשיעס רעטונגס־קעמערלעך און האָט זיך מיט באַשיען האַרציק באַפֿריינדעט. זי האָט אויך אונדז פֿערזענלעך אין קריטישע מאָמענטן געהאָלפֿן. אויך די דירה פֿון אַלעקסאַנדער זעלוועראָוויטש איז געווען אַ מקום־מקלט פֿאַר אַ סך יידן, צווישן זיי — פֿאַר פֿירנדיקע יידישע אונטער־ערדישע טוער.
איך האָב אויך, פֿון די יוגנט־יאָרן, ליב געהאַט אַ גוט יידיש טעאַטער,ליידער קיין סך יידישע טעאַטערס אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, זענען אויך אין פּוילן נישט געווען. די פֿאַקערפּערונג פֿון אַ גוט יידיש טעאַטער איז פֿאַר מיר דאַן געווען די ווילנער טרופּע.
מיין פֿאָטער האָט מיך נישט איינמאָל מיטגענומען צו די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער ווילנער טרופּע. איך וועל נישט פֿאַרגעסן דעם גרויסן רושם, וועלכן עס האָט אויף מיר, נאָך אין מיין קינדהייט, געמאַכט די דראַמע פֿון דעם יידיש־פּוילישן דראַמאַטורג מאַרק אָרנשטיין (אַנדזשעי מאַרעק) — "דער ווילנער באַלעבעסל". (אין דער פּוילישער ווערסיע — "די זינגערס"). דער גורל האָט געוואָלט, אַז מאַרק אָרנשטיין זאָל זיך געפֿינען אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז שוין געווען אַן עלטערער, קראַנקער און צעבראָכענער מענטש. דאָך האָט ער אויך אין וואַרשעווער געטאָ מיטגעהאָלפֿן צו שאַפֿן אַ קינסטלעריש טעאַטער אין דער פּוילישער שפּראַך, אונטערן נאָמען נייער קאַמער־טעאַטער.
מאַרק אָרנשטיין איז געווען דער רעזשיסער און דער ליטעראַרישער לייטער פֿון טעאַטער. ער האָט אָנגעהויבן די פֿאָרשטעלונגען פֿון יעקב גאָרדינס קלאַסישער דראַמע "מירעלע אפרת". שפּעטער האָט ער ווידער געגעבן דעם "ווילנער

באַלעבעסל" און עס האָבן זיך מיר אין געטאָ דערמאָנט — די קינדער־יאָרן. דער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ זאָלן זיין די רעשטלעך פון דער ווילנער טרופּע.

אין געטאָ איז נאָך געווען זייער אַקטיוו דער אַלטער, 70־יעריקער, געוועזענער לייטער פון דער ווילנער טרופּע, מרדכי מאַזאָ. ער איז געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דער אונטערערדישער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (ייקאָ"ר). אין געטאָ האָבן זיך אויך געפונען צוויי טאַלאַנטפולע שוישפּילערינס פון דער ווילנער־טרופּע — מרים אָרלעסקאַ און חנה בראַז.

איך האָב זיך פּערזענלעך באַמיט זיי ביידע צו אַנגאַזשירן אין די יידישע שוישפּילער־בריגאַדע פון צענטאָס. מרים אָרלעסקאַ איז געווען אַ מאָל איינע פון די הויפּט־שטערנס פון דער ווילנער טרופּע. איך געדענק נאָך איר וווּנדערבאַרע ראָל אַלס "לאה" אין אַנסקיס "דיבוק". איך האָב זיך אין געטאָ באַקענט מיט איר אַ דאַנק אונדזער געמיינזאַמער פריינדין, דער יידישער שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. באַשיע און איך, מיר האָבן מרים אָרלעסקאַ איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי און געהאַט מיט איר עטלעכע האַרציקע שמועסן. זי האָט געמאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק פון אַ זייער קולטורעלער, צאַרטער פרוי, אָבער אויך — פון אַן אויסגעלאָשענעם "שטערן". זי איז געווען גייסטיק צעבראָכן, נישט געהאַט שוין אין זיך דעם אַמאָליקן קינסטלערישן ברען. זי האָט נישט אָנגענומען אונדזער פאָרשלאָג.

גאָר אַנדערש איז געווען די באַציאונג פון חנה בראַז. זי, דאַגעגן, איז נאָך געווען פול מיט קינסטלערישן ברען און טעמפּעראַמענט און האָט גערן אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג. זי איז געווען אַ גלענצנדע שוישפּילערין און רעצי־טאַטאָרין און האָט לייכט אָנגעקניפּט דעם קאָנטאַקט מיט די קינדער און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג צווישן קינדער און יוגנט, אין פאַרשידענע קינדער־אַנשטאַלטן און אויף עפנטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען. אירע אַרויסטרעטונגען זענען געווען אמתע וואָרט־קאָנצערטן.

צוזאַמען מיט חנה בראַז זענען געווען זייער טעטיק אין דער יידישער שוישפּילער־בריגאַדע: דער זייער טאַלאַנטפולער יידישער שוישפּילער אייזיק סאַמבערג און דער שוישפּילער אברהם קורץ, באַזונדער אין קאָמישע ראָלן. אויך זיי האָבן געהאַט דערפאָלג צווישן די טויזנטער קינדער. זיי זענען אַלע אומגעקומען. מרים אָרלעסקאַ, חנה בראַז און אברהם קורץ — נאָך אין דער ערשטער אַקציע. אייזיק סאַמבערג שפּעטער — אין דעם טויט־לאַגער פּאָניאַטאָווו.

אויך די שוישפּילער־בריגאַדע אין דער פּוילישער שפּראַך איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. דער שטערן פון דער בריגאַדע איז געווען דער באַקאַנטער, זייער טאַלאַנטפולער שוישפּילער פון די פּוילישע טעאַטערס — מיכאַל זניטש (פּייערטאַג). דאָס איז געווען אַ בינע־קינסטלער פון גרויסן קאַליבער, סיי אין טראַגישע און באַזונדער אין קאָמישע ראָלן. אין געטאָ האָט ער געשפּילט די

הויפּט־ראָלן אין מאַרק אָרנשטיינס קאַמער־טעאַטער. ער איז אָבער אויך זייער גערן און אָפט אַרויסגעטראָטן צווישן קינדער. ער האָט זיי פאַרשאַפט אַ סך פרייד. איך געדענק, ווי הונדערטער קינדער האָבן זיך, ביי זיינע אַרויס־טרעטונגען, געקייקלט פון געלעכטער. מיכאַל זניטש איז אין געטאָ, קורץ פאַר דער אַקציע, אַלס רעזולטאַט פון אַלע איבערלעבונגען — אַראָפּ פון זינען. ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דעם יידישן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע "זאָפּיוווקאַ" אין אָטוואָצק. שפּעטער, בעת דער אַקציע — איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אויסער זניטשן האָבן זיך אין דער שוישפּילער־בריגאַדע פון צענטאָס, אין דער פּוילישער שפּראַך, באַטייליקט אַ ריי פּעאיקע שוישפּילער פון פּוילישע טעאַטערס: מאַריאַ אָבערסקאַ, ש. באָגדאַנאָוויטש, עדמונד מינאָוויטש, איוואָ וועסבי, אַלס אַקאָמפּאַניאַטאָר א.א.

די צענטראַלע אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס האָט אויך סטימולירט צו גרינדן דראַמאַטישע קרייזן אין עטלעכע יתומים־הייזער און אינטערנאַטן און, ווען עס זענען געשאַפן געוואָרן געהיימע יידישע שולן, אונטערן דעקמאַנטל פון צענטאָס־קיכן, האָט זי אַקטיוו געהאָלפן די לערער און דערציִער פון די שולן פון אַלע ריכטונגען צו אָרגאַניזירן קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען אין די שולן. געוויסע יתומים־הייזער האָבן געהאַט זעלבשטענדיקע דראַמאַטישע קרייזן. אַ גרויסן רושם האָבן געמאַכט די קינסטלערישע "אָוונטן" אין דעם יתומים־הויז פון יאַנוש קאָרטשאַק. נאָך דעם 18־טן יולי 1942, 4 טעג (!) פאַרן אָנהייב פון דער גרויסער אַקציע, איז פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולע פאָרשטעלונג פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס שטיק "די פּאָסט", אויסגעפירט דורך די קינדער פון אַנשטאַלט. אין קאָרטשאַקס יתומים־הויז איז אויך געווען טעטיק אַ זעלב־שטענדיקער מאַריאָנעטן־טעאַטער.

אַ באַזונדער גרויסע, סטימולירנדיקע ראָל האָט די צענטראַלע אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס געשפּילט ביי דער צוגרייטונג פון די קינדער־פאָרשטעלונגען, בעתן "חודש פון קינד" און "יום־טוב פון קינד" אין די יאָרן 1941 און 1942. די דאָזיקע גרויסע קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע זענען מערסטנטייל פאָרגעקומען אין דעם גרויסן טעאַטער־זאַל "פעמינאַ", אויף לעשנאָ, זענען אויפגענומען געוואָרן, ווי אמתע יום־טובים דורך טויזנטער מענטשן אין געטאָ.

דער אימפּרעזן־קאָמיסיע האָט אַקטיוו געהאָלפן די מיטאַרבעטערין פון צענטאָס, מיין קאָלעגין פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, די פּסיכאָלאָגין, דר. אירענאַ פּילאָזאָף. זי איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען פאַרבונדן מיט די פּוילישע טעאַטער־קרייזן, האָט שטודירט טעאַטער־קונסט און געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון דער שוישפּילערישער אַרבעט. נאָך דער מלחמה איז זי געווען די פרוי פון איינעם פון די גרעסטע פּוילישע רעזשיסערן און טעאַטראָלאָגן, לעאָן שילער. זי איז געשטאָרבן אין פּוילן.

דער אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס און אין דער קינסטלערישער אַרבעט אין פאַרשידענע קינדער־אַנשטאַלטן האָבן אַקטיוו געהאָלפן עטלעכע פרויען מיט אַ קינסטלערישער דערפאַרונג אָדער שטאַרקע קינסטלערישע נייגונגען: לודוויקאַ טשערווינסקאַ, דאַנקאַ גאַנשיאָר, מאַזשינסקאַ, האַנטאָווער, לייזעראָוויטש א.א. אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דער קינסטלערישער טעטיקייט צווישן קינדער וועלכע איז נ י ש ט געווען פאַרבונדן מיט דער אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס זענען געווען די קינדער־כאָרן. אויך זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם לעבן פון די קינדער אין געטאָ.

איך האָב נאָך אין די יוגנט־יאָרן, ליב געהאַט גוטע כאָרן בכלל, און גוטע, קינסטלערישע קינדער־כאָרן בפרט, אַזעלכע ווי דער באַקאַנטער ווינער קינדער־כאָר. איך האָב אויך, פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט געוווסט, אַז דער אָנטייל פון קינדער אין די כאָרן גיט זיי אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג, אַנטוויקלט זיי גייסטיק, פירט צו זייער אַקטיוויזירונג, שטאַרקט די דיסציפּלין און די נייגונג צו קאָלעקטיווער מיטאַרבעט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין די באַדינגונגען פון געטאָ קאָן די דאָזיקע השפּעה שפּילן אַ פּאָזיטיווע און וויכטיקע ראָל אין דעם טרויעריקן לעבן פון טויזנטער קינדער. דערפאַר האָב איך, אין נאָמען פון צענטאָס, געשטיצט און סטימולירט די טעטיקייט פון די קינדער־כאָרן.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען טעטיק אַ גאַנצע ריי קינדער־כאָרן, מערסטנטייל ביי די גרויסע קינדער־קיכן, אונטער וועמענס דעקמאַנטל האָבן געפירט זייער טעטיקייט די געהיימע שולן פון פאַרשידענע ריכטונגען. די בעסטע און גרעסטע קינדער־כאָרן זענען געשאַפן געוואָרן אין די קיכן פון די תרבות־שולן און פון צישאָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע).

מיט די קינדער־כאָרן האָבן אָנגעפירט פעאיקע דיריגענטן: יעקב און ישראל גלאַטשטיין, זיגמונט שקלאַר, י. זאַקס, פרוי א. גורדוס־קאַמינסקאַ, י. גאָלדבערג א.א., אָבער דער בעסטער און טאַלענטפולסטער כאָר־דיריגענט איז געווען, אָן שום ספק, ישראל פּייווישיס.

ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, אָבער זינט זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען טעטיק אַלס כאָר־דיריגענט אין מערב־גאַליציע און שפּעטער אין לאָדזש, וווּ ער האָט אָנגעפירט מיטן גרויסן און באַקאַנטן כאָר הזמיר. מוזיק האָט ער שטודירט אין קראָקע און אין ווין, געווען אַליין אַ לייטער פון אַ מוזיק־שול. פּייווישיס איז פון די יוגנט־יאָרן געווען אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און ביזן טראַגישן סוף פון זיין לעבן געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער געשאַפן, מיט דער הילף פון דער תרבות־באַוועגונג, אַ כאָר פאַר דערוואַקסענע אונטערן נאָמען ש י ר און איז געווען אַ דיריגענט פון אַ פּאָר קינדער־כאָרן, פון דעם יוגנט־כאָר ביים דרור און אין די תרבות־שולן. אין זיין רייכן רעפּערטואַר זענען געווען אַ סך לידער פון דער קלאַסישער מוזיק, אָבער אויך אַ סך העברעיִשע און ארץ־ישראלדיקע לידער.

איך בין געווען אויף עטלעכע אַרויסטרעטונגען און קאָנצערטן פון די קינדער־כאָרן אונטער זיין לייטונג און איך האָב באַוווּנדערט, ווי אַזוי י. פּייווישיס האָט באַוויזן, אין משך פון אַ קורצער צייט, אויפצוהויבן די כאָרן אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. די קינדער האָבן געזונגען וווּנדערבאַר! דער גרויסער עולם, וועלכער איז געקומען צו די קאָנצערטן, איז געווען שטענדיק טיף גערירט. איך געדענק, אַז אַ באַזונדערע באַגייסטערונג ביים עולם האָבן אַרויסגערופן די ארץ־ישראלדיקע לידער, געזונגענע אין עברית. מענטשן האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן, אַ טייל פון עולם האָט ממש געוויינט.

אויך דער קינדער־כאָר פון אַן אַנדערער תרבות־שול, אונטער דער דער אָנפירונג פון ז. שקלאַר איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. אויך ער האָט געהאַט אין זיין רעפּערטואַר העברעיִשע און ארץ־ישראלדיקע לידער. איך געדענק, וואָס פאַראַ גרויסן רושם עס האָט געמאַכט די גלענצנדע אויספירונג פונעם שיינעם העברעיִשן ליד "בר־יוחאי". אויך דער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון י. גלאַט־שטיין, אַ פּעאיִקן דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט די יידישע וועלטלעכע צישאָ־שולן, איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. די קינדער־כאָרן זענען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אין וואַרשעווער געטאָ, אַז צענטאָס האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנקורס פון די פינף בעסטע קינדער־כאָרן, אין דעם גרויסן זאַל פון טעאַטער "פעמינאַ". צום קאָנקורס איז געקומען אַ ריזיקער עולם, סיי פון קינדער־פריינט און סיי פון מוזיק־ליבהאָבער. דאָס איז געווען פאַר זיי אַן אמתער יום־טוב. די קינדער האָבן פּרעכטיק געזונגען. די ערשטע פּרעמיע האָט, פאַרשטייט זיך, באַקומען דער קינדער־כאָר אונטער דער לייטונג פון י. פּייווישיס, די צווייטע — פון ז. שקלאַר.

די בעסטע קינדער־כאָרן האָבן אָנטיילגענומען אין די אימפּאָזאַנטע קינסט־לערישע פאַראַנשטאַלטונגען פון "חודש פון קינד" און פון "יום־טוב פון קינד" און האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

אַ קורצע צייט נאָך דעם "יום־טוב פון קינד" אין מאַי 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַקציע. כמעט אַלע דיריגענטן און די קינדער, וואָס האָבן אַזוי פּרעכטיק געזונגען זענען אומגעקומען שוין אין דער ערשטער אַקציע. י. פּייווישיס איז דערמאָרדעט געוואָרן שפּעטער, אין יאָר 1943, אין דעם טויט־לאַגער פּאָניאַטאָוו.

איך וויל נאָך דערביי דערמאָנען איינעם פון די ענטוזיאַסטן פון די קינדער־כאָרן, דעם אַקטיוון ציוניסטישן עסקן אין געטאָ, מיין פריינט קאָפּל פּיזשיץ. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ רייכער סוחר און גלייכצייטיק אַ טוער פון תרבות, פּאָליטיש פאַרבונדן מיט דער התאחדות. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און פון דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון צענטאָס. ער איז געווען אַ געטרייער קינדער־פריינט און געהאָלפן פאַרשידענע קינדערשוץ־

אַנשטאַלטן, אין דער ערשטער ריי — די גרויסע קינדער־קיכן, פֿאַרבונדענע מיט די תרבות־שולן.
קאָפּל פּיזשיץ איז געווען אַ ליבהאָבער פֿון כאָרן און פֿון קינדער־כאָרן. ער האָט אַקטיוו געהאָלפֿן י. פּייווישיסן צו שאַפֿן דעם כאָר שיר און איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן פּאַטראָנאַט, וואָס האָט מאַטעריעל געהאָלפֿן דעם גרויסן, אַכציק־פּערזאָניקן כאָר. ער האָט אויך אַקטיוו געשטיצט די קינדער־כאָרן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּייווישיסן, שקלאַרן און אַנדערע דיריגענטן. קאָפּל פּיזשיץ האָט אויך אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿון "חודש פֿון קינד". ער האָט געפּראַוועט דעם לעצטן פֿייערלעכן פּסח־סדר אין יאָר 1942 אין דעם גרויסן אינטערנאַט אויף דער וואָלנאָשטש (פּרייהייט) 16, ווען ביי די טישן זענען געזעסן הונדערטער יתומים.
איך בין געווען באַפֿריינדעט מיט קאָפּל פּיזשיץ און מיט זיין משפּחה צוליב נאָך איין סיבה — ער איז געווען דער שוואָגער פֿון דעם פֿינאַנץ־דירעקטאָר פֿון צענטאָס, יוסף גיטלער. ווען עס זענען געקומען די טראַגישע טעג אין געטאָ, האָב איך באַשלאָסן אים צו העלפֿן. ער און זיין משפּחה זענען געווען צווישן די זיבן און צוואַנציק מענטשן, פֿון פֿאַרשידענע קרייזן, וועלכע באַשיע און איך האָבן געבראַכט אויף דער אַרישער זייט און דאַן — געראַטעוועט זייער לעבן.
קאָפּל פּיזשיץ איז, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געשטאָרבן אין ישראל.

### די קינדער־ביבליאָטעק

איינע פֿון די פּאָפּולערסטע קינדערשוץ־אינסטיטוציעס אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען די צענטראַלע ביבליאָטעק פֿאַר קינדער ביים צענטאָס. זי איז געשאַפֿן געוואָרן אין דעם זעלבן חודש, ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן דאָס געטאָ, אין נאָוועמבער 1940, אינעם לאָקאַל פֿון אַ געוועזענער פּוילישער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, אויף לעשנאָ 67.
מיט דער ביבליאָטעק האָט אָנגעפֿירט ביזן סוף, ביז דער ערשטער אַקציע, מיין פֿרוי באַשיע. זי איז געווען אַ דיפּלאָמירטע ביבליאָטעקאַרין. פֿאַר דער מלחמה האָט זי אָנגעפֿירט מיט אַ פּוילישער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. אין די ראַמען פֿון דער גרויסער נעץ פֿון עפֿנטלעכע ביליאָטעקן אין וואַרשע, און גלייכצייטיק האָט זי געאַרבעט אַלס רעפֿערענטין פֿאַר די ענינים פֿון יידישן בוך און ליטעראַטור אין דער גרויסער פּוילישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.
באַשיע האָט אָנגעפֿירט מיט דער פּוילישער ביבליאָטעק אַפֿילו עטלעכע חדשים נאָך דער קאַפּיטולאַציע, ביז דעם מאָמענט, ווען די צענטראַלע פֿון די פּוילישע עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן האָט באַקומען די פֿאַראָרדנונג, אַז זי טאָר נישט מער באַשעפֿטיקן יידן. דאַן האָט באַשיע געמוזט איבעררייסן די אַרבעט. זי איז אָבער געבליבן אין פּריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען מיט אַ סך פֿון אירע קאָלעגן, פּוילישע ביבליאָטעקאַרינס, וועלכע האָבן אונדז שפּעטער אַקטיוו געהאָלפֿן, סיי

פערזענלעך, סיי געזעלשאַפטלעך, אין דער הילפס־אַרבעט פאַר יידן אויף דער אַרישער זייט.

באַשיע איז אויך אין געטאָ געבליבן געטריי איר באַרוף. די דייטשע מאַכט האָט פאַרבאָטן די עגזיסטענץ פון יידישע ביבליאָטעקן. עס האָבן זיך געשאַפן קליינע, אומלעגאַלע, פריוואַטע ביבליאָטעקן, אָבער, אין אַלגעמיין, פאַר דער־וואַקסענע. באַשיע האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו צו זאַמלען ביכער פאַר קינדער און יוגנטלעכע, אין דער פוילישער און יידישער שפּראַך, פון פאַרשידענסטע קוועלן.

עס האָט איר, אין דער דאָזיקער אַרבעט געהאָלפן איר באַקאַנטער, לייב שאָר. דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ דרוקער־אַרבעטער און שפּעטער אַ פאַרלעגער, דער שעפער פון דעם פאַרלאַג תמר אין ווילנע. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע צו זאַמלען ביכער, באַזונדער יידישע, פון די פאַרלאָזטע אָדער רואינירטע יידישע ביבליאָטעקן, ווי אויך פון פריוואַטע ביכער־אייגנטימער. ער האָט אויך געקויפט ביכער ביי גאַסן־פאַרקויפער. אויך אַזעלכע האָט מען געטראָפן אין געטאָ. זיין ציל איז געווען — צו ראַטעווען וואָס מער יידישע ביכער, כדי נאָך דער מלחמה ווידער צו שאַפן אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק. זיין פּראָוויזאָרישע דירה אין געטאָ איז געווען פול מיט ביכער.

באַשיע איז געשטאַנען מיט אים אין פאַרבינדונג. לייב שאָר האָט איר געגעבן אַ סך ביכער פאַר דער געפלאַנטער קינדער־ביבליאָטעק. זיין ציל האָט ער אָבער נישט דערגרייכט. אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אויפגעהאָנגען צווישן זיינע ביכער...

ווען דאָס געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן האָט די לייטונג פון צענטאָס פאָרגע־שלאָגן באַשיען צו שאַפן אַ צענטראַלע קינדער־ביבליאָטעק. עפענען אַ ליי־ביבליאָטעק פאַר אינדיווידועלע לייענער און אַבאָנענטן, פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל, און , וואָס פאַרן צענטאָס איז געווען אַ סך וויכטיקער, צו באַדינען מיט ביכער די צענדליקער קינדערשוץ־אַנשטאַלטן פון פאַרשידענע טיפּן.

דאָס איז געווען אַ שווערע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט. צום גליק, איז באַשיען געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום דער ביבליאָטעק אַ היפשע גרופּע עלטערע קינדער און יוגנטלעכע, אויך פון די צענטאָס־אַנשטאַלטן, אינטעליגענטע און איבערגעגעבענע מיידלעך און יינגלעך, גרויסע בוך־ליבהאָבער. זיי האָבן באַשיען פרייוויליק געהאָלפן אין דער אַרבעט: געזאַמלט ביכער, זיי ריין געמאַכט, געהאָלפן איינבינדן, צוגרייטן קאַטאַלאָגן א.א. דאָך איז באַשיע זייער אָפּט געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, אַ זייער מידע און אויסגעשעפּטע, אָבער אין אַלגעמיין — אַ צופרידענע. די טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק האָט זיך אַנטוויקלט פון וואָך צו וואָך. די ביבליאָטעק איז געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער, אַ ריי הויז־קאָמיטעטן האָבן פאַר איר געזאַמלט ביכער. אַ סך קינדער און יוגנטלעכע האָבן געשאָנקען דער ביבליאָטעק אַ טייל פון זייערע ביכער.

דער אויסערלעכער אויסזען פון דער ביבליאָטעק איז געווען זייער אַ שיינער און עסטעטישער. אין דער ערשטער צייט איז זי פּאָרמעל, צוליב פּאָרזיכטיקייט, געווען טעטיק אַלס אַ טייל פון דער צענטראַלער אימפּרעזן־קאָמיסיע פון צענטאָס, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט די רעזשיסערין פון מאַריאָנעטן־טעאַטער, קלימאַ פּוסוועריק. דערפּאַר זענען די צוויי צימערן פון דער ביבליאָטעק געווען פול מיט שפּילצייג און שיינע ליאַלקעס.

עס וואָלט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז אין די שרעקלעכע געטאָ־באַדינגונגען, אין די יאָרן פון הונגער און עפּידעמיעס, וועלן די קינדער און יוגנטלעכע נישט האָבן קיין קאָפּ צו לייענען ביכער. עס איז אָבער געווען אַנדערש. אַ גרויסער טייל פון די קינדער און יוגנטלעכע האָט ממש געלעכצט נאָך אַ גוט בוך. מ׳דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז לגבי דעם געטאָ איז געווען אָבליגאַטאָריש אַ פּריע פּאָליציי־שעה, קיין קינאָס זענען נישט געווען, קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אויך נישט. די אָוונטן זענען געווען באַזונדער אומעטיקע. האָט מען געלייענט.

אַ פאַקט איז, אַז אין דער צענטאָס־ביבליאָטעק זענען געקומען פיל הונדערטער קינדער און יוגנטלעכע, אַ גרויסער טייל פון זיי — הונגעריקע, כמעט נאַקעטע און באָרוועסע. זיי האָבן אָבער געשלונגען ביכער. עס זענען געווען עטלעכע קינדער, וועלכע האָבן אָפן געזאָגט, אַז זיי מוזן אַ סך לייענען, כדי צו פאַרגעסן וועגן הונגער.

אין דער ביבליאָטעק האָבן זיך פאַרשריבן העכער זיבן הונדערט שטענדיקע לייענער, אָבער פון דער ביבליאָטעק האָבן געגאָסן אַ סך טויזנטער קינדער פון כמעט אַלע טיפּן פון די צענטאָס־אַנשטאַלטן: יתומים־הייזער און אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־קיכן, רעטונגס־היימען פאַר גאַסן־קינדער, קינדער־קלובן אין די פּליטים־פּונקטן, קינדער־ווינקלעך ביי די הויז־קאָמיטעטן, ווי אויך קינדער פון דעם שפּיטאָל אין געטאָ. בסך־הכל האָט די ביבליאָטעק באַדינט מער ווי 50 אַנשטאַלטן.

דער קאָנטאַקט מיט די אַנשטאַלטן איז נישט געווען קיין לייכטער. מערסטנטייל זענען געקומען אין דער ביבליאָטעק ספּעציעל באַשטימטע דעלעגאַטן פון די אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געטוישט אַ גרעסערע צאָל ביכער. עס איז אויך געווען אַ פיינלעכע פראַגע פון ריינקייט. אָפטמאָל זענען די ביכער פון די פּליטים־פּונקטן אָדער פון אַנדערע צענטערס פון נויט געקומען פאַרלייזיקט. מ׳האָט זיי געמוזט תיכף געבן צו אַ גרינטלעכער דעזינפעקציע אָדער אַפילו תיכף פאַרברענען. אויך באַשיען האָט געדראָט ביי דער אַרבעט די געפאַר פון טיפוס.

באַשיע האָט זיך באַמיט צו פּאָפּולאַריזירן צווישן די קינדער און יוגנטלעכע ביכער אין דער יידישער שפּראַך. זי האָט אויך אָרגאַניזירט צוזאַמענטרעפן מיט די יונגע לייענער, כדי צוזאַמען צו לייענען פראַגמענטן פון די בעסטע ביכער פאַר קינדער און יוגנטלעכע, אויך אין דער יידישע שפּראַך. ביי דער דאָזיקער אַקציע צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך צווישן קינדער האָבן איר אַקטיוו

געהאָלפֿן: די פּעדאַגאָגין ראָזאַ סימכאָוויטש און די לערער פֿון די יידיש־וועלטלעכע שולן, באַזונדער פֿון דער באָראָכאָוו־שול — נתן סמאָליאַר. ישראל ליכטנשטיין א.א. באַשיע האָט אויך אַליין זייער שיין געלייענט און רעציטירט אין דער יידישער שפּראַך.

מיט ראָזאַ סימכאָוויטש איז באַשיע געווען זייער באַפריינדעט. נאָך איר טויט איז די קינדער־ביבליאָטעק אָנגערופֿן געוואָרן אויף איר נאָמען. אַן אָפטער גאַסט אין דער ביבליאָטעק איז געווען אונדזער פריינדין, די באַקאַנטע שריפֿט־שטעלערין, רחל אויערבאַך. אונדזער פריינטשאַפֿט מיט איר האָט זיך נאָך מער פֿאַרטיפֿט ביי דער געמיינזאַמער אונטערערדישער הילפֿס־טעטיקייט פֿאַר יידן אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער מלחמה, און באַזונדער נאָך באַשיעס טויט אין ישראל, אין אַפּריל 1953, האָט רחל אויערבאַך געווידמעט באַשיען אַ ריי רירנדיקע זכרונות־אַרטיקלען, סיי וועגן איר אַרבעט אין דער קינדער־ביבליאָטעק אין געטאָ און סיי וועגן איר טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט.

צווישן די פריינט פֿון דער קינדער־ביבליאָטעק זענען אויך געווען די געזעל־שאַפֿטלעכע טוער: שמואל ווינטער, יוסף יאַשונסקי, מנחם לינדער און אַנדערע. די קינדער־ביבליאָטעק האָט געפֿירט איר פֿאַרצווייגטע און וויכטיקע טעטיקייט ביז דער ערשטער אַקציע, ווען אויך די קינדער זענען אומגעקומען.

### ״חודש פֿון קינד״ און קינדער־יום־טובים

אין יאָר 1941, ווען די טעטיקייט פֿון צענטאָס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און עס איז געווען אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַלץ נייע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן, און ווען מיר האָבן גלייכצייטיק געפֿילט די כוואַליע פֿון ספּאָנטאַנער סאָלידאַריטעט און פֿון הילפֿס־גרייטקייט פֿאַר דער קינדערשוץ מצד אַלע שיכטן און קרייזן אין געטאָ, האָט די לייטונג פֿון צענטאָס באַשלאָסן אַדורכצופֿירן אַ גרויסע אַלגעמיין־געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפּאַניע, אַ ״חודש פֿון קינד״.

די קאַמפּאַניע האָט געהאַט דריי הויפּט־צילן: צו שאַפֿן, אויף פֿאַרשידענע וועגן, גרעסערע געלט־מיטלען אויף צו בויען נייע אַנשטאַלטן; צו מאָביליזירן אַרום דעם צענטאָס ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן, באַזונדער כדי צו שטאַרקן די פּאַטראָנאַטן ביי גרעסערע אַנשטאַלטן און — צו געבן די קינדער אַ ביסל פֿרייד. דאָס איז געווען איינע פֿון די הויפּט־לאָזונגען פֿון ״חודש״. צענטאָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי אויפֿרופֿן און פּלאַקאַטן.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. דער ״חודש פֿון קינד״ איז געוואָרן די גרעסטע און פּאָפּולערסטע געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפּאַניע אין געטאָ — אַן אויסדרוק פֿון דער אַלגעמיין־געזעלשאַפֿטלעכער סאָלידאַריטעט אין קאַמף פֿאַרן לעבן פֿון יידישן קינד. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ זייער ברייטער געזעל־שאַפֿטלעכער הויפּט־קאָמיטעט פֿאַר אַדורכפֿירן דעם ״חודש״, אָבער, פֿאַרשטייט זיך, אַז אָרגאַניזירן אים האָט געדאַרפֿט צענטאָס. די הויפּט־לאַסט

איז געלעגן אויף דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפּטלעכער אַרבעט און אויף דער צענטראַלער אימפּרעזן־קאָמיסיע אין צענטאָס, אונטער מיין פּערזענלעכער אָנפירונג, אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס.
פאַקטיש האָט די קאַמפּאַניע "חודש פון קינד", אין יאָר 1941, געדויערט נישט איין חודש נאָר גאַנצע דריי חדשים, פון סעפּטעמבער ביז נאָוועמבער 1941, זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, אויך אַ פינאַנציעלן. זי האָט אַריינ־געבראַכט, סיי פון אַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, מיטן פאַרזאָרגונגס־אַמט בראש, און סיי פון טויזנטער אינדיווידועלע שפּענדער, העכער אַ מיליאָן זלאָטעס, וואָס איז דאַן געווען אַ באַדייטנדיקע סומע.
איך געדענק די דערהויבענע שטימונג אויף דער אַקאַדעמיע אין דעם גרויסן זאַל פון טעאַטער פעמינאַ, אויף לעשנאָ גאַס. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. די אַקאַדעמיע האָט געעפנט אַדאַם טשערניאַקאָוו מיט אַ רירנדיקער רעדע און אַ הייסן אַפּעל צו דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג צו מאַכן אַ מאַקסימאַלע אָנשטרענגונג כדי צו ראַטעווען דאָס קינד. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: אברהם געפּנער, אין נאָמען פון פאַרזאָרגונגס־אַמט, לעאָן נוישטאַדט, אַלס דירעקטאָר פון דזשאָינט, דר. פעליציאַ טשערניאַקאָוו, דר. יאַן פּשעדבאָרסקי און איך, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס. עס איז אויך געווען אַ רייכער קינסטלערישער פּראָגראַם מיטן אָנטייל פון הונדערטער קינדער פון פאַרשידענע אַנשטאַלטן. דרך־אגב, עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנקורס אויפן בעסטן פּלאַקאַט פאַרן "חודש פון קינד" מיט דער באַטייליקונג פון אַלע קינסטלער אין געטאָ.
אין די ראַמען פון "חודש פון קינד" זענען פאָרגעקומען צענדליקער פאַראַנשטאַלטונגען און אימפּרעזן, אַ גרויסע אויסשטעלונג פון קינדער־אַרבעטן פון אַ ריי יתומים־הייזער פון צענטאָס (שפּילצייג פון פּלאַסטעלין, פאַנטאָפּל פון קאָלירטע שטריק, שיינע ליאַלקעס א.א.). עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער קאָנצערט, אין זאַל פון מעלאָדי־פּאַלאַס אויף רימאַרסקע גאַס, אויף וועלכע עס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ הייסן אַפּעל דר. פעליציאַ טשערניאַקאָוו. צום שלוס פון "חודש" איז אין נאָוועמבער 1941 ווידער פאָרגעקומען אַן אַקאַדעמיע אין פעמינאַ, ווו די הויפּט־רעדע האָט געהאַלטן אַדאַם טשערניאַקאָוו.
פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט פון "חודש פון קינד" האָבן די צענדליקער טויזנטער קינדער אין אַלע צענטאָס־אַנשטאַלטן באַקומען אַ מער נאַרהאַפטן עסן און זיסוואַרג. אַזוי איז אויך געווען ביי אַלע אָרגאַניזירטע קינדער־יום־טובים סיי אין יאָר 1941 און סיי אין 1942.
דער פּרינציפּ פון צענטאָס איז געווען, אַז אַלע יידישע טראַדיציאָנעלע יום־טובים דאַרפן אין אַלע קינדער־אַנשטאַלטן פייערלעך אָפּגעצייכנט ווערן. אַזוי זענען אין די טעג פון חנוכה, אין דעצעמבער 1941, פאָרגעקומען צענדליקער קינדער־פאָרשטעלונגען אין אַלע גרעסערע קינדער־אַנשטאַלטן פון צענטאָס. אין כמעט אַלע אַנשטאַלטן האָט מען אָרגאַניזירט אַ פּסח־סדר. אויך אין ל"ג בעומר זענען פאָרגעקומען אין אַלע צענטאָס־אַנשטאַלטן און אין די געהיימע

שולן, אין די קינדער־קיכן, קינדער־פּאַראַנשטאַלטונגען און פּאַרוויילונגען.

דער הויך־פּונקט פון די גרויסע קינדער אימפּרעזן איז פּאַרגעקומען אין מאַי 1942, ווען די לאַגע אין געטאָ האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. דאָס איז שוין געווען נאָך דער "בלוטיקער נאַכט" פון 17־טן אויף דעם 18־טן אַפּריל 1942. אין טאָג פון ל"ג בעומר, דעם 5־טן מאַי 1942, האָט די צענטאָס־ליטונג אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן "יום־טוב פון קינד". אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען אויף די גאַסן פון געטאָ אַ געלט־זאַמלונג פאַר דער קינדער־שוץ. אין אַלע, אָן אויסנאַם, קינדער־אַנשטאַלטן און שולן זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען, פון דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער, פון די שוישפּילער־בריגאַדעס, פון קינדער־כאָרן, פון אָרטיקע קינדער־אַנסאַמבלען. אַלע קינדער האָבן באַקומען זיסוואַרג.

אַ באַזונדער גרויסן רושם האָט געמאַכט די צענטראַלע קינדער־פאָרשטעלונג אין טעאַטער פ ע מ י נ אַ, דעם 9־טן מאַי 1942, אויסגעפירט דורך קינדער פון אַלע קינדער־אַנשטאַלטן: אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־היימען, קינדער־קיכן, קינדער־ווינקלען, רעטונגס־פּונקטן פאַר גאַסן־קינדער א.א. איך וועל נישט פאַרגעסן דעם שטראָם פון מענטשן, וועלכע זענען געקומען צום "קינדער־יום־טוב" און פאַרפולט נישט בלויז דעם גרויסן זאַל, נאָר אַלע דורכ־גענג, שטיגן און קאָרידאָרן. איך וועל נישט פאַרגעסן אַז הונדערטער מענטשן זענען געוועזן אַזוי גערירט, אַז זיי האָבן געוויינט בעת דער פאָרשטעלונג. דאָס שטעלן אויך פעסט אַ סך כראָניקאַלע באַריכטן.

אפשר איז דער עולם געווען אַזוי גערירט צוליב דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט צווישן דער אַלץ מער דראַמאַטישער לאַגע אין געטאָ און צווישן דעם חן און שיינקייט פון די הונדערטער קינדער. אפשר האָט דעם גרויסן עולם אַזוי גערירט דער פאַקט, אַז אין די קאָשמאַר־באַדינגונגען פון געטאָ, אין דריטן יאָר פון דער מלחמה, האָבן הונדערטער יידישע קינדער געקאָנט באַווייזן אַזויפיל שיינקייט און חן און אַזאַ קינסטלערישן ניוואָ אין זייערע מוזיקאַלישע, געזאַנג־ און באַלעט־אַרויסטרעטונגען. יאָ — באַלעט! דעם גרעסטן רושם אויפן עולם האָבן געמאַכט די קינדער־כאָרן און די כאָרעאָגראַפישע גרופּן פון די קינדער פון אַ צאָל אַנשטאַלטן.

עס דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן די טאַלאַנטפולע יידישע טענצערינס און לערערינס פון כאָרעאָגראַפיע און ריטמיק, וועלכע האָבן צוגעגרייט די קינדער־טענץ: אַניטאַ רייזער און אירענאַ פּרושיצקאַ, די כאָרעאָגראַפיע־לערערין לאה שפּאַנצענקאָפּף א.א. אויך זיי אַלע זענען אומגעקומען.

איך דערמאָן זיך אויך די קאָלירפולקייט פון דער דאָזיקער גרויסער פאָרשטעלונג — סיי די עסטעטישע דעקאָראַציעס, סיי די שיינע מלבושים. דאָס האָבן די פּלאַסטיקער, פאַרבונדענע מיטן צענטאָס, געגעבן זייער צושטייער צום "יום־טוב פון קינד" צווישן זיי — די מאָלערין געלאַ סעקשטיין.

אין מאַי און אין יוני 1942 האָט די צענטאָס־צענטראַלע אָנגעהויבן אינטענסיווע

צוגרייטונגען צום "חודש פון קינד", וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אויגוסט 1942 — אין שייכות מיט דעם זענען נאָך פאָרגעקומען צענדליקער צוגרייטונגס־פאָרשטעלונגען אין פאַרשידענע קינדער־אַנשטאַלטן און שולן.
אַ געלונגענע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין דער באַראַכאָוו־שול פון צישאַ, אויף נאָוואָליפּקי 68, אונטערן נאָמען " דער זיגרייכער פרילינגס־מאַרש" — מיט געזאַנג, טענץ און רעציטאַציעס פון די לידער פון ח.נ. ביאַליק, א. רייזען, מ. געבירטיק א.א. אין דער תרבות־שול אויף נאָוואָליפּקי 22 איז פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג, מיט געזאַנג און טענץ, אונטערן נאָמען "דער טאַנץ פון דער זון".
אין דער תרבות־שול אויף פראָסטע 8 איז געשטעלט געוואָרן אַ פאָרשטעלונג, געווידמעט דעם חלוצים־לעבן אין ארץ־ישראל, וועלכע האָט אַרויסגערופן התלהבותביים גרויסן עולם. דאָס זענען געווען מאַניפעסטאַציעס פון לעבנס־ווילן, פון גייסטיקן מוט, פון שטאָלץ, פון נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן כבוד.
די לייטונג פון צענטאָס האָט שוין מאָביליזירט צום "חודש פון קינד" אַלע געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין געטאָ. דעם 6־טן יוני 1942 איז נאָך פאָרגעקומען אין זאַל פ ע מ י נ אַ אַ קינדער־קאָנצערט, מיטן אָנטייל פון קינדער־כאָרן, כאָרעאָגראַפישע גרופּן, גימנאַסטישע מוסטער־איבונגען.
דעם 23־טן יולי האָט געדאַרפט פאָרקומען די פייערלעכע דערעפנונג פון דעם גרעסטן אין געטאָ קינדער־הויז פאַר 1.000 קינדער. דער "קינדער־חודש" האָט געדאַרפט דערעפנט ווערן דעם 1־טן אויגוסט 1942.
דעם 22־טן יולי 1942 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן די גרויסע אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ. די ערשטע קרבנות זענען געווען טויזנטער יידישע קינדער.

**דאָס געהיימע שול־וועזן**

אונטער דעם דעקמאַנטל פון די קינדער־קיכן פון צענטאָס איז אַ געוויסע צייט געווען טעטיק דאָס געהיימע יידישע שול־וועזן פון אַלע ריכטונגען. דער פּרינציפּ איז געווען אַזאַ, אַז די שולן זענען, פון פעדאַגאָגישן און אָרגאַ־ניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט, געווען פולקאָם זעלבשטענדיק. זיי זענען נישט געווען קיין רינג פון די צענטאָס־אַנשטאַלטן. די לייטונג פון צענטאָס האָט זיך אָבער באַצויגן צו זיי מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט און האַרציקייט. סיי יוסף גיטלער און סיי איך, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן, מיט אַלץ וואָס איז מעגלעך, העלפן דעם געהיימען יידישן שול־וועזן. און מיר האָבן געהאָלפן מיט אַ צוגאָב־באַשפּייזונג און , אין אַ געוויסער מאָס, מיט באַקליידונג און מיט מעדיצינישער הילף. די זיצונגען פון דעם געמיינזאַמען שול־קאָמיטעט זענען פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון צענטאָס, אויף לעשנאָ גאַס 2. איך האָב געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן שול־קאָמיטעט און מיט די לייטונגען פון אַלע שול־ריכטונגען. דער פאָרשטייער פון צענטאָס אין דעם שול־קאָמיטעט, באַזונדער אין שייכות מיט ווירטשאַפטלעכע פראַגן, איז געווען דער פינאַנץ־דירעקטאָר

פון צענטאָס, יוסף גיטלער. איך וויל בלויז אין קורצן אינפאָרמירן וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דעם געהיימען שול־וועזן אין געטאָ.

שוין ביים אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן האָבן די נאַצישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרבאָטן אַלע מינים שולן פאַר יידישע קינדער. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע קלעפּ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אין יאָר 1940, נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, האָט די צאָל יידישע קינדער אין שול־עלטער, פון זיבן ביז פערצן יאָר, דערגרייכט צו 40 טויזנט. שפּעטער, אין יאָר 1941, שוין אין געטאָ, האָט זייער צאָל איבערגעשטיגן 45 טויזנט. די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געמאַכט אַלע מעגלעכע באַמיאונגען און אַדורכגעפירט אַ צאָל אינטערווענצן ביי פאַרשידענע דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, זיי זאָלן דערלויבן צו עפענען די שולן, אָבער אָן אַ רעזולטאַט.

זעענדיק, אַז די שאַפונג פון אַ לעגאַלן יידישן שול־וועזן איז אויסזיכטלאָז, האָבן די פירער פון אַלע יידישע שול־ריכטונגען באַשלאָסן, אין סעפּטעמבער 1940, נאָך פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלן יידישן שול־וועזן. די שליסונג פון וואַרשעווער געטאָ, אין נאָוועמבער 1940, און די אויפ־טרייסלונגען פאַרבונדענע מיט דעם דאָזיקן איבערברוך אין דעם לעבן פון הונדערטער טויזנטער יידן, האָבן אויף אַ קורצער צייט אָפּגערוקט די רעאַליזירונג פון דעם באַשלוס. אָבער קורץ נאָך דער שליסונג פון געטאָ, שוין אין דעצעמבער 1940, האָט מען אָנגעהויבן צו גרינדן די געהיימע יידישע שולן, אין די ראַמען פון קינדער־קיכן פון צענטאָס.

צוליב לעגאַלע טעמים האָבן די לייטונגען פון פאַרשידענע שול־ריכטונגען געווירקט אַלס פאַטראָנאַטן ביי די קיכן. איך וויל דערמאָנען וועלכע שול־ריכטונגען זענען געווען טעטיק און ווער איז געשטאַנען בראש פון זיי:

1) די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ), וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך, אין אַ שטרענג וועלטלעכן גייסט. מיט דער צישאָ האָבן, סיי פאַר דער מלחמה און סיי אין געטאָ, אָנגעפירט טוער פון צוויי פּאָליטישע, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון בונד און פון די לינקע פּועלי־ציון. זיי האָבן אויך אין געטאָ דערצויגן די קינדער אין אַ דעמאָקראַטישן און סאָציאַליסטישן גייסט. בראש פון דער צישאָ־ריכטונג אין געטאָ זענען געשטאַנען: אין נאָמען פון די בונדישע שולן — דער בונדישער טוער, אינזשעניער אברהם (אַבראַשאַ) בלום און די לערערין סאָניאַ נאָוואָגרודזקי, די פרוי פון דעם געוועזענעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון בונד אין פּוילן, עמנואל נאָוואָגרודזקי; אין נאָמען פון די לינקע פּועלי־ציון — דער הויפּט־פירער פון דער פּאַרטיי אין געטאָ, שכנא זאַגאַן, און די לייטערס פון דער גרויסער און מוסטערהאַפטער באָראָכאָוו־שול אין געטאָ, די לערער נתן סמאָליאַר און פייגע (פעלאַ) הערצליך־בליט, די פרוי פון דעם בונדישן טוער לוציאַן בליט.

2) דער שול־ און קולטור־פאַרבאַנד (שול־קולט), די שול־ריכטונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי פּועלי־ציון — צ.ס. זי האָט פאַר דער מלחמה

אָנגעפירט מיט וועלטלעכע שולן מיט דער יידישער לערן־שפּראַך, אָבער מיט אַ גרויסער נייגונג צו עברית. בראש פון שול־קולט אין געטאָ זענען געשטאַנען: אַדוואָקאַט לייב כ״ץ, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין דער פינאַנץ־לייטונג פון צענטאָס, דער גימנאַזיע־לערער יוסף סאַק און דער פּאַרטיי־טוער יוחנן מאָרגענשטערן.

3) תרבות־שול־ריכטונג, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט אַ ריי וועלטלעכע שולן אין עברית. מיטן תרבות זענען געווען אין געטאָ פאַרבונדן — די אַלגעמיינע ציוניסטן, התאחדות, החלוץ — דרור און השומר הצעיר. בראש פון דעם תרבות־שול־וועזן אין געטאָ זענען געשטאַנען: דער פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן מנחם קירשענבוים, דער טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, א. ל. בלאָך, קאָפּל פּיזשיץ און די לערער — ס. ראָזנבלום און פרוי ר. מאָסטקאָוו.

4) די רעליגיעזע שול־ריכטונג יבנה, פאַרבונדענע מיט מזרחי און הפּועל המזרחי. מיט איר האָבן אָנגעפירט אין געטאָ די לערער און טוער ד. שפּיראָ, ג. פרענקעל, י. שטשעראַנסקי א.א.

5) די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסישע שול־ריכטונג, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די חורב־שולן פאַר יינגלעך און מיט די בית־יעקב־שולן פאַר מיידלעך, איז געווען פאַרבונדן מיט אגודת־ישראל. בראש פון דער שול־ריכטונג זענען אין געטאָ געשטאַנען: דער הויפּט־פירער פון אגודת־ישראל, אַלעקסאַנדער זישע פרידמאַן און די טוער: י. ל. אָרלעאַן, א. מ. ראָגאָווי, פרידענזאָן, אונגער א.א.

שפּעטער האָט זיך אָן די פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע פון די יידישע געזועל־שאַפטלעכע שול־ריכטונגען אָנגעשלאָסן אויך דער פּאַטראָנאַט פון די געוועזענע יידישע עפנטלעכע פאָלקס־שולן אין דער פּוילישער שפּראַך. אַ געוויסע צייט האָט דעם פּאַטראָנאַט רעפּרעזענטירט די באַקאַנטע קינדערשוץ־טוערין רחל שטיין.

אַ דאַנק דער ענערגישער טעטיקייט פון די לייטונגען פון אַלע שול־ריכטונגען האָבן די געהיימע שולן אין געטאָ אָנגעהויבן זייער סיסטעמאַטישע אַרבעט שוין צום שלוס פון יאָר 1940. זי האָט געדויערט ביז סעפּטעמבער 1941, ווען נאָך לאַנגע באַמיאונגען און אומאויפהערלעכע אינטערווענצן, האָבן די דייטשן דערלויבט צו עפענען לעגאַלע פאָלקס־שולן אין געטאָ.

אין דעם פּעריאָד פון דעם געהיימען שול־וועזן, מיט וועלכן איך בין, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס, געווען פאַרבונדן, האָב איך באַוווּנדערט די איבער־געגעבנקייט פון דעם גאַנצן שול־פּערסאָנאַל, דעם גייסט פון פאָלקס־אייניקייט אין דער זאָרג פאַרן יידישן קינד און זיין בילדונג, און דעם דראַנג פון די טויזנטער קינדער גופא צו לערנען זיך. אויף די זיצונגען פון דעם פאַרשטענ־דיקונגס־קאָמיטעט פון די פאַרשטייער פון אַלע שול־ריכטונגען האָב איך אָפט געהערט, אַז נישט געקוקט אויף די אומגעהויער שווערע שול־באַדינגונגען, האָבן זיך די קינדער געלערנט מיט חשק און אינטערעס, אַ גרויסער טייל פון זיי — מיט התלהבות.

מיינע באַציאונגען מיט די פֿאָרשטייער פֿון אַלע שול־ריכטונגען זענען געווען זייער האַרציקע. ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען האָב איך די נאָענטסטע באַציאונגען געהאַט — מיט שכנא זאַגאַן און מיט אַלעקסאַנדער זישע פֿרידמאַן. מיין נאָענטער פּאַרטיי־חבר, דער פֿירער פֿון די לינקע פּועלי־ציון, שכנא זאַגאַן, איז אין געטאָ געוואָרן איינע פֿון די פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן, סיי אין דער סאָציאַלער אַליינהילף און סיי אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן ראַט ביים דזשוינט. ער איז אויך געוואָרן איינער פֿון די וואָרט־זאָגער פֿון דעם גאַנצן געהיימען שול־וועזן. גלייכצייטיק איז ער געווען איינער פֿון די פֿירער פֿון דער אומלעגאַלער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (ייקאָ״ר) אין געטאָ.

אַלעקסאַנדער זישע פֿרידמאַן איז פֿאַר דער מלחמה געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אגודת־ישראל אין פּוילן און אָנגעפֿירט מיט דעם אָרטאָדאָקסישן שול־וועזן. ער איז געווען אַ פּעאיקער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פֿון אָרטאָדאָקסישע צייטשריפֿטן, און גלייכצייטיק — אַ דיכטער אין עברית. אין געטאָ איז ער געווען געשעצט נישט בלויז אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. נישט געקוקט אויף די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אונטערשידן, זענען מיר געווען פּערזענלעך באַפֿריינדעט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אידעאישן שטאַנדפּונקט, זענען מיר געווען באַזונדער נאָענט די צישאָ־שולן און, אין דער ערשטער ריי, די באָראָכאָוו־שול. איך האָב געזען, מיט וועלכע שוועריקייטן זיי האָבן זיך געראַנגלט. די יידישע קולטור־טוער, וועלכע זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן ייקאָ״ר האָבן אין געטאָ פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויפֿרוף צו די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, זיי זאָלן אַקטיוו שטיצן דאָס יידישע שול־וועזן. אין דעם אַפּעל לייענען מיר:

״די יידישע שול פֿאַר יידישע קינדער אין זייער מאַמע־לשון ווענדט זיך צו אייך מיטן רוף אַרומצוריינגלען זי מיט אַ שוץ־וואַנט. שווער איז אָנגעקומען צוריק אויפֿצושטעלן דעם שול־בנין. אָן ביכער, אָן שול־מכשירים, ביי ליידיקע ווענט, און הונגעריקע, באָרוועסע קינדער — אַזוי שטעלט היינט די יידישע שול ווידער די ערשטע שריט אירע. זי דאַרף האָבן אַ וואַרעם האַרץ, אַן אַקסל, וואָס איז גרייט זיך אונטערצושטעלן. מיר ווענדן זיך צו אייך מיטן פֿאַרלאַנג צו ווערן אַ פֿריינט פֿון דער יידישער שול, העלפֿן איר אַדורכצוקומען די שווערע צייט.״

דער אויפֿרוף, אין נאָמען פֿון יידישן שול־קאָמיטעט האָבן אונטערגעשריבן: שכנא זאַגאַן, סאָניאַ נאָוואָגרודזקי, די דזשוינט־דירעקטאָרן יצחק גיטערמאַן און לעאָן נוישטאַדט, די קולטור־טוער און פּעדאַגאָגן: שיע בראַודאַ, בנימין ווירזשאָווסקי, מנחם לינדער, מרדכי מאַזאָ, נתן סמאָליאַר.

צוליבן מאַנגל פֿון לערן־ביכער האָבן די צישאָ־שולן אַרויסגעגעבן אַ כרעסטאָמאַטיע ״יידיש״ מיט לייען מאַטעריאַל פֿון די קלאַסיקער פֿון דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור און דיכטונג. אויך אַנדערע שול־ריכטונגען האָבן אַרויסגעגעבן העקטאָגראַפֿירטע לערן־מאַטעריאַלן.

איך בין געווען פֿאַרבונדן מיטן יידישן שול־וועזן אויך נאָך דעם, ווען עס זענען,

אין סעפּטעמבער 1941, דערלויבט געוואָרן לעגאַלע פאָלקס־שולן אין געטאָ. דער פאָרזיצער פון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו איז מסכים געווען אונטערן דרוק פון דער פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע פון אַלע יידישע שול־ריכטונגען, אַז אויך דאָס לעגאַלע שול־וועזן זאָל געבויט ווערן אויף דער באַזע פון די שול־ריכטונגען. בראש פון דער אָפיציעלער שול־אָפּטיילונג איז געשטאַנען מיין באַקאַנטער פון פאַר דער מלחמה, אברהם וואָלפּאָוויטש, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע חינוך, ווו איך האָב עטלעכע יאָר געאַרבעט אַלס לערער פון פילאָזאָפיע און אַלס שול־פּסיכאָלאָג. דאָס איז געווען אַ קולטורעלער און סימפּאַטישער פּעדאַגאָג, אַ געוועזענער טוער פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי (פאָלקיסטן). די אָפיציעלע וויזיטאַטאָרין פון די פאָלקס־שולן איז געווען די צענטאָס־מיטאַרבעטערין, פרוי אַננאַ נאַטאַנבלוט. אויך די דאָזיקע פערזענלעכע פאַרבינדונגען האָבן מיר פאַרלייכטערט דעם קאָנטאַקט צווישן צענטאָס און דעם שול־וועזן אין געטאָ, און דעם אַקטיוון אָנטייל פון די לערער און קינדער פון די שולן אין די גרויסע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס און קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען פון "חודש פון קינד", פון "יום־טוב פון קינד" און אַנדערע אימפּרעזן.

די לעגאַלע פאָלקס־שולן האָבן זיך גענוג שנעל אַנטוויקלט. ביים אָנהויב זענען געווען טעטיק בלויז זעקס שולן, אין יוני 1942, עטלעכע וואָכן פאַר דער ערשטער אַקציע זענען שוין געווען טעטיק אין געטאָ ניינצן שולן מיט קנאַפּע 7 טויזנט שילער. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די קינדער אין געטאָ האָט זיך, צוליב אַ סך סיבות, נישט געלערנט. דער פאַרנעם פון דער קינדערשוץ־טעטיקייט פון צענטאָס איז געווען, אָן אַ פאַרגלייך, אַ ברייטערער. ווי געזאָגט, האָט צענטאָס אַרומגענומען מיט איר הילפס־אַרבעט די מערהייט פון די נויטבאַדערפטיקע קינדער אין געטאָ.

איך וויל נאָך באַטאָנען, אַז אין די ראַמען פון צענטאָס איז געווען טעטיק אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וועלכע האָט געזאָרגט, אַז עלטערע קינדער און יוגנטלעכע אין די צענטאָס־אַנשטאַלטן זאָלן זיך לערנען פאַכן, אָדער אין די אַנשטאַלטן גופא אָדער אויף די צאָלרייכע פּראָפעסיאָנעלע קורסן אין געטאָ (נישט אָפיציעל — פון אָרט). בראש פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג אין צענטאָס איז געשטאַנען פרוי מ. קיעלביק.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז דאָס יידישע שול־וועזן אין געטאָ בכלל, און דאָס געהיימע שול־וועזן בפרט, איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ ציווילער זעלבסטפאַרטיידיקונג און פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף קעגן דער גייסטיקער און קולטורעלער דעגראַדאַציע און פאַרניכטונג. די מאָביליזירונג פון די גייסטיקע און מאַטעריעלע כוחות פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, סיי פאַר דער קינדערשוץ און סיי פאַר דעם שול־וועזן, האָבן בולט באַוויזן די וויטאַליטעט, דעם לעבנס־ווילן און דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פון די יידן אין געטאָ.

סיי איך און סיי יוסף גיטלער, זענען געווען מיט לייב און לעבן פֿאַרבונדן מיט דער קינדערשוץ אין וואַרשעווער געטאָ, דעם גרעסטן געזעלשאַפטלעך אַקטיווסטן געטאָ אין פּוילן. מ׳דאַרף אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז יידישע קינדער־שוץ־אַנשטאַלטן, אין זייערע פֿאַרשידענע פֿאָרמען, זענען אויך געווען טעטיק אין אַ סך געטאָס אויפֿן געביט פֿון דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט, אין זיינע אַלע פֿיר דיסטריקטן — וואַרשעווער, קראָקעווער, לובלינער און ראַדאָמער. אין די גרעסערע שטעט האָבן עגזיסטירט יתומים־הייזער, אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־היימען, קינדער־קיכן, קינדער־ווינקלען א.א.

כמעט אומעטום האָבן מיט די קינדערשוץ־אַנשטאַלטן אָנגעפֿירט די אָרטיקע טוער און מיטאַרבעטער פֿון צענטאָס. אין פֿאַרשידענע שטעט האָט זיך אויס־געבילדעט אויך אַ נייער קאַדער פֿון קינדערשוץ־טוער.

לויט דער אָפּשאַצונג פֿון דער צענטאָס־לייטונג איז די צאָל יידן אין דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט אין אָנהויב 1941 געווען אַן ערך — אַ מיליאָן און 600 טויזנט. צווישן זיי קינדער ביז 15 יאָר — אַרום 25 פּראָצענט, דאָס הייסט בערך — 400 טויזנט. צוליב די מלחמה־געשעענישן, דער גוואַלדיקער פֿאַראָרעמונג פֿון די יידישע מאַסן, די ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿטרייסלונגען א.א. — האָט די צאָל נויטבאַדערפֿטיקע יידישע קינדער באַטראָפֿן, אַזוי ווי אין וואַרשעווער געטאָ, אַרום 75 פּראָצענט, ד.ה. אַ ריזן צאָל פֿון בערך 300 טויזנט קינדער.

אין יאָר 1940 איז די צענטאָס־לייטונג אין וואַרשע געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין די פֿראַגן פֿון קינדערשוץ. די פֿאַרבינדונג איז אָבער געווען אַ לויזע, דער עיקר צוליב דער דייטשער פֿאַראָרדנונג פֿון יאַנואַר 1940, אַז יידן טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט די באַנען. די ראָל פֿון פֿאַרבינדלער און אינסטרוקטאָרן האָבן, אין אַ גרויסער מאָס, אויסגעפֿירט די אינספּעקטאָרן פֿון דזשוינט, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פֿאָרן מיט די באַנען און זיך, מער־ווייניקער, פֿריי באַוועגן. דאָס זענען געווען: דר. יוסף שאַלמאַן, מרדכי גאָלדפֿאַרב, דער בונדישער טוער ישראל פֿאַלק, אינזשיניער ריינבערג, קאַרטש א.א. זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אויף דער פּראָווינץ און צו באַוועגן זיך אין די ראַמען פֿון דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט ביז דעצעמבער 1941 ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און די טעטיקייט פֿון דזשוינט אין פּוילן איז פֿאַרבאָטן געוואָרן. די אינספּעקטאָרן פֿון דזשוינט האָבן אויף די ערטער דערליידיקט צענדליקער ענינים, פֿאַרבונדענע סיי מיט סאָציאַלער שוץ פֿאַר דערוואַקסענע, סיי מיט קינדערשוץ (צענטאָס), סיי מיט געזונדהייטס־שוץ (טאָז) און מיט אַנדערע געביטן פֿון סאָציאַלער שוץ.

פֿאָרמעל האָט אַלע צווייגן פֿון דער יידישער סאָציאַלער שוץ רעפּרעזענטירט פֿאַר די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען דאָס פּרעזידיום פֿון דער יידישער סאָציאַלער

אַליינהילף, בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען: דר. מיכאל ווייכערט, אינזשיניער יוסף יאַשונסקי, אַדוואָקאַט גוסטאַוו וויעליקאָווסקי און בנימין זאַבלודאָווסקי, ביז זיין טויט אין יאַנואַר 1942. זיי האָבן געפּרוווט צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די יידישע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער שוץ אין אַלע דיסטריקטן און שטעט. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, סיי צוליב די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן און באַזונדער צוליב דער באַוווסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער דייטשער פּאָליטיק צו איזאָלירן די געטאָס און נישט צו דערלאָזן צו אַן ענגערער פאַרבינדונג צווישן זיי.

דער קאָנטאַקט פון דעם פּרעזידיום מיט די יידישע ישובים און סאָציאַלע־שוץ־אינסטיטוציעס איז געווען מערסטנטייל אַ שריפטלעכער. דאָס פּרעזידיום האָט געשיקט צענדליקער צירקולאַרן און הונדערטער בריוו אין די שטעט און שטעטלעך, אָבער קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן האָבן זיי נישט געבראַכט. דאָס פּרעזידיום האָט אויך געשיקט מעמאָראַנדומס און פאַרשידענע ווענדונגען צו דער דייטשער מאַכט, אָבער די דאָזיקע מעמאָראַנדומס האָבן אין דער מינדערסטער מאָס נישט געענדערט די נאַצישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק.

די טעטיקייט פון רעפּרעזענטאַץ־פּרעזידיום איז געווען, אין אַלגעמיין, אַ ביוראָקראַטישע. דאָס פּרעזידיום האָט, פון צייט צו צייט, גערופן לאַנד־קאָנפערענצן פון די פאַרשידענע סעקטאָרן פון יידישער סאָציאַלער שוץ, אָבער אויך די קאָנפערענצן און באַראַטונגען האָבן קיין ממשותדיקע באַדייטונג נישט געהאַט.

אויך מיר, די לייטונג פון צענטאָס, האָבן אָנטיילגענומען אין אַזאַ קאָנפערענץ. צו דעם צוועק האָבן מיר באַקומען ספּעציעלע דערלויבנישן צו פאָרן מיט דער באַן פון וואַרשע קיין קראָקע. איך געדענק דאָס מאָדנע געפיל ביי דער רייזע, אַלס איינציקער ייד אין דער באַן.

דעם 20־טן און 21־טן יאַנואַר 1941 איז פאָרגעקומען אין קראָקע אַזאַ לאַנד־באַראַטונג אין די פראַגן פון קינדערשוץ. עס האָבן זיך באַטייליקט: בנימין זאַבלודאָווסקי, אַלס פאָרזיצער פון צענטאָס, איך און יוסף גיטלער אַלס דירעקטאָרן פון צענטאָס, דר. מיכאל ווייכערט און דער אַלגעמיין־ציוניסטישער עסקן און צענטאָס־טוער אין קראָקע, דר. אליהו טיש, אַלס מיטגלידער פון דעם רעפּרעזענטאַנץ־פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף.

די צוויי הויפּט־רעפעראַטן וועגן דער לאַגע פון די יידישע קינדער אין דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט האָבן מיר ביידע געהאַלטן: י. גיטלער און איך. מיר האָבן אונדזערע רעפעראַטן באַזירט אויף די באַריכטן פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך און אויף אַ סך ציפערן. איך געדענק, אַז ביידע רעפעראַטן זענען געווען אַלאַרם־רופן. די לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער אין גאַנצן לאַנד איז געווען אַ טראַגישע, נישט ווייניקער טראַגיש ווי אין וואַרשעווער געטאָ. די גרויסע מערהייט פון די קינדער האָט געליטן פון הונגער און נויט, פון עפּידעמיעס, פון אַוויטאַמינאָזע. די קינדערשוץ־טעטיקייט אויסער

דעם וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק באַגרענעצטע און די לאַגע אין די עגזיסטירנדיקע יתומים־הייזער און אַנדערע קינדערשוץ־אַנשטאַלטן איז געווען אַ קריטישע. די באַשפּייזונג האָט זיך פאַרערגערט פון וואָך צו וואָך. באַזונדער קאַטאַסטראָפאַל איז געווען נישט נאָר אין וואַרשע נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע שטעט, די לאַגע פון די פּליטים־קינדער און פון דער אַלץ וואַקסנדיקער צאָל פון נייע מלחמה־יתומים. אומעטום איז געווען אַ שטאַרקער דוחק אין מלבושים, וועש און שיך. זייער אָפט זענען קינדער געקומען אין די קינדער־קיכן און אַנדערע אַנשטאַלטן כמעט נאַקעט און באָרוועס, אין שמאַטעס, אויך ביי די גרויסע קעלטן. אַ סך קינדער האָבן בכלל נישט געקאָנט קומען נאָך אַ טעלער זופּ. זיי זענען געלעגן אין די ווינטער חדשים אין די בעטן און זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ גרויסן טייל פון די קינדער האָט געדראָט אַ הונגער־טויט.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די באַריכטן פון די ערטער, זענען דאַן קינדער־שוץ־אַנשטאַלטן געווען טעטיק אין אַרום 50 שטעט און שטעטלעך, אין דער צייט, ווען יידישע ישובים, מיט קינדער און יתומים, זענען דאַן געווען אַרום 400.

אין די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך, האָבן די יידישע קינדערשוץ־אינסטיטוציעס אַרומגענומען (אויסער דעם וואַרשעווער געטאָ) העכער 30 טויזנט קינדער ד.ה. דורכשניטלעך אַרום 10 פּראָצענט פון די יידישע נויט־באַדערפטיקע קינדער אין גאַנצן ג.ג. (גענעראַל־גוּווערנאַמענט). פון דעם שטאַנדפּונקט איז די לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ געווען אַ בעסערע. דער צענטאָס איז דאָרט געווען אַ סך שטאַרקער און פאַרצווייגטער ווי אין דורכ־שניט אין לאַנד.

אויך בנימין זאַבלודאָווסקי האָט אין זיין רעדע אויף דער לאַנד־באַראַטונג געשילדערט די לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער אין ג.ג. אַלס אַ קריטישע און געפאָדערט צו פאַרגרעסערן די נעץ פון קינדערשוץ־אַנשטאַלטן, באַזונדער פאַר קליינע קינדער.

דר. ווייכערט און דר. טיש האָבן פאָרגעלייגט צו שאַפן ביים פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אין קראָקע, אַ ספּעציעלע צענטראַלע אָפּטיילונג פאַר קינדערשוץ. זיי האָבן פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל איבערנעמען די אָנפירונג. איך האָב דערקלערט, אַז אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס אין דעם גרויסן וואַרשעווער געטאָ איז דאָס פאַר מיר פיזיש אוממעגלעך. דאַן האָבן זיי פאָרגעלייגט, אַז יוסף גיטלער זאָל נעמען אויף זיך דעם אַמט, אָבער אויך ער האָט דערקלערט, אַז ער קאָן נישט פאַרלאָזן וואַרשע. אַלס אַ קאָמפּראָמיס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז י. גיטלער זאָל פאָרמעל זיין דער לייטער פון דער אָפּטיילונג און זיין פאַרטרעטערין איז באַשטימט געוואָרן די צענטאָס־טוערין אין קראָקע, דר. גיזעלאַ טהאָן, די טאָכטער פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן

פירער אין מערב־גאַליציע און געוועזענעם דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט), דר. יהושע טהאָן.

פּאַקטיש איז די דאָזיקע צענטראַלע אָפּטיילונג פאַר קינדערשוץ געווען און געבליבן אַ פיקציע. איר טעטיקייט איז באַשטאַנען אין אַרויסשיקן אַ פּאָר צירקולאַרן אין די שטעט און שטעטלעך. די דאָזיקע צירקולאַרן האָבן, פאַרשטייט זיך, ממשותדיק נישט געקאָנט העלפן. עס דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אַ דאַנק דער ענערגיע פון אַ טייל אָרטיקע טוער האָבן די קינדערשוץ־אַנשטאַלטן אין אַ ריי שטעט געפירט אַ גאַנץ אינטענסיווע טעטיקייט. אין דעם קראָקאָווער געטאָ איז אַפילו, אַזוי ווי אין וואַרשעווער געטאָ, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ "חודש פון קינד".

דער גורל פון די יידישע קינדער איז אין גאַנצן לאַנד געווען פונקט אַזאַ טראַגישער ווי אין דעם וואַרשעווער געטאָ. הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער זענען אָדער אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט, אָדער פאַרשיקט אין די גאַז־קאַמערן פון די טויט־לאַגערן אין טרעבלינקע, אין בעלזשעץ און אין אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן.

**צום אָנדענק פון יידישע דערציער**

נישט געקוקט אויף דעם לויף פון דער צייט וועט נאָך קומען דער מאָמענט, ווען דאָס יידישע פאָלק און דאָס פאָלק פון ישראל וועט ווי געהעריק באַערן דעם אָנדענק פון דעם כמעט אַנדערטהאַלבן מיליאָן דערמאָרדעטע יידישע קינדער און פון די טויזנטער יידישע דערציער און קינדערשוץ־טוער, קרבנות פון נאַצישן פעלקער־מאָרד. דער נאַציאָנאַלער קאַטאַקליזם און די טראַגעדיע פון יידישע קינדער, וועלכע האָט נישט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע, איז צו גרויס, אַז זייער אָנדענק זאָל נישט באַקומען מיט דער צייט אַ וויכטיקן אויסדרוק.

איך פערזענלעך האַלט פאַר מיין חוב צו דערמאָנען די נעמען פון די דערציער, לערער, קינדערשוץ־ און שול־טוער, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיטן צענטאָס אין וואַרשעווער געטאָ. אַ טייל פון די פירנדיקע מיטאַרבעטער און טוער האָב איך שוין דערמאָנט, דערציילנדיק וועגן די פאַרשידענע צווייגן פון דער צענטאָס־טעטיקייט. איך באַמי זיך אָבער צו דערמאָנען נאָך צענדליקער נעמען פון די דערציער און לערער, וועלכע האָבן געטריי געדינט דער זאַך פון דעם ליידנדיקן יידישן קינד. אַ טייל פון זיי איז מיטגעגאַנגען מיט די קינדער אין זייער לעצטן וועג.

כדי לייכטער צו מאַכן דאָס אַרויסרופן פון זכרון, נאָך דרייסיק יאָר, אַ טייל פון זייערע נעמען, רעכן איך אויס אַלע צווייגן פון דער צענטאָס־טעטיקייט אין געטאָ, לויט די אָפּטיילונגען אין דער צענטאָס־צענטראַלע:

1) אָפּטיילונג פון יתומים־הײַזער און איטערנאַטן.
2) אָפּטיילונג פון האַלב־אינטערנאַטן און טאָג־היימען פֿאַר קליינע קינדער.
3) אָפּטיילונג פון קינדער־קיכן.
4) אָפּטיילונג פון קינדער־קלובן אין די פּליטים־פּונקטן.
5) אָפּטיילונג פון רעטונגס־היימען פֿאַר גאַסן־קינדער.
6) אָפּטיילונג פון קינדער־ווינקלען ביי הויז־קאָמיטעטן.
7) אָפּטיילונג פון האַלב־קאָלאָניעס פֿאַר קינדער.
8) אָפּטיילונג פֿאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פּראָפּאַגאַנדע.
9) אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג און מאַגאַזינען.
10) סאַניטאַרע אָפּטיילונג.
11) באַקליידונגס־אָפּטיילונג און מאַגאַזינען.
12)ווירטשאַפטלעכע און טעכנישע אָפּטיילונג.
13) אָפּטיילונג פֿאַר קינדער־אימפּרעזן.
14) צענטראַלע קינדער־ביבליאָטעק.
15) אָפּטיילונג פֿאַר יידישער קולטור־אַרבעט אין קינדערשוץ־אַנשטאַלטן.
16) פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע אָפּטיילונג.
17) אָפּטיילונג פֿאַר אינדיווידועלער הילף.
18) אָפּטיילונג פֿאַר פֿאַך־בילדונג.
19) פינאַנץ־אָפּטיילונג.
20) פּרעזידיום; דירעקציע; סעקרעטאַריאַט.

אויסער די צענדליקער נעמען פון צענטאָס־מיטאַרבעטער און טוער, וועלכע איך האָב שוין אויסגערעכנט ביז איצט, דערמאָן איך זיך די פאָלגנדיקע נעמען:
פון די, וואָס זענען געבליבן ביים לעבן —
די לערערין און דערציערין געניאַ סילקעס; די דערציערין פראַנקאַ מאַנדעלקאָרן; אַדוואָקאַט טאַגליכט; די דערציערין עדאַ שטערנעס; פרוי בערגשטיין; די דערציערין סטעפאַניאַ שחור; דר. א.מרגלית; פרוי גרינבוים (פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע); די פּסיכאָלאָגין ריטאַ זאַבלאָצקאַווסקי; פרוי לודוויקאַ פישמאַן; פרוי ערנאַ פּעקער; פרוי קאַראָלינאַ מונד; פרוי דאָראַ בראַון; דער שול־טוער מאָרדכעלעס; שרה בעזפּאַלאָוו.
נעמען פון די, וואָס זענען אומגעקומען:
די דערציערין אסתר בערענהאָלץ, וועלכע איז מיטגעגאַנגען מיט די קינדער ביזן טויט; די לייטערינס פון דער אָפּטיילונג פון קינדער־קיכן, פרוי צעלינאַ באָגאַטאַ, פרוי אַדוואָקאַט פּאָמפּער, פרוי אַדוואָקאַט קרופּניק; די מיטאַרבעטערין פון סעקרעטאַריאַט אירענאַ זונדעלעוויטש; די פּסיכאָלאָגין פרוי ליכטענבערג; די דערציערין פרוי לאַזאָווערט (די מוטער פון דער דיכטערין הענריקאַ לאַזאָווערט); די לערערין און דערציערין מאַריאַ קלעפּפיש (די מוטער פון דעם געטאָ־קעמפער אינזשיניער מיכאַל קלעפּפיש); אַדוואָקאַט לאַוטענבערג; די פּסיכאָלאָגין דר. ראָמאַנאַ ווישניאַצקאַ; דער פּסיכאָלאָג מיכאַל

ראָזענפעלד; דער לערער האָלצמאַן; די לערערין און דערציִערין פּרוי לובלינער; דער לערער און דערציִער ישראל ליכטנשטיין; זיין פּרוי — די לערערין פון מאָלעריי און פּלאַסטיק געלאַ סעקשטיין; די לערערין און דערציִערין סטעפאַניאַ שווייגער; דער פּעדאַגאָג דר. ר. טאַובענשלאַג; די לערערינס פון ריטמיק און כאָרעאָגראַפיע — לאה און רענאַ שפּאַנצענקאָפּף; די לייטערין פון קינדער־שפּיטאָל דר. אַננאַ בראַודע־העללער; די דערציִערין רות אַפּעלקיר; אַדוואָקאַט לייב כ״ץ; די לערערין און דערציִערין ליכטנשטיין; דער לערער און דערציִער עוגעניוש בראַודע; די לערערין און דערציִערין מינאַ אַבעלמאַן; די דערציִערין מורזשאַן (פון פּלאָנסק); די לערערין און דערציִערין פּרוי ל. קעמפּנער; די דערציִערין י. ראָזענבערג; דער דערציִער ח. אַרבוז.

פאַרשטייט זיך, אַז די צענדליקער נעמען, וועלכע איך האָב זיך דערמאָנט, זענען בלויז אַ ברוכטייל פון די העכער 1.000 — לערער, וועלכע האָבן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרבונדן זייער לעבן מיט דער האַרציקער און געטרייער זאָרג פאַרן ידישן קינד.

**די קינדערשוץ און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג**

מיט שטאָלץ וויל איך פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז צענטאָס און די גרויסע נעץ פון די קינדערשוץ־אַנשטאַלטן אין וואַרשעווער געטאָ, זענען געווען איינע פון די באַזעס פון דער ידישער אונטערערדישער באַוועגונג. צווישן די העכער — 1.000 מיטאַרבעטער פון צענטאָס זענען עטלעכע הונדערט געווען פאַרבונדן מיט אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען פון פאַרשידענע ריכטונגען: ציוניסטישע, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע א.א. אין די צענטאָס־אינסטיטוציעס, באַזונדער אין די קינדער־קיכן, זענען געווען טעטיק קאָנספּיראַטיווע קעמערלעך פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען.

פאַרשטייט זיך, אַז די אונטערערדישע טעטיקייט אונטערן דעקמאַנטל פון צענטאָס האָט פאַרלייכטערט דער פאַקט, אַזביידע דירעקטאָרן פון צענטאָס, איך און י. גיטלער, זענען געווען אַליין ענג פאַרבונדן מיט דער אונטער־ערדישער באַוועגונג, איך — מיט די לינקע פּועלי־ציון און שפּעטער מיטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק; י. גיטלער מיט די קאָנספּיראַטיווע קעמערלעך פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטן) אין געטאָ. מיר האָבן געגעבן דעקונג אין די צענטאָס־אינסטיטוציעס פאַר פירנדיקע טוער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַזוי זענען צוויי מיטגלידער פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, יוסף לעוואַרטאָווסקי און דער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק — פּנחס קאַרטין (אַנדזשעי שמידט), פאָרמעל געווען מיטאַרבעטער פון אַ יתומים־הויז פון צענטאָס און האָבן אַפילו, אַ געוויסע צייט, דאָרט געוווינט.

דער ערשטער רעוואָלווער פאַרן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דעם דירעקציע־גאַבינעט פון צענטאָס דורך דעם אַקטיוון ידיש־

פוילישן טוער פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע .G.L העריק קאָטליצקי. זיין דירה אויף דער אַרישער זייט איז געווען אַ מקום־מקלט פאַר אַ סך געטאָ־קעמפער און יידישע אונטערערדישע טוער. נאָך דער מלחמה איז ער געווען לאַנגע יאָרן — דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דעם פינאַנץ־מיניסטעריום אין פּאָלקס־פוילן.

איך האָב שוין דערמאָנט די גרויסע ראָל, וועלכע עס האָבן געשפּילט די אַקטיווע צענטאָס־מיטאַרבעטער, זשיטאָ גרייפּעל (קריסטינאַ, איזאָלדאַ קאָוואַלסקאַ), גוסטאַוו אַלעף (באַלעק, באָלקאָוויאַק) א.א. אין דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אין דער פּאַרטיזאַנקע. איך וויל נאָך דערמאָנען, אַז דער צענטאָס־מיטאַרבעטער, דער יונגער פּסיכאָלאָג, מיכאַל רויזענפעלד, איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַלס פאָרשטייער פון די קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין געטאָ. ער האָט אָנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער — אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. ער איז געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַציס.

איך האָב אויך דערמאָנט די פּירנדיקע ראָל פון דעם צענטאָס־מיטאַרבעטער, אינזשעניער אַלפרעד גאַלעווסקי אין דעם העלדישן אויפשטאַנד אין טויט־לאַגער טרעבלינקע.

עס איז נישט געווען קיין צופאַל, אַז אַ ריי פּירנדיקע מיטאַרבעטער און טוער פון צענטאָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אונטער־ערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט, באַזונדער אין דער רעטונגס־ און הילפס־אַרבעט פאַר יידן, אין די ראַמען פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט.

אַ צאָל עלטערע קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין די צענטאָס־אַנשטאַלטן און אין די געהיימע שולן ביי די קינדער־קיכן, זענען געוואָרן קעמפער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און — געפאַלן אין געראַנגל, בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

## קאַפּיטל 6

# קולטור, בילדונג, וויסנשאַפט, קונסט

די קינדערשוץ־אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען זענען נישט געווען די איינציקע אָאַזן אין דעם טרויעריקן און טראַגישן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ. אין דער געטאָ־ליטעראַטור איז ביז איצט צו ווייניק געקומען צום אויסדרוק דער כמעט אומגלויבלעכער פענאָמען, אַז אין דער צייט פון הונגער, פון עפּידעמיעס, פון מאַסן־שטערבלעכקייט, האָט פולסירט אין געטאָ דאָס אינטענסיווע קולטור־לעבן.

דאָס קולטור־לעבן האָט זיך אַנטוויקלט נישט בלויז אין די קרייזן פון דעם שעפערישן קולטור־אַקטיוו (שריפטשטעלער, וויסנשאַפטלער, קינסטלער א.א.) און פון דעם געזעלשאַפטלעכן קולטור־אַקטיוו פון אַלע ריכטונגען. איך וועל נישט איבערטרייבן, אויב איך וועל פעסטשטעלן, אַז די קולטור־טעטיקייט, די בילדונגס־אַרבעט און דאָס קינסטלערישע לעבן האָט אַרומגענומען צענדליקער טויזנטער מענטשן. אין געטאָ זענען פאָרגעקומען הונדערטער קולטור־ און קונסט־אימפּרעזן, אַ טייל פון זיי — אויף אַ הויכן ניוואָ.

דער קולטור־אַקטיוויזם איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען אַ מאַסן־דערשיינונג. דאָס איז געווען אַ פאָרם פון פּראָטעסט און פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, סיי קעגן דער באַוווסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער אונטערדריקונג און קולטור־דעגראַדאַציע מצד די היטלעריסטישע הערשער, און סיי קעגן דער מאָראַלישער דעגענעראַציע און דעגראַדאַציע אין געטאָ גופא. אָן אַן איבערטרייבונג קאָן מען פעסטשטעלן, אַז גאַנץ ברייטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט זענען אויך אין געטאָ געשטאַנען אויף דער וואַך, עס זאָלן נישט פאַרלאָשן ווערן די פונקען פון דער יידישער קולטור, אין בײדע שפּראַכן, אין דער יידישער שפּראַך און אין עברית.

דער קולטור־אַקטיוויזם, אין זיינע פאַרשידענע געשטאַלטן, איז אויך געווען אַ געוויסע פאָרם פון דעם געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד. אונדזער פאָלק טאָר נישט פאַרגעסן די געטרייע טוער, וועלכע זענען אויך אין געטאָ געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער יידישער קולטור.

איך פערזענלעך בין געווען אַזוי אַבסאָרבירט אין דער אָנפירונג פון דער פאַרצווייגטער קינדערשוץ־טעטיקייט, ווי אויך אין דעם אונטערערדישן

פּאָליטישן לעבן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין פיזישע מעגלעכקייט אָנטייל־צונעמען אין דער אַרבעט פון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אויך פון די, מיט וועלכע איך האָב סימפּאַטיזירט. איך האָב געמוזט אַפילו אָפּזאָגן די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך צו מיר געוואָנדן, איך זאָל ביי זיי רעפערירן אויף פּסיכאָלאָגישע טעמעס.

איך האָב אָבער געהאַט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט צענדליקער קולטור־טוער, פּעדאַגאָגן, וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער, פון פאַרשידענע געביטן, וועלכע האָבן מיך אינפאָרמירט וועגן זייער טעטיקייט. אַ טייל פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיטן צענטאָס. באַזונדער גענויע באַריכטן האָב איך באַקומען סיי פון דער קאָנספּיראַטיווער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (ייקאָ"ר) און סיי פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו (עונג־שבת). אין די דאָזיקע ביידע וויכטיקע געטאָ־אינסטיטוציעס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל מיינע חברים, פון די לינקע פּועלי־ציון: דר. עמנואל רינגעלבלום, שכנא זאַגאַן, הירש וואַסער, ישראל ליכטנשטיין א.א.

מיט דעם מוזיק־לעבן אין געטאָ האָב איך זיך אינטערעסירט ריין פּערזענלעך. דאָס איז געווען מיין אַלטער "האָבי", נאָך פון די יוגנט־צייטן. מיין איינציקע פאַרוויילונג אין געטאָ זענען געווען קאָנצערטן, סיי פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, סיי פון די שטרייך־קוואַרטעטן און סיי פון די קינסטלערישע כאָרן, פון קינדער און פון דערוואַקסענע.

**ייקאָ"ר**

די אונטערערדישע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע (ייקאָ"ר) איז געשאַפן געוואָרן אין דעצעמבער 1940, אַ קורצע צייט נאָך דער שליסונג פון וואַרשעווער געטאָ. איר געזעלשאַפטלעכע באַזע איז געווען די פאַרצווייגטע יידישע סאָציאַלע אַליינהילף, באַזונדער — איר געזעלשאַפטלעכער סעקטאָר און די ברייטע נעץ פון די הויז־קאָמיטעטן.

דער הויפּט־ציל פון ייקאָ"ר איז, פאַרשטייט זיך, געווען — די פאַרשפּרייטונג צווישן די ברייטע מאַסן פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור און די שטאַרקונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, אין אַ וועלטלעכן און פּראָגרעסיוון גייסט. דער ייקאָ"ר האָט אָבער געהאַט נאָך אַ ציל, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער לאַגע אין געטאָ. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַנטקעגנצושטעלן זיך דער כוואַליע פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, וועלכע האָט געהערשט אין דעם יודנראַט און אין אַלע זיינע זיבעצן אָפּטיילונגען און רעסאָרטן, ווי אויך — אין דער געטאָ־פּאָליציי. דאָרט האָט געהערשט די פּוילישע שפּראַך. יידיש איז געווען טרף. אויך אין אַ טייל אָפּטיילונגען פון דער אַליינהילף און אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווו די מערהייט מיטאַרבעטער האָט אָנגעהערט צו דער שפּראַכלעך־אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, האָט מען געהערט מער פּויליש ווי יידיש. האָט דער ייקאָ"ר

געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן און צו פאַרשפרייטן אין יידישע אינסטיטוציעס קליינע טעוועלעך מיט דער אויפשריפט: מיר רעדן יידיש!
און נאָך איין ציל האָט ייקאָ״ר געהאַט: צו קעמפן קעגן דער דעמאָראַליזאַציע, קעגן דער אַטמאָספער פון הפקרות און פון עם־הארצות אין געטאָ. ער האָט געקעמפט קעגן די שונד־פּראָגראַמען אין אַ פּאָר געטאָ־טעאַטערס.
דער ייקאָ״ר האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסע צאָל אַקאַדעמיעס און וואָרט־קאָנצערטן, געווידמעטע די גרויסע יידישע און העברעיִשע שרייבער און קינסטלער, אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע יובילעום־דאַטן. צו די דאָזיקע פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע זענען מערסטנטייל פאָרגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון דעם ידאַיסטישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקיע 5, אין דער צענטראַלע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, זענען געקומען טויזנטער מענטשן. די אַקאַדעמיעס זענען פאָרגעקומען לכבוד: יהודה הלוי, מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ, ביאַליק, שלום אַש, ה. לייוויק, גאָלדפאַדען, בער באָראָכאָוו (אַלס יידישער פילאָלאָג), א. רייזען, דעם פאָלקלאָריסט שמואל ליימאַן א.א.
דער ייקאָ״ר האָט אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַקטיוו געשטיצט די געהיימע שולן אין דער יידישער שפּראַך, אַראַנזשירט אַ קאָנקורס פאַר די בעסטע ליטעראַרישע אָדער וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען, אויף דער טעמע ״געטאָ״, אָרגאַניזירט קורסן פון יידיש. ער האָט אַפילו געגרייט אַ גרויסע יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק.
דער ייקאָ״ר האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער צענטראַלער אימפּרעזן־קאָמיסיע פון דער אַליינהילף, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער באַקאַנטער שוישפּילער און געזעלשאַפטלעכער טוער יאָנאַס טורקאָוו. אויך ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון ייקאָ״ר. אַ דאַנק דער אימפּרעזן־קאָמיסיע און דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר האָט ייקאָ״ר אָרגאַניזירט אָדער סטימולירט צענדליקער קולטור־אימפּרעזן אין דער יידישער שפּראַך אין די הייזער, ביי די הויז־קאָמיטעטן.
דער פאָרזיצער פון ייקאָ״ר איז געווען דער דזשוינט־דירעקטאָר יצחק גיטערמאַן. ער האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר ייקאָ״ר, אָבער דער איניציאַטאָר און די נשמה פון דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע איז געווען דער יונגער וויסנשאַפטסמאַן און געזעלשאַפטלעכער טוער, דער מאַגיסטער מנחם לינדער.
ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1911 אין שניאַטין, אין גאַליציע. ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, אין דער ״בלוטיקער נאַכט״, פון דעם 17־טן אויף דעם 18־טן אַפּריל 1942, איז ער אַלט געווען 31 יאָר. דער דאָזיקער יונגער מאַן איז געווען אַן אויפגייענדיקער שטערן פון דער יידישער עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיק. נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) און מיטרעדאַגירט, צוזאַמען מיט יעקב לעשטשינסקי, די וויסנשאַפטלעכע צייט־

שריפט יידישע עקאָנאָמיק. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען דער לייטער פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינ־הילף און רעדאַגירט דעם חודשלעכן ביולעטין פון דער אָפּטיילונג. גלייכצייטיק האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דר. עמנואל רינגעלבלום אין דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת. אין זיינע פריע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַ חבר פון השומר הצעיר. אין געטאָ האָב איך אים געקענט אַלס אַן אומאָפּהענגיקן און אומפּאַר־טייאישן סאָציאַליסט.

מנחם לינדער איז געווען אויסערגעוויינלעך באַגאַבט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּערזענלעכן חן, געווען דורך אַלעמען געשעצט און געליבט. ער איז געווען אַן ענטוזיאַסט פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור. דאָס האָט אים געפירט צום געדאַנק צו שאַפן דעם ייקאָ״ר אין געטאָ. ער איז געוואָרן די נשמה און פירער פון ייקאָ״ר.

צוזאַמען מיט גיטערמאַנען און לינדערן האָבן אָנגעפירט מיטן ייקאָ״ר אַ ריי איבערגעגעבענע קולטור־טוער: דר. עמנואל רינגעלבלום, דער פירער פון די לינקע פּועלי־ציון, שכנא זאַגאַן, די בונדישע טוערין סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ, דער געוועזענער לייטער פון דער ווילנער טרופּע, מרדכי מאַזאָ, די שריפט־שטעלערין רחל אויערבאַך, יאָנאַס טורקאָוו, דער עקאָנאָמיסט דר. ליפּאָווסקי, דער לערער און קולטור־טוער, ישראל ליכטנשטיין, דער יונגער עקאָנאָמיסט הערש וואַסער, דער פּעדאַגאָג און קולטור־טוער בנימין ווירעאָווסקי א.א.

דער טראַגישער טויט פון מנחם לינדער האָט אונדז אַלע, דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן אַקטיוו אין געטאָ, געטראָפן ווי אַ דונער. מיר האָבן נישט געקאָנט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז דער יונגער וויסנשאַפטלער און קולטור־טוער איז פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן.

דער פּלוצעמדיקער טויט פון מנחם לינדער, נאָך פאַר די גרויסע אַקציעס, האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ אויך דעם ייקאָ״ר. דאַן זענען געקומען די בלוטיקע טעג און אויך דער ייקאָ״ר איז חרוב געוואָרן. מנחם לינדערס גרויסע און געבענטשטע ראָל אין וואַרשעווער געטאָ דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן.

**תקומה**

איך בין געווען אין געטאָ ווייט פון די העברעיִשע קולטור־קרייזן, אָבער געוווּסט, אַז עס איז טעטיק אַן אָרגאַניזאַציע, וועמענס ציל איז געווען — צו פאַרשפּרייטן די העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור. זי האָט געהייסן תקומה. איך האָב געוווּסט, אַז זי אָרגאַניזירט סעמינאַרן, רעפעראַטן און אַקאַדעמיעס, געווידמעטע די גרויסע העברעיִשע דיכטער: יהודה הלוי, ח.נ.ביאַליק א.א. אויך תקומה איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און מיט די ציוניסטישע טוער און איר אָנפירונג.

איך האָב אויך געוווּסט, אַז מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זענען געווען פאַרבונדן באַקאַנטע העברעיִשע דיכטער, ווי יצחק קאַצענעלסאָן, און וויסנ־

שאַפּטסלייט, ווי דר. מנחם־עדמונד שטיין, איינער פון די זיילן פון דעם יודאַיסטישן אינסטיטוט אין וואַרשע, ווי דר. נפתלי (טולאָ) נוסענבלאַט, דער ביאָגראַף פון טעאָדאָר הערצל, ווי דער באַקאַנטער היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער, ווי דער פּעדאַגאָג, דר. נתן עק א.א.
צו דער אָנפירונג פון תקומה האָבן אָנגעהערט אויך די אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער אין געטאָ: מנחם קירשענבוים, א.ל.בלאָך, דער התאחדות־טוער דוד ראַדונסקי א.א.
קיין פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון תקומה זענען מיר אָבער נישט געווען באַקאַנט.

### דער קלוב פון די פּלאַסטיקער

אומאָפּהענגיק פון דעם ייקאָ"ר און פון תקומה האָט געפירט איר נוצלעכע טעטיקייט, אין די ראַמען פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אַ פּאָלקס־קיך אויף אָרלע גאַס 6, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער.
אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסע גרופּע פּלאַסטיקער: מאָלערס, סקולפּטאָרן, גראַפיקער, צייכנערס, צווישן זיי באַקאַנטע און טאַלאַנטפולע קינסטלער, ווי ראָמאַן קראַמשטיק, רעגינאַ מונדלאַק, פעליקס פרידמאַן, אַדאַם הערשאַפט, ווי ווײַנטרויב, ראָמאַן ראָזענטאַל, ווי דער באַקאַנטער סקולפּטאָר אברהם אָסטשעגאַ און אַ סך אַנדערע.
נישט געקוקט אויף די הילף פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, פון דזשוינט און פון אַדאַם טשערניאַקאָוו, וועלכער האָט זיך באַמיט צו העלפן די קינסטלער, האָבן זיי געלעבט אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען. די פּאָלקס־קיך אויף אָרלע איז געוואָרן זייער צענטער. זייער אַפּוטרופּוס, אין נאָמען פון דזשוינט איז געווען פנחס טשערסקי, וועלכער האָט זיך באַצויגן צו זיי זייער האַרציק.
מיט דער צייט איז דער קיך־לאָקאַל געוואָרן אַ פּאָפּולערער אַרטיסטישער קלוב, אַ קלוב פון די מאָלערס. עס זענען דאָרט עטלעכע מאָל איינגעאָרדנט געוואָרן אויסשטעלונגען. עס זענען דאָרט אויך פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, קולטור־אימפּרעזן און אַפילו אַרויסטרעטונגען פון כאָרן, אונטער דער לייטונג פון י. פייווישיס און י.זאַקס. אַזוי אַרום איז אָרלע 6 געוואָרן איינער פון די קולטור־צענטערס פון דער שעפערישער אינטעליגענץ אין געטאָ.
דאָס האָט געדויערט ביז דער ערשטער גרויסער אַקציע. כמעט אַלע יידישע מאָלער, סקולפּטאָרן און פּלאַסטיקער זענען דאַן אומגעקומען.

### דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו

די שאַפונג פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת איז געווען איינער פון די וווּנדערס פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב נישט בדעה וועגן דעם גענויער צו

דערציילן: זיין אַנטשטייאונג, אַנטוויקלונג און באַדייטונג איז אָפּגעשפּיגלט אין דער געטאָ־ליטעראַטור. דער רינגעלבלום־אַרכיוו איז באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט. איך וויל בלויז באַרירן אַ פּאָר אַספּעקטן, פאַרבונדענע מיט זיין כאַראַקטער און היסטאָרישן זין.

דער גרויסער, קאָנספּיראַטיווער געטאָ־אַרכיוו האָט נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אייראָפּעיִש לאַנד, וואָס האָט געשמאַכט אונטער דעם נאַציִשן יאָך. אין קיין שום ווידערשטאַנדס־געזעלשאַפט און אין דער געשיכטע בכלל.

איך האָב געוווּסט גענוי, ווי אַזוי ער איז אַנטשטאַנען און ווי אַזוי ער האָט זיך אַנטוויקלט. מיין נאָענטער חבר, דר. עמנואל רינגעלבלום, האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט, וואָס האָט אים און זיינע מיטאַרבעטער געטריבן צו שאַפן דעם אַרכיוו. ער האָט מיר געזאָגט: ״מיר זענען דאָך פאַרמשפּט צום טויט, מיר וועלן וואַרשיינלעך אַלע אומקומען. עס מוז אָבער בלייבן אַ זכר נאָך די מיליאָנען פּוילישע יידן, אַ זכר פון זייער פּיין און גוראַנגל.״

רינגעלבלום, דער היסטאָריקער, דער איניציאַטאָר, שעפער און לייטער פון אַרכיוו, האָט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון אַ היסטאָרישער שליחות, פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער מיסיע — אין אָנבליק פון דער אומקום־געפאַר, צו פאַראייביקן — דורך דאָקומענטן, טאָגביכער, זכרונות, נאָטיצן, דורך דער גאַנצער אונטערערדישער יידישער פּרעסע — דאָס לעבן, די ליידן און דעם ווידערשטאַנדס־גייסט פון די יידישע מאַסן. דער געהיימער אַרכיוו אַליין איז געווען אַ בולטער אויסדרוק פון דעם געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד.

דער דאָזיקער היסטאָרישער חוש, דאָס באַוווּסטזיין פון היסטאָרישן חוב האָט באַהויכט אַלע מיטאַרבעטער פון דעם עונג־שבת־אַרכיוו. ער איז געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק אין די צוואות פון די דריי אַרכיוו־מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן, שוין בעת דער ערשטער אַקציע, ווען אויף די אַרומיקע גאַסן זענען פאָרגעקומען די שרעקלעכע בלאָקאַדעס, געאַרבעט ביים באַגראָבן דעם אַרכיוו אונטער די קעלערן פון דער באָראָכאָוו־שול אויף נאָוואָליפּקי 68. דאָס זענען געווען: דער טעכנישער לייטער פון אַרכיוו, דער לערער און ליטעראַט, ישראל ליכטנ־שטיין און זיינע צוויי יונגע מיטאַרבעטער — דוד גרובער און נחום גזשיוואַטש, אַלע דריי — אַקטיווע טוער פון די לינקע פּועלי־ציון.

דער 19־יעריקער דוד גרובער האָט געשריבן, דעם 3־טן אויגוסט 1942, ווען דער אַרבעט אין אַרכיוו: ״מיר האָבן געפילט אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר האָבן נישט מורא געהאַט צו ריזיקירן. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיר באַהאַלטן אויס אַ שטיק געשיכטע. דאָס איז וויכטיקער פונעם איינצעלנעם לעבן.״

רינגעלבלום האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע נאָטיצן אין סעפּטעמבער 1939, אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון וואַרשע דורך די דייטשע אַרמייען. ער האָט פאָרגעזעצט ביז יוני 1942, ד.ה. כמעט ביז דער ערשטער אַקציע. אין יוני 1942 האָט ער געשריבן די פאָלגענדע ווערטער: ״הגם מיר זענען פאַרמשפּט

צום טויט, האָבן מיר דאָך נישט פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף, און אונדזער מוח אַרבעט, ווי פאַר דער מלחמה.״

רינגעלבלומס נאָטיצן זענען אַליין אַן אוצר פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, זיין גרויסער אויפטו איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, אַז ער האָט געשאַפן אַ ברייטן קאָלעקטיוו פון היסטאָריקער, שריפטשטעלער, און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן, שוין אין חודש מאי 1940, אָנגעהויבן צו זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן און, אַ טייל פון זיי, האָבן אַליין גענומען זיך צום שרייבן. אין נאָוועמבער 1940, נאָך דעם שליסן פון וואַרשעווער געטאָ, האָט אָט דער געזאַמלטער מאַטעריאַל זיך אויסגעפורעמט אַלס דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו, אונטערן אומשולדיקן נאָמען עונג־שבת, ווייל די זיצונגען פון דער אַרכיוו־לייטונג זענען מערסטנטייל פאָרגעקומען שבת.

צו דער לייטונג פון אַרכיוו האָבן, אויסער רינגעלבלומען, אָנגעהערט זיינע צוויי נאָענטסטע מיטאַרבעטער: דער יונגער עקאָנאָמיסט פון דער לינקער פּועלי־ציון, מאַגיסטער הערש וואַסער און דער פּעדאַגאָג פון פּועלי־ציון—צ.ס., מאַגיסטער אליהו גוטקאָווסקי. אויסער זיי זענען אין דער לייטונג געווען: הרב שמעון הובערבאַנד, דער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער אברהם לעווין, און דער טוער פון דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף, דער סוחר מ.מ. קאָן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די פינאַנציעלע ענינים. אַרום דער לייטונג פון אַרכיוו האָבן זיך קאָנצענטרירט העכער דרייסיק מיטאַרבעטער, צווישן זיי: יצחק גיטערמאַן, מאַגיסטער מנחם לינדער, די שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך, די פירנדיקע טוער פון השומר הצעיר, יוסף קאַפּלאַן און שמואל בראַסלאַוו, די טוער פון די לינקע פּועלי־ציון — שכנא זאַגאַן, ישראל ליכטנשטיין און נתן סמאָליאַר, דער קאָמוניסטישער ליטעראַט און זשורנאַליסט יהודה פעלדוורם (פעלד), די טוער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף א.ל.בלאָך און ישעיהו ראַבינאָוויטש, דער עקאָנאָמיסט דר. י.ליפּאָווסקי און אַ ריי אַנדערע.

די רשימה באַווייזט, אַז מיט דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו האָבן מיטגעאַרבעט מענטשן פון כמעט אַ ל ע פּאָליטישע גרופּירונגען אין געטאָ, וועלטלעכע און רעליגיעזע, פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ביז אָרטאָדאָקסישע טוער, ווי הרב הובערבאַנד. זיי האָבן אָפּגעהיט די כללים פון שטרענגער קאָנספּיראַציע. זיי האָבן זיך געמוזט היטן נישט נאָר פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, נאָר אויך פון די ייִדישע געסטאַפּאָ־אַגענטן אין געטאָ, פון דער געטאָ־פּאָליציי און אַפילו פון דעם יודנראַט.

רינגעלבלום האָט וועגן דעם קאָלעקטיוו פאַרצייכנט: ״עונג־שבת איז געווען אַ ברודערשאַפט, אַן אָרדן פון ברידער, וואָס האָבן אויף זייער פאָן אויפגעשריבן — קרבנות־גרייטקייט, געטריישאַפט פון איינעם צום אַנדערן און — דינסט פאַרן פאָלק.״

נישט אַלע ווייסן, אַז דער עונג־שבת־קאָלעקטיוו האָט געפירט זיין אַרבעט אין געטאָ אַפילו נאָך דער ערשטער אַקציע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן

ביולעטין, אונטערן נאָמען ידיעות, מיט אינפאָרמאַציעס און אָפּשאַצונגען וועגן דער לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ און פון די יידישע מאַסן אין פוילן בכלל. די ביולעטינען האָבן געשריבן הערש וואַסער און אליהו גוטקאָווסקי, אין אַ פאַרשטענדיקונג מיט רינגעלבלומען. אויף דער שרייב־מאַשין האָט פאַר זיי איבערגעשריבן און געהאָלפן טעכניש וואַסערס פרוי — בלומאַ קירשענפעלד־וואַסער. 7—8 אַזעלכע ביולעטינען זענען דערשינען פון נאָוועמבער 1942 ביז יאַנואַר 1943, ביז צו דער צווייטער אַקציע.

די אָנפירונג פון עונג־שבת, מיט רינגעלבלומען בראש, האָט אויך צוגעגרייט דעם געוויעם ראַפּאָרט פון 15־טן נאָוועמבער 1942 וועגן דעם מאַסן־מאָרד און וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן, פאַר אויסלאַנד, אין דער ערשטער ריי — פאַר דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן און פאַר די רעגירונגען פון די פאַרבינדעטע מדינות. דער ראַפּאָרט איז געווען אַן אַלאַרם־רוף.

שפּעטערדיקע ראַפּאָרטן און אַפּעלן האָט שוין צוגעגרייט אויף דער אַרישער זייט דער קאָנספּיראַטיווער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט. ער האָט זיי אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד מיט דער הילף פון דער פוילישער ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג. אַ גרויסן טייל פון די גענויע באַריכטן און אַלאַרם־רופן האָב איך געשריבן.

דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט איז אויך ממשיך געווען אין דער אַרבעט פון דעם געהיימען אַרכיוו. ער האָט סטימולירט די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט צו שרייבן טאָגביכער, זכרונות און נאָטיצן. מיט זאַמלען און אויסבאַהאַלטן די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן האָט זיך, מיט אַ באַזונדערער איבערגעגעבנקייט, פאַרנומען מיין פרוי, באַשיע. מיר האָבן די אַרכיוו־אַרבעט געטאָן אין פאַרשטענדיקונג מיט רינגעלבלומען, ביז זיין טראַגישן טויט, און מיט וואַסערן. מיר האָבן די דאָזיקע באַנייטע אַרכיוו־אַרבעט באַטראַכט אַלס אַ המשך פון עונג־שבת, פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו. מיר האָבן זיך מיט דעם באַשעפטיקט ביז דער באַפרייאונג.

שרייבנדיק וועגן דעם היסטאָרישן זין און באַדייטונג פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו, וויל איך אויך דערמאָנען אַ גרויסן כראָניקאַלן אויפטו פון אַן אַנדערן וויסנשאַפטסמאַן פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט געטאָן זיין וויכטיקע אַרבעט אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, און, מיט דעם טיפסטן דרך־ארץ, באַערן זיין אָנדענק. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער, אין יענע יאָרן, עקאָנאָמיסט און פאָרשער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, לודוויק לאַנדאַו (1901— 1944).

פאַר דער מלחמה איז ער געווען איינער פון די זיילן פונעם פּוילישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט און אַ מחבר פון אַ ריי עקאָנאָמישע ווערק. ער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַן אַקטיווער טוער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — פּ.פּ.ס.

אַ ייד פון אָפּשטאַמונג איז ער געווען פולשטענדיק אַסימילירט און איז נישט געווען פאַרבונדן מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, איז ער געבליבן אויף דער אַרישער זייט, צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער. ער האָט זיך גלייך נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע פאַרבונדן מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, מיט דער קאָנספּיראַטיווער אָנפירונג פון די פּוילישע סאָציאַליסטן און מיט זיינע פאַך־קאָלעגן — פּוילישע עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער.

פון סעפּטעמבער 1939 ביזן 28־טן פעברואַר 1944, ד.ה. ביזן טאָג, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, האָט לאַנדאַו טאָג־טעגלעך געשריבן זיין טאָגבוך און מיט אַן אומגלויבלעכער סיסטעמאַטישקייט פאַרשריבן אַלע ידיעות און אָפּשאַצונגען, וועלכע זענען צו אים פון פאַרשידענע קוואַלן דערגאַנגען, וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע און אין פּוילן בכלל. אויף דעם אופן איז אַנטשטאַנען אַ דאָקומענט פון אַ קאָלאָסאַלער באַדייטונג, איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן פאַר דער געשיכטע פון וואַרשע און פון פּוילן בכלל, אין די יאָרן פון דער אָקופּאַציע.

דאָס טאָגבוך איז דערשינען אין פּוילן, אין די יאָרן 1962 און 1963, אין דעם פּוילישן וויסנשאַפטלעכן פאַרלאַג, אין דריי גרויסע בענד, אונטערן נאָמען — ״די כראָניק פון מלחמה — און אָקופּאַציע־יאָרן״. די דריי בענד נעמען אַרום — 2.500 זייטן!

לודוויק לאַנדאַו האָט אין זיין טאָגבוך פאַרשריבן אַ סך ידיעות אויך וועגן דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן די ליידן פון די יידן אין געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן, און שפּעטער וועגן די מאָרד־אַקציעס. באַזונדער אינטערעסאַנט און וויכטיק זענען זיינע נאָטיצן אין די טעג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט געשריבן וועגן דעם אויפשטאַנד און וועגן דעם העלדנטום פון די געטאָ־קעמפער מיט אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם. לייענענדיק זיינע נאָטיצן פון יענע טעג פילט מען זיין סאָלידאַריטעט מיט די יידישע קעמפער. איך מיין, אַז די התלהבותדיקע באַציאונג האָט געשטאַמט פון ביידע קוואַלן: ער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיטן קעמפנדיקן געטאָ סיי אַלס סאָציאַליסט און אַנטי־נאַצישער קעמפער און סיי אַלס ייד.

זיין כראָניק איז, אָן שום ספק, איינע פון די קוואַלן אויך פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע פון דער אומקום־ און קאַמף־תקופה.

דער הויפּט־אונטערשיד צווישן לאַנדאַוס און רינגעלבלומס אויפטו איז דער, אַז לאַנדאַוס אַרבעט איז געווען אַ ריין אינדיווידועלע, אין דער צייט ווען רינגעלבלום האָט אַרום זיך געשאַפן אַ קאָלעקטיוו פון צענדליקער מיטאַרבעטער.

לודוויק לאַנדאַו, זיין פרוי און טאָכטער זענען אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, אַלס רעזולטאַט פון אַ מסירה, סוף פעברואַר 1944. אַלע דריי זענען דערמאָרדעט געוואָרן.

נישט אַלע ווייסן, אַז אויסער די געהיימע און שפּעטער לעגאַלע פאָלקס־שולן, זענען אין געטאָ געווען טעטיק אַ סך געהיימע מיטלשול־קאָמפּלעטן און צוויי העברעיִשע גימנאַזיעס. די מיטלשול־קאָמפּלעטן זענען געווען אַן אומלעגאַלער המשך פון כמעט אַלע יידישע גימנאַזיעס אין וואַרשע, פאַר יינגלעך און פאַר מיידלעך, אין דער פּוילישער שפּראַך.

אין געטאָ זענען געווען טעטיק 16 אַזעלכע קאָמפּלעטן, צווישן זיי - פון צוויי יידישע גימנאַזיעס קרינסקיס און חינוך, ווו איך האָב פאַר דער מלחמה געאַרבעט, אַלס לערער פון דער פילאָזאָפיע און אַלס שול־פּסיכאָלאָג. די קאָמפּלעטן זענען געשאַפן און געפירט געוואָרן דורך גרופּן לערערס פון די דאָזיקע גימנאַזיעס, אַ טייל אַפילו דורך די פאַרמלחמהדיקע דירעקטאָרן. די הונדערטער שילער און שילערינס פון די קאָמפּלעטן האָבן זיך געלערנט אויסערגעוויינלעך פלייסיק. עס איז אומגלויבלעך, אָבער אַ פאַקט, אַז אין אַלע דריי אָקופּאַציע־יאָר, ביז דער ערשטער אַקציע, אין די יאָרן 1940, 1941 און 1942, זענען אין די גימנאַזיע־קאָמפּלעטן פאָרגעקומען מאַטורע עקזאַמענס. אין עטלעכע קאָמפּלעטן זענען די לעצטע מאַטורע־עקזאַמענס פאָרגעקומען אָנהויב יולי 1942, אַ פּאָר וואָכן פאַר דער אַקציע. עס זענען אַפילו פאָרגעקומען פייערלעכע מסיבות פאַר די אַבסאָלווענטן.

די לייטערס פון די מיטלשול־קאָמפּלעטן אין געטאָ זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דעם געהיימען פּוילישן מיטלשול־וועזן. עס איז אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז נאָך דער מלחמה האָט די פּוילישע מלוכהשע קאָמיסיע פאַר דער לעגאַליזירונג פון די מאַטורע־עקזאַמענס אין די געהיימע מיטלשולן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, וועריפיצירט און אָנערקענט די גילטיקייט פון 172 מאַטורע־עקזאַמענס־צייגנישן פון די געהיימע מיטלשול־קאָמפּלעטן אין וואַרשעווער געטאָ.

בראש פון דעם קרייז פון דירעקטאָרן פון די געהיימע־גימנאַזיע־קאָמפּלעטן אין געטאָ איז געשטאַנען דר. מתתיהו פרענקעל.

אַ גרויסע און וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט די שאַפונג פון דער געהיימער העברעיִשער גימנאַזיע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער חלוצישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע דרור. זי איז געשאַפן געוואָרן אין אויגוסט 1940. אין דעם שול־יאָר 1940 - 1941 האָבן זיך אין איר געלערנט 72 שילער. אין שול־יאָר 1941 - 1942 שוין 120 שילער. דער לייטער פון דער גימנאַזיע איז געווען דער ביאָלאָג חיים זעלמאַנאָווסקי. די הויפּט־געגנשטאַנדן האָבן געלערנט די דערפאַרענע גימנאַזיע־לערער: אליהו גוטקאָווסקי, יוסף סאַק, מאַרעק פאַלמאַן און דער באַקאַנטער העברעיִשער דיכטער און פּעדאַגאָג יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז אין דער גימנאַזיע. ביי דער גימנאַזיע זענען אויך געווען טעטיק צוויי "כאַרי" פאַר קינדער און עלטערע שילער.

די דרור־גימנאַזיע איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און געהאַט אַ גוטן שם אין געטאָ. פון די 120 שילער זענען, נאָך די אַקציעס, געבליבן ביים לעבן — 4! פון די 13 לערער — 2. פיל פון די, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער דרור־גימנאַזיע האָבן שפּעטער אָנטייל גענומען אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין געטאָ האָט אויך עגזיסטירט אַ געהיימע העברעיִשע גימנאַזיע פון תרבות. זי איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער ווי די גימנאַזיע פון דרור און האָט געהאַט אַ קלענערן פאַרנעם. בראש פון דער תרבות־גימנאַזיע זענען געשטאַנען די פּעדאַגאָגן — דר. נתן עק און דר. מיכאַל בראַנדשטעטער.

עס איז אויך כדאי צו וויסן, אַז אויסער דער ברייטער נעץ פון פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַך־קורסן, זענען אין וואַרשעווער געטאָ געווען אויך טעטיק פאַך־קורסן אויף אַ העכערן ניוואָ — פאַר כעמיקער, פאַרמאַצעווטן, גראַפיקער און קראַנקן־שוועסטערס. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען צו דער שאַפונג פון אַ פּעדאַגאָגיום, פון העכערע פּעדאַגאָגישע קורסן, פאַר אויסבילדן לערער. בראש פון דעם 2־יעריקן פּעדאַגאָגיום האָט געדאַרפט שטיין דער באַקאַנטער דאַן גימנאַזיע־לערער און פּעדאַגאָג, דר. מאיר טאַובער. די פייערלעכע דערעפענונג פון פּעדאַגאָגיום האָט געדאַרפט פאָרקומען אין חודש יוני 1942. אין דעם זעלבן חודש האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַקציע.

**געהיימע מעדיצינישע הויכשול אין געטאָ**

עס איז ווידער אומגלויבלעך, אָבער ווידער אַ פאַקט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען טעטיק, אונטערן דעקמאַנטל פון קאַמף קעגן עפּידעמיעס — אַ יידישע מעדיצינישע הויכשול, קאָנספּיראַטיווע מעדיצינישע אוניווערסיטעט־קורסן.

די שאַפונג פון דער דאָזיקער הויכשול איז פאַרבונדן מיט דריי וויכטיקע נעמען. איינער פון אירע איניציאַטאָרן און לייטערס איז געווען דער, אין יענע יאָרן, וועלט־באַקאַנטער באַקטעריאָלאָג, עפּידעמיאָלאָג און פאָרשער פון בלוט־גרופּן — פּראָפעסאָר לודוויק הירשפעלד. דאָס איז געווען אַ פּוילישער וויסנשאַפטס־מאַן און אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר פון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ משומד, וועלכער איז געווען הימל־ווייט פון דעם יידישן פאָלק און פון יידישן לעבן. ער האָט אָבער געמוזט, צוליב זיין אָפּשטאַמונג, פאַרלאָזן זיינע פירנדיקע פּאָסטנס אין דעם פּוילישן געזונטהייטס־וועזן, און גיין — צוזאַמען מיט זיין פרוי, אויך אַ מעדיצין־דאָקטאָר, אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט געוווינט אין דער קאַטוילישער קירכע אויף גזשיבאָווסקע גאַס, אין געטאָ, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די משפחות פון קריסטן פון יידישער אָפּשטאַמונג.

דער פאָרזיצער פון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און פאָרגעלייגט אַן אָנפירנדיקע אַרבעט אין דער געזונדהייטס־דינסט אין געטאָ. פּראָפ. הירשפעלד האָט דעם פאַרשלאָג אָנגענומען. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דעם געזונדהייטס־ראַט צום קאַמף קעגן עפּידעמיעס. צו זיין

גונסטן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געאַרבעט זייער ענערגיש און איבער־געגעבן.

פּראָפ. הירשפעלד איז, ווי געזאָגט, געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער געהיימער מעדיצינישער הויכשול אין געטאָ, אונטערן דעקמאַנטל פון סאַניטאַרע קורסן קעגן עפּידעמיעס, אָבער דער פּאַקטישער לייטער און די נשמה פון די קורסן איז געווען מיין פריינט, דער דאָצענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַן ערנסטער פאַכמאַן אויפן געביט פון היסטאָלאָגיע, דר. יוליוש צווייבאַום. דאָס איז געווען נישט נאָר אַ וויסנשאַפטסמאַן, נאָר אויך אַ זייער האַרציקער מענטש, דערצו — אַ קינדער־פריינט, ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פון צענטאָס.

דר. צווייבאַום איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון דער מעדיצינישער הויכשול. ענערגיש, מיט גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן האָט ער אָנגעפירט מיט דער שול ביזן סוף. נאָך דער ערשטער אַקציע איז ער אַריבער־געגאַנגען אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער באַפרייאונג איז ער געווען לאַנגע יאָרן פּראָפעסאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אויך נאָך דער באַפרייאונג זענען מיר געווען אין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ לעבעדיקן אינטערעס צו יידישע פּראָבלעמען. פּראָפעסאָר צווייבאַום איז געשטאָרבן אין וואַרשע, אין 1959 יאָר.

די דריטע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט געהאָלפן אַקטיוו ביי דער שאַפונג פון דער מעדיצינישער הויכשול איז געווען דער פּאָרזיצער פונעם געזונדהייטס־אַמט אין וואַרשעווער געטאָ, דר. ישראל מילייקאָווסקי. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ באַרימטער מעדיצין־דאָקטאָר, לייטער פון אַן אָפּטיילונג אין דעם גרויסן יידישן שפּיטאָל, אין וואַרשע, אויף טשיסטע גאַס. גלייכצייטיק איז ער געווען אַן אַקטיווער אַלגעמיין־ציוניסטישער טוער און פאַרבונדן מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַלס פאָרזיצער פון דעם געזונדהייטס־אַמט אין געטאָ, איז מילייקאָווסקי געווען פאָרמעל פאַרבונדן מיטן יודנראַט. פּאַקטיש אָבער געהאַט ענגע באַציאונגען מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און מיטן טאָז (געזעלשאַפט פאַר געזונדהייטס־שוץ). אויך ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון די מעדיצינישע קורסן און אַקטיוו געהאָלפן ביי דער אָרגאַניזירונג. די מעדיצינישע הויכשול איז געשאַפן געוואָרן אין מאַי 1941 און איז געווען טעטיק ביזן אויסברוך פון דער ערשטער אַקציע, דעם 22־טן יוני 1942. אין דער הויכשול, אָדער, ווי מ׳האָט זי גערופן, אויף די מעדיצינישע צווייבאַום־קורסן, האָבן שטודירט העכער 500 סטודענטן!

פּראָפ. הירשפעלד האָט געלערנט באַקטעריאָלאָגיע; די פּראָפעסאָרן צענטנער־שווער און לאַקס — כימיע; דאָצענט צווייבאַום — היסטאָלאָגיע. אין די פּראַקטישע אַרבעטן מיט די סטודענטן האָבן זיך באַטייליקט העכער 30 דערפאַרענע מעדיצין־דאָקטוירים, פון די בעסטע אין געטאָ.

ווי איך האָב געהערט, נאָך אין געטאָ, זענען צווישן די סטודענטן געווען באַזונדער באַליבט די רעפעראַטן און לעקציעס פון פּראָפ. לודוויק הירשפעלד. ער איז געווען אַ גלענצנדער לעקטאָר. דער זאַל, ווו ער האָט רעפערירט, האָט זיך שטענדיק פאַרפולט מיט צוהערער. פּראָפ. הירשפעלד איז געווען זייער גערירט און באַצייכנט די מעדיצינישע הויכשול־קורסן אין געטאָ, אַלס אַן אָאַזיס אין אַ גיהנום. נאָך דער ערשטער אַקציע איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט. געשטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג.

## פאָרשונגען וועגן הונגער־קראַנקייטן

"Non omnis moriar!" — "אינגאַנצן וועל איך נישט שטאַרבן!" — דאָס הייסט — "מיינע אידעען, מיינע ווערק וועלן מיך איבערלעבן!"

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דר. ישראל מילייקאָווסקי פאַרענדיקט זיין דערהויבענעם איינלייטונגס־וואָרט צום וויסנשאַפטלעכן בוך "הונגער־קראַנקייטן", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס בוך האָט מען אַרויסגעגעבן שוין נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1946 אין וואַרשע, דורכן דזשוינט. עס איז מיר שווער צו נעמען דאָס בוך אין האַנט אָן אַן אינערלעכן ציטער. דאָס בוך איז דאָך אַ רעזולטאַט פון קלינישע פאָרשונגען פון די הונגער־קראַנקייטן, אויסגעפירטע דורך 25 יידישע מעדיצין־דאָקטוירים אין וואַרשעווער געטאָ אין דעם פאַטאַלן יאָר 1942, אין דעם יאָר פון גרויסן מאַסן־מאָרד. די דאָזיקע דאָקטוירים זענען כמעט אַלע דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס בוך איז דאָך זייער צוואה.

און ווידער — אַזוי ווי דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת — האָט אויך דאָס בוך נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע. עס איז אַ רעזולטאַט פון ערנסטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, אַדורכגעפירטע אין דעם גיהנום פון הונגער, עפּידעמיעס און מאַסן־טויט. צי קאָן זיין אַ מער רירנדיקער דאָקומענט פון גייסטיקער דערהויבנקייט פון יידישע מעדיצין־דאָקטוירים און פון דעם יידישן־קולטור־אַקטיוו אין געטאָ בכלל?!

די וויסנשאַפטלעכע מעדיצינישע פאָרשונגען זענען אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון די זעלבע שטרעבונגען און פון דעם זעלבן גייסט, פון וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אַ געהיימער מעדיצינישער הויכשול. נישט געקוקט אויף אַלץ — פאָרצוזעצן די גאָלדענע קייט פון דער יידישער וויסנשאַפט און קולטור.

דיביידע געדאַנקען און זייער רעאַליזירונג זענען געווען צוזאַמען געפלאָכטן. די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זענען דאָך פאָרגעקומען אין די לאַבאָראַטאָריעס און אַרבעטס־צימערן פון דער מעדיצינישער הויכשול. עס האָט אין זיי געהערשט די אַטמאָספער פון אַ וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט.

דער הויפּט־איניציאַטאָר פון די פאָרשונגען איז, ווי געזאָגט, געווען דר. ישראל מילייקאָווסקי. אין נאָוועמבער 1941 איז געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזיר־

קאָמיסיע פון די פאָרשונגען. צו דער קאָמיסיע האָבן, אויסער דר. מילייקאָווסקי, אָנגעהערט: דער דירעקטאָר פון געטאָ־שפּיטאָל, דר. י. שטיין, די געוועזענע לייטערין פון קינדער־שפּיטאָל, די פּעדיאַטרין און געזעלשאַפטלעכע טוערין, דר. אַננאַ בראַודע־העללער, און צוויי וויסנשאַפטלער, דר. י. פלידערבאַום און דר. עמיל אַפּפּעלבאַום. די ערשטע פיר דאָקטוירים זענען אומגעקומען בעת די אַקציעס, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון בוך, דר. אַפּפּעלבאַום איז געשטאָרבן קורץ נאָך דער באַפרייאונג.

די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע האָט אין משך פון אַ פּאָר חדשים צוגעגרייט די נויטיקע פאָרשונגס־לאַבאָראַטאָריעס און מאָביליזירט צענדליקער דאָקטוירים, מיט וויסנשאַפטלעכע פעאיקייטן און קלינישער דערפאַרונג, פאַר דער אַדורכפירונג פון די פאָרשונגען, אויף פאַרשידענע מעדיצינישע געביטן און פון פאַרשידענע אַספּעקטן. אין פעברואַר 1942 זענען די לאַבאָראַטאָריעס געווען גרייט און די פאָרשונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, אויף אַ סיסטעמאַטישן און אינטענסיוון אופן. עס זענען פאָרגעקומען וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן און זיצונגען פון פאַרשידענע ספּעציאַליסטן. אין די ערשטע טעג פון יולי 1942 איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע און פון די פאָרשער מיטן אָנטייל פון אַדאַם טשערניאַקאָוו און פון אברהם געפּנער, וועלכע האָבן פינאַנציעל געשטיצט די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אין דעם זעלבן חודש האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאַרניכטונגס־אַקציע. אַ טייל פון די דאָקטוירים איז דאַן אומגעקומען.

עס איז צו באַוווּנדערן די שטאַנדהאַפטיקייט פון דר. מילייקאָווסקי און פון זיינע מיטאַרבעטער. אַפילו נאָך דער אַקציע, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, האָבן זיי אין אָקטאָבער 1942, באַנייט אין שפּיטאָל די פאָרשונג־אַרבעט און באַזונדער — די רעדאַגירונג פון די שוין אָנגעשריבענע אָפּהאַנדלונגען און זייער צוגרייטונג צום דרוק. זיי האָבן אינטענסיוו געאַרבעט ביז יאַנואַר 1943, ביז דער צווייטער אַקציע.

דאַן, דעם 18־טן יאַנואַר 1943 זענען געטריבן געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט צום אומשלאַגפּלאַץ און צו די טויט־וואַגאָנען כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים, מיט דאָקטאָר מילייקאָווסקי בראש. צווישן זיי איז אויך געווען מיין עלטסטער ברודער, דער כירורג, דר. שמואל בערמאַן און זיין פרוי, אַ ספּעציאַליסטין פון קינדער־קראַנקייטן, דר. אירענאַ־וורא קרעניצקאַ.

ווי עס געבן איבער די געציילטע, לעבן געבליבענע עדות, האָט דר. מילייקאָווסקי געהאַלטן אויפן אומשלאַגפּלאַץ אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופן די יידן צו גיין צום טויט ווירדיק, מיט אויפגעהויבענע קעפּ. ער אַליין און זיינע נאָענטסטע האָבן באַשלאָסן נישט צו גיין אין די וואַגאָנען. זיי האָבן צוגעגרייט און געהאַט מיט זיך מאָרפין־איינשפּריצונגען. די פאַרטרעטערין פון דר. מילייקאָווסקי אין דער געזונדהייט־אָפּטיילונג, פרוי דר. סירקין־בינשטיין, האָט איינגעשפּריצט דר. מילייקאָווסקין און אַ פּאָר אַנדערע דאָקטוירים, און צום סוף

זיך אַליין — שטאַרקע דאָזן פון מאָרפין. זיי זענען אַלע געשטאָרבן אויפן אָרט.
ווי אַזוי זענען געראַטעוועט געוואָרן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דאָס בוך? אַ קורצע צייט פאַר דער צווייטער אַקציע האָט די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון די פאָרשונגען איבערגעשיקט, אויף אַ קאָנספּיראַטיוון וועג, די מאַשין־קאָפּיעס פון די אָפּהאַנדלונגען אויף דער אַרישער זייט, צו דעם באַקאַנטן פוילישן מעדיצין־דאָקטאָר, פּראָפעסאָר וויטאָלד אָרלאָווסקי, דירעקטאָר פון דער קליניק פון אינערלעכע קראַנקייטןביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ער האָט די אָפּהאַנדלונגען אָפּגעהיט ביז דער באַפרייאונג און דאַן איבערגעגעבן זיי די לעבן געבליבענע יידישע מעדיצין דאָקטוירים, מיטגלידער פון דער פאָרשער־גרופּע.
עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז די געהיימע מעדיצינישע הויכשול אין געטאָ און אויך די פאָרשער־גרופּע, זענען געווען אין פאַרבינדונג מיט דעם געהיים־פונקציאָנירנדיקן מעדיצינישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט און מיט אַ ריי פוילישע דאָקטוירים, וועלכע זענען געווען טעטיק אין דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. אַפילו אַ טייל פון די איינריכ־טונגען אין די פאָרשונגס־לאַבאָראַטאָריעס אין געטאָ האָבן זיי באַקומען פון דער אַרישער זייט, פון אינזשיניער קוראָווסקי א.א.
דאָס בוך, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער פאָרשונגס־אַרבעט פון 25 יידישע מעדיצין־דאָקטוירים, נעמט אַרום 265 דרוקזייטן. אין בוך זענען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן זעקס וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע אַספּעקטן פון די הונגער־קראַנקייטן, צווישן זיי — די אָפּהאַנדלונג פון דר. אַננאַ בראַודע־העללער וועגן דעם קלינישן בילד פון הונגער ביי קינדער. אויסער דעם געפינען זיך אין בוך פאָטאָגראַפישע דאָקומענטן, אַ היסטאָרישע נאָטיץ און דאָס איינלייטונגס־וואָרט פון דר. ישראל מילייקאָווסקי. אין דעם דאָזיקן רירנדיקן דאָקומענט לייענען מיר:
"די פּיין פון וואָרט... איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעלעבט דאָס דאָזיקע געפיל אַזוי שטאַרק, ווי איצט, ווען איך הויב אָן צו שרייבן דאָס איינלייטונגס־וואָרט. איך האַלט די פעדער אין האַנט און אין מיין צימער קוקט אַריין דער טויט פון די שוואַרצע ליידיקע פענצטער, פון די פאַרלאָזטע, אומעטיקע הייזער אויף די פאַרלאָזטע, ליידיקע גאַסן. אונדזער שפּראַך איז צו בלאַס, זי זאָל קאָנען אָפּשפּיגלען די אומגעהויערקייט פון דער קאַטאַסטראָפע. איך זוך די נויטיקע ווערטער, איך לעב איבער די פּיין פון וואָרט..."
דאַן באַשרייבט דר. מילייקאָווסקי די אומגלויבלעכע ליידן פון וואַרשעווער געטאָ און דעם שוידערלעכן הונגער, וועלכער איז געווען "דער הויפּט־מאָטיוו פון אונדזער לעבן אין געטאָ". ער גיט אָן איבערבליק פון די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַווירקט די דאָקטוירים צו פירן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון הונגער און הונגער־קראַנקייטן, און פאַרענדיקט זיין איינלייטונגס־וואָרט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אָקטאָבער 1942, קורץ נאָך דער ערשטער אַקציע, מיט די פאָלגענדע ווערטער:

"פאַר דיר יידישער מעדיצין־דאָקטאָר, עטלעכע באַשיידענע אָנערקענונגס ווערטער וואָס וועל איך דיר זאָגן, מיין טייערער קאָלעגע און חבר אין נויט. דו ביסט געווען אַ טייל פון כלל. עבדות, הונגער, אויסזידלונג — די דאָזיקע אַלע פאָרמען פון טויט אין אונדזער געטאָ, העגנען אויך איבער דיין קאָפּ. מיט דיין אַרבעט האָסטו געגעבן די מערדער אַן ענטפער. דיין ענטפער איז: "Non omnis moriar!"

**מוזיק אין געטאָ**

איינע פון די בולטע אויסדרוקן פון דעם קולטור־אַקטיוויזם אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען דאָס פאַרהעלטנישמעסיק רייכע מוזיקאַלישע לעבן. פאַר מיר און פאַר טויזנטער אַנדערע מוזיק־ליבהאָבער זענען די קאָנצערטן פון אָרקעסטערס און כאָרן אין געטאָ, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, געווען אמתע יום־טובים. פאַר די טויזנטער ליבהאָבער, וואָס האָבן מאַסנווייז געשטראָמט צו די קאָנצערטן און פאַרפולט די זאַלן, זענען דאָס געווען נישט נאָר פאַרווייַלונגען.

נאָך אַ גאַנצן טאָג פון שווערער אַרבעט אין דער קאָשמאַר־ווירקלעכקייט פון דעם געטאָ־לעבן, זענען דאָס געווען שעהען פון אָפּרייסן זיך, פון פאַרגעסן זיך אויף אַ קורצע צייט.

אויך דאָס מוזיק־לעבן האָט פּולסירט אין וואַרשעווער געטאָ כמעט אומאויפ־הערלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן די יידן אין וואַרשע נאָך איידער עס איז געשאַפן און געשלאָסן געוואָרן דאָס געטאָ. איינע פון די פאָרמען פון מוזיקאַלישן אויסלעבן זיך זענען דאַן געווען די מוזיק־אָוונטן אין פּריוואַטע הייזער.

איך געדענק אַזעלכע קאַמעראַלע מוזיק־אָוונטן אין דער וווינונג פון דעם ברודער פון מיין שוועגערין, דער פרוי פון מיין עלטסטן ברודער, דר. שמואל בערמאַן, פון דר. ווערא קרעניצקאַ. דאָס איז געווען באַריס (באָלעק) קרעניצקי, אַ גוטער און ערנסטער פּיאַניסט. ער האָט אַראַנזשירט אַזעלכע קאַמעראַלע רעציטאַלן, צוזאַמען מיט זיין פריינדין, דער דאַן שוין באַקאַנטער פּיאַניסטין, פּאַולינאַ שמוקלער.

איך געדענק פון יענע אָוונטן דעם מעפיסטאָ־וואַלס פון פראַנץ ליסט, וועלכער האָט מיך, אויף אַ סימבאָלישן אופן, פאַרפאָלגט די גאַנצע צייט פון דער היטלעריסטישער הערשאַפט. עס האָט אים דערנאָך אויסגעפירט דער סימפאָנישער אָרקעסטער אין געטאָ. שפּעטער האָב איך דאָס געהערט אויך אויף דער אַרישער זייט.

באָלעק קרעניצקי איז אומגעקומען בעת די אַקציעס. פּאַולינאַ שמוקלער האָט באַשלאָסן נישט צו גיין אין געטאָ. זי איז אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע, געענדערט איר נאָמען און אויסזען, און געשפּילט אין פּוילישע קאַפע־הייזער אין

זאַקאָפּאַנע און אין אַנדערע קוראָרטן. דאָרט האָט מען זי דאָך דערקענט, געמסרט — און דערשאָסן.
אין אַ צייט אַרום, אויף דער אַרישער זייט, האָב איך ווידער גענאָסן פון אַזעלכע קאַמעראַלע רעציטאַלן אין דער ווינונג פון דער דאַן באַקאַנטער פּיאַניסטין, לאַוּראַטין פון דעם ערשטן שאָפּען־קאָנקורס אין פּוילן, רוזשאַ עטקין. זי און איר מאַן, דער אַרכיטעקט און סקולפּטאָר, רישאַרד מאָשקאָווסקי (ראָשקאָווסקי) זענען געווען אונדזערע פריינט און האָבן אונדז אַקטיוו געהאָלפן אין דער אונטערערדישער הילפס־אַרבעט פאַר יידן. אין זיין קינסטלער־אַטעליע אין דער ראַדיקאַלער געגנט, זשאָליבאָזש, האָב איך זיך געטראָפן מיט די פירער פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צו די רעציטאַלן פון זיין פרוי, רוזשאַ, זענען געקומען צענדליקער פריינט און באַקאַנטע. זי האָט באַזונדער מייסטערהאַפט אויסגעפירט די ווערק פון פרידעריק שאָפּען, איינעם פון מיינע באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן. רוזשאַ און איר מאַן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע.
אין דעם גרויסן וואַרשעווער געטאָ, אין וועלכן עס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן, צווישן זיי — טויזנטער מוזיק־ליבהאָבער, האָט זיך דאָס מוזיקאַלישע לעבן אויסגעפורעמט, אין משך פון אַ קורצער צייט, אין אָרגאַניזאַציאָנעלע, אינסטיטוציאָנעלע פאָרמען פון אָרקעסטערס און כאָרן. אַ גרויסן פאַרדינסט האָט דערביי געהאַט די צענטראַלע אימפּרעזן־קאָמיסיע ביי דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער שוישפּילער און געזעלשאַפטלעכער טוער, יאָנאַס טורקאָוו. די אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין געטאָ האָט געזאָרגט סיי פאַר דער אַנט־וויקלונג פון מוזיקאַלישן לעבן און סיי פאַר דער פאַרזאָרגונג פון יידישע מוזיקער מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ מינימום פאַר עגזיסטענץ.
אַזוי איז, אין משך פון אַ קורצער צייט, געשאַפן געוואָרן דער גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער אין געטאָ, מיטן אָנטייל פון 80 מוזיקער. אַ טייל פון זיי האָט פאַר דער מלחמה געשפּילט אין דעם גרויסן פּוילישן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער און אין דעם אָרקעסטער פון פּוילישן ראַדיאָ.
דער הויפּט־דיריגענט פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער איז געווען דער דיריגענט פּראָפ. שמעון פּולמאַן. ער איז פאַר דער וועלט־מלחמה געווען פּראָפעסאָר אין ווינער קאָנסערוואַטאָריום, און שפּעטער אין קאָנסערוואַטאָריום אין פּאַריז. ער האָט געשטאַמט פון דער קינסטלער־משפּחה קאַמינסקי. זיין מוטער איז געווען די שוועסטער פון דער יידישער שוישפּילערין, אסתר־רחל קאַמינסקי. זי האָט אים מיטגעהאָלפן אין זיין מוזיקאַלישן, קינסטלערישן וועג. שמעון פּולמאַן האָט דערהויבן דעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין געטאָ צו אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. טויזנטער יידן האָבן אים צו פאַרדאַנקען שעהען פון גענוס און דערהויבונג. דער רעפּערטואַר פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער איז געווען רייך און פאַרשידנפאַרביק.

אין מיין פּריוואַטן, געהיימען אַרכיוו האָב איך געפונען אַ קליין שטיקל פּאַפּיר מיט מיין נאָטיץ, אונטערן קעפּל "מוזיק אין געטאָ". אין דער נאָטיץ — אַ רשימה פון מוזיקאַלישע ווערק, וועלכע איך האָב געהערט אויף די קאָנצערטן פון דעם גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער. וואָס פאַראַ ווערק זענען דאָס געווען:

בעטהאָווענס סימפאָניע עראָיקאַ. איך געדענק, וואָס פאַראַ טיפן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער טרויער־מאַרש פון עראָיקאַ.

בעטהאָווענס עגמאָנט און די גרויסע פוגע אין ב־מאָל.

טשאַיקאָווסקיס פינפטע און זעקסטע סימפאָניע; סערענאַדע פאַר שטרייך־אָרקעסטער און די סויטע נוסקנאַקער.

מאָצאַרטס סערענאַדע די קליינע נאַכט־מוזיק.

בראַמס — פינף וואַלסן, אין דער נייער אָרקעסטרירונג פון מיין געוועזענעם פריינד, נאָך פון די גימנאַזיע־צייטן, דעם פעאיִקן פידלער פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, טעאָדאָר רייס. וועגן זיין מאָדנעם און טראַגישן גורל וועל איך נאָך דערציילן.

ליסט — די סימפאָנישע פּאָעמע פּרעלודיען און מעפיסטאָ־וואַלס.

באַך — אַריע.

גלוק — מעלאָדיע פון אָרפעוס און עורידיקאַ.

הענדעל — קאָנצערטאָ גראָססאָ, איינער פון די שענסטע צווישן זיינע אַכצן קאָנצערטאָ גראָססאָ.

די רשימה איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין פולע. נישט אויף אַלע קאָנצערטן בין איך געווען. איך האָב, וואַרשיינלעך, פאַרצייכנט די מוזיקאַלישע ווערק, וועלכע זענען מיר באַזונדער געפעלן געוואָרן. די רשימה שפּיגלט אָפּ אַ טייל רעפּערטואַר פון דער צייט, ווען מ'האָט נאָך אין געטאָ געקאָנט אויספירן ווערק פון אַרישע קאָמפּאָזיטאָרן. שפּעטער, נאָך דעם פאַרבאָט, האָט דער אָרקעסטער אויסגעפירט ווערק פון קאָמפּאָזיטאָרן פון יידישער אָפּשטאַמונג: פון פעליקס מענדעלסאָן, מייערבער א.א. אין דער תקופה האָט אויף מיר אַ באַזונדער רירנדיקן איינדרוק געמאַכט דער יידישער טאַנץ פון דער אוווערטורע אוריאָל אַקאָסטאַ פון דעם יידישן קאָמפּאָזיטאָר קאַרל ראַטהאַוז. איך האָב זי ליב צו הערן ביזן היינטיקן טאָג.

די קאָנצערטן פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער זענען ביים אָנהויב פאָרגעקומען אין דעם זאַל פון מעלאָדי־פּאַלאַס אויף רימאַרסקע גאַס, און שפּעטער אין דעם גרויסן זאַל פון טעאַטער פעמינאַ אויף לעשנאָ. דאָס איז געווען דער גרעסטער זאַל אין געטאָ. אַ טייל קאָנצערטן האָט מען איינגעאָרדנט אינעם זאַל פון יודאַיסטישן אינסטיטוט, אויף טלאָמאַצקיע גאַס, אין דעם צענטער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף.

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם ערשטן קאָנצערט פון דעם גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער אין מעלאָדי־פּאַלאַס. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז ווען דער עולם האָט דערהערט די ערשטע קלאַנגען פון דער זעקסטער פּאַטעטישער סימפאָניע

פון טשאַיקאָווסקי, איז דער גאַנצער עולם אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אויך איך האָב געהאַט טרערן אין די אויגן. אפשר איז דער קאָנטראַסט צווישן דער וווּנדערבאַרער מוזיק און דער קאָשמאַרפולער געטאָ־ווירקלעכקייט געווען אַזוי טיף: אפשר האָט די טראַגישע מוזיק זיך צונויפגעגאָסן מיט דער טראַגישער לאַגע אין געטאָ און אפשר איז דאָס געווען אַ קינסטלערישער שאָק פאַר די הונדערטער מוזיק־ליבהאָבער, אויסגעהונגערטע, נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן, נאָך אַ גוטער מוזיק. אפשר האָבן געווירקט אַלע סיבות צוזאַמען. איך געדענק, אַז אויך שפּעטער האָבן הונדערטער מענטשן געוויינט אויף די קינסטלערישע קינדער־פּאַראַנשטאַלטונגען און אויף די קאָנצערטן פון די קינדער־כאָרן, בעת די גרויסע אימפּרעזן פון "חודש פון קינד" און פון "יום־טוב פון קינד"

שמעון פּולמאַן איז נישט געווען דער איינציקער דיריגענט פון דעם גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער אין געטאָ. אַ באַגאַבטער און ערנסטער דיריגענט איז אויך געווען דער יונגער וויאָלאָנטשעליסט מאַריאַן נויטייך, וועלכער איז שוין דאַן געווען באַקאַנט אין פּוילן. אַ גוטן נאָמען האָט אויך געהאַט דער נאָך יינגערער דיריגענט ישראל האַמערמאַן.

עס זענען אין געטאָ געווען דיריגענטן פון קלענערן קאַליבער. צו זיי האָט געהערט אַדאַם פורמאַנסקי. איך געדענק זיין נאָמען נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען ער האָט דיריגירט מיט קליינע אָרקעסטערס אין די קינאָס, אין די צייטן פון שטומע פילמען. דאַן האָב איך נישט געוווּסט, אַז ער איז אַ ייד. אין געטאָ איז אים נישט געגאַנגען גוט. דער עולם האָט געפּאָדערט אַ העכערן ניוואָ. פורמאַנסקי האָט צום סוף דיריגירט מיט אַ גאַסן־אָרקעסטער. אויך אַזעלכע זענען געווען אין געטאָ.

דער סימפאָנישער אָרקעסטער איז נישט געווען דער איינציקער אין וואַרשעווער געטאָ. עס איז אויך געווען טעטיק אַ גוטער קאַמער־אָרקעסטער פון צוועלף מוזיקער, מיט וועלכן עס האָט אויך אָנגעפירט פּראָפ. שמעון פּולמאַן. אויסער דעם האָבן זיך געפונען אַ פּאָר שטריך־קוואַרטעטן אונטער דער לייטונג פונעם מוזיקער און פּעדאַגאָג, פּראָפעסאָר יוסף פּישהאַוט. אויך די אָרקעסטערס האָבן געהאַט דערפאָלג.

עס האָט אויך אין געטאָ עגזיסטירט אַן אָרקעסטער פון דער געטאָ־פּאָליציי, וואָס האָט באַפוצט פאַרשידענע צערעמאָניעס און פּאַראַדן פונעם יודנראַט. מיט דעם דאָזיקן אָרקעסטער האָט אָנגעפירט דער פּויליש־יידישער דיריגענט שמעון קאַטאַשעק.

אַ באַזונדער אָרט אין דעם מוזיקאַלישן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ האָבן פאַרנומען די קינסטלערישע כאָרן. וועגן די קינדער־כאָרן האָב איך שוין דערציילט אינעם קאַפּיטל: קינדערשוץ. דער בעסטער כאָר פון דערוואַקסענע איז געווען דער כאָר ש י ר, וואָס איז באַשטאַנען פון 80 זינגער. מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער כאָר־דיריגענט פּראָפ. ישראל פייווישיס. אין זיין רייכן רעפּערטואַר זענען געווען ווערק פון דער קלאַסישער געזאַנג־מוזיק, ווי אויך

יידישע, העברעישע און ארץ־ישראלדיקע לידער. י. פּייווישיס האָט דערהויבן זיין כאָר צו אַזאַ פּערפעקציע, אַז די כאָר־קאָנצערטן האָבן געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג און זענען געווען אַ יום־טוב פאַר די געזאַנג־ליבהאָבער. דער כאָר ש י ר האָט אויסגעפירט די באַקאַנטע אָראַטאָריע פון הענדעל — יהודה המכבי, מיטן טעקסט אויף עברית: פּייווישיס גרעסטע דערגרייכונג איז געווען דאָס צוגרייטן, צוזאַמען מיטן סימפאָנישן אָרקעסטער, בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע, מיטן געזאַנג־טעקסט אין עברית.

אויך די אָראַטאָריע יהודה המכבי איז אויסגעפירט געוואָרן, צוזאַמען מיטן גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון שמעון פולמאַן און מאַריאַן נויטייך, און אונטער דער כאָר־לייטונג פון ישראל פּייווישיס, אויף דעם פייערלעכן קאָנצערט, אין פעברואַר 1942 עטלעכע חדשים פאַרן בלוט־באָד.

אין געטאָ זענען אויך געווען אַ פּאָר קלענערע, גוטע כאָרן פון דערוואַקסענע, אונטער דער אָנפירונג פון די דיריגענטן — ז. שקלאַר און פּראָפעסאָר י. זאַקס. אַ דערפאָלג האָבן אויך געהאַט די קליינע רעוועלערס־כאָרן, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעפּערטואַר פון אַ לייכטערן זשאַנער.

אין געטאָ האָבן אויפגעטראָטן אַ ריי סאָליסטן: פּיאַניסטן, פידלערס און זינגער. די באַקאַנטסטע צווישן זיי איז געווען די יונגע, ווונדערבאַרע זינגערין מרים (מאַרישיאַ) אייזנשטאַדט. זי איז געווען, אָן שום ספק, אַ פענאָמענאַלע זינגערין, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שטימע. איך בין זיכער, אַז ווען זי בלייבט לעבן, וואָלט זי געוואָרן אַ וועלט־באַקאַנטע זינגערין. מען האָט זי גערופן דער נאַכטיגאַל פון געטאָ.

מאַרישיאַ אייזנשטאַדט איז געווען די באַליבטע טאָכטער פונעם באַקאַנטן דיריגענט פון דעם קינדער־כאָר אין דער גרויסער סינאַגאָגע — דוד אייזנשטאַדט. ער איז אויך געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר פון יידישע און העברעיִשע לידער. מאַרישיאַ איז דערצויגן געוואָרן אין אַ מוזיקאַלישער אַטמאָספער. פון די פריע יוגנט־יאָרן האָט זי אַרויסגעוויזן גרויסע מוזיקאַלישע פעאיִקייטן, אַלס זינגערין און פּיאַניסטין. זי האָט געענדיקט אַ יידישע גימנאַזיע קורץ פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

ווען דאָס געטאָ איז געשאַפן און געשלאָסן געוואָרן, איז זי געווען אַלט 18 יאָר. זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אַלס זינגערין סיי פון לידער פון קלאַסישן רעפּערטואַר און סיי פון יידישע און העברעיִשע פאָלקס־לידער. ווען זי האָט געזונגען דאָס רירנדיקע ליד: "אלי, אלי, למה עזבתני?...", זענען ביי אַלע צוהערער געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

מאַרישיאַ פלעגט אַרויסטרעטן אַלס סאָליסטין מיטן גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון שמעון פולמאַן און מאַריאַן נויטייך. אויך אויף די קאָנצערטן האָט זי געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג. איך האָב זי נישט איינמאָל געהערט און זי באַוווּנדערט. אויך אויסערלעך איז מאַרישיאַ אייזנשטאַדט געווען באַצויבערנדיק שיין און פול מיט יוגנטלעכן חן.

זי איז אומגעקומען אין דער ערשטער גרויסער אַקציע. בעת אַ שרעקלעכער בלאָקאַדע האָט מען פאַרטריבן איר באַליבטן פאָטער אויפן אומשלאַגפּלאַץ, האָט זי זיך אַדורכגעריסן צו די וואַגאָנען און נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן פאָטער. די ס.ס.־לייט האָבן זי דערשאָסן אויפן אָרט. מאַרישיאַ איז דאַן אַלט געווען 20 יאָר.

## דער גורל פון אַן עילוי

איך וויל ווידמען עטלעכע ווערטער דעם מוזיקער, מיטגליד פון דעם גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער אין וואַרשעווער געטאָ, טעאָדאָר רייס.
מיר זענען געווען קאָלעגן, אַ געוויסע צייט אַפילו פריינט, אין דעם זעלבן קלאַס פון דער פּוילישער קרעטשמאַר־גימנאַזיע אין וואַרשע. טעאָדאָר (טאַדעק) איז געווען דער בעסטער שילער, דער "פרימוס", נישט נאָר אין אונדזער קלאַס, נאָר אין דער גאַנצער גימנאַזיע. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פעאיִק יינגל. באַהערשט גלענצנד און אָן אַן איבעריקער מי, לערן־געגנשטאַנדן (אויסער גימנאַסטיק...). אין דער צייט, ווען איך האָב זיך מער אויסגעצייכנט אין די הומאַניסטישע געגנשטאַנדן (ליטעראַטור. געשיכטע א.א.), איז טאַדעק געווען דער בעסטער שילער אויך אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע, און איך — אין דער לאַטיינישער שפּראַך. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַן עלוי און אַזוי האָבן אים אויך אָפּגעשאַצט די לערער און די דירעקציע פון דער גימנאַזיע. זיי זענען געווען זיכער, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט. גלייכצייטיק האָט ער שוין דאַן אַרויסגעוויזן גרויסע מוזיקאַלישע פעאיִקייטן, געווען דער בעסטער פידלער אין דעם גימנאַזיע־אָרקעסטער.
אינטערעסאַנט און מאָדנע איז געווען זיין באַציאונג צו אידעאיִש־פּאָליטישע פראַגן און — צו זיין יידישער אָפּשטאַמונג. זיין פאָטער איז געווען אַ יידישער ליטעראַט, אַן איבערצייגטער ציוניסט. פּוילישע יידן, פון דעם עלטערן דור, וואָס האָבן געלייענט די יידישע פּרעסע, וועלן זיך אפשר דערמאָנען אַ לאַנג ציקל פון ליטעראַרישע רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען, אונטערן קעפּל "סיבירער געשיכטן", וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אין די צוואַנציקער יאָרן, אין דער ציוניסטישער טאָג־צייטונג היינט. דער נאָמען פון מחבר איז געווען — רייס. ער האָט אַ סך געוואַנדערט און אַ געוויסע צייט געלעבט אין סיביר. זיין איינציקן זון האָט ער געגעבן דעם נאָמען טעאָדאָר צום אָנדענק פון טעאָדאָר הערצל. אין זייער באַשיידענער דירה איז געהאָנגען הערצלס גרויסער פאָרטרעט. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע. טאַדעק האָט געמוזט שוין אין דער גימנאַזיע פאַרדינען פון "געבן" לעקציעס די שוואַכערע שילער.
דער יונגער מאַן, וואָס האָט געטראָגן טעאָדאָר הערצלס נאָמען איז געוואָרן אַן איבערצייגטער און פאַרביסענער אַסימילאַטאָר. ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שום שייכות מיטן יידישן פאָלק און מיט דער יידישער קולטור. גלייכ־

צייטיק איז ער, שוין אין די עלטערע קלאַסן פון דער גימנאַזיע, געווען אַ סאָציאַליסט, נאָענט צו דער רעכט־סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מאַרקסיסט, אָבער אין דעם רעפאָרמיסטישן און רעוויזיאָניסטישן גייסט פון עדוואַרד בערנשטיין. ער האָט געקענט גאַנצע קאַפּיטלען פון קאַרל מאַרקס "קאַפּיטאַל" אויף אויסנווייניק, אויך פון דער "פּאָליטישער עקאָנאָמיע" פון קאַרל קאַוטסקי. שוין אין די גימנאַזיע־יאָרן האָט זיך טאַדעק רייס פאַרבונדן מיט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (פּ.פּ.ס.) און געהאַלטן רעפעראַטן אין פּוילישע סאָציאַליסטישע יוגנט־קרייזן אויף די טעמעס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פון מאַרקסיזם. ווען אין אונדזער גימנאַזיע, אין די עלטערע קלאַסן, האָבן זיך אויסגעבילדעט לינקע קרייזן: אַ קאָמוניסטישער, אַ לינק־סאָציאַליסטישער און אַ רעכט־סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, איז טאַדעק רייס געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע. איך בין געשטאַנען בראש פון דעם לינק־סאָציאַליסטישן קרייז.

פאַרשטייט זיך, אַז זיינע פאַרביסן־אַסימילאַטאָרישע און רעכט־סאָציאַליסטישע שטעלונגען האָבן, מיט דער צייט, שטאַרק אָפּגעקילט אונדזערע באַציאונגען. איך בין געווען אַ פּרינציפּיעלער און איבערצייגטער קעגנער פון אַסימילאַציע בכלל און פון דער טעאָריע וועגן אַסימילאַטאָרישער לייזונג פונעם ייִדן־פּראָבלעם בפרט. איך בין שוין דאַן געווען נאָענט צום באָראָכאָוויזם און צו די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע שטעלונגען פון די לינקע פּועלי־ציון.

עס איז מיר אויך נישט געווען צום האַרצן דער אופן, ווי אַזוי טאַדעק רייס האָט דיסקוטירט וועגן פאַרשידענע פראַגן. אין דער פּאָלעמיק איז ער געווען אַגרעסיוו, סאַרקאַסטיש און — בעל־גאווהדיק. דער סוף איז געווען, אַז אונדזער קורצע פריינטשאַפט האָט זיך געענדיקט מיט אַ שאַרפן סיכסוך. נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער גימנאַזיע זענען זיך אונדזערע וועגן אינגאַנצן פונאַנדערגעגאַנגען. דעם אמת גזאָגט, ער האָט מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן. נאָך עטלעכע יאָר, שוין אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, איז צו מיר דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז טעאָדאָר רייס איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז אָנגענומען געוואָרן אין דעם וועלט־באַקאַנטן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אין פילאַדעלפיע. ביז דער מלחמה און ביז דער שאַפונג פון געטאָ איז ער מיר אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון זכרון.

אין וואַרשעווער געטאָ, איך מיין, אַז אין יאָר 1941, אין אַן אומעטיקן געטאָאָוונט, קלאַפּט עמעצער אין טיר פון אונדזער וווינונג. עס גייט אַריין אַ געטאָפּאָליציאַנט אין אַ שטאַרק אָפּגענוצטן מאַנטל און אין אַ פּאָליציי־היטל און ער פרעגט: "צי דערקענסטו מיך נישט? איך בין טאַדעק רייס." איך האָב אים טאַקע נישט דערקענט. עס איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. איך פרעג אים: "וואָס טוסטו אין געטאָ? וואָס טוסטו אין דער געטאָ־פּאָליציי?" דאַן האָט

ער מיר קורץ דערציילט, אַז ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען פון די פּאַראייניקטע שטאַטן צוריק קיין פּוילן. ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מ'האָט אים פאַרטריבן אין געטאָ. ער האָט שרעקלעך געהונגערט. דאַן איז ער אַריינ־געטראָטן אין די געטאָ־פּאָליציי און אַרבעט אין דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג. צו די ספּעציפישע פּאָליציי־פונקציעס איז ער נישט פעאיק. גלייכ־צייטיק האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן אין דעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין געטאָ אַלס פידלער. עס איז אים שווער.

עס האָבן מיך באַהערשט זייער געמישטע געפילן: אַ סענטימענט צו די אַלטע יוגנט־ און גימנאַזיע־יאָרן; אַ רחמנות־געפיל: וואָס איז געשען מיט דעם יונגן עלוי, מיט דעם אַלזייטיק פעאיקן בחור; אַ דערשטוינונג: וואָס טוט ער דאָ, דער אַגרעסיווער אַסימילאַטאָר, צווישן יידן אין געטאָ? און דערצו — אַ געפיל פון ווידערווילן: ווי אַזוי האָט ער זיך דערקייקלט, ער, דער סאָציאַליסט, צו דער געטאָ־פּאָליציי און טראָגט דאָס פּאָליציי־היטל?

דער ווירוואַר פון געמישטע געפילן האָט דערפירט דערצו, אַז מיר איז געווען שווער מיט צו אים רעדן. דער שמועס האָט לאַנג נישט געדויערט. ער האָט וואַרשיינלעך דערפילט, אַז ער איז נישט פאַר מיר קיין באַזונדער ליבער גאַסט. מער איז ער ביי מיר נישט געווען. איך האָב געהערט שפּעטער פון די אָרקעסטער־קרייזן, אַז רייס איז אַ פעאיקער און געבילדעטער מוזיקער, אַז ער האָט, צום ביישפּיל, צוגעפּאַסט צום אָרקעסטער די שיינע, לירישע וואַלסן פון יאָהאַנעס בראַמס, און דער סימפאָנישער אָרקעסטער אין געטאָ האָט זיי אויסגעפירט אין זיין אָרקעסטרירונג.

בעת דער אַקציע האָב איך אים נישט געזען און איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ פונקציע ער האָט געהאַט בעתן שלעפּן יידן צום אומשלאַגפּלאַץ.

שפּעטער, שוין אויף דער אַרישער זייט האָט מיר עמעצער געזאָגט, אַז טעאָדאָר רייס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אין די וואַגאָנען קיין טרעבלינקע, צוזאַמען מיט די לעצטע גרופּן פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן, ווען זיי האָבן שוין זייער שרעקלעכע און שענדלעכע אַרבעט פאַרענדיקט און זענען שוין פאַר די ס.ס.־לייט געווען אומנוציק.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס מאָדנע, צעבראָכענע לעבן פון איינעם פון די פעאיקסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט אין מיין לעבן.

### געלעכטער דורך טרערן

אויסער טעאַטערס און קאָנצערט־זאַלן איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען אַ היפּשע צאָל פאַרשידענע פאַרוויילונגס־לאָקאַלן מיט טאַנץ־מוזיק. אַ טייל פון זיי האָט געהאַט אַ כאַראַקטער פון נאָרמאַלע פאַרוויילונגס־ערטער, אַ טייל זענען געווען צענטערס פון דער דעמאָראַליזירטער און מאָראַליש־דעגענע־רירטער געטאָ־אונטערוועלט.

עס זענען געווען נאַכט־לאָקאַלן, אין וועלכע עס האָט געשוויבלט און געגריבלט

מיט יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן און מיט אָפיצירן פון דער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט ס.ס. און געסטאַפּאָ. אָפטמאָל האָט מען געזען אין אַזעלכע נאַכט־לאָקאַלן דייטשע געסטאַפּאָ־לייט און אַפילו ס.ס.־אָפיצירן. עס זענען געווען נאַכט־קלובן, אין וועלכע עס האָבן זיך געווײַלט און געהוליעט פאָרשטייער פון דער נייער פינאַנציעלער געטאָ־אַריסטאָקראַציע אָדער, ווי מ'האָט זיי דאַן גערופן — "גביראָקראַציע", פאַרשידענע געטאָ־ספּעקולאַנטן, גרויסע שמוגלערס, אַ טייל פון די שאָפּן־אייגנטימער, אַ טייל פון די פאַרמעגלעכע "צען טויזנט" אין געטאָ. דאָרט האָט מען געקאָנט פאַר געלט, פאַר זייער פעטע פרײַזן, באַקומען אַלץ, נישט נאָר צו עסן און צו טרינקען, נאָר צו פרעסן און צו זויפן. עס זענען געווען אַ ריי טאַנץ־קלובן, און אָפטמאָל האָט מען זיך ביטער געוויצלט: "דאָס געטאָ טאַנצט!" דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון "באַלן בעת אַ מגיפה". אין אַ סך הייזער אין געטאָ זענען געווען קאָרטן־קלובן, וווּ מ'האָט געשפּילט פון דער פּאָליציי־שעה ביז דער שפּעטער נאַכט.

עס זענען אויך געווען מער קולטורעלע פאַרווײַלונגס־ערטער. דאָס איינציקע, וועלכע איך האָב, צוזאַמען מיט מײַן פרוי באַשיע, פון צײַט צו צײַט באַזוכט, איז געווען דער ליטעראַרישער קאַבאַרעט און קאַפע־הויז אונטערן נאָמען קונסט (Sztuka) אויף לעשנאָ גאַס. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידיש־פּוילישע דיכטער, סאַטיריקער, שוישפּילער, זינגער און זינגערינס פון די פאַרמלחמה־דיקע פּוילישע ליטעראַרישע און קינסטלערישע קאַבאַרעטן, ווי אויך מוזיקער פון דעם לייכטן זשאַנער. אַ טייל פון די דיכטער און סאַטיריקער זענען ביז דער מלחמה געווען מיטאַרבעטער פון דער באַקאַנטער און פּאָפּולערער סאַטירישער וואָכן־צײַטונג נאָדלען (Szpilki), וואָס האָט געהאַט אַ פּראָגרעסיוון כאַראַקטער.

אין דעם קאַבאַרעט — קונסט — האָט געהערשט דער באַרימטער אין געטאָ יידיש־פּוילישער דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל.

מ'האָט דאָרט רעציטירט, און גוט רעציטירט די אַקטועלע לידער פון די געטאָ־דיכטערינס הענריקאַ לאַזאָווערט און פּאָלאַ בראַון. עס האָט שיין רעציטירט זײַנע לירישע לידער און סאַטירעס דער יונגער דיכטער, מיטאַרבעטער פון די נאָדלען — לעאָניד פּאָקשאַנסקי. ער איז שטענדיק געווען אין דער באַגלייטונג פון זײַן שיינער פרוי, מירקאַ לעווין, דער טאָכטער פון דעם יידישן מעדיצין־דאָקטאָר און געזעלשאַפטלעכן טוער, דר. גרשון לעווין. עס האָבן שיין געשפּילט די באַקאַנטע פּיאַניסטן, וולאַדיסלאַוו שפּילמאַן און א. גאָלדפעדער. אַ באַזונדער גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט אין דעם קאַבאַרעט די לעבעדיקע צײַטונג. שלענגעל, פּאָקשאַנסקי, טייטעלבוים און אַנדערע סאַטיריקער האָבן אין וויציקע מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן און סקעטשן, אויסגעלאַכט, אָפטמאָל שאַרף, פאַרשידענע לעכערלעכע און מיאוסע דערשײַנונגען אין דעם געטאָ־לעבן, דעם ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט פון די יודנראַט־אַמטן, פאַרשידענע

״שווינערייען״ פון געוויסע יודנראַטניקעס, פון די נייע געטאָ־נוואָרישן און ״גביראָקראַטן״, און באַזונדער -- פון דער געטאָ־פּאָליציי. דער עולם האָט געלאַכט, עס איז אָבער געווען ״אַ געלעכטער דורך טרערן״.

דער ליטעראַרישער קאַבאַרעט — ק ו נ ס ט — איז געשטאַנען, אין אַלגעמיין, אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. דאָרט איז שטענדיק געווען פול. דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון דער אינטעליגענץ. כמעט אַלע דיכטער, סאַטיריקער און אַרטיסטן פון דעם קאַבאַרעט זענען אומגעקומען, בעת דער אַקציע, אָדער אין דער צייט פון אויפשטאַנד אין געטאָ.

עס איז קלאָר, אַז די סיבה פון דעם גרויסן דערפאָלג פון קאַבאַרעט איז געווען, אַז דער עולם האָט געוואָלט זיך אָפּרייסן אויף אַ פּאָר שעה פון דער טראַגישער געטאָ־ווירקלעכקייט און לאַכן — אויך פון די גאַלגען־הומאָר (תליה־הומאָר) וויצן. אין געטאָ זענען דאָך געבוירן געוואָרן און אַרומגעגאַנגען צענדליקער וויצן און ווערטלעך.

אַזוי האָט מען זיך געוויצלט, אַז די יידן אין געטאָ באַקומען ידיעות פון דער פּרעסע־אַגענטור ״ייוואָ״ — ״יידן ווילן אַזוי״ אָדער פון דער ראַדיאָ־סטאַציע ״זשיראָפאַ״ (פּוילישע קירצונג פון דריי ווערטער ״יידישע פאַנטאַסטישע ראַדיאָ־סטאַציע״). מ׳האָט זיך געוויצלט, אַז אין געטאָ לעבן דריי קאַטע־גאָריעס: יידן־אָפּטימיסטן, פּעסימיסטן און — סאָפּיסטן. געמיינט האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט די גריכישע פילאָזאָפן, נאָר די, וואָס האָבן פאָראויס־געזען דעם טראַגישן סוף.

נישט אומזיסט איז אין געטאָ אַרומגעגאַנגען דאָס ווערטל אַז ״יידן שטאַרבן מיט אַ וויץ אויף די ליפּן״. אויך די וויצן און דאָס ״געלעכטער דורך טרערן״ איז געווען אַ געוויסע פאָרם פון פּסיכאָלאָגישער זעלבסטפאַרטיידיקונג. דאָס געלעכטער איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידן.

קאַפּיטל 7

# פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ

עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין און צו שילדערן די יידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג און דעם אויפשטאַנד אין געטאָ אָן אַן עלעמענטאַרער קענטניש פון דעם פּאָליטישן לעבן און פון דער ראָל פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ. ווי איך האָב שוין באַטאָנט, האָט דער דופק פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן געקלאַפּט אין געטאָ כמעט אומאויפהערלעך און גאַנץ אינטענסיוו.

דער איינציקער איבערייס אין דער פּאָליטישער טעטיקייט, אויך נישט קיין אַבסאָלוטער, איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע (פון 22־טן יולי ביז 12־טן סעפּטעמבער 1942), ווען העכער — 300.000 יידן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן, אין די אומאויפהערלעכע שרעקלעכע הייזער־בלאָקאַדעס און אויף די גאַסן פון געטאָ. מיט אָט דעם שטראָם זענען אַוועק אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע טויזנטער אַקטיוויסטן פון אַלע פּאַרטייען. אָבער פאַר דער אַקציע און נאָך איר, ביזן אויפשטאַנד און ביז בכלל, איז דאָס פּאָליטישע לעבן אין געטאָ געווען זייער אינטענסיוו.

איך קאָן פעסטשטעלן, אָן אַן איבערטרייבונג, אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָט אין ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן געהערשט די אַטמאָספער סיי פון קולטור־אַקטיוויזם און סיי פון פּאָליטישן אַקטיוויזם. עס זענען געווען אַקטיוו כמעט אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס , פּראָלעטאַרישע און בירגערלעכע, ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע.

### די ראָל פון פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ

אין דער געטאָ־ליטעראַטור איז ביז איצט, לײדער, נישט ווי געהעריק אָפּגע־שפּיגלט און אָפּגעשאַצט געוואָרן די ראָל און די טעטיקייט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. דאָ און דאָרט לייענט מען אַפילו ווערטער פון גרינגשעצונג בנוגע צו זיי. די דאָזיקע באַציאונג איז, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, נישט אָביעקטיוו. נישט באַרעכטיקט און נישט יושרדיק.

עס טוט מיר לייד פעסטצושטעלן, אַז אויך אַ טייל פון מיינע פריינט, געטאָ־היסטאָריקער און זכרונות־שרייבער, וועלכע שטאַמען פון חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, גלאָריפיצירן איינציק און אַליין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און באַציען זיך מיט ביטול צו די פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ.
איך באַצי זיך מיטן טיפסטן דרך־ארץ און מיט ליבשאַפט צו די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין דער ערשטער ריי צום דרור און השומר הצעיר, צו זייערע העלדישע פירער און קעמפער. איך אָנערקען, אָן שום צווייפל, זייער אַוואַנגאַרד־ראָל ביים שאַפן און אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן געראַנגל אין די געטאָס, פון גרינדן דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (Ż.O.B.), וועלכע האָט צוגעגרייט און אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט אַז, צוליב אַ ריי אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות, האָבן בלויז די קאַמף־אָפּטיילונגען פון השומר הצעיר און דרור אָנטיילגענומען אין די ערשטע באַוואָפנטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ, בעת דער 2־טער אַקציע, אין יאַנואַר 1943, פיר חדשים פאַר דעם אויפשטאַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען געווען באַוועגלעכער און רירעוודיקער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ביים אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע געטאָס, אין דער פּראָווינץ אין פּוילן און ביים אָרגאַניזירן דאָרט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג.
פון דעם דרינגט אָבער נישט, בשום אופן, אַז די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן נישט געשפּילט קיין ראָל אין דעם ווידערשטאַנד בכלל, ווי אויך אין דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. איך מיין, אַז די הויפּט־סיבה פון דער גרינגשעצונג שטאַמט פון דער אומבאַרעכטיקטער פונאַנדערטיילונג פונעם באַוואָפנטן קאַמף און אויפשטאַנד — און דעם געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד, אין אַלע זיינע פאָרמען. עס איז אָבער אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז עס וואָלט נישט געקומען צו קיין מאַסן־אויפשטאַנד אָן דעם פריערדיקן ברייטן געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד
ווי איך האָב זיך באַמיט צו באַווייזן אויפן סמך פון פאַקטן און מיין פערזענלעכער דערפאַרונג אין געטאָ, איז דער געזעלשאַפטלעכער ווידערשטאַנד געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען און געשטאַלטן: אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אין דער ברייטער אונטערערדישער קולטור־טעטיקייט, אין דעם געהיימען שול־וועזן, אין געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת, און, אין דער ערשטער ריי — אין דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע און אין די אומצייליקע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן און סעמינאַרן. די דאָזיקע אַלע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן ווידערשטאַנד וואָלטן געווען אוממעגלעך אָן די פּאָליטישע פּאַרטייען און זייערע פירער
עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז אויך אין דער אָרגאַניזירונג פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָבן די פּאָליטישע פּאַרטייען געשפּילט אַן ערנסטע ראָל. דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין געטאָ, די ערשטע געמיינזאַמע מאַסן־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ באַוואָפנטן קאַמף האָבן געשאַפן נישט די יוגנט־אָרגאַני־

זאַציעס, נאָר פּאָליטישע פּאַרטייען: די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר קאָמוניסטן) אין געטאָ און די לינקע פּועלי־ציון. מ׳טאָר נישט פאַר־געסן די ראָל פון פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און דעם פּאַקט, אַז אין דער צייט פון אויפשטאַנד זענען צווישן די 22 קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע 10 פון זיי, כמעט אַ העלפט, באַשטאַנען פון פּאַרטיי־אַקטיוויסטן פון די פיר אַרבעטער־פּאַרטייען — בונד, קאָמוניסטן, לינקע פּועלי־ציון און פּועלי־ציון—צ.ס.

מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן וועגן די קעמפער און אויפשטענדלער פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (Ż.Z.W.), וועלכע זענען, אין זייער רוב, געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. בכלל — נישט אַלע אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד זענען געווען יוגנטלעכע. אַ טייל פון די געטאָ־קעמפער זענען געווען דערוואַקסענע מענטשן, מערסטנטייל פּאַרטיי־אַקטיוויסטן, געוויסע פון זיי — אויסגעדינטע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי. עס איז אויך אַ פּאַקט, אַז בראש פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע זענען געשטאַנען סיי פאָרשטייער פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און סיי טוער פון פּאָליטישע פּאַרטייען.
איך וואַרף אויך אָפּ, אַלס אַ נישט פּינקטלעכע, די געגנוג פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז צוליב דעם מאַסן־אַנטלויף פון פּוילן אויף מזרח, ביים אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה (אָנהויב סעפּטעמבער 1939), פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אָנפירונג און אַקטיוו פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אוןווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זענען זיי געבליבן אין געטאָ — אָן פירער. אַ פּאַקט איז, אַז, נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אָפּפלוס פון טוער, זענען אין געטאָ געבליבן באַקאַנטע און באַדייטנדיקע טוער פון כמעט אַלע פּאַרטייען, מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעטן און אַפילו פּאַרטיי־פירער ווי שכנא זאַגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון, ווי אַלעקסאַנדער זישע פרידמאַן פון אגודת־ישראל, אָדער — ווי די פירער פון דזשוינט — יצחק גיטערמאַן און דניאל גוזשיק, דער פּאָרזיצער פון יידישן סוחרים־פאַראיין אברהם געפּנער און אַנדערע.
עס איז אמת, אַז אין געטאָ האָבן זיך אַרויסגערוקט אויך נייע פירער און אַז אַלץ אַ גרעסערע ראָל האָבן געשפּילט, באַזונדער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, די פירער פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. יעדנפאַלס גלויב איך נישט, אַז אויב אין געטאָ וואָלטן געבליבן אַלע פאַרמלחמדיקע פירער פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָלט די אַנט־וויקלונג פון די געשעענישן געווען אַן אַנדערע.
איך בין געווען אין געטאָ פאַרבונדן מיט אַ סך טוער פון פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פון פאַרשידענע ריכטונגען. איך האָב אָבער נישט בדעה צו באַשרייבן גענוי די ראָל און די טעטיקייט פון די פּאַרטייען און יוגנט־באַוועגונגען. דאָס פאָדערט אַ באַזונדערע מאָנאָגראַפיע. עס איז אויך קלאָר, אַז

נישט וועגן אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ האָב איך די נויטיקע אינפאָרמאַציעס.

איך האַלט בלויז פאַר מיין חוב צו כאַראַקטעריזירן אין אַלגעמיינע שטריכן און אויפן סמך פון פערזענלעכע זכרונות, די ראָל און די טעטיקייט פון די פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, באַזונדער פון די, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרעסערע ראָל אין דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, און שפּעטער — אין אויפשטאַנד. איך האַלט דאָס פאַר נויטיק, כדי צו קאָנען אויפקלערן דעם כאַראַקטער פון געטאָ־ווידערשטאַנד. איך טו עס אָבער אויך, כדי צו באַערן דעם אָנדענק און אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד די טויזנטער טוער און אַקטיוויסטן פון אַלע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן מיט לייב און לעבן, ביז זייער לעצטן אָטעם, געדינט די יידישע מאַסן אין געטאָ, און געשטאַנען אויף דער וואַך, יעדער לויט זיין אידעאיש־פּאָליטישן גלויבן, פון מענטשלעכן און יידישן כבוד.

איידער איך טרעט צו צו די סקיצן וועגן די באַזונדערע באַוועגונגען, וויל איך נאָך ווידמען עטלעכע ווערטער דער ראָל און באַדייטונג פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע אין וואַרשעווער געטאָ.

## די ראָל פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע

איינער פון די בולטסטע ביישפּילן פון דער אינטענסיווער אונטערערדישער טעטיקייט סיי פון פּאָליטישע פּאַרטייען און סיי פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען דער גוואַלדיקער וווקס פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע אין געטאָ. עס איז מיר איצט אַליין שווער צו גלויבן, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין געטאָ זענען דערשינען העכער 40 (פּערציק!) צייטשריפטן און ראַדיאָ־ביולעטינען.

צווישן זיי איז מער ווי אַ העלפט אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן און עטוואָס ווייניקער ווי אַ העלפט — פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און פון די יוגנט־פאַרבאַנדן ביי די פּאָליטישע פּאַרטייען. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די אַלע צייטשריפטן און ביולעטינען, מערסטנטייל העקטאָגראַפירטע, זענען דערגאַנגען צו צענדליקער טויזנטער לייענער און האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם לעבן אין געטאָ. זיי זענען געווען אַ סטימולירנדיקער און מאָביליזירנדיקער פאַקטאָר. זיי האָבן כמעט אַלע, אומאָפּהענגיק פון דער אידעאיש־פּאָליטישער איינשטעלונג, גערופן די מאַסן צום אויפשטאַנד און צו אַן אַקטיווער האַלטונג.

אַ באַזונדערן אינטערעס צווישן די ברייטע מאַסן אין געטאָ האָבן אַרויסגערופן די ראַדיאָ־ביולעטינען. זיי האָבן דאָך אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און וועגן אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן, וועגן פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ לעבנס־באַדייטונג אויך פאַר יידישע מאַסן. ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען דאָך געווען פאַרבאָטן. די גרעסערע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָבער געהאַט אויסבאַהאַלטענע, געהיימע ראַדיאָס. די אַקטיוויסטן, וועלכע

האָבן די אַפּאַראַטן פֿאַרמאָגט, האָבן טאָג און נאַכט ריזיקירט מיטן לעבן. אויך דאָס אַרויסגעבן אַ געהיימע צײַטשריפֿט, אָדער ראַדיאָ־ביולעטין, איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ טאָג־טעגלעכער לעבנס־געפֿאַר. עס האָבן דאָך נישט געפֿעלט קיין געסטאַפּאָ־אַגענטן אין געטאָ. נישט אומזיסט איז אין אַ סך געהיימע פּרעסע־אָרגאַנען געווען צום סוף פֿון נומער אָפּגעדרוקט אַזאַ רוף און וואָרנונג: ״חבר! נאָכן דורכלייענען — גיב עס איבער אין טרייע, חברישע הענט! היט זיך פֿאַר פּראָוואָקאַטאָרן און אַגענטן פֿון שונא!״

די גאַנצע אונטערערדישע יידישע פּרעסע איז געווען באַהויכט מיטן גייסט פֿון שנאה צו די דייטשן און צו די, וואָס פֿירן אויס זייערע פֿאַראָרדנונגען און באַפֿעלן לגבי דער געטאָ־באַפֿעלקערונג — צום יודנראַט און צו דער געטאָ־פּאָליציי. אין יאָר 1941 האָט די מערהייט פֿון די געהיימע פּרעסע־אָרגאַנען גערופֿן צו אַ ציווילן ווידערשטאַנד לגבי דעם יודנראַט און געטאָ־פּאָליציי. פֿון די ערשטע חדשים פֿון 1942, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין אין וואַרשעווער געטאָ די אַלאַרמירנדיקע ידיעות וועגן שחיטות פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די מזרח־קאַנטן און מערב־קאַנטן פֿון פּוילן, האָט כמעט די גאַנצע אונטער־ערדישע געטאָ־פּרעסע, אומאָפּהענגיק פֿון פּאָליטישער באַפֿאַרבונג, אָנגעהויבן צו רופֿן צו אַן אַקטיוון און באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד קעגן דעם היטלעריסטישן שונא.

אַ טייל פֿון די יידישע צײַטשריפֿטן האָט זיך אויך באַנוצט מיט די אינפֿאָרמאַציעס און מאַטעריאַלן פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע. די פּוילישע קאָנספּיראַטיווע צײַטונגען און ביולעטינען זענען אַרײַן אין געטאָ אויף פֿאַרשידענע וועגן. עס האָבן זיי אָפּטמאָל מיטגעבראַכט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער אַרישער זייט, אויף פֿאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער (פּלאַצוווקעס). מ׳האָט זיי אַ מאָל געקאָנט קויפֿן ביי יידישע שמוגלערס, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט זייערע פּוילישע קאָלעגן. ביז דער צייט, ווען איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש, אַלס דירעקטאָר פֿון צענטאָס, אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט, האָב איך די קליינע צײַטונגלעך (Gazetki), ווי מ׳האָט זיי גערופֿן, אָפּטמאָל מיטגעבראַכט אין די שיך. איך האָב זיי באַקומען פֿון מיינע פּוילישע פֿריינט, אונטערערדישע טוער. די טראַגישע נאַכט פֿון 18־טן אויף דעם 19־טן אַפּריל 1942, ווען די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָבן אַרויסגעשלעפּט פֿון די הייזער און דערשאָסן אויף דער גאַס 52 יידן, צווישן זיי באַקאַנטע געזעלשאַפֿטלעכע טוער (ווי מנחם לינדער א.א.) און דרוקער־אַרבעטער, איז געווען פֿאַרבונדן מיטן שטאַרקן וווקס פֿון דער געהיימער פּרעסע אין געטאָ.

אַ קורצע צייט נאָך דער נאַכט איז אין צענטאָס פֿאָרגעקומען אַ ברייטע געזעל־שאַפֿטלעכע באַראַטונג וועגן צוגרייטונגען צו אַ נייעם ״חודש פֿון קינד״. אין דער באַראַטונג האָט אויך אָנטיילגענומען דער פֿאָרזיצער פֿון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו. אין זיין אַרויסטרעטונג האָט ער געהאַלטן פֿאַר נויטיק אָנצו־

גרייפן ברוטאַל די יידישע אונטערערדישע פּרעסע אין געטאָ, אָנרופנדיק זי — ״די פאַרשאָלטענע שמאַטקעס (Szmatki), וועלכע קאָנען אונדז דערפירן צום אונטערגאַנג״.

עס האָט אין מיר אַלץ געקאָכט, ווען איך האָב געהערט דעם דאָזיקן אָנגריף. פאַר אונדז, אונטערערדישע טוער, זענען די געהיימע פּרעסע־אָרגאַנען געווען כמעט געהייליקטע אַלאַרם־ און קאַמפס־אינסטרומענטן קעגן די דם־שונאים פון יידישן פאָלק, אָבער פאַר טשערניאַקאָוון זענען דאָס געווען ״שמאַטקעס״. טשערניאַקאָוו האָט אויך איינגעלאַדן צו זיך דר. רינגעלבלומען און אַנדערע אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטלעכע טוער. ער האָט זיי געדראָט און געפאָדערט אָפּצושטעלן דאָס אַרויסגעבן די געהיימע צייטשריפטן. דאָס האָט אים אָבער ווייניק געהאָלפן. נישט געקוקט אויף טשערניאַקאָווס דראָאונגען און פאָדערונגען, זענען אויך נאָך דער ״שוואַרצער נאַכט״, אין מאַי און יוני 1942, ווייטער דערשינען צייטשריפטן און ראַדיאָ־ביולעטינען פון פאַרשידענע ריכטונגען. זיי זענען דאַן געווען נאָך מער קעמפעריש און מיליטאַנטיש. זיי האָבן גערופן צו אַן אַקטיוון און באַוואָפנטן קאַמף.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער אונטערערדישער פּרעסע אין געטאָ איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דר. עמנואל רינגעלבלום. אין מאָמענט ווען די גאַנצע פּרעסע וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, וועט דאָס זיין אַ נייע באַשטעטיקונג פון דער וויטאַליטעט און פון דעם אומבויגזאַמען ווידערשטאַנד־ און קאַמפס־גייסט פון די יידישע מאַסן.

די גאַנצע אַרמיי פון רעדאַקטאָרן, מיטאַרבעטער, דרוקער און געהיימע קאָלפּאָרטערן פון דער יידישער אונטערערדישער פּרעסע אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע האָבן געטאָן זייער הייליקע אַרבעט מיט דער גרעסטער מסירות־נפש, דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן!

### לינקע פּועלי־ציון

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דעם איבערבליק וועגן דער טעטיקייט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ הויב איך אָן פון דער פּאַרטיי מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן און קען איר טעטיקייט אַמבעסטן, אויפן סמך פון פּערזענלעכער דערפאַרונג — פון די לינקע פּועלי־ציון. איך האָב דאָך אָנגעהערט צו דער ענגער, צענטראַלער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, צו דער קאָנספּיראַטיווער ״טרויקע״, צוזאַמען מיט שכנא זאַגאַן און דר. עמנואל רינגעלבלום. שפּעטער, אויף דער אַרישער זייט האָב איך אָנגעפירט מיט דער אונטערערדישער לייטונג פון די לינקע פּועלי־ציון. נאָך דער באַפרייאונג, אין דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק, בין איך געווען פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און איך האָב זי רעפּרעזענטירט אַלס דעלעגאַט אין דעם ערשטן פּאַרלאַמענט פון פאָלקס־פּוילן.

איך מיין, אַז איך קאָן שרייבן וועגן דער טעטיקייט פון די לינקע פועלי־ציון אין געטאָ אָביעקטיוו, אָן אַפּאָלאָגעטיק און אויך אָן אַ סוביעקטיווער איינ־שטעלונג. זינט לאַנגע יאָרן געהער איך נישט צו דער דאָזיקער באַוועגונג. אַלס אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פאָרמאַציע עגזיסטירט זי שוין נישט. איך האָב זי אָבער געגנוי געקענט, מיט אירע ליכטיקע און שאָטן־זייטן. איך בין דאָך אַריינ־געטראָטן אין דער באַוועגונג מיט 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1925, נאָך אין די סטודענטישע יאָרן, און געווען אין איר טעטיק 27 יאָר, ביז 1952. ווי איך האָב שוין געשריבן, האָט מיך פאַרבונדן מיט דער פאַרטיי עמנואל רינגעלבלום. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זענען געוואָרן נאָענטע פריינט און קאַמפּס־חברים אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער, אויף דער אַרישער זייט, ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

מיין פּאַרטיי־קאַריערע האָב איך אָנגעהויבן פון דער אָנפירונג מיט דער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע, שפּעטער בין איך לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אין פּוילן. נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה, אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון אין באַזעל, אין יאָר 1946, בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אין די העכסטע אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג, אין דעם ביוראָ פון איר וועלט־פאַרבאַנד. איך בין געווען אַ מיטגליד פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ אויך נאָך דער עליה קיין ישראל, ביזן 1952, ביז די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע דיסקוסיעס און ביז די שפּאַלטונגען, סיי אין מפ״ם און סיי אין דער פראַקציע פון די לינקע פועלי־ציון.

ווען איך שאַץ איצט אָפּ רעטראָספּעקטיוו, נאָך העכער 30 יאָר, די טעטיקייט און דעם קאַמף פון די לינקע פועלי־ציון בכלל און אין וואַרשעווער געטאָ בפרט, טו איך עס מיט אַ געפיל פון דרך־ארץ און מיט אַ טיפן סענטימענט.

דאָס איז געווען אַ באַוועגונג פון טויזנטער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן מיט אַן אידעאַליסטישן ברען געשטרעבט צו דער נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונג און ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק און צו אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון יידישע מאַסן אין דעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד פון יידישן פאָלק און צו אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. איר טעאָרעטישע און אידעאָ־לאָגישע באַזע איז געווען — מאַרקסיזם און באָראָכאָוויזם. זי האָט זיך אין אירע סאָציאַליסטישע שטרעבונגען געפילט פאַרבונדן מיט דער לינקער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט דעם קעמפערישן אַנטיפאַשיס־טישן און אַנטיאימפּעריאַליסטישן לאַגער און מיט די גרונט־אידעען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

גלייכצייטיק האָט זי געפירט אַן אומאויפהערלעכן, פאַרביטערטן קאַמף קעגן די שטעלונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען לגבי דעם יידישן פאָלק און לגבי ארץ־ישראל, קעגן דער אַסימילאַציע אַלס לייזונג פונעם יידן־פּראָבלעם און קעגן די אַנטיציוניסטישע שטעלונגען פון בונד און פון די

יידישע קאָמוניסטן (יעווסעקציע). די באַוועגונג האָט זיך געפּילט פאַרבונדן מיטן לאַגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. קורץ פאַר דער מלחמה האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און אָנטיילגענומען אין ציוניסטישן קאָנגרעס אויגוסט 1939, אין זשענעוו.

אויך אין וואַרשעווער געטאָ איז די לינקע פּועלי־ציון געבליבן געטריי איר אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער גענעראַל־ליניע. אין איר אונטערערדישער פּרעסע, אויף אירע קאָנפערענצן, סעמינאַרן און פאַרזאַמלונגען האָט זי ווייטער פּראָקלאַמירט איר שטרעבונג צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און צו אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. איר געטריישאַפט צום מאַרקסיסטישן באָראָכאָוויזם און איר אידעאיש־פּאָליטישע פאַרבינדונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אָנבליק פון דער מערדערישער היטלעריסטישער הערשאַפט, איז אין געטאָ אָפּגעשוואַכט געוואָרן די פּאָליטישע פּאָלעמיק מיט אַנדערע ריכטונגען. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צום אַקטיוון קאַמף קעגן דעם דייטשן בלוט־שונא און דער ווילן צו שאַפן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן אַנטיהיטלעריסטישן קאַמפּס־פראָנט. צוליב קאָנספּיראַטיווע סיבות האָט זיך די לינקע פּועלי ציון באַנוצט אין געטאָ, אין איר פּרעסע, אויפרופן און פּרינציפּיעלע דערקלערונגען, מיטן נאָמען: דער יידישער מאַרקסיסטישער לאַגער. די פּאַרטיי האָט נישט אָנגעהערט צו די גרעסטע און שטאַרקסטע פּאָליטישע גרופּירונגען, אָבער צוליב אַ ריי סיבות, אויך פּערסאָנעלע, האָט זי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע און וויכטיקע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון געטאָ, ווי אויך אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

זי האָט פאַרמאָגט אַ פאַרהעלטנישמעסיק פאַרצווייגטע געהיימע פּרעסע. דער צענטראַלער אָרגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון האָט געהייסן פּראָלעטאַרישער געדאַנק. זיין הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען שכנא זאַגאַן. אויך איך האָב אָנטיילגענומען אין דער צייטשריפט. אויסער איר זענען דערשינען, פון צייט צו צייט, פּובליקאַציעס פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע — צווישן זיי דער יוגנט־רוף. דערצו זענען נאָך אַרויס, ווידער פון צייט צו צייט, צוויי צייטשריפטן אין דער פּוילישער שפּראַך, דער פּאַרטיי־אָרגאַן נאַשע האַסלאַ (אונדזערע לאָזונגען) און דער יוגנט־אָרגאַן אַוואַנגאַרדאַ.

עס ליגן איצט פאַר מיר אַ פּאָר נומערן פון פּראָלעטאַרישן געדאַנק און יוגנט־רוף, וואָס זענען געפונען געוואָרן אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו. איך נעם זיי מיט פּיעטעט אין האַנט. זיי זענען שוין עטוואָס פאַרוועלקט, אָבער נאָך גוט לעזבאַר. וואָס לייענען מיר אין זיי?

אין פּראָלעטאַרישן געדאַנק, נומער 2, אַרויסגעגעבן צום 1־טן מאַי 1941, ווערט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף „צו די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן", אונטערגעשריבן דורך דעם יידיש־מאַרקסיסטישן לאַגער. נאָך אים פּאָלגן אַ פּאָר פּאָליטישע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס און נאָך זיי עטלעכע זייטן

פון אינפאָרמאַציע און ידיעות פון געטאָ־לעבן. דער נומער נעמט אַרום 8 זייטן און אין דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק נומער 3, אַרויסגעגעבן אין יוני 1941, שוין נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דער גאַנצער נומער איז רייכער און פאַרביקער פון דעם פאָריקן (נעמט אַרום 12 זייטן), שטייט אין צייכן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש. עס עפנט דעם נומער אַן ענטוזיאַסטישער אויפרוף פון דער פּאַרטיי וועגן דער היסטאָרישער וויכטיקייט פון דער געשעעניש. דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט די ווערטער: ״זאָל לעבן די זיגרייכע רויטע אַרמיי! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!״

גלייך נאָך דעם אויפרוף פאָלגט אַ פּאָליטיש אַרטיקל אונטערן קעפּל ״אין דער היסטאָרישער שעה״, מיט אַ גענויער פּאָליטישער און סטראַטעגישער אָפּשאַצונג. עס הויבט זיך אָן מיט דעם פאָלגנדיקן זאַץ: ״דער גרויסער געשיכטלעכער מאָמענט איז געקומען. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גיגאַנטישער געראַנגל צווישן די אַרמייען פון פאַשיזם און היטלעריזם מיט דער מעכטיקער פּראָלעטאַרישער מלוכה. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף, וואָס וועט אַנטשיידן אויף דורות די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט״.

דאָס אַרטיקל ענדיקט זיך מיטן רוף: ״דער יידישער מאַרקסיסטישער לאַגער רופט די יידישע מאַסן צום גרויסן היסטאָרישן באַפרייאונגס־קאַמף״. גלייך נאָך אים קומט אַן אינפאָרמאַטיווער, ברייטער איבערבליק: ״די מיליטערישע לאַגע אויפן מזרח־פראָנט״. דאַן קומען אַ ריי אינטערעסאַנטע כראָניק־נאָטיצן אונטערן קעפּל: ״אין שוואַרצן שאָטן פון דער אָקופּאַציע״. נאָך זיי פאָלגט אַ פּאָליטישער פעליעטאָן ״פון דער זייט״. צום שלוס ווערן פאַרעפנטלעכט אויף דריי זייטן ״לעצטע ראַדיאָ־ידיעות״.

איך וויל באַטאָנען, אַז כמעט די גאַנצע אונטערערדישע פּרעסע אין געטאָ האָט אויף אַן ענטוזיאַסטישן אופן באַגריסט די רויטע אַרמיי ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה.

וואָס לייענען מיר אין דער צייטשריפט יוגנט־רוף, נומער 2, אָקטאָבער 1941? דאָס לייט־אַרטיקל איז אויף דער טעמע: ״די היסטאָרישע אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע״. דאַן פאָלגן אַ ריי אַקטועל־פּאָליטישע אַרטיקלען: ״די וועגן פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט״, ״דאָס פּנים פון צוקונפטיקן פוילן״ א.א., וועלכע אַנטהאַלטן אַ פּאָלעמיק מיטן בונד און די פּוילישע רעכטע סאָציאַליסטן. צום שלוס קומען אַ צאָל אינטערעסאַנטע נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ און קאָרעספּאָנדענצן פון לאָדזשער געטאָ און פון געטאָס אין אַ פּאָר קלענערע שטעט. דער נומער האָט 15 זייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַרטיי־צייטשריפטן, וועלכע זענען אַרויס אין יאָר 1942 האָבן געהאַט אַ נאָך מער אַקטועל־קעמפערישן כאַראַקטער. זיי האָבן גערופן צו אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד און צו דער שאַפונג פון אַ ברייטן נאַציאָנאַלן אַנטי־היטלעריסטישן פראָנט.

די ערשטע גרויסע קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון איז צונויפגערופן געוואָרן אין אַפּריל 1940, אין די פּסח־טעג, נאָך פּאַר דער שאַפונג פון געטאָ. איך געדענק, אַז אויף דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַן ערנסטע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע דעבאַטע וועגן דער לאַגע און די אַקטועלע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי. איך האָב זיך אין דער דעבאַטע אַקטיוו באַטייליקט. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנפערענץ איז שוין פאָרגעקומען אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען. די ווייטערדיקע קאָנפערענצן זענען געווען אין פאַרשלאָסענעם געטאָ, אין באַדינגונגען פון אַ נאָך שטרענגערער קאָנספּיראַציע.

אין געטאָ איז דאָס לעבן פון דער פּאַרטיי געווען דינאַמיש. עס זענען פאָרגעקומען, נישט געקוקט אויף די געפאַרן, אַ סך צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען, סיי פאַרבונדענע מיט אָנדענק־טעג, סיי אויף דרינגענדיקע אַקטועלע טעמעס. יעדעס יאָר, ביז דער גרויסער אַקציע זענען פאָרגעקומען פייערלעכע 1־טע מאַי־אַקאַדעמיעס און פאַרזאַמלונגען צו די באָראָכאָוו־יאָרצייטן, צום יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין יאַנואַר — די טראַדיציאָנעלע אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג — פייערלעכע פאַרזאַמלונגען צום אָנדענק פון די "דריי ל" — לענין, קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג. איך געדענק, אַז אויף איינער פון די "דריי ל"־פאַרזאַמלונגען האָט רעפערירט דר. עמנואל רינגעלבלום.

מיט די גאַנצע טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּרעסע־טעטיקייט האָט אָנגעפירט אַ ברייטער פּאַרטיי־קאָמיטעט. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען אַ מיטגליד פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און פון צייט צו צייט אָנטייל־גענומען אין זיינע זיצונגען, אָבער צוליב מיין אָנגעשטרענגטער און זייער אָבסאָרבירנדיקער אַרבעט אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון דער גרויסער קינדער־שוץ־אָרגאַניזאַציע צענטאָס, האָב איך נישט געקאָנט זיין טעטיק אין דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. איך האָב זיך אָבער כמעט יעדן טאָג געטראָפן מיט זאַגאַנען און מיט רינגעלבלום און מיט זיי אַרומגערעדט סיי די אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן און סיי די דרינגענדיקע ענינים פון דער סאָציאַלער אַליינ־הילף.

די לינקע פועלי־ציון האָט געשפּילט אַן ערנסטע ראָל אין דעם וויכטיקסטן סעקטאָר פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ — אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און אירע פאַרשידענע צווייגן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז מיר, אַלע דריי, מיטגלידער פון דער צענטראַלער, שטרענג פאַרקאָנספּירירטער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, האָבן געהאַט אָנפירנדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס אין דעם אַלגעמיינעם געטאָ־לעבן, אין דער סאָציאַלער אַליינהילף. רינגעלבלום איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון דער זייער פאַרצווייגטער סאָציאַלער שוץ פאַר דערוואַקסענע און פון דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דער אַליינהילף (הויז־קאָמיטעטן, ראַיאָנען א.א.). גלייכצייטיק איז ער געווען דער אָרגאַני־

זאַטאָר און פירער פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת, און איינער פון די פירער פון דער געהיימער קולטור־אָרגאַניזאַציע ייקאָ״ר. איך בין געווען דער הויפּט־לייטער פון דער זייער פאַרצווייגטער קינדערשוץ מיט אירע העכער 100 אַנשטאַלטן. שכנא זאַגאַן איז געווען איינע פון די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן אין געטאָ, איינער פון די אָנערקענטע פירער פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער סאָציאַלער אַלייגהילף, אַ מיטגליד פון דעם געזעלשאַפטלעכן ראַט ביים דזשוינט, איינער פון די פירער און דער פּאַקטישער וואָרט־זאָגער פון דעם פאַראייניקטן שול־קאָמיטעט פון אַלע שול־ריכטונגען, אויך אין דער צייט פון געהיימען שול־וועזן, און אויך איינער פון די פירער פון ייקאָ״ר.

זאַגאַן האָט אָנטיילגענומען אין אַלע דעלעגאַציעס פון דער אָנפירונג פון דער סאָציאַלער אַלייגהילף צום יודנראַט, כדי שאַרף צו פּראָטעסטירן קעגן דער אַנטיסאָציאַלער פּאָליטיק און קעגן די הימלשרייענדיקע עוולות, וועלכע דער יודנראַט האָט געמאַכט לגבי די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין געטאָ, וועלכע האָבן געלעבט אין שרעקלעכער נויט. ער האָט נישט איינמאָל געמאַכט די פירער פון יודנראַט וויסטע סקאַנדאַלן. זאַגאַן איז געווען איינער פון די געציילטע פירער, מיט וועלכע דער פאָרזיצער פון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו, האָט זיך גערעכנט. נישט אומזיסט האָבן ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אומאָפּ־העגניק פון פּאָליטישע איבערצייגונגען, געהאַט צו זאַגאַנען אַ באַציאונג פון צוטרוי און אָנערקענונג.

אין דער צייט ווען דר. עמנואל רינגעלבלום איז, אַ דאַנק דעם רינגעלבלום־אַרכיוו, געוואָרן באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט און אַפילו אין געוויסע נישט־יידישע קרייזן, איז דער נאָמען שכנא זאַגאַן ווייניק באַקאַנט, אויך אין דער געטאָ־ליטעראַטור. איך באַטראַכט דאָס פאַר אַן עוולה.

מיט זאַגאַנען בין איך געווען באַקאַנט פון מיינע ערשטע טריט אין דער פאַרטיי, זינט מיינע סטודענטישע יאָרן. ער איז שוין דאַן געווען איינער פון די צענטראַלע און אָנערקענטע פירער פון די לינקע פועלי־ציון, צוזאַמען מיט יעקב זרובבל, נתן בוקסבוים, יצחק לעוו א.א.

ער איז געווען אַ סך עלטער פון מיר, געבוירן אין יאָר 1892, אין קראָקע (קראַקוּוו). אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, כמעט שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — האָט פון אים געשפּרודלט מיט ענערגיע און זעלבסטזיכערקייט. ער איז געווען אַ קלוגער מענטש, פול מיט הומאָר, אָפּטימיסטיש, אפשר צו שטאַרק זעלבסטזיכער און צו שטאַרק אָפּטימיסטיש. געווען אַ פעאיקער פּובליציסט און רעדאַקטאָר. פאַר דער מלחמה האָט ער זיך באַנוצט מיטן פּסעוודאָנים ש. נירנבערג. נישט קיין שלעכטער רעדנער און רעפערענט. זיין הויפּט־כוח איז אָבער געווען — גרויסע פעאיקייטן צו פּראַקטישער, אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

שכנא זאַגאַן איז געווען אַן אָנהענגער פון אַקטיוון ווידערשטאַנד און פון אַ

בריטן אַנטיהיטלעריסטישן קאַמפּס־פראָנט. ער איז געשטאַנען, צוזאַמען מיט מיר, ביי דעם וויגעלע פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ און אָנגעהערט צו זיין צענטראַלער אָנפירונג. שפּעטער, ווען עס איז אויסגע־בראָכן די ערשטע אַקציע איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער איז אָבער געווען, צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער, איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער אַקציע.

דאָס איז נאָך געשען אין דער ערשטער פאַזע, דעם 1־טן אויגוסט 1942. איך געדענק, אַז איך האָב געדאַרפט אין דעם זעלבן טאָג קומען צו זאַגאַנען אַהיים, כדי אַרומצורעדן מיט אים דעם אינהאַלט פון אַ פאַרטיי־לאָזונג, וואָס זאָל רופן צו אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. אָבער שוין אין דער פרי האָט מען מיך אַלאַר־מירט, אַז דאָס הויז וווּ זאַגאַן האָט געוווינט, אויף נאָוואָליפּיע, און אַ גאַנצער בלאָק פון די אַרומיקע הייזער איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דורך די ס.ס.־לייט און דורך די געטאָ־פּאָליציאַנטן און, אַז עס קומט דאָרט פאָר אַ שרעקלעכע, אכזריותדיקע בלאָקאַדע. ווען איך בין דאָרט געקומען צו לויפן, האָט זיך שוין די בלאָקאַדע געענדיקט. דאַן האָב איך גענומען אַ ריקשע און געפאָרן צום אומשלאַגפּלאַץ. אויך דאָרט איז שוין געווען צו שפּעט. די וואַגאָנען קיין טרעבלינקע זענען שוין אַוועק. שכנא זאַגאַן איז מיט זיין זייער סימפּאַטישער פרוי און צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, אומגעקומען אין דעם טויט־לאַגער.

איך געדענק, אַז מיר אַלע, נישט בלויז די פאַרטיי־טוער, נאָר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו האָבן דערפילט דאָס אַוועקרייסן זאַגאַנען אַלס אַ שווער אומגליק. מ'האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז אפשר וואָלט זאַגאַן אַליין געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם, ווי עס האָבן דאָס געטאָן אַ פּאָר מענטשן, אָבער זאַגאַן האָט נאָך דאַן געגלויבט, אין דער ערשטער פאַזע פון דער אַקציע, אין זיינע "באַשייניגונגען", אַלס לייטונגס־מיטגליד פון דער סאָציאַלער אַליינהילף. אויסער דעם האָט ער זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיין משפּחה. געווען אַן איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער. ער איז אומגעקומען אין עלטער פון 50 יאָר.

זאַגאַן איז געווען דער אַפּוטרופּוס פון 5 פאָלקס־קיכן, 4 פאַר דערוואַקסענע און איינע פאַר קינדער, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך די לינקע פּועלי־ציון. די קיכן האָבן געהאַט אַ דאָפּלטן ציל. זיי האָבן געגעבן די טעגלעכע זופּן עטלעכע טויזנט נויטבאַדערפטיקע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זייער טעגלעכן לעבן. גלייכצייטיק זענען זיי געווען אַ דעקמאַנטל פאַר דער אינטענסיווער פאַרטיי־פּאָליטישער אַרבעט. דאָרט זענען פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונגען, אַקטיוון, זיצונגען.

די צענטראַלע קיך איז געווען אויף עלעקטאָראַלנע 14, אין דעם לאָקאַל פון געוועזענעם האָלץ־פאַראיין, וואָס איז געווען אונטער דער השפּעה פון דער פאַרטיי. פאַר דער מלחמה האָט דאָרט "רעגירט" דער פּאָפּולערער אַלטער

אַרבעטער־טוער "לאָזער סטאָלאַר", אַן איבערגעגעבענער פּועלי־ציוניסט. ער איז אומגעקומען אין אַ דייטשן טויט־לאַגער. זיין פּאַקטישער נאָמען איז געווען — ריכטער.

אין געטאָ האָט אָנגעפירט מיט דער צענטראַלער פאָלקס־קיך פּאָלאַ עלסטער. זי איז געווען איינע פון די צענטראַלע פערזענלעכקייטן אין דער אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון אין געטאָ. אַן ערנסטע און אידעאַישע אַרבעטער־טוערין, האָט זי אַרויסגערופן צו זיך אַ באַציאונג פון צוטרוי, דרך־ארץ און סימפּאַטיע. אין אירע יוגנט־יאָרן איז זי געווען אַקטיוו אין השומר הצעיר, אָבער צוליב אידעאיש־פּאָליטישע טעמים איז זי מיט אַ גרופּע חברים אַריבער צו די לינקע פועלי־ציון און געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פ ר י י ע ר ש ו מ ר, וואָס האָט געשטאַרקט די יוגנט־באַוועגונג פון דער פּאַרטיי.

פּאָלאַ עלסטער איז געווען אַ מוסטערהאַפטע לייטערין פון דער גרויסער פאָלקס־קיך, אָבער גלייכצייטיק איז זי געווען זייער אַקטיוו אין דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און רעדאַגירט די פּאַרטיי פּרעסע אין דער פּוילישער שפּראַך. נאָכן אויפשטאַנד אין געטאָ איז זי פאַרשיקט געוואָרן אין דעם דייטשן לאַגער פּאָניאַטאָוו, אין לובלינער קאַנט. מיר, די אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון שוין אויף דער אַרישער זייט האָבן אַרויסגעשיקט אונדזערע רעטונגס־עמיסאַרן אין לאַגער. עס איז זיי געלונגען זי אַרויסצופירן און ברענגען קיין וואַרשע.

אויף דער אַרישער זייט איז זי געווען אין דער אונטערערדישער לייטונג פון דער פּאַרטיי. שפּעטער געוואָרן מיין פּאַרטרעטערין אין דעם פּוילישן אונטער־ערדישן רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט (ק.ר.נ. — נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט). זי איז אומגעקומען, מיט געווער אין האַנט, בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1944, צוזאַמען מיט הערש בערלינסקי און אליהו ערליך.

פּאָלעס יינגערע שוועסטער, בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ), דאַן אַ יונגיטשקע חברטע אין דער יוגנט־באַוועגונג, האָט שפּעטער, אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. זי איז געווען איינע פון די מוטיקסטע פאַרבינדלערינס פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער פּאַרטיי. געווען די רעכטע האַנט פון מיין פרוי און מיטקעמפערין, באַשיע, אין דער גרויסער רעטונגס־ און הילפס־אַרבעט פאַר יידן.

וואַנדאַ האָט אויסגעזען ווי אַ יונגע פּוילישע שיקסע, גלענצנד באַהערשט די פּוילישע שפּראַך, געווען פאַראַנטוואָרטלעך — אַ מוסטערהאַפטע קאָנספּיראַטיווע טוערין. זי לעבט איצט אין ישראל. איר נאָמען איז וואַנדאַ ראָטענבערג.

אויסער פּאָלאַ עלסטער האָבן אָנגעפירט מיט די פאָלקס־קיכן פון דער פּאַרטיי די פּאַרטיי־טוער: גניא בער, דער אָרגאַניזאַטאָר און רעזשיסער פון דראַמאַטישע קרייזן אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, משה ווידע, דער

מיטגליד פון צ.ק. פון דער יוגנט, שלמה לאָופּער און דער פּאַרטיי־רעפּערענט מרדכי שוואַרצבאַרד. די קיך פֿאַר קינדער האָט זיך געפֿונען אין דער באָראָכאָוו־שול אויף נאָוואָליפּקי 68. עס האָבן מיט איר אָנגעפֿירט די לייטערס פֿון דער שול.

די יידישע־וועלטלעכע שול א.נ. פֿון בער באָראָכאָוו איז געווען דאָס "אויג אין קאָפּ" פֿון דער פּאַרטיי. דאָס איז געווען איינע פֿון די מוסטער־שולן אין וואַרשעווער געטאָ, אויך אין דער צייט פֿון דעם געהיימען שול־וועזן, געשטאַנען אויף אַ הויכן פּעדאַגאָגישן ניוואָ.

מיט דער שול האָבן אָנגעפֿירט די דערפֿאַרענע פּעדאַגאָגן — פּייגע (פּעלאַ) הערצליך, (פֿרוי פֿון בונדישן טוער לוציאַן בליט, וואָס לעבט* אין ענגלאַנד), נתן סמאָליאַר (ברודער פֿונעם יידישן, קאָמוניסטישן טוער און שריפֿטשטעלער — הערש סמאָליאַר) און דער לערער און ליטעראַט ישראל ליכטנשטיין, דער געוו. סעקרעטאַר פֿון דער צייטשריפֿט ליטעראַרישע בלעטער.

דער לאָקאַל פֿון דער מוסטערהאַפֿטער שול און קיך איז אָבער געווען אויך אַ דעקמאַנטל פֿאַר אומלעגאַלער פּאָליטישער אַרבעט. דאָרט האָט, אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען, געאַרבעט די טעכניק פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי־פּרעסע, מיט וועלכער עס האָבן מיט געטריישאַפֿט אָנגעפֿירט: דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעט, שפּעטערדיקער מיטגליד פֿון דער קאָמענדאַנטור פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער אומפֿאַרגעסלעכער הערש בערלינסקי און ישראל ליכטנשטיין. פֿון דאָרט זענען די פּאַרטיי־צייטשריפֿטן פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנצן געטאָ, צו טויזנטער לייענער.

דאָרט האָט זיך אויך געפֿונען די צענטראַלע באַזע פֿון דעם רינגעלבלום־אַרכיוו, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט ישראל ליכטנשטיין און זיינע צוויי מיט־אַרבעטער, די יוגנטלעכע אַרבעטער און יונגבאָריסטן נחום גזשיוואַטש און דוד גרובער. זיי האָבן פֿאַרפּאַקט אין די בלעכענע קעסטלעך און די מילך־קאַנען די אומשעצבאַרע, גרויסע אוצרות פֿון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת. אַ דאַנק זייער זאָרגפֿעליקער אַרבעט האָט מען, נאָך דער מלחמה, געקאָנט אויס־גראָבן אַ גרויסן טייל פֿון אַרכיוו אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד. זיי האָבן אים פֿאַרגראָבן טיף אין דער ערד, אונטער דעם קעלער פֿון דער באָראָכאָוו־שול. צוזאַמען מיט די אומצייליקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט דער יונגער אַרבעטער־טוער דוד גרובער פֿאַרגראָבן זיין רירנדיקע צוואה, אין וועלכער ער האָט אויס־געדריקט זיין ווונטש, אַז דער אַרכיוו זאָל זיך געפֿינען "אין דעם מוזעום א.נ. פֿון בער באָראָכאָוו" אין דעם באַפֿרייטן, סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל!

עס איז כדאי צו וויסן, אַז אויסער דער באָראָכאָוו־שול האָט אַ געוויסע צייט

* לוציאַן בליט איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

עגזיסטירט אין אַ דאָרף ראַדאָשטש (אויף פויליש — פריידד), נישט ווייט פון וואַרשע, אַ פּרעווענטאָריע (פּאַרהיטונגס־אַנשטאַלט) פאַר שוואַכע קינדער. אויך אויף דעם נאָמען פון בער באָראָכאָוו. אויך מיט איר האָבן אָנגעפירט — פעלאַ הערצליך און ישראל ליכטנשטיין.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן די לינקע פועלי־ציון געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם געטאָ־אַרכיוו. אויסער רינגעלבלומען, וועלכער איז געווען דער שעפער און פירער פון אַרכיוו, און אויסער ליכטנשטיין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט זיין טעכניק, איז דער סעקרעטאַר פון אַרכיוו געווען דער דאַן יונגער עקאָנאָמיסט, הערש וואַסער, אַ מיטגליד פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פון די לינקע פועלי־ציון אין געטאָ. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיי־פּרעסע און געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף אויפן געביט פון הילף פאַר די פליטים.

אויך הערש וואַסער האָט שפּעטער, נאָך פאַרשידענע איבערלעבונגען, אָנטייל־גענומען אין דער קאָנספּיראַטיווער פּאַרטיי־טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט. איצט לעבט ער אין ישראל.

דער צווייטער סעקרעטאַר פון אַרכיוו איז געווען אליהו גוטקאָווסקי, אַ טוער פון פועלי־ציון צ.ס.

אויך אין דער געהיימער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע ייקאָ״ר האָבן געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל: שכנא זאַגאַן, עמנואל רינגעלבלום, ישראל ליכטנשטיין און אַנדערע טוער פון לינקע פועלי־ציון.

מיט אַ באַזונדערן פּיעטעט וויל איך דערמאָנען די טוער פון די לינקע פועלי־ציון, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אָרגאַניזאַציעס פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און די, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף, מיט געווער אין האַנט, בעתן געטאָ־אויפשטאַנד.

ווי איך האָב שוין באַטאָנט, האָט די פּאַרטיי פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט ביים מיטאָרגאַניזירן פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. אין דער פּאָליטישער לייטונג פון בלאָק האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען שכנא זאַגאַן, צוזאַמען מיט מיר. זאַגאַן איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פונעם קאָנספּיראַטיוון פּרעסע־אָרגאַן פון בלאָק — דער רוף.

אין דער לייטונג פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון בלאָק האָט די לינקע פועלי־ציון רעפּרעזענטירט דער אַרבעטער־טוער הערש לענט. ער איז געווען איינער פון די געציילטע יידישע טראַמוואַי־אַרבעטער אין וואַרשע. געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער פועלי־ציון־באַוועגונג. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער געלעבט אַ געוויסע צייט אין ארץ־ישראל אָבער צוליב געזונט־הייט־טעמים געקומען צוריק קיין פּוילן. אין ארץ־ישראל, אין נווה שאנן, איז געבוירן געוואָרן זיין זון. די עלטערן האָבן אים געגעבן דעם נאָמען שאנן.

דער יונגער, 17־יעריקער שאנן לענט, איז געווען איינער פון די יינגסטע מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין דער אָפּטיילונג פון די

לינקע פועלי־ציון. ער האָט מוטיק געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ. פון זיינע הענט זענען געפאַלן עטלעכע ס.ס.־לייט. דער יונגער זון פון נווה שאנן איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט.
איינער פון די מיליטערישע אינסטרוקטאָרן פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז געווען דער באַשיידענער האַלץ־אַרבעטער, פועלי־ציון־טוער, מאיר קראַמאַזש. ער איז געווען אַן אויסגעדינטער זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי און האָט געלערנט די קעמפער פון בלאָק ווי צו באַגיין זיך מיט געווער.
אַ זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, באַזונדער נאָך דער ערשטער אַקציע, האָט גענומען הערש בערלינסקי. דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע קעמפער־געשטאַלט.
ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1908 אין דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש, אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער געגנט — באַלוט. אַ זון פון אַ יידישער וועבער־משפחה איז ער אויך געווען אַ וועבער־אַרבעטער. פון זיין פריער יוגנט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג. געווען אַקטיוו נאָך אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע יונגבאָר (יונגע באָראָכאָוויסטן), דאַן אין דעם יוגנט־פאַרבאַנד און שפּעטער אין דער פּאַרטיי. שוין דאַן האָט ער זיך אויס־געצייכנט מיט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דעם לאָדזשער פאַרטיי־קאָמיטעט און איז דורך אים באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער פּאַרטיי־מיליץ אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע. געווען אַן אָנהענגער פון מאַרקסיזם און באָראָכאָוויזם. פון זיינע יוגנט יאָרן — אַ קעמפנדיקער אַנטיפאַשיסט. אין דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש איז געווען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פועלי־ציון, די גרעסטע אין פוילן. ווען עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה איז הערש בערלינסקי אַוועק פון לאָדזש.
אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געוואָרן איינער פון די פירנדיקע טוער אין דער פּאַרטיי. אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און לייטער פון דער געהיימער פּרעסע־טעכניק. נישט געווען קיין לייכטער מענטש. שטרענג און קריטיש, אָפּטמאָל שאַרף, געפאָדערט אַ סך פון זיך און פון אַנדערע, אָבער אַלע האָבן געשעצט זיין אידעאישן ברען און זיין איבערגעגעבנקייט.
בערלינסקי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַ יידישן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מיט פרייד האָט ער אויפגענומען די אַנטשטייאונג פונעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק און געווען טעטיק אין זיינע רייען. שפּעטער, נאָך דער ערשטער אַקציע איז ער געוואָרן איינער פון די מיטגרינדער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אין איר קאָמענדאַנטור האָט ער אָנגעפירט מיט דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג. ווען נאָך דער צווייטער אַקציע און נאָך די ערשטע גאַסן־קאַמפן אין געטאָ, האָט די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו מאָביליזירן גרעסערע געלט־סומעס, כדי איינצוקויפן געווער, איז הערש בערלינסקי געשטאַנען בראש די עקספּראָפּריאַציע־אַקטן (די "עקסן").

אין דער צייט פון אויפשטאַנד האָט זיך הערש בערלינסקי געפונען בראש פון דער קאַמפס־אָפּטיילונג פון די לינקע פועלי־ציון אין דעם בערשטלער־געביט און מוטיק געקעמפט. נאָך דעם אויפשטאַנד און נאָך פאַרשידענע איבער־לעבונגען, האָט זיך בערלינסקי געפונען אַ געוויסע צייט אויף דער אַרישער זייט און זיך באַטייליקט אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. ער האָט אויך דאַן געשריבן זיינע ווערטפולע זכרונות־נאָטיצן.

הערש בערלינסקי איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט, צוזאַמען מיט פּאָלאַ עלסטער און אליהו ערליך, בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1944. נאָך דער וועלט־מלחמה האָט דער שטאָט־ראַט אין לאָדזש באַשלאָסן אָנצורופן איינע פון די גאַסן אין דער באַלוטער געגנט אויפן נאָמען פון הערש בערלינסקי.

איך וויל דערמאָנען נאָך אַ פּאָר געציילטע נעמען פון געטאָ־קעמפער פון די לינקע פועלי־ציון רייען: אברהם דיאַמענט, אַ פּאַרטיי־טוער פון קאַליש, אַ געוועזענער קאַפּראַל (קאָרפּאָראַל) פון דער פּוילישער אַרמיי, אַ גוטער שיסער, האָט העלדיש געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד און אַוועקגעלייגט עטלעכע ס.ס.־לייט. ער איז אומגעקומען אויף די געטאָ־באַריקאַדן אין עלטער פון 42 יאָר.

אויך אברהם סטאָלאַק איז געווען אַ אויסגעדינטער קאַפּראַל פון דער פּוילישער אַרמיי און געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד. ער איז אומגעקומען שפּעטער, אין דער פּאַרטיזאַנקע. מיט אַ העלדן־טויט איז געפאַלן בעת דעם אויפשטאַנד דער יונגער, 19־יעריקער יוגנט־טוער, הערשל וורוֹנסקי, דער זון פון אַן אַלטן טוער פון די לינקע פועלי־ציון, יאָסל וורוֹנסקי. (איצט אין ישראל). אויך יחיאל גורני, אַ פּאַרטיי־חבר, מיטאַרבעטער פון עונג־שבת, איז געפאַלן אין קאַמף.

אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט גענומען דער טוער פון די לינקע פועלי־ציון מלך פיינקינד. מ'האָט אים גערופן „מלך עסדעק", ווייל אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער לינקער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער צוליב איר אַסימילאַ־טאָרישער שטעלונג לגבי דעם יידן־פּראָבלעם האָט ער פאַרלאָזט די ס.ד.־פּאַרטיי און געוואָרן אַן אַקטיווער טוער ביי די לינקע פועלי־ציון. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי, אינעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק און אין דער סאָציאַלער אַלייןהילף. ער האָט אויך געהאָלפן אין דער טעכנישער אַרבעט פון דער חלוצישער באַוועגונג דרור. נאָך דער ערשטער אַקציע האָט ער רעפּרעזענטירט די לינקע פועלי־ציון אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אין דער אונטערערדישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. נאָך דעם אויפשטאַנד איז מלך פיינקינד פאַרשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון וואַרשעווער געטאָ, אין דעם לאַגער פּאָניאַטאָוו, אין לובלינער קרייז. דאָרט, אין די קאַשמאַר־באַדינגונגען, האָט מלך פיינקינד, צוזאַמען מיט אַנדערע טוער,

אָרגאַניזירט אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און געפּלאַנט אַן אויפשטאַנד אין לאַגער. די ס.ס. האָבן אָבער פריער אַדורכגעפירט אַ שרעקלעכע מאָרד־אַקציע. מלך פיינקינד איז דאָרט אומגעקומען, צוזאַמען מיט פופצן טויזנט יידן, מערסטנ־טייל פון וואַרשעווער געטאָ.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך איבערצוגעבן אין דעם דאָזיקן איבערבליק פּרטים וועגן אַ ל ע אַקטיוויסטן פון דער פּאַרטיי. איך פאַרמאָג אַ רשימה פון אַרום 100 אַקטיוויסטן. איך וויל בלויז זאָגן, אַז זיי זענען געווען געטרייע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק און פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. זיי זענען כמעט אַלע אומגעקומען, צוזאַמען מיט פיל הונדערטער סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג, וועלכע האָבן זי אַקטיוו געשטיצט אויך אין די קאָשמאַר־באַדינגונגען פון געטאָ.

ווען איך האָב, שוין אויף דער אַרישער זייט, אין די יאָרן 1943 און 1944, געשריבן די אויספירלעכע געהיימע באַריכטן, פאַר די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, דער עיקר — אין ארץ־ישראל, אין נאָמען פון דעם אונטער־ערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (Ż.K.N.) ווי אויך אין נאָמען פון דער קאָנספּיראַטיווער אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון, האָב איך זיך באַמיט אָפּצושפּיגלען אויך די שטרעבונגען פון די געטאָ־קעמפער. די באַריכטן, בריוו און אַנדערע מאַטעריאַלן זענען, אין דער פאָרם פון מיקראָפילמען, אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, אויף קאָנספּיראַטיווע וועגן, אַ דאַנק דער הילף פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אין איינעם פון די באַריכטן צו דער אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון אין ארץ־ישראל, צו די חברים — זרובבל, ערעם, מולע (שמואל עדעלמאַן), אַבראַמאָוויטש און יצחקי, האָבן מיר געשריבן: „אויך איצט, אין אָנבליק פון טויט און אומקום, זענען מיר מיטן גאַנצן האַרצן באַטייליקט אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, פאַר אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל".

**פועלי־ציון (צ.ס.) און דרור**

וועגן דער טעטיקייט און ראָל פון די לינקע פועלי־ציון אין וואַרשעווער געטאָ האָב איך געשריבן גענויער, ווייל זי איז מיר גוט באַקאַנט פון פּערזענלעכער דערפאַרונג. איר שילדערונג גיט אויך אַ געוויסן בילד פון דער טעטיקייט פון פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ בכלל, ווייל אַ טייל פון די פּאַרטיי־אַקטיוויטעטן איז געווען ענלעך ביי פאַרשידענע פּאַרטייען.

די ווייטערדיקע שילדערונגען פון אַנדערע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ וועלן זיין קירצערע. איך וועל זיך אָפּשטעלן מער אויף די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון די באַוועגונגען און אויף זייער ראָל אין דער יידישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג.

פאַר דער וועלט־מלחמה זענען די באַציאונגען צווישן די לינקע פועלי־ציון און פועלי־ציון (צ.ס.) געווען גענוג אָנגעשטרענגטע. די שטעלונגען פון ביידע

פועלי־ציון, סיי לגבי די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און לגבי די פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי צו דער ציוניסטישער און ארץ־ישראלדיקער פּראָבלעמאַטיק זענען געווען פאַרשידענע, אָפּטמאָל קעגנ־זעצלעכע.

קאָנטאַקטן צווישןביידע פּאַרטייען האָבן עגזיסטירט אויך פאַר דער מלחמה. די לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דעם לאַגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער וועלט־קאָנפערענץ פון דעם דאָזיקן לאַגער, אין יאָר 1930 אין בערלין, און אַקטיוו געשטיצט דעם פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד (פּ.א.פ.—קפא"י). אין מאָמענט, ווען די וועלט־קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון אין ארץ־ישראל, אין יאָר 1938, האָט באַשלאָסן אָנצושליסן זיך אָן דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע, זענען די קאָנטאַקטן געוואָרן נאָך ענגער.

אין וואַרשעווער געטאָ, ווו די אידעאיש־פּאָליטישע אונטערשידן זענען, אין אָנבליק פון דער לאַגע פון די יידישע מאַסן, אָפּגעטעמפּט געוואָרן זענען די באַציאונגען צווישן די צוויי פועלי־ציון־פּאַרטייען געווען גענוג פריינטשאַפט־לעכע. איך פּערזענלעך בין געווען אין באַזונדער גוטע באַציאונגען מיט די טוער פון פועלי־ציון (צ.ס.) וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט אין דעם קינדערשוץ־אָרגאַני־זאַציע צענטאָס און אין דעם געהיימען שול־וועזן. דער ענערגישער טוער אברהם שמידט איז געווען איינער פון מיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין דער אָנפירונג פון צענטאָס. דער אַדוואָקאַט לייב כ"ץ האָט געאַרבעט אין דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון צענטאָס און אין דעם געהיימען שול־קאָמיטעט רעפּרע־זענטירט די שול־קולט. די שול־קולט־ריכטונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט פועלי־ציון (צ.ס.) האָט אין איר פּראָגראַם סינטעטיש פאַרבונדן די יידישע שפּראַך און עברית.

שפּעטער, אין דער צייט פון אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943, איז אַדוו. כ"ץ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, צוזאַמען מיט זיין משפּחה, כדי נישט אַריינצופאַלן אין דייטשע הענט. אויך אהרון קאָנינסקי, דער לייטער פון אַ מוסטערהאַפטן קינדער־אינטערנאַט פון צענטאָס, דער שוואָגער פון דר. רינגעלבלום, איז מיר געווען נאָענט. ער איז געגאַנגען, צוזאַמען מיט די קינדער, אין די וואַגאָנען קיין טרעבלינקע.

איך האָב גוט געקענט איינעם פון די הויפּט־טוער פון פועלי־ציון (צ.ס.), דעם ענערגישן יוחנן מאָרגענשטערן, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, און שפּעטער, נאָך דער ערשטער אַקציע, אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין געטאָ, ווי אויך אַלס לייטער פון דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע. ער איז אומגעקומען אין דער צייט פון אויפשטאַנד.

איך האָב אויך געקענט אַנדערע פירנדיקע טוער פון פועלי־ציון (צ.ס.): שלום גראַיעק (שפּעטער סטעפּאַן), יוסף סאַק, לייזער לעווין, דעם פּעדאַגאָג און

ליטעראַט אליהו גוטקאָווסקי, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם געהיימען אַרכיוו עונג־שבת און מיטגעאַרבעט אין דער פּרעסע פון פּועלי־ציון (צ.ס.) און דרור, דעם פּעדאַגאָג חיים זעלמאַנאָווסקי, דעם מיטאַרבעטער פון עונג־שבת, פּרץ אָפּאָטשינסקי און אַנדערע טוער. איך האָב שוין דערמאָנט די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוערין רחל שטיין, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט און לייטערין פון דער צענטאָס־צענטראַלע. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד בעת דער גרויסער אַקציע.

פּועלי־ציון (צ.ס.) זענען געווען אַקטיוו אויף פאַרשידענע געביטן פון סאָציאַלער אַליינהילף. זיי האָבן אַרויסגעגעבן דריי אונטערערדישע צייטשריפטן: באַפרייאונג און אונדזער וועג אין דער יידישער שפּראַך און נאָוועטאָרי (נייע וועגן), אויף פּויליש.

די פּאַרטיי האָט אָנטיילגענומען סיי אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און סיי שפּעטער, אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די קאַמפּס־אָפּטיילונג פון פּועלי־ציון (צ.ס.), אונטער דער אָנפירונג פון מאַגיסטער מאַרעק (מאיר) מייעראָוויטש, איינער פון די פירנדיקע טוער פון דער פּאַרטיי, רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט העלדיש געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד. איז אומגעקומען נאָך דעם אויפשטאַנד, אויף דער אַרישער זייט.

אַ באַזונדער גרויסע, מ׳קאָן זאָגן — אַ היסטאָרישע ראָל האָט געשפּילט אין דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אין פּוילן בכלל די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע דרור. זי איז אַנטשטאַנען אַ קורצע צייט פאַר דער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1938, פון דער פאַראייניקונג פון צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: פרייהייט, דעם יוגנט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון (צ.ס.) און החלוץ הצעיר. בראש פון דרור זענען געשטאַנען די פירנדיקע טוער פון החלוץ נאָך פון פאַר דער וועלט־מלחמה, יצחק צוקערמאַן (שפּעטער אַנטעק) און זיין פרוי און מיטקעמפערין צביה לובעטקין.

מיר האָבן זיך אין וואַרשעווער געטאָ פערזענלעך געקענט, אָבער אַ לענגערע צייט נישט געהאַט קיין באַזונדערע פאַרבינדונג. מיר האָבן זיך דערנענטערט ערשט דאַן, ווען סיי דרור זענען צוגעטראָטן צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. דאַן בין איך מיט צביה לובעטקין געווען צוזאַמען אין דער קאָמיסיע פון בלאָק, וואָס האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן הילף פאַר די קרבנות פון אַנטיהיטלעריסטישן קאַמף.

אָבער אויך דאַן וואָלט אונדז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דער גורל וועט ביידן, יצחק צוקערמאַן און מיך, פאַרבינדן ביי דער צענטראַלער אָנפירונג פונעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט. יצחק צוקערמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע כלפּי די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּוילישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, ווען דער פריערדיקער פאָרשטייער פון דער יידישער

קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, אריה ווילנער (יורעק) פון השומר הצעיר, איז אַריינגעפּאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, על־פּי־נס, אַ דאַנק דער הילף פון זיינע פּוילישע פריינט, אַרויס לעבעדיק און זיך אומגעקערט, אַ פאַרוווּנדעטער, אין געטאָ.

איך בין באַשטימט געוואָרן, נאָך אין יאָר 1942, נאָך דער גרויסער אַקציע, אַלס אָפּיציעלער פאָרשטייער פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, דער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ פון דעם קעמפנדיקן געטאָ כלפּי די ציווילע, פּאָליטישע, אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פאַרצווייגטער און ברייטער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, כדי צו אַלאַרמירן די וועלט און צו אָרגאַניזירן די רעטונגס־טעטיקייט פאַר יידן.

קנאַפּע צוויי יאָר צייט האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען, טאָג איין טאָג אויס, אין דעם ענגן, דריי־פּערזאָניקן פּרעזידיום, פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. דער דריטער מיטגליד פון פּרעזידיום איז, אַלס פאָרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, געווען פריער דער דירעקטאָר פון דזשוינט דניאל גוזשיק, און שפּעטער דער אַדוואָקאַט שמעון גאָטעסמאַן, אַ טוער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין קראָקע (איצט — אין בראַזיל). אָבער פּאַקטיש איז די גאַנצע טאָג־טעגלעכע טעטיקייט, אויף פאַרשידענע געביטן, געלעגן אויף אונדזביידע. עס איז אויסגעקומען צו פירן די קאָמפּליצירטע און פאַרצווייגטע אַרבעט בוכשטעבלעך אין שאָטן פון טויט, ווען סיי אויף אונדז ביידע און סיי אויף גוזשיקן האָט געלויערט די געסטאַפּאָ. נישט געקוקט אויף געוויסע אידעאיש־פּאָליטישע ניואַנסן, האָבן מיר די גאַנצע צייט געאַרבעט זייער האַרמאָניש, אין גייסט פון קאַמפּס־ברודערשאַפט און פריינטשאַפט פון פראָנט־קעמפער. מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען און געבילדעט צוזאַמען אַ גוט פונקציאָנירנדיקן קאָלעקטיוו.

די פריינטשאַפט צווישן מיר, מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי און מיטקעמפערין, באַשיע, פון איין זייט און צווישן אַנטעקן און צביה (צעלינאַ), פון דער צווייטער זייט, האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין יאָר 1944. דאַן איז אַנטעק געווען דער קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געקעמפט אין די רייען פון דער לינקער פּוילישער פאָלקס־אַרמיי (אַ.ל. — אַרמיאַ לודאָוואַ), אויף די באַריקאַדן פון דער אַלטשטאָט, אין איינעם פון די הויפּט־צענטערס פון אויפשטאַנד. ווען די אַלטשטאָט איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען און איז כמעט אינגאַנצן רואינירט געוואָרן דורך די דייטשע אַעראָפּלאַנען, טאַנקן און האַרמאַטן, זענען די ביים לעבן געבליבענע, פּוילישע און יידישע קעמפער אַריבערגעגאַנגען דורך די קאַנאַלן אין ראַיאָן זשאָליבאָזש, וועלכער איז נאָך געווען אין די הענט פון די אויפשטענדלער. דאָרט האָבן מיר, באַשיע און איך, דאַן געוווינט און געווען טעטיק, סיי אין דער הילפס־אַרבעט פאַר יידן, און איך, אויסער דעם, אַלס מיטגליד פון פּאָליטישן ראַט פון דער פאָלקס־אַרמיי (אַ.ל.).

אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן דערזען אַנטעקן, צביהן און אַנדערע יידישע קעמפער, איז אומבאַשרייבלעך. זיי ביידע זענען געווען דאַן אַ געווויסע צייט אונדזערע געסט, ביז דעם טראַגישן סוף פון דעם אויפשטאַנד, וועלכער האָט אונדז ווידער צעטיילט. נאָך אויסערגעוויינלעך דראַמאַטישע איבערלעבונגען, סיי פון זיי און סיי פון אונדז, האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן, אין דער געגנט פון וואַרשע, קורץ פאַר דער באַפרייאונג, און גלייך ווידער באַנייט די געמיינזאַמע אַרבעט.

לאָמיר זיך אָבער צוריקקערן צו דער געטאָ־צייט. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז יצחק צוקערמאַן און צוזאַמען מיט אים צביה לובעטקין און אַנדערע טוער פון דרור און החלוץ זענען געווען די וועקער פון געטאָ. זיי האָבן אַלאַרמירט די יידישע מאַסן, אַז עס דראָט אַ געפאַר פון אומקום, זיי האָבן צונויפגערופן ברייטע געזעלשאַפטלעכע קאָנפערענצן וועגן דער נויט־ווענדיקייט פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, זיי האָבן, נאָךביים אָנהויב פון דער גרויסער אַקציע געשאַפן, צוזאַמען מיטן השומר הצעיר, דעם ערשטן קערן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע שטרעבונג צום אַקטיוון און באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָט זיי אויך פאַרבונדן מיטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

בכלל איז די טעטיקייט פון דרור געווען פאַרצווייגט און פולפאַרביק. דער דרור האָט אַרויסגעגעבן אייגענע צייטשריפטן און אויסגאַבן. נאָך אין יאָר 1940 איז דערשינען די באַקאַנטע אין געטאָ און ווערטפולע אַנטאָלאָגיע, אונטער דעם סימבאָלישן נאָמען — "פיין און גבורה אין דער יידישער געשיכטע אין ליכט פון דער קעגנוואַרט". אין די יאָרן 1940 און 1941 איז אַרויס די צייטשריפט דרור אין צוויי שפּראַכן: יידיש און פויליש. אין יאָר 1942 איז דערשינען, אין דער יידישער שפּראַך, די קאָנספּיראַטיווע צייטשריפט פון דרור ידיעות, וועלכע האָט שוין אָפן גערופן צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

12 נומערן פון דער דאָזיקער וואָכנשריפט זענען דערשינען, פון מערץ 1942 ביזן 22־טן יולי 1942, ד.ה. ביזן טאָג, ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע אַקציע. די צייטשריפט האָבן רעדאַגירט: יצחק צוקערמאַן, מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף און אליהו גוטקאָווסקי. עס איז אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיטן אינהאַלט פון איינעם פון אירע נומערן. עס זענען אין איר פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאָלגנדיקע אַרטיקלען: "דריטער פראָנט — ווידערשטאַנדס־באַוועגונג". אין דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן און וויכטיקן אַרטיקל איז געקומען צום אויסדרוק די סאָלידאַריטעט פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין אייראָפּע. אויך די אַנדערע אַרטיקלען זענען כאַראַקטעריסטיש: "קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אייראָפּע", "די הילף פון דער קעמפנדיקער סאָציאַליסטישער מדינה", "וועגן דער פאַריזער קאָמונע" א.א.

דרור האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי פון סעמינאַרן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ; נאָך אין יאָר 1940, און שפּעטער אין די יאָרן 1941 און

1942. דרור האָט געשאַפֿן אַ העברעיִשע גימנאַזיע, און אין אירע ראַמען — אידעאיִשע קרייזן, צווי כאָרן און אַ דראַמאַטישן קרייז אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם באַקאַנטן העברעיִש־יידישן דיכטער און פּעדאַגאָג יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער און איבערגעגעבענער פֿריינט פֿון דרור און החלוץ. אויך ביי דער שאַפֿונג פֿון דער גימנאַזיע איז געווען טעטיק יצחק צוקערמאַן. וועגן דער גימנאַזיע האָב איך געשריבן אין דעם פֿאָריקן קאַפּיטל.
איינער פֿון די ספּעציפֿישע און וויכטיקע אויפֿטוען פֿון דרור איז, אַז ער האָט געהאַט אין וואַרשע פֿינף קיבוצישע קאָלעקטיוון, דריי אין געטאָ און צוויי אויף דער אַרישער זייט, אין די חלוצישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרמעס און הכשרה־פּונקטן, אין די פֿאַרשטעט טשערניאַקאָוו און גראָכאָוו. די דאָזיקע קאָלעקטיוון זענען מיט דער צייט געוואָרן וויכטיקע נעסטן פֿון אַקטיוון ווידער־שטאַנד און באַזעס פֿון די קאַמפּס־אָפּטיילונגען. זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל סיי אין די ערשטע יאַנואַר־קאַמפֿן, סיי, אַ טייל פֿון זיי, אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד. די דערפֿאַרונג האָט באַוויזן, אַז די קאָנצענטרירונג פֿון קעמפֿער אין קאָלעקטיוון, זייער קאָשאַרירונג איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פֿאַר דער שלאָגפֿאַרטיקייט און קרבנות־גרייטקייט פֿון די באַוואָפֿנטע גרופּן. די עגזיסטענץ פֿון די קיבוצישע קאָלעקטיוון האָט דעם דרור געהאָלפֿן צו קאָנצענ־טרירן און מאָביליזירן זיינע קעמפֿער אין דער נויטיקער שעה. אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד אין געטאָ האָט דרור געהאַט די גרעסטע צאָל פֿון אָרגאַניזירטע קאַמפּס־אָפּטיילונגען: 5 אויף 22.
דרור האָט פֿאַרמאָגט אַזעלכע קיבוצישע קאָלעקטיוון אין אַ ריי שטעט אין פּוילן: אין ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. זיי זענען אומעטום געווען נעסטן פֿון אַקטיוון ווידערשטאַנד. דרור האָט אויך געהאַט אַ גאַנצן שטאַב פֿון מוטיקע שליחים, מענער און פֿרויען, וועלכע זענען דעלעגירט געוואָרן אין פֿאַרשידענע שטעט, כדי צו רופֿן צום אַקטיוון ווידער־שטאַנד און צו אָרגאַניזירן יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער.
פֿאַרשטייט זיך, אַז די געסטאַפּאָ האָט געוווּסט וועגן דער אַקטיווער טעטיקייט פֿון דרור און החלוץ. איז נישט קיין צופֿאַל, אַז אין דער "בלוטיקער נאַכט", פֿון 17־טן אויף 18־טן אַפּריל 1942, זענען די געסטאַפּאָ־אַגענטן געקומען אויך אין דעם צענטראַלן לאָקאַל פֿון החלוץ אין געטאָ, אויף דזשיעלנע 34, און געזוכט דאָרט יצחק צוקערמאַן. אויך ער איז געווען אויף דער ליסטע פֿון די צום טויט פֿאַרמשפּטע. צום גליק, איז ער נישט געווען אין לאָקאַל. ווי באַוווּסט, זענען דאַן דערשאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פֿון געטאָ 52 יידן.
איך האָב נישט, פֿאַרשטייט זיך, קיין מעגלעכקייט, אין דעם קורצן איבערבליק, אַפֿילו אויסצורעכענען די נעמען פֿון די פֿיל צענדליקער העלדישע קעמפֿער פֿון דרור, וועלכע זענען כמעט אַלע אומגעקומען אין קאַמף. בלויז עטלעכע געציילטע פֿירנדיקע טוער און קעמפֿער וויל איך דערמאָנען.
דער מוטיקער קעמפֿער מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף איז געווען אין

וואַרשעווער געטאָ אַקטיוו אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם פרעסע־אָרגאַן פון בלאָק — דער רוף. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער פון דעם העלדישן יידישן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק.

דער אויסערגעוויינלעך געוואַגטער דרור־טוער אברהם לייבאָוויטש־לאַבאַן איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע. געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם ערשטן באַוואָפנטן קאַמפס־אַרויסטריט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע — אַן אָנגריף אויף אַ דייטשן קאַפע־הויז אין קראָקע, דעם 23־טן דעצעמבער 1942, אין רעזולטאַט פון דעם אָנגריף זענען דערהרגעט און פאַרוווּנדעט געוואָרן צענדליקער דייטשן. לייבאָוויטש־לאַבאַן, וועלכער איז בעת דער אַקציע געווען פאַרקליידעט אַלס דייטשער ווערמאַכט־אָפיציר, איז דאַן אַריינגעפאַלן אין די נאַצישע הענט. אין דער דאָזיקער געוואַגטער אַקציע האָט אויך אָנטיילגענומען יצחק צוקערמאַן. ער איז דאַן פאַרוווּנדעט געוואָרן. על־פּי־נס ניצול געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אין וואַרשעווער געטאָ.

איך וויל אויך דערמאָנען די העלדישע משפּחה פּאָלמאַן, און, אין דער ערשטער ריי — די צוויי ברידער פּאָלמאַן, וואָלף און מאַרעק, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף. זייער מוטער, שושנה (יאַדוויגאַ) פּאָלמאַן איז אויף דער אַרישער זייט געווען פאַרבונדן מיט דעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און איז געווען טעטיק, אין זיינע ראַמען, אין דער אַקטיווער הילפס־אַרבעט פאַר יידן. אירע ביידע זין, וואָלף (וואַצעק) און מאַרעק פּאָלמאַן זענען געווען אַקטיווע חברים פון דרור און פועלי־ציון (צ.ס.). דער אַרכיטעקט וואָלף פּאָלמאַן איז אַ געוויסע צייט געווען טעטיק אין געטאָ, שפּעטער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און זיך פאַרבונדן מיט דער לינקער פּאָלקס־גוואַרדיע (ג.ל. — גוואַרדיאַ לודאָוואַ). געווען איינער פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע, אַוועק מיט אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אין די וועלדער און דאָרט געפאַלן אין קאַמף.

זיין ברודער, אינזשיניער מאַרעק פּאָלמאַן, איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען איינער פון די שעפער און לייטער פון דער דרור־גימנאַזיע, מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער שול־קולט און רעדאַקטאָר פון די דרור־אויסגאַבן אין דער פּוילישער שפּראַך. ער נעמט אָנטייל אין די ערשטע יאַנואַר־קאַמפן אין געטאָ, פאַלט אַריין אין נאַצישע הענט, ווערט פאַרשיקט קיין טרעבלינקע, אָבער אַנטלויפט אויפן וועג פון די וואַגאָנען. עטלעכע חדשים קעמפט ער אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער לינקער פּוילישער פּאָלקס־גוואַרדיע אין די וועלדער. ווען עס ברעכט אויס דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, קומט ער צוריק. שפּעטער איז ער דעלעגירט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע קיין טשענסטאָכאָוו און בענדין, כדי צו אָרגאַניזירן דאָרט דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אויך ער איז געפאַלן פון די דייטשע הענט.

די שוועסטער פון די צוויי אומדערשראָקענע קעמפער און פּאַרטיזאַנער, חווה פּאָלמאַן, די מוטיקע פּאַרבינדלערין פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון דרור, האָט אָנטיילגענומען אין דער קאַמפּס־אַרבעט אין קראָקע. אין דעצעמבער 1942, איז זי אַריינגעפאַלן אין נאַצישע הענט און פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. חווה פּאָלמאַן־ראַבאַן איז על־פּי־נס געבליבן לעבן און געפינט זיך אין ישראל, אין קיבוץ לוחמי־הגיטאות.

איך וויל נאָך, צום שלוס, דערמאָנען די נעמען פון די העלדישע קאָמענדאַנטן פון די 5 קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון דרור, בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ: בינימין וואַלד, זכריה אַרטשטיין, חנוך גוטמאַן, יצחק בלוישטיין און בערל ברוידא, ווי אויך די פרויען, פאַרבינדלערינס און קעמפערינס: פרומקע און חנטשע פּלאָטניצקי, לאָנקאַ קאָזשיבראָדזקאַ, טעמע שניידערמאַן א.א.

זיי האָבן, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע קעמפער, פון אַלע ריכטונגען, געקעמפט און געפאַלן אין קאַמף. דאָס פאָלק וועט זיי נישט פאַרגעסן.

**השומר הצעיר**

ווען איך שרייב אָדער רעפעריר וועגן השומר הצעיר אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן זיינע פירער און קעמפער, פיל איך שטענדיק אַן אינערלעכן ציטער און עס קלעמט ביים האַרצן. זיי זענען מיר געווען נאָענט, אידעאיש און פּאָליטיש. איך האָב געפילט זייער מאָראַלישע דערהויבנקייט, זייער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס. מיט אַ טייל פון זיי, און באַזונדער מיטן אומפאַרגעסלעכן מרדכי אַנילעוויטש, בין איך געווען באַפריינדעט פּערזענלעך. זיי אַלע זענען אומגעקומען אין קאַמף. אַלע! קיין איינער איז נישט געבליבן ביים לעבן פון דער דאָזיקער ווונדערבאַרער קעמפער־מחנה.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך געהאַט זייער אַ לויזן קאָנטאַקט מיט דער שומרישער באַוועגונג. מיין פרוי, באַשיע, איז אין אירע פריע יוגנט־יאָרן געווען אַ חברטע פון השומר הצעיר, זי איז אָבער, נאָך אַ קורצער צייט, אַריבער צו די לינקע פּועלי־ציון.

איך געדענק אַ לאַנגן און יסודותדיקן שמועס ביי מיר, אין מיין אַלטער היים אין וואַרשע, מיט דוד הנגבי, אויף אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע טעמעס. דאָס איז געווען אַ לענגערע צייט פאַר דער וועלט־מלחמה. ער איז שוין דאַן געווען נאָענט צום השומר הצעיר. דער שמועס האָט מיך באַקרעפטיקט אין דער איבערצייגונג, אַז די אידעאיש־פּאָליטישע אונטערשידן צווישן אונדז זענען דאַן געווען גאַנץ טיפע.

אַנדערש איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ. שוין אין יאָר 1940, ווען איך האָב געלייענט די ערשטע נומערן פון דער שומרישער גוט־רעדאַגירטער צייטשריפט נ ג ד ה ז ר ם, (אין עברית און אין פּויליש) האָב איך געזען, אַז מיר רעדן אין אַן ענלעכער שפּראַך. נאָך בולטער איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין יאָר 1941,

באַזונדער נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, און אין יאָר 1942.
דער פּאָליטישער ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס האָט נאָך, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער באַזונדער אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט און אין געטאָ, אַרומגענומען ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון דער יידישער יוגנט. די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער פּוילישער פאַשיזירנ־דיקער סאַנאַציע־רעגירונג, איר אָפענער פלירט מיטן היטלעריסטישן דריטן רייך, און שפּעטער — די גרויזאַמע דערפּאַרונגען פון דעם פאַשיסטיש־נאַצישן רעזשים, האָבן דערפירט צו אַן אויפטרייסלונג און צו אַ בולטן רוק אויף לינקס צווישן יידישע מאַסן. דער דאָזיקער ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס איז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געקומען צו אַ באַזונדער בולטן אויסדרוק אין השומר הצעיר. זייער אויסגעשפּראָכן פּאָזיטיווע באַציאונג צום רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זייער דורכויס פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער היסטאָרישער ראָל פון דער רויטער אַרמיי, און גלייכ־צייטיק זייער ענטוזיאַסטישע באַציאונג צו דער וויזיע פון אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל, האָט זיי זייער דערנענטערט צו די לינקע פּועלי־ציון אין געטאָ.
אין מיין געהיימען באַריכט צו די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון די לינקע פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל, וועלכן איך האָב געשריבן אויף דער אַרישער זייט, אין מאַי 1944, האָב איך דעם ענין אַזוי פאָרמולירט: ״גיט איבער אונדזערע גרוסן די חברים פון השומר הצעיר. אין דער תקופה פון ליידן און קאַמף האָט אונדז פאַרבונדן אַ וואָפן ברודערשאַפט״. די שומרישע באַוועגונג אין פּוילן האָט אין דער מלחמה־צייט אַדורכגעמאַכט אַן ערנסטע עוואָלוציע, זי האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, דערהויפּט אין אַלגעמיינע פראַגן.
די אידעאיש־פּאָליטישע דערנענטערונג האָט דערפירט צו אַ פּערזענלעכער נאָענטקייט, סיי מיט עמנואל רינגעלבלומען און סיי מיט מיר. מרדכי אַנילעוויטש איז געווען אַ געגנוג אָפטער גאַסט אין אונדזער, באַשיעס און מיינער באַשיידענער דירה אין געטאָ, אויף אָגראָדאָווע 29. ער האָט ביי מיר געליען ביכער און מיר האָבן געהאַט לאַנגע שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס.
עס איז געווען צווישן אונדז אַ גרויסער אונטערשיד אין עלטער. איך בין שוין דאַן, אין 1941 געווען אַלט 35 יאָר, ער — אַ יונגער 22־יעריקער בחור. און דאָך האָב איך נישט געפילט קיין עלטער־דיסטאַנץ. יאָ, ער איז געווען זייער יונג. עס איז שווער צו גלויבן אַז, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער געטאָ, איז ער נאָך נישט געווען אַלט קיין 20 יאָר און ער איז אומגעקומען, אַלס קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אַלס פירער פון אויפ־שטאַנד אין עלטער פון 24 יאָר!
איך האָב נישט געפילט אין די שמועסן דעם עלטער־אונטערשיד, ווייל מרדכי אַנילעוויטש איז געווען זייער אינטעליגענט, ערנסט און באַלעזן, ווייט איבער זיין עלטער. ער איז געווען אַ שיינער, שלאַנקער יונגער מאַן, מיט אַן איידל

פנים. אין זיין באַנעמונג שטיל און באַשיידן. איך האָב אָבער שוין דאַן געפילט אין אים אַן אינערלעכע פעסטקייט און אַן אינערלעכן, פאַרבאָרגענעם פּאַטאָס. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז איינער פון די הויפּט־פירער פון השומר הצעיר, אַז ער איז אין זיין אָרגאַניזאַציע זייער באַליבט.

איך געדענק, אַז אין אונדזערע שמועסן זענען געווען צוויי הויפּט־טעמעס: אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פראַגן און — באַוואָפנטער קאַמף. איך געדענק, ווי מיר האָבן דיסקוטירט וועגן די היסטאָרישע דערפאַרונגען פון דעם אויפשטאַנד פון ווינער סאָציאַליסטישן שוצבונד, וועגן זיין סטראַטעגיע און טאַקטיק. אַנילעוויטש איז געווען אַן אָנהענגער פון שוצבונד, געזען אין אים אַ מוסטער און אַ וועגווייזער אין קאַמף קעגן פאַשיזם. אויך איך האָב הויך אָפּגעשאַצט דעם קאַמף פון שוצבונד, איך האָב אָבער גלייכצייטיק קריטיקירט דעם אַוסטראָ־מאַרקסיזם און די פּאָליטישע אָנפירונג פון דעם בלוטיקן ווינער אויפשטאַנד אין 1934. עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז שוין אין דער צייט פון אונדזערע שמועסן אין 1941, האָט דער געדאַנק פון באַוואָפנטן קאַמף און פון אויפשטאַנד אָנגעהויבן צו עגבערן אין אונדזערע קעפּ.

מיר האָבן אַ סך געשמועסט וועגן די פּראָבלעמען פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אויך אין אָנבליק פון דער אַקטועלער פּאָליטישער און מיליטערישער לאַגע. איך געדענק, אַז איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אַקטיוון אָנטייל פון דעם לינקן פליגל פון פּועלי־ציון אין רוסלאַנד אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (נאָך פאַר דער היסטאָרישער שפּאַלטונג פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין 1920), און וועגן דעם קאַמף פון די באָראָכאָוו־באַטאַליאָנען אין ראַמען פון דער יונגער רויטער אַרמיי. מיר האָבן געשמועסט וועגן די גרויסע, און אין די רייען פון דער ראַדיקאַלער יידישער יוגנט, פּאָפּולערע שריפטשטעלער — ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביס, אַנאַטאָל פראַנס, בערנאַרד שאָו און אַנדערע, און וועגן זייער פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מרדכי אַנילעוויטש האָט זיך דאַן קאַטעגאָריש אָפּגעגרענעצט פון דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג און געזען אין רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם דעם איינציקן וועג, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, אויך אין ארץ־ישראל.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געשמועסט אַ סך וועגן די אַקטועלע געטאָ־פּראָבלעמען. איך געדענק, אַז ער האָט אין איינעם פון די שמועסן געווענדעט זיך צו מיר, איך זאָל האַלטן עטלעכע רעפעראַטן אויף פּסיכאָלאָגישע טעמעס אין אַ סעמינאַר פון השומר הצעיר. איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל, אויסער פּאָליטישע פראַגן, אַבסאָרבירט מיך פולשטענדיק מיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון דער גרויסער קינדער־שוץ־אָרגאַניזאַציע צענטאָס. איך ווער טאָג איין טאָג אויס ממש דערטרונקען אין דעם ים פון ליידן פון די צענדליקער טויזנטער קינדער און האָב נישט קיין

קאָפּ צו רעפּעראַטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. איך האָב פאָרגעלייגט אָנשטאָט מיר מיין קאָלעגין פון אוניווערסיטעט, דר. אסתר מאַרקין, די הויפּט־אַסיסטענטין פון פּראָפ. וויטוויצקי. זי האָט דאַן געאַרבעט אין צענטאָס. מרדכי אַנילעוויטש האָך מיך גוט פאַרשטאַנען און אָנגענומען מיין פאָרשלאָג.

מיר האָבן אויך נישט איינמאָל געשמועסט וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ ברייטן קאַמפּס־פראָנט קעגן דעם נאַצישן שונא. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין פּערזענלעכן אָנטייל, אַלס פאָרשטייער פון די לינקע פּועלי־ציון אין אַ ריי איינהייטלעכע אַנטיפאַשיסטישע פראָנטן. מיר האָבן אין דער דאָזיקער פראַגע געהאַט אַן אידענטישע שטעלונג.

ווען אין פעברואַר־מערץ 1942 זענען פאָרגעקומען די צוזאַמענטרעפן צווישן די פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן) און לינקע פּועלי־ציון, די ערשטע — ביי מיר אין היים, און ביידע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן צו שאַפן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז דער נאָענטסטער פּאַרטנער פון בלאָק וועט זיין השומר הצעיר. אַזוי איז עס געשען. איך האָב זיך גלייך פאַרשטענדיקט מיט אַנילעוויטשן און מיט אַנדערע טוער פון השומר הצעיר און זיי זענען גלייך צוגעטראָטן צום בלאָק. נאָך זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק — פּועלי־ציון (צ.ס.) און דרור.

אין דער צייט פון דער ערשטער גרויסער אַקציע, איז אַנילעוויטש נישט געווען אין וואַרשעווער געטאָ. ווען איך האָב זיך דערוווּסט נאָך דער אַקציע, שוין אויף דער אַרישער זייט, אַז מרדכי אַנילעוויטש איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ אַלס איר קאָמענדאַנט, איז דאָס פאַר מיר נישט געווען קיין איבעראַשונג, עס איז געווען אין מיינע אויגן גאַנץ נאַטירלעך, פּונקט אַזוי, אַז יצחק צוקערמאַן איז געוואָרן דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען מרדכי אַנילעוויטשן אין יאָר 1943, אויף דער אַרישער זייט. דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אַ קורצע צייט נאָך דער צווייטער אַקציע און נאָך די ערשטע יאַנואַר־קאַמפן אין געטאָ. איך האָב געוווּסט, אַז אַנילעוויטש האָט דאַן געקעמפט, מיט געווער אין האַנט, אויף די געטאָ־גאַסן, און אַז ער איז על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון טויט.

אויף דער אַרישער זייט איז ער געקומען, וואַרשיינלעך מיט אַ גרופּע פון געטאָ־אַרבעטער, כדי צו טרעפן זיך מיט מיר און מיט דעם פירער פון בונד, דר. לעאָן פיינער (מיקאָלאַי).

מיר ביידע זענען געווען מיטגלידער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און בונד און רעפּרעזענטירט די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פאַר די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. מיר זענען ביידע געווען אויך מיטגלידער פון אַלפּוילישן ראַט צו העלפן יידן

(זשעגאָטאַ), מיקאָלאַי אַלס איינער פון זיינע וויצע־פּאָרזיצערס און איך אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר.

דער צוזאַמענטרעף איז פּאָרגעקומען אין קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען אין אַ לאָקאַל אויף פלאָצקע גאַס. צוזאַמען מיט אַנילעוויטשן זענען דאָן געקומען: דער פּירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און מיטגליד פון פּרעזידיום פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע אין געטאָ, מנחם קירשענבוים, און דער באַקאַנטער טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינ־הילף און פון פאַרזאָרגונגס־אַמט, הענריק ראָטענבערג. דער ציל פון צוזאַמענ־טרעף איז געווען: קעגנזייטיקע אינפאָרמאַציע און דאָס אַרומרעדן פון די דרינגענדיקע אַקטועלע באַדערפנישן אין געטאָ.

איך געדענק, אַז מרדכי אַנילעוויטש האָט זיך, זינט אונדזערע לעצטע צוזאַמענ־טרעפן און שמועסן, זייער געענדערט. ער האָט אויסגעזען אויסגעדאַרט, געווען זייער געשפּאַנט, געהאַט אַן אומעטיק פּנים. די לאַגע אין געטאָ איז דאָן געווען זייער אָנגעשטרענגט. די געטאָ־קעמפער האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערט זיך די לעצטע אַקציע און מיט איר — דער סוף פון געטאָ. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פּיבערהאַפט געגרייט צום אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. זי האָט געדאַרפט האָבן געווער און אַמוניציע, וואָס שנעלער און וואָס מער.

איך געדענק, אַז נאָך דעם, ווי מיקאָלאַי און איך האָבן גענוי אינפאָרמירט די געטאָ־פאָרשטייער וועגן אונדזער טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט און וועגן אונדזערע אומאויפהערלעכע באַמיאונגען צו באַקומען הילף, און דער עיקר — געווער און אַמוניציע פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט מרדכי אַנילעוויטש אין ליידנשאַפטלעכע ווערטער אָנגעגריפן די דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג און די קאָמענדאַנטור פון א.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ — לאַנד־אַרמיי — די אונטערערדישע באַוואָפנטע אָרגאַני־זאַציע, פאַרבונדענע מיט דער דעלעגאַטור) פאַר זייער גלייכגילטיקייט לגבי דעם קעמפנדיקן געטאָ און אַפּעלירט צו אונדז ביידע, מיר זאָלן וואָס שנעלער און קאַטעגאָרישער פאָדערן פון זיי ממשותדיקע הילף, באַזונדער געווער און אַמוניציע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס גלייך נאָכן צוזאַמענטרעף ווידער געטאָן, אָבער אָן באַדייטנדיקע רעזולטאַטן. דאָס געהערט שוין אָבער צו אַן אַנדער קאַפּיטל.

דאָן האָב איך מרדכי אַנילעוויטשן געזען דאָס לעצטע מאָל. שפּעטער — דער אויפשטאַנד, זיין טראַגישער סוף, און דער סוף פון דער מערהייט פּירער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין דעם בונקער אויף מילע 18. צוזאַמען מיט אַנילעוויטשן איז אומגעקומען זיין באַליבטע חברטע, מיראַ פוכרער. אויך זי איז געווען אַ קעמפערין. האָט אָנטיילגענומען, צוזאַמען מיט הערש בערלינסקי און אַנדערע קעמפער, אין דעם ״עקס״־אָנפאַל אויף דעם געטאָ־באַנק, כדי צו מאָביליזירן געלט איינצוקויפן געווער.

נאָך איין יונגן פריינט האָב איך געהאַט צווישן די פירער פון השומר הצעיר: שמואל בראַסלאַוו. ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט אים האָט ער אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ יינגל. אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ סימפּאַטיש, כמעט קינדעריש פּנים, איידל און באַשיידן. ערשט נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז דער רעדאַקטאָר פון כמעט אַלע אונטערערדישע צייטשריפטן און אויסגאַבן פון השומר הצעיר אין וואַרשעווער געטאָ, באַזונדער אין דער פּוילישער שפּראַך.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז די אומלעגאַלע פּרעסע פון השומר הצעיר געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ, אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק שמואל בראַסלאַוון. ער איז געווען אַ טאַלענטפולער פּובליציסט און רעדאַקטאָר. איך האָב נישט קיין ספק, אַז ווען ער זאָל בלייבן לעבן, וואָלט ער געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער זשורנאַליסט.

אויך ער האָט אַדורכגעמאַכט, אַזוי ווי מרדכי אַנילעוויטש, אַן ערנסטן ראַדיקאַ־ליזירונגס־פּראָצעס. אויך ער איז געווען אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און געהאַט דרך ארץ פאַר דער רויטער אַרמיי. באַזונדער נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט ער געזען אין דער רויטער אַרמיי די איינציקע האָפנונג און די איינציקע רעאַלע אויס־זיכט צו באַפרייען זיך פון דעם פאַשיסטיש־נאַציש קאָשמאַר.

נישט אַלע טוער פון השומר הצעיר זענען געווען אַזוי ראַדיקאַל. יוסף קאַפּלאַן, אריה ווילנער און געוויסע אַנדערע טוער זענען געווען מעסיקער, אָבער די אידעאיש־פּאָליטישע ליניע פון השומר הצעיר אין געטאָ, באַזונדער אין די פּרעסע־אָרגאַנען, האָבן באַשטימט זיי ביידע, מרדכי אַנילעוויטש און שמואל בראַסלאַוו. דאָס האָט זיי דערנענטערט צו די לינקע פּועלי־ציון און אויך פּערזענלעך — צו רינגעלבלומען, צו מיר און צו אַנדערע לינקע פּועלי־ציון־טוער. דרך אגב, שמואל בראַסלאַוו, יוסף קאַפּלאַן און אַ פּאָר אַנדערע טוער פון השומר הצעיר האָבן זיך באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת. אויך די דאָזיקע מיטאַרבעט האָט זיי פאַרבונדן מיט רינגעלבלומען.

דער יונגיטשקער שמואל בראַסלאַוו איז געווען אַ טיפּ פון אַן ענטוזיאַסט. מיט לייב און לעבן פאַרבונדן מיט זיין באַוועגונג. ווען אים דערציילט מען דאָך, אַז ווען ער האָט ביי דעם גרויסן אַרויסמאַרש פאַרלאָזט וואַרשע אין דער ריכטונג פון מזרח און דערגאַנגען ביז צו ווילנע, האָט ער די גאַנצע צייט געטראָגן אויף זיין לייב די פאָן פון השומר הצעיר, זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט אין וואַרשעווער געטאָ.

ער איז געווען אַן אָנהענגער פון באַוואָפנטן קאַמף. זיך ממש געריסן צום קאַמף, אַפילו דאַן, ווען די באַדינגונגען צו אַן ערנסטן באַוואָפנטן געראַנגל זענען נאָך נישט געווען רייף.

איך וועל נישט פאַרגעסן מיין לעצטן שמועס מיט אים, שוין אין דער צייט פון

דער גרויסער אַקציע, אין אויגוסט 1942. מיר האָבן זיך געטיילט מיט די לעצטע ידיעות וועגן די געשעענישן אין געטאָ און וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. עס האָט מיך דאַן גערירט זיין זאָרג וועגן מיר. ער האָט געפרעגט, צי איך בין צוגעשריבן צו אַ שאָפּ (פאַבריק, אַרבעטס־וואַרשטאַט), ער איז גרייט דאָס צו דערלעדיקן. אין עטלעכע וואָכן אַרום, דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942 איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן אין געטאָ, אויף דער גאַס, ווען ער איז געלאָפן צו פאַרבינדן זיך מיט חברים, כדי צו ראַטעווען דעם אַרעסטירטן יוסף קאַפּלאַן.

שמואל בראַסלאַוו איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר.

אַ וואָך שפּעטער איז אויך יוסף קאַפּלאַן דערמאָרדעט געוואָרן.

אויך יוסף קאַפּלאַנען האָב איך פּערזענלעך גוט געקענט. ער איז געווען, צוזאַמען מיט מרדכי אַנילעוויטש, די צענטראַלע פּערזענלעכקייט פון השומר הצעיר אין געטאָ. עלטער געווען פון אַנילעוויטשן און בראַסלאַוון. מ׳האָט אים באַטראַכט פאַרן פאָטער פון דער באַוועגונג. ער איז געווען זייער ענערגיש, קלוג, אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. ער איז געווען מער פאָלקסטימלעך פון זיי, מער פאַרבונדן מיט ברייטע מאַסן אין געטאָ, געווען געשעצט און באַליבט אין פאַרשידענע קרייזן. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פון דער יידישער אַליינהילף און מיטן עונג־שבת.

יוסף קאַפּלאַן איז געווען אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע באַראַטונגען וועגן אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין געטאָ, איז יוסף קאַפּלאַן געוואָרן אַ מיטגליד פון דער לייטונג פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון בלאָק. שפּעטער איז ער געווען אַ מיטגליד פון פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט, שוין אין דער צייט פון דער גרויסער אַקציע. יוסף קאַפּלאַן איז געווען איינער פון די פאָנענטרעגער פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און פון דער אידעע פון אויפשטאַנד, אָבער ביזן אויפשטאַנד האָט ער נישט דערלעבט.

מיט אריה ווינלערן (יורעקן) איז מיר אויסגעקומען עטלעכע חדשים מיטצו־אַרבעטן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט. ער איז געווען דער ערשטער פאַרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צו די פּוילישע אונטערערדישע ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס. פון די ערשטע געטאָ־קעמפער, וואָס האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען סיי מיט דער א.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) און סיי מיט א.ל. (אַרמיאַ לודאָוואַ), מיט דיביידע פליגלען פון דער פּוילישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג.

יורעק איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישער און רירעוודיקער קאָנספּיראַטיווער טוער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער שייגעץ, גערעדט אַ גוטן, פאָלקסטימלעכן פּויליש, אָפטמאָל געטראָגן אַ הוט מיט אַ פעדערל, לויטן ביירישן שטייגער.

פונקט ווי מיר האָבן אויף דער אַרישער זייט זייער געהאָלפן מיינע פּערזענ־לעכע פאַרבינדונגען מיט פּראָגרעסיווע פּוילישע אינטעלעקטועלע, מיינע אוניווערסיטעט־קאָלעגן — פּסיכאָלאָגן, פילאָזאָפן און סאָציאָלאָגן — אַזוי האָבן אריה ווילנערן געהאָלפן זיינע פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, אַלס אַ פירנדיקער חבר פון השומר הצעיר, מיט די פירער פון דער פּוילישער סקויטן־באַוועגונג (האַרצערסטוואָ). אין דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג האָט די געהיימע סקויטן־אָרגאַניזאַציע געשפּילט אַ גרויסע ראָל. אַ ריי אַקטיווע פּוילישע סקויטן־טוער, ווי אירענאַ אַדאַמאָוויטש, מאַריאַ אירוסקאַ, הענריק גראַבאָווסקי א.א. זענען געווען אויפריכטיקע פריינט פון השומר הצעיר און פון דעם קעמפנדיקן געטאָ בכלל. די וווּנדערבאַרע, שוין פאַרשטאָרבענע, אירענאַ אַדאַמאָוויטש, איז געווען אַ געניט אָפטער גאַסט אין וואַרשעווער געטאָ און פערזענלעך אָנטיילגענומען אין גרויסע פאַרזאַמלונגען פון די שומרים.

אַ באַזונדער וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט די פאַרבינדונג פון יורעקן מיט אַלעקסאַנדער קאַמינסקי (הובערט). דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע סקויטן און גלייכ־צייטיק איינער פון די פירער פון דער פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער אָפּטיילונג פון א.ק. ער איז געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם פּאָפּולערסטן און פאַרשפּרייטסטן קאָנספּיראַטיוון אָרגאַן פון א.ק. און פון דער פּוילישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג בכלל — אינפאָרמאַציע־ביולעטין. אויך אין געטאָ האָט מען אים געלייענט מיט גרויס אינטערעס.

הובערט האָט יורעקן געהאָלפן אָנבינדן דעם קאָנטאַקט מיט וואַצלאַוון, דעם לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים אין דער קאָמענדאַנטור פון א.ק. וואַצלאַוו, אַדוואָקאַט הענריק וואָלינסקי, פערזענלעך אַ זייער סימפּאַטישער און קולטורעלער מענטש, איינער פון די פירער פון דעם לינקן, ראַדיקאַלן פליגל אין א.ק., פון דער גרופּע נייע וועגן (נאָווע דראָגי), האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע און אַ האַרציקע באַציאונג צו די געטאָ־קעמפער און צו דער יידישער אונטער־ערדישער באַוועגונג. ער האָט זיך באַמיט אונדז צו העלפן, אָבער זיך אָנגע־טראָפן אויף אַ פיינטלעכע באַציאונג פון די אַנטיסעמיטישע הויפּט־פירער אין דער קאָמענדאַנטור פון א.ק.

וואַצלאַוו און אַנדערע טוער פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָבן זייער געשעצט אריה ווילנערן, האָבן אים אָפטמאָל גערופן "דער יידישער ריטער". שפּעטער איז וואַצלאַוו געווען אין זייער פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אַנטעקן (יצחק צוקערמאַן) און מיט מיר. ער לעבט ביזן היינטיקן טאָג אין פּוילן.

איך האָב זיך געטראָפן מיט יורעקן אויף דער אַרישער זייט זייער אָפט, יעדעס מאָל אין אַן אַנדערן קליינעם קאַפע־הויז אָדער אויף זייטיקע, טונקעלע געסלעך. מיר האָבן זיך יעדעס מאָל קעגנזייטיק אינפאָרמירט און קאָאָרדינירט אונדזער טעטיקייט. יורעק איז געניט אָפט אַריינגעשפּרונגען אין געטאָ, באַזונדער אין

שייכות מיט געווער־טראַנזאַקציעס, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס דעם וויכטיקסטן אַפּשניט פון זיין טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט.
איך וועל נישט פאַרגעסן אַ רירנדיקן צוזאַמענטרעף, פון אונדז ביידע מיט וואַצלאַוון. דאָס איז געווען סוף יאַנואַר 1943. גלייך נאָך דער צווייטער אַקציע און נאָך די ערשטע בלוטיקע קאַמפן אויף די גאַסן פון געטאָ צווישן יידישע קעמפער און די דייטשע זשאַנדאַרמען און ס.ס.־לייט. יורעק איז אין די טעג געווען אין געטאָ און געווען אַן עדות פון דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. יורעק איז אַרויס פון געטאָ, כדי פאַרצוזעצן זיינע וויכטיקע פונקציעס אויף דער אַרישער זייט. איך געדענק, ווי ער איז מיט אימפּעט אַריינגעפאַלן אין אַ קאָנספּיראַטיווע דירה, ווו מיר ביידע, וואַצלאַוו און איך, האָבן אויף אים מיט אומגעדולד געוואַרט. ער האָט זיך געוואָרפן אונדז ביידע אין די אָרעמס און מיר האָבן זיך אַלע דריי האַרציק צעקושט. דאַן האָט ער אונדז געגעבן דערציילט וועגן דעם פאַרלויף פון דער אַקציע און פון די קאַמפן. איך האָב געהאַט טרערן אין די אויגן הערנדיק זיין באַריכט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אויך וואַצלאַוו, אַז דאָס איז אַן איבערברוך־מאָמענט אין דעם לעבן פון געטאָ און אין דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. אַזוי איז עס געווען. די יאַנואַר־קאַמפן זענען געווען אַן אָנזאָג צו דעם גרויסן געטאָ־אויפשטאַנד. זיי האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג, אויך אויף דער פּוילישער גאַס.
נאָך די יאַנואַר־געשעענישן האָב איך זיך מיט יורעקן עטלעכע מאָל געטראָפן, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. וועגן דעם האָב איך שוין קורץ געשריבן.
אויף דער אַרישער זייט האָב איך זיך אויך אַ פּאָר מאָל געטראָפן מיט יורעקס פאַרבינדלערין, דער זייער סימפּאַטישער טאָשיאַ אַלטמאַן. איך געדענק, אַז דאָס לעצטע מאָל האָב איך זי געזען, ווען מיר זענען צופעליק צוזאַמען געפאָרן אין אַ טראַמוואַי. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, נישט געטאָרט צוגיין צו זיך און שמועסן. מיר האָבן בלויז געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן. מיט אַ שמייכל האָבן מיר זיך געזעגנט. מער האָב איך זי נישט געזען. אויך זי איז אומגעקומען אין טראַגישע אומשטענדן.
עטלעכע ווערטער וועגן דער טעטיקייט פון השומר הצעיר אין וואַרשעווער געטאָ. דער הויפּט־צענטער פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין דעם שטאָטישן קיבוץ פון השומר הצעיר אויף נאַלעווקי 23. דאָרט איז אויך געווען טעטיק אַ גרויסע קיך פאַר הונדערטער שומרים. סיי רינגעלבלום און סיי אַנדערע טוער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף און פון דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט האָבן זיך באַמיט, אַז די שומרישע קיך זאָל באַקומען וואָס מער שפּייז־פּראָדוקטן. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט הונדערטער חברים סיי פון וואַרשע און סיי פון אַ סך פּראָווינץ־שטעט, פון וועלכע זיי זענען געקומען אַלס פּליטים.
עס זענען פאָרגעקומען, זינט מערץ 1940, אַ גאַנצע ריי אידעאָלאָגישע קאָנפערענצן, מיט ערנסטע דעבאַטן. השומר הצעיר האָט אין געטאָ געפירט אַ

סיסטעמאַטישע און ענערגישע בילדונגס־ און דערציאונגס־אַרבעט, באַזונדער אין דער פאָרם פון סעמינאַרן, מיטן אָנטייל פון די בעסטע פּרעלעגענטן, וועלכע זענען געווען אין געטאָ.

איינער פון זיי איז געווען דר. עמנואל רינגעלבלום. ער האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט, ממש מיט באַווונדערונג, וואָס פאַר אַן ערנסטע אַטמאָספער האָט געהערשט אין די סעמינאַרן, ווי די יוגנטלעכע האָבן געשלונגען די רעפעראַטן. ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג פון השומר הצעיר, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון דער צענטראַלע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אויף טלאָמאַצקיע גאַס. ער האָט אָפגעשאַצט, אַז אין דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט אַרום 500 חברים. צום שלוס פון דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ דעפילאַדע. אין דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אויך באַטייליקט אירענאַ אַדאַמאָוויטש.

ווי איך האָב שוין באַטאָנט, איז די אונטערערדישע פרעסע פון השומר הצעיר אין געטאָ געווען פאַרצווייגט. נאָך אין יאָר 1940 איז דערשינען די צייטשריפט נגד הזרם, אין שפּראַכן: עברית און פויליש. שפּעטער אין די יאָרן 1940, 1941 און 1942 זענען דערשינען אַ גאַנצע ריי אויסגאַבן, מיט פאַרשידענע נעמען, מערסטנטייל אין דער פוילישער שפּראַך. עס איז אויך דערשינען אַ ראַדיאָ־ביולעטין. אין יאָר 1942 איז אַרויס אַ שומרישע צייטשריפט אין דער יידישער שפּראַך אויפברויז. אין 1942 איז אויך דערשינען אַ גרעסערער זאַמלהעפט, וועלכער האָט אַרומגענומען 110 זייטן, אין דריי שפּראַכן — עברית, יידיש און פויליש. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים איז די אויסגאַבע אַרויס אונטער אַן אומשולדיק קעפּל: לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערבליק, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1932... אין דעם וויכטיקן זאַמלהעפט זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אויף אידעאָ־לאָגישע און פּאָליטישע טעמעס, אין אַן אויסגעשפּראָכן רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן גייסט. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די ארץ־ישראלדיקע טעמאַטיק איז אין דער אויסגאַבע געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק, באַזונדער — די געטריישאַפט צו דער קיבוצישער באַוועגונג, צום קיבוץ אַרצי.

ווי איך האָב שוין אונטערגעשטראָכן, האָט השומר הצעיר געשפּילט, צוזאַמען מיט דרור, אַ זייער גרויסע אַוואַנגאַרד־ראָל אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, אין די ערשטע יאַנואַר־קאַמפן און אין דעם אויפשטאַנד. די היסטאָרישע ראָל פון מרדכי אַנילעוויטש אין די קאַמפן איז אַלגעמיין באַקאַנט. איך האַלט אָבער פאַר נויטיק צו דערמאָנען די נעמען פון די קאָמענדאַנטן פון די 4 קאַמפס־אָפּטיילונגען פון השומר הצעיר, אין דער צייט פון אויפשטאַנד: מרדכי גראָוואַס, דוד נאָוואָדוואָרסקי, שלמה ווינאַגראָן און יוסף פאַרבער. זיי האָבן אַלע געקעמפט און געפאַלן אין קאַמף. צוזאַמען מיט זיי — צענדליקער און צענדליקער אַנדערע העלדישע שומרים, מענער און פרויען, וועלכע האָבן מיט

הונדערטער יידישע קעמפער פון אַנדערע ריכטונגען, פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. איינגעשריבן אַ גאָלדענעם בלאַט אין דער יידישער געשיכטע, איז דעם שיר השירים פון דער יידישער גבורה

**אַלגעמיינע ציוניסטן, עקיבא, הנוער הציוני און גורדוניה**

מיט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג בין איך נישט געווען פאַרבונדן, צוליב פאַרשטענדלעכע אידעאיש־פּאָליטישע סיבות, איך האָב אָבער געהאַט אַ גענוג ענגן קאָנטאַקט מיט אַ ריי אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער, וועלכע זענען געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. עס איז אַ כאַראַק־טעריסטישער פאַקט, אַז די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין וואַרשעווער געטאָ רעפּרעזענטירט בלויז דער מער לינקער, מער ראַדיקאַלער פליגל על המשמר, וועלכער איז געווען געטריי דעם וועג פון יצחק גרינבוים. מ׳האָט זיי אָפּטמאָל גערופן די גרינבוימיסטן. דער מער רעכטער, אויסגע־שפּראָכן בירגערלעכער פליגל עת לבנות איז אין געטאָ נישט געווען אַקטיוו.
די אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער האָבן געשפּילט אַ גענוג גרויסע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן פאַרנומען אַ ריי וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער סאָציאַלער אַליינהילף, אָנגעפירט מיט דער נעץ פון תרבות־שולן און געהאַט אונטער זייער אויפזיכט אַ צאָל פאָלקס־קיכן פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער. זיי האָבן געשאַפן און אָנגעפירט מיט דער געהיימער קולטור־געזעל־שאַפט תקומה, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו פלעגן און פאַרשפּרייטן די העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור.
קיין סיסטעמאַטישע פּרעסע־טעטיקייט האָבן די אַלגעמיינע־ציוניסטן נישט געפירט. אין יאָר 1942 איז דערשינען זייער צייטשריפט אונדזער האָפענונג, אין דער יידישער שפּראַך, אָבער קיין גרעסערן אָפּקלאַנג האָט זי נישט געהאַט.
דער הויפּט־פירער פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען מנחם קירשענבוים. אַן אַלטער און דערפאַרענער ציוניסטישער עסקן, אַ לאַנגיעריקער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער שטאָט־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַ פּרנס פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה. מנחם קירשענבוים איז געווען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער און פריינט פון יצחק גרינבוים. אין זיין פּריוואַטן לעבן איז ער פאַר דער מלחמה געווען אַ סוחר, ער האָט אָבער געווידמעט אַ סך צייט און מי דער געזעלשאַפטלעכער ציוניסטישער טעטיקייט. קירשענבוים איז נישט געווען קיין אידעאָלאָג פון דער באַוועגונג, אויך נישט קיין פּובליציסט און נישט קיין רעדנער, ער האָט אָבער געהאַט אָרגאַני־זאַציאָנעלע פעאיִקייטן און אַ סך דערפאַרונג אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען איינע פון די צענטראַלע פּערזענלעכ־קייטן, סיי אַלס אַ וויכטיקער טוער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף און מיטגליד פון דעם געהיימען גזעלשאַפטלעכן ראַט פון דזשוינט און סיי אַלס איינער פון די פירער פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון די ציוניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. אין זיין דירה אויף לעשנאָ 52 זענען אָפטמאָל פּאַרגעקומען באַראַטונגען פון ציוניסטישע טוער.

איך פּערזענלעך האָב נישט געהאַט צו אים קיין סימפּאַטיע. עס האָט מיך שאָקירט זיין איבערגעטריבענע זעלבסטזיכערקייט און אַפילו בעל־גאווהדיקייט, וועלכע איז נישט געשטאַנען אין אַ געהעריקער פּראָפּאָרץ צו זיין נישט איבעריק הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ. איך לייקן אָבער נישט אָפּ זיינע פאַרדינסטן. נאָך דער גרויסער אַקציע, ווען עס האָט זיך פאָרמירט די אָנפירונג פון דער קעמפערישער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ, איז מנחם קירשענבוים געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ווי אויך פון פּרעזידיום פון דעם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דער צווייטער אַקציע, אין יאַנואַר 1943, איז קירשענבוים אַריבער מיט זיין משפחה אויף דער אַרישער זייט. מיט דער הילף פונעם דזשוינט־דירעקטאָר דניאל גוזשיק האָט ער באַקומען דאָקומענטן פון אויסלענדישע בירגער און זיך געגרייט צו פאָרן מיטן טראַנספּאָרט אין לאַגער וויטעל אין פראַנקרייך. ווען ער איז שוין געווען מיט זיין משפחה אויף דער באַן־סטאַציע זענען געקומען ספּעציעלע שליחים פון געסטאַפּאָ און צוריקגעפירט זיי אין דער פּאַוויאַק־תּפיסה. וואַרשיינלעך האָבן יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן אינפאָרמירט די געסטאַפּאָ־אָנפירונג וועגן קירשענבוימס ראָל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. עטלעכע טעג שפּעטער איז קירשענבוימס גאַנצע משפחה, זיין פרוי און טאָכטער, דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון געטאָ. ער איז דאַן געווען אַלט ביי 50 יאָר.

אין אַ סך נאָענטערע און מער האַרציקע באַציאונגען בין איך געווען מיט דעם צווייטן, לויט זיין ראָל אין געטאָ, אַלגעמיין־ציוניסטישן פירער — אליעזר ליפּא בלאָך. ער איז געווען איינער פון די סימפּאַטישסטע און קולטורעלסטע געזעל־שאַפטלעכע טוער. פאַר דער מלחמה איז ער געווען לאַנגע יאָרן דער דירעקטאָר פון הויפּט־ביוראָ פון קק״ל אין פּוילן און אַ פירנדיקער טוער פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויך אַ געטרייער גרינבוימיסט.

אין וואַרשעווער געטאָ איז בלאָך געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע טוער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף. ער איז, צוזאַמען מיט דר. עמנואל רינגעלבלום, געשטאַנען בראש פון דעם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דער אַליינהילף. אַ דאַנק זיין ענערגיע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן, האָט ער אַקטיוו מיטגעווירקט ביי דער שאַפונג פון הונדערטער הויז־קאָמיטעטן און פּאַטראָנאַטן ביי פאַרשידענע זעלבסטהילף־אינסטיטוציעס. גלייכצייטיק איז ער געווען

איינער פון די הויפּט־טוער פון תרבות און תקומה. אַ גוטער רעדנער און רעפעררענט האָט ער אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אַ סך פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אַקאַדעמיעס און סעמינאַרן אין געטאָ.

נאָך דער ערשטער גרויסער אַקציע איז בלאָך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון געהיימען געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און פאַר שאַפן פינאַנציעלער הילף פאַר דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. נאָך דער צווייטער אַקציע איז ער אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט, אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגער בודזין אין לובלינער קאַנט. שפּעטער האָט ער זיך געמאַטערט אין עטלעכע אַנדערע לאַגערן און צום סוף אומגעקומען אין דעם טרויעריק־באַקאַנטן לאַגער מאַטהאַוזען אין עסטרייך, אין אויגוסט 1944.

פון אַנדערע אַלגעמיין־ציוניסטישע טוער דערמאָן איך זיך גוט דעם באַקאַנטן אין געטאָ, זייער ענערגישן נחום רעמבאַ. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער לאַנגע יאָרן געווען דער סעקרעטאַר פון דער שול־אָפּטיילונג אין דער יידישער קהילה. אויך אין געטאָ איז ער געווען אַ הויכער באַאַמטער, לייטער פון דער פּערסאָנעלער אָפּטיילונג, און גלייכצייטיק פאַראיין־פּאָרזיצער פון די אָנגעשטעלטע פון די פילצאָליקע יודנראַט־דעפּאַרטאַמענטן און אָפּטיילונגען. ער האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין דער צייט פון דער גרויסער אויסזידלונג־אַקציע, ווען ער האָט זיך באַמיט, ריזיקירנדיק מיט זיין לעבן, אַרויסצוראַטעווען פון דעם אומשלאַגפּלאַץ סיי זיינע קאָלעגן־באַאַמטע, פאַרדינסט־פולע געזעלשאַפטלעכע טוער, און סיי יידישע קינדער. אין דער דאָזיקער רעטונגס־אַרבעט האָט נחום רעמבאַ אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און קרבנות־גרייטקייט. שפּעטער איז ער אַליין אַריינגעפאַלן אין די נאַצישע הענט און איז דערמאָרדעט געוואָרן אין איינעם פון די לאַגערן אין לובלינער קאַנט.

אין גוטע באַציאונגען בין איך געווען מיט דעם פּאָפּולערן אַלגעמיין־ציוניסטישן טוער, דר. ישראל מילייקאָווסקי, דעם הויפּט־לייטער פון דער געזונדהייטס־אָפּטיילונג אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכער האָט געפירט, אין די טראַגישע געטאָ־באַדינגונגען, דעם מוטיקן, אָבער אויסזיכטלאָזן קאַמף קעגן דער סיסטעמאַטישער דייטשער אויסראָטונגס־פּאָליטיק, דורך הונגער און עפּידעמיעס.

מיט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג אין געטאָ זענען געווען פאַרבונדן אַ ריי יידישע וויסנשאַפטס־לייט און אינטעלעקטועלע, ווי דער באַקאַנטער היסטאָריקער, דר. יצחק שיפּער; ווי דער יודאַאיסטישער פאָרשער דאָצענט דר. עדמאָנד (מנחם) שטיין, וועלכער האָט אויך אין געטאָ געהאַלטן רעפעראַטן וועגן יידישע פילאָזאָפן, ווי דר. טולאָ (נפתלי) נוסענבלאַט, אַ היסטאָריקער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ ביאָגראַף פון טעאָדאָר הערצל; ווי דער פּעדאַגאָג דר. מיכאל בראַנדשטעטער א.א. אַ טייל פון זיי איז געווען אַקטיוו אין

דער סאָציאַלער אַליינהילף, אין תרבות און אין תקומה. אויך זיי אַלע זענען אומגעקומען.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען טעטיק צוויי אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — עקיבא און הנוער הציוני. זיי זענען נישט געווען קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, ווי דרור און השומר הצעיר, אָבער אויך זיי האָבן אָנטייל־גענומען אַקטיוו אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און זייערע חברים האָבן געקעמפט אין די רייען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

איינער פון די פירער פון עקיבא איז געווען דער געטאָ־קעמפער, לייב (לוטעק) ראָטבלאַט. ער איז געווען מיין גוטער באַקאַנטער. איך האָב וועגן אים געשריבן גענויער אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען. אין דער צייט פון אויפשטאַנד אין געטאָ איז לוטעק ראָטבלאַט געווען אַ קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָפּטיילונג פון עקיבא. ער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט אַ טייל פון שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין דעם בונקער אויף מילע 18.

אויך דער געטאָ־קעמפער ישראל קאַנאַל איז געווען אַ חבר פון עקיבא. ער האָט געשאָסן, נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע, אויף דעם קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, וועלכער האָט געהאָלפן די נאַצישע מערדער אַדורכ־צופירן די אַקציע, יוזעף שערינסקי, און אים שווער פאַרווונדעט. שפּעטער האָט ישראל קאַנאַל אָנטיילגענומען אין די ערשטע קאַמפן אין געטאָ, אין יאַנואַר 1943. בעת דעם אויפשטאַנד איז ער געווען קאָמענדאַנט פון צענטראַלן געטאָ. ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

אויך שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק), וועלכער האָט בעת דעם אויפשטאַנד געקעמפט אויפן געביט פון די בערשטלער און שפּעטער אָנטיילגענומען אַקטיוו אין דער אויסערגעוויינלעך מוטיקער רעטונגס־אונטערנעמונג פון צענדליקער געטאָ־קעמפער, דורך די קאַנאַלן, איז געווען אַ חבר פון עקיבא. ער געהערט צו די געציילטע געטאָ־קעמפער, וועלכע זענען געבליבן לעבן. ער וווינט אין ישראל. זיין נאָמען איז איצט — שמחה רותם.

אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע הנוער הציוני האָב איך נישט געהאַט קיין פּערזענלעכע באַקאַנטע. איך ווייס נאָר, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט אַ שטאָטישן קיבוץ מיטן נאָמען בדרך און אַז זי האָט אַרויסגעגעבן אין געטאָ אַ צייטשריפט אין עברית שביב. איר פירער — יעקב פּראַשקער, איז אין דער צייט פון אויפשטאַנד, געווען דער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָפּטיילונג פון הנוער הציוני, אין די ראַמען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער איז געפאַלן אין קאַמף.

פון די עקיבא־אַקטיוויסטן אין וואַרשעווער געטאָ וויל איך אויך דערמאָנען העלאַ שיפער, די דרייסטע פאַרבינדלערין, וועלכע האָט פיל מאָל דורכגעמאַכט די טראַסע וואַרשע־קראָקע אין שליחות פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע. אינעם אויפשטאַנד פון אַפּריל־חודש 1943 האָט זי געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ. העלאַ שיפער האָט זיך געראַטעוועט, לעבט אין ישראל און

איר איצטיקער פאַמיליע־נאָמען איז רופאייזן.

די ציוניסטישע אַרבעטס־גרופּירונג התאחדות איז אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע פאָרמאַציע נישט געווען טעטיק. דער התאחדות־טוער, פּעדאַגאָג און פּובליציסט, דר. נתן עק איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינ־הילף, לייטער פון דער געהיימער העברעיִשער גימנאַזיע, פון תרבות, געווען אויך טעטיק אין תקומה און אין דעם קולטור־לעבן אין געטאָ, אויף פאַרשידענע געביטן. ער איז געבליבן לעבן און וווינט איצט אין ישראל. צווישן די אַקטיוויסטן אין געטאָ האָט זיך אויך געפונען דוד ראַדונסקי, שפּעטער אומגעקומען אין אַ לאַגער.

אַן אַקטיווע טעטיקייט אין געטאָ האָט געפירט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון התאחדות — גורדוניה. אויך זי האָט געהאַט אַ שטאָטישן קיבוץ, אויף נאַלעווקעס 23, און האָט אַרויסגעגעבן צוויי צייטשריפטן: אין יאָר 1941 אין דער יידישער שפּראַך א ו י ס ד ו י ע ר און אין די יאָרן 1941 און 1942 — אין דער פּוילישער שפּראַך — ס ל אָ ו ו אָ מ ל אָ ד י ך (די שטימע פון די יונגע).

דער פירער פון גורדוניה איז געווען אליעזר געלער. אַ געוועזענער זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו, איז ער געווען איינער פון די פאָנענטרעגער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. צוזאַמען מיט דר. עק און אַנדערע התאחדות־ און גורדוניה־טוער האָט ער אַרויסגעגעבן די צייטשריפטן און אָרגאַניזירט דעם קיבוץ און דעם סעמינאַר פון גורדוניה. בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ איז ער געווען דער קאָמענדאַנט פון די קאַמפס־אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַני־זאַציע אויפן געביט פון די טעבענס־וואַרשטאַטן. דאַן איז ער, על־פּי־נס, געבליבן ביים לעבן. שפּעטער אומגעקומען אין אוישוויץ.

דער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפס־אָפּטיילונג פון גורדוניה, בעת דעם אויפ־שטאַנד איז געווען יעקב פייגענבלאַט (יאַצעק). ער האָט שפּעטער נאָך דעם אויפשטאַנד, אָנטיילגענומען אין דער פּאַטיזאַנישער באַוועגונג און געפאַלן אין קאַמף.

צו די מוטיקע געטאָ־קעמפער, מיטגלידער פון גורדוניה, האָט אויך אָנגעהערט יהודה קאָנסקי. בעת זיינע באַמיאונגען צו שאַפן געוועזער פאַרן קעמפנדיקן געטאָ, אַ חודש פאַר דעם אויפשטאַנד, איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. בעת דער אויספאָרשונג שרעקלעך געפייניקט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן און נישט געזאָגט קיין וואָרט. דאַן האָבן אים די דייטשן פאַרפייניקט ביזן טויט.

**ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן**

עס איז מיר נישט לייכט צו שרייבן וועגן דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג און איר ראָל אין וואַרשעווער געטאָ. צווישן מיר און דעם גאַנצן לינקן לאַגער, דעם

ציוניסטישן און נישט־ציוניסטישן, פון איין זייט, און צווישן דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, אין אַלע אירע געשטאַלטן, פון דער צווייטער זייט, ליגט אַ טיפער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער תהום. דער טיפער תהום האָט עגזיסטירט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און ער איז געבליבן אויך נאָך דער וועלט־מלחמה און דויערט ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב זיך אָבער געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שרייבן וועגן אַלע פּאָליטישע ריכטונגען אין געטאָ און וועגן זייער טעטיקייט אָביעקטיוו, ווי נאָר עס איז מעגלעך.

די זייער געמישטע געפילן, וועלכע באַגלייטן מיך ביים שרייבן וועגן דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג האָבן נאָך איין סיבה. איך שאַץ אָפּ די פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ קודם־כל לויט זייער באַציאונג און אָנטייל אין דער ידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל און אין דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד אין געטאָ בפרט. פון דעם שטאַנד־פּונקט האָט דער געשאַפענער דורך די רעוויזיאָניסטן ידישער מיליטערישער פאַרבאַנד (Żydowski Związek Wojskowy — Ż.Z.W.) געשפּילט אַ העלדישע ראָל אין דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

ער איז געווען אַ סך קלענער פון דער ידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (Ż.O.B. — Żydowska Organizacja Bojowa) זיין פאַרנעם און געזעלשאַפטלעכע השפּעה אין געטאָ איז געווען אָן אַ פאַרגלייך קלענער פון דער ידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַרומגענומען די קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון כמעט אַלע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אויסער די רעוויזיאָניסטן, און איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר און דער פירנדיקער כוח אין אויפשטאַנד. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז קעמפער פון ידישן מיליטערישן פאַרבאַנד האָבן בעת דעם אויפשטאַנד מוטיק געקעמפט, באַזונדער אויף איינעם פון די וויכטיקע קאַמפּס־אָפּשניטן, אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ. אַ גרויסער טייל פון זיי איז דאָרט געפאַלן. די איבעריקע זענען אומגעקומען שפּעטער אויף דער אַרישער זייט.

דער אָנדענק פון די געפאַלענע קעמפער אין אַנטיהיטלעריסטישן געראַנגל פון דעם ידישן מיליטערישן פאַרבאַנד דאַרף זיין פּונקט אַזוי הייליק ווי פון אַלע אַנדערע געטאָ־קעמפער.

עס איז געווען אַ מאָדנער קאָנטראַסט צווישן דער אַקטיווער ראָל פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג אין דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און זייער פּאַסיוויטעט אין דעם אינטענסיוו־פּולסירנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב געקענט פּערזענלעך אַ ריי פירנדיקע רעוויזיאָניסטישע טוער. נאָך פון די סטודענטישע צייטן האָב איך געקענט איינעם פון זיי: דר. מיכאל סטריקאָווסקי. אַ וועטערינאַר. איך געדענק אים נאָך פון די יוגנט־יאָרן אַלס אַן עקסטרעמיסטיש־געשטימטן אָנהענגער פון זאב זשאַבאָטינסקי. איך געדענק די ליידנשאַפטלעכע, אָפּטמאָל שטורמישע דיסקוסיעס צווישן לינק־געשטימטע ידישע סטודענטן מיט אים און אַנדערע רעוויזיאָניסטן.

איך האָב געקענט פערזענלעך דעם פּאָליטישן פירער פון די רעוויזיאָניסטן, דעם מעדיצין־דאָקטאָר, נעוראָלאָג און פּסיכיאַטער, דר. דוד ווידאָווינסקי, ווי אויך דעם פירנדיקן רעוויזיאָניסטישן טוער אין געטאָ, דעם זשורנאַליסט לעאָן (לייב) ראָדאַל. קיינער פון זיי אָדער פון אַנדערע רעוויזיאָניסטישע טוער איז נישט געווען אַקטיוו — נישט אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, נישט אין די תרבות־שולן און אַפילו נישט אין תקומה.

אין דעם טאָג־טעגלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ האָט מען די רעוויזיאָניסטן כמעט נישט געפילט. זיי האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן זייער צייטשריפט אין דער יידישער שפּראַך מגן דוד. צום אָנדענק פון זאב זשאַבאָטינסקי האָט די רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר אַרויסגעגעבן אין יאָר 1941 אַ ספּעציעלע אויסגאַבע המדינה מיט אַ סך אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען געווידמעטע זייער אידעאָלאָג און פירער. דאָס איז געווען די איינציקע אויסגאַבע אין געטאָ, וועלכע איז דערשינען געדרוקט. די רעוויזיאָניסטישע טוער איז געלונגען צו געפינען אין אַ געטאָ־קעלער אַ קליינע נישט פונקציאָנירנדיקע דרוקעריי. אַלע אַנדערע צייטשריפטן און ראַדיאָ־ביולעטינען אין געטאָ זענען געווען העקטאָגראַפירט.

עס איז אַ פאַקט, וועלכן קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז די באַציאונג פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט אין געטאָ צו די רעוויזיאָניסטן איז געווען אַ נעגאַטיווע. אויך די באַציאונג צו זיי מצד דער מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און סיי פון די אַלגעמיינע־ציוניסטן, פון דעם ראַדיקאַלן, גרינבוימיסטישן פליגל — איז געווען אַ פיינטלעכע. די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך געפילט אין געטאָ אין אַ גרויסער מאָס איזאָלירט.

דער יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד איז געשאַפן געוואָרן אויף דער באַזע פון דריי גרופּן: פון ברית־החייל, אין וועמענס ראַמען עס האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָל אָפיצירן, אונטער־אָפיצירן און זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, פון די אַקטיוויסטן פון בית״ר און פון מיטגלידער פון אַ רעוויזיאָניסטישן קלוב ירדן, אין וועלכן עס האָט זיך גרופּירט אַ געוויסע צאָל פון שפּראַכלעך־אַסימילירטע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע אָפיציעלע קרייזן.

אַ דאַנק די קאָנטאַקטן פון די אָפיצירן פון ברית־החייל מיט פאַרשידענע פּוילישע אָפיצירן, וועלכע זענען שוין געווען פאַרבונדן מיט געהיימע פּוילישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, געלינגט דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד איינצוקויפן אַ היפּשע צאָל געווער און אַמוניציע און שאַפן, מיט דער צייט, אַ גענוג גרויסן געווער־אַרסענאַל אין געטאָ. בראש פון דעם פאַרבאַנד — Ż.Z.W. זענען געשטאַנען: דוד אַפּפּעלבוים, אַ לויטענאַנט אין דער פּוילישער אַרמיי און די רעוויזיאָניסטישע טוער פּאַוועל פרענקעל און לעאָן (לייב) ראָדאַל.

זיי זענען געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער פוילישער מיליטערישער גרופּע פון מאַיאָר (אין דער רעזערווע) הענריק איוואַנסקי (פּסעוודאָנים — ביסטרי — אויף פויליש — אַ שנעלער). די דאָזיקע גרופּע איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון אַ גרעסערער געהיימער פוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע — Korpus Bezpieczeństwa — K.B. זיכערהייטס־קאָרפּוס) בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער קאָלאָנעל אַנדזשעי פּעטריקאָווסקי (פּסעוודאָנים — טאַרנאַווא). אויסער דעם איז דער יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַן אַנדערער פוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע .P.L.A.N (קירצונג פון די פוילישע ווערטער — פוילישע פאָלקס־אַקציע פאַר אומאָפּהענגיקייט), מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט קאַפּיטאַן צעזאַרי שעמלעי־קעטלינג. די ביידע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער גרויסער געהיימער פוילישער לאַנד־אַרמיי — א.ק. (A.K. — Armia Krajowa) וועלכע איז געווען אונטער־געאָרדנט דער פוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. נישט געקוקט דערויף, אַז די אַנטיסעמיטישע הויפּט־קאָמענדאַנטור פון א.ק. האָט נישט געוואָלט דערטיילן דעם קעמפנדיקן געטאָ קיין מאַסיווע מיליטערישע הילף, האָבן באַזונדערע פוילישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס יאָ געגעבן אַ געוויסע הילף די געטאָ־קעמפער.

ווי געזאָגט, זענען כמעט אַלע קעמפער פון דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד געפאַלן אין געראַנגל אָדער אומגעקומען אויף דער אַרישער זייט. געבליבן ביים לעבן איז דער פּאָליטישער פירער פון די רעוויזיאָניסטן, דר. דוד וודאָווינסקי. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם נאַצישן לאַגער אין בודזין, אין לובלינער קאַנט. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרעסערע גרופּע יידן פון וואַרשעווער געטאָ, צווישן זיי אַ ריי געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען. דער אונטערערדישער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט, דורך זיינע פאַרבינדלער, מיט דעם דאָזיקן לאַגער.

איך האָב באַקומען גענוג אָפטע באַריכטן וועגן דער לאַגע אין לאַגער, געשריבענע דורך מיין נאָענטן מיטאַרבעטער פון צענטאָס אין געטאָ, דעם צענטאָס־אינספּעקטאָר, זאב פרידהיים. ער האָט מיר אויך געשריבן וועגן דר. וודאָווינסקי. דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט דערטיילט אַ באַדיי־טנדיקע הילף די יידן אין דעם לאַגער, ווי אויך אין אַנדערע לאַגערן אין לובלינער קרייז, באַזונדער פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו.

איך האָב אויך געהאַט אַ בריוולעכן קאָנטאַקט, דורך אונדזערע פאַרבינדלער, מיט אַן אַקטיוון רעוויזיאָניסטישן טוער פון וואַרשע, אַדוואָקאַט דוד שולמאַן, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן ווידער־שטאַנד־קאָמיטעט אין דעם טויט־לאַגער טראַווניקי. אויך די יידן און געזעל־שאַפטלעכע טוער אין טראַווניקי האָט דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט געשיקט הילף אין פאַרשידענע פאָרמען. אַדוו. שולמאַן איז דערמאָרדעט

געוואָרן אין דעם לאַגער, צוזאַמען מיט אַרום צען טויזנט יידן פון וואַרשעווער געטאָ. דר. ווידאָווינסקין איז געלונגען צו בלייבן לעבן. ער האָט נאָך דער באַפרייאונג אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין ישראל, בעת אַ קאָנפערענץ אין בית זשאַבאָטינסקי אין תל־אביב.

**די רעליגיעזע פּאַרטייען — אגודת־ישראל און מזרחי**

סיי פון שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג און סיי צוליב אידעאיש־פּאָליטישע סיבות בין איך געווען הימלווייט פון די רעליגיעזע פּאַרטייען און פון רעליגיעזן לעבן בכלל. אַלס איבערצייגטער פריידענקער און אַטעאיסט פון מיינע יוגנט־יאָרן, האָב איך געפילט אַ קעגנערשאַפט און אַן אינערלעכן ווידערווילן צו רעליגיעזע פּאָליטישע פּאַרטייען און צו יעדער פאָרם פון קלעריקאַליזם.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָבער געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז צוליב מיינע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס בין איך אַ לענגערע צייט געווען אין אַ גענוג ענגן קאָנטאַקט מיט די טוער פוןביידע רעליגיעזע פּאַרטייען, סיי פון אגודת־ישראל און סיי פון מזרחי. די סיבה איז געווען אַזאַ: ווען די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט דערלויבט צו עפענען יידישע שולן, האָבן די יידישע פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען און די פירער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימען יידישן שול־וועזן. די שולן פון אַלע ריכטונגען זענען געשאַפן געוואָרן אונטער דעם דעקמאַנטל פון קינדער־קיכן ביי דער גרויסער קינדערשוץ־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ צענטאָס. ביי דער דירעקציע פון צענטאָס איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער שול־קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון אַלע שול־ריכטונגען, וועלטלעכע און רעליגיעזע, אין אַלע דריי שפּראַכן — עברית, יידיש און פויליש.

איך, אַלס הויפּט־לייטער פון צענטאָס און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די געזעל־שאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע ענינים און, צוזאַמען מיט מיר, דער פינאַנציעלער און אַדמיניסטראַטיווער לייטער פון צענטאָס, מיין פריינט יוסף גיטלער, האָבן איבערגענומען די שוץ איבער דעם געהיימען יידישן שול־וועזן. באַמיט זיך אים צו העלפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. די זיצונגען פון שול־קאָמיטעט זענען פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער צענטאָס־צענטראַלע אויף לעשנאָ 2.

אַזוי אַרום בין איך אַ לענגערע צייט געווען אין אַ כמעט טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט די פירער פון אַלע שול־ריכטונגען, וועלכע זענען מערסטנטייל געווען גלייכצייטיק פירנדיקע טוער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך עטוואָס נאָענטער אויך מיט דעם רעליגיעזן שול־וועזן און מיט די ביידע רעליגיעזע פּאַרטייען און זייערע פירער.

עס איז געווען אין געטאָ נאָך איין פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואָס האָט, אין אַ געוויסער מאָס, געווירקט אויף מיין עמאָציאָנעלער באַציאונג צום רעליגיעזן

יידנטום. די ס.ס.־לייט, ווי אויך די אָפּיצירן, זעלנער און זשאַנדאַרמען פון דער ווערמאַכט האָבן זיך אויף אַ באַזונדער אכזריותדיקן אופן באַצויגן צו אָרטאָדאָקסישע יידן. די באַליבטע שפּיל פון די דייטשן איז געווען צו רייסן זייערע בערד און פאות און צווינגען די יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס צו מאַכן גימנאַסטיק, צו שפּרינגען הויך און צו לייגן זיך אין שמוץ און בלאָטע.

איך האָב נישט איינמאָל געזען אַזעלכע "ספּעקטאַקלען" און עס האָט אַלץ אין מיר געקאָכט.

די דאָזיקע באַרבאַרישע פּייניקונגען און דערנידעריקונגען פון די נאַצישע פאַרברעכער האָבן געווירקט אויף מיר אַזוי, אַז איך האָב זיך באַמיט, אין מיין אַרבעט אין צענטאָס, אַרויסצוּווייזן אַ באַזונדערע האַרציקייט צו רעליגיעזע יידן און צו זייערע קינדער. אויך מיינע באַציאונגען מיט די פירער פון רעליגיעזן שול־וועזן זענען געווען פריינטשאַפטלעכע.

ווי געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט סיי מיט די טוער פון דער אגודה און סיי מיט די טוער פון מזרחי. אויב עס גייט וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון די ביידע רעליגיעזע גרופּירונגען, איז דער אונטערשיד צווישן זיי געווען אַ גרויסער.

די מזרחי־באַוועגונג איז אין געטאָ געווען זייער שוואַך. פּאַקטיש, אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע ריכטונג, אַלס אַ רעליגיעז־ציוניסטישע פּאַרטיי, איז זי אין וואַרשעווער געטאָ נישט געווען טעטיק. קיין אייגענעם אונטערערדישן פּרעסע־אָרגאַן אָדער ביולעטין האָט זי נישט געהאַט. עס האָט איר געפעלט אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט.

פּאַקטיש האָט זיך די טעטיקייט פון מזרחי קאָנצענטרירט אין די פּאָר שולן פון זייער שול־ריכטונג יבנה. איך געדענק, אַז איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די לייטערס פון די שולן: ג. פּרענקעל, ד. שפּירא א.א. איך געדענק אויך דעם מזרחי־טוער י. שטשעראַנסקי. איך האָב געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן לייטער פון דער רעגיסטראַציע־אָפּטיילונג אין דער צענטראַלע פון יודנראַט, פּנחס וואַסערמאַן, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג תורה ועבודה פון הפועל המזרחי, ער איז אָבער אין געטאָ געווען ווייניק אַקטיוו.

איך האָב געהערט וועגן אַ געוויסן שלמה סקוטשקאָווסקי, אַ טוער פון דעם החלוץ הדתי, אָבער וועגן דער טעטיקייט פון אַזאַ גרופּע אין וואַרשעווער געטאָ איז צו מיר קיין שום ידיעה נישט דערגאַנגען.

אַנדערש איז געווען די פּאָזיציע פון אגודת־ישראל. זי איז געווען אַ גענוג וואָגיקער פּאַקטאָר אין געטאָ. זי האָט אָנגעפירט מיטן רעליגיעזן ראַט ביי דעם יודנראַט. די וויכטיקסטע רבנים אין געטאָ זענען געווען פאַרבונדן מיט אגודת־ישראל. גלייכצייטיק אָבער זענען אַ ריי אגודה־טוער געווען אַקטיוו אין פאַרשידענע סעקטאָרן פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. אגודת־ישראל האָט אויך אַרויסגעגעבן איר צייטשריפט אַ ק ו ל  א י ן  מ ד ב ר, אין דער

יידישער שפּראַך. די אגודה האָט געהאַט כשרע קיכן, פֿאַר דערוואַקסענע און פֿאַר קינדער. דער אָרטאָדאָקסישער רב, וועלכער איז געווען פֿאַרבונדן מיט אגודת־ישראל, הרב שמעון הובערבאַנד, איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פֿון דר. עמנואל רינגעלבלום אין דער אָנפֿירונג פֿון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת.

איך האָב געהאַט אַ רעגלמעסיקן קאָנטאַקט מיט די טוער פֿון דעם אָרטאָדאָקסישן שול־וועזן. אגודת־ישראל האָט פֿאַרמאָגט אַ נעץ פֿון שולן פֿאַר יינגלעך, אייגענטלעך חדרים, אין ראַמען פֿון דער שול־ריכטונג חורב, און פֿאַר מיידלעך, אין ראַמען פֿון בית־יעקב. איך געדענק נאָך די נעמען פֿון זייערע טוער: ראַגאָווי, אָרלעאַן, אונגער, פֿרידענזאָן א.א.

עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספֿק, אַז אגודת־ישראל האָט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען איר ראָל אין געטאָ איר הויפּט־פֿירער און וואַרטזאָגער אַלעקסאַנדער זישע פֿרידמאַן. דאָס איז געווען איינע פֿון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן אין וואַרשעווער געטאָ. איך האָב שוין וועגן אים געשריבן אין איינעם פֿון די פֿריערדיקע קאַפּיטלען. איך וויל בלויז צוגעבן אַז אַלס רעזולטאַט פֿון אונדזערע אָפֿטע קאָנטאַקטן אין צוזאַמענהאַנג מיט די פֿראַגן פֿון רעליגיעזן שול־וועזן, האָבן מיר זיך פּערזענלעך באַפֿריינדעט, נישט געקוקט אויף די טיפֿע וועלט־אָנשויאונג־אונטערשידן.

דאָס איז געווען אַ קלוגער ייִד, אַ שריפֿטשטעלער און רעליגיעזער דיכטער, אַ גוטער רעדנער, אַ מענטש מיט אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער דערפֿאַרונג. נאָך פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אגודת־ישראל אין פּוילן, אַ שול־טוער און רעדאַקטאָר פֿון אַ ריי פּובליציסטישע און ליטעראַרישע אויסגאַבן. ער האָט געשריבן אין יידיש און אין עברית און האָט געהאַט אַ טיפֿן סענטימענט פֿאַר ארץ־ישראל, אונטערשיידנדיק זיך מיט דעם פֿון אַ סך עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע, פֿאַנאַטיש אַנטיציוניסטישע אגודה־טוער. ווי איך האָב שוין באַטאָנט, האָט א.ז. פֿרידמאַן געהאַט אַ קריטישן צוגאַנג צום יודנראַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון רעליגיעזן ראַט. ער האָט זיך געפֿילט ענג פֿאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און געווען טעטיק אין איר אָנפֿירונג. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פֿון דעם געהיימען געזעלשאַפֿטלעכן ראַט ביים דזשוינט, צוזאַמען מיט מנחם קירשענבוים, שכנא זאַגאַן און מאַוריצי אָזשעך. ער האָט געהאַט די פֿעאיקייט מיטצואַרבעטן טאַקטפֿול מיט וועלטלעכע טוער און מיט די פֿירער פֿון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

אין איין פֿראַגע איז די גאַנצע צייט געווען אַ תהום צווישן אים און די טוער פֿון דער יידישער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער האָט זיך סיי אויף די געזעלשאַפֿטלעכע קאָנפֿערענצן און סיי אין פּערזענלעכע שמועסן אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן דעם יידישן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. זיין נעגאַטיווע שטעלונג האָט ער באַמיט צו באַגרינדן מיט רעליגיעזע אַרגומענטן

און מיט דעם געשפּענסט פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון גאַנצן געטאָ.

פאַרשטייט זיך, אַז זיינע אַרגומענטן האָבן אונדז נישט איבערצייגט. א.ז. פרידמאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן שוין נאָך דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, אין נאָוועמבער 1943, אין איינעם פון די לאַגערן אין לובלינער קאַנט.

אין געטאָ זענען געווען קלאַנגען, אַז דער אגודה־טוער, ראש־הישיבה אויף פּראַגע, ביי וואַרשע, הרב מנחם זעמבאַ, האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן פ אַ ר דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין אַלגעמיין האָבן זיך די רבנים און די טוער פון ביידע רעליגיעזע פּאַרטייען אַרויסגעזאָגט ק ע ג ן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און קעגן דעם אויפשטאַנד.

ק י י ן ש ו ם אָרגאַניזירטע גרופּע פון דער רעליגיעזער יוגנט, נישט פון אגודת־ישראל און נישט פון מזרחי האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און נישט אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

איך וויל נאָך דערמאָנען, אַז יידישע זשורנאַליסטן און פּובליציסטן אין געטאָ, וועלכע זענען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם רעליגיעזן לעבן, האָבן פעסט־געשטעלט, אַז די רעליגיעזע שטימונגען זענען, אַלס רעזולטאַט פון די טראַגישע איבערלעבונגען אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט, זייער געפאַלן, און דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן האָט זיך שטאַרק איינגעשרומפּן.

אין דעם אָפּגעראַטעוועטן, געפונענעם אונטער די חורבות פון געטאָ, טייל פון דעם געהיימען רינגעלבלום־אַרכיוו, זענען געפונען געוואָרן שריפטלעכע, אויטענטישע אַרויסזאָגונגען פון אַ צאָל באַקאַנטע יידישע פּובליציסטן, זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער — זייערע ענטפערס אויף די אַנקעטע פון דער אַרכיוו־אָנפירונג אין יאָר 1942 וועגן דעם לעבן אין געטאָ.

דער באַקאַנטער יידישער רעליגיעזער פּובליציסט און שריפטשטעלער, הלל צייטלין, האָט געשריבן, אַז עס פילט זיך אין וואַרשעווער געטאָ אַ באַדייטנ־דיקע אָפּשוואַכונג פון די רעליגיעזע געפילן ביי די מאַסן. ער האַלט, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון אַ "בונט קעגן גאָט", אַפילו ביי רעליגיעזע מענטשן. די מאַסן ווילן נישט "להצדיק את הדין".

דער באַקאַנטער אין יענע יאָרן ציוניסטישער פּובליציסט און איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער אין דער טאָג־צייטונג ה י י נ ט, אהרון איינהאָרן, האָט, אין זיין ענטפער אויף די אַנקעטע, געשריבן, אַז דאָס רעליגיעזע לעבן אין געטאָ איז גוואַלדיק געפאַלן און אַז עס שטאַרקט זיך ביי די מאַסן אַן אינדיפערענטע באַציאונג צו דער רעליגיע.

**בונד**

וועגן בונד אין וואַרשעווער געטאָ שרייב איך מיט געמישטע געפילן. זינט מיינע סטודענטישע און יוגנט־יאָרן האָב איך געפירט אַן אידעאיש־פּאָליטישן געראַנגל

קעגן דעם בונד. מיין קעגנערשאַפט צו אים האָט געהאַט צוויי הויפּט־סיבות: סיי זיין עקסטרעם־נעגאַטיווע באַציאונג צום געדאַנק פון דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל און פון דער נאַציאָנאַלער און מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט פון יידישן פאָלק, און סיי זיין עקסטרעם־נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און צו דער לינקער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער בונד האָט זיך זינט אַ לענגערער צייט אויסגעפורעמט אַלס אַ רעכטע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

עס האָט מיר געווירקט אויף די נערוון די זעלבסטזיכערקייט פון די בונדישע פירער, זייער גרענעצלאָזע גאווה, זייער אַמביציע צו שפּילן די ראָל פון די איינציקע פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַפילו אין דער צייט, ווען סיי די יידישע קאָמוניסטן און סיי די לינקע פּועלי־ציון האָבן שוין געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן.

גלייכצייטיק האָב איך געהאַט אַ געפיל פון דרך ארץ צום בונד, צוליב זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַרישער הערשאַפט, ביז די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1917 יאָר און צוליב דעם פאַקט, אַז דער בונד האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט, און צוליב זיין שטאָלצן און מוטיקן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע פון די יידישע מאַסן, פאַר זייער נאַציאָנאַלן קולטור־רענעסאַנס. איך בין געווען ווייט פון דער בונדישער הויפּט־שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, איך האָב אָבער אָנערקענט די גרויסע פאַרדינסטן פון בונד, אַלס מיטבויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און פון דעם וועלטלעכן יידישן שול־וועזן.

נישט אומזיסט האָט בער באָראָכאָוו אין איינעם פון זיינע ווערק געשריבן, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס וועט דאַרפן שטעלן אַ מאָנומענט פאַרן בונד אין... ארץ־ישראל! איך מיין, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז ריכטיק ביזן היינטיקן טאָג.

נישט געקוקט אויף דעם קעגנזייטיקן שאַרפן אידעאיש־פּאָליטישן געראַנגל, איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאָרגעקומען אַ דערנענטערונג און אַ מיט־אַרבעט צווישן דעם בונד און די לינקע פּועלי־ציון, אויף דעם געביט פון יידישן וועלטלעכן שול־וועזן אין דער יידישער שפּראַך.ביידע פּאַרטייען האָבן צוזאַמען געשאַפן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ), וועלכע האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואָקסן און געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם יידישן קולטור־לעבן אין פוילן. די ענגע צוזאַמענאַרבעט אויף דעם געביט האָט געדויערט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויך אין וואַרשעווער געטאָ.

אין געטאָ זענען מיינע קאָנטאַקטן מיט בונדישע טוער געווען ענגערע ווי פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוליב עטלעכע סיבות. ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו אָרגאַניזירן דאָס געהיימע יידישע שול־וועזן, אונטערן

דעקמאַנטל פון די קינדער־קיכן פון צענטאָס, איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינ־זאַמער שול־קאָמיטעט פון די וועלטלעכע ציש״אָ־שולן, בראש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען — דער פירער פון די לינקע פועלי־ציון, שכנא זאַגאַן און די באַקאַנטע בונדישע טוערין און לערערין סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ. איך, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס בין געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זיי און מיט אַנדערע ציש״אָ־טוער, פוןביידע פּאַרטייען.

אויך די באַקאַנטע בונדישע קינדער־סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון דעם אידעאָלאָג און פירער פון בונד, וולאַדימיר מעדעם, אין דאָרף מיעדזעשין, ביי וואַרשע, די מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט זיך אין דער געטאָ־צייט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער קינדער־היים פון צענטאָס. זי האָט געענדערט איר כאַראַקטער, אָבער געווען ווייטער אַ מוסטער־אַנשטאַלט. אַלס צענטאָס־דירעקטאָר האָב איך געהאַט האַרציקע פאַרבינדונגען מיטן אַנשטאַלט און מיט אירע בונדישע לייטער, לערער און דערציער. איך האָב אַ פּאָר מאָל דאָרט אַדורכגעפירט אינספעקציע־באַזוכן.

ווען אין אָנהויב פון יאָר 1942 האָט אָנגעהויבן רייף צו ווערן אין געטאָ דער געדאַנק פון אַן אַקטיוון און באַוואָפנטן יידישן ווידערשטאַנד און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק האָב איך געהאַט אַ ריי שמועסן אויך מיט בונדישע טוער וועגן צושטיין פון בונד צום בלאָק. דאַן האָט דער בונד דעם פאָרשלאָג קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. ער איז נאָך נישט געווען גרייט צו זיצן אין אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע מיט ציוניסטן און קאָמוניסטן. ערשט נאָך דער גרויסער אַקציע, אין אָקטאָבער 1942, האָט דער בונד באַשלאָסן צוצוטרעטן צו דער געמיינזאַמער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאַן איז אויך געשאַפן געוואָרן די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון דעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (Ż.K.N.) מיטן אונטערערדישן בונד.

דאַן בין איך שוין געווען טעטיק, אַלס פאַרשטייער פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אויף דער אַרישער זייט. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט בין איך כמעט צוויי און אַ האַלב יאָר געשטאַנען אין אַ כמעט טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג מיט די בונדישע פירער, אין דער ערשטער ריי, מיט דעם דאַמאָלסדיקן הויפּט־פירער פון בונד, דר. לעאָן פיינער (מיקאָלאַי). מיר זענען צוזאַמען געווען טעטיק סיי אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און סיי אין דעם פּרעזידיום פון געהיימען אַלפּוילישן ראַט צו העלפן יידן (זשעגאָטאַ), מיקאָלאַי אַלס איינער פון די וויצע־פאָרזיצערס, איך אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. סיי מיר און סיי יצחק צוקערמאַנען (אַנטעקן) איז דאַן אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט דר. פיינערן און מיט אַנדערע בונדישע טוער, ווי סאַלאָ פישגרונט (העניק), איגנאַצי סאַמסאָנאָוויטש א.א.

באַזונדער ענג איז געוואָרן די מיטאַרבעט אין דער צייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און נאָך אים. די בונדישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען, אין די

ראַמען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן בעת דעם אויפשטאַנד העלדיש געקעמפט מיט די געטאָ־קעמפער פון אַלע ריכטונגען, אַריינגעשריבן אַ גאָלדענעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן אַנטיהיטלעריסטישן געראַנגל.

אויך די קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט פון די בונדישע טוער אויף דער אַרישער זייט איז געווען אַ מוטיקע. נישט געקוקט אויף די פּרינציפּיעלע און אויך אַקטועל־פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און אויף געוויסע שפּאַנונגען, פון צייט צו צייט, איז אונדזער מיטאַרבעט מיטן בונד געווען אַ האַרמאָנישע. אין דער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט, אויף דער שוועל פון לעבן און טויט, האָבן זיך צווישן אונדז געשאַפן באַציאונגען פון קאַמפּס־ברודערשאַפט.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען די טעטיקייט און די ראָל פון בונד אין וואַרשעווער געטאָ? דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער שטורמישער אָנגריף פון דער ווערמאַכט אויף פּוילן האָט, פאַרשטייט זיך, אויך אויפן בונד געווירקט דערשיטערנדיק. דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939 און אין משך פון די ווייטערדיקע טעג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער מאַסן־אַנטלויף פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט, האָט כמעט דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, די גאַנצע רעדאַקציע פון דער טעגלעכער בונדישער פאָלקס־צייטונג און, צוזאַמען מיט זיי, די איבערוויגנדיקע מערהייט פון בונדישן אַקטיוו פאַרלאָזט וואַרשע, אין דער ריכטונג אויף מזרח. דאָס האָט דערפירט צו אַ קאָלאָסאַלער אויפטרייסלונג אין דער פּאַרטיי. און דאָך, שוין נאָך דער מאַסן־וואַנדערונג איז די פאָלקס־צייטונג נאָך אַ קורצע צייט דערשינען, אונטער אַ נייער רעדאַקציע און עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

דאָס אַריינמאַרשירן פון דער ווערמאַכט, ס.ס. און געסטאַפּאָ קיין וואַרשע און די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן, אין אַ גרויסער מאָס, פאַראַליזירט דאָס פּאַרטיי־פּאָליטישע לעבן פון בונד. ביסלעכווייז איז די פּאַרטיי אַריבער אויף קאָנספּיראַטיווע רעלסן, און דעם 1־טן מאַי 1940 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די ערשטע קאָנספּיראַטיווע צייטשריפט פון בונד, דער ביולעטין. עס האָבן אָנגעהויבן פאָרצוקומען אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע לאָקאַלן. די פּאַרטיי און אירע אָפּצווייגונגען האָבן אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן זיך און מיט דער צייט ווערן זיי ווידער אַ באַדייטנדיקער כוח.

אַ פאַקט איז, אַז ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער געטאָ און דער דופק פון דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן האָט אָנגעהויבן נאָך פעסטער צו קלאַפּן, איז דער בונד געוואָרן ווידער אַ מאַסן־באַוועגונג. איך מיין, אַז, פון צאָלמעסיקן שטאַנדפּונקט, איז דער בונד, מיט זיין יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט און מיט אַנדערע זיינע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, ווי אויך מיט די רעשטלעך פון די אַמאָל מאַסנהאַפטיקע בונדישע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־

און האַנדווערקער־פאַראייִנען, געווען די גרעסטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין וואַרשעווער געטאָ.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונג, מוז איך דערמאָנען, וואָס פאַרא פּאָליטישע שטימונגען האָבן געהערשט צווישן די ברייטע מאַסן אין פוילן אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז שוין פאַרגעסן געוואָרן דער פאַקט, אַז סיי ביי די וואַלן צו דער יידישער קהילה אין וואַרשע, אין יאָר 1937, און סיי ביי די שטאָטראַט־וואַלן, אין יאָר 1939, אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט דער בונד געהאַט גרויסע, ממש איבעראַשנדיקע זיגן, און די ציוניסטישע פּאַרטייען און אַגודת־ישראל האָבן געליטן גרויסע מפּלות.

ביי די וואַלן צו דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1937 האָט דער בונד באַקומען אַרום 50% שטימען און 15 מאַנדאַטן! דער הויפּט־קאַנדידאַט פון בונד איז דאַן געווען מאַוריצי אָזשעך, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן, אויף אַ געוויסע צייט, דער פירער פון בונד אין וואַרשעווער געטאָ. דער איבעראַשנדיקער רעזולטאַט פון די וואַלן האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע צעטומלעניש אין די בירגערלעך־ציוניסטישע קרייזן און אין אגודת־ישראל, וועלכע האָט פאַקטיש געהערשט אין דער קהילה.

נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון בונד און פון די לינקע פּועלי־ציון, האָט דער פּוילישער סאַנאַטאָרישער רעגירונגס־קאָמיסאַר פונאַנדערגעלאָזט די לעגאַל און דעמאָקראַטיש־געוויילטע קהילה־פאַרוואַלטונג און באַשטימט אַ נאָמינירטן דורך אים קאָמיסאַרישן קהילה־פּרעזיצער. דאָס איז געווען אַן אומפּאַרטייאיש־בירגערלעכער, אַסימילירטער טוער מאַוריצי מייזעל, וועלכער האָט "רעגירט" אין דער קהילה ביזן אויסברוך פון דער מלחמה און דאַן — אַנטלאָפן קיין מזרח. אויף זיין אָרט האָבן שוין די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען נאָמינירט אַלס פּרעזיצער פון יודנראַט דעם אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו. ביי די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט, אין אָנהויב 1939 יאָר, איז דער זיג פון בונד געווען אַ נאָך מער צעשמעטערנדיקער. אויף 20 יידישע ראַטמענער האָט דער בונד באַקומען 17 (!!), די ציוניסטן — 2, אגודת־ישראל — 1! דאָס איז געווען אַ פּאָליטישע ערד־ציטערניש אויף דער יידישער גאַס. ווי אַזוי איז דאָס געשען? וואָס האָט דערפירט צו אַזעלכע ריזן זיגן פון בונד?

עס אונטערליגט נישט פאַר מיר קיין ספק, אַז דאָס שטימען פון די ברייטע יידישע מאַסן פאַרן בונד איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון אַקצעפּטירן די בונדישע אידעאָלאָגיע, נאָר אַ מאַסנהאַפטיקע דעמאָנסטראַציע קעגן דער געפאַר פון פאַשיזם, נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם און קעגן דער פאַשיזירנדיקער סאַנאַציע־רעגירונג, וועלכע האָט אַלץ חוצפּהדיקער קאָלאַבאָרירט מיט היטלער־דייטשלאַנד. דער סאָציאַליסטישער בונד איז דאַן אַרויסגעטראָטן צו די וואַלן מיט אַן אַנטיפאַשיסטישן פּראָגראַם און מיט אַ וואָרנונג פאַר דער געפאַר פון נאַצי־דייטשלאַנד. די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע

האָט שוין געפילט די געפאַר פון נאַציזם און פאַשיזם, האָט געשטיצט דעם דאָזיקן אַנטיפאַשיסטישן פּראָגראַם.

אויסער דעם האָט ביי די שטאָטראַט־וואַלן אין יאָר 1939 געווירקט נאָך איין פאַקטאָר, וואָס האָט געהאָלפן דעם בונד. אין יאָר 1938 האָט דער קאָמינטערן פונאַנדערגעלאָזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן (ק.פ.פּ.). די טויזנטער לינקע, פּראָ־קאָמוניסטיש און פּראָ־סאָוויעטיש געשטימטע יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן, אין אָנבליק פון דער פאַשיסטישער געפאַר, מאַסנ־וויז געשטימט פאַרן בונד און נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין זיג.

אַ פאַקט איז, אַז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער בונד געווען אין פּוילן די איינפלוסרייכסטע יידישע פּאָליטישע פּאַרטיי. נישט געקוקט אויף אַלע אויפטרייסלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אויך אין בונד ביים אויסברוך פון דער מלחמה און אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער אויך אין געטאָ געווען צאָלמעסיק שטאַרק, געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

דער בונד האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשעווער געטאָ די גרעסטע צאָל פון קאָנספּיראַטיווע צייטשריפטן.

אין די יאָרן 1940 און 1941 דערשיינט דער בונדישער אָרגאַן ביולעטין, אַלס חודש־אויסגאַבע אין דער יידישער שפּראַך, שפּעטער אין יאָר 1942, גייט אַרויס דער וועקער, שוין אַלס וואָכנצייטונג, גלייכצייטיק דערשיינט די בונדישע צייטשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך, פאַר אונדזער און אייער פרייהייט (Za naszą i waszą wolność), דער טעאָרעטישער אָרגאַן צייטפראַגן, צוויי צייטשריפטן פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט: יוגנט־שטימע אויף יידיש און די טריבונע פון די יונגע (Trybuna Mlodych) אויף פּויליש. עס דערשיינען אויך אין יאָר 1942 אַלס איינצל־אויסגאַבעס דער גלאָק און שטורעם, און אין סעפּטעמבער 1942, שוין נאָך דער ערשטער אַקציע — אויף דער וואַך. צענדליקער יונגע בונדישע קאָלפּאָרטערן האָבן פאַרשפּרייט די פאַרצווייגטע בונדישע פּרעסע צווישן טויזנטער געטאָ־איינווינער.

ווי עס גיבן איבער די ביים לעבן געבליבענע בונדישע געטאָ־טוער זענען אין וואַרשעווער געטאָ געווען העכער 500 אַקטיווע בונדישע פּאַרטיי־חברים. אין די בונדישע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און פייערלעכע קאָנספּיראַטיווע אַקאַדעמיעס (דעם 1־טן מאַי, צו די בונדישע יובל־דאַטעס א.א.) האָבן אָנטיילגענומען העכער 2.000 פּאַרטיי־חברים און סימפּאַטיקער. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון זיי איז אומגעקומען בעת דער גרויסער אַקציע, אין 1942 יאָר. געבליבן ביים לעבן איז אַ ברוכטייל.

ווער איז געשטאַנען בראש פון בונד אין וואַרשעווער געטאָ? אַ לענגערע צייט איז די צענטראַלע פּערזענלעכקייט געווען מאַוריצי אָזשעך. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער חסידישער משפּחה, אָבער נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן, זינט 1907, איז ער צוגעטראָטן צום סאָציאַליסטישן בונד און געוואָרן איינער פון זיינע

אַקטיווסטע טוער. אַ זשורנאַליסט און פּובליציסט, אַ געוויסע צייט דער רעדאַקטאָר פון בונדישן אָרגאַן לעבנס־פראַגן, האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין עקאָנאָמישע און מוניציפּאַלע פּראָבלעמען. געווען ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט און מיטגליד פון דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג. געווען אויך פאָרזיצער פון בונדישן האַנטווערקער־פאַראיין.
אויך אין וואַרשעווער געטאָ איז אָזשעך געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער אונטערערדישער בונדישער פּרעסע, אין דער יידישער און פּוילישער שפּראַך, געווען אַ מיטגליד פון דעם געהיימען געזעלשאַפטלעכן ראַט פון דזשוינט און פאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף.
ווען עס האָט אָנגעהויבן רייף צו ווערן דער געדאַנק פון אַן אַלגעמיינער געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע פאַר אַקטיוון ווידערשטאַנד, אין סוף מערץ 1942, איז וועגן דעם פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין געטאָ, האָט אָזשעך, אין נאָמען פון בונד, אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק. ער האָט דאַן נאָך פאַרטראָטן די שטייפע און בעל־גאווהדיקע בונדישע שטעלונג פון נישט וועלן מיטאַרבעטן מיט אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, באַזונדער מיט ציוניסטן און קאָמוניסטן. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיטן אַרגומענט, אַז דער ווידערשטאַנד איז מעגלעך בלויז צוזאַמען מיט פּוילישע סאָציאַליסטישע כוחות. דער אַרגומענט איז אָבער געווען אַבסאָלוט נישט רעאַליסטיש.
דער בונד, מיט אָזשעכן בראש, האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו באַטייליקן זיך אין דעם דאַן געשאַפענעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. אַפילו אויף דער דרינגענדיקער אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער קאָנפערענץ, גלייך נאָכן אויסברוך פון דער גרויסער אויסזידלונגס־אַקציע, איז אָזשעכס ראָל ביים באַטראַכטן דעם פאָרשלאָג צוזוטרעטן צו אַ געמיינזאַמען אַקטיוון ווידערשטאַנד געווען אַ העמענדיקע.
איך האָב פּערזענלעך קיין סימפּאַטיע צו אָזשעכן נישט געהאַט. ער האָט פּערסאָניפיצירט די אַלטע דאָגמאַטישע שטעלונגען פון בונד, דעם ווילן צו זיין ווייטער "דער איינציקער פאָרשטייער", די בונדישע גאווה, וועלכע איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך די גרויסע בונדישע זיגן ביי די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג און צום שטאָטראַט. אין די טראַגישע באַדינגונגען פון וואַרשעווער געטאָ זענען די דאָזיקע אייגנשאַפטן און שטעלונגען געווען באַזונדער שעדלעך.
אין דער צייט פון דער גרויסער אַקציע איז אָזשעך אַריבער אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער האָט ער געפּרוווט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אָבער ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און אין אויגוסט 1943 איז ער דערשאָסן געוואָרן.
אָן אַ פאַרגלייך סימפּאַטישער פון אָזשעכן איז געווען דער צווייטער פירער פון בונד, אינזשעניער אברהם (אַבראַשאַ) בלום. געבוירן אין ווילנע, איז אויך בלום געווען פון זיינע יוגנט־יאָרן פאַרבונדן מיט דער בונדישער באַוועגונג. אַ

דרואיקער און באַהערשטער, אַן ערנסטער און האַרציקער מענטש, איז ער געווען אין געטאָ זייער באַליבט. אויך איך בין געווען מיט אים באַפריינדעט. ער האָט אַ סך בעסער פון אַזשעכן פאַרשטאַנען, אַז אין די באַדינגונגען פון געטאָ און אין אַנבליק פון טויט־געפאַרן מוז דער בונד ענדערן זיינע דאָגמאַטישע שטעלונגען און געווינהייטן און צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אָנטיילנעמען אין אַ געמיינזאַמען ווידערשטאַנדס־קאַמף.

נאָך דער גרויסער אַקציע, אין אָקטאָבער 1942, איז דער בונד, מיט אַבראַשאַ בלום בראש, צוגעטראָטן צו דער געמיינזאַמער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע. בלום איז, צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַן און מנחם קירשענבוימען געוואָרן אַ מיטגליד פון פרעזידיום פון דעם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד. נאָך דעם אויפשטאַנד איז אַבראַשאַ בלום אומגעקומען אויף דער אַרישער זייט.

צו דער אָנפירונג פון בונד האָבן נאָך אָנגעהערט: סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ, מיט וועלכער איך האָב געהאַט אַ קאָנטאַקט אין שייכות מיטן געהיימען שול־וועזן; די אַלטע בונדישע טוער — אליעזר (לוזער) קלאָג און בערנאַרד גאָלדשטיין, ווי אויך דער מוטיקער בונדישער טוער און קעמפער, פון דער יינגערער גענעראַציע אברהם (בערעק) שניידמיל, מיט וועמען איך בין געווען אין באַזונדער פריינד־שאַפטלעכע באַציאונגען. ער איז געפאַלן אין קאַמף, בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, אָנהויב מאַי 1943.

דער בונד איז געווען אַקטיוו אויף פאַרשידענע געביטן פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ער האָט פאַרמאָגט אַ ריי פאָלקס־קיכן פאַר דערוואַקסענע און קינדער. בונדישע טוער האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. איינער פון די אַקטיווסטע צווישן זיי איז געווען דוד כאָלאָדענקאָ, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נאָך אין יאָר 1905. ווען עס האָט זיך געשאַפן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, איז ער געווען אַ מיטגליד פון איר ברייטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

די בונדישע צישאָ־שולן זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָבן אַזוי ווי די באָראָכאָוו־שול פון די לינקע פועלי־ציון, אָנטיילגענומען אין די גרויסע קינסטלערישע קולטור־אימפּרעזן פון צענטאָס, מיט דער באַטייליקונג פון הונדערטער קינדער פון אַלע אַנשטאַלטן און שולן. די צוקונפט־אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם יוגנט־כאָר און דראַמאַטישע קרייזן. בונדישע טוער האָבן זיך באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער קאָנספּיראַטיווער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (ייקאָ״ר). עס האָט זיך אויסגעצייכנט צווישן זיי אַלס אַ פּעאיקער פרעלעגענט אויף ליטעראַרישע און קולטור־טעמעס בנימין וויראָווסקי.

דער בונד, וועלכער האָט, פאַר דער וועלט־מלחמה, זייער ענג מיטגעאַרבעט מיט

דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) אויף פֿאַרשידענע געביטן, האָט זיך באַמיט אויך אין דער געטאָ־צייט צו שטיין אין פֿאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די לאַגע איז אָבער געווען קאָמפּליצירט, ווייל אין דער צייט פֿון דער היטלעריסטישער הערשאַפֿט אין פּוילן איז אין פּ.פּ.ס. פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און עס זענען געווען טעטיק צוויי פּוילישע סאָציאַליסטישע קאָנספּיראַטיווע גרופּירונגען, אַ רעכטע און אַ לינקע. דער בונד האָט זיך באַמיט צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט ביידע. פּאַקטיש אָבער זענען די פֿאַרבינדונגען, ביז דער גרויסער אַקציע און אין דער צייט פֿון איר, געווען זייער לויזע. ערשט דאַן, ווען עס האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט, סיי פֿון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און סיי פֿון בונד, זענען די קאָנטאַקטן מיט די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס געוואָרן מער ענגע און רעגלמעסיקע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מיר אויסגעקומען אַ לענגערע צייט מיטצואַרבעטן מיטן בונד אויף דער אַרישער זייט. דער הויפּט־פֿירער פֿון בונד איז דאַן געווען דר. לעאָן פֿיינער (מיקאָלאַי). איך דערמאָן אים מיט אַ געפֿיל פֿון דרך־ארץ.

ער איז געווען אַן אַלטער בונדישער טוער פֿון קראָקע, אַ מיטגליד פֿון בונדישן צ.ק., איינער פֿון די פֿירער פֿון דעם לינקן פֿליגל אין בונד. פֿון באַרוף אַן אַדוואָקאַט, איז ער געווען אויך באַקאַנט אַלס פּאָליטישער פּאַרטיידיקער אין פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן. געווען ראַטסמאַן אין קראָקעווער שטאָטראַט, אין נאָמען פֿון בונד. געפֿירט קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַן ענערגישן און העפֿטיקן קאַמף קעגן דער געפֿאַר פֿון פֿאַשיזם און קעגן אַנטיסעמיטיזם. די פּוילישע סאַנאַציע־הערשער האָבן אים אַרויסגעשיקט אין דעם שרעקלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. ער איז דאָרט געזעסן, אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, פֿינף וואָכן.

איך האָב זיך מיט אים באַקענט אויף דער אַרישער זייט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער שלאַכטשיץ (אַדעליקער), געווען ענערגיש, אינטעליגענט און קולטורעל. עלטער פֿון מיר מיט 20 יאָר, מיר האָבן זיך אָבער קעגנזייטיק גוט פֿאַרשטאַנען און מיטגעאַרבעט, אין אַלגעמיין, האַרמאָניש, סיי אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און סיי אין דעם ראַט צו העלפֿן יידן (זשעגאָטאַ).

סיי אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד ווען מיר האָבן אַלאַרמירט די וועלט און אַרויסגעשיקט, דורך די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, געמיינזאַמע טעלעגראַמעס און ווענדונגען, סיי נאָך דעם אויפֿשטאַנד, האָבן מיר צוזאַמען אונטערגעשריבן אַ סך דאָקומענטן. ער האָט זיך באַנוצט מיטן פּסעוודאָנים בערעזאָווסקי, צום זכר פֿון זיין "זיצן" אין קאַרטוז־בערעזע, און איך מיטן פּסעוודאָנים אַדאַם באָראָווסקי, איינעם פֿון מיינע פֿינף "אַרישע" נעמען און פּסעוודאָנימען. מיר האָבן מיטגעאַרבעט ביז דער באַפֿרייאונג. קורץ נאָך דעם, אין פֿעברואַר 1945, איז מיקאָלאַי געשטאָרבן פֿון אַ ראַק־קראַנקייט. איך האָב

אים נאָך באַזוכט אין שפּיטאָל, ווען זיין לאַגע איז שוין געווען האָפנונגסלאָז, און האָב געהאַט מיט אים אַ לענגערן, האַרציקן שמועס. מיר האָבן זיך דערמאָנט די געמיינזאַמע דראַמאַטישע איבערלעבונגען. עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין זיין לווייה און צו געזעגענען זיך מיט אַן אויפריכטיקן צער, שוין אין נאָמען פון דעם ניי־געשאַפענעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן.

מיט דרך־ארץ וויל איך נאָך דערמאָנען די בונדישע טוער און קעמפער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער פאָרשטייער פון בונד אין איר קאָמענדאַנטור איז געווען דער יונגער צוקונפט־טוער מאַרעק עדעלמאַן. ער איז איינער פון די געציילטע בונדישע געטאָ־קעמפער, וואָס איז געבליבן לעבן. ער וווינט איצט אין פוילן און אַרבעט אַלס מעדיצין־דאָקטאָר.

בראש פון די פיר בונדישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד, זענען געשטאַנען: וואָלף (וועלוול) ראָזאָווסקי, לייב גרוזאַלץ, דוד האָכבערג און יורעק בלאָנעס. אויך דער יינגערער ברודער פון יורעק בלאָנעס, דער 13־יעריקער אליעזר (לושיעק), איינער פון די יינגסטע געטאָ־קעמפער, און זיין שוועסטער גוטאַ, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד.

איינע פון די העלדישע געשטאַלטן צווישן די בונדישע טוער איז געווען דער אינזשיניער מיכאל קלעפּפיש. אַן אויסערגעוויינלעך מוטיקער מענטש, האָט ער געשטעלט פאַר זיך אַ ציל — צו שאַפן פאַרן קעמפנדיקן געטאָ וואָס מער געווער און אַמוניציע. אַ דאַנק דער הילף פון פוילישע סאָציאַליסטן געלינגט אים צו ברענגען פון דער אַרישער זייט אַמוניציע און אויפרייס־מאַטעריאַלן. ער שאַפט אין געטאָ געהיימע וואַרשטאַטן, כדי צו פּראָדוצירן באָמבעס און מאָלאָטאָוו־פלעשער. ווען עס ברעכט אויס דער אויפשטאַנד קעמפט קלעפּפיש אויף דעם בערשטלער־געביט, אין דער קאַמפּס־אָפּטיילונג פון יורעק בלאָנעס. ער איז געפאַלן אין קאַמף שוין אין צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד, דעם 20־טן אַפּריל 1943.

איינער פון די מוטיקסטע בונדישע קעמפער און פאַרבינדלער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען זלמן (זיגמונט) פרידריך. איך האָב אים פּערזענלעך גוט געקענט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קאָנספּיראַטיווע טוער, וואָס האָט, נאָך אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער אַקציע, באַזוכט דעם ראַיאָן פון דאָרף טרעבלינקע, האָט זיך פאַרבונדן מיט פוילישע באַן־אַרבעטער, און געבראַכט אין געטאָ די זיכערע ידיעה, אַז "טרעבלינקע באַדייט טויט". נישט אַלע האָבן אים דאַן געגלויבט. אַלס אַ זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט נאָך אָנטיילגענומען אין די קאַמפן מיט דער דייטשער ווערמאַכט אין סעפּטעמבער 1939, האָט ער געבראַכט מיט זיך אין די רייען פון יידישע קעמפער אַ געוויסע מיליטערישע דערפאַרונג.

ער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד און ווען דאָס גאַנצע געטאָ

האָט שוין געברענט, איז ער, צוזאַמען מיט שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק) אַריבערגעגאַנגען דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט, האָט זיך דאָרט פאַרבונדן מיטן קאָמענדאַנט פון ייק"אָ, מיט יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) און אַקטיוו געהאָלפן צו ברענגען דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט צענדליקער געטאָ־קעמפער. שפּעטער איז ער אומגעקומען, מיט אַ גרופּע קעמפער, נישט ווייט פון וואַרשע.

נאָך אין דער צייט פון אויפשטאַנד און גלייך נאָך אים האָבן די בונדישע טוער אין לאָנדאָן, די פאָרשטייער פון בונד אין דעם נאַציאָנאַלן ראַט ביי דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג, געפּרוּווט צו שאַפן אין דער עפנטלעכער מיינונג דעם איינדרוק, אַז דער בונד איז געווען דער צענטראַלער פירנדיקער און דאָמינירנדיקער כוח אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד, און אַז דער פירער פון אויפשטאַנד איז געווען מיכאל קלעפּפיש. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אמת. די דאָזיקע צילבאַוווסט פאַרשפּרייטע ווערסיע איז ווידער געווען אַ פּראָדוקט פון דער אַלטער און טיף־איינגעבאַקענער בונדישער טענדענץ פאָרצו־שטעלן זיך אַלס "איינציקן פאָרשטייער".

דער אונטערערדישער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט איז געווען געצוווּנגען אין אַ געניויעם, געהיימען באַריכט, וועלכער איז דורך דער פּוילישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, פעסטצושטעלן דעם אמת. צווישן די 22 קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד זענען בונדישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען געווען בלויז 4. דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד איז געווען נישט מיכאל קלעפּפיש נאָר מרדכי אַנילעוויטש. די מערהייט פון די געטאָ־קעמפער — 12 קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון 22 — זענען געווען פאַרבונדן אידעאיש מיט פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל.

דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז מיכאל קלעפּפיש און אַנדערע בונדישע געטאָ־אויפשטענדלער האָבן העלדיש געקעמפט און פאַרדינען דעם גרעסטן דרך־ארץ.

**פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן)**

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אַנטוויקלט בהדרגהדיק. פון קליינע און אומבאַדייטנדיקע גרופּן ביים אָנפאַנג, האָט זי זיך צעוואָקסן נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה. זי איז אָבער ערשט געוואָרן אַ כוח, ווען אין יאַנואַר 1942 איז געשאַפן געוואָרן די פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) און אירע פאַרשטייער זענען געקומען אין געטאָ, כדי צו פאַראייניקן און צו קאָנסאָלידירן די באַזונדערע גרופּן און צו שאַפן אויך אין געטאָ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

קורץ נאָך דעם איז געשאַפן געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, אין וועלכן

די ניי־געגרינדעטע פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. אויך נאָך דער גרויסער אַקציע האָט זי אַקטיוו מיטגעווירקט ביי דער שאַפונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון אויפשטאַנד האָבן די פיר קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון פּ.פּ.ר. געקעמפּט. כמעט אַלע קעמפער־קאָמוניסטן זענען אומגעקומען אין געראַנגל, אָדער אין געטאָ, אָדער אויף דער אַרישער זייט און אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

די שטעלונג פון די לינקע פּועלי־ציון און פון מיר פּערזענלעך צו די קאָמוניסטן אין געטאָ איז געווען אַ קלאָרע. אין אַלע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פראַגן פאַרבונדענע מיט דער לייזונג פון דעם יידן־פּראָבלעם האָבן די לינקע פּועלי־ציון אויך אין געטאָ באַקעמפּט די נאַציאָנאַל־ניהיליסטישע און דאָגמאַטישע שטעלונגען פון די יידישע קאָמוניסטן. אין איר אונטערערדישער פּרעסע און אין אַלע אירע פּובליקאַציעס און אַרויסטרעטונגען האָט די לינקע פּועלי־ציון באַטאָנט, אַז די אַנטוויקלונג, וועלכע עס האָט מיט זיך געבראַכט די צווייטע וועלט־מלחמה און דער פאָרויסמאַרש פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד, האָט באַשטעטיקט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט צו טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל און די פּרינציפּן פון מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, אָדער ווי די לינקע פּועלי־ציון האָבן אים אין יענע יאָרן באַצייכנט, פון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטי־ניזם.

עס איז אָבער קלאָר, אַז מיט דער צייט, ווען די לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַלע געטאָס אין אָקופּירטן פּוילן איז געוואָרן אַלץ שווערער און אומדער־טרעגלעכער, ווען עס האָט אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן די געפאַר פון אומקום, האָט זיך דער אידעאָלאָגישער געראַנגל אַרום דער לייזונג פון יידן־פּראָבלעם אָפּגעשטעמפּט און אין פאָדערגרונט האָט זיך אַרויסגערוקט די פראַגע פון קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דעם נאַצישן בלוט־שונא.

אין דער דאָזיקער פראַגע פון קאַמף קעגן די היטלעריסטישע הערשער און קעגן די, וואָס האָבן אויסגעפירט זייערע פאַראָרדנונגען און באַפעלן, קעגן דעם יודנראַט און דער געטאָ־פּאָליציי, שוין נישט רעדנדיק וועגן די יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, זענען נישט געווען קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די פּועלי־ציון און קאָמוניסטן. באַזונדער נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה איז אויך די אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און פון דער היסטאָרישער ראָל פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון דער רויטער אַרמיי אין קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד, געווען אַן ענלעכע. געמיינזאַם איז אויך געווען די קעגנערשאַפט צו די פּוילישע רעאַקציאָנערע און אַנטי־סעמיטישע כוחות און די אָריענטאַציע אויף דעם לינקן, פּראָגרעסיוון לאַגער אין פּוילישן פאָלק און אין דער פּוילישער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג: אויף פּוילישע קאָמוניסטן, לינקע סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלע דעמאָקראַטן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בין איך, צוזאַמען מיט מיין פּרוי און מיט־קעמפּערין, באַשיע, געווען זינט די סטודענטישע יאָרן פאַרבונדן מיטן לינקן, איינהייטס־פראָנטיקן פליגל פון דער פּועלי ציון־פאַרטיי און איך האָב פּערזענלעך אָנטיילגענומען אין אַ ריי איינהייטס־פראָנט־אונטערנעמונגען פון די לינקע פּועלי־ציון און קאָמוניסטן. אין וואַרשעווער געטאָ איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז די גאַנצע קאָנספּיראַטיווע אָנפירונג פון די לינקע פּועלי־ציון, סיי דאָס צענטראַלע "דריילינג" — שכנא זאַגאַן, עמנואל רינגעלבלום און איך — און סיי דער ברייטער פאַרטיי־קאָמיטעט מיט הערש בערלינסקי, פּאַלאַ עלסטער און אַנדערע חברים בראש, זענען געווען אָנהענגער פון קאָנטאַקט און פון איינהייטס־פראָנט מיט די קאָמוניסטן.

די דאָזיקע ליניע איז געקומען צום אויסדרוק סיי אין דעם קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטישע גרופּן אין דער ערשטער פאַזע, און סיי שפּעטער, נאָך דער שאַפונג פונעם פּ.פּ.ר., אין דער מיטאַרבעט מיט איר אין די ראַמען פון אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק. ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין אונטערערדישע טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט, האָב איך, צוזאַמען מיט דער קאָנספּיראַטיווער אָנפירונג פון די לינקע פּועלי־ציון, רעאַליזירט דעם איינהייטלעכן פראָנט אויף פאַרשידענע געביטן, שוין נישט מיט יידישע קאָמוניסטן, נאָר מיט דעם קאָנספּיראַטיוון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פאַרטיי (פּ.פּ.ר.) און מיט אירע הויפּט־פּירער — ביז דער באַפרייאונג. דער הויך־פּונקט פון דער מיטאַרבעט האָט זיך אויסגעדריקט אין אונדזער אָנטייל אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּוילישן אונטערערדישן פאַרלאַמענט (ק.ר.נ.) און אין דעם פאַקט, אַז דאָס פּרעזידיום פון ק.ר.נ. האָט מיר אָנפאַרטרויט דאָס אָנפירן מיט זיין אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די לאַגע און די אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ מוז איך אין קורצע ווערטער דערמאָנען, וואָס איז געשען מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פּוילן (ק.פּ.פּ.) אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט די השפּעה פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויף דער פּוילישער און אויף דער יידישער גאַס. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין די יאָרן 1934 און 1935 איז דערשינען אַ פּראָ־קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג אין דער יידישער שפּראַך, ד ע ר  פ ר י י נ ד. איר אַרויסגעבער איז געווען דער באַקאַנטער יידישער פאַרלעגער ב. קלעצקין אין ווילנע. אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע זענען געווען — דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג אַלתר קאַציזנע, בער מאַרק, די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, דר. דוד ספאַרד, דער קאָמוניסטישער פּובליציסט דוד ריכטער א.א.: צווישן די מיטאַרבעטער: דער באַקאַנטער יידישער ליטעראַט זלמן רייזען, די דיכטער בינעם העלער, ברוך אָליצקי א.א. די טאָג־צייטונג איז געווען גענוג פּאָפּולער און האָט געהאַט אַ פאַרהעלטנישמעסיק ברייטע פאַרשפּרייטונג, ביז זי איז

פאַרמאַכט געוואָרן דורך די פּוילישע סאַנאַטאָרישע מאַכט־אָרגאַנען.
נאָך פאַר דעם פ ר ײ נ ד איז אַ פּאָר יאָר דערשינען די ייִדישע פּראָ־קאָמוניסטישע ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ט ר י ב ו נ ע. צווישן אירע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער זענען געווען: איזאַק דויטשער, בינעם העלער, מיכאל מירסקי, בער מאַרק, דוד ספאַרד, הערץ בערגנער, סט. וויגאָדזקי, קלמן ליס, שמערקע קאַטשערגינסקי, משה שולשטיין, משה קנאַפּהייס, בנימין שלעווין, ישראל אַשענדאָרף, נחום באָמזע א.א.
אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די השפּעה פון די רויטע פּראַקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אין יאָר 1936 זענען פאָרגע־קומען אין פּוילן אַ ריי גרויסע אַרבעטער־שטרייקן און מאַסנהאַפטיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשידענע שטעט. אַ טייל פון זיי האָט געהאַט אַ בלוטיקן פאַרלויף. אין 1936 איז אויך פאָרגעקומען אין לעמבערג אַ גרויסער און אימפּאָזאַנטער קולטור־קאָנגרעס קעגן מלחמה און פאַשיזם, מיטן אָנטייל פון הונדערטער שריפטשטעלער, וויסנשאַפטלער, קינסטלער און קולטור־טוער — פּוילישע, ייִדישע, אוקראַינישע און ווייסרוסישע. דאָס ערשטע מאָל האָבן אַ צאָל זייער באַקאַנטע פּוילישע שריפטשטעלער און קינסטלער דעמאָנסטרירט זייער סאָלידאַריטעט מיט דעם קעמפנדיקן אַנטיפאַשיסטישן לאַגער. גלייכ־צייטיק איז געשאַפן געוואָרן דער ייִדישער קולטור־פראָנט מיטן אָנטייל פון קאָמוניסטן, לינקע פּועלי־ציון, אומפּאַרטייאישע שריפטשטעלער און קולטור־טוער. בראש פון אים איז געשטאַנען אלתר קאַציזנע. איינער פון זיינע אַקטיווע מיטאַרבעטער איז געווען דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער נחמן מייזיל. אויך איך בין געווען טעטיק אין דער אָנפירונג פון דעם קולטור־פראָנט.
אין יאָר 1937 האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אַלס רעזולטאַט פון פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונגען האָט דער סטאַלין־רעזשים מיט דער הילף פונעם יעזשאָוו־אַפּאַראַט אַדורכגעפירט אַ גרויזאַמען מאַסן־מאָרד פון כמעט אַלע פירער און אַקטיוויסטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן (ק.פּ.פּ.), וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין ראַטן־פאַרבאַנד.
עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן די מיטגלידער פון דער היסטאָרישער אָנפירונג פון ק.פּ.פּ., די פּאָפּולערע אין פּוילן דריי "וו": וואַרסקי, וואַלעצקי, ווערא. צוויי פון זיי זענען געווען פון ייִדישער אָפּשטאַמונג, אָבער פולקאָם אַסימילירט: אַדאָלף וואַרסקי־וואַרשאַווסקי און מאַקסימיליאַן האָרוויץ־וואַלעצקי. די דריטע איז געווען די באַקאַנטע פּוילישע רעוואָלוציאָנערע טוערין — ווערא קאָסטשעווא־קאָשוטסקאַ. זיי זענען אַ לאַנגע צייט געשטאַנען בראש פון דער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט זיי איז דערמאָרדעט געוואָרן דער פּוילישער קאָמוניסטישער פירער יוליאַן לענסקי־לעשטשינסקי און הונדערטער אַנדערע קאָמוניסטישע פירער און טוער.
גלייכצייטיק זענען אומגעקומען די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער און

שריפטשטעלער: וויטאָלד וואַנדורסקי, סטאַניסלאַוו־רישאַרד סטאַנדע, ברונאָ יאַשיענסקי א.א. איך האָב נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דער מאָדנער ענלעכקייט פון דעם טראַגישן גורל פון יידישע און פּוילישע פּראָגרעסיווע שריפטשטעלער אין דער צייט פון דער סטאַלין־הערשאַפט.

אין יאָר 1938 האָט דער קאָמינטערן באַשלאָסן, אויפן סמך פון די זעלבע פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונגען, פונאַנדערצולאָזן די ק.פּ.פּ. דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און ווען די היטלעריסטישע ווערמאַכט איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן און זי אָקופּירט, האָט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן נישט עגזיסטירט.

די הונדערטער פּוילישע קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן און טויזנטער סימפּאַטיקער פון דער פּאַרטיי האָבן אָבער, אין אָנבליק פון דער דייטשער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק און פון דעם אַלץ וואַקסענדיקן נאַצישן טעראָר אויך קעגן דער פּוילישער באַפעלקערונג, נישט געוואָלט און נישט געקאָנט בלייבן פּאַסיוו. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאַפן, אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן, קאָנספּיראַטיווע פּוילישע קאָמוניסטישע גרופּן, אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט.

די וויכטיקסטע פון זיי זענען געווען: פאַרבאַנד פון באַפרייאונגס־קאַמף, האַמער און סערפּ, דער פּראָלעטאַריער און פאַרבאַנד פון פריינט פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַ טייל פון זיי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אומלעגאַלע צייטשריפטן.

איינע פון די ערשטע אונטערערדישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס איז געווען דער יוגנט־פאַרבאַנד ספּאַרטאַקוס, וועלכער האָט געפירט אַ גענוג אַקטיווע טעטיקייט סיי אויף דער פּוילישער און סיי אויף דער יידישער גאַס, אַ געוויסע צייט אויך אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָנספּיראַטיווע צייטשריפט פּ י י ל ן (Strzały). אין געטאָ האָט די ספּאַרטאַקוס־גרופּע אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט אין דער יידישער שפּראַך ב אַ ג י נ ע ן. אין שייכות מיט דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע איז אין אָנהויב פון 1941 יאָר, געקומען אין געטאָ איינער פון די פירער פון דער ספּאַרטאַקוס־אָרגאַניזאַציע, דער יונגער פּוילישער קאָמוניסטישער טוער וולאַדיסלאַוו בוטשינסקי (פּסעוודאָנים: קאַזשיק דעמביאַק). ער איז שפּעטער אומגעקומען אין קאַמף מיט די דייטשן. די ספּאַרטאַקוס־גרופּע איז געווען טעטיק ביז האַרבסט 1941.

נאָך אין יאָר 1940, פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, האָט מיט מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט און מיך אַ פּאָר מאָל באַזוכט די יונגע קאָמוניסטישע טוערין זאָפיאַ (זאָשיאַ) זאַטאָרסקאַ. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם, אין יענע יאָרן, באַקאַנטן יידישן קאָמוניסטישן טוער ישראל זאַטאָרסקי און אַ ווייטע קרובה פון דער פרוי פון מיין ברודער יעקב. איר פאָטער איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אומגעקומען אין ביאַליסטאָק. זאָשיאַ זאַטאָרסקאַ איז געווען אַן אינטעליגענט מיידל, מיט ליטעראַרישע פעאיקייטן. זי האָט מיך די ערשטע אינפאָרמירט וועגן

דער שאַפונג פון פוילישע אומלעגאַלע קאָמוניסטישע גרופּן און אויסגעדריקט איר גרייטקייט צו זיין אַ פאַרבינדלערין מיט זיי. זי איז אָבער נישט לאַנג געווען אַקטיוו. צוליב אַ פּראָוואָקאַציע איז זי אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט און דערשאָסן געוואָרן.

די אַקטיווסטע קאָמוניסטישע גרופּע אין וואַרשעווער געטאָ, פאַר דער שאַפונג פון פּ.פּ.ר., איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע האַמער און סערפּ. די גרופּע האָט אין מערץ 1941 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אומלעגאַלע יידישע צייטשריפט מ אָ ר ג ן - פ ר י י. דער פירער פון דער גרופּע און רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט איז געווען דער יונגער יידישער שריפטשטעלער יהודה פעלדוואָרם (פּסעוודאָנימען — יולעק און יהודה פעלד). ער איז געווען אַ באַאַמטער אין דער יידישער געזעלשאַפט פאַר געזונדהייט־שוץ טאָז. אין לאָקאַל פון טאָז אויף גענשע 43 האָט זיך קאָנצענטרירט די געהיימע אַרבעט פון דער גרופּע, אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דעם, אַז אויך אַ צווייטע פירנדיקע באַאַמטין פון טאָז, מיינע אַ באַקאַנטע, העלאַ ראַבינאָוויטש־הערש־קאָוויטש, אַן אַקטיווע קאָמוניסטישע טוערין, איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע.

דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון יהודה פעלדוואָרם אין דער גרופּע און אין דער רעדאַקציע מ אָ ר ג ן - פ ר י י איז געווען דער אַלטער און דערפאַרענער יידישער קאָמוניסטישער טוער חיים אַנקערמאַן. ער איז פאַר דער מלחמה געווען טעטיק אין די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען. חיים אַנקערמאַן איז געווען דער קאָנספּיראַטיווער הויפּט־פאַרבינדלער צווישן דער גרופּע מ אָ ר ג ן - פ ר י י מיט דער אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון אין געטאָ. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מיר און מיט שכנא זאַגאַן, הערש בערלינסקי און אַנדערע פועלי־ציון טוער. געווען אַן ערנסטער און איבערגעגעבענער אַקטיוויסט.

אין דעצעמבער 1941 האָט דער פּרעסע־אָרגאַן פון דער גרופּע געענדערט זיין נאָמען אויף מ אָ ר ג ן - פ ר י י ה י י ט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאָג־צייטונג. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע קאָנספּיראַטיווע טאָג־צייטונג אין וואַרשעווער געטאָ. זי האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, ידיעות פונעם לעבן אין געטאָ און ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און אין דער וועלט. זי האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע פון אַ טעגלעכן ראַדיאָ־ביולעטין. די מ אָ ר ג ן - פ ר י י ה י י ט איז דערשינען אַלס העקטאָגראַפירטע טאָג־צייטונג ביז סוף מערץ 1942, ווען די גרופּע האָט זיך אָפיציעל אויפגעלייזט און אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע פון דער פּוילישער אַרבעטער־פאַרטיי (פּ.פּ.ר.).

יהודה פעלד איז אויך געווען טעטיק אין דעם אונטערערדישן קולטור־לעבן. מיטגעאַרבעט אין דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת. זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען זענען געפונען געוואָרן נאָך דער מלחמה צווישן די מאַטעריאַלן פון

אַרכיוו. חיים אַנקערמאַן איז נאָך דער גרויסער אַקציע געווען אַ מיטגליד אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד און איז אומגעקומען אין דעם בונקער פונעם שטאַב פון ייק״אָ אויף מילע 18.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט עגזיסטירט אַ געוויסע צייט נאָך איין קאָמוניסטישע גרופּע — פּריינט פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען אַ גרופּע וועטעראַנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. עס האָבן צו איר אָנגעהערט מיין פריינט און קאָלעגע פון דער צענטאָס־דירעקציע, יוסף גיטלער, און מיין אַלטער באַקאַנטער נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, אינזשיניער משה יאַגאָדזשינסקי, וועלכער איז שפּעטער, נאָך דער ערשטער אַקציע, געווען טעטיק אין געטאָ ביים בויען די אונטערערדישע בונקערס. ער איז אומגעקומען אין דער צייט פון אויפשטאַנד. אויך די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אין אָנהויב פון 1942 יאָר אויפגעלייזט און אַריינגעטראָטן אין די רייען פון פּ.פּ.ר., אַזוי ווי די רעשטלעך פון דער ספּאַרטאַקוס־אָרגאַניזאַציע.

די שאַפונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) איז געווען אַן איבערברוך־מאָמענט פאַר דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן און אויך אין וואַרשעווער געטאָ.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די פּאַרטיי? נאָך דעם אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, אין דער צווייטער העלפט פון 1941 יאָר, האָבן פּוילישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך דאַן אָרגאַניזירט אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַקומען די הסכמה פון דעם עגזעקוטיוו פון קאָמינטערן צוריק אויפצובויען אַ רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. דאַן איז אַ ספּעציעלע איניציאַטיוו־גרופּע געקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן און אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די פירנדיקע טוער פון די קאָנספּיראַטיווע פּוילישע קאָמוניסטישע גרופּן.

דעם 5־טן יאַנואַר 1942 איז אין וואַרשע, אין דער דירה פון אַן אַלטן פּוילישן קאָמוניסטישן טוער יוליאַן רידיגער, פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פּ.פּ.ר., מיטן אָנטייל פון די פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע קאָמוניסטישע גרופּן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו פאַראייניקן אַלע קאָמוניסטישע גרופּן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין אָקופּירטן פּוילן (אַרום 10) אין איין פּאַרטיי פּ.פּ.ר. און האָט אָנגענומען דעם טעקסט פון אידעאיש־פּאָליטישן אויפרוף, וועלכער האָט אינפאָרמירט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער פּאַרטיי.

עס איז כדאי צו וויסן, אַז דעם פּראָגראַמאַטישן רעפעראַט אויף דער קאָנפערענץ האָט געהאַלטן איינער פון די פירער פון דער אויפגעלייזטער ק.פּ.פּ., וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער ערשטער איניציאַטיוו־גרופּע, פּאַוועל פינדער. דאָס איז געווען אַ פעאיקער טוער, פון יידישער אָפּשטאַמונג. עס איז געווען אַ קלאַנג, אַז אין די יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַ חבר פון השומר הצעיר. פינדער איז געווען אַן אינזשיניער־כעמיקער, שטודירט אין עסטרייך און אין פראַנקרייך, אַ געוויסע צייט געווען אַן אַסיסטענט פון פּראָפ. זשאָליאָ־קירי.

סיי אין עסטרייך און סיי אין פראַנקרייך געווען טעטיק אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. שפּעטער. אין יאָר 1928 געקומען צוריק קיין פּוילן און געוואָרן אַ פירנדיקער טוער און פונקציאָנער פון ק.פּ.פּ. ער איז העכער 6 יאָר געזעסן אין תפיסות אין סאַנאַציע־פּוילן. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגע־הויבן און די היטלעריסטישע ווערמאַכט איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן איז פינדער באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה און איז, מיט אַ גרופּע פּוילישע קאָמוניסטן, אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט.

אויף דער גרינדונגס־קאָנפערעץ איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַלע אָנפירונג. אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון פּ.פּ.ר. איז באַשטימט געוואָרן דער אַלטער פירנדיקער פּוילישער קאָמוניסטישער טוער מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, וועלכער איז העכער 10 יאָר געזעסן אין די תפיסות. אויך ער איז געקומען מיט דער איניציאַטיוו־גרופּע פון ראַטן־פאַרבאַנד. זיין פּאַרטרעטער איז געווען פּאַוועל פינדער. די גרינדונס־קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צענטראַלן פּרעסע־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי — די פ ר י י ה י י ט ס ־ ט ר י ב ו נ ע (Trybuna Wolności).

מאַרצעלי נאָוואָטקאָ איז צום סוף פון יאָר 1942 דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע אַגענטן. דאַן איז פּאַוועל פינדער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. אין סוף 1943 פאַלט אויך ער אַריין אין דייטשע הענט און אין יאָר 1944 איז ער דערשאָסן געוואָרן.

די ידיעה וועגן דער שאַפונג פון פּ.פּ.ר. און איר ערשטער פּראָגראַמאַטישער אויפרוף האָט געמאַכט אין וואַרשעווער געטאָ אַ גרויסן רושם, נישט בלויז צווישן קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער, נאָר אין אַלע לינקע קרייזן, אויך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע. דער אויפרוף האָט גערופן צו שאַפן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט און צו אָרגאַניזירן אַ באַלדיקן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דער היטלעריסטישער הערשאַפט.

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אין געטאָ געמאַכט דער פאַקט, אַז דער פּראָגראַ־מאַטישער אויפרוף האָט שאַרף געשטעמפּלט די נאַצישע פאַרברעכנס קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אין אויפרוף לייענען מיר: "דאָס היטלער־דייטשלאַנד האָט באַפלעקט די פּוילישע ערד מיט דעם שענדלעכן פאַרברעכן פון גרויל־אַקטן איבער מיליאָנען יידן, פּוילישע בירגער, איינגעזעסענע זינט דור־דורות אויף אונדזער ערד, פאַרטרייבנדיק זיי אין געטאָס". דער אופרוף האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז "די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופט צום קאַמף פאַר אַ פריי און אומאָפּהענגיק פּוילן, אין וועלכן עס וועט נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, קיין מענטשן־פאַרשוועכנדיקע געטאָס". אויף די לינקע פּועלי־ציון און אויף מיר פּערזענלעך האָט געמאַכט אַ באַזונדערן רושם דער פאַקט, אַז פּ.פּ.ר. באַטאָנט נישט נאָר די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־צילן, נאָר אויך די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, אַז זי האָט שוין אין איר ערשטן פּראָגראַמאַטישן אויפרוף גערופן צו אַ נאַציאָנאַלן קאַמפּס־פראָנט און

אָנגעקניפּט אָן די נאַציאָנאַלע און פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון פּוילישן פֿאָלק. מיר האָבן אין די נייע טענדענצן און אין דער נייער שפּראַך געזען אַ באַווייז, אַז די אָנפירונג פון פּ.פּ.ר., איז גובר געווען די דאָגמאַטישע, נאַציאָנאַל־ניהיליסטישע און לוקסעמבורגיסטישע טענדענצן פון דער אַלטער ק.פּ.פּ.

פאַר אַלע קרייזן אין געטאָ, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַן אַקטיוון און באַוואָפנטן ווידערשטאַנד איז געווען וויכטיק, אַז פּ.פּ.ר. שטעלט זיך אַנטקעגן דער אַפּוואַרטנדיקער, האַלב־פּאַסיווער טאַקטיק פון דעם רעכטן פליגל פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, און אַז זי האָט גערופן צו אַ שנעלער אָרגאַניזירונג פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אַ קורצע צייט נאָך איר גרינדונג האָט פּ.פּ.ר. געשאַפן איר ערשטע באַוואָפנטע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, די פֿאָלקס־גוואַרדיע (Gwardia Ludowa). וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין די געהיימע פֿאָלקס־אַרמיי (A.L. — Armia Ludowa).

אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פון פּ.פּ.ר. זענען געקומען אין וואַרשעווער געטאָ די פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי. אַלס אָפּיציעלער פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ר. אויפן געביט פון געטאָ איז באַשטימט געוואָרן דער אַלטער, פירנדיקער קאָמוניסטישער טוער יוסף לעוואַרטאָווסקי. צוזאַמען מיט אים איז דעלעגירט געוואָרן דער אַלטער ק.פּ.פּ.־טוער, שמואל מערעטיק (אַדאַם צימערמאַן), וועלכער איז געוואָרן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. גלייכצייטיק איז דעלעגירט געוואָרן אין געטאָ, אַלס פאָרשטייער פון דער ניי־געשאַפענער פֿאָלקס־גוואַרדיע, דער אַנטיפאַשיס־טישער קעמפער און אַקטיווער אָנטיילנעמער פון די קאַמפן אין שפּאַניע, פּנחס קאַרטין (אַנדזשעי שמידט, מאַזעס אליהו).

זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען, פון די באַזונדערע קאָמוניסטישע גרופּן, די אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ר. אין געטאָ און גלייכצייטיק אָנגעהויבן אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע לינקע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, מיטן ציל צו שאַפן אַ ברייטן קאַמפּס־פראָנט. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט דער לינקער פּועלי־ציון און מיט מיר פּערזענלעך. אין מיין און באַשיעס דירה אין געטאָ, אויף אַגראָדאָווע 29, זענען פאָרגעקומען די ערשטע שמועסן און אונטערהאַנדלונגען מיט אַלע דריי פאָרשטייער פון פּ.פּ.ר. — וועגן זיי און זייער צושטייער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג וועל איך גענויער שרייבן אין דעם קאַפּיטל וועגן דער שאַפונג און טעטיקייט פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָ וויל איך בלויז איבערגעבן, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז די פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַ באַדייטנדיקער און וואָגיקער כוח, סיי צווישן די אַרבעטער אין די שאָפּן (פאַבריקן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן) און סיי צווישן די מיטאַרבעטער פון דער ידישער סאָציאַלער אַליינהילף, פון צענטאָס און פון טאָז. זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און זיין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין די גוזעלשאַפטלעכע קאָנפערענצן אין געטאָ,

געווידמעטע דער פראַגע פון ווידערשטאַנד, האָבן די פאָרשטייער פון פ.פּ.ר. און בראש פון זיי יוסף לעוואַרטאָווסקי, געזוכט צו אַ פון צו באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע אַקטיוויסטן און מיטגלידער פון פ.פּ.ר. בעת דער גרויסער אַקציע.

די פ.פּ.ר.־טוער, וועלכע זענען נאָך איר געבליבן לעבן האָבן אָנטיילגענומען אַקטיוו אין דער שאַפונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פון די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. אין דעם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט איז אין נאָמען פון פ.פּ.ר., אַריין דער אינזשיניער אפרים־עדוואַרד פונדאַמינסקי (אַלעקסאַנדער), וועלכער האָט נאָכן אומקום פון יוסף לעוואַרטאָווסקי איבערגענומען די אָנפירונג פון דער פ.פּ.ר.־אָרגאַני־זאַציע אין געטאָ. ער האָט שפּעטער אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנד און אומגעקומען אינעם בונקער פון שטאָב פון ייק״אָ אויף מילע 18.

אין דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז, אין נאָמען פון די קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון פ.פּ.ר., אַריין מיין יינגערער אוניווערסיטעט־קאָלעגע, דער פּסיכאָלאָג, מיטאַרבעטער פון צענטאָס, מיכאַל רויזנפעלד. דאָס איז געווען אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסטישער טוער. ער האָט געקעמפט בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ. שפּעטער איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט און אומגעקומען אין קאַמף, ביי אַ פּאַרטיזאַנישער סאַבאָטאַזש־אויפגאַבע, נישט ווייט פון וואַרשע.

די קאָמענדאַנטן פון די 4 קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון פ.פּ.ר., וועלכע האָבן אָנטייל־גענומען אין אויפשטאַנד, זענען געווען: הענריק קאַווע, פּאַוועל ברוסקין, יורעק גרינשפּאַן און הענריק זילבערבערג. זיי זענען אַלע געפאַלן אין קאַמף.

איך וויל אויך דערמאָנען, אַז די גענעראַל־סעקרעטאַרן פון פ.פּ.ר. האָבן עטלעכע מאָל אינפאָרמירט, אין פונק־דעפּעשן, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָמינטערן, דעם העלד פון פּראָצעס אין לייפּציג, געאָרגי דימיטראָוו, וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און וועגן אויפשטאַנד אין געטאָ. פון די דעפּעשן דרינגט, אַז דער קאָמינטערן און זיין גענעראַל־סעקרעטאַר האָבן זיך מיט דעם קאַמף אין געטאָ זייער אינטערעסירט.

דער ערשטער סעקרעטאַר פון פ.פּ.ר., מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, האָט אַרויסגע־שיקט צו דימיטראָוון אַ ראַדיאָגראַם וועגן דער געזעלשאַפטלעכער קאָנפערענץ, אין יולי 1942, אין געטאָ, וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. פּאַוועל פינדער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פ.פּ.ר. נאָכן טויט פון נאָוואָטקאָ, האָט דריי מאָל אינפאָרמירט דימיטראָוון און דעם קאָמינטערן וועגן די קאַמפן.

זיין ערשטע פונק־דעפּעשע, פון 25־טן יאַנואַר 1943, איז געווען געווידמעט די ערשטע קאַמפן אויף די גאַסן פון געטאָ; די צווייטע דעפּעשע, פון 23־טן אַפּריל 1943 און די דריטע, פון 16־טן מאַי 1943, זענען אויך געווען געווידמעט דעם אויפשטאַנד. זיי שטרייכן אונטער די העלדישקייט פון די יידישע קעמפער.

ווי איך האָב שוין באַטאָנט, איז די מיטאַרבעט און דער איינהייטלעכער פראָנט

צווישן פ.פ.ר. און די לינקע פועלי־ציון אויף דער אַרישער זייט געווען נאָך ענגער ווי אין געטאָ. איך האָב אָבער געמוזט, צוליב מיינע אַלגעמיין־יידישע אויפגאַבן, אַלס מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, שטיין אין פאַרבינדונג אויך מיט דעם אָפיציעלן פּוילישן אונטערערדישן לאַגער, מיט דער דעלעגאַטור פון דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג, מיט דער אָפּטיילונג פאַר יידישע ענייִנים אין דער אָפיציעלער א.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) און, אין דער ערשטער ריי — אַרבעטן אין אַלפּוילישן ראַט צו העלפן יידן (זשעגאָטאַ), ווו איך בין געווען טעטיק אַלס זיין גענעראַל־סעקרעטאַר.

איך האָב געמוזט, ווי איך האָב זיך נישט איינמאָל אויסגעדריקט, "שפּילן גלייכ־צייטיק אויף צוויי קלאַווירן", וואָס האָט געפאָדערט אַ סך פאָרזיכטיקייט און זעלבסטבאַהערשונג. איך וועל אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן די סימפּאַטיע צום קעמפנדיקן געטאָ און די הילף פאַר דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג פון אַ גאַנצער ריי פירנדיקע פּוילישע פּ.פּ.ר.־טוער, קאָמוניסטישע און אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער, ווי אַנאַסטאַזי קאָוואַלטשיק (נאַסטעק), אַלעקסאַנדער קאָוואַלסקי (אָלעק), אירענאַ סאַוויצקאַ, ווי דער קאָמענדאַנט פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (G.L.). און שפּעטער פון דער פאָלקס־אַרמיי (A.L.) פראַנצישעק יוזשוויאַק (גענעראַל וויטאָלד) און אַ סך אַנדערע פּוילישע קעמפער.

אויך יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) האָט אַלס קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט און אַלס פּרעזידיום־מיטגליד פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, געהאַט קאָנטאַקטן מיט אַ ריי טוער פון פּ.פּ.ר., פון ג.ל. און שפּעטער פון א.ל. די וווּנדערבאַרע רעטונגס־אונטער־נעמונג פון אַרום 80 קעמפער דורך די קאַנאַלן, פון ברענענדיקן געטאָ, האָט דאָך אַנטעק און אַנדערע ייק"אָ־קעמפער אָרגאַניזירט מיט דער אַקטיווער הילף פון פּ.פּ.ר. און פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (G.L.).

עס איז אויך נישט געווען קיין צופאַל, אַז די אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון אַנטעקן, וועלכע האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דעם פּוילישן, אַנטיהיטלעריסטישן אויפשטאַנד אין יאָר 1944, האָט מוטיק געקעמפט אין די רייען פון דער פאָלקס־אַרמיי (A.L.). עס איז אויך באַוווּסט די פריינטשאַפט צווישן די יידישע קעמפער און דעם פּוילישן א.ל.־אָפיציר וויטעק, וועלכער איז בעת דעם אויפשטאַנד געווען אין דער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָפּטיילונג, אַלס פאָרשטייער פון דער פאָלקס־אַרמיי. אויך נאָך דעם זענען די באַציאונגען צווישן די יידישע אונטער־ערדישע טוער מיט די פּוילישע פּ.פּ.ר.־טוער געווען נאָענטע און האַרציקע, ביז דער באַפרייאונג. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געהאָלפן.

### קליינע פּאָליטישע גרופּן

אויסער די פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן

געשפּילט אַ גרעסערע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אָדער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָבן אין וואַרשעווער געטאָ עגזיסטירט אויך קליינע און אומבאַדייטנדיקע פּאָליטישע גרופּן. איך האַלט פאַר מיין פליכט אויך זיי צו דערמאָנען.

עס האָט אַ געוויסע צייט עגזיסטירט אין געטאָ אַ יידישע גרופּע פון דער לינק־סאָציאַליסטישער פּוילישער פּאַרטיי .P.S — (פּוילישע סאָציאַליסטן). זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַן אויסגאַבע אין דער פּוילישער שפּראַך ד אָ ס א ו נ ט ע ר ־ ע ר ד י ש ע ג ע ט אָ . (Getto Podziemne). זי איז אַרויס אַלס ביילאַגע צום אָפיציעלן אָרגאַן פון דער לינק־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ד י פ ר י י ה י י ט ס ־ ב אַ ר י ק אַ ד ע (Trybuna Wolności).

דער פירער פון דער גרופּע אין געטאָ איז געווען אינזשיניער יעזשי נוידינג, דער מאַן פון מיין מיטאַרבעטערין אין צענטאָס, דער פּסיכאָלאָגין יאַנינאַ נוידינג. די גרופּע האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער אַרישער זייט און איבערגעגעבן דער אָנפירונג פון דער .P.S־פּאַרטיי באַריכטן וועגן דעם לעבן אין געטאָ. יעזשי נוידינג איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן בעת דער "בלוטיקער נאַכט" פון 17־טן אויף דעם 18־טן אַפּריל 1942, קורץ פאַרן אויסברוך פון דער גרויסער אַקציע.

אין געטאָ האָט אויך עגזיסטירט אַ טראָצקיסטישע גרופּע, וועלכע האָט אַרויס־געגעבן אין דער פּוילישער שפּראַך די צייטשריפט מ אַ ר ק ס י ס ט י ש ע ר א י ב ע ר ב ל י ק . (Przegląd Marksistowski).

אין יאָר 1942 איז אין וואַרשעווער געטאָ דערשינען אין דער פּוילישער שפּראַך די צייטשריפט ד ע ר פ אַ ק ע ל (Żagiew). דאָס איז געווען אַן אָרגאַן פון דער גרופּע פון יידישע אַסימילאַטאָרן. די דאָזיקע גרופּע איז מיר געווען באַקאַנט נאָך אין מיינע יוגנט־יאָרן. איינער פון אירע פירער איז געווען מיין שול־קאָלעגע פון דער זעלבער גימנאַזיע און פון זעלבן קלאַס, אַלעקסאַנדער ברעגמאַן. אין מיינע סטודענטישע יאָרן האָט מיט דער גרופּע אָנגעפירט אַ געוויסער יאַן רוף. די גרופּע האָט זיך באַטראַכט אַלס וואָרטזאָגערין פון פּאָליאַקן פון משהס גלויבן, זי האָט געפּרעדיקט פולע אַסימילאַציע פון יידן מיטן פּוילישן פאָלק און שאַרף באַקעמפט דעם ציוניזם, אין אַלע זיינע פאָרמען, און יעדן געדאַנק פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ דורכויס נעגאַטיווע באַציאונג צו דער דאָזיקער גרופּע און נישט איינמאָל אויסגעדריקט מיין ביטול צו איר און צו דער אידעע פון אַסימילאַציע, אין פערזענלעכע שמועסן מיט אָלעק־ברעגמאַנען. נאָך דער גימנאַזיע זענען זיך אונדזערע וועגן אינגאַנצן פונאַנדערגעגאַנגען. ערשט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז צו מיר אָנגעקומען די ידיעה, אַז אַלעקסאַנדער ברעגמאַן לעבט אין לאָנדאָן און איז איינער פון די הויפּט־פּובליציסטן אין די פּרעסע־אָרגאַנען פון דער פּוילישער לאָנדאָנער עמיגראַציע־רעגירונג. אויך נאָך דער מלחמה איז ברעגמאַן געווען איינער פון די

רעדאַקטאָרן פון די דאָזיקע צייטשריפטן. שוין זייענדיק אין ישראל האָב איך אַ פּאָר מאָל געלייענט ברעגמאַנס לייט־אַרטיקלען אין דער צייטשריפט פון דער פּוילישער עמיגראַציע אין לאָנדאָן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן.

די גרופּע (Żagiew) האָט אין געטאָ נישט געהאַט קיין אָנזען, מ׳האָט זי נישט באַמערקט. עס איז געווען אַ קלאַנג, אַז זי שפּילט אַ פּאַרדעכטיקע ראָל, עס איז אָבער שווער געווען דאָס פעסטצושטעלן, צי דער קלאַנג איז אַ באַרעכטיקטער. עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז אויך די מיטגלידער פון דער גרופּע און די אַרויסגעבער פון איר צייטשריפט זענען אומגעקומען פון נאַצישע הענט.

אַ פּאָר מיינע פּערזענלעכע באַקאַנטע פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאַן — פאַרביסענע און אַגרעסיווע אַסימילאַטאָרן, פאַרבונדענע מיט דער Żagiew־גרופּע אין יענע צייטן, זענען איצט געטרייע בירגער פון מדינת־ישראל...

אויך די עגזיסטענץ פון די קליינע פּאָליטישע גרופּן באַווייזט, ווי פולפאַרביק איז געווען דאָס פּאָליטישע לעבן אין וואַרשעווער געטאָ.

קאַפּיטל 8

# דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון 1942 יאָר, איז געווען די ערשטע ברייטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשטעלט פאַר זיך אַ ציל — צו אָרגאַניזירן אַן אַקטיוון און באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די יידישע מאַסן. דער בלאָק האָט אַרומגענומען אַ צאָל פּאָליטישע גרופּירונגען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער פּלאַטפאָרם, עס האָט זיי אָבער אַלע פאַראייניקט אַ געמיינזאַמער קאַמפס־גייסט און דאָס באַוווּסטזיין, אַז אין אָנבליק פון דער לאַגע און פון די גרויסע געפאַרן, מוז געשאַפן ווערן אַ ברייטער פאַראייניקטער קאַמפס־פראָנט.

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק האָט, אָן שום ספק, געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער האָט קאָנסאָלידירט די כוחות פון פאַרשידענע ריכטונגען. ער האָט זיי מאָביליזירט צום באַוואָפנטן געראַנגל און געשאַפן די ערשטע ברייטע באַזע פאַר דער צוקונפטיקער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט, מיט אַ יאָר שפּעטער, אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אָנגעפירט מיט אים.

אין דעם ערשטן געהיימען באַריכט וועגן דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועגן איר אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג, וועלכן דער אונטערערדישער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט דעם 24־טן מאַי 1944 אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט אַנדערע באַריכטס־מאַטעריאַלן, מיט דער הילף פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט דער הויפּט־מחבר פון דעם וויכטיקן דאָקומענט, דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט יצחק צוקערמאַן (אַנטעק), געשריבן: „דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק האָט געשאַפן די ערשטע ברייט־פאַרמאַסטענע קאַמף־אָפּטיילונגען, וואָס, נישט געקוקט אויף דער אַרעסטירונג פון די אַקטיוויסטן און דער פאַרניכטונג פון אַפּאַראַט, זענען זיי געוואָרן דער הויפּט־פונדאַמענט פאַר דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער״.

אַלס איינער פון די טוער, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער וויג פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק און האָבן אָנטיילגענומען ביי זיין שאַפונג, שאַץ איך אָפּ, אַז צו זיין אַנטשטייאונג האָבן גורם געווען אַ ריי סיבות. איינע פון די וויכטיקסטע איז געווען דער אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, אין יוני 1941 יאָר. דאָס איז געווען אַן איבערברוך נישט בלויז אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, דאָס איז אויך געווען אַן איבערברוך אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן. אויך אין וואַרשעווער געטאָ קורץ נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך אומגעהויער פאַרשאַרפט די אַנטי־יידישע היטלעריסטישע פּאָגראָם־אַגיטאַציע. אין די לעצטע חדשים פון 1941 יאָר האָבן אָנגעהויבן צו אונדז אָנקומען דערשיטערנדיקע ידיעות וועגן די שודערלעכע שחיטות פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די מזרח־געביטן, וועלכע זענען אין דער שטורמישער דייטשער אָפענסיווע דעראָבערט געוואָרן דורך דער ווערמאַכט און די ס.ס.־פאָרמאַציעס. גלייכצייטיק זענען צו אונדז דערגאַנגען שרעקלעכע ידיעות וועגן מאַסן־מאָרד פון יידן אין די מערב־געביטן פון פוילן, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אָן דעם דייטשן רייך.

דער אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט אָבער געהאַט אויך אַ צווייטע ווירקונג. ער האָט דאָס ערשטע מאָל, זינט דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויפגעוועקט צווישן די יידישע מאַסן אין די געטאָס אַ פונק פון האָפענונג. נישט געקוקט אויף די גרויסע זיגן פון דער ווערמאַכט אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער בליץ־אָפענסיווע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן די יידישע מאַסן געגלויבט אין דעם כוח פון דער רויטער אַרמיי. אין דעצעמבער 1941, ווען די דייטשע אָפענסיווע אויף מאָסקווע איז איינגעבראָכן געוואָרן, האָט זיך דער גלויבן נאָך מער פאַרשטאַרקט. דער פאַקט, אַז אין דעם זעלבן חודש זענען די פאַראייניקטע שטאַטן צוגעטראָטן צו דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד און יאַפּאַן, האָט די שטימונג נאָך מער געהויבן.

איך געדענק די קעמפערישע אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אויף דער געהיימער פייערלעכער באַראָכאָוו־אַקאַדעמיע, וואָס די לינקע פועלי־ציון האָבן אין דעצעמבער 1941 יאָר אַדורכגעפירט. נישט געקוקט אויף די געפאַרן און אויף די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען האָבן אין איר אָנטיילגענומען אַ פּאָר הונדערט חברים און סימפּאַטיקער. די פועלי־ציון־שבועה, וועלכע איז שוין, צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים נישט געזונגען געוואָרן מאַסנווייז, נאָר מ׳האָט זי רעציטירט — איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע אָנוועזנדיקע אַלס אַן אמתע קאַמפּס־שבועה „פון בלוט און פון טרערן״.

די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ראַדיקאַליזירונגס־פּראָצעס צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכער איז געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק אין די לעצטע יאָרן און חדשים פאַרן אויסברוך

פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די שטרעבונג צו אַ ברייטן אַנטינאַציזם און אַנטיפאַשיסטישן פראָנט האָט אָנגעהויבן רייף צו ווערן נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער שטרעבונג.

**דער איבערברוך**

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם טאָג פון 22־טן יוני 1941. איך בין געשטאַנען, צוזאַמען מיט טויזנטער געטאָ־איינוווינער, אויף דעם עק פון די גאַסן גענשע און זאַמענהאָף ביי אַ ראַדיאָ־מעגאַפאָן, וואָס האָט איבערגעגעבן די אָפיציעלע דייטשע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. די דאָזיקע ראַדיאָ־הילכערס האָט די פוילישע און יידישע באַפעלקערונג אָנגערופן די בילערקעס (שטשעקאַטשקי — אויף פויליש). אַ טייל יידן האָבן זיי אויך אָנגערופן די גרעגערס. זיי זענען אויפגע־האָנגען געוואָרן אויף אַ פּאָר עקן פון די וויכטיקסטע געטאָ־גאַסן.
מיר הערן עפּעס אַ מאָדנעם קאָמוניקאַט. דער ראַדיאָ־ספּיקער גיט איבער, אַז די דייטשע אַרמייען האָבן אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון קאָמוניקאַט, אָבער נאָך עטלעכע סעקונדן, ווען דער עולם האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון דער מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָט אַזוי ווי אַ שגעון אַרומגענומען די מאַסן. טויזנטער מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן און אָנגעהויבן לויפן ווי צעחושטע איבער די גאַסן פון געטאָ. אין דער דאָזיקער ספּאָנטאַנער רעאַקציע איז געקומען צום אויסדרוק סיי די טיפע אויפטרייסלונג פון די געשעענישן און סיי — אַן אויפגעוועקטער פונק פון האָפענונג.
דער דאָזיקער היסטאָרישער טאָג האָט געווירקט אויף דעם באַוווסטזיין און אויף די פּאָליטישע שטימונגען פון די יידישע מאַסן. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער אונטערערדישער פּרעסע אין געטאָ.
איינער פון די אויסדרוקן פון דעם ווענדפּונקט איז געווען די סימפּאַטיע פון די יידישע מאַסן צום ראַטן־פאַרבאַנד און צו דער רויטער אַרמיי. נאָך אין יאָר 1940 און אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1941 זענען אין אַ ריי יידישע פּאַרטייען פאָרגעקומען האַפטיקע דיסקוסיעס וועגן דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך. איך געדענק די הייסע, אָפטמאָל שטורמישע דיסקוסיעס וועגן דעם אָפּמאַך אויף די קאָנפערענצן און פאַרזאַמלונגען פון די לינקע פּועלי־ציון. מ׳האָט אַנאַליזירט דעם אָפּמאַך פון פּאָליטישן, סטראַטעגישן, מיליטערישן, פון יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. אויך אין השומר הצעיר זענען אַרום דעם פאָרגעקומען העפטיקע דעבאַטן.
אין מאָמענט, ווען דייטשלאַנד האָט אַדורכגעפירט דעם בליץ־אָנגריף אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה, האָבן זיך די אַלע דיסקוסיעס וועגן אָפּמאַך געענדיקט. די מאַסן האָבן

פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. נישט געקוקט דערויף, וואָס דייטשלאַנד איז נאָך געווען זייער מעכטיק און באַהערשט כמעט גאַנץ אייראָפּע, האָבן די יידישע מאַסן געגלויבט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד וועט נישט ליידן קיין מפּלה. די געפילן פון סאָלידאַריטעט מיט דער רויטער אַרמיי און איר אַנטיהיטלעריסטישן געראַנגל זענען געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק כמעט אין דער גאַנצער אונטערערדישער פּרעסע אין וואַרשעווער געטאָ.

דר. עמנואל רינגעלבלום, דער שעפער פון דעם געהיימען אַרכיוו און אַליין אַ וווּנדערבאַרער געטאָ־כראָניקער, האָט אָט וואָס געשריבן אין זיינע נאָטיצן, אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1941: "דער עולם איז פול מיט בטחון און גלויבט אין זיג פון די סאָוויעטן, ווי בכלל פון דער אַליאַנס. עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג דער גלויבן, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף באַפרייען אונדז פון די אָקופּאַנטן". די געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער צו אינטערעסירן מיט דער לאַגע אויף די פראָנטן, באַזונדער אויף דעם דייטש־סאָוויעטישן פראָנט. די געהיימע פּוילישע און יידישע ראַדיאָ־ביולעטינען מיט פראָנט־באַריכטן זענען געוואָרן אין געטאָ אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער.

אין די שפּעטערדיקע פּאַזן פונעם געטאָ־קאָשמאַר און פון היטלעריסטישן טעראָר האָבן רעליגיעזע יידן געזאָגט תהילים, אַז דער נס זאָל געשען און אַז די רויטע אַרמיי זאָל ראַטעווען פון נאַצישן גיהנום...

שוין אויף דער אַרישער זייט האָט מען מיר דערציילט, אַז אויך פּוילישע גלויביקע האָבן אין די קירכעס אויף די קני מתפלל געווען, אַז די רויטע אַרמיי זאָל זיי באַפרייען פון נאַצישן טעראָר...

**דער רוף "נאָוואָגרודעק"**

די אַלע אויבנדערמאָנטע געשעענישן און דער עיקר — די דערשיטערנדיקע ידיעות וועגן יידן־שחיטות אין די מזרח־ און מערב־געביטן האָבן רייף געמאַכט ביי די אַוואַנגאַרד־עלעמענטן פון פאַרשידענע ריכטונגען אין געטאָ דעם געדאַנק פון אַקטיוון און באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין דער יידישער אונטערערדישער פּרעסע האָבן זיך, אין אָנהויב פון 1942, באַוויזן צאָלרייכע אַלאַרם־באַריכטן און קאַמפס־רופן צו אַן אַקטיוון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די מערדער פון יידישן פאָלק.

אין יענע טעג, אין אָנהויב 1942 יאָר, איז צום וואַרשעווער געטאָ דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין דעם ווייסרוסישן שטעטל נאָוואָגרודעק האָבן די היטלעריסטישע מערדער אַדורכגעפירט אין דעצעמבער 1941 אַ מאַסן־פּאָגראָם און דערהרגעט 1.700 יידן. דאָן האָט אַ יידישע זעלבסטשוץ פון אַרום 200 יונגע לייט, אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָרטיקן יידישן פאָלקס־לערער , געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד מיט געווער אין האַנט, דערהרגעט אַרום 20 דייטשע זשאַנדאַרמען און אַליין געפאַלן אין קאַמף.

די דאָזיקע ידיעה, וועלכע איז וואַרשיינלעך געקומען פון פּוילישע ווידער־שטאַנד־קרייזן, האָט אין וואַרשעווער געטאָ געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. זי האָט געהאַט אַן עלעקטריזירנדיקע ווירקונג, באַזונדער אויף דער יוגנט.

עס איז ביזן היינטיקן טאָג שווער פעסטצושטעלן, צי די דאָזיקע ידיעה האָט זיך באַזירט אויף פאַקטן, צי דאָס איז בלויז געווען אַ קלאַנג. איך נעם אָן, אַז דער קלאַנג האָט געהאַט אַ געוויסן גרונט, עס איז אים אָבער שווער צו באַשטעטיקן, ווייל, אַפילו לויט דער ידיעה אַליין, זענען אַלע יידישע אויפשטענדלער אומגע־קומען אין קאַמף. אָבער אַפילו אויב דאָס איז געווען בלויז אַ קלאַנג — איז עס אויסגעוואַקסן צו אַ מיטאָס, צו אַ לעגענדע.

״נאָוואָגרודעק״ איז אין וואַרשעווער געטאָ געוואָרן אַ קאַמפּס־רוף, אַ לאָזונג, וואָס האָט געמוטיקט און גערופן צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין אַ ריי אונטערערדישע פּרעסע־אָרגאַנען, באַזונדערס אין צייטשריפטן פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָט מען דערהויבן די ידיעה וועגן דעם מוטיקן קאַמף פון די יידן אין נאָוואָגרודעק קעגן די נאַצישע רוצחים צו דער ראַנג פון אַ סימבאָל. יוגנט־רוף, דער אָרגאַן פון דער באָראָכאָוו־יוגנט פון די לינקע פּועלי־ציון (נומער 5, מערץ 1942), האָט אין דעם אַרטיקל אונטערן קעפּל ״נאָוואָגרודעק רופט!״ געשריבן: ״דער פּשוט־מענטשלעכער אימפּולס פון נישט לאָזן זיך פירן צו דער עקידה איז אין פאַל נאָוואָגרודעק דערהויבן געוואָרן ביז צו אַ סימבאָל. זאָל דאָס דינען פאַר אַ מוסטער פון ווירדיקער מענטשלעכער האַלטונג״.

אין אָרגאַן פון השומר הצעיר אין דער פּוילישער שפּראַך, מאָרגנשטערן (Jutrznia) אין מערץ 1942, איז דערשינען אַן אַרטיקל ״די העלדן פון נאָוואָגרודעק״, וועלכער האָט גערופן צו נעמען אַ ביישפּיל פון זיי און גרייטן זיך צו אַ באַוואָפנטן קאַמף. אויך די צייטשריפט פון גורדוניה אין דער פּוילישער שפּראַך דאָס וואָרט פון יונגע (Slowo Mlodych) האָט געשריבן: ״נאָוואָגרודעק איז געוואָרן פאַר די יידישע מאַסן אַ סימבאָל״.

## די אַנטשטייאונג פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק

ווי געזאָגט, איז שוין אין די ערשטע חדשים פון 1942 יאָר אָנגעהויבן רייף צו ווערן דער געדאַנק פון אַ ברייטן קאַמפּס־פראָנט. איך געדענק, אַז מיר האָבן אַרומגערעדט דעם ענין אין דער קאָנספּיראַטיווער צענטראַלער אָנפירונג פון די לינקע פּועלי־ציון, אין דעם ״דריילינג״: שכנא זאַגאַן, עמנואל רינגעלבלום און איך, ווי אויך אין דעם ברייטן געטאָ־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן אַדורכגעשמועסט וועגן דער פראַגע מיט די קאָמוניסטישע טוער, באַזונדער מיט די פירער פון דער גרופּע מאָרגן־פרייהייט, יהודה פעלדוורם און חיים אַנקערמאַן, מיט וועלכע די אָנפירונג פון די לינקע פּועלי־ציון איז געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט. עס איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז דער ברייטער קאַמפּס־פראָנט דאַרף האָבן אַן אַנטיפאַשיסטישן כאַראַקטער און אַז ער דאַרף שטיין אין פאַרבינדונג מיט די פּוילישע אַנטיפאַשיסטישע ווידערשטאַנד־כוחות.

פון דעם דרינגט, אַז עס איז נישט פּינקטלעך די מיינונג, וועלכע איז פאַרשפּרייט אין דער געטאָ־ליטעראַטור, אַז דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.— קאָמוניסטן). ריכטיק איז, אַז די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ ברייטן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק איז געקומען גלייכצייטיק פוןביידע ריכטונגען: סיי פון פּ.פּ.ר. און סיי פון די לינקע פּועלי־ציון. אמת איז, אַז דעם דירעקטן און קאָנקרעטן סטימול צו שאַפן דעם בלאָק האָט געגעבן די ניי־געשאַפענע פּ.פּ.ר.
ווי איך האָב שוין באַטאָנט, איז די ידיעה, אַז אין יאַנואַר 1942 איז געשאַפן געוואָרן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי ווי אויך איר מיליטערישע געהיימע אָרגאַניזאַציע די פאָלקס־גוואַרדיע (G.L.), איז אין די לינקע קרייזן אין געטאָ, אויך אין די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, אויפגענומען געוואָרן מיט צופרידנקייט. די פּראָגראַמאַטישע דעקלאַראַציע פון פּ.פּ.ר. האָט אין געטאָ געמאַכט אַ רושם. זי האָט אויף אַן אָרגאַנישן אופן פאַרבונדן דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף קעגן די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן מיט סאָציאַל־פּראָגרעסיווע שטרעבונגען. גערופן צו אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט, צום קאַמף קעגן שונא און אין שאַרפע ווערטער געשטעמפּלט די היטלעריסטישע פאַרברעכנס קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.
אָנהויב פעברואַר 1942 האָט מיר מיין נאָענטער פריינט, אַן אַלטער קאָמוניסטישער טוער, מיעטשיסלאַוו ווינקיפער (מיעטעק וואַטראַשעק), איבערגעגעבן, אַז עס ווילט זיך מיט מיר זען אַן אָפּיציעלער פאַרשטייער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ר., וועלכער איז געקומען אין געטאָ פון דער אַרישער זייט. זיין נאָמען איז אַנדזשעי שמידט. איך האָב מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און איינגעלאַדן אים צו זיך.
שוין דער ערשטער שמועס מיט אים האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. אַפילו זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געוועקט צו אים פון ערשטן בליק סימפּאַטיע און דרך־ארץ. אַ שלאַנקער יונגער מאַן, מיט אַ שיין, ערנסט, לענגלעך פּנים, מיט אַ ביסל טרויעריקע, בלויע אויגן. ער האָט גערעדט שטיל און קאָנצענטרירט. געוועגט און געמאָסטן יעדן זאַץ. מען האָט געפילט אין אים אַ גרויסן אינערלעכן גייסטיקן כוח, און גלייכצייטיק אַ זעלבסטבאַהערשונג פון אַ דערפאַרענעם אַלטן רעוואָלוציאָנער.
ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיין אייגנטלעכער נאָמען איז פּנחס קאַרטין. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט לוצק, וואָלין, אין יאָר 1912. פון די יוגנט־יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. געקעמפט אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן אין שפּאַניע. אין די יאָרן 1940 און 1941 געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד. צום סוף פון 1941 יאָר, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו שאַפן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ווערט ער אַרויסגעשיקט און מיט פאַראַשוטן אַראָפּגעלאָזט צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע קאָמוניסטישע טוער, קיין פּוילן. קורץ נאָך זיין צוריקקער קיין פּוילן,

האָט אים דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ניי־געשאַפענער פּ.פּ.ר דעלעגירט אין וואַרשעווער געטאָ מיטן אויפטראַג צו אָרגאַניזירן די אָפּטיילונג פון פּ.פּ.ר., און באַזונדער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אין געטאָ.
שוין אין דעם ערשטן שמועס האָט אַנדזשעי שמידט דערקלערט, אַז ער לייגט פאָר, אין נאָמען פון צ.ק. פון פּ.פּ.ר., צו שאַפן מיט דער לינקער פּועלי־ציון אַן איינהייטלעכן קאַמפּס־פראָנט און שפּעטער אויסברייטערן אים אויף אַנדערע ריכטונגען. ער האָט מיך דערביי גענוי אינפאָרמירט וועגן דער אידעאיש־פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון פּ.פּ.ר. און וועגן אירע טעטיקייט־פּלענער
איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז אַפילו אָן אַ באַראַטונג מיט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט קאָן איך אים געבן אַ פּאָזיטיווע תשובה, ווייל דאָס איז שוין זינט אַ לענגערער צייט אונדזער שטרעבונג. מיר האָבן באַשטימט אַ ברייטערן צוזאַמענטרעף פון פאָרשטייער פון ביידע פּאַרטייען, כדי אַרומצורעדן די פּלאַטפאָרם פון איינהייטלעכן פראָנט און צוצוטרעטן צו קאָנקרעטער טעטיקייט.
פאַרשטייט זיך, אַז גלייך נאָך דעם שמועס האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיט זאַגאַנען און רינגעלבלומען. זיי האָבן אויך אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאָג פון פּ.פּ.ר. — אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער געמיינזאַמער צוזאַמענטרעף פאָרגעקומען, ווידער אין מיין און באַשיעס באַשיידענער דירה, אויף אָגראָדאָווע 29.
אין נאָמען פון די לינקע פּועלי־ציון האָט אין דעם צוזאַמענטרעף אָנטייל־גענומען אויסער מיר — שכנא זאַגאַן, דער הויפּט־פירער פון דער פּאַרטיי. אין נאָמען פון פּ.פּ.ר., אויסער אַנדזשעי שמידטן, נאָך צוויי אָפיציעלע פאָרשטייער — דער אַלטער, פירנדיקער, יידישער קאָמוניסטישער טוער, יוסף לעוואַר־טאָווסקי, און דער לאַנגיעריקער קאָמוניסטישער טוער שמואל מערעטיק (אַדאַם צימערמאַן).
איך וועל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען שכנא זאַגאַן דערזעענדיק לעוואַר־טאָווסקין איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו אים און געוואָרפן זיך אים אין די אָרעמס. זיי האָבן זיך צעקושט און איך האָב געזען, אַז זיי זענען ביידע שטאַרק גערירט. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען באַפריינדעט געווען פון אַלטע צייטן. איז די יאָרן פון 1918 ביז 1921 איז יוסף לעוואַרטאָווסקי געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.
ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1895 אינעם שטעטל ביעלסק־פּאָדלאַסק. אין יאָר 1921 האָט ער פאַרלאָזט די רייען פון פּועלי־ציון און אַריינגעטרעטן אין די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן (ק.פּ.פּ.). אַ קורצע צייט נאָכן אַריינטריט ווערט ער באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פונעם צענטראַלן יידישן ביוראָ ביים צ.ק. פון ק.פּ.פּ. און ווערט אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט.
אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין דעם לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון ק.פּ.פּ. און איז געווען טעטיק אין קאָמינטערן. ער איז געווען פיל מאָל

אַרעסטירט און אָפּגעזעסן אין די תּפיסה־מויערן אין פּוילן 10 יאָר!
עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז צוזאַמען מיט יוסף לעוואַרטאָווסקי האָבן אין יאָר 1921 פאַרלאָזט די פּועלי־ציון און אַריינגעטראָטן אין ק.פּ.פּ. נאָך צוויי וויכטיקע טוער. איינער פון זיי איז געווען דער באַקאַנטער אין יענע יאָרן טוער און פּובליציסט שאול אַמסטערדאַם. ער איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער און מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ פון ק.פּ.פּ., שוין אונטערן פּסעוודאָנים הענריקאָווסקי. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער, צוזאַמען מיט כמעט אַלע פירער פון ק.פּ.פּ., אומגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד.
דער צווייטער פּועלי־ציון טוער און פירער פון דער באָראָכאָוו־יוגנט, וועלכער איז אין יאָר 1921 אַריינגעטראָטן אין ק.פּ.פּ. איז געווען אַלפרעד לאַמפּע. אויך ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער פון ק.פּ.פּ. און מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ און סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט לאַמפּע געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער איז דאָרט געקומען קורץ נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, דירעקט פון אַ תּפיסה אין פּוילן. ער איז געוואָרן דער אידעאָישער פירער און טעאָרעטיקער פון די פּוילישע קאָמוניסטן אין ראַטן־פאַרבאַנד און איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּוילישער דיוויזיע אין דער רויטער אַרמיי און פון דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן. לאַמפּע ווערט באַטראַכט ביז איצט אַלס איינער פון די אידעאָלאָגן און וועגווייזער פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק. ער איז אָבער געשטאָרבן נאָך פאַר איר אַנטשטייאונג, אין דער צייט פון דער מלחמה, אין יאָר 1943, אין מאָסקווע.
מיט יוסף לעוואַרטאָווסקין האָב איך זיך נאָענטער באַקאַנט גלייך נאָך דעם ערשטן געמיינזאַמען צוזאַמענטרעף. אויך ער, אַזוי ווי אַנדזשעי שמידט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ פּאָזיטיוון איינדרוק פון אַן ערנסטן און דערפאַרענעם פּאָליטישן טוער. ער איז געווען קלוג, באַהערשט, פערזענלעך — זייער חבריש. ער איז געווען ביי אונדז אין דער היים אַן אָפטער גאַסט, פון צייט צו צייט — געשלאָפן ביי אונדז.
ביי לעוואַרטאָווסקין האָט מען געפילט אַ געוויסע מידקייט נאָך זיינע שווערע איבערלעבונגען. דירעקט פאַר דער מלחמה איז ער געזעסן 7 יאָר אין תּפיסה, אין ראַוויטש. אויך די מלחמה־צייט האָט אים שטאַרק דערשעפּט. דאָך האָט ער אין געטאָ, אַלס אָפּיציעלער באַפולמעכטיקטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ר., געאַרבעט אומדערמידלעך. ער איז געווען דער אָנערקענטער פירער פון פּ.פּ.ר. אין געטאָ, גענאָסן פון אַ גרויסן אויטאָריטעט און געווען באַליבט צווישן חברים. מען האָט אים גערופן "דער אַלטער". ער האָט זיך דערוואָרבן סימפּאַטיע און אָנערקענונג נישט בלויז אין די ראַמען פון פּ.פּ.ר., אויך אין די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און חלוצישע קרייזן.
דער דריטער אָנטיילנעמער פון דעם צוזאַמענטרעף ביי מיר, אַלס פאָרשטייער פון צ.ק. פון פּ.פּ.ר., איז געווען שמואל מערעטיק, אויך אַ לאַנגיעריקער

קאָמוניסטישער טוער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1907, אין וואַרשע, אין אַן אָרעמער אַרבעטער־משפּחה. שוין אין די פריע יוגנט־יאָרן טרעט ער אַריין אין דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און ווערט אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג. שפּעטער — אַ פונקציאָנער פון דער ק.פּ.פּ. און אַ געוויסע צייט פאַרנעמט ער דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פון לאַנד־סעקרעטאַר פון מאָפּר אין פּוילן. (אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע). אויך ער ווערט אין יאַנואַר 1942 דעלעגירט דורכן פּ.פּ.ר. אין וואַרשעווער געטאָ און ווערט דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע. אַלע דריי — לעוואַרטאָווסקי, שמידט און מערעטיק — פירן אָן מיט דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פירן אויס אַנדערע פונקציעס — ביז דעם טראַגישן טויט פון שמידטן און מערעטיקן, וועלכע פאַלן אַריין, אין מאַי 1942, אין די הענט פון געסטאַפּאָ.

דער וויכטיקער צוזאַמענטרעף האָט געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. מיר האָבן צוזאַמען אַנאַליזירט און אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע לאַגע און אונדזערע אויפגאַבן אין געטאָ און געקומען צו געמיינזאַמע אויספירן. שוין דאַן האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און באַמיען זיך צוציען צו אים אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ, וועלכע וועלן זיין גרייט צו אַ געמיינזאַמען קאַמף. אונדזער לאָזונג דאַרף זיין: נאַציאָנאַלער פראָנט צום קאַמף קעגן דעם שונא.

אַלס הויפּט־אויפגאַבן פון בלאָק האָבן מיר צוזאַמען פעסטגעשטעלט:

א) געמיינזאַמער אידעאיש־פּאָליטישער קאַמף אין געטאָ קעגן די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן און קעגן די עלעמענטן, וועלכע פירן אויס זייערע באַפעלן און פאַראָרדנונגען (געמיינט: יודנראַט, געטאָ־פּאָליציי א.א.).

ב) שאַפן אַ געמיינזאַמע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — קעגן דעם פאַשיזם און צום שוץ פון די יידישע מאַסן, און

ג) פירן אַ געמיינזאַמע הילפס־אַרבעט פאַר די קרבנות פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף.

מיר האָבן אויך צוזאַמען באַשלאָסן, אַז דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק דאַרף אַרויסגעבן זיין קאָנספּיראַטיוון פּרעסע־אָרגאַן. באַשלאָסן אָנצוקניפּן גלייך אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס. איך האָב זיך אונטערגענומען אַרומצורעדן דעם ענין פון בלאָק מיט השומר הצעיר.

עס זענען נאָך פאָרגעקומען, ביי מיר אין דער היים, עטלעכע ווייטערע צוזאַמענטרעפן, כדי אַרומצורעדן דעם קאָנקרעטן רעאַליזיר־פּראָגראַם פון בלאָק. אין די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן האָבן זיך, אין נאָמען פון פּ.פּ.ר., באַטייליקט לעוואַרטאָווסקי און מערעטיק. אַנדזשעי שמידט האָט שוין אָנגעהויבן אינטענסיוו צו אָרגאַניזירן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון בלאָק און זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער מיליטערישער אַרבעט.

גלייך נאָך דעם ערשטן צוזאַמענטרעף האָב איך זיך באַגעגנט מיטן פירער פון השומר הצעיר, מרדכי אַנילעוויטש, און אים איבערגעגעבן געוני סיי דעם פאַרלויף פון דעם צוזאַמענטרעף און סיי דעם פאָשלאָג, אַז השומר הצעיר זאָל זיך אָנשליסן צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. ווי עס איז געווען פאָרויסצוזען, האָט אַנילעוויטש מיט צופרידנקייט דאָס אָנגענומען.

נאָך דעם אָפיציעלן צושטיין פון השומר הצעיר האָט שוין דער בלאָק אַרומ־געגומען דריי גרופּירונגען. אַ געוויסע צייט איז זיין אָנפירונג באַשטאַנען פון 6 חברים: לעוואַרטאָווסקי און שמידט פון פּ.פּ.ר., זאַגאַן און איך פון די לינקע פּועלי־ציון און אַנילעוויטש און יוסף קאַפּלאַן פון השומר הצעיר. גלייכצייטיק זענען אָבער געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס. לעוואַרטאָווסקי און שמידט האָבן פאַרהאַנדלט מיט די פירער פון החלוץ און דרור, יצחק צוקערמאַן און מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די גרייטקייט זיך אָנצושליסן אין בלאָק. אויך די פּועלי־ציון (צ.ס.) זענען צו אים צוגעטראָטן.

אַזוי אַרום האָט דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אַרומגענומען אַלע אַרבעטער־ריכטונגען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אויסער דעם בונד, וועלכער האָט נאָך נישט געוואָלט מיטאַרבעטן "מיט קאָמוניסטן און ציוניסטן".

איך געדענק, אַז אין אַ שפּעטערדיקער פאַזע, ווען דער בלאָק האָט שוין אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט, האָב איך איינגעלאַדן צו זיך אַ היים איינעם פון די הויפּט־פירער פון בונד אין געטאָ, דעם אינזשיניער אברהם (אַבראַשאַ) בלום, און איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז מיר שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער בונד מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע קאַמפּס־טראַדיציעס און מיט זיין אַנטיפאַשיסטישער שטעלונג, טרעט נישט צו צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, באַזונדער אין די דראַמאַטישע באַדינגונגען פון געטאָ. איך האָב געפילט, אַז עס איז אים נישט אָנגענעם וועגן דעם צו רעדן און אַז ער, פּערזענלעך, איז פאַרן צוטרעטן צום בלאָק. ער האָט מיר דערקלערט, אַז די אָנפירונג פון בונד איז נישט גרייט אַריינצוטרעטן אין בלאָק צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע סיבות. דער בונד האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער געמיינ־זאַמער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ערשט נאָך דער גרויסער אַקציע, אין אָקטאָבער 1942.

אויך מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן (פון דער ראַדיקאַלער על המשמר־גרופּירונג), זענען געפירט געוואָרן שמועסן וועגן אַריינטרעטן אין בלאָק, אָבער זיי האָבן נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק איז געווען פאַר זיי צו לינק.

די ערשטע ברייטע באַראַטונג פון בלאָק, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון אַלע 5 אָנגעשלאָסענע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער גרויסער קינדערשוץ־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ צענטאָס. דער גורל האָט געוואָלט, אַז בראש פון צענטאָס זענען געשטאַנען צוויי ענטוזיאַסטישע

אָנהענגער פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק: איך, אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס און דער אַלטער קאָמוניסטישער טוער, יוסף גיטלער, אַלס דער פינאַנציעלער און אַדמיניסטראַטיווער לייטער. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אויסצונוצן די דאָזיקע גרויסע אינסטיטוציע אַלס באַזע פאַר דער אַנטיהיטלעריסטישער אונטערערדישער טעטיקייט און פאַרן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

גלייך, ווען אַנדזשעי שמידט און יוסף לעוואַרטאָווסקי זענען געקומען אין געטאָ, האָבן מיר זיי צוגעשריבן אַלס "מיטאַרבעטער" צו יתומים־הייזער, זיי זאָלן האָבן אַ פאַרמעלע דעקונג פאַר זייער אַנטיהיטלעריסטישער טעטיקייט.

צווישן די הונדערטער מיטאַרבעטער פון די צאָלרייכע יתומים־הייזער, אינטערנאַטן און האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־קיכן, קינדער־ווינקלעך אין די פּליטים־הייזער, יוגנט־קלובן און אַ סך אַנדערע צענטאָס־אינסטיטוציעס, זענען געווען צענדליקער אַקטיוויסטן פון פּ.פּ.ר., פון די לינקע פּועלי־ציון און פון אַנדערע גרופּירונגען. אַלס לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר פאַרוואָרלאָזטע גאַסן־קינדער האָט געאַרבעט מאַגיסטער גוסטאַוו אַלעף (באַלעק, שפּעטער — באַלקאָוויאַק), אַן ענערגישער פּ.פּ.ר.־טוער. ער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. שפּעטער איז ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און איז געוואָרן איינער פון די פירנדיקע טוער אין דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (G.L.). און רעדאַקטאָר פון פּוילישע פאַרטיזאַנישע צייטשריפטן. נאָך דער מלחמה האָט קאָלאָנעל אַלעף־באַלקאָוויאַק פאַרנומען הויכע מיליטערישע פּאָסטנס אין פאָלקס־פּוילן.

אין צענטאָס האָט געאַרבעט, אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, די קראַנקן־שוועסטער זשיוטאַ גרייפעל. אויך זי איז געווען אַן אַקטיווע פּ.פּ.ר.־טוערין. אויך זי איז שפּעטער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און שוין אַלס איזאָלדאַ אָדער קריסטינאַ קאָוואַלסקאַ אויסגעפירט וויכטיקע און געפערלעכע פונקציעס אין דער פּוילישער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. איך בין געשטאַנען מיט איר אין פאַרבינדונג אויך אויף דער אַרישער זייט, אין שייכות מיט דער קאָנספּיראַטיווער הילפס־אַרבעט פאַר יידן. אויך זי איז געווען אַקטיוו אין געטאָ אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

אין דער טעטיקייט פון בלאָק איז אויך געווען באַטייליקט דער פּ.פּ.ר.־טוער מיכאַל רויזנפעלד, וועלכער איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען מיין יוגנער באַרופס־קאָלעגע — אַ פּסיכאָלאָג. ער האָט געאַרבעט אין צענטאָס און גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין דער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג.

אויך די געזעלשאַפט פאַר געזונדהייט־שוץ אין געטאָ, טאָז, איז געוואָרן איינע פון די געהיימע באַזעס פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, אַ דאַנק די פירנדיקע טאָז־באַאַמטע, די פּ.פּ.ר.־טוער — יהודה פעלדוורם און העלענאַ ראַבינאָוויטש.

אויף איינער פון די ברייטע געמיינזאַמע באַראַטונגען פון בלאָק האָט זיך



ערשטע ריי פון רעכט:
אַדאָלף בערמאַן, ביטער, דר. הירשהאָרן, יצחק צוקערמאַן
צווייטע ריי:
אומבאַקאַנט, זאָנשיין, י. זאַק, יוסף שקליאַר, (גלאַזער), פּאַוועל זאַליצקי
וואַרשע, 1945.



קאָנפערענץ פון פועלי־ציון לינקע אין פרעזידיום א. בערמאַן, פאָרשטייער פון פּ.פּ.ס. און פּ.פּ.ר., וואַרשע, 1947.



Zerubawel, Ewen, Mula!

Tel-Awiw.

[illegible] z dn. 23/[illegible] otrzymaliśmy. Z fun-
duszów [illegible] dla Żydowskiego Insty-
tutu Narodowego [illegible]. Dziękujemy. Bierzemy
czynny udział w walce i w akcji pomocy. [illegible]
[illegible] ze Lwowa. Jest z rodziną w obozie
dla obcokrajowców w Bergen pod Hanowerem. [illegible]
[illegible] Emanuela [illegible] z domu; jest
z nami, [illegible] historyk. [illegible]
[illegible] z nami. [illegible]
[illegible], Melach, Zucker, [illegible]
[illegible], zrobimy co możemy, żeby ich wratować.
Napiszcie, jaka sytuacja w Palestynie, jak się
rozwija ruch. Przesyłamy [illegible] pozdrowienia.

25/X 1943.

Adolf.

אַ בלאַט פון אונטערערדישן אַרכיוו אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע. דר. בערמאַן איז מודיע די אָנפירער פון פועלי־ציון לינקע אין ארץ־ישראל וועגן גורל פון דר. עמנואל רינגעלבלום און אַנדערע פּאַרטיי־חברים. דער בריוו איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון פּוילישן אונטערגרונד.

קאָנסטיטואירט זיין 5־פערזאָניקע פּאָליטישע לייטונג, צו איין פאָרשטייער פון יעדער גרופּירונג. צו דער לייטונג האָבן אָנגעהערט: יוסף לעוואַרטאָווסקי, פון פּ.פּ.ר., שכנא זאַגאַן, פון די לינקע פּועלי־ציון, יוסף סאַק, פון פּועלי־ציון (צ.ס.), צביה לובעטקין, פון החלוץ־דרור און מרדכי אַנילעוויטש פון השומר הצעיר. גלייך נאָך דער קאָנסטיטואירונג האָט דער בלאָק אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן. דאָס איז געווען אין מערץ 1942 יאָר.

### די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון בלאָק

די ערשטע און די וויכטיקסטע זאָרג פון דער אָנפירונג פון בלאָק איז געווען די שאַפונג פון זיין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. עס איז באַשטימט געוואָרן די קאָמענדאַנטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דעם פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: אַנדזשעי שמידט (פּנחס קאַרטין) פון פּ.פּ.ר., וועלכער איז פאַקטיש געווען די צענטראַלע פערזענלעכקייט אין דער קאָמענדאַנטור; יוסף קאַפּלאַן פון השומר הצעיר; מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, פון החלוץ און דרור; דער אַלטער אַרבעטער־טוער, פון די געצײילטע יידישע טראַמוואַי־אַרבעטער אין וואַרשע — הערש לענט, פון די לינקע פּועלי־ציון און אברהם פישעלזאָן, פון פּועלי־ציון (צ.ס.).

די קאָמענדאַנטור האָט באַשטימט אַלס יסודותדיקע קעמערלעך פון דער אָרגאַניזאַציע — קאַמפּס־פינפטלעך. אין אַ גענוג שנעלן טעמפּאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פון די פינפטלעך, וועלכע זענען, אין דער ערשטער ריי, באַשטאַנען פון די אַקטיוויסטן פון אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען באַטייליקט אין בלאָק. דאָס זענען געווען אין מערהייט אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און יוגנטלעכע, אַ טייל פון זיי — געוועזענע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי און ספּאָרט־טוער פון אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, ווי שטערן פון די לינקע פּועלי־ציון, הפּועל פון פּועלי־ציון (צ.ס.) א.א.

נישט געקוקט אויפן פעלן פון געווער און פאַרשידענע אַנדערע שוועריקייטן האָט זיך די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק שנעל צעוואָקסן און אין די חדשים מאַי און יוני 1942 דערגרייכט די צאָל פון אַרום 500 קעמפּער.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע בלויז 2 רעוואָלווערן, איינעם, וועלכן עס האָט געבראַכט הענריק קאָטליצקי, פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, און אַ צווייטן, וועלכן עס האָט פאַרמאָגט השומר הצעיר. דאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע מיליטערישע שולונג פון די קעמפּער און קאַמפּס־פינפטלעך. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן ביי דער קאָמענדאַנטור אַ דריי־פערזאָניקער מיליטערישער אינסטרוקטאָראַט, צו וועלכן עס האָט אויך אָנגעהערט מיין פריינט מיעטעק ווינקיפּער. פון אים האָב איך באַקומען שוין נאָך דער מלחמה אַ קורצן באַריכט וועגן דער מיליטערישער אויסבילדונג פון די בלאָק־קעמפּער.

מיעטשיסלאַוו (מיעטעק) וויינקיפּער איז געווען מיין נאָענטסטער פריינט נאָך פון די שול־יאָרן. מיר האָבן געלערנט אין איין גימנאַזיע און אין דעמזעלבן קלאַס. ער האָט געשטאַמט פון אַן אינטעליגענטער, פולשטענדיק אַסימילירטער יידישער משפחה. שוין זיין פאָטער, אַ מעדיצין־דאָקטאָר, איז געווען ווייט פון יידנטום. מיך און מיעטעקן האָבן פאַרבונדן סיי אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פראַגן און סיי געמיינזאַמע פאַראינטערעסירונגען מיט ליטעראַטור און קונסט. שוין אין דער גימנאַזיע האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ און מיט אַן אויסערגעוויינלעך איידעלן כאַראַקטער. עס האָט פון אים געשטראַלט זיין פיזישע און גייסטיקע שיינקייט.

שוין אין די העכערע קלאַסן פון דער גימנאַזיע איז ער געווען אַן איבער־צייגטער מאַרקסיסט און קאָמוניסט. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין פאַרביסענער דאָגמאַטיקער. אין די זעלבע יאָרן האָט זיך אויך מיין אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע שטעלונג אויסקריסטאַליזירט, אָבער אין דער ריכטונג פון מאַרקסיסטישן באָראָכאָוויזם. מיר האָבן שוין אין יענע יוגנט־יאָרן נישט איינמאָל דיסקוטירט וועגן דער יידן־פראַגע און איר לייזונג. ער איז געווען ווייט פון מיינע שטעלונגען, אָבער קיינמאָל נישט פאַרביסן אָדער אַגרעסיוו, פאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ געוויסע פאַרשטענדניש פאַר די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע שטרעבונגען פון די לינקע פועלי־ציון.

אונדזער פריינטשאַפט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן מיט דער פאַרענדיקונג פון דער גימנאַזיע, ווי עס געשעט מיטן רוב פון די שול־פריינטשאַפטן. זי האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן נאָך מער פאַרטיפט און געדויערט, אָן שום קריזיסן, ביז זיין טויט.

אין דער צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבן שטודירן פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט מיעטעק שטודירט אויפן וואַרשעווער פּאָליטעכניקום און גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין דעם פּוילישן סטודענטישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד דאָס לעבן (Życie). שפּעטער איז ער אַרויס־געפאָרן קיין אויסלאַנד, כדי צו פאַרענדיקן זיין פאַך־אויסבילדונג און באַקומען דעם דיפּלאָם פון אינזשיניער. ער האָט געאַרבעט סיי אין אויסלאַנד און סיי אין פּוילן אין זיין באַרוף.

דער גורל האָט אונדז ווידער דערנענטערט אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען און אַ געוויסע צייט געוווינט ביי מיר. אויך אין געטאָ איז ער געווען פאַרבונדן מיט קאָמוניסטישע קרייזן, און שפּעטער מיט דער פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע. ווי געזאָגט, איז ער געוואָרן איינער פון די מיליטערישע אינסטרוקטאָרן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק. ער האָט געהאַט אַ געוויסע מיליטערישע אויסבילדונג נאָך פון דער פּוילישער אַרמיי. ער איז געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון אַנדזשעי שמידט און יוסף לעוואַרטאָווסקי, אין דער שפּעטערדיקער פּאַזע, שוין אין דער צייט פון דער אויסזידלונגס־אַקציע, איז וויינקיפּער געווען דער

פאַרבינדלער פון יוסף לעוואַרטאָווסקי מיט די פירער פון די חלוצישע אָרגאַני־זאַציעס, מיט יצחק צוקערמאַנען, יוסף קאַפּלאַנען, שמואל בראַסלאַוון א.א. ער האָט מיר שפּעטער, שוין אויף דער אַרישער זייט און אויך נאָך דער באַפרייאונג, נישט איינמאָל דערציילט וועגן זיי און וועגן שמידטן און לעוואַרטאָווסקין, מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע און דרך־ארץ. "גאָלדענע, מוטיקע מענטשן, אויך אין אָנבליק פון טויט" — האָט ער זיי באַצייכנט.

נאָך דער גרויסער אַקציע איז ער אויך, מיט זיין פרוי עמילקאַ, אַריבער־געגאַנגען אויף דער אַרישער זייט. עס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט ביז מיר האָבן זיך ווידער געפונען. דאַן איז ער שוין געווען אַקטיוו אַלס אָפיציר פון דער קאָנספּיראַטיווער פאָלקס־אַרמיי (A.L.). דער גורל האָט אונדז ווידער דערנענטערט. ער האָט מיט אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך, געהאָלפן דעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אויך אין די געהיימע הילפס־אונטערנעמונגען פאַר יידן. מיר האָבן געוווינט אין דער זעלבער געגנט פון וואַרשע, אין דעם אינטעליגענטיש־ראַדיקאַלן זשאָליבוזש. אינעם פוילישן אויפשטאַנד, אין יאָר 1944, האָט ער אַקטיוו אָנטיילגענומען, אַלס אַ שלאַכט־אָפיציר פון דער פאָלקס־אַרמיי. איך וועל נישט פאַרגעסן, ווי ער איז, שוין אין דער צייט פון דעם שטורמישן דייטשן אָנגריף אויף די פּאָזיציעס פון די אויפשטענדלער, ווען די גאַנצע געגנט איז שוין געווען אין פלאַמען, געלאָפן צו מיר, מיט געוווער אין האַנט, אַ האַלב־אָפּגעברענטער פון די פלאַמען און פון דער שרעקלעכער דייטשער קאַנאָנאַדע — כדי צו וואָרענען מיך און באַשיען, אַז די דייטשע טאַנקען וועלן אין עטלעכע מינוט אַרום דערגרייכן אונדזער הויז. סיי ער און זיין פרוי, און סיי איך און באַשיע, זענען מיר האַלב־לעבעדיקע אַרויס פון דעם אויפשטאַנד.

נאָך דער מלחמה, שוין אין פאָלקס־פּוילן, איז מיעטשיסלאַוו וויינקיפּער־וואַטראַשעק געווען אַ געוויסע צייט טעטיק אין דער פּוילישער אַרמיי, אין דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר, באַקומען די העכסטע מלוכהשע אויסצייכנונגען. שפּעטער האָט ער געאַרבעט וויסנשאַפטלעך, אַלס אינזשיניער, אין דעם אויפבוי־מיניסטעריום. די באַציאונגען צווישן אונדז זענען געווען וויטער זייער האַרציקע. אויך נאָך מיין אַרויספאָר קיין ישראל זענען מיר געשטאַנען אין אַן אָפטן קאָרעספּאָנדענץ־קאָנטאַקט. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן לעבן אין ישראל און מיט מיין טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקייט אין דעצעמבער 1953 יאָר, אַ האַלב יאָר נאָכן טויט פון מיין פרוי און מיטקעמפערין, באַשיע.

וואָס האָט מיר מיעטעק וויינקיפּער איבערגעגעבן וועגן דער מיליטערישער אויסבילדונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון בלאָק? דער דריי־פּערזאָניקער מיליטערישער אינסטרוקטאָראַט האָט, אין דער ערשטער ריי, געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצושולן די אינסטרוקטאָרן פון די קאַמף־פינפטלעך און קאָמענ־דאַנטן פון גרעסערע קאַמפּס־איינהייטן. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַ

ברייטערער אינסטרוקטאָרן־קאָלעקטיוו. צו וועלכן עס האָבן אָנגעהערט פאַרשטייער פון די קאַמפּס־פּינפּטלעך פון אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס. דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון דעם קאָלעקטיוו איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די לאָקאַלן פון צענטאָס.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע און די וויכטיקסטע אויסבילדונגס־אויפגאַבע איז געווען די לערע, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט געווער, אָבער צוליב דעם וואָס אויסער די צוויי רעוואָלווערן, איז קיין געווער נישט געווען, איז די דאָזיקע אויסבילדונג געווען מער אַ טעאָרעטישע ווי אַ פּראַקטישע. די אויסבילדונג האָט אַרומגענומען די לערע וועגן אויפרייס־מאַטעריאַלן און גענויע אינסטרוקציעס וועגן אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן — ווי אַזוי צו צעשטערן מיליטערישע אָביעקטן, באַן־ליניעס, בריקן, שאָסייען א.א. עס איז אַפילו אויסגעאַרבעט געוואָרן און אָפּגעדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף אַ מיליטערישע אינסטרוקציע וועגן סאַבאָטאַזש־אַקטן. אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע געדרוקטע אינסטרוקציע פון בלאָק האָט שפּעטער געדינט דעם שטאַב פון דער פּוילישער פאָלקס־גוואַרדיע ביים אויסאַרבעטן אירע מיליטערישע אָנווייזונגען. סיי אַנדזשעי שמידט און סיי גוסטאַוו אַלעף (באָלעק) און אַנדערע טוער פון בלאָק, פאַרבונדענע מיט פּ.פּ.ר., זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.

אויסער דעם האָט די אויסבילדונג אַרומגענומען אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן פון די קאַמפּס־פּינפּטלעך און גרעסערע קאַמפּס־איינהייטן, און פּרינציפּן פון מיליטערישער דיסציפּלין און קאָנספּיראַציע. מיעטעק ווײַנקיפּער האָט מיר מיט באַגייסטערונג דערציילט וועגן דעם קאַמפּס־ווילן, דערהויבענער שטימונג און קרבנות־גרייטקייט פון די קאַמפּס־פּיפּנטלעך און באַזונדער פון דער ייִדישער יוגנט, וועלכע האָט דאָך געלעבט אין געטאָ אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען.

וועגן דעם דאָזיקן גייסט פון קאַמפּס־גרייטקייט האָט מיר אויך דערציילט, נאָך אין געטאָ, איינער פון די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן פון בלאָק, דער טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, אַ לעדער־אַרבעטער, אַן אויסגעדינטער פּוילישער זעלנער, מאיר קראַמאַזש. ער איז שפּעטער אומגעקומען.

איינע פון די הויפּט־פראַגן, וועלכע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין יענע טעג אין אַלע קרייזן פון ייִדישע קעמפער, אָבער באַזונדער אין די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען די פראַגע, וואָס דאַרף זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס: זעלבסטשוץ און קאַמף אין די געטאָס אָדער אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. אָפּטמאָל האָט מען די דאָזיקע פראַגע פאָרמולירט לאַקאָניש: "געטאָ אָדער וואַלד". לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן דער דאָזיקער פראַגע זענען פאָרגעקומען נישט בלויז אין וואַרשעווער געטאָ, אויך צווישן ייִדישע קעמפער אין ביאַליסטאָקער געטאָ, אין ווילנער

געטאָ און אויך אין אַנדערע געטאָס. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פראַגע איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין די ראַמען פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.
די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, דרור און השומר הצעיר, האָבן פאַרטראָטן די מיינונג, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון די יידישע קעמפּער איז — באַוואָפנטע פאַרטיידיקונג און זעלבסטשוץ, סאַבאָטאַזש־אַקטן און קאַמף אין די געטאָס. אויך ביידע פּועלי־ציון־פּאַרטייען האָבן געהאַט אַן ענלעכע שטעלונג און באַטראַכט אַלס הויפּט־אויפגאַבע — דעם קאַמף אין די געטאָס, אָבער סיי זיי און סיי די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט אָפּגעוואָרפן, אַלס אַ צוגאָב־אויפגאַבע, דעם אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און דעם דירעקטן קאַמף קעגן דעם היטלעריסטישן שונא אין די וועלדער.
דער בעסטער באַווייז איז, אַז דרור און השומר הצעיר האָבן אַרויסגעשיקט גרופּן פון קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ אין דער פּאַרטיזאַנקע. החלוץ—דרור האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע גרופּן אין דער געגנט פון הרוביעשאָוו און השומר הצעיר האָט צוזאַמען מיטן דרור אַרויסגעשיקט אַ גרעסערע גרופּע קעמפער — אין די וועלדער אַרום מעזריטש. ליידער איז דער גורל פון די אַלע קעמפער־פּאַרטיזאַנער געווען אַ טראַגישער: אַ טייל פון זיי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, אַ טייל איז געפאַלן אין קאַמף. מ׳דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאַן איז נאָך די פּוילישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג געווען זייער שוואַך, די קאָנטאַקטן מיט איר זענען געווען לויזע און נישט זיכערע. אויך די אַלגעמיינע לעבנס־באַדינגונגען אין די וועלדער און דערפער זענען, באַזונדער פאַר יידישע פּאַרטיזאַנער, געווען אומגעהויער שווערע, אין דער ערשטער צייט — אומדער־טרעגלעכע. שפּעטער, אין די יאָרן 1943 און 1944 איז די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די פּוילישע וועלדער געווען אַ באַדייטנדיקע.
קאָמפּליצירטער איז געווען די שטעלונג פון פּ.פּ.ר. אין געטאָ. ביי די ערשטע אָפיציעלע צוזאַמענטרעפן צווישן פּ.פּ.ר.־פאַרשטייער און דער לינקער פּועלי־ציון, ביי מיר אין דער היים, האָט די דאָזיקע פראַגע נישט אַרויסגערופן קיין דיסקוסיעס אָדער מיינונגס־פאַרשידנהייטן. פאַר ביידע זייטן איז געווען קלאָר, אַז קודם־כל מוז מען שאַפן די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פון אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק און צוגרייטן זי צום באַוואָפנטן געראַנגל. צי דער קאַמף וועט פאָרקומען דער עיקר אין געטאָ, צי טיילווייז — אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, צי אויף ביידע קאַמפס־אָפּשניטן, וועט זיין אָפּהענגיק פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פון דעם, וואָס וועט זיין דרינגענדיק נויטיק.
גלייכצייטיק האָבן מיר אָבער געוווּסט, אַז אַנדזשעי שמידט האָט באַקומען דעם אויפטראָג פונעם שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע צוצוגרייטן גרופּן פון קעמפער, באַזונדער — פאַרבונדענע פּאָליטיש מיט פּ.פּ.ר. — וועלכע זאָלן זיין גרייט צו גיין אין די וועלדער און פאַרשטאַרקן די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער ניי־געשאַפענער פאָלקס־גוואַרדיע.
אין דער צייט, ווען דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק איז געשאַפן געוואָרן, אין

מערץ 1942, זענען נאָך קיין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע נישט געווען. מ׳האָט ערשט אָנגעהויבן זיי צו שאַפן. די ערשטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צום קאַמף אין די וועלדער דעם 15־טן מאַי 1942. די דאָזיקע דאַטע ווערט באַטראַכט אַלס אַ היסטאָרישע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער אַנטי־היטלעריסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

ווי מיעטעק ווײַנקיפּער האָט מיר איבערגעגעבן, האָט אַנדזשעי שמידט און אַנדערע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, פאַרבונדענע מיט פּ.פּ.ר. און דער פּאָלקס־גוואַרדיע, אין דער ערשטער פאַזע פון דער בלאָק־טעטיקייט, געלייגט טאַקע דעם טראָפּ אויף די צוגרייטונגען צו דער פּאַרטיזאַנקע. מ׳האָט געגעבן אינסטרוקציעס וועגן טאָפּאָגראַפיע, וועגן מיליטערישע אַקטן אין די פעלדער און וועלדער, מ׳האָט גערופן צו זאַמלען כלים און פאַרשידענע מכשירים פאַר דעם פּאַרטיזאַנישן לעבן. אָבער שפּעטער, ווען דער דײַטשער טעראָר אין געטאָ האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט, באַזונדער נאָך דער ״בלוטיקער נאַכט״ פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל 1942, האָט אויך שמידט געענדערט זײַן שטעלונג. ווי ווײַנקיפּער האָט מיר דערציילט, האָט אַנדזשעי שמידט דאַן דערקלערט, אַז מ׳דאַרף זיך גרייטן צו אַ באַוואָפנטן זעלבסטשוץ אין געטאָ גופא. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון יוסף לעוואַרטאָווסקי.

**״דער רוף״**

גלײַכצײַטיק מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט די אָנפירונג פון בלאָק אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס אַרויסגעבן פון זײַן זעלבשטענדיקן פּרעסע־אָרגאַן. די שאַפונג פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָט אין געטאָ געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין דעם געטאָ־לעבן.

די אונטערערדישע פּרעסע פון אַלע ריכטונגען, וועלכע זענען געווען באַטייליקט אין בלאָק, האָט שוין גערופן צו אַן אַקטיוון און באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די לאָזונגען: ״נאָוואָגרודעק רופט!״, ״מיר רופן צו נקמה!״ א.א. זענען געוואָרן זייער פּאָפּולער.

די אָנפירונג פון בלאָק האָט אָבער געהאַלטן, אַז עס דאַרף דערשײַנען אַ געמיינזאַמער קאַמפּס־אָרגאַן פון אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, באַטייליקטע אין בלאָק, נישט געקוקט אויף דעם פאַרשטאַרקטן טעראָר, נאָר דווקא צוליב אים. דאָס איז אויך געווען דער באַשלוס פון די ערשטע צוזאַמענטרעפן.

די צוגרייטונגען האָבן אָבער געדויערט עטוואָס לענגער, ווי מיר האָבן געפּלאַנט. אינמיטן איז געקומען די ״בלוטיקע נאַכט״ מיט 52 דערמאָרדעטע. סײַ די געסטאַפּאָ און ס.ס. און סײַ, אויף זייער פאָדערונג, דער יודנראַט, מיט אַדאַם טשערניאַקאָוון בראש, האָבן דערקלערט, אַז די געשעענישן זענען אַן ענטפער פון די דײַטשע מאַכט־אָרגאַנען אויף דער אונטערערדישער פּרעסע אין געטאָ

און אויף איר רוף צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך נישט איבערגעגומען מיט טשערניאַקאָווס וואָרנונגען און דראָונגען. די אונטערערדישע פּרעסע אין געטאָ האָט פֿאַרשטאַרקט איר טעטיקייט.

אין אַפּריל 1942 האָט די אָנפֿירונג פֿון בלאָק באַשלאָסן אַרויסצוגעבן איר צייט־שריפֿט אין דער יידישער שפּראַך, מיטן נאָמען דער רוף. אין די רעדאַקציע־קאָלעגיע זענען באַשטימט געוואָרן: יוסף לעוואַרטאָווסקי, פֿון פּ.פּ.ר., שכנא זאַגאַן, פֿון די לינקע פּועלי־ציון, יוסף סאַק, פֿון פּועלי־ציון (צ.ס.) און מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, פֿון החלוץ—דרור.

איך וויל באַטאָנען די אַקטיווע ראָל פֿון מ. טענענבוים־טאַמאַראָף, איינעם פֿון די מוטיקסטע טוער פֿון פּועלי־ציון (צ.ס.), החלוץ און דרור, אין דעם אַנטי־פֿאַשיסטישן בלאָק, סיי אין דער קאָמענדאַנטור פֿון זיין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און סיי אין דער רעדאַקציע פֿון זיין פּרעסע־אָרגאַן. אין די נאָטיצן, וועלכע ער האָט געשריבן שפּעטער, שוין אין ביאַליסטאָקער געטאָ, האָט ער אויפֿגע־קלערט, פֿון זיין שטאַנדפּונקט, די נויטווענדיקייט פֿון צוזאַמענאַרבעט מיט פּ.פּ.ר. אין די ראַמען פֿון בלאָק. ער האָט געשריבן:

"מיר האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט און אַן אָנשפּאַר מחוץ דעם געטאָ. מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט פּ.פּ.ר.". ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין די אָפֿיציעלע קרייזן פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, פֿאַרבונדענע מיט דער לאָנדאָנער רעגירונג, האָט מען פֿאַרטראָטן די מיינונג, אַז "עס איז נאָך נישט געקומען די צייט" פֿאַר אַ באַוואָפֿנטן קאַמף."אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט וואַרטן. יעדער טאָג — אַן עווענטואַליטעט פֿון ליקווידאַציע. יעדער טאָג — אַ שטענדיקער לויף־געיעג מיט הימלען. דעריבער האָבן מיר געזוכט אַן אַנדערן שותף און געפֿונען אים אין דער פּ.פּ.ר. פּ.פּ.ר. האָט געזען אין אַ תּיכּפֿדיקן אַקטיוון קאַמף איר הויפּט־אויפֿגאַבע". ער שטרייכט אונטער, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ מאַקסימאַלע איינקייט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ מין פֿאָלקס־פֿראָנט. אָבער אויסער געטאָ, באַזונדער אין שייכות מיט די פֿאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער — איז געווען אַן אַנטוישונג. אין אַלגעמיין באַצייכנט ער די באַציאונג פֿון פּ.פּ.ר. אין פֿאָלגנדע ווערטער: "אַ גוטער ווילן, אַ ווילן צו העלפֿן, אָבער קראַפֿטלאָזיקייט".

דער ערשטער נומער פֿון דעם אָרגאַן פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק, דער רוף, איז דערשינען דעם 15־טן מאַי 1942. איך האָב פֿאָרמעל צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע נישט אָנגעהערט, ווייל זי איז באַשטימט געוואָרן, אַזוי ווי די אָנפֿירונג פֿון בלאָק, לויטן פּרינציפּ, אַז יעדע גרופּירונג דאַרף זיין פֿאַרטראָטן בלויז דורך איין פֿאָרשטייער. פּאַקטיש אָבער האָב איך זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם פּרעסע־אָרגאַן פֿון בלאָק, געשריבן אַרטיקלען און צוזאַמען מיט שכנא זאַגאַנען געפּלאַנט זיין אינהאַלט און כאַראַקטער. בכלל האָט זיך זאַגאַן מיט מיר באַראַטן אין אַלע פֿראַגן, וועלכע זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פֿון בלאָק. ביז דער ערשטער גרויסער אויסזידלונגס־אַקציע זענען דערשינען דריי נומערן

פון ר ו ף, אָבער אין דעם אָפּגעראַטעוועטן פון אונטער די געטאָ־חורבות געהיימען רינגעלבלום־אַרכיוו, איז געפונען געוואָרן בלויז דער ערשטער נומער פון 15־טן מאַי. שוין אין אים קומט צו אַ בולטן אויסדרוק דער קעמפערישער כאַראַקטער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און זיינע צילן.

ער האָט גערופן די מאַסן פון געטאָ צום קאַמף קעגן יאוש און פאַרצווייפלונג, קעגן פּאַסיוויטעט און רעזיגנאַציע, צו אַן אַקטיוון איינהייטלעכן קאַמף קעגן דעם נאַצישן שונא און די, וואָס פירן אויס אין געטאָ זיינע באַפעלן. ער האָט גערופן די מאַסן צו אַ נאַציאָנאַלן פרייהייטס־פראָנט, פאַר דער מאָביליזירונג פון "אַלע געזונטע כוחות פון יידישן פאָלק" צום געראַנגל פאַר "פולע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג און אויסלייזונג — צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי און די אַלע כוחות, וועלכע שטייען מיט איר אין בלוטיקן קאַמף קעגן פאַשיזם".

אין דעם אויפרוף פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק — "צו די יידישע פאָלקס־מאַסן!" — וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם ערשטן נומער פון ר ו ף לייענען מיר:

"מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע געשעענישן און פון אומגעהויער דעצידירנדיקע שלאַכטן. מיט אַ חיהשער ברוטאַליטעט פּרוווט דער פאַשיסטישער אָקופּאַנט אויסראָטן די פרייהייטס־באַוועגונג אין פּוילן. מיט יעדן טאָג ווערט אויך פאַרשטאַרקט דער בעסטיאַלישער אויסראָטונגס־קאַמף פון דייטשן אָקופּאַנט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. היטלער האַלט פאַר זיין היסטאָרישער מיסיע דאָס ענדגילטיקע אויסראָטן די יידן אין אייראָפּע און ער פירט דורך אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּאָ זיינע בלוטיקע פּלענער. עס פליסן טייכן בלוט פון די אויסגעפייניקטע יידישע מאַסן".

"די יידישע מאַסן טאָרן אָבער זיך נישט אונטערוואַרפן דעם געפיל פון יאוש, פאַרצווייפלונג און פּאַסיוון אָפּוואַרטן אויף דעם, וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען. זיי מוזן אָנשטרענגען אַלע זייערע כוחות און צושטיין צום אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער". "דער געבאָט פון דער שעה איז — אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלן פרייהייטס־פראָנט דורך צעמענטירן און פאַראייניקן אַלע אַקטיווע כוחות פונעם פאָלק צום פאַרמעסט מיטן שונא. יידישע פאָלקס מענטשן! יידישער אַרבעטער! יידישע אינטעליגענץ! יידישע יוגנט! זאַמלט צונויף אייערע כוחות און פאַראייניקט זיי צום קאַמף!"

אין אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל: "די יידישע מאַסן אין קאַמף פאַר פרייהייט", אין דעם ערשטן נומער פון ד ע ר ר ו ף לייענען מיר: "די טראַגישע גורל־טעג, וועלכע עס לעבן איצט איבער די יידישע מאַסן אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט, האָבן נישט זייערס גלייכן אין דער געשיכטע. נאָכן פולשטענדיקן עקאָנאָמישן חורבן, נאָך דער אָפּצוימונג הינטער מיטלאַלטערלעכע געטאָ־מויערן, הויבט זיך אָן דער לעצטער אַקט — די פיזישע אויסראָטונג פון יידישע מאַסן":

דאָס אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: ״די אויסלייזונג פון די יידישע מאַסן קאָן און וועט קומען אין רעזולטאַט פונעם זיג פון דער רויטער אַרמיי און פון אַלע יענע כוחות, וואָס שטייען צוזאַמען מיט איר אין בלוטיקן קאַמף קעגן פאַשיזם. ערשט אָט דער זיג וועט פריי מאַכן דעם וועג צו דער פולער נאָרמאַליזירונג פון זייער עקאָנאָמישן, סאָציאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן — דעם וועג צו זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט״.
אין דעם זעלבן נומער לייענען מיר: ״נאָר די פאַרניכטונג פון דער מעכטיקער היטלעריסטישער קריגס־מאַשין דורך די אַנטיפאַשיסטישע אַרמייען, און די מיט זיי פאַרבונדענע מאַסן פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועט ענדלעך מאַכן אַ סוף צו אונדזער פאַרשקלאַפונג און שאַפן באַדינגונגען פאַר דער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אויסלייזונג פון די יידישע מאַסן! אַלע געזונטע כוחות פון יידישן פאָלק מוזן איצט פאַראייניקט ווערן צום איין און איינציקן ציל: צום קאַמף פאַר פרייהייט און אויסלייזונג, צום קאַמף קעגן פאַשיסטישן שונא ביז צום ענדגילטיקן נצחון!״
דער רוף איז קאָלפּאָרטירט געוואָרן מאַסנווייז דורך אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אָנגעהערט צום בלאָק און געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין געטאָ.
אַ געוויסע צייט איז געווען אויך טעטיק אין די ראַמען פון בלאָק אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די קרבנות פון קאַמף קעגן פאַשיזם. זיין אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן און זאַמלען הילף, אין פאַרשידענע פאָרמען, פאַר די טוער פון בלאָק און פון אַלע פאַרבונדענע מיט אים אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געליטן צוליב זייער אַנטינאַצישער טעטיקייט. מיר האָבן דאָס דאָזיקע הילפס־קעמערל גערופן פּאַטראָנאַט.
צו דער אָנפירונג פון פּאַטראָנאַט האָבן אָנגעהערט: צביה לובעטקין, אַלס פאָרשטייערין פון החלוץ און דרור, פּאָלאַ עלסטער, פון די לינקע פועלי־ציון, און אַ חברטע פון פּ.פּ.ר. איך האָב אָנטיילגענומען אין דעם פּאַטראָנאַט אַלס פאָרשטייער פון דער אָנפירונג פון בלאָק. דאַן האָב איך זיך נאָענטער באַקענט מיט צביה לובעטקין, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביי דער שאַפונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אין דער צייט פון געטאָ־אויפשטאַנד.
איך געדענק, אַז איך האָב געהאַט עטלעכע שמועסן וועגן מאָביליזירן הילפס־מיטלען פאַר די קרבנות פון קאַמף קעגן פאַשיזם (אין דער פאָרם פון געלט, באַקליידונג, פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן א.א.), סיי מיט עמנואל רינגעלבלום, אַלס איינעם פון די פירער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, און סיי מיט מיינע פריינט אין דער אָנפירונג פון צענטאָס און פון טאָז. דער פּאַטראָנאַט האָט אָבער נישט לאַנג עגזיסטירט. די קלעפּ, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן אויף די פירער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און דער טראַגישער לויף פון די

געשעענישן אין געטאָ האָבן פֿאַרהאַלטן די טעטיקייט פֿון פּ א ט ר אָ נ א ט און פֿון בלאָק בכלל.

**בלוטיקע קלעפּ**

דער אַנטיפֿאַשיסטישער בלאָק האָט געפֿירט זיין אינטענסיווע טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ, סיי אויפֿן געביט פֿון זיין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, סיי אויף דעם פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישן געביט, אַרום 4 חדשים, פֿון אָנהויב מערץ ביז סוף יוני 1942. דעם 20־טן יוני 1942 האָט ער באַקומען אַ שווערן און בלוטיקן קלאַפּ: די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין דער קאָמענדאַנטור פֿון זיין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַנדזשעי שמידט, און דער סעקרעטאַר פֿון דער פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און אַקטיווער בלאָק־טוער, שמואל מערעטיק (אַדאַם צימערמאַן), און צוזאַמען מיט זיי — אַ מיטגליד פֿון פּ.פּ.ר.־קאָמיטעט אין געטאָ דוד וואָלאָסקאָ (טאַדעק) — פֿאַלן אַריין אין די הענט פֿון געסטאַפּאָ.
דאָס אומגליק איז געשען אין פֿאָלגנדיקע אומשטענדן: די פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע און די אָפּטיילונג פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע אַ קליינע דרוקער־מאַשין. אין יוני 1942 האָבן זיי באַקומען אַ פֿאַראָרדנונג פֿונעם וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון פּ.פּ.ר. אַריבערצופֿירן די מאַשין אויף דער אַרישער זייט, פֿאַרן שטאַב פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע. די טראַנזאַקציע האָט געדאַרפֿט געווני אַרומגערעדט ווערן אין אַ רעסטאָראַן אין געטאָ, ביי דעם עק פֿון די גאַסן זאַמענהאָף און גענשע. דאָרט זענען אַלע דריי אַרעסטירט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן און אַריינגעזעצט אין דער תפיסה פּאַוויאַק. מען האָט זיי דאָרט און אין דער געסטאַפּאָ־צענטראַלע שרעקלעך געפּייניקט. ווי עס האָבן שפּעטער איבערגעגעבן עדות, האָבן זיך אַלע דריי, אָבער באַזונדער אַנדזשעי שמידט אויסערגעוויינלעך העלדיש געהאַלטן. כדי אויסצומיידן וויטערדיקע שרעקלעכע פֿאַרשונגען און פּייניקונגען האָט שמידט געפּרוווט זיך אויפֿהענגען, עס איז אים אָבער נישט געלונגען. די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָבן אים דאַן פֿאַרפּייניקט צום טויט. מערעטיק און וואָלאָסקאָ זענען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן אין דער עקזעקוציע־געגנט פּאַלמירי, ביי וואַרשע. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז עס האָט זיי אַרויסגעגעבן אין די הענט פֿון געסטאַפּאָ אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכן עס איז געלונגען אַריינצושמוגלען זיך אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פֿון פּ.פּ.ר. דער פּ.פּ.ר.־קאָמיטעט האָט אויף אים אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל. אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע האָט אים דערשאָסן אין זיין דירה אין וואַרשע.
פֿאַרשטייט זיך, אַז די ידיעה וועגן דעם דורכפֿאַל פֿון אַנדזשעי שמידט און די אַנדערע טוער האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אויף די הונדערטער בלאָק־אַקטיוויסטן. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון פּ.פּ.ר. און דער שטאַב פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע האָבן דאַן, צוליב קאָנספּיראַטיווע פּאָרזיכטיקייטס־צוועקן פֿאַראָרדנט אָפּצושטעלן אויף אַ געוויסע צייט די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנטאַקטן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין געטאָ אומגעהויער פאַרשאַרפט דער טעראָר פון ס.ס. און געסטאַפּאָ. עס איז כמעט נישט געווען קיין טאָג אָן בלוטיקע קרבנות אויף די גאַסן. די דאָזיקע אַלע אומשטענדן האָבן סוף יוני און אין יולי 1942 שטאַרק פאַרשמעלערט די טעטיקייט פון בלאָק.

דעם 22־טן יולי 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויסזידלונגס־אַקציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער "בלוטיקער מבול". שוין אין דער ערשטער פאַזע פון דער אַקציע, דעם 1־טן אויגוסט 1942 פאַלט שכנא זאַגאַן, דער פירער פון די לינקע פועלי־ציון און אָנפירונגס־מיטגליד פון בלאָק, אין די נאַצישע הענט. שפּעטער ווערט פאַרכאַפּט דער פירער פון פּ.פּ.ר. און אַ צווייטער וויכטיקער מיטגליד פון בלאָק־אָנפירונג, יוסף לעוואַרטאָווסקי און אַ ריי אַנדערע טוער. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק לײַדט שרעקלעכע קרבנות. ער בלוטיקט זיך אויס, אָבער נישט געקוקט אויף דעם טראַגישן גורל פון זײַנע וויכטיקסטע פירער, איז זײַן קאַמפס־גײַסט געבליבן אין די הערצער פון הונדערטער אַקטיוויסטן פון פאַרשידענע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס. דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ האָט אויסגעפירט אַ היסטאָרישע ראָל. ער איז געווען איינער פון די קוואַלן און פון די פונדאַמענטן פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און פון דעם אויפשטאַנד.

קאַפּיטל 9

# דער בלוטיקער מבול

די בלוטיקע נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל 1942, ווען געסטאַפּאָ־אַגענטן האָבן דערשאָסן אויף די גאַסן פון געטאָ 52 יידן פון פאַרשידענע קרייזן און שיכטן, צווישן זיי — דעם יונגן עקאָנאָמיסט און קולטור־טוער, מנחם לינדער, איז געווען אַן אָנזאָג פון אומקום, פון אַ מאַסן־מאָרד־אַקציע.

נאָך דער בלוטיקער נאַכט זענען געקומען ווייטערדיקע מאָרד־אָנפאַלן. דעם 12־טן מאַי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין געטאָ 4 יידן, כמעט אַלע — דרוקער־אַרבעטער. זייער טויט האָט מען ווידער, ווי נאָך דער בלוטיקער נאַכט, פאַרבונדן מיט דער יידישער אונטערערדישער פּרעסע אין געטאָ. אין דער נאַכט פון 10־טן אויפן 11־טן יוני 1942 האָבן געסטאַפּאָ־אַגענטן דערמאָרדעט אַ גרופּע פון יידישע שמוגלערס. דאַן האָט מען געטראַכט, אַז דער ציל פון מאָרד איז געווען — נאָך מער אויסצוהונגערן די געטאָ־באַפעלקערונג. אין יוני זענען אויך דערשאָסן געוואָרן 110 אַרעסטאַנטן פון געטאָ־אַרעסט, און צוזאַמען מיט זיי עטלעכע געטאָ־פּאָליציאַנטן.

די אַטמאָספער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ אומרואיקער און געשפּאַנטער. אַ ריי גרויזאַם־שרעקלעכע ידיעות זענען שוין נישט געשלאָפן אין זייערע וווינונגען.

סיי אין אַפּריל און סיי אין מאַי 1942 זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז אויך אין וואַרשעווער געטאָ וועט זיך אָנהויבן די אויסזידלונגס־אַקציע. ידיעות וועגן אַזעלכע אַקציעס פון פאַרשידענע שטעט, באַזונדער פון לובלין, זענען געווען דערשיטערנדיקע.

און די אַקציע איז געקומען. זי האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן יולי 1942 ווען איך דערמאָן זיך איצט, אין פּערספּעקטיוו פון העכער 30 יאָר, זעט זי אין מיין זכרון אויס ווי אַ נאַטור־קאַטאַקליזם, איינער פון די גרויזאַמסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער די דאָזיקע שרעקלעכע "נאַטור־קאַטאַסטראָפע" האָבן מיט דער דייטשער פּרעציזקייט, אָרגאַניזירט און אַדורכ־געפירט דייטשע מאַכט־אַגענטן, פאַרשטייער פון דעם היטלער־רעזשים.

די ערשטע גרויסע אויסזידלונגס־אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ האָט געדויערט 53 טעג. אין משך פון דער דאָזיקער צייט זענען דערמאָרדעט געוואָרן העכער 300.000 יידן! אַ טייל פון זיי איז דערשאָסן געוואָרן נאָך בעת דער אַקציע אין

געטאָ גופא, באַזונדער אין איר לעצטער פּאַזע, אין דעם א.ג. "גרויסן קעסל", אָבער די איבערוויגנדיקע מערהייט איז אומגעקומען אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקע. דאָרט זענען זיי פּאַרגאַזט, דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן! עטלעכע צענדליק טויזנט יידן פון וואַרשעווער געטאָ זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין ראַיאָן פון לובלין — אין מיידאַנעק, טראַווניקי, פּאָניאַטאָווו און אַנדערע לאַגערן.

די גרויסע פאַרניכטונגס־אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ געהערט, אָן שום ספק, צו די טראַגישסטע קאַפּיטלען אין דער תקופה פון אומקום און אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק בכלל. נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער אַקציע, אין העלפט סעפּטעמבער 1942 יאָר, זענען געבליבן אין וואַרשעווער געטאָ אָפיציעל — 35.000 יידן, פאַקטיש אָבער אַרום 50 ביז 60 טויזנט, אַ טייל פון זיי אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. העכער 100.000 יידן זענען אין וואַרשעווער געטאָ געשטאָרבן, פון הונגער און עפּידעמיעס, נאָך פאַר דער אַקציע. פון דעם דרינגט, אַז נאָך דער אַקציע זענען געבליבן ביים לעבן עטוואָס מער ווי אַ צענטל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג.

איך האָב נישט בדעה צו באַשרייבן די גרויזאַמע אַקציע, אין אַלע אירע פאַזן און פון פאַרשידענע אַספּעקטן. זי איז שוין אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער געטאָ־ליטעראַטור. אויך איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן.

געציילטע טעג נאָך דעם, ווי מיר, באַשיע און איך, זענען אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט — דעם 5־טן סעפּטעמבער 1942, אַ טאָג פאַר דעם "גרויסן קעסל" — האָבן מיר באַשלאָסן צו שרייבן אויף דער הייסער מינוט, אַ קורצן באַריכט. עס האָבן אונדז אויך געבעטן גלייך צו שרייבן אונדזערע פּוילישע פריינט, טוער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מיר האָבן די אַרבעט געשריבן צוזאַמען, באַשיע און איך, סוף סעפּטעמבער און אָנהויב אָקטאָבער 1942 אונטערן קעפּל "די פאַרניכטונג פון געטאָ אין וואַרשע" (כראָניקאַלע רשימה) און איבערגעגעבן דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָס איז וואַרשיינלעך די ערשטע געשריבענע רעלאַציע וועגן דעם אומקום פון וואַרשעווער געטאָ.

אַ קורצע צייט נאָך דעם, האָב איך געשריבן נאָך צוויי אַרבעטן, און ווידער — סיי צוליב דעם אינערלעכן דראַנג און סיי אויפן ווונטש פון פּוילישע קאָנספּיראַטיווע טוער. איין אַרבעט — וועגן דעם אומקום פון קינדער פון וואַרשעווער געטאָ, אונטערן קעפּל "די מלחמה קעגן קינדער", און די צווייטע — וועגן די ווידערשטאַנד־פּראָבלעמען אין וואַרשעווער געטאָ. אויך די אַרבעטן זענען, וואַרשיינלעך, די ערשטע געשריבענע רעלאַציעס און אָפּשאַצונגען, אויף די דאָזיקע טעמעס אין דער געטאָ־ליטעראַטור. דרך־אגב: די אָפּהאַנדלונג וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ האָב איך געשריבן אויף דער ביטע פון אַ קאָנספּיראַטיווער גרופּע פון פּוילישע סאָציאָלאָגן, פּראָפעסאָרן און דאָצענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, מיטן פּוילישן

סאַציאָלאָג אי׳ הומאַניסט דעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו אָסאָווסקי ב״ראש ער און זיין נאָענטסטע משפחה האָבן אונדז געגעבן די ערשטע הילף און די ערשטע היים אויף דער אַרישער זייט. ריזיקירנדיק דערביי מיט זייער לעבן. איך האָב פאַרענדיקט די אָפּהאַנדלונג דעם 17־טן יאַנואַר 1943! אַ טאָג שפּעטער דעם 18־טן יאַנואַר. זענען אויסגעבראָכן אויף די גאַסן פון געטאָ די ערשטע קאַמפן צווישן אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און די דייטשע חיילות

אַלע דריי אויטענטישע אַרבעטן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין עברית אין מיין בוך מימי המחתרת״* ״חורבן גיטו וארשה״ ״על תנועת המרי בגיטו״ ״גורל הילדים בגיטו וארשה״ צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע אָפּהאַנדלונגען און אַרבעטן געשריבענע קורץ נאָך דער באַפרייאונג.

איצט וויל איך בלויז דערציילן וועגן אונדזערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער אַקציע. אויף דעם פאָן פון די טראַגישע געשעענישן.

**דריי מאָל אויף דער שוועל פון טויט**

איך געדענק. אַז איך האָב אין דער צייט פון דער אַקציע געלעבט ווי אין אַ פיבער אַלס הויפּט־לייטער פון דער גרויסער קינדערשוץ־אָרגאַניזאַציע צענטאָס בין איך טעג און נעכט געווען פול מיט זאָרג פאַרן לעבן פון צענדליקער טויזנטער קינדער. אין דער ערשטער ריי פאַרן לעבן פון העכער — 4.000 קינדער אין אונדזערע יתומים־הייזער און אינטערנאַטן. דאַן, ווען עס איז אויסגעבראָכן די אַקציע, האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין אילוזיעס, וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט די קינדער. אפשר דערפאַר האָבן מיר, די לייטונג פון צענטאָס, אָנגעהויבן, אין די ערשטע טעג פון דער אַקציע, אַ פיבערהאַפטע, ממש שטורמישע רעטונגס־אַרבעט, לגבי יעדן קינדער־הויז, יעדן קינדער־אַנשטאַלט. צענטאָס האָט אָנגעפירט מיט אַרום 100 קינדער־אינסטיטוציעס. מיר זענען געווען פיל מיט זאָרג פאַרן גורל פון אונדזערע הונדערטער מיטאַרבעטער. איי צענטאָס האָבן דאָך געאַרבעט אין געטאָ קנאַפּע 1.000 מענטשן.
גלייכצייטיק בין איך. אויך אין דער צייט פון דער אַקציע, געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די טוער פון מיין פּאַרטיי, פון די לינקע פועלי־ציון און מיט די ווידערשטאַנד־טוער פון אַנדערע ריכטונגען. איך וועל נישט פאַרגעסן די אויפ־טרייסלונג. ווען נאָך אין דער ערשטער פאַזע פון דער אַקציע, אָנהויב אויגוסט 1942. איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם בלוטיקן שטראָם דער פירער פון דער פּאַרטיי און איינער פון די פירער פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, שכנא זאַגאַן. איך געדענק, ווי איך בין געלאָפן צום אומשלאַגפּלאַץ. כדי אים צו ראַטעווען עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דער צוג איז שוין אַוועק.

* ד״ר א.א.ברמן מימי המחתרת׳ הוצאת ״המנורה״ תל אביב, תשל״א 1971

איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דר. עמנואל רינגעלבלום און מיט אַנדערע פּאַרטיי־טוער. עס האָט מיר אָבער זייער געפעלט זאַגאַנס ניכטערע און קלוגע עצה. נאָך זיין טראַגישן טויט האָב איך געמוזט אַליין דעצידירן וועגן אַ סך פראַגן און אויך וועגן מיינע פּלענער און טריט, סיי אין געטאָ און סיי אויף דער אַרישער זייט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אויך געווען פול מיט זאָרג וועגן מיין משפּחה. ווען עס איז אויסגעבראָכן די אַקציע האָבן נאָך געלעבט אין געטאָ: מיין פאָטער מיט זיין צווייטער פרוי, מיין עלטערע שוועסטער אַננאַ מיט איר מאַן, דר. וואָלק און זייער 5־יעריק טעכטערל, ווי אויך מיין עלטסטער ברודער דר. שמואל בערמאַן און זיין פרוי דר. אירענאַ קרעניצקאַ. איך האָב זיך באַמיט, אין די ראַמען פון מיינע מעגלעכקייטן צו העלפן זיי. באַזונדער — מיין פאָטער. ער איז געווען באַשעפטיקט, אַ דאַנק מיין אינטערווענץ, אַלס בוכהאַלטער, אין דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט. סיי ער, זיין פרוי, זיינע ברידער און שוועסטער און סיי מיין שוועסטער מיט איר משפּחה, זענען אומגעקומען אין טויט־לאַגער טרעבלינקע, אין דער צייט פון דער ערשטער אַקציע. מיין ברודער שמואל און זיין פרוי זענען אויך אומגעקומען אין טרעבלינקע בעת דער צווייטער אַקציע, אין יאַנואַר 1943.

מיין גליק איז געווען, אַז מיין פרוי און מיטקעמפערין, באַשיע, האָט זיך סיי אין געטאָ, אין דער צייט פון דער אַקציע, און סיי שפּעטער, אויף דער אַרישער זייט, אויפגעפירט העלדיש, געווען אין דער גאַנצער טראַגישער תּקופה אויסער־געוויינלעך מוטיק, פול מיט איניציאַטיוו. מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט קעגנ־זייטיק געשטאַרקט און דערגאַנצט. עס איז דאַן געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק איר שטאַרקער כאַראַקטער, דער טיף פון אַ קעמפערין.

די ערשטע בלאָקאַדע (אָבלאַווע) האָבן מיר פּערזענלעך אַדורכגעלעבט שוין אויף דעם דריטן טאָג פון דער אַקציע, דעם 24־טן יולי. דאַן האָט נאָך די בלאָקאַדעס אַדורכגעפירט די געטאָ־פּאָליציי. אַרום 6 פרי האָט אונדז אויפגע־וועקט אַן אומהיימלעכע מהומה. אויפן הויף פון דעם הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט, אויף אָגראָדאָווע 29, האָט זיך באַוויזן אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון דער געטאָ־פּאָליציי, מיט אַ פּאָר אָפיצירן בראש, פאַרשלאָסן דאָס טויער און געגעבן הויך אַ באַפעל: ״אַלע איינוווינער — אויפן הויף! מ׳קאָן מיטנעמען 15 קילאָ באַגאַזש!״

הונדערטער דערשראָקענע מענטשן זענען האַלב־באַקליידעטע אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף, באַווייזנדיק זייערע דאָקומענטן. דאַן, אין די ערשטע טעג, איז נאָך די באַציאונג פון דער געטאָ־פּאָליציי געווען אַ גענוג ליבעראַלע. די, וואָס האָבן געהאַט דאָקומענטן, אַז זיי אַרבעטן אין שאָפּן (פאַבריקן) און אין געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט מען באַפרייט. אויך מיך, אַלס דירעקטאָר פון צענטאָס, און אויך באַשיען, אַלס לייטערין פון אַ ביבליאָטעק, האָט מען גלייך באַפרייט. אָבער די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, ווי אויך די

עלטערן, שוועסטער און ברידער פון די אַרבעטנדיקע האָט מען נישט באַפרייט און מיט כוח געשלעפּט אויף די וועגענער. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעך געוויין און אַ געשריי.

גלייכצייטיק זענען זיך צענדליקער געטאָ־פּאָליציאַנטן פונאַנדערגעלאָפן איבער אַלע שטיגן, קעלערן און בוידעמער און מיט כוח אַרויסגעצויגן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפּרוווט באַהאַלטן, און זיי געוואָרפן אויף די וועגענער. די געשרייען זענען געווען האַרצרייסנדיקע. דער הויז־קאָמיטעט האָט גלייך אַדורכגעפירט אַ זאַמלונג פון געלט און פון ברויט פאַר די, וועלכע זענען שוין געווען אויף די וועגענער. פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען ברויט. האַרצרייסנדיק זענען געווען די געוויינען פון די צעריסענע משפחות. די געטאָ־פּאָליציי האָט דאַן אַוועקגעפירט צו דעם אומשלאַגפּלאַץ בלויז פון אונדזער הויף 4 וועגענער מיט אַרום 120 מענטשן.

איך געדענק, אַז אויף דעם לעצטן וואָגן איז געשטאַנען אַ יונגע, שיינע פרוי. זי האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט. קיינער האָט זי נישט באַגלייט. זי איז וואַרשיינלעך געווען איינזאַם. איך וועל נישט פאַרגעסן איר בליק, פול מיט פאַרצווייפלונג און פול מיט שנאה צו די געטאָ־פּאָליציאַנטן.

איך געדענק פון דעם דאָזיקן טאָג נאָך אַ רירנדיקע סצענע. צווישן אונדזערע שכנים איז געווען אַ סימפּאַטישע משפחה מיטן נאָמען נאָז, אַ פאַרמאַצעווט, זיין פרוי און זייער 10־יעריקער זון. ווען די בלאָקאַדע האָט זיך אָנגעהויבן איז דער פאַרמאַצעווט נישט געווען אין דער היים. ער האָט, דוכט זיך, געהאַט אַ נאַכט־דיזשור אין זיין אַפּטייק. זיין פרוי האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין דאָקומענטן. דאָס יינגל האָט זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך. ווען דער זון האָט דערזען, אַז מ׳שלעפּט זיין מאַמע אויפן וואָגן, האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן דאַך און, אויף אונדזערע אויגן, אָנגעהויבן צו שפּרינגען, ווי אַ קאַץ, איבער די דעכער, כדי וואָס שנעלער צו וויסן געבן דעם פאָטער וועגן דעם אומגליק און עס איז אים געלונגען. דער פאָטער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען זיין פרוי. ווען זיי זענען אַלע דריי צוריקגעקומען אַ היים, האָבן מיר זיך מיט זיי האַרציק צעקושט. ליידער, אין איינער פון די ווייטערדיקע פאַזן פון דער אַקציע איז די גאַנצע משפחה אַריינגעפאַלן.

סוף יולי איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער דייטשער אַקציע. אויסער די בלאָקאַדן, וועלכע עס האָט אַדורכגעפירט אין באַזונדערע הייזער די געטאָ־פּאָליציי, האָבן זיך אָנגעהויבן בלאָקאַדן פון גאַנצע גאַסן אָדער גרויסע הייזער־בלאָקן. זיי האָבן געהאַט אַ שרעקלעך ברוטאַלן פאַרלויף. עס האָבן זיי אַדורכגעפירט ס.ס.־לייט און דייטשע זשאַנדאַרמען, מיט דער הילף פון די אוקראַינישע, אָדער ליטווישע אָפּטיילונגען.

די בלאָקאַדן האָבן זיך אָנגעהויבן פון אַ געדיכט שיסעריי. מ׳האָט געשאָסן אין מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אין די פענצטער, אָדער אויף באַלקאָנען. דאַן איז געקומען דער באַפעל, וואָס קלינגט מיר ביזן היינטיקן טאָג אין די אויערן:

"Alle herunter! alle herunter!" (אַלע אַראָפּגיין!). די אוקראַיִנער אָדער ליטווישע שאַוּליסן זענען געלאָפן, ווי ווילדע חיות, איבער די שטיגן און דירות, געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, געשאָסן אין די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און געטריבן אַלע אויפן הויף. דאָרט האָט מען די יידן געשטעלט אין די רייען, מערסטנטייל צו 5 מענטשן אין אַ שורה. די ס.ס.־לייט האָבן קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, אָבער באַפרייט זייער ווינציק מענטשן. דאַן האָט מען די גרויסע מענגעס איינוווינער געטריבן אין די גאַסן, אַרומגערינגלט דורך אוקראַיִנער אָדער שאַוּליסן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשאָסן אויף די געטריבענע יידן, וועלכע זענען געגאַנגען נישט גענוג שנעל אָדער געפּרווט זיך פאַרשטעלנדיקן מיט עמעצן. זיי האָבן אויך געשאָסן אויף פאַרבייגייער, אַזוי אַז די גאַסן זענען גלייך געוואָרן פוסט. מען האָט די אַלע יידן געטריבן צום אומשלאַגפּלאַץ, צו די וואַגאָנען. נאָך אַזאַ מאַרש זענען אויף די גטאָ־גאַסן געבליבן אַ סך טויטע.

אין איינעם פון די ערשטע טעג פון אויגוסט, ווען איך האָב געאַרבעט אין מיין דירעקציע־צימער אין צענטאָס, האָט מיך איינער פון אונדזערע מיטאַרבעטער אַלאַרמירט, אַז עס קומט פאַר אַ שרעקלעכע בלאָקאַדע אין אַ שורה הייזער אויף דער אָגראָדאָווע, אויך אין דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט. בין איך גלייך אַרויסגעלאָפן, גענומען אַ ריקשע און געפאָרן אין דער ריכטונג פון אָגראָדאָווע. נישט ווייט פון דאָרט האָב איך שוין דערהערט אַ שיסעריי און דערזען אַ גרויסע מאַסע מענטשן, וועלכע מאַרשירן שנעל אין די רייען, אַרומגערינגלט דורך דייטשן און אוקראַיִנער.

איך בין בליץ־שנעל צוגעלאָפן צו דער שכנותדיקער זשעלאַזנע גאַס, דורך וועלכער עס האָט געדאַרפט, לויט מיין אויסרעכנונג, אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַדורכמאַרשירן די מענגע מענטשן. איך האָב דערזען אַ הויז, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן. האָב איך זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן און געוואַרט אויפן "צוג" פון מענטשן. און ער איז טאַקע אָנגעקומען: הונדערטער מענטשן — מענער, פרויען, קינדער. צווישן זיי האָב איך דערזען באַשיען. איך שפּרינג אויף און שריי הויך: "באַשיע! באַשיע! איך קום צום אומשלאַגפּלאַץ!" זי דערזעט מיך, גיט אַ צייכן מיט דער האַנט. די אוקראַיִנער שיסן אין מיין ריכטונג, אָבער טרעפן נישט אין מיר.

איך נעם ווידער די ריקשע און פאָר צום אומשלאַגפּלאַץ. מיין דאָקומענט פון דירעקטאָר פון צענטאָס העלפט מיר נאָך. די געטאָ־פּאָליציאַנטן לאָזן מיך אַריין. עס שטייען שוין דאָרט טויזנטער מענטשן. כמעט גלייכצייטיק האָט אַריינ־מאַרשירט אויפן "פּלאַץ" דער מענטשן־צוג פון אָגראָדאָווע גאַס. איך זוך שנעל אויס באַשיען, אָבער וואָס טוט מען ווייטער? ווי אַזוי פירט מען זי אַרויס? דאָ געשעט אַ סצענע, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דאַן האָבן נאָך אויפן אומשלאַגפּלאַץ געקאָנט אַרבעטן קראַנקן־שוועסטער פון צענטאָס און פון טאָז כדי צו דערטיילן הילף די קינדער און די קראַנקע. איך זע

אַז עס לויפט צו אונדז צו די אויסערגעוויינלעך סימפּאַטישע קראַנקן־שוועסטער פון צענטאָס, רות אַפּעלקיר, נעמט גיך אַראָפּ פון זיך דעם ווייסן כאַלאַט, וואַרפט אים אַרויף אויף באַשיען און זאָגט צו אונדז שטיל: "גייט גלייך אַרויס אַלס קראַנקן־שוועסטער. איך וועל זיך אַן עצה געבן. די פּאָליציאַנטן קענען מיך דאָ."
מיר טוען אַזוי ווי זי זאָגט אונדז. אין לעצטן מאָמענט הער איך, אַז עמעצער רופט מיך. איך דערזע צווישן די הונדערטער יידן פון אַגראַדאָווע אונדזער פּוילישע דינסט. אויך זי האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט און נישט געוואָלט באַפרייען. איך ווענד זיך צו רות אַפּעלקיר, צי זי קאָן נאָך עפּעס העלפן. זי זאָגט אונדז: "איך וועל פּרוּוון, אָבער איר מוזט גלייך אַרויסגיין!"
ביים אַרויסגאַנג ווייז איך די געטאָ־פּאָליציאַנטן אויף באַשיען: "דאָס איז מיין באַגלייטערין, אַ קראַנקן־שוועסטער פון צענטאָס". זיי לאָזן אונדז אַרויס. מיר זענען פריי. מיר גייען שנעל, צו זיין וואָס ווייטער פונעם אומשלאַגפּלאַץ. מיר האָבן אָבער ביידע געוויסנסביסן צוליב אונדזער פּוילישער דינסט. מיר ווענדן זיך צו אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, דערציילן, וואָס ס'איז געשען און זאָגן אים צו אַ גרעסערע סומע, ער זאָל זיך באַמיען צו באַפרייען די פּוילישע פרוי. ער ענטפערט אונדז אָבער: "ניין, פאַר קיין שום געלט נישט! דאָרט איז אַ גיהנום!"
אין אָוונט איז רות אַפּעלקיר געקומען פון אומשלאַגפּלאַץ. מיר האָבן זיך צעקושט מיט איר און האַרציק באַדאַנקט. וועגן אונדזער דינסט האָט זי געזאָגט, אַז עס איז איר נישט געלונגען זי צו באַפרייען. זי איז שוין געגאַנגען מיטן גאַנצן טראַנספּאָרט יידן אין די וואַגאָנען.
באַשיע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. אונדזער דינסט האָט געהייסן וולאַדיסלאַוואַ (וולאַדקאַ) ווינאַ. אויף פּויליש ווינאַ הייסט "מלחמה"... זי איז געוואָרן אַ קרבן פון דער שרעקלעכער מלחמה. וולאַדקע איז געווען זייער קליינוווקסיק, ממש אַ קאַרליק, פון אַ זייער אָרעמער משפּחה. מיר האָבן זיך צו איר באַצויגן מענטשלעך און האַרציק. ווען עס איז אויסגעבראָכן די אַקציע האָבן מיר זי געוואָרנט און געבעטן, זי זאָל אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט. זי האָט זיך גוט געפילט ביי אונדז. אויך זי איז אומגעקומען אין טרעבלינקע.

רות אַפּעלקיר, אַזוי ווי כמעט אַלע מיטאַרבעטער פון צענטאָס, איז אין אַ שפּעטערדיקער פאַזע פון דער אַקציע, וועלכע איז געוואָרן שרעקלעכער פון וואָך צו וואָך, פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם בלוטיקן שטראָם.
דריי וואָכן נאָך דער אַקציע, ווען אַ דריטל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג איז שוין אויסגעזידלט געוואָרן, דעם 12־טן אויגוסט, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאַראָרדנונג וועגן דער ליקווידירונג פון קליינעם געטאָ און וועגן אַ באַדיי־טנדיקער פאַרקלענערונג פונעם געטאָ־שטח. דאָס האָט דערפירט צו אַ נייער איבערקערעניש אינעם געטאָ־לעבן.
אין משך פון געציילטע שעהען, ביז 6 אָוונט, האָבן טויזנטער משפּחות געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. עס איז ווידער פאָרגעקומען אַ גאַנצע פעלקער־

וואַנדערונג, אַזוי ווי נאָך דער שאַפונג פון געטאָ. די בהלה איז געווען אומבאַ־שרייבלעך. גלייכצייטיק זענען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע טיילן פון גרויסן געטאָ גרויזאַמע בלאָקאַדן.

אויך מיר, באַשיע און איך, האָבן געמוזט פאַרלאָזן אונדזער וווינונג אויף אָגראָדאָווע. דאָס איז געווען זייער אַ קליינע און באַשיידענע דירה, אָבער באַשיע האָט באַוויזן איינצואָרדנען זי זייער עסטעטיש און אינטים. אונדזערע פריינט האָבן די דירה אָנגערופן — "אַ לאַלקע־הויז". מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך נאָר די נויטיקסטע זאַכן. אונדזער גרויסע ביבליאָטעק האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן. מיר האָבן אָבער נישט געקאָנט זיך שיידן מיט אונדזערע טאָג־ביכער און מאַנוסקריפּטן. באַשיע האָט געשריבן אירע טאָגביכער 20 יאָר! עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט 10 דיקע העפטן. אויך מיינע טאָגביכער און מאַנוסקריפּטן פון אַ פּאָר וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אַ טייל — גרייטע צום דרוק, האָבן מיר מיטגענומען. שפּעטער, ווען מען האָט פאַרלאָזט דאָס געטאָ, האָבן מיר זיי געמוזט איבערלאָזן אין אונדזער נייער פּראָוויזאָרישער דירה. אין דער צייט פון געטאָ־אויפשטאַנד, זענען זיי פאַרברענט געוואָרן.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזער וווינונג, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין נייע דירה. מיר האָבן אַ געוויסע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין מיין אַרבעטס־צימער אין צענטאָס. געשלאָפן אויף אַ קאָץ אויף דער פּאָדלאָגע. ערשט נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר באַקומען אַ צימער אין אַ קאָלעקטיווער וווינונג פאַר די מיטאַרבעטער פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אויף לובעצקע 4. אויך דער יודנראַט, מיט זיינע פאַרשידענע אַמטן, האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס קהילה־הויז אויף דער גזשיבאָווסקע 26 און זיך איבערטראָגן אין גרויסן געטאָ, אין די געביידע פון דער געוועזענער פּוילישער מיליטערישער תפיסה, אויף זאַמענהאָף 19.

איך געדענק, אַז אין יענע טעג האָבן מיר, באַשיע און איך, ווידער איבער־געלעבט גרויליקע שעהען, אָבער ביי אַנדערע אומשטענדן. מיר האָבן באַזוכט, אין שייכות מיט אַ געוויסן דרינגענדיקן ענין, אונדזערע באַקאַנטע און פּלוצלונג האָט זיך אין יענעם הויז אָנגעהויבן אַ דייטשע בלאָקאַדע. דאַן האָבן שוין טויזנטער געטאָ־איינוווינער איינגעאָרדנט געהיימע, פאַרמאַסקירטע באַהעלטענישן, קליינע צימערלעך מיט פּראָוויזאָרישע ווענטלעך און פאַרשידענע אַנדערע לעכער.

אונדזערע באַקאַנטע האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַזאַ באַהעלטעניש. עס האָט זיך שוין דאָרט געפונען אַ היפּשע צאָל מענטשן, אויך קינדער. עס איז געווען זייער ענג. דאָרט זענען מיר געזעסן, ווי צוגעשמידטע, אָן אַ באַוועגונג, לאַנגע שעהען. יעדער שאָרך האָט געקאָנט פאַרראַטן. מיר האָבן באַוווּנדערט די קינדער. אַפילו קליינע קינדער זענען געווען פולקאָם שטיל, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען די טראַגישע לאַגע. מיר האָבן גוט געהערט די געשרייען פון די דייטשן און אוקראַיִנער, זייער לויפעניש איבער דירות, שטיגן, בוידעמער און

קעלערס. מיר האָבן אויך געהערט די שיסערייען. זיי האָבן אונדז אָבער נישט געפונען. נאָך עטלעכע שעה האָבן מיר געקאָנט פאַרלאָזן די באַהעלטעניש. עטלעכע טעג נאָך דער עוואַקואירונג פונעם קליינעם געטאָ, דעם 16־טן אויגוסט, זענען מיר ביידע ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכע בלאָקאַדע. אין יענע גרויזאַמע טעג האָבן מיר זיך שוין באַמיט, באַשיע און איך, נישט צו שיידן. מיר זענען ביידע געגאַנגען אין דער פרי צו דעם נייעם קהילה־צענטער אויף זאַמענהאָף. איך האָב דאָרט גֶעדאַרפט דערלעדיגן עטלעכע דרינגענדע צענטאָס־ענינים. דאָס איז שוין געווען נאָך די גרויסע רעדוקציעס אין דער קהילה און אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס. אין צענטאָס זענען געבליבן פון קנאַפּע 1.000 מיטאַרבעטער נישט מער ווי 32!

די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָבער געהאַלטן, אַז אויך דאָס איז צו פיל. אין מאָמענט, ווען איך האָב געשמועסט מיט איינעם פון די באַאַמטע האָבן מיר דערהערט, אַז עס רודערט זיך, אין און אַרום דער געביידע. מיר האָבן דערזען, אַז די געביידע ווערט אַרומגערינגלט דורך אוקראַאינער, דורכן טויער איז אַריין אַ גרויסע גרופּע פון ס.ס.־אָפיצירן און בראש פון זיי איינער פון די הויפּט־תלינים פון וואַרשעווער געטאָ — ס.ס. אונטערשטורמפירער קאַרל־געאָרג בראַנדט. ער איז געווען דער לייטער פון רעפעראַט פאַר יידישע ענינים ביי דעם קאָמענדאַנט פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין דיסטריקט "וואַרשאַו".

בראַנדט האָט, צוזאַמען מיט דעם ס.ס. אָבערשטורמפירער גערהאַרדט מענדע, אָנגעפירט מיט דער גרויסער אויסזידלונג־אַקציע. בראַנדט איז געשטאַנען בראש פון דער ס.ס.־בעפעל־שטעלע, אויף זשעלאַזנע 103, ווו עס האָט אַמטירט דער שטאַב פון דער אַקציע. דאָס איז געווען אַ בעסטיע אין מענטש־לעכער געשטאַלט. איך האָב אים דאַן געזען דאָס ערשטע מאָל.

אַלע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע פון דער קהילה און פון אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שטעלן זיך אויפן הויף אין רי רייען. די אוקראַאינער זענען געלאָפן, ווי ביי אַלע בלאָקאַדן, איבער אַלע צימערן און מיט די קאָלבעס פון די ביקסן געטריבן אַלע אָנוועזנדיקע אויפן הויף. עטלעכע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט. מיר האָבן געהערט די שיסעריי.

ווען מיר זענען שוין אַלע געשטאַנען אויפן הויף האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע. עס האָט זי אַדורכגעפירט בראַנדט אַליין. דער פאָרזיצער פון יודנראַט, מאַרעק ליכטענבוים און איינער פון די צוויי וויצע־פאָרזיצערס, אַדוואָקאַט גוסטאַוו וויעליקאָווסקי האָבן גֶעדאַרפט פאַרשטעלן די שטייענדיקע באַאַמטע, אינפאָרמירן וועגן זייערע פונקציעס.

די באַציאונגען צווישן מיר און ליכטענבוימען און זיינע צוויי זינדלעך, מיט וועלכע איך האָב געלערנט אין איין גימנאַזיע, זענען געווען זייער אָנגע־שטרענגטע, ממש פיינטלעכע. איך האָב געפילט צו אים און צו זיינע זין, וועלכע

זענען געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די ס.ס.־לייט, נישט מער ווי שנאה און עקל.

מיינע באַציאונגען מיט דר. גוסטאַוו וויעליקאָווסקי זענען געווען אַנדערע. מיר האָבן זיך פּערזענלעך גוט געקענט. ער איז געווען, פאָרמעל און אָפּיציעל, דער שעף פונעם יידישן הילפס־קאָמיטעט (י.ה.ק.). אויך צענטאָס האָט אָנגעהערט צום י.ה.ק. אין אונדזערע באַציאונגען האָט אָבער געשפּילט אַ געוויסע ראָל נאָך איין מאָמענט. ער איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ טוער פון דער טעריטאָ־ריאַליסטישער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס׳ס׳), געווען דאַן פאַרבונדן מיט דער יידישער קולטור און געווען, אויך אין געטאָ, אַ גוטער רעדנער און רעפערענט אין דער יידישער שפּראַך. ער האָט זיך באַמיט צו שטיין אין פּערזענלעך גוטע באַציאונגען מיט די פירנדיקע טוער פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. דאָס האָט ביי דער גרויזאַמער סעלעקציע מיך און באַשיצן געראַטעוועט.

מיר זענען געשטאַנען, צופעליק, גענוג ווייט אין דער ריי. ביי די ערשטע פּאָרגע־שטעלטע באַאַמטע איז נאָך בראַנדט געווען גענוג רואיק און "ליבעראַל". ער האָט די העכערע באַאַמטע באַפרייט. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט ער אָבער אָנגע־הויבן צו דענערווירן זיך און צו שרייען: "צו פיל! צו פיל!" די סעלעקציע איז געוואָרן אַלץ שאַרפער. אַלע דיסקוואַליפיצירטע האָבן זיך געדאַרפט שטעלן אויף דער לינקער זייט. דאָס געשריי "לינקס!" האָט געקלונגען ווי אַ טויט־אורטייל.

ווען די ריי איז דערגאַנגען צו מיר בין איך געווען זיכער, אַז מיר זענען פאַרלוירן. אַ גרויסע צאָל באַאַמטע, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל: "לינקס!" ליכטענבוים האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס הויפּט־דירעקטאָר פון צענטאָס, איך האָב אָבער געזען, אַז אויף בראַנדטן מאַכט דאָס נישט קיין איינדרוק, ער האָט געהאַט אַ זויערע און בייזע מינע. דאַן האָט דר. וויעליקאָווסקי אָנגעהויבן ענערגיש צו אינטערווענירן. ער האָט געזאָגט בראַנדטן, אַז פון דריי און האַלב טויזנט מיטאַרבעטער פון י.ה.ק. זענען געבליבן נאָך די רעדוקציעס נישט מער ווי 180, אַז עס וועלן אין קורצן זיין ווייטערדיקע רעדוקציעס, ער בעט אָבער מיך צו באַפרייען, ווייל איך בין נאָך נויטיק אין דער אַרבעט, אַלס "איינער פון די טיכטיקסטע לייטער פון דער סאָציאַלער אַליינ־הילף". וויעליקאָווסקיס אינטערווענץ האָט געווירקט און בראַנדט האָט מיך באַפרייט.

די סעלעקציע האָט נאָך געדויערט לאַנג. אַרום צוויי שעה. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די באַאַמטע זענען געשטאַנען "לינקס". בראַנדט איז געוואָרן אַלץ נערוועזער און אכזריותדיקער. ווען ער האָט געענדיקט די סעלעקציע, איז אַ המון פון 700 ביז 800 מיטאַרבעטער פון דער קהילה און פון אַנדערע אינסטיטוציעס, צוזאַמען מיט זייערע משפחות, געטריבן געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט און אוקראַינער אין דער ריכטונג פונעם אומשלאַגפּלאַץ. און ווידער האָבן

מיר דערהערט אַ געדיכטע שיסעריי און גלייכצייטיק אַ הויך געוויין און געשריי. אין די דאָזיקע טעג זענען די דייטשע בלאָקאַדן געוואָרן אַלץ שודערלעכער. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איינע פון די שרעקלעכסטע בלאָקאַדן איז פאָרגעקומען, דאָס ערשטע מאָל 4 אַ זייגער אין דער פרי, אויף די גאַסן נאַלעווקי און מוראַנאָווסקע, ווו עס האָט געוווינט מיין פאָטער. ווען מיר זענען מיט באַשיען דאָרט צוגעלאָפן איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די דירה איז שוין געווען פוסט און אויסגעליידיקט. מיר זענען געשטאַנען שטום, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, ווי אויף אַ בית־עולם.

אין די דאָזיקע שרעקלעכע טעג איז אויך אַריינגעפאַלן אין נאַצישע הענט מיין פערזענלעכע פריינדין, בעטי גאַמאַרניקאָוו. דאָס איז געווען אַ פאַרהעלטניש־מעסיק יונגע שריפטשטעלערין. זי האָט געשריבן מערסטנטייל אין פוילישע פרויען־צייטשריפטן, אונטערן פסעוודאָנים גאַמאַ. געשריבן לידער, לירישע עסייען, קורצע נאָוועלן. אונדזער פריינטשאַפט איז געווען אַ "פּלאַטאָנישע", אָבער זייער אַ האַרציקע. עס האָט אונדז פאַרבונדן אַ געמיינזאַמע פאַראינטערעסירונג מיט דער פוילישער און רוסישער ליטעראַטור און דיכטונג. אונדזער פריינטשאַפט איז פאַר באַשיען נישט געווען קיין סוד.

איך געדענק די מתּנות, וועלכע גאַמאַ האָט מיר געשיקט צו מיינע געבורטס־טעג. אין אָקטאָבער 1940 האָט זי מיר געגעבן אַ שיינעם, אייגנהענטיק געבונדן בינטל לידער און קורצע לירישע נאָוועלן, פאַרבונדענע טעמאַטיש מיט מיר און מיט אונדזער פריינטשאַפט. אין אָקטאָבער 1941, ווען מען האָט שוין זייער שטאַרק געפילט דעם הונגער אין געטאָ, האָט זי מיר צוגעשיקט אַהיים... אַ לעבל ברויט. אַ אמתע געטאָ־מתּנה! איך האָב געוווּסט, אַז דאַן האָט אויך זי און איר משפּחה געהונגערט. די דאָזיקע מתּנה האָט סיי מיך און סיי באַשיען זייער גערירט.

אין יאָר 1942, ווען איך בין געווען גאַנצע טעג אַבסאָרבירט סיי מיט דער פיבערהאַפטער אַרבעט אין צענטאָס און סיי אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, האָבן מיר זיך זעלטן געזען. דאָס לעצטע מאָל זיך געטראָפן שוין אין ברען פון דער אויסזידלונג־אַקציע. זי האָט צו מיר טעלעפאָנירט אין צענטאָס, און געפרעגט, צי זי קאָן קומען? ווען זי איז אַריין אין מיין אַרבעטס־צימער, האָב איך זי קוים דערקענט. אַ מאָל אַ שיינע און עלעגאַנטע פרוי האָט זי איצט אויסגעזען ווי אַ סקעלעט. עס האָט מיך ממש דערשיטערט. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט שוין אַדורכגעמאַכט צוויי בלאָקאַדן און איז זיכער, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט זי אַריינפאַלן. זי ווייס אויך, אַז אומשלאַגפּלאַץ מיינט טויט. איז זי געקומען געזעגענען זיך מיט מיר.

מיר זענען ביידע געווען שטאַרק גערירט, ביידע געהאַט טרערן אין די אויגן. איר באַזוך איז געווען קורץ. זי האָט געזען, אַז עס וואַרטן אויף מיר אַ סך מענטשן. מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט און געזעגנט. מער האָב איך זי שוין נישט געזען. אין אַ פּאָר טעג נאָך איר באַזוך, איז דאָס הויז, ווו זי האָט געוווינט, אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גאַסן־בלאָקאַדע. אַלע איינוווינער האָט מען געטריבן

צום אומשלאַגפּלאַץ. אויך זי איז דערמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע.
אין דער נאַכט פון 20־טן אויף דעם 21־טן אויגוסט האָבן מיר אַדורכגעלעבט אַ סאָוויעטישן לופט־אָנגריף. דאָס איז געווען דער ערשטער סאָוויעטישער לופט־אָנגריף אויף דער אָקופּירטער פּוילישער הויפּטשטאָט זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס האָט אונדז באַהערשט אַ מאָדנע געפיל. נישט געקוקט דערויף, וואָס די באָמבעס זענען געפאַלן אויך אין דער געגנט פון געטאָ האָבן מיר נישט מורא געהאַט, פאַרקערט — יידן האָבן זיך געפרייט. אַ סך געטאָ־איינוווינער האָבן געגלויבט, אַז דער לופט־אָנגריף איז פאַרבונדן מיט די שרעקלעכע געשעענישן אין געטאָ. אויף צו מאָרגנס האָט געהערשט אין געטאָ אַ פריידיקע אָפּטימיסטישע שטימונג — אפשר האָט די וועלט אונדז דאָך נישט פאַרגעסן. די ווייטערדיקע טעג האָבן שנעל אויסגעלאָשן די דאָזיקע שטימונג. די לאַגע איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער אומדערטרעגלעך!
דעם 25־טן אויגוסט, אין דער פרי האָבן מיר נאָך אָפּגעהאַלטן אין אונדזער וווינונג אַ זיצונג פון די מיטאַרבעטער פון צענטאָס און פון אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס וועגן אַ ריי דרינגענדיקע ענינים. אין דער צייט פון דער זיצונג האָבן מיר דערהערט די כאַראַקטעריסטישע שיסעריי, פייפעריי און גערודער פון דעם אָנהויב פון אַ גרויסער בלאָקאַדע.
מיר קוקן אַרויס פון פענצטער און זעען אַז די גאַס איז פול מיט ס.ס.־לייט, אוקראַינער און געטאָ־פּאָליציאַנטן. די בלאָקאַדע האָט אַרומגענומען פיר גאַסן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די וווינונגס־הייזער פון די מיטאַרבעטער פון דער קהילה און פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס. מיר הערן ווידער די געשרייען: "Alle herunter! schnell! schnell!". די אוקראַינער לויפן שוין איבער אַלע שטיגן און דירות, שיסנדיק און שלאָגנדיק מיט די ביקסן. זיי טרייבן אויך אונדז אַלע מיט כוח און מיט אַ ווילדן אימפּעט אויף דער גאַס, לויפנדיק רייסן זיי אַראָפּ ביי אַ טייל פון אונדז די זייגערלעך פון די הענט. ווען מיר זענען שוין געווען אויף דער גאַס זענען מיר צוגעלאָפן צו אַ פּאָר אָפיצירן פון דער געטאָ־פּאָליציי, באַוויזן זיי אונדזערע דאָקומענטן פון צענטאָס און געפאָדערט זיי זאָלן די מיטאַרבעטער פון צענטאָס באַפרייען. זיי האָבן אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. די אַלע "באַשייניגונגען" האָבן שוין נישט געהאַט קיין ווערט. מיר האָבן זיך געמוזט שטעלן אין די רייען, צוזאַמען מיט דעם גרויסן המון פון אַלע הייזער. נאָך עטלעכע מינוט האָבן מיר דערזען דעם שעף פון דער סאָציאַלער אַליינ־הילף, דר. וויעליקאָווסקי און געבעטן אים ער זאָל אינטערווענירן, ער איז שוין אָבער געווען הילפלאָז, אפילו נישט געוואַגט צו אינטערווענירן.
נאָך אַ קורצער צייט האָט דער ריזן "צוג" פון טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן צו מאַרשירן אין דער ריכטונג פונעם אומשלאַגפּלאַץ, באַגלייט דורך אַ האַפּטיקער שיסעריי. די לאַגע איז געווען האָפענונגסלאָז. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז דער סוף, אַז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג.
דאַן איז אָבער ווידער געשען אַ נס: ווען מיר זענען שוין געווען נישט ווייט

פונעם אומשלאַגפּלאַץ האָט מיך דערזען פון דער ווייטנס דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, אַדוואָקאַט יעקב לייקין. ער איז געגאַנגען ביי דער זייט אין דער באַגלייטונג פון אַנדערע אָפיצירן. צווישן זיי איז געווען דער הויכער אָפיציר קאָנהיים. אויך ער האָט מיך באַמערקט. סיי לייקינען און סיי קאָנהיימען האָב איך גוט געקענט נאָך פון די גימנאַזיע־צייטן.

מיט קובאַ לייקין האָב איך געלערנט אין איין גימנאַזיע, אין דער פּוילישער קרעטשמאַר־גימנאַזיע, ווו די מערהייט שילער זענען געווען יידן, פון פאַרמעגלעכע סוחרישע און אינטעליגענטע קרייזן. ער איז געווען עטוואָס יינגער פון מיר. מיר האָבן נישט געלערנט אין דעם זעלבן קלאַס און נישט געווען אין אַן ענגערן קאָנטאַקט. אויך אונדזערע משפחות האָבן זיך גוט געקענט. לייקינס פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר אין דער זעלבער בראַנזשע ווי מיין פאָטער, אין לעדער־גאַלאַנטעריע. זיי זענען אויך געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציאונגען. די עלטערן האָבן זיך פון צייט צו צייט געטראָפן. נאָך דער גימנאַזיע האָב איך לייקינען לאַנגע יאָרן נישט געזען. איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און געוואָרן אַ טעטיקער אַדוואָקאַט. עס איז אויך צו מיר דערגאַנגען די מאָדנע ידיעה, אַז ער האָט געענדיקט די פּוילישע מיליטערישע שולע אין יאַראָטשין מיט אַ הויכער אויסצייכנונג, באַקומען די צווייטע לאָקאַטע, ד.ה. געווען דער צווייט־בעסטער אָפיציר־אַבסאָלווענט פון דער שולע אין זיין יאָרגאַנג. דאָס איז לגבי יידן געווען אַ זעלטענער פאַל.

מאָדנע און איבעראַשנדיק איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל קובאַ לייקין איז געווען זייער קליינוווּקסיק און האָט בשום אופן נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ מיליטער־מאַן. מ'האָט אונדז אָבער דערציילט, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער שולע גרויסע מיליטערישע פעאיִקייטן. מ'האָט זיך געוויצלט, אַז דאָס איז אַ קליינער יידישער נאַפּאָלעאָן.

נאָך לאַנגע יאָרן האָב איך אים ווידער געזען אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי ווי אַ סך יידישע אַסימילירטע אַדוואָקאַטן, באַזונדער די, וואָס האָבן געהאַט אַ געוויסע מיליטערישע אויסבילדונג, איז לייקין אַראַנזשירט געוואָרן דורך דעם יודנראַט אין די געטאָ־פּאָליציי. עס איז אַ פאַקט, אַז פון אַרום 2.000 געטאָ־פּאָליציאַנטן זענען קנאַפּע 200, ד.ה. אַרום 10%, געווען אַדוואָקאַטן אָדער סטודענטן פון יורידישן פאַקולטעט. אויך אַ גרויסער טייל פון די אָפיצירן זענען געווען אַדוואָקאַטן. אין געטאָ האָב איך מיט לייקינען נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ הויכער פּאָליציי־אָפיציר. מ'האָט מיר דערציילט, אַז ער צייכנט זיך אויס מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיִקייטן, איז זייער ענערגיש און האָט אַ "שטאַרקע האַנט".

מיט דער צייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז ווייט צו ענערגיש און אַפילו ברוטאַל — ביים אויספירן די דייטשע באַפעלן. מיין מיינונג וועגן לייקינען איז געוואָרן אַ דורכויס נעגאַטיווע. אין מאַי 1942, ווען דער ערשטער קאָמענדאַנט

פון דער געטאָ־פּאָליצײַ, דער משומד יוזעף שענקמאַן־שערינסקי, אַ געוועזענער קאָמיסאַר פון דער פּוילישער פּאָליצײַ אין דעם ראַנג פון אַ קאָלאָנעל, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דײַטשן פּאַר... אויסבאַהאַלטן זײַן פּוטערנעם מאַנטל, איז לײקין נאָמינירט געוואָרן אויף זײַן אָרט, אַלס קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליצײַ. ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע אויסזידלונגס־אַקציע איז לײקין געשטאַנען בראש. ער האָט אויסגעפירט מיט דער גרעסטער ענערגיע און מיט אַ "פעסטער האַנט" די מערדערישע באַפעלן פון די ס.ס. און געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנטן. ער האָט, אין דער ערשטער פאַזע פון דער אַקציע אָרגאַניזירט די בלאָקאַדן און אָנטײלגענומען אין זײ. ער און די גאַנצע קאָמענדאַנטור פון דער געטאָ־פּאָליצײַ זענען געווען אָן שום ספק מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומקום פון הונדערטער טויזנטער ייִדן. די שנאה פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג צו דער געטאָ־פּאָליצײַ און איר קאָמענדאַנט איז געווען אומבאַשרײַבלעך.

נאָך דער אַקציע, אין אָקטאָבער 1942, האָט די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף יעקב לײקינען. דעם 29־טן אָקטאָבער 1942 איז דער טויט־אורטייל אויסגעפירט געוואָרן אויף דער גענשע גאַס. פונקט ווי דאַן באַטראַכט איך אויך איצט, אין פערספּעקטיוו פון העכער 30 יאָר, דעם טויט־אורטייל פאַר פולקאָם באַרעכטיקט. לײקינס פּערזענלעכע באַציאונג צו מיר בעת דער אַקציע ענדערט נישט, אַפילו אין דער קלענסטער מאָס, מײַן מיינונג.

מיט דעם אָפיציר פון דער געטאָ־פּאָליצײַ, קאָנהיים, האָב איך זיך באַקאַנט אין די יוגנט־יאָרן אין אינגאַנצן אַנדערע, אַ ביסל ראָמאַנטישע אומשטענדן. מײַן ערשטע סימפּאַטיע אין די גימנאַזיע־יאָרן ווי אויך אין די ערשטע אוניווערסיטעט־יאָרן איז געווען אַננאַ (אַניעלקאַ) קאָן. דאָס איז געווען אַ קלוג און סימפּאַטיש מיידל. זי האָט געשטאַמט פון לאָדזש, אָבער שטודירט אין וואַרשע. זי האָט אַ לענגערע צײַט געוווינט בײַ דער משפּחה קאָנהיים. איך בין געווען אין יענע יאָרן אַ גענוג אָפטער גאַסט בײַ איר און דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט די קאָנהײמס. דאָס איז געווען אַן אינטעליגענטע, אַסימילירטע משפּחה, מיט ראַדיקאַל־לינקע סימפּאַטיעס. מיט אַניעלקאַ בין איך געווען באַפרײַנדעט אַ פּאָר יאָר, אָבער אונדזערע וועגן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. זי האָט געענדיקט דעם כעמישן פאַקולטעט און שפּעטער געאַרבעט אין איר באַרוף. לאַנגע יאָרן האָב איך זי נישט געזען. בלויז אין וואַרשעווער געטאָ האָב איך זי ווידער געזען. זי איז געווען דאָרט אַ לײטערין פון אַ פּראָפעסיאָנעלער שולע פאַר מיידלעך פון אָרט. אין געטאָ האָבן מיר קיין שום קאָנטאַקט נישט געהאַט. זי איז אומגעקומען בעת דער ערשטער אַקציע. אויך קאָנהײמען האָב איך זינט די יוגנט־יאָרן נישט געזען. מיט אים האָב איך אין געטאָ קיין שום קאָנטאַקט נישט געהאַט. איך בין אָבער זיכער, אַז אויב ער האָט מיר געהאָלפן אויפן אומשלאַגפּלאַץ איז דאָס געשען נישט בלויז דערפאַר, ווײַל זײַן שעף לײקין האָט אים געגעבן אַזאַ

פאַראָרדנונג, נאָך אויך דערפאַר, ווייל ער האָט זיך וואַרשיינלעך דערמאָנט די יוגנט־צייטן, אין זכות פון אַניעלקאַ...

וואָס איז פאָרגעקומען אויפן אומשלאַגפּלאַץ? ווען מיר זענען דאָרט, צוזאַמען מיט דער גרויסער מאַסע מענטשן אַריינגעטריבן געוואָרן הינטער די פאַרצוימונגען, זענען מיר געווען זיכער, אַז מ׳וועט אונדז גלייך פירן אין די וואַגאָנען. עס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ פּאָר מינוט און עס איז צו מיר צוגעקומען קאָנהיים און געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ פאַראָרדנונג אונדז צו באַפרייען. מיר דאַרפן בלויז צוגרייטן 200 זלאָטעס פאַר דעם פּוילישן פּאָליציאַנט ביי דער וואַך און באַווייזן אים אונדזערע דאָקומענטן. קאָנהיים איז מיט אונדז צוגעקומען צו דער וואַך, געגעבן אַ צייכן דעם פּוילישן פּאָליציאַנט און — מיר זענען אַדורך. מיר זענען פריי! שנעל, ווי נאָר עס איז געווען מעגלעך, זענען מיר ביידע, באַשיע און איך, געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער געביידע, וווּ עס האָט אַמטירט דער יודנראַט און איך האָב דאָרט געמאַכט אַן אַלאַרם, אַז מ׳מוז וואָס שנעלער אינטערוועניִרן אויפן אומשלאַגפּלאַץ און באַמיען זיך, מיט אַלע מיטלען, צו באַפרייען די פירנדיקע טוער פון צענטאָס און פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. מיין אַלאַרם האָט געווירקט. אַ גרעסערע גרופּע טוער, אויך פון דער צענטאָס־לייטונג, איז אונדז דאַן געלונגען צו ראַטעווען.

ווען מיר זענען געקומען צוריק, האַלב־טויטע און האַלב־לעבעדיקע, אין אונדזער צימער, האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט. דריי מאָל זענען מיר שוין געווען אויף דעם שוועל פון טויט. יעדער ווייטערדיקער טאָג קאָן ברענגען דעם סוף.

אונדזער גאַנץ קאָנקרעטער ציל איז געווען — אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט, כדי פון דאָרט צו אַלאַרמירן די וועלט. פאַרבינדן זיך מיט יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזירן אַ דרינגנדיקע הילף פאַר די כוחות אין געטאָ, וועלכע זענען גרייט צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, און אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־פאָנד פאַר די טויזנטער יידן, וועלכע געפינען זיך אויף דער אַרישער זייט און לעבן אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ דאַנק מיין נישט טיפּיש־יידישן אויסזען, מיין גוטע קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך און מיינע און באַשיעס פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ און מיט פּוילישע אונטערערדישע טוער, וועט אונדז זיין לייכטער אויסצופירן די וויכטיקע אויפגאַבע ווי אַנדערע געטאָ־טוער. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען צו דעם געוואַגטן און גאַנץ געפערלעכן שריט, פאַרשטייט זיך, אָפּהיטנדיק די כּללים פון טיפער קאָנספּיראַציע.

די ווייטערדיקע טעג האָבן באַשטעטיקט אונדזער איינדרוק, אַז יעדער טאָג דערנענטערט די טויט־געפאַר. די בלאָקאַדן זענען געוואָרן גרויזאַמער און

מאַסנהאַפטיקער. זיי האָבן אויך אַרומגענומען די שאָפּן (פאַבריקן), ווו ביז נישט לאַנג האָבן די אַרבעטנדע געפילט זיך זיכערער ווי אין די וווין־הייזער. מיר זענען געווען אַלץ אָפטער עדות פון דערשיטערנדיקע סצענעס. מאַמעס, וועלכע זענען געקומען אַהיים פון דער אַרבעט אין די שאָפּן, האָבן שוין נישט געפונען זייערע קינדער אין די וווין־הייזער, און אויך פאַרקערט — קינדער זענען געבליבן אָן טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן ביי דער אַרבעט אין די שאָפּן. אין די אָוונטן זענען אַרומגעלאָפן אויף די גאַסן פון געטאָ צענדליקער מענטשן, אַזוי ווי אין אַ שגעון, האָבן הויך געוויינט און געשריען, זוכנדיק קינדער אָדער עלטערן.

ביינאַכט, דעם 1־טן סעפּטעמבער, איז פאָרגעקומען דער צווייטער סאָוויעטישער לופט־אָנגריף, אַ שטאַרקערער ווי דער פאָריקער. אַ היפּשע צאָל באָמבעס איז געפאַלן אויך אין געטאָ. איין באָמבע האָט געטראָפן אין אונדזער הויז. ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער אונדזערע נערוון זענען שוין געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז דער שרעקלעכער אויפרייס, דער דונער פון דעם פאַלנדיקן דאַך, דאָס פייער פון דער שריפה, דער מעכטיקער לופט־שטראָם, וועלכער האָט אונדז אַראָפּגעוואָרפן פון די שטיגן, ווו מיר זענען געשטאַנען — דאָס אַלץ האָט אונדז נישט דערשיטערט. נאָכן אויפרייס האָבן מיר זיך גאַנץ רואיִק אויפגעהויבן, אָפּגערייניקט פונעם שטויב און געגאַנגען אין די צימערן אָפּצוּוואַשן די וווּנדן. צום גליק, זענען קיין לעבנס־קרבנות נישט געווען. אין די צימערן איז אַלץ געווען באַדעקט מיט שטויב און מיט שטיקלעך ווענט. מיר האָבן אויף דער גיך אָפּגערייניקט די בעטן און זיך געלייגט שלאָפן.

נישט געקוקט אויף אַלץ האָט אונדז אויך דער לופט־אָנגריף דערפרייט...

די טעג נאָך דעם 1־טן סעפּטעמבער זענען געוואָרן שוידערלעכע. אויב ביז דאַן איז דער קאָשמאַר פון די בלאָקאַדן פאָרגעקומען בייטאָג, און די אָוונטן זענען געווען עטוואָס רואיִקערע, זענען איצט אויך די אָוונטן און די נעכט אין געטאָ געוואָרן אומדערטרעגלעך. כמעט אויף אַלע געטאָ־גאַסן האָבן אָנגעהויבן אין די אָוונט־שעהען צו גראַסירן ס.ס.־לייט, דייטשע זשאַנדאַרמען און אוקראַיִנער, געשאָסן אין די דורכגייער און אין די פענצטער פון די וווינונגען, אָפּטמאָל געראַבעוועט(?)

נאָך יעדער נאַכט האָט מען געפונען אויף די גאַסן פון געטאָ טויטע. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז כמעט אָפּגעשטאָרבן.

פון דער פוילישער זייט זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן גרייטן צו אין געטאָ אַ מאַסן־שחיטה, אַז עפּעס אַ שרעקלעכע נייע אַקציע הענגט אין דער לופט. די נערוועזע שפּאַנונג און אויפטרייסלונג פון אַלע געטאָ־איינוווינער האָט דערגרייכט זיין הויך־פּונקט. מ'האָט דאַן געזאָגט, אַז יעדער ייד אין געטאָ האָט דעם טויט אין די אויגן. אַן אַלץ גרעסערע צאָל מענטשן האָט זיך באַמיט צו קויפן סם, ציאַנקאַלי.

מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די שעה פון אונדזער שפּרונג אויף דער אַרישער זייט. מיר האָבן באַשלאָסן וואָס שנעלער אָנצוקניפּן די פאַרבינדונג

מיט אונדזערע פּוילישע פֿריינט. און דאָ איז ווידער געשען אַ נס. אין יענע טעג זענען אין געטאָ געווען טעטיק בלויז געציילטע טעלעפֿאָנען און גראָד דאַן האָט אונדזער באַקאַנטער פּנחס וואַסערמאַן, דער לייטער פֿון דער עווידענץ־אָפּטיילונג פֿון דער קהילה, וועלכער האָט זיך באַמיט צו העלפֿן דער ייִדישער אונטערערדישער באַוועגונג, איבערגעגעבן אונדז, אַז אין אונדזער הויז, אויף לובעצקי 4, געפֿינט זיך, אין אַ פֿאַרלאָזענעם און פֿאַרמאַכטן צימער פֿון דער עווידענץ־אָפּטיילונג — אַ טעטיקער טעלעפֿאָן. מיר האָבן, צוזאַמען מיט אונדזערע שכנים, אויסגעשניטן אַ לאָך אין דער וואַנט און באַקומען דעם צוטריט צום טעלעפֿאָן.

סײַ באַשיע און סײַ איך האָבן זיך גלײַך פֿאַרבונדן מיט די פּוילישע קאָלעגן און באַקאַנטע און מיט פֿאַרשידענע רמזים געמאָלדן זיי, אַז די לאַגע אין געטאָ ווערט אומדערטרעגלעך און אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן מיר מוזן אַריבער־גיין אויף דער אַרישער זײַט. מיר האָבן זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי דאַרפֿן צוגרייטן פֿאַר אונדז דעם ערשטן מקום־מקלט און אַז מיר וועלן זיך מיט זיי פֿאַרבינדן טעלעפֿאָניש שוין פֿון יענער זײַט. ווי אַזוי מיר וועלן מאַכן דעם שפּרונג האָבן מיר נאָך אַליין נישט געוווּסט.

דעם 3־טן סעפּטעמבער האָט אונדז דערשיטערט די ידיעה וועגן דעם אומגליק מיט צוויי פֿירנדיקע טוער פֿון השומר הצעיר, אונדזערע טייערע פֿריינט פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק — יוסף קאַפּלאַן און שמואל בראַסלאַוו. יוסף קאַפּלאַן איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון געסטאַפּאָ און נאָך אַ פּאָר טעג דערמאָרדעט געוואָרן. שמואל בראַסלאַוו איז דערשאָסן געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ־אַגענטן אויף דער גאַס.

דער 4־טן סעפּטעמבער איז דער אומרו דערגאַנגען ביז צום זעניט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן געגעבן אַ באַפֿעל דער קאָמענדאַנטור פֿון דער געטאָ־פּאָליצײַ, אַז אויף צומאָרגנס, דעם 5־טן סעפּטעמבער, 7 אין דער פֿרי, דאַרף פֿאָרקומען די מאָביליזאַציע פֿון דער גאַנצער געטאָ־פּאָליצײַ. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָנזאָג פֿון אַ נײַער, נאָך שאַרפֿערער אַקציע. מײַן פּערזענלעכער פֿרײַנט, מיעטעק ווײַנקיפּער, איז געקומען צו אונדז צו לויפֿן און באַשטעטיקט די דאָזיקע ידיעה. ער האָט אונדז געוואָרנט, אַז אויב מיר וועלן מאָרגן, דעם 5־טן סעפּטעמבער, נישט אַריבערגיין דעם מויער, קאָן זײַן צו שפּעט. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען די לעצטע שעהען.

איך האָב נאָך געוואָלט זיך זען מיט איינעם פֿון די פֿירנדיקע געטאָ־טוער, מיטן דזשוינט־דירעקטאָר, יצחק גיטערמאַן, און מעלדן אים וועגן אונדזער שריט און מײַנע טעטיקייטס־פּלענער אויף דער אַרישער זײַט. ער האָט געוווינט נישט ווײַט פֿון אונדז, דער אָוונט איז אָבער געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז עס האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט, ביז איך האָב געקאָנט קומען צו אים.

אויף אונדזער גאַס האָבן דײַטשן געפּײַניקט און געמאָרדעט ייִדן. מיר האָבן געהערט האַרצרײַסנדיקע געשרייען און אַ שטאַרקע שיסערײַ. די דײַטשן האָבן

געשאָסן אויך איז די פּענצטער יוען נאָך אַ שער צייט האָבן ייך די געשרייען באַרואיקט ביז איך אַרויס אויף דער גאַס און ייערזען 4 טויטע ביי אונדזער טויער
איך בין שנעל אַריבערגעלאָפן די גאַס און אַריינגעפאַלן אין גיטערמאַנס דירה ער איז געווען אין דער היים אויך ער איז געווען דערשיטערט צוליב די מערדערייען. איך האָב אים, אין קורצע ווערטער געמאָלדן וועגן אונדזערע פּלענער ער האָט זיי פולשטענדיק אָקצעפּטירט און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. איך בין שנעל צוריק אין אונדזער דירה און מיר האָבן שפּעט ביי נאַכט אַריינגעלייגט אַ ביסל וועש און די נויטיקסטע זאַכן אין צוויי האַנט־טעקעס דעם 5־טן סעפּטעמבער אין דער פרי האָבן מיר אַדורכגעפירט דעם אַריבער־גאַנג דורך די וואַכן פון דער געטאָ־פּאָליציי און פון דער פּוילישער פּאָליציי וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען דאַן אין געטאָ האָבן מיר זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט. אונדזערע ידיעות און פאָרויסזאָגונגען האָבן זיך באַשטעטיקט. עס זענען געקומען טראַגישע טעג. די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט די אַקציע, וועלכע מ׳האָט שפּעטער גערופן: ״דאָס גרויסע קעסל״
זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דעם 6־טן סעפּטעמבער, אין דער פרי, מוזן אַלע געטאָ־איינוווינער זיך קאָנצענטרירן אויף אַ פּאָר גאַסן, ווו עס וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע. די דאָזיקע סעלעקציע האָט אויסגעזען אַזוי, אַז אין משך פון אַ וואָך צייט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 70.000 מענטשן! הונדערטער יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, אויף די גאַסן, פּלעצער און אין די הייזער. בלויז אין איין הויז, אויף וואָלינסקע גאַס, זענען דערמאָרדעט געוואָרן 70 מענטשן! די גאַנצע געגנט פון ״גרויסן קעסל״ איז געווען איין גרויסער עקזעקוציע־פּלאַץ!

**דער טויט־מאַרש פון קינדער**

איך קאָן נישט שרייבן וועגן דעם מאַרטירערטום פון יידישע קינדער אָן אַ ציטער אין האַרצן. דער גורל האָט מיך פאַרבונדן מיט די קינדער פון וואַרשעווער געטאָ, פּונקט אַזוי ווי ער האָט מיך פאַרבונדן מיט דער יידישער אונטער־ערדישער באַוועגונג.
ווען איך האָב אויף דעם פּראָצעס פון אַדאָלף אייכמאַן אין ירושלים אָפּגעגעבן מיין עדות־דערקלערונג וועגן דעם טראַגישן אומקום פון 100.000 קינדער פון וואַרשעווער געטאָ, האָב איך געהאַט פאַר די אויגן דעם דערשיטערנדיקן טויט־מאַרש דורך די גאַסן פון געטאָ פון טויזנטער יידישע קינדער פון די יתומים־הייזער און קינדער־היימען. זיי זענען געטריבן געוואָרן צו די וואַגאָנען אויפן אומשלאַגפּלאַץ. וואָס האָבן געפירט צום טויט־לאַגער טרעבלינקע
איך האָב אָבער דאַן, זעענדיק אַדאָלף אייכמאַן, געטראַכט נישט בלויז וועגן וואַרשעווער געטאָ נאָר וועגן דעם גיהנום און שוידערלעכן טויט אין די געטאָס און טויט־לאַגערן פון אַ מיליאָן און צוויי הונדערט טויזנט יידישע קינדער אין

גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז דאָך אַ טראַגעדיע אָן אַ פּרעצעדענס אין דער וועלט־געשיכטע. אין דיביידע וועלט־מלחמות זענען אומגעקומען צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, אָבער אַ שחיטה פון העכער אַ מיליאָן קינדער די צילבאַוווסטע און פּלאַנמעסיקע טאָטאַלע פיזישע אויסראָטונג פון מער ווי אַ מיליאָן קינדער — דאָס איז דאָך דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

איך האָב דאָס געפיל, וואָס מאַטערט מיך ביזן היינטיקן טאָג, אַז אונדזער פאָלק האָט נאָך נישט באַערט ווי געהעריק דעם אָנדענק פון דעם מיליאָן יידישע קינדער, נישט אין אַ מאָנומענטאַלן ווערק וועגן זייער וועג פון פּיין און פון אומקום, אין אַלע געטאָס און טויט־לאַגערן, און נישט דורך אַן אַנדערן ווירדיקן מאָנומענט. איך האָב דאָס פיינלעכע געפיל, אַז די דאָזיקע קינדער־טראַגעדיע, דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער געשיכטע, איז נישט דערגאַנגען צום באַוווסטזיין פון דער וועלט, און איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט פאַר דעם יונגן דור פון די פעלקער.

עס איז אויך אַ פאַקט, אַז די טראַגעדיע פון יידישע קינדער האָט נאָך נישט באַקומען איר געהעריקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג אין דער יידישער ליטעראַטור, נישט אין עברית און נישט אין יידיש. ווען איך האָב געפרעגט אַ באַקאַנטן ישראלדיקן דיכטער, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, די סיבה פון דער דערשיינונג, האָט ער דערקלערט, אַז די הויפּט־סיבה איז אַ פאַרשטענדלעכע: אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ דראַמאַטורג קאָן אָפּשפּיגלען אַ טראַגעדיע פון איין קינד אָדער פון אַ פּאָר קינדער, אָבער אין אָנבליק פון אומקום פון הונדערט טויזנט קינדער אָדער פון אַ מיליאָן בלייבט ער שטום. דאָס איז די קללה פון גרויסע ציפערן, פון אַ מאַסן־אומגליק.

אפשר דערפאַר זענען יאַנוש קאָרטשאַק און אַננאַ פראַנק געוואָרן סימבאָלן פון דער יידישער קינדער־טראַגעדיע אין דעם באַוווסטזיין פון יידישן פאָלק און פון אַנדערע פעלקער. זייער גורל פּערסאָניפיצירט דעם גורל פון יידישן קינד.

פאַר מיר זענען די 100.000 קינדער פון וואַרשעווער געטאָ נישט קיין סטאַטיסטישער ציפער. פאַר מיר זענען דאָס 100.000 לעבעדיקע, קליינע מענטשן, מיט זייערע ליידן און פריידן. איך האָב זיי געזען אויף די גאַסן פון געטאָ. איך האָב טויזנטער פון זיי געזען אין די 100 קינדער־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס פון צענטאָס און אויף צענדליקער קינדער־פאָרשטעלונגען און קינדער־פייערונגען, אין די טעג פון "חודש פון קינד" אָדער "יום־טוב פון קינד". מיר האָבן דאָך געגעבן די קינדער אין געטאָ נישט נאָר אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל זופּ און אַ דאַך איבערן קאָפּ, נאָר געשטרעבט דערצו, אַז טויזנטער געטאָ־קינדער זאָלן שפּילן זיך, זאָלן זינגען, זאָלן האָבן אַ שמייכל אויף די בלאַסע און אויסגעדאַרטע פּנימלעך. מיר האָבן באַוווּנדערט דעם חן, די שיינקייט און די לעבנס־פרייד פון אַ סך יידישע קינדער אין די קאָשמאַר־באַדינגונגען. און עס איז מיר ביזן היינטיקן טאָג שווער פאָרצושטעלן זיך, אַז די

דאָזיקע קינדער זענען אומגעקומען אין שרעקלעכע יסורים אין די גאַז־קאַמערן.
וועגן דעם קינדערשוץ אין וואַרשעווער געטאָ און איר פאַרצווייגטער און פילפאַרביקער טעטיקייט האָב איך גענוי געשריבן אין דעם קאַפּיטל -- "אַלץ פאַר דעם יידישן קינד" וועגן דער אכזריותדיקער פאַרניכטונג פון דעם קינדער־שוץ און אַלע אירע אַנשטאַלטן און וועגן דעם מאַרטירערטום פון די קינדער האָב איך געשריבן אין מיין אַרבעט — "גורל הילדים בגיטו וארשה" ("דער גורל פון די קינדער אין וואַרשעווער געטאָ"), וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיין בוך "מימי המחתרת" ("פון די טעג אין קאָנספּיראַציע") און אין דער זאַמלונג "שואת יהודי אירופה" ("חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום")*
די שילדערונג פון דעם קינדער־גורל אין מיין עדות־דערקלערונג געפינט זיך אין די געדרוקטע פּראָטאָקאָלן פון אייכמאַן־פּראָצעס**.
איצט וויל איך דערמאָנען בלויז עטלעכע מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך באַזונדער בולט איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך וועל נישט פאַרגעסן, אַז יידישע קינדער זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער מערדערישער אויסזידלונגס־אַקציע. שוין אין דעם ערשטן טאָג איז אויף די גאַסן פון געטאָ פאָרגעקומען אַ ווילד געיעג אויף די אומגליקלעכע גאַסן־קינדער. איך וועל נישט פאַרגעסן די האַרצ־רייסנדיקע געשרייען פון די קינדער. זיי האָבן זיך געוועהרט, געביסן די הענט פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן, געפּרוווט אַנטלויפן. זיי זענען די ערשטע אַריינגעטריבן געוואָרן אין די וואַגאָנען.

איך וועל נישט פאַרגעסן די פיבערהאַפטע באַמיאונגען פון דער צענטאָס־לייטונג, כדי צו ראַטעווען יעדן קינדער־אַנשטאַלט, יעדע גרופּע פאַרן אומקום, די אומאויפהערלעכע, אָפּטמאָל פיינלעכע אינטערווענצן אין יודנראַט, אין דער קאָמענדאַנטור פון דער געטאָ־פּאָליציי און אויף דעם אומשלאַגפּלאַץ גופא, פאַר די וואַגאָנען. דאָס איז געווען אַ דראַמאַטיש וועט־געיעג מיטן טויט, אָבער דער נאַצישער טויט איז געווען שטאַרקער פון אונדזערע רעטונגס־באַמיאונגען, פון אונדזער קאַמף פאַרן לעבן.
דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער קאַמף האָט געדויערט ביזן סוף, אָבער מיר האָבן געפילט, אַז דאָס איז — שלאָגן מיטן קאָפּ אָן אַ וואַנט, אָן אַ מויער פון זאָאָלאָגישער יידן־שנאה. באַזונדער אין מאָמענט, ווען די אָנפירונג פון די בלאָקאַדן האָבן איבערגענומען די ס.ס.־לייט האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־שחיטה פון יידישע קינדער.
איך וועל נישט פאַרגעסן דעם קינדער־מאַרש איבער די גאַסן פון געטאָ. אין דער געטאָ־ליטעראַטור, אין לידער און פּאָעמעס אין פאַרשידענע שפּראַכן האָט מען

*) "שואת יהודי אירופה" (רקע, קורות, משמעות). מבחר מאמרים. יד ושם. ירושלים תשל"ג.

**) "היועץ המשפטי לממשלה נגד אדולף אייכמן" עדויות א' ירושלים, תשכ"ג.

געשילדערט דעם מאַרש פון דעם יתומים־הויז פון יאַנוש קאָרטשאַק. דאָס איז באמת געווען אַ דערשיטערנדיקער קינדער־צוג. בראש פון אים —יאַנוש קאָרטשאַק און די אומפּאַרגעסלעכע סטעפאַ ווילטשינסקאַ, דאַן די 200 מאַרשירנדיקע קינדער און, איבער זיי — די גרינע פאָן פון זייער אַנשטאַלט, די פאָן פון האָפענונג.

איך וויל אָבער דערמאָנען, אַז איבער די גאַסן פון געטאָ האָבן מאַרשירט נישט נאָר די דאָזיקע 200 קינדער און זייערע דערציער, נאָר אַרום 4.000 קינדער פון קנאַפּע 30 יתומים־הייזער און קינדער־היימען. איך האַלט פאַר מיין חוב צו דערמאָנען, אַז נישט נאָר יאַנוש קאָרטשאַק איז געגאַנגען מיט די קינדער ביזן טויט. כמעט אַלע לייטער און דערציער פון די יתומים־הייזער און אינטערנאַטן האָבן באַגלייט די קינדער ביז זייער לעצטן אָטעם: בראָניאַטאָווסקאַ און שטערנפעלד, שרה גראָבער־יאַנאָווסקאַ און דאָמבראָווסקי, אהרון קאָנינסקי, גאָלדקאָרן און שימאַנסקי און אַ סך אַנדערע איבערגעגעבענע דערציער.

סיי אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און סיי נאָך דער באַפרייאונג, האָט מיך נישט איינמאָל באַאומרואיקט די פראַגע, ווי אַזוי זענען אומגעקומען די קינדער פון וואַרשעווער געטאָ און פון אַנדערע געטאָס. דאָס איז אַ גרויליקע פראַגע, אָבער דאָס פאָלק דאַרף וויסן, ווי אַזוי זענען אומגעקומען זיינע קינדער, אַפילו אויב דער אמת איז גרויליק און גרויזאַם. עס זענען צו מיר דערגאַנגען מינדלעכע און שריפטלעכע באַריכטן פון אַ ריי געטאָס, אין גרעסערע און קלענערע שטעט, און פון אַ צאָל נאַצישע טויט־לאַגערן. דער אמת איז שרעקלעכער און גרויזאַמער ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

די מערהייט יידישע קינדער זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס אין די טויט־לאַגערן. אַ גרויסע צאָל קינדער איז אָבער דערמאָרדעט געוואָרן אויך מיט אַנדערע ווילדע און טייוולאָנישע מיטלען און אומגעקומען מיט פאַרשידענע מיתות משונות. עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די ס.ס.־לייט און אַנדערע דייטשן האָבן אָפטמאָל אַריינגעשליידערט קליינע קינדער לעבעדיקערהייט אין פייער פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס, אַז זיי האָבן צעשמעטערט זייערע קעפּלעך אָן די מויערן אָדער ביימער, אַז זיי האָבן זיי אַריינגעשליידערט אין די קאַנאַלן פולע מיט וואַסער, האָבן לעבעדיקע קינדער געוואָרפן אין די קברים און גלייך צוגעשאָטן מיט דער ערד. אין אַ ריי געטאָס האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן קינדער פון הויכע שטאָקן פון די פענצטער. טויזנטער קינדער זענען אין פאַרשידענע ערטער דערשאָסן געוואָרן מאַסנווייז דורך מאַשין־געווער.

די וועלט דאַרף דאָך וועגן דעם וויסן! זי דאַרף קענען דעם אמת וועגן דעם מאַרטירער־וועג פון העכער אַ מיליאָן יידישע קינדער, די קרבנות פון דעם היטלעריסטישן פּלאַן פון טאָטאַלער ביאָלאָגישער עקסטערמינאַציע פון יידישן פאָלק און פון יידישע קינדער, די צוקונפט פון פאָלק.

עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייאונג, נאָך אין יאַנואַר 1945 יאָר, האָב איך

באַשלאָסן, וואָס שנעלער צו באַזוכן טרעבלינקע צו זען דאָס אָרט פון דעם טויט־לאַגער, וווּ עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן 800.000 יידן, צווישן זיי — די מערהייט פון די יידן פון וואַרשעווער געטאָ און די מערהייט פון מיין משפחה. וואָס האָב איך דאָרט דערזען? קילאָמעטערווייז איז דער גאַנצער שטח פול געווען מיט מענטשלעכע שאַרבנס, מיט מענטשלעכע ביינער און מיט שיך, זייער אַ סך שיך, און צווישן זיי — טויזנטער קינדער־שיכעלעך!
פון דאָרט האָב איך מיטגענומען אַ פּאָר קינדער־שיכעלעך — דאָס הייליקסטע פון יענער גרויזאַמער צייט. מער ווי אַ מיליאָן אַזעלכע קינדער־שיכעלעך זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער די פעלדער פון אייראָפּע.

### די ראָל פון יודנראַט און געטאָ־פּאָליציי

איך האָב נישט בדעה צו שרייבן גענוי וועגן דעם יודנראַט און וועגן דער יידישער אָרדנונגס־דינסט אין וואַרשעווער געטאָ און אַנאַליזירן זייער טעטיקייט פון סאָציאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. דאָס פאָדערט אַ באַזונדערע ברייטערע אָפּהאַנדלונג. איך האָב אויך נישט בדעה צו שרייבן וועגן די געסטאַפּאָ־אַגענטן אין וואַרשעווער געטאָ, ווי דאָס טרויעריק־באַקאַנטע "דרייצנטל".
איך וויל בלויז אַלס לעבעדיקער עדות אין קורצע ווערטער דערמאָנען די ראָל פון יודנראַט און פון דער געטאָ־פּאָליציי אין דער צייט פון דער גרויסער אויס־זידלונגס־אַקציע. ווי איך האָב שוין געשריבן אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, באַמי איך זיך איינצוהאַלטן די ווייט־מעגלעכע אָביעקטיוויטעט און נישט גענעראַליזירן די דערשיינונגען. דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן.
און דער אמת איז, אַז סיי דער יודנראַט, אַלס גאַנצער, און סיי די געטאָ־פּאָליציי האָבן די גאַנצע צייט, און באַזונדער אינעם פּעריאָד פון די אַקציעס געשפּילט אַ פּאַטאַלע, אַ פאַרברעכערישע ראָל. דאָס דערקלער איך, מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אויך איצט, אין פּערספּעקטיוו פון העכער 30 יאָר. זיי האָבן געהאָרכזאַם אויסגעפירט די באַפעלן פון ס.ס., ס.ד. (זיכערהייטס־דינסט) און געסטאַפּאָ און האָבן באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די דייטשן אַדורכצופירן די אויסזידלונגס־אַקציע און פירן העכער 300.000 יידן צו די טויט־לאַגערן.
איך וויל גלייך אונטערשטרייכן, אַז מ׳קאָן נישט, בשום אופן, אָפּשיידן דעם יודנראַט פון דער געטאָ־פּאָליציי. די יידישע אָרדנונגס־דינסט איז געווען סיי פאָרמעל און סיי פּאַקטיש, דער אויספיר־אָרגאַן פון יודנראַט. ווי איך האָב שוין באַטאָנט, באַשולדיק איך נישט דעם יודנראַט אין אַ באַוווּסטזיניקער און פרייוויליקער קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, אָבער די אָביעקטיווע און פאַקטישע ראָל פון יודנראַט און פון דער געטאָ־פּאָליציי איז אַז זיי זענען געווען אַן אינסטרומענט אין דייטשע הענט ביים אויספירן די אויסראָטונגס־פּאָליטיק. דעם דאָזיקן דערשיטערנדיקן פאַקט טאָר מען נישט פאַרשוויגן אָדער פאַרטושן.

סיי דער יודנראַט און סיי די געטאָ־פּאָליציי האָבן בעת דער אויסזידלונג־אַקציע פּאַרעפּנטלעכט, אויפן באַפעל פון די דייטשן, ליגנערישע און פּאַרפירערישע באַרואיִקונג־באַקאַנטמאַכונגען. זיי האָבן שריפטלעך און מינדלעך פּאַרשפּרייט אילוזיעס, דעזאָריענטירט די מאַסן אין געטאָ, גערופן צו אַ געהאָרכזאַמער אויספירונג פון דייטשע באַפעלן. סיי דער יודנראַט און סיי די געטאָ־פּאָליציי האָבן זיך אַקטיוו אַנטקעגנגעשטעלט דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, יעדן געדאַנק פון אַקטיווער זעלבספּאַרטיידיקונג.

דער פּאָרזיצער פון יודנראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו, איז באַגאַנגען שוין ביים אָנהויב פון דער אַקציע זעלבסטמאָרד, דאָס באַפרייט אים אָבער נישט פון דער שולד, אַז געציילטע טעג פאַרן אויסברוך פון דער אַקציע האָט ער געזייט פאַלשע אינפאָרמאַציעס און אילוזיעס, דערקלערט אַז עס איז נישטאָ קיין שום סיבה צו זיין אומרואיִק. ער האָט פאַרלייקנט די געפאַר אַפילו דאַן ווען מ'האָט אַלאַרמירט די געטאָ־איינוווינער, אַז דייטשן גרייטן צו אַ מאַסן־שחיטה.

איך וועל נישט פאַרגעסן נאָך איין מאַרש פון די געטאָ־איינוווינער, דעם מאַרש פון די פרייוויליקע צו די טויט־טראַנספּאָרטן. דעם 1־טן אויגוסט איז אין געטאָ פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף פונעם לייטער פון דער אָרדנונגס־דינסט, ד.ה. פון דער געטאָ־פּאָליציי, דאַן — יעקב לייקין, אַז אַלע געטאָ־איינוווינער, וועלכע וועלן זיך פרייוויליק מעלדן צו דער אויסזידלונג וועלן באַקומען דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַדע, און אַז די משפחות, וועלכע וועלן קומען פרייוויליק וועלן נישט ווערן צעטיילט...

אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן ציניש און פאַרפירערישן אויפרוף זענען געקומען פרייוויליק צום אומשלאַגפּלאַץ טויזנטער אויסגעהונגערטע מענטשן, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צום קאַמף פאַר זייער לעבן. זיי זענען אַלע גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם טויט־לאַגער.

איך וועל אויך נישט פאַרגעסן די פאַטאַלע ראָל פון דער געטאָ־פּאָליציי לגבי די קינדער, בעת דער אַקציע. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דער געטאָ־פּאָליציי זענען געווען אויסנאַם־פאַלן, אַזוי ווי אין דעם יודנראַט. דער הויכער אָפיציר פון דער געטאָ־פּאָליציי, אַדוואָקאַט יעקב פינקערט, דער מאַן פון דער ענערגישער און איבערגעגעבענער צענטאָס־טוערין, מרים (מאַריאַ) פינקערט, האָט זיך באַמיט, אין דער ערשטער פאַזע פון דער אַקציע, צו ראַטעווען די יתומים־הייזער און אונדזערע קינדער־אַנשטאַלטן. אין אַלאַרם־פאַלן זענען מיר געלאָפן מיט אינטערווענצן צו אים, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז אויך ער געוואָרן אָנמעכטיק.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זענען די ערשטע קרבנות פון דער אַקציע געווען די גאַסן־קינדער. איך וועל נישט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ ווילדקייט האָבן די געטאָ־פּאָליציאַנטן אַדורכגעפירט דאָס געיעג אין די גאַסן אויף הונדערטער אומגליקלעכע קינדער. גלייך נאָך דעם האָבן זיי ברוטאַל געטריבן אין די

וואַגאָנען די קינדער פון די פּליטים־הייזער, די קינדער פון דער גרעסטער אָרעמקייט.

איך וועל אויך נישט פאַרגעסן די שרעקלעכע ראָל פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן אין דער לעצטער פאַזע פון דער אַקציע. דאַן האָבן שוין טויזנטער יידן געהאַט אויפ־געבויט פאַרשידענע באַהעלטענישן און בונקערס, כדי צו ראַטעווען זיך פון די בלאָקאַדן. דאָס זענען געווען פּרימיטיווע ביז גוט־איינגעאָרדנטע באַהעלטענישן. דאָס געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין אַ "געהיימשטאָט", מיט לאַבירינטן פון בונקערס.

אין דער צייט פון אָבלאַוועס האָבן די געטאָ־פּאָליציאַנטן געהאַט אַן אויפגאַבע צו אַנטדעקן די באַהעלטענישן און אַרויסציען פון דאָרט די אויסבאַהאַלטענע יידישע פרויען, מענער און קינדער. די געטאָ־פּאָליציאַנטן זענען דאַן געקומען מיט אייזערנע דרענגער און מיט העק, כדי מיט כוח צו צעברעכן די איינגענג צו די בונקערס און באַהעלטענישן. דערביי זענען געווען פאַלן פון שאַנטאַזשן און פון פאָדערן אויסקויף־געלט מצד די געטאָ־פּאָליציאַנטן. גלייכצייטיק האָבן זיי זיך אין יענע גרויזאַמע טעג אויסגעצייכנט אין נאָך איין אַקציע. אין דער לעצטער פאַזע פון דער מאַסן־אויסזידלונג האָבן די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען איינגעפירט די שיטה פון "קעפּלעך". יעדער געטאָ־פּאָליציאַנט האָט געדאַרפט ברענגען צום אומשלאַגפּלאַץ פון 5 ביז 7 מענטשן. דאַן זענען פאַרגעקומען אין געטאָ עקלהאַפטע סצענעס. די געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן פּשוט געלויערט אויף מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז זייערע הויפּט־קרבנות זענען געווען פרויען און קינדער. צו גיין אין יענע טעג אין גאַס מיט אַ קינד האָט געהייסן אַרויסגעבן דאָס קינד אין די הענט פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן, און דורך זיי — אין די דייטשע הענט. פאַר יעדן "קעפּל" האָבן די געטאָ־פּאָליציאַנטן באַקומען ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן.

אויף דעם אומשלאַגפּלאַץ האָט געבושעוועט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון דער געטאָ־פּאָליציי, מיט דעם טרויעריק־באַקאַנטן אָפּיציר מיעטשיסלאַוו שמערלינג. דאָס איז געווען אַ ברוטאַלער און אכזריותדיקער אויסוואורף, וואָס האָט געטריי געדינט די דייטשן. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויס־געגעבן אויף אים אַ טויט־אורטייל, ער איז אָבער, צוליב טעכנישע סיבות, נישט אויסגעפירט געוואָרן.

עס איז נישט געווען קיין סוד, אַז אַפילו אין דער "בעפעל־שטעללע", אויף זשעלאַזנע 103, וווּ עס האָט אַמטירט דער ס.ס.־שטאַב, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער ריזיקער אַקציע, האָבן מיטגעאַרבעט 6 געטאָ־פּאָליציאַנטן, בראש פון זיי — 2 אָפּיצירן, די ברידער טשאַפּלינסקי. זיי האָבן געטריי געדינט די הויפּט־תלינים פון וואַרשעווער געטאָ — מענדע און בראַנדט. אויסער זיי האָבן דאָרט מיטגעהאָלפן אַלס פאַרבינדלער מיט דער ס.ס.־קאָמענדאַנטור — דער לייטער פון דערווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג ביים יודנראַט, ישראל פירסט און מיעטעק ליכטענבוים, איינער פון די צוויי גאָלדענע זינדלעך פון דעם

דאַמאָלסטיקן פּאָרזיצער פון יודנראַט, מאַרעק ליכטענבוים. אויף פירסטן האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן, נאָך דער ערשטער אַקציע, אַ טויט־אורטייל. דער טויט־אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן.

די געטאָ־פּאָליציי האָט זיך אין דער צייט פון דער אַקציע אַראָפּגעקייקלט אין אַ תהום פון מאָראַלישער געפאַלנקייט און פון נאַציאָנאַלן פאַראַט. מ׳קאָן אָן אַן איבערטרייבונג דערקלערן, אַז די מערהייט פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן אויף זייערע שטערנס געהאַט קין־צייכנס.

נאָך פאַר דער אַקציע האָט די באַפעלקערונג פון געטאָ אַרויסגעוויזן צו דער געטאָ־פּאָליציי שנאה און פאַראַכטונג.

די דאָזיקע שנאה האָט געשטאַמט נאָך פון דער תקופה פון די ערשטע אַרבעטס־לאַגערן צוליב דער נידערטרעכטיקער באַציאונג פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן צו די אָרעמע לאַגעריסטן. שפּעטער איז די שנאה צו זיי געוואָקסן פון חודש צו חודש צוליב דער גוואַלדיקער דעמאָראַליזאַציע און קאָרופּציע, וועלכע האָט געהערשט אין דער געטאָ־פּאָליציי. נאָך דער גרויסער אַקציע איז די פאַראַכטונג צו איר ביי די לעבן געבליבענע יידן געוואָרן אַ גרענעצלאָזע, נישט צו באַשרייבן. מ׳האָט זיי גערופן אָפן — אויסוווּרפן, היצלעס.

דר. רינגעלבלום האָט דאָן געשריבן אין זיינע נאָטיצן וועגן ״דער עקלהאַפטער פונקציע פון פירן אייגענע ברידער צו דער שחיטה״. אויך דער גרויסער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן שטעמפּלט אין זיינע פּאָעמעס די געטאָ־פּאָליציי. דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער, יהושע פּערלע, שרייבט אין זיינע געטאָ־נאָטיצן וועגן די פּאָליציאַנטן: ״נידערטרעכטיקע אויסוווּרפן, תליינים, וואָס האָבן געפירט די וועגענער פון פאַרמשפּטע צום טויט״.

אין דער לעצטער צייט פּרווון עטלעכע היסטאָריקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין ישראל ריינצוואַשן די יודנראַטן. איך האַלט פאַר מיין חוב צו דערקלערן, אויפן סמך פון מיין פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז עס איז נישטאָ קיין שום סיבה, אויך איצט נאָך העכער 30 יאָר, צו רעהאַביליטירן די יודנראַטן אָדער די געטאָ־פּאָליציי, וועלכע איז געווען זייער אויספיר־אָרגאַן.

פאַר מיר אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער פּסק־דין וועגן דער ראָל פון די יודנראַטן און פון דער געטאָ־פּאָליציי אין דער תקופה פון אומקום און אויפשטאַנד, פּונקט אַזוי, ווי זיי האָבן שוין פעסטגעשטעלט זייער מיינונג וועגן דער היסטאָרישער ראָל פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, פון יידישע אויפשטענדלער און קעמפער.

### די ערשטע אַקטן פון ווידערשטאַנד אין געטאָ

גלייך נאָך דעם, ווי עס איז אויסגעבראָכן די אַקציע, דעם 22־טן יולי 1942, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע קאָנפערענץ, כדי צו באַטראַכטן די ניי־געשאַפענע לאַגע. עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען די

פירנדיקע טוער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און פון דזשוינט. אויך איך האָב זיך אין איר באַטייליקט.

איך געדענק, אַז די איז פּאָרגעקומען אין אַ געשפּאַנטער אַטמאָספער. די פאָרשטייער פון גרופּירונגען, וועלכע האָבן אָנגעהערט צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די אַקציע איז אַן אָנהויב פון סוף און אַז מ׳דאַרף רופן די באַפעלקערונג פון געטאָ צו אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. די פאָרשטייער פון אַגודת־ישראל און פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, ווי אויך די אומפּאַרטייאישע טוער פון דער סאָציאַלער אַליינהילף און פון דזשוינט האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פריצייטיק צו רופן די באַפעלקערונג צום ווידערשטאַנד און מ׳דאַרף זען, ווי אַזוי די אַקציע וועט זיך אַנטוויקלען.

דאַן האָבן נאָך געהערשט אין געטאָ אילוזיעס, פאַרשפּרייטע באַזונדער דורך די יודנראַט־קרייזן, אַז מ׳וועט אַרויסשיקן בלויז די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן. די אילוזיעס זענען ביסלעכווייז צערונען געוואָרן, אָבער אויף דער קאָנפערענץ זענען זיי נאָך געקומען צום אויסדרוק. איך געדענק, אַז אויף דער קאָנפערענץ און נאָך איר האָט אין ברייטע יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן געהערשט אַן אויפרעגונג קעגן דער אָרדנונגס־דינסט (געטאָ־פּאָליציי) צוליב איר אַקטיוון אָנטייל אין דער אַקציע. קיין קאָנקרעטע רעזולטאַטן האָט אָבער די קאָנפערענץ נישט געגעבן.

דאַן האָבן די לינקע, סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע גרופּירונגען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס געשאַפן אַ פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט, אָבער אויך ער האָט נישט אַנטוויקלט קיין טעטיקייט, ווייל די לאַגע אין געטאָ איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן געפערלעכער, די בלאָקאַדן — אַלץ גרויזאַמער. די מאַסן אין געטאָ האָבן אָנגעהויבן צו פילן די טויט־געפאַר. די בהלה איז געוואָרן אַלץ גרעסער. די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן די טוער איז געוואָרן אומגעהויער שווער. אַ טייל אַקטיוויסטן פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און פון דעם אַרבעטער־קאָמיטעט, ווי שכנא זאַגאַן און אַנדערע, זענען שוין געהאַט אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט און אַרויסגעשיקט געוואָרן צום טויט.

דאַן האָבן די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, דרור, השומר הצעיר און עקיבא, באַשלאָסן צו ווירקן זעלבשטענדיק און זיי האָבן געשאַפן דעם ערשטן קערן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אין אָקטאָבער 1942 פאַרשפּרייט. צו איר קאָמענדאַנטור האָבן דאַן אָנגעהערט: יצחק צוקערמאַן און צביה לובעטקין פון החלוץ און דרור און יוסף קאַפּלאַן און שמואל בראַסלאַוו פון השומר הצעיר.

אויך אין אירע ראַמען זענען געווען געוויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. דער יונגיטשקער שמואל בראַסלאַוו האָט פאָרגעלייגט מ׳זאָל גלייך אָרגאַניזירן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד, אַפילו מיט הוילע הענט, אָבער אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער אָנפירערשאַפט האָבן געהאַלטן, אַז דעם באַוואָפנטן ווידער־

שטאַנד מוז מען ווי געהעריק צוגרייטן און, דער עיקר, שאַפן געווער און אַמוניציע.

די קאָמענדאַנטור האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט, כדי צו שאַפן די פאַרבינדונגען מיט דער פוילישער אונטער־ערדישער באַוועגונג און באַקומען געווער פאַרן געטאָ. צו דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן: פרומקע פלאָטניצקאַ און לאה פערלשטיין פון דרור, אריה ווילנער (יורעק) און טאָשיאַ אַלטמאַן פון השומר הצעיר.

אויסער דעם האָט די קאָמענדאַנטור באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף צו דער געטאָ־באַפעלקערונג און אויפקלערן, אַז ״אויסזידלונג הייסט טרעבלינקע און טרעבלינקע באַדייט טויט!״ ווי אויך — אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן דער געטאָ־פּאָליצײ.

דאַן זענען נאָך די מאַסן אין געטאָ נישט געווען רייף צו אַן אַקטיוון ווידער־שטאַנד. עס זענען געווען פאַלן, ווען מ׳האָט אַראָפּגעריסן די אויפרופן פון די ווענט און די קאַמפּס־רופן האָט מען באַטראַכט אַלס אַ פּראָוואָקאַציע פון געסטאַפּאָ. גלייכצייטיק זענען אָבער געווען אינדיווידועלע פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. אַזוי איז געווען אין געטאָ באַקאַנט דער פאַקט, אַז דער טעאַטער־דירעקטאָר סעווערין מאַידע האָט, בעת אַ בלאָקאַדע, געוואָרפן אין אַ דייטשן זשאַנדאַרם אַ שווערן אַשן־בעכער אין קאָפּ און איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. עס זענען אויך געווען אַ ריי פאַלן פון אַקטיוון אינדיווידועלן ווידערשטאַנד קעגן דער געסטאַפּאָ־פּאָליצײ.

די ערשטע אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־ און סאַבאָטאַזש־אַקטן זענען פאָר־געקומען אין דער צווייטער העלפט פון אויגוסט 1942, אַ חודש נאָכן אויסברוך פון דער אַקציע. אין דער נאַכט פון 20־טן אויף דעם 21־טן אויגוסט האָבן די קעמפער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אונטערגעצונדן אַ צאָל דייטשע שאָפן (פאַבריקן) און אויסגעליידיקטע הייזער.

דאַן האָט שוין די געטאָ־באַפעלקערונג זיך איבערצייגט, אויף דער אייגענער הויט, וואָס פאַר אַ פאַרברעכערישע און פאַרעטערישע ראָל עס שפּילט אין דער אַקציע די געטאָ־פּאָליצײ. אויף די ווענט פון די הייזער, וווּ עס האָבן זיך געפונען די לאָקאַלן פון דער געטאָ־פּאָליצײ, באַווייזן זיך קליינע פּלאַקאַטן, אַרויסגע־געבענע דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געשטעמפּלט אין שאַרפע ווערטער די געטאָ־פּאָליצײ, ״וועלכע האָט געהאָלפן די דייטשן אויסצומאָרדן 200.000 אונדזערע ברידער״.

דעם 20־טן אויגוסט 1942 איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן דער ערשטער שאָס מצד דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ישראל קאַנאַל, פון עקיבא, האָט שווער פאַרוווּנדעט דעם קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליצײ, יוזעף שערינסקי. דער דאָזיקער אַטענטאַט האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין געטאָ.

סוף אויגוסט האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַקומען דעם ערשטן

טראַנספּאָרט געווער פון דער אַרישער זייט, אַ דאַנק אירע פּאַרבינדלערס. דאָס זענען 5 רעוואָלווערן און 8 גראַנאַטן, וועלכע עס האָט געגעבן די געטאָ־קעמפער די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר. — קאָמוניסטן) און איר פּאָלקס־גוואַרדיע. די פרייד פון די יידישע קעמפער איז געווען גרויס. זיי האָבן שוין געפּלאַנט קאָנקרעט פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

מיט דער צייט איז די לאַגע אין געטאָ געוואָרן אומדערטרעגלעך. די אַקציע האָט געבושעוועט מיט אַן אומגעהויערע גרויזאַמקייט. סיי ביי טאָג און סיי אין די אָוונטן איז געווען געפערלעך צו באַווייזן זיך אויף דער גאַס.

איינער פון די הויפּטערעף־פּונקטן איז דאַן געווען דער שאָפּ (פאַבריק) פון האָלץ־אויסאַרבעטונגען O.B.W. (אָסט־דויטשע באַו־ווערק טישלעריי), וועמענס מיטאייגנטימער איז געווען אינזשיניער אַלעקסאַנדער (לייב) לאַנדאַו. דאָס איז געווען אַ וווּנדערבאַרער מענטש, אַ מוטיקער און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער. אָנגעהערט אַ מאָל צו פּועלי־ציון אין עסטרייך. שפּעטער, אין פּוילן איז ער געווען אַ פריינט פון החלוץ. נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן ביי אים, אין דער האָלץ־פאַבריק געאַרבעט חלוצים פון דער פאַרם אין גראָכאָוו ביי וואַרשע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און אין דעם קאָמיטעט פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו עונג־שבת. ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע אַקציע, איז זיין שאָפּ אויף גענשע 30, געוואָרן איינער פון די הויפּט־צענטערס פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָרט האָבן זיך געטראָפן טוער פון כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דאָרט האָבן זיי אַרומגערעדט די לאַגע און די פּלענער. אויך איך בין דאָרט געווען אַ גענוג אָפטער גאַסט.

לאַנדאַוס יונגע טאָכטער, מרגלית (עמילקאַ) איז געווען זייער אַקטיוו אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין די ראַמען פון השומר הצעיר. דאָס איז געווען אַ מוטיק מיידל. נאָך דער ערשטער אַקציע איז זי געווען טעטיק אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

ווען עס איז דעם 18־טן יאַנואַר 1943, אויסגעבראָכן די צווייטע אַקציע האָט עמילקאַ לאַנדאַו געקעמפט אויף די גאַסן פון געטאָ אין די ערשטע אָפּטיילונגען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען אַרויס צום באַוואָפנטן קאַמף. זי איז געווען, וואַרשיינלעך, די ערשטע יידישע פרוי, וועלכע האָט אין געטאָ געוואָרפן גראַנאַטן אויף די ס.ס.־לייט און דייטשע זשאַנדאַרמען. זי איז דאַן געפאַלן אין קאַמף.

אויך איר פאָטער, אַלעקסאַנדער לאַנדאַו, איז נאָך דער ערשטער אַקציע געווען ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון איר געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

איך בין געווען מיט אים אין האַרציקע באַציאונגען. ווען איך האָב אָנגעהויבן די

אונטערערדישע טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט איז לאַנדאַו געווען איינער פון מיינע פאַרבינדונג־מענטשן מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין געטאָ, ווייל, אַלס אייגנטימער פון אַ שאָפּ, האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט. מיר האָבן זיך געטראָפן, שטרענג קאָנספּי־ראַטיוו, אין אַ פּוילישן האָלץ־מאַגאַזין אויף ווספּולנע גאַס, אין אַ זייטיק צימערל, און דאָרט אַרומגערעדט די לויפנדע ענינים. ער האָט אויך געהאָלפן צו אַראַנזשירן מיין צוזאַמענטרעף אויף דער אַרישער זייט, מיט מיינע חברים, טוער פון די לינקע פּועלי־ציון: דר. עמנואל רינגעלבלום און מיטן מיטגליד פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, הערש בערלינסקי. דער טעלעפאָן אין זיין שאָפּ איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע קאָנטאַקט־טעלעפאָנען מיט די געטאָ־טוער, סיי פאַר מיר און סיי פאַר באַשיען, אין איר געהיימער רעטונגס־אַרבעט.
נאָך דער צווייטער אַקציע און נאָכן העלדישן טויט פון זיין 17־יעריקער טאָכטער, איז לאַנדאַו אַריבער מיט זיין משפּחה אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער איז ער אומגעקומען אין אוישוויץ.
נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער גרויסער אַקציע, איז ביי די לעבן געבליבענע יידן אין געטאָ פאָרגעקומען אַן איבערברוך לגבי דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.
דר. עמנואל רינגעלבלום האָט נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער אַקציע געשריבן:
"איצט איז געקומען די צייט פון חשבון־הנפש. מען וויל נעמען נקמה אין די שולדיקע". "דאָס רוב פונעם עולם וויל, אַז דער שונא זאָל טייער באַצאָלן פאַרן לעבן. מען וועט נישט דערלאָזן צו קיין בלאָקאַדעס. מען וועט זיך נישט לאָזן כאַפּן אין די גאַסן. נאַטירלעך וועט דער ווידערשטאַנד פאָרקומען נאָר דעמאָלסט, ווען ער וועט זיין אָרגאַניזירט. איצט מוז מען שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. קינד און קייט מוז זיך ווערן קעגן דעם שונא".
אין דער געענדערטער אַטמאָספער האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געגרייט דעם ווידערשטאַנד אויף אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער באַזע.

### נאָכוואָרט

איך האָב זיך־באַמיט אַרויסצורופן אין מיין זכרון די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ, די שאָטנס פון דעם כמעט האַלב־מיליאָניקן, לײדנדיקן און ברויזנדיקן יידישן ישוב, וואָס איז שוין נישטאָ, וואָס איז גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן און געוואָרן — געשיכטע... שאָטנס פון די, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע.
איך באַטראַכט די דאָזיקע זכרונות און רעפלעקסן אַלס אַ געוויסן חשבון־הנפש, נאָך העכער 30 יאָר, און אַלס אַ מין רעקוויעם נאָך דעם גרעסטן אויסגע־מאָרדעטן געטאָ אין פּוילן און אין אייראָפּע.
מיין טעטיקייט האָט זיך אָבער אין יענער טראַגישער תקופה נישט געענדיקט אין געטאָ.

ווען מיר, מיין פרוי און מיטקעמפּערין, באַשיע, און איך זענען דעם 5־טן סעפּטעמבער 1942, אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין אונדזער לעבן און אין אונדזער אונטערערדישער אַרבעט. ווען איך דערמאָן זיך איצט, נאָך העכער 30 יאָר, די דאָזיקע תקופה אין מײַן לעבן, איז מיר שווער צו גלייבן, אַז איך האָב דאָס אַלץ אַדורכגעמאַכט. דער דאָזיקער פּעריאָד אין אונדזער לעבן האָט געדויערט קנאַפּע צוויי און אַ האַלב יאָר, פֿון 5־טן סעפּטעמבער 1942 ביז דעם 17־טן יאַנואַר 1945, ווען מיר זענען אין אַ דאָרף ביי וואַרשע באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. די גאַנצע צייט האָבן מיר געלעבט אויף דער אויבערפלאַך, מיט אַרישע פּאַפּירן, אָבער אין אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע און געפערלעכע באַדינגונגען פון דרייפאַכיקער קאָנספּיראַציע: אַלס יידן, אַלס אונטערערדישע טוער און דערצו אַלס טוער פאַרבונדענע מיטן לינקן, רעוואָלוציאָנערן לאַגער אין פּוילן. 7 מאָל זענען מיר געווען (אויף דער אַרישער זייט) אויף דער שוועל פון טויט, מער ווי 7 מאָל געענדערט די דירות.

מיר האָבן די גאַנצע צייט געלעבט ווי אין פיבער, געאַרבעט אויסערגעוויינלעך אינטענסיוו, גאַנצע טעג און אַפילו נעכט, ווען איך האָב געשריבן פאַרשידענע אויפרופן און באַריכטן. מיר האָבן געלעבט מיט אַ געפיל פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער שליחות.

עס איז מיר איצט שווער זיך דאָס פאָרצושטעלן, אָבער אין דער דאָזיקער תקופה האָב איך געהאַט גלייכצייטיק 5 פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס: אַלס מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם קאָנספּיראַטיוון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַן (אַנטעקן) און דעם פאַרשטאָרבענעם דזשוינט־דירעקטאָר, דוד־דניאל גוזשיק; אלס מיטגליד פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און בונד; אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם קאָנספּיראַטיוון אַלפּוילישן ראַט צו העלפן יידן (זשעגאָטאַ), וואָס האָט געראַטעוועט טויזנטער יידן פון טויט; אַלס דער איינציקער יידישער דעפּוטאַט אין דעם אונטערערדישן פּוילישן, לינקן פאַרלאַמענט — אין נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט (ק.ר.נ.) און אַלס לייטער פון זיין אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים; אַלס פאָרזיצער פון דער קאָנספּיראַטיווער לייטונג פון די לינקע פועלי־ציון, וועלכע האָט אויף דער אַרישער זייט געטראָגן דעם נאָמען פ אַ ר ב אַ נ ד פ ו ן י י ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר.

די דאָזיקע אַלע פונקציעס זענען געווען פאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע באַציאונגען מיט פאַרשידענע פליגלען פון דער אויסערגעוויינלעך פאַרצווייגטער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג (אויסער פּוילישע פאַשיסטן) און אין אַ שפּעטערדיקער פאַזע, מיט אַ קאָמפּליצירטן קאָנטאַקט, דורך קאָנספּיראַטיווע בריוו, דעפּעשן און באַריכטן, מיט די פאָרשטייער פון יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס.

זינט אַפּריל 1943 ביז דער באַפרייאונג האָבן מיר די יידישע אונטערערדישע

אַרבעט, אויף פאַרשידענע געביטן, געטאָן צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַן (אַנטעקן), דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, די גאַנצע צייט — אין גייסט פון אַ האַרציקער קאַמפּס־ברודערשאַפט.

אויך אונדזער, באַשיעס און מיין, פּערזענלעך לעבן, וואָס איז געווען, טעג און נעכט, פאַרפלאָכטן מיט דער אונטערערדישער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז געווען זייער קאָמפּליצירט. דער דאָזיקער גאַנצער פּעריאָד פון דער יידישער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט מוז נאָך באַקומען אַ געהעריקע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור פון דער תקופה פון אומקום און געראנגל.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די מערהייט פון די געטאָ־קעמפער איז געפאַלן אין געראַנגל — מיט דער וויזיע פון אַ יידישן היימלאַנד. אַ גרויסער, באַדייטנדיקער טייל פון זיי — מיט דער וויזיע פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ־ישראל.

אָן קיין שום פראַזן אָדער איבערטרייבונג קאָן מען פעסטשטעלן, אַז זיי אַלע האָבן געקעמפט און געפאַלן אין קאַמף פאַרן יידישן כבוד און פאַר די צוקונפט פון יידישן פאָלק. זיי זענען אומגעקומען — כדי דאָס פאָלק זאָל לעבן!

אין יולי 1944, צום 2־טן יאָרטאָג פון דער ערשטער אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, איז דערשינען אַ פּראָגראַמאַטישער אויפרוף פונעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אין דער פּוילישער שפּראַך, אונטערן קעפּל: "די שטימע פון תהום". דער אויפרוף איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עגזעמפּלאַרן דורך דער יידישער און פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. עס איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז דעם אויפרוף האָב איך געשריבן, אין נאָמען פון פּרעזידיום פון דעם קאָמיטעט. אין דעם אויפרוף זענען געקומען צום אויסדרוק די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון דער מערהייט יידישע ווידערשטאַנד־קעמפער אין דעם פאָלגנדיקן זאַץ:

"פאַרן מבול פון פאַרגאָסענעם יידישן בלוט קאָן זיין בלויז איין היסטאָרישע רעקאָמפּענסאַטע — אַן אומאָפּהענגיקע יידישע, דעמאָקראַטישע מדינה, וווּ דאָס געפּייניקטע יידישע פאָלק וועט האָבן פולע מעגלעכקייטן פון אַ שעפערישער לעבן און אויפבלי".

דעם 24־טן מאַי 1944, האָבן מיר אַרויסגעשיקט אויף אַ קאָנספּיראַטיוון וועג, דורך דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, דעם פאָלגנדיקן בריוו צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל:

"דורך ימען פון בלוט און דורך בערג פון טויטע קערפּערס שיקן מיר אייך אונדזער ברידערלעכע ברכה. ווייניק זענען מיר פאַרבליבן.

מיר לעבן, אַרבעטן און קעמפן אונטער דער אומאויפהערלעכער דראָונג פון טויט. אין אונדזער לאַגע, ווען יעדער מאָמענט קאָן אונדז אַרויסרייסן פון לעבן, ווילן מיר איר זאָלט וויסן און געבן צו וויסן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, אַז

די יידישע אַרבעטער אין פּוילן האָבן אין דער פולער מאָס דערפילט זייער חוב. זיי האָבן געקעמפט מיט געווער אין האַנט פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק און זענען געפאַלן אין דעם אומגלייכן געראַנגל. געמוטיקט האָט זיי דער גלויבן אין דער צוקונפט פון אַ יידישן סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל.

אין נאָמען פון די לעבנגעבליבענע אַרבעטער און פון דער העלדישער יידישער יוגנט, וועלכע האָט געגעבן דעם גרעסטן בלוט־שטייער — פאַרבינדן מיר זיך מיט אייך אינעם קאַמף פאַר פרייהייט און דערלייזונג.”

אונטערגעשריבענע:

אַדאָלף (דר. אברהם בערמאַן), צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן) און יוסף (סאַק).

איצט, נאָך העכער 30 יאָר, איז קלאָר, אַז אונדזער קאַמף פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער מדינה איז נאָך נישט געענדיקט. אין אָנבליק פון די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זייער עגזיסטענץ און צוקונפט, ווערן די לעבן געבליבענע געטאָ־קעמפער און אונטערערדישע טוער, אָן אונטערשיד פון אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע איבערצייגונגען, צוזאַמען מיט אַלע יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם גיהנום פון וואַרשעווער געטאָ און פון אַלע אַנדערע געטאָס און טויט־לאַגערן, שטיין, ווי אַ מויער, אין שוץ פון מדינת־ישראל!

# אינדעקס

## א


אַבעל ראַיאַ (ראַיסאַ) 126.

אַבעלמאַן מינאַ 152.

אָבערסקאַ מאַריאַ 133.

אַבראַמאָוויטש זאב 196.

אגודת־ישראל 82, 92, 95, 144, 145, 181, 221—224, 228, 294.

אַדאַמאָוויטש אירענאַ 210, 212.

אַדלער אַלפרעד 26, 34.

אַדלער מאַריאַ, דר. 36. 128.

אַדלער פרידריך 19.

אויערבאַך רחל 22, 132, 139, 157, 160.

אוישוויץ (לאַגער) 21, 70, 72, 97, 203, 216, 217, 297.

אומיאַסטאָווסקי, קאָלאָנעל 52.

אונגער (שול־טוער פון אגודת־ישראל) 144.

אוסטראָן (דאָרף) 48.

אָזשעך מאַוריצי 95, 223, 228—231.

אָטוואָצק (שטעטל) 49—51, 108, 122, 133.

איוואַנסקי הענריק (ביסטרי) 220.

אייזנשטאַדט ברוך, דר. 29.

אייזנשטאַדט דוד 173.

אייזנשטאַדט מרים (מאַרישיאַ) 173, 174.

אייזנשטאַדט שמאול, פּראָפּ. 29.

אייכמאַן אַדאָלף 286, 288.

אייכנער ראָזאַ, דר. 108.

איינהאָרן אהרון 224.

אירוסקאַ מאַריאַ 210.

א.ל. — אַרמיאַ לודאָוואַ 117, 127, 199, 209, 241, 244, 260.

אַלגעמיינע ציוניסטן 87, 91, 95—97, 99, 144, 148, 149, 158, 165, 199, 207, 213, 214, 219, 256, 294.

אַלטמאַן טאָשיאַ 211, 295.

אַלטער וויקטאָר 42.

אָליצקי ברוך 236.

אַלעף גוסטאַוו (באָלקאָוויאַק; באָלעק) 116, 117, 153, 257, 261.

אַמסטערדאַם שאול (העניקאָווסקי) 254.

אַנילעוויטש מרדכי 203—209, 212, 234, 256, 258.

אַנקערמאַן חיים 239, 240, 251.
אָסאָוויצקי (לייטער פון אַ קינדער־היים) 50.
אָסאָווסקי סטאַניסלאַוו, פּראָפּ. 271.
אָסטערוואַ יוליוש 131.
אָסטשעגאַ אברהם 158.
אָפּאָטשינסקי פּרץ 198.
אַפּעל (פּעדאַגאָגין) 115.
אַפּעלקיר רות 115, 152, 275.
אָפּענהיים בער, דר. 38.
אַפּפּעלבאַום עמיל, דר. 167.
אַפּפּעלבוים דוד 219.
א.ק. — אַרמיאַ קראַיאָוואַ 62, 207, 209, 210, 220, 244.
אַרבוז ח. (דערציער) 152.
אָרט 55, 84, 87, 119, 146, 282.
אַרטשטיין זכריה 203.
אָרלאָווסקי וויטאָלד, פּראָפּ. 168.
אָרלעאַן י.ז. 144, 223.
אָרלעסקאַ מרים 132.
אָרנשטיין מאַרק (מאַרעק אַנדזשעי) 131, 133.
אַש שלום 156.
אַשענדאָרף ישראל 237.

## ב

באָגאָטאַ צעלינאַ 151.
באָגדאַנאָוו (מאַלינאָווסקי אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש) 19, 24.
באָגדאַנאָוויטש ש. 133.
באַוער אָטאָ 19.
באַזעל (שטאָט) 185.
באַלאַבאַן מאיר, פּראָפּ. 89.
באַלאַבאַנאָוואַ אַנדזשעליקאַ 19.
באַלעי סטעפאַן, פּראָפּ. 105.
באַמזע נחום 237.
באָראָווסקי אַדאַם (אַרישער נאָמען פון אַדאָלף בערמאַן) 232.
באָראָכאָוו בער 21, 29, 156, 192, 193, 225.
באַרביס אַנרי 205.
באַרליצקי נאָרבערט 33, 71.
באָרנשטיין יצחק 94, 95.

בודזין (לאַגער) 103, 104, 215, 220.
בוטשינסקי וולאַדיסלאַוו (דעמביאַק קאַזשיק) 238.
בונד 42, 48, 66, 72, 85, 95—97, 108, 110, 143, 181, 185, 187, 206,
224—234, 256, 298.
בוקסבוים נתן 189.
ביאַליסטאָק (שטאָט) 100, 201, 202, 238.
ביאַליק חיים־נחמן 142, 156, 157.
ביאַלער יהודה לייב 46.
ביכערשטיין מאַרק 91.
ביעלסק־פּאָדלאַסק (שטאָט) 253.
ביענקאָווסקי וויטאָלד 62.
ביערוט באָלעסלאַוו 14.
ביערנאַצקאַ באַרבאַראַ (באַשיע בערמאַן) 44, 105.
ביערנאַצקי מיכאל (אַדאָלף בערמאַן) 105.
בית־יעקב (שול־ריכטונג) 144, 223.
בית לוחמי הגיטאות 44.
בית״ר — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 219.
בלאַטמאַן דאָראַ 126.
בלאָך אליעזר ליפּע 87—89, 103, 114, 144, 158, 160, 214.
בלאָנעס אליעזר (לושיעק) 233.
בלאָנעס גוטאַ 233.
בלאָנעס יורעק 233.
בלאַסקאָוויץ יאָהאַנעס, גענעראַל 58.
בלוישטיין יצחק 203.
בלום אברהם (אַבראַשאַ) 143, 230, 231, 256.
בלום הענריק 122.
בליט לוציאַן 143, 192.
בעבעל אויגוסט 12.
בעזפּאַלאָוו שרה 151.
בעלזשעץ (לאַגער) 150.
בענדין (שטאָט) 202.
בעק יוזעף 51.
בער געניאַ 191.
בערגנער הערץ 237.
בערגען־בעלזען (לאַגער) 103.
בערלין (שטאָט) 197.
בערלינסקי הערש 191, 192, 194, 195, 207, 236, 239, 297.
בערמאַן איסר־לייב (איזידאָר) 10.

בערמאַן אירענאַ 15.
בערמאַן אַננאַ (וואָלק) 15, 272.
בערמאַן באַשיע (טעמקין) 13, 43—48, 53, 56, 64, 71, 76, 77, 80, 102, 105, 108, 109, 118—121, 124, 129—132, 136—139, 161, 177, 191, 199, 203, 204, 236, 242, 253, 260, 270, 272, 274—279, 282, 285, 297—299.
בערמאַן גוטע (גוסטאַוואַ בערניקער) 11.
בערמאַן יעקב (יאַקוב) 13, 14, 16, 23, 31, 38, 49, 52, 102, 238.
בערמאַן שמואל, דר. 12, 13, 16, 39, 167, 169, 272.
בערנשטיין (דערציערין) 151.
בערנשטיין עדוואַרד 175.
בערענהאָלץ אסתר 151.
בראָדאַצקאַ מאַריאַ 63.
בראַודא ישעיהו — זע בראַודע ישעיהו (שיע).
בראַודע־העללער אַננאַ, דר. 152, 167, 168.
בראַודע ישעיהו (שיע) 126, 145.
בראַודע מיראַ 126.
בראַודע עוגעניוש 152.
בראַוכיטש וואַלטער פאַן, גענעראַל 58.
בראַון (אינדוסטריעלער) 111.
בראַון דאָראַ 151.
בראַון פאָלאַ 177.
בראַז חנה 132.
בראַנד חיים (מיעטעק) 38.
בראַנדט קאַרל־געאָרג 71, 277, 292.
בראַנדשטעטער מיכאל, דר. 164, 215.
בראָניאַטאָווסקאַ (דערציערין) 108, 289.
בראָניעווסקי וולאַדיסלאַוו 41.
בראַסלאַוו שמואל 160, 208, 209, 260, 285, 294.
ברוידא בערל 203.
ברוידא מאַרקוס, דר. 89.
ברוידא שיע (ישעיהו) — זע: בראַודע ישעיהו.
ברוסקין פאַוועל 243.
בריאַנסקי י., אַדוואָקאַט 64, 100.
בריסל (שטאָט) 94.
בריסק (שטאָט) 33.
ברעגמאַן אַלעקסאַנדער 245, 246.

## ג

גאָטעסמאַן שמעון 199.
גאָלאָמב־גרינבערג אַלאַ 127.
גאָלדבערג י. (דיריגענט) 134.
גאָלדין אהרון 52, 99.
גאָלדפאַרב מרדכי 147.
גאָלדפעדער א. (פּיאַניסט) 177.
גאָלדקאָרן מאַרעק 107, 116, 289.
גאָלדשטיין בערנאַרד 231.
גאָלדשיידער־גאָרינסקי לודוויק, דר. 106.
גאַלעווסקי אַלפרעד 125, 153.
גאַמאַרניקאָוו בעטי (גאַמאַ) 279.
גאָמולקאַ וולאַדיסלאַוו 14.
גאָנשיאָר דאַנקאַ 134.
גאָרדאָן משה 16.
גאָרדאָן שמואל־לייב (של"ג) 16.
גוזשיק דוד־דניאל 94, 95, 181, 199, 214, 298.
גוטמאַן חנוך 203.
גוטקאָווסקי אליהו 160, 161, 163, 193, 198, 200.
גורדוניה — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 217, 251.
גורדוס־קאַמינסקאַ א. 134.
גורני יחיאל 195.
גורסקי וולאַדיסלאַוו 33.
גזשיוואַטש נחום 159, 192.
גיטלער יוסף (באַרסקי) 101—103, 111, 136, 142, 143, 147—149, 152, 221, 240, 257.
גיטלער צעלינאַ 102.
גיטערמאַן יצחק 35, 94—97, 145, 156, 157, 160, 285, 286.
ג.ל. — גוואַרדיאַ לודאָווא 153, 202, 241, 244, 252, 257, 258, 261—263, 267, 296.
גלאַטשטיין יעקב (קאָמפּאָזיטאָר, דיריגענט) 134, 135.
גלאַטשטיין ישראל 134.
גליזער א. 125.
געבירטיק מרדכי 142.
געבלעוויטש עוגעניוש 34.
געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער 29, 37, 48.
געלער אליעזר 217.

געפּנער אברהם־אַדאָלף 83, 84, 95, 109, 110, 140, 167, 181.
גראַבאָווסקי הענריק 210.
גראָבער־יאַנאָווסקאַ שרה 107, 289.
גראָוואַס מרדכי 212.
גראַיעק שלום (סטעפאַן) 197.
גראָכאָוו (לאַנד־פאַרם) 123, 201, 296.
גרובער דוד 159, 192.
גרוזאַלץ לייב 233.
גרייפּעל זשיוטאַ (איזאָלדאַ; קאָוואַלסקאַ קריסטינאַ) 126, 127, 153, 257.
גרינבוים (דערציערין אין מעדעם־סאַנאַטאָריע) 151.
גרינבוים יצחק 40, 213.
גרינשפּאַן יורעק 243.


## ד


דאָמבראָווסקי (דערציער) 108, 289.
דאַניעל נועמי 115.
דויטשער איזאַק 237.
דזשוינט 35, 50, 54, 55, 81, 87, 93—97, 99, 101, 103, 110, 122, 140, 145, 147, 156, 158, 166, 181, 189, 199, 214, 223, 230, 285, 294, 298.
דיאַמענט אברהם 195.
דיבואַ סטאַניסלאַוו 21, 33, 72.
דימיטראָוו געאָרגי 243.
דרור — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 79, 134, 144, 163, 164, 180, 195, 198, 200—203, 206, 212, 216, 256, 258, 262, 264, 266, 294, 295.


## ה


האָכבערג דוד 233.
האַלבערשטאַדט סטעפאַניאַ 115.
האָלצמאַן (דערציער) 152.
האַמערמאַן ישראל 172.
האַנדלסמאַן מאַרצעלי 27.
האַנטאָווער (צענטאָס־טוערין) 134.
האָפּמאַן (האַנטווערקער־טוער) 35.
האָרוויץ־וואַלעצקי מאַקסימיליאַן 20, 21, 237.
האָרוויץ קאַשיאַ 21.
הובאַלאַ דאָבזשאַנסקי הענריק 72.
הובערבאַנד שמעון, הרב 160, 223.

הולעוויטש וויטאָלד 61.
החלוץ 84, 123, 144, 198, 200, 201, 256, 258, 264, 266, 294, 296.
החלוץ הדתי 222.
החלוץ הצעיר — יוגנט־פאַרבאַנד 198.
היטלער אַדאָלף 58, 265.
הילפשטיין חיים, דר. 91.
הימלער היינריך 264.
הירשפעלד לודוויק, פּראָפ. 164—166.
הנגבי דוד 203.
הנוער הציוני 216.
העלער בינעם 236, 237.
הערצל טעאָדאָר (זאב) 158, 174, 215.
הערצליך־בליט פייגע (פעלאַ) 143, 192, 193.
הערשאַפּט אַדאַם 158.
הפּועל — ספּאָרט־קלוב 12, 39, 258.
הפּועל המזרחי 144.
הרוביעשאָוו (שטאָט) 262.
השומר הצעיר 45, 72, 117, 144, 157, 160, 180, 191, 199, 200, 203—206, 208—212, 216, 240, 249, 251, 255, 256, 258, 262, 285, 294—296.
התאחדות (פּאַרטיי) 135, 144, 158, 217.

ו

וואַווער (שטעטל) 61.
וואַידע משה — זע: ווײַדע משה.
וואַלד בנימין 203.
וואָלינסקי הענריק (וואַצלאַוו) 210,211.
וואָלפאָוויטש אברהם 146.
וואָלק פּאַוועל, דר. 15, 272.
וואָנגראָווסקי מיעטשיסלאַוו 32.
וואַנדורסקי וויטאָלד 238.
וואַסער הערש 88, 155, 157, 160, 161, 193.
וואַסערמאַן פּנחס 222, 285.
וואַרסקי־וואַרשאַווסקי אַדאָלף 237.
וואַשילעווסקאַ וואַנדאַ 41, 42.
ודאָווינסקי דוד, דר. 103, 219—221.
ווינאַ וולאַדיסלאַוואַ (וולאַדקאַ) 275.
וויגאָדזקי סטאַניסלאַוו 237.

וויטוויצקי וולאַדיסלאַוו, פּראָפ. 24—26, 36, 114, 206.
וויטעל (לאַגער) 214.
וויטעק (א.ל.—אָפּיציר) 244.
ווידע משה 191.
ווייכערט מיכאל, דר. 35, 90—92, 148, 149.
וויינטרויב וו. (קינסטלער) 158.
וויינקיפּער מיעטשיסלאַוו (וואַטראַשעק מיעטעק) 252, 258—261, 263, 285.
וויינקיפּער עמילקאַ 260.
ווייץ עמיל 109—111.
ווילטשינסקאַ סטעפאַניאַ (סטעפאַ) 106, 289.
ווילנע (שטאָט) 118, 137, 201, 208, 230, 236.
ווילנער אריה (יורעק) 199, 208—211, 295.
ווין (שטאָט) 134.
ווינאָגראָן שלמה 212.
ווינטער שמואל 84, 139.
וויעליקאָווסקי גוסטאַוו (גמזו), אַדוואָקאַט 90, 92, 148, 277, 278, 280.
וויראָווסקי בנימין 145, 157, 231.
ווישניאַצקאַ ראָמאַנאַ, דר. 26, 151.
וולאָסקאָ דוד (טאַדעק) 267.
ווקסאָלאָווסקי יאַן 130.
ווקסבי איוואָ 133.
וואָראָנסקי הערשל 195.
וואָראָנסקי יאָסל 37, 195.


## ז


זאַבלודאָווסקיבנימין 90, 91, 99, 101, 148, 149.
זאַבלודאָווסקי ריטאַ 151.
זאַגאַן שכנא 42, 53, 95, 143, 145, 155, 157, 160, 181, 184, 186, 188—190, 193, 223, 236, 239, 251, 253, 256, 258, 264, 268, 271, 272, 294.
זאַטאָרסקאַ זאָפיאַ (זאָשיאַ) 238.
זאַטאָרסקי ישראל 238.
זאָמערשטיין עמיל, דר. 32.
זאַקאָפּאַנע (שטעטל) 170.
זאַקס י. (כאָר־דיריגענט) 158, 173.
זאַרעמבאַ זיגמונט 72.
זבאָנשין (שטעטל) 50, 116.

ז.ה.פ. — פוילישער סקויטן־פאַרבאַנד 105.
ז.וו.ז. — פוילישער פאַרבאַנד פון באַוואָפנטן קאַמף 62, 71.
זונדעלעוויטש אירענאַ 151.
זיגעלבוים מאַניאַ 108.
זיגעלבוים שמואל (אַרטור) 108.
זילבערבערג הענריק 243.
זילבערבערג רחל 126.
זילבערשטיין קאַראָל 110.
זיסמאַן יוסף (זשיעמיאַן יוזשיאָ) 120, 129.
זניטש מיכאל (פייערטאָג) 132, 133.
זעלוועראָוויטש אַלעקסאַנדער 131.
זעלמאַנאָווסקי חיים 163, 198.
זעמבאַ מנחם, הרב 224.
ז.פ.פ. — פאַרבאַנד פון פוילישע פאַטריאָטן 14, 254.
זרובבל יעקב 189, 196.
ז.ר.ס.ס. — פאַרבאַנד פון אַרבעטער־ספאָרט־קלובן 39.
זש.אָ.ב. — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — זע: ייק״אָ.
זשאַבאָטינסקי זאב 218, 219.
זשאַבינסקי אַנטאָנינאַ 22.
זשאַבינסקי יאַן, דר. 22.
זשאַגעוו — זע: פאַקעל.
זשאָליאָ־קירי, פראָפ. 240.
זש.ז.וו. — יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד 181, 218—220.
זשיטשע — פוילישער קאָמוניסטישער סטודענטן־פאַרבאַנד 32, 259.
זשיעמיאַן יוסף (יוזשיאָ) — זע: זיסמאַן יוסף.
זשירעווע (שטאָט) 10.
זשעגאָטאַ — יידיש־פוילישער ״ראַט צו העלפן יידן״ 10, 62, 207, 226, 232, 244, 298.
זשענעוו (שטאָט) 53, 117, 186.

## ח

חורב (שול־ריכטונג) 144, 223.
חרות — סטודענטן־אָרגאַניזאַציע פון פוע״צ צ.ס. 31.

## ט

טאַגליכט ה. (אַדוואָקאַט) 151.
טאַובענשלאַג ר. (פעדאַגאָג) 152.

טאָובער מאיר, דר. 164.
טאָז — ידישע געזונטהייט־שוץ געזעלשאַפט 55, 71, 87, 90—92, 114, 119, 127, 147, 165, 239, 242, 257, 266, 274.
טאָפּאָראָל — געזעלשאַפט צו שטיצן לאַנדווירטשאַפט ביי יידן 77, 87, 91, 92, 119, 122, 123.
טאַרנאָוו (שטאָט) 110.
טהאָן גיזעלאָ, דר. 149.
טהאָן יהושע, דר. 150.
טווים יוליאַן 25.
טורקאָוו יאָנאַס 89, 156, 157, 170.
טייטעלבוים (סאַטיריקער) 177.
טיש אליהו, דר. 91, 148, 149.
טענענבוים־טאַמאַראָף מרדכי 200, 201, 256, 258, 264.
טראַווניקי (לאַגער) 53, 220, 270.
טרעבלינקע (לאַגער) 11, 13, 15, 26, 102, 104, 107, 109, 110, 116, 123, 125, 150, 153, 176, 179, 190, 197, 202, 233, 270, 272, 275, 280, 286, 290, 295.
טשאַפּלינסקי (צוויי ברידער) 292.
טשענסטאָכאָוו (שטאָט) 201, 202.
טשערווינסקאָ לודוויקאָ 134.
טשערניאַקאָוו אַדאַם 62, 81—86, 91, 115, 123, 140, 146, 158, 164, 167, 183, 184, 189, 228, 263, 264, 291.
טשערניאַקאָוו יאַן 82.
טשערניאַקאָוו פעליציאַ 82, 109, 140.
טשערסקי פּנחס 97, 158.

י

יאַגאָדזשינסקי משה 240.
יאַסקאַ־ראָזשען, גענעראַל 63.
יאַראַטש סטעפאַן 131.
יאַראָטשין (אָרט) 281.
יאַשונסקי יוסף 84, 85, 90—92, 139, 148.
יאַשיענסקי ברונאָ 238.
יבנה (שול־ריכטונג) 144, 222.
יוגנט — אַרבעטער יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוע״צ לינקע 29, 33, 192, 194, 195.
יוגנט — סטודענטן־פאַרבאַנד פון פּוע״״צ לינקע 28, 31, 32, 45.
יודנראַט 62, 64, 67, 68, 71, 81—86, 89—93, 95, 97, 115, 146, 155, 160,

164, 165, 183, 189, 215, 222, 223, 228, 235, 255, 263, 276, 281, 282, 288, 290, 294.
יוזשוויאַק פראַנציִשעק (גענעראַל וויטאָלד) 244.
יונגבאָר — קינדער־אָרגאַניזאַציע פון פּועל־צ לינקע 194.
יוסטוס ה. 34.
יידישע סאָציאַלע אַליינהילף 59, 68, 69, 71, 81, 85, 87—97, 101, 113—115, 119, 120, 122, 126, 127, 135, 144, 145, 155—158, 160, 165, 170, 171, 180, 188—190, 193, 195, 197, 207, 209, 211—214, 216, 219, 221—223, 230, 231, 242, 266, 278, 280, 294, 296.
יידישע פאָלקס־פּאַרטיי (פאָלקיסטן) 146.
יידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע 55, 56, 60, 81, 87, 94, 195, 206, 207, 214, 226, 232, 243, 298.
יידישער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק 43, 73, 93, 117, 152, 180, 190, 193—195, 198, 200, 202, 206, 209, 226, 230, 234, 236, 242, 247—249, 252, 255—259, 262—268, 271, 279, 285, 294.
יידישער הילפס־קאָמיטעט — יי.ה.ק. 92, 95, 278.
יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט — זש.ק.נ. 44, 70, 96, 97, 103, 120, 121, 129, 153, 161, 191, 195—199, 202, 206, 207, 214, 220, 226, 232, 234, 244, 247, 260, 297—299.
ייוואָ — יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט 96, 118, 156.
ייט״אַ — יידישער טעלעגראַפן אַגענטור 13.
ייק״אָ — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע 70, 84, 85, 88, 93, 95, 97, 102, 111, 153, 164, 194, 197, 198, 200, 204, 206, 207, 209, 212, 215, 216, 218, 224, 227, 231, 233—235, 240, 243, 244, 247, 256, 257, 266, 268, 271, 292, 294—297, 299.
ייקאָ״ר — יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע 84, 89, 96, 119, 126, 132, 145, 155—158, 189, 193, 231.
יצחקי יצחק 196.
ירושלים (שטאָט) 25, 46, 286.

## כ

כאָלאָדענקאָ דוד 231.
כאָלעוואַ (טוער פון דער ״אַליינהילף״) 89.
כאָראָנזשיצקי, דר. 125.
כ״ץ לייב 144, 152, 197.

## ל


לאָדזש (שטאָט) 40, 54, 72, 100, 121, 125, 134, 194, 282.

לאָוטענבערג (אַדוואָקאַט) 151.

לאַופּער שלמה 192.

לאַזאָווערט (מוטער פון לאַזאָווערט הענריקאַ) 151.

לאַזאָווערט הענריקאַ 98, 177.

לאָזער סטאָלאַר (ריכטער) 191.

לאַמפּע אַלפרעד 254.

לאַנגע אָסקאַר, פּראָפ. 14.

לאַנדאַו אַלעקסאַנדער (לייב) 296, 297.

לאַנדאַו לודוויק 161, 162.

לאַנדאַו מיכאל 121.

לאַנדאַו מרגלית (עמילקאַ) 296.

לאָנדאָן (שטאָט) 32, 46, 62, 108, 161, 220, 234, 245, 246.

לאַקס, פּראָפ. 165.

לובלין (שטאָט) 70, 100, 269, 270.

לובלינער (דערציערין) 152.

לובעטקין צביה (צעלינאַ) 84, 198—220, 258, 266, 294, 300.

לובעלסקי שמעון, דר. 48, 49, 63, 64.

לוואָוו (לעמבערג — שטאָט) 40, 41, 63, 99, 237.

לוחמי הגיטאות (קיבוץ) 203.

לוקסמבורג ראָזאַ 19, 188.

ליבערמאַן הערמאַן 33

ליבקנעכט קאַרל 188.

ליווערפּול (שטאָט) 63.

לייבאָוויטש אברהם (לאַבאַן) 202.

לייוויק ה. 156.

לייזעראָוויטש (צענטאָס־טוערין) 134.

ליימאַן שמואל 156.

לייפּציג (שטאָט) 243.

לייקין יעקב 281, 282, 291.

ליכטנשטיין (דערציערין) 152.

ליכטנשטיין ישראל 139, 152, 155, 157, 159, 160, 192, 193.

ליכטענבוים מאַרעק 85, 277, 278, 292, 293.

ליכטענבערג (פּסיכאָלאָג) 151.

לינדער מנחם 139, 145, 156, 157, 160, 183, 269.

ליס קלמן 50, 51, 237.

ליפּאָווסקי יצחק 157, 160.
לעדעבור געאָרג 19.
לעוו יצחק 38, 189.
לעוואַרטאָווסקי יוסף 152, 241, 243, 253—260, 263, 264, 268.
לעווין אברהם 160.
לעווין גרשון, דר. 177.
לעווין לייזער 197.
לעווין מיראַ 177.
לעזער הענריק, דר. 99.
לענט הערש 193, 258.
לענט שאנן 193.
לענסקי־לעשטשינסקי יוליאַן 237.
לעשטשינסקי יעקב 156.

## מ

מאָדזשעלעווסקי זיגמונט 14.
מאַהלער רפאל, דר. 13, 14, 28, 42.
מאַוּער דוד 110.
מאַזאָ מרדכי 132, 145, 157.
מאַזשינסקאַ (צענטאָס־טוערין) 134.
מאַטהאַוּזען (לאַגער) 215.
מאַידע סעווערין 295.
מאָלאָדאָווסקי קאַדיע 236.
מאָלאָטאָוו וויאַטשעסלאַוו 249.
מאַנגער איציק 46.
מאַנדעלקאָרן פראַנקאַ 151.
מאָסטקאָוו ר. (דערציערין) 144.
מאָסקווע (שטאָט) 248, 254.
מאָפּר — אינטערנאַצ. אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר פּאָליט. אַרעסטירטע 255.
מאָקרסקאַ (טוערין אין דער פּרויעץ־קאָמיסיע) 88.
מאָרגענשטערן יוחנן 144, 197.
מאָרדכעלעס (שול־טוער) 151.
מאַרכלעווסקי יוליאַן 20, 21.
מאַרק בער, פּראָפ. 236, 237.
מאַרקין אסתר, דר. 26, 27, 114, 206.
מאַרקס קאַרל 19, 20, 175.

מאַשקאָווסקי (ראָשקאָווסקי) רישאַרד 170.
מונד קאַראָלינאַ 151.
מונדלאַק רעגינאַ 158.
מורזשאַן (דערציערין) 152.
מושקאַט ז., דר. 108.
מזרחי (פּאַרטיי) 144, 221, 222, 224.
מיידאַנעק (לאַגער) 270.
מיידע סעווערין — זע: מאַידע סעווערין.
מייזיל נחמן 42, 237.
מייזעל מאַוריצי 228.
מייעראָוויטש מאַרעק (מאיר) 198.
מיכאַלאָוויטש יעזשי, דר. 39, 40.
מיכאַלאָוויטש מיעטשיסלאַוו, פּראָפ. 39.
מילייקאָווסקי מיכאל, דר. 165, 166, 168, 215.
מינאָוויטש עדמונד 133.
מינסק (שטאָט) 14.
מינץ טאָלאַ, דר. 108.
מיעדזעשין (שטעטל) 108, 226.
מיקוניס-ווייעליקאָווסקאַ סלאַוואַ 90.
מיקוניס שמואל 91.
מירסקי מיכאל 42, 237.
מכבי — ספּאָרט-קלוב 99.
מעדעם וולאַדימיר 108, 266.
מעזריטש (שטאָט) 262.
מענדע גערהאַרד 71, 277, 292.
מערעטיק שמואל (צימערמאַן אַדאַם) 242, 253—255, 267.
מערענהאָלץ העלענאַ (קרוליקאָווסקאַ סטאַשיאַ) 120, 129.
מרגלית א., דר. 151.

נ

נאַדסאָן סיעמיאָן 17.
נאָוואָגרודזקי סאָניאַ 143, 145, 157, 226, 231.
נאָוואָגרודזקי עמנואל 143.
נאָוואָגרודעק (שטעטל) 250, 251.
נאָוואָדוואָרסקי דוד 212.
נאָוואָטקאָ מאַרצעלי 241, 243.
נאָז (פּאַרמאַצעווט) 273.

נאַטאַנבלוט אַננאַ 112, 146.
נאַלקאָווסקאַ זאָפיאַ 41.
נוידינג יאַנינאַ 128, 245.
נוידינג יעזשי 128, 245.
נויטייך מאַריאַן 172, 173.
נוישטאַדט לעאָן 55, 94, 95, 97, 99, 100, 145.
נוסענבלאַט נפתלי (טולאָ) 158, 215.
ניעדזיאַלקאָווסקי מיעטשיסלאַוו 21, 70.
נירנבערג ש. — זע: זאַגאַן שכנא.

## ס

סאַוויצקאַ אירענאַ 244.
סאָלסקאַ אירענאַ 131.
סאַמבערג אייזיק 132.
סאַמסאָנאָוויטש איגנאַצי 226.
סאָציאַליסטן־ציוניסטן (ס״ס׳) פּאַרטיי 90, 96, 278.
סאַק יוסף 144, 163, 197, 258, 264.
ס.ד. — פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי 195.
סודאָוויטש ישראל 123, 125.
סטאָלאַק אברהם 195.
סטאַלין יוסף וויסאַריאָנאָוויטש 20.
סטאַנדע סטאַניסלאַוו־רישאַרד 238.
סטאַרזשינסקי סטעפאַן 54, 61.
סטרוג אַנדזשעי 21, 41.
סטריקאָווסקי מיכאל, דר. 218.
סילקעס געניאַ 151.
סימכאָוויטש ראָזאַ, דר. 117—119, 130, 139.
סירקין־בינשטיין, דר. 167.
סלאַווי־סקלאַדקאָווסקי, גענעראַל 51.
סלאָנים (שטאָט) 10.
סמאָליאַר הערש 192.
סמאָליאַר נתן 139, 143, 145, 160, 192.
סעגאַלאָוויטש קלאַראַ 95, 97.
סעקשטיין געלאַ 141, 152.
ספּאַרד דוד 42, 236, 237.
ספּאַרטאַקוס — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד 72, 238, 240.
סקוטשקאָווסקי שלמה 222.

## ע


עדעלמאַן מאַרעק 233.

עדעלמאַן שמואל (מולע) 196.

עונג־שבת — געטאָ־אַרכיוו 44, 84, 88, 96, 155, 157—161, 166, 180, 184, 189, 192, 195, 198, 208, 209, 223, 239, 296.

עטקין רוזשאַ 170.

עלסטער פּאָלאַ 56, 191, 195, 236, 266.

עלסטער־ראָטענבערג בעלאַ (וואַנדאַ) 191.

ענגעלס פרידריך 19.

עק נתן, דר. 158, 164, 217.

עקיבא — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 111, 216, 294, 295.

ערליך אליהו 191, 195.

ערעם משה 196.


## פ


פּאָזנאַנסקי עדוואַרד, דר. 45.

פּאָזנאַנסקי שמואל, דר. 25.

פּאָלמאַן וואָלף (וואַצעק) 202.

פּאָלמאַן מאַרעק 202.

פּאָלמאַן שושנה (יאַדוויגאַ) 202.

פּאָלמאַן־ראַבאַן חווה 203.

פּאַלמירי (אָרט) 267.

פּאַלעניץ (שטעטל) 108.

פּאַלק ישראל 103, 147.

פּאַלקס־גוואַרדיע — זע: ג.ל. — גוואַרדיאַ לודאָוואַ.

פּאַמפּער (אַדוואָקאַטין) 151.

פּאָניאַטאָוו (לאַגער) 120, 127, 132, 135, 191, 195, 270.

פּאַסענשטיין מאַרעק 124, 125.

פּאַקעל — יידישער קאָמוניסטישער סטודענטן־פאַרבאַנד 14, 31, 32, 245.

פּאָקשאַנסקי לעאָניד 177.

פאַרבאַנד פון יידישע אַרבעטער — זע: פּועלי־ציון לינקע.

פאַרבער יוסף 212.

פּאַריז (שטאָט) 70, 118, 128, 170.

פּושאַק קאַזשימיעזש 72.

פּוכרער מיראַ 207.

פּולמאַן שמעון, פּראָפ. 109, 170, 172, 173.

פּונדאַמינסקי אפרים־עדוואַרד (אַלעקסאַנדער) 243.

פוסוועק בלומאַ (קלימאַ; באָגושיאַ) 128—130, 138.
פוסוועק יוסף, דר. 128.
פועלי־ציון לינקע 21, 29, 31—34, 37—40, 42, 45, 48, 49, 53, 55, 56, 72, 73, 94—96, 124, 143, 145, 152, 155, 157, 159, 160, 175, 181, 184—186, 188—191, 193—197, 203, 204, 206, 208, 225, 226, 228, 231, 235—237, 239, 241, 242, 244, 248, 249, 251—253, 256—259, 261, 262, 264, 266, 268, 271, 297, 298.
פועלי־ציון צ.ס. 12, 31, 100, 120, 121, 134, 143, 160, 181, 193, 196—198, 202, 206, 256, 258, 264.
פורמאַנסקי אַדאַם 172.
פיאָניער — קאָמוניסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציע 15.
פיזשיץ קאָפּל 135, 136, 144.
פייגענבלאַט יעקב (יאַצעק) 217.
פייווישיס ישראל 134—136, 158, 172, 173.
פיינער לעאָן, דר. (מיקאָלאַי; בערעזאָווסקי) 206, 207, 266, 232.
פיינקינד מלך 195, 196.
פילאַדעלפיע (שטאָט) 175.
פילאָזאָף אירענאַ, דר. 115, 133.
פילסודזקי יוזעף, מאַרשאַל 31, 33, 37.
פינדער פּאַוועל 240, 241, 243.
פינקערט יעקב (אַדוואָקאַט) 109, 291.
פינקערט מאַריאַ (מרים) 109, 291.
פ.י.ר. — אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג 117.
פירסט ישראל 292, 293.
פישגרונט סאַלאָ (הענריק) 226.
פישהאַוט יוסף, פּראָפּ. 172.
פישמאַן לודוויקאַ 151.
פישעלזאָן אברהם 258.
פישער לודוויג 75.
פלאָטניצקי חנטשע 203.
פלאָטניצקי פרומקע 203, 295.
פ.ל.א.ק. — פּוילישע פאָלקס־אַקציע פאַר אומאָפּהענגיקייט 62, 63, 220.
פלוצער־סאַרנאַ טאַדעאוש 101.
פלידערבאַום י., דר. 167.
פ.ס. — פּאַרטיי פון פּוילישע סאָציאַליסטן 245.
פעטערזייל יעקב 28.

פעטריקאָווסקי אַנדזשעי (טאַרנאָווא) 220.
פעלדוורם יהודה (פעלד; יולעק) 160, 239, 251, 257.
פעקער ערנאַ 151.
פערלע יהושע 293.
פערלשטיין לאה 295.
פ.פּ.ס. — פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי 20, 33, 39, 41, 70, 71, 161, 175, 232.
פ.פּ.ר. — פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי 14, 117, 127, 130, 206, 234—236, 239—244, 252—259, 261—264, 266, 267, 296.
פראַנק אַננאַ 287.
פראַשקער יעקב 216.
פרוג שמעון 17.
פרויד זיגמונד 34.
פרוכניק אַדאַם, דר. 21, 72.
פרושיצקאַ שילאָנש 141.
פרידהיים וולאַדיסלאַוו (זאב) 103, 104, 220.
פרידמאַן אַלעקסאַנדער זישע 82, 95, 144, 145, 181, 223, 224.
פרידמאַן פעליקס 158.
פרידענזאָן (שול־טוער) 144, 223.
פרידריך זלמן (זיגמונט) 233.
פרייהייט — יוגנט־פאַרבאַנד 198.
פרייער שומר — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 191.
פרענקעל ג. (דערציער) 144, 222.
פרענקעל מתתיהו, דר. 163.
פרענקעל פּאַוועל 219.
פשעדבאָרסקי יאַן, דר. 107, 140.


## צ


צאָמבער ליפּמאַן, דר. 107, 166.
צווייבאַום יוליוש, דר. 165.
צוקונפט — יוגנט־אָרגאַניזאַציע 277, 231, 233.
צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) 13, 62, 96, 198—202, 206, 210, 226, 231, 234, 244, 247, 256, 260, 294, 298—300.
צייטלין הלל 224.
ציש"אָ — צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע 96, 118, 124, 134, 135, 142, 143, 145, 225, 226, 231.

צענטאָס — יידישע אָרגאַניזאַציע פאַר קינדער און יתומים־שוץ 35, 36, 49—55, 64, 71, 73, 77, 79, 80, 82, 84, 87, 88, 90—94, 99—104, 106—144, 146—153, 155, 165, 183, 188, 197, 198, 205, 206, 220—222, 226, 231, 240, 242, 243, 245, 256, 257, 261, 266, 271, 272, 274—280, 282, 287, 288, 291.
צענטנערשווער, פּראָפ. 165.

## ק

קאָוושלטשיק אַנאַסטאַזי (נאַסטעק) 244.
קאָוואַלסקאַ קריסטינאַ (איזאָלדאַ) — זע: גרייפּעל זשיוטאַ.
קאָוואַלסקאַ רעגאַ (רעגינאַ) 50.
קאָוואַלסקי אַלעקסאַנדער (אָלעק) 244.
קאָוואַלסקי באָלעסלאַוו 127.
קאָווע הענריק 243.
קאָוטסקי קאַרל 20, 175.
קאָזשיבראָדזקאַ לאָנקאַ 203.
קאָט קאַזשימיעזש־אַנדזשעי 62, 63.
קאָטאַרבינסקי טאַדעאוש, פּראָפ. 24—27, 77.
קאָטאַשעק שמעון 172.
קאָטליצקי הענריק 159, 258.
קאָטשערגינסקי שמערקע 237.
קאַליש (שטאָט) 195.
קאַמינסקי אַלעקסאַנדער (הובערט) 62, 210.
קאַמינסקי אסתר־רחל 170.
קאָן אַננאַ (אַניעלקאַ) 282, 283.
קאָן מנחם 89, 92, 160.
קאַנאַל ישראל 216, 295.
קאָנהיים (געטאָ־פּאָליציאַנט) 281, 282.
קאָנינסקי אהרון 108, 197, 289.
קאָנסקי יהודה 217.
קאָסאַק־שטשוצקאַ זאָפיאַ 62.
קאָסטשעוואַ־קאָשוטסקאַ וועראַ 237.
ק.אָ.פּ. — קאָמענדאַנטור צו פאַרטיידיקן פוילן 61.
קאַפּלאַן יוסף 160, 208, 209, 256, 258, 260, 285, 294.
קאַציזנע אַלטר 42, 236, 237.
קאַצענעלסאָן יצחק 86, 157, 163, 201, 293.
קאַרטוז־בערעזע (לאַגער) 38, 42, 232.

קאַרטין פנחס (שמידט אַנדזשעי; מאָזעס אליהו) 152, 242, 252, 258.
קאַרטש (דזשוינט־אינספעקטאָר) 147.
קאָרטשאַק יאַנוש (הענריק גאָלדשמידט) 104, 106, 107, 133, 287, 289.
קודאַשעוויטש יוליאַן 110.
קוראָווסקי, אינזשעניער 168.
קורילוק קאַראָל 40.
קורץ אברהם 132.
ק.ז.מ. — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד פון פוילן 33.
קיעלביק מ. (צענטאָס־טוערין) 146.
קירשענבוים מנחם 144, 158, 213, 214, 223, 231.
קירשענפעלד־וואַסער בלומאַ 161.
קלאָג אליעזר (לוזער) 231.
קליינבוים משה (סנה) 12.
קלעפפיש מאַריאַ 151.
קלעפפיש מיכאל 151, 233, 234.
קלעצקין באָריס 236.
קנאַפהייס משה 237.
קעמפנער ל. (דערציערין) 152.
קעסעלרינג אַלבערט, גענעראַל 58.
ק.פ.פ. — קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פוילן 14, 21, 229, 236—238, 240—242, 253—255.
ק.ק.ל. — קרן—קימת 87, 214.
קראַמאַזש מאיר 194, 261.
קראָמאָלאָווסקאַ מאַריאַ (מרים) 35.
קראַמשטיק ראָמאַן 158.
קראַסוצקאַ לובאַ, דר. 38.
קראָקע (שטאָט) 13, 41, 61, 65, 89, 99, 100, 134, 148, 149, 189, 199, 202, 216, 232.
קרוטשקאָווסקי לעאָן 41.
קרופניק (אַדוואָקאַטין) 151.
קרימקאָ וואַלענטינאַ — זע: פוסווערק בלומאַ (קלימאַ; באָגושיאַ).
ק.ר.נ. — קראַיאָוואַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ 10, 191, 236, 298.
קרעטשמאַר מיכאל 22.
קרעניצקאַ אירענאַ, דר. (ווערא) 12, 167, 169, 272.
קרעניצקי באָריס (באָלעק) 169.

ר

ראַבינאָוויטש ישעיהו 160.
ראַבינאָוויטש־הערשקאָוויטש העלאַ (העלענאַ) 239, 257.
ראָגאָווי א.מ. 92, 144, 223.
ראָדאַל לעאָן (לייב) 219.
ראַדאָשטש (שטעטל) 193.
ראַדונסקי דוד 158, 217.
ראַדלינסקי, פּראָפ. 23.
ראַוויטש (שטעטל) 254.
ראָווינסקי (אינדוסטריעלער) 111.
ראַזאָווסקי וואָלף (ווּעלוול) 233.
ראָזנבלום ס. (דערציערין) 144.
ראָזען יוסף 28.
ראָזענבלום זאָפיאַ, דר. (שימאַנסקאַ) 126.
ראָזענבערג י. (דערציערין) 152.
ראָזענטאַל ראָמאַן 158.
ראָזענפעלד מאַקס, דר. 29.
ראָזענפעלד מאָריס 18.
ראַטאַי מאַטשעי 70.
ראָטבלאַט לוטעק (לייב) 111, 216.
ראָטבלאַט מאַריאַ 111.
ראַטהאַוּז קאַרל 171.
ראָטהייזער־רותם שמחה (קאַזשיק) 216, 234.
ראַטנער (טוערין אין דער פּרויען־קאָמיסיע) 88.
ראָטענבערג הענריק 109, 207.
ראשון לציון (שטאָט) 18.
רובער עמיל (ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון אַדאָלף בערמאַן) 39, 41.
רויזענפעלד מיכאל 152, 153, 243, 257.
רונדשטעדט קאַרל רודאָלף, גענעראַל 58.
רוף יאַן 245.
ריביצקאַ עוואַ, דר. 105, 106.
ריבענטראָפּ יאָאַכים 249.
רידז־שמיגלי עדוואַרד, מאַרשאַל 51.
רידיגער יוליאַן 240.
רידיגער סימאַ 115.
רייזען אברהם 142, 156.
רייזען זלמן 236.

רייזער אַניטאַ 141.
רייכענאַו וואַלטער, גענעראַל 58.
רייכבערג (אינזשיניער) 147.
רייס טעאָדאָר 171, 174—176.
ריכטער דוד 236.
רינגעלבלום אורי 124.
רינגעלבלום גיזאַ 57.
רינגעלבלום יהודית (יוזשיאַ) 124.
רינגעלבלום עמנואל, דר. 13, 14, 21—23, 27—29, 42, 44, 48, 50, 53, 55,
57, 63, 64, 73, 86—89, 96, 108, 166, 119, 124—126, 155, 157,
159—162, 184, 185, 188, 189, 193, 197, 204, 208, 211, 212, 214,
223, 236, 250, 251, 253, 266, 272, 293, 297.
רעכניעווסקי טאַדעאוש 21.
רעמבאַ נחום 215.

## ש

שאַלמאַן יוסף, דר. 147.
שאַף אַדאַם, פּראָפּ. 99.
שאַף מאַקס, דר. 99.
שאָר לייב 137.
שאָר משה, פּראָפּ. 89.
שוואַרצבאַרד מרדכי 192.
שווייגער סטעפאַניאַ 152.
שולמאַן דוד 220.
שול־קולט (שול־ריכטונג) 108, 143, 144, 197, 202.
שולשטיין משה 237.
שחור סטעפאַניאַ 151.
שטאָקהאַמער שמעון, רב 103.
שטאָרך (דערציער) 116.
שטיין אריה 100.
שטיין י., דר. 167.
שטיין מנחם־עדמונד, דר. 158, 215.
שטיין רחל 99—101, 144, 198.
שטיינבערג דינה, דר. (קאַמינסקאַ יאַנינאַ) 25.
שטערן — גוויאַזדאַ — ספּאָרט־קלוב 39, 40, 258.
שטערנעס עדאַ 151.
שטערנפעלד (דערציער) 108, 289.

שטשעראַנסקי (דערציער) 144, 222
שילער לעאָן 133
שימאַנסקי (דערציער) 107, 289
שיעמאַשקאָווא וואַנדאַ 131
שיפּער יצחק, דר 29, 158, 215.
שיפּער־רופאייזן העלאַ 216, 217.
שלעווין בנימין 237.
שלענגעל וולאַדיסלאַוו 98, 110, 177.
שמוקלער פּאַולינאַ 169.
שמחוני י.נ., דר. 117.
שמידט אברהם 197.
שמידט אַנדזשעי (קאַרטין פּנחס) 242, 252—255, 257—259, 261—263, 267.
שמערוק חנה, פּראָפּ. 34.
שמערלינג מיעטשיסלאַוו 292.
שניאַטין (שטאָט) 156.
שניידמיל אברהם (בערעק) 231.
שניידערמאַן טעמע 203.
שעמלעי־קעטלינג צעזאַרי 220.
שערינסקי־שענקמאַן יוזעף 216, 282, 295.
שערעשעווסקי סטאַניסלאַוו 92, 95.
שערעשעווסקי רפאל 89, 99.
שפּאַנצענקאָפּף לאה 141, 152.
שפּאַנצענקאָפּף רענאַ 152.
שפּילמאַן וולאַדיסלאַוו 177.
שפּירא ד. (דערציער) 144, 222.
שפּירא מינאַ 126.
שפּירא קעלמיש, רב 103.
שקלאַר זיגמונט 134—136, 173.

## ת

תל־אביב (שטאָט) 47, 221.
תקומה — קולטור־אָרגאַניזאַציע אין עברית 89, 157, 158, 213, 215—217, 219.
תרבות (שול־ריכטונג) 79, 134, 135, 142, 144, 164, 213, 215, 216, 219.

# רשימה פון דר. אַדאָלף בערמאַנס אַרבעטן וועגן די יאָרן פון אומקום אוןווידערשטאַנד

**אין יידיש**

1. די קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ — צוזאַמען מיט דר. עמנואל רינגעלבלום — אין מלך ניישטאַדטס "חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", הסתדרות העובדים הכללית, ת"א, תש"ח.
2. צו דער פאָרגעשיכטע פונעם געטאָ־אויפשטאַנד — "פאַריזער צייטשריפט", 5, 1954.
3. פונעם תהום — "פאַריזער צייטשריפט", 12, 1956.
4. די וואָס האָבן געראַטעוועט — "פנקס וואַרשע", בוענאָס־איירעס, 1955.
5. פינף געשטאַלטן — " איקוף", בוענאָס־איירעס, 1957;
"זאַמלונגען", ניו־יאָרק, 1968.

**אין עברית**

1. הפעולה התרבותית בגיטו וארשה — מ. ניישטדט — "חורבן ומרד של יהודי וארשה", הסתדרות העובדים הכללית, ת"א, תש"ז.
2. היהודים בצד הארי — "אנציקלופדיה של גלויות", חלק א' — וארשה, ירושלים, 1953.
3. בצד הארי — "ספר מלחמת הגיטאות", הוצאת הקיבוץ המאוחד, בית לוחמי הגיטאות, 1954.
4. גורל הילדים בגיטו וארשה — "שואת יהודי אירופה", יד ושם, ירושלים, תשל"ג.
5. על תנועת המרי בגיטו וארשה — נ. בלומנטל וי. קרמיש — "המרי והמרד בגיטו וארשה", יד ושם, ירושלים, תשכ"ה.
6. עדות במשפט אייכמן — "היועץ המשפטי לממשלה נגד אדולף אייכמן", עדויות (א), מרכז ההסברה, ירושלים, תשל"ד — 1974.
7. שירה מן התהום — "דפים לחקר השואה והמרד", בית לוחמי הגיטאות, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תש"ל — 1969.
8. מימי המחתרת — "המנורה", ת"א, 1971.
9. במקום אשר יעד לי הגורל (עם יהודי וארשה 1939־1942), בית לוחמי הגיטאות והוצאת הקיבוץ המאוחד, תשל"ח.
10. התפתחות פעילותו של הועד היהודי הלאומי בצד הארי — נ. בלומנטל וי. קרמיש — "המרי והמרד", יד ושם, ירושלים, תשכ"ה.
11. הועד הלאומי היהודי והמרד, שם.
12. הועד היהודי הלאומי — פעולתו בצד "הארי" — שם.

1. Ci co ratowali — Wl. Bartoszewski i Z. Lewinówna — "Ten jest z ojczyzny mojej", Polacy z pomocą Żydom 1939—1945, "Znak", Kraków, 1966.
2. O losie dzieci żydowskich z zakladów opiekuńczych w getcie warszawskim, Biuletyn Żyd. Inst. Historycznego, Nr. 28, Warszawa, 1958.
3. O ruchu oporu w getcie warszawskim — "Refleksje", Biuletyn Żyd. Inst. Historycznego, Nr. 29, Warszawa, 1959.
4. Adolf i Barbara Bermanowie — Zaglada getta w Warszawie, Szkic Kronikarski, Biuletyn Żyd. Inst. Historycznego, Nr. 45—46, Warszawa, 1963.
5. Żydowskie podziemie w walce — "Gazeta Lubelska", Nr. 13, 1945.
6. The fate of the children in the Warsaw ghetto — in "The catastrophe of European Jewry", Yad Vashem, Jerusalem, 1976.

# אינהאַלט


מיטן בוך ........ 7—9

## קאַפּיטל 1 — פאַרן מבול

מיין פאָטער ........ 10
מיין מוטער ........ 11
מיינע ברידער ........ 12
מיינע שוועסטער ........ 15
מיין קינדהייט און יוגנט ........ 16
סטודענטישע יאָרן ........ 23
דער אָנהויב פון אידעאיש־פּאָליטישן קאַמף ........ 28
אַכט יאָר פון וויסנשאַפטלעכער און פּאַך־אַרבעט ........ 34
געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייט פאַר דער וועלט־מלחמה ........ 37

## קאַפּיטל 2 — אין אַ באַלאַגערטער שטאָט

סעפּטעמבער 1939 ........ 48
די ערשטע באָמבעס ........ 49
דער גרויסער עקזאָדוס ........ 51
אונטערן האָגל פון באָמבעס ........ 53
דער לעצטער יידישער אויפרוף ........ 55
וואַרשע אין פלאַמען ........ 57
די טראַגישע אוווערטורע ........ 59

## קאַפּיטל 3 — אין די נעגל פון נאַצישן אָקופּאַנט

די ערשטע כוואַליעס פון טעראָר ........ 60
די ערשטע מאַסן מאָרדן ........ 61
די קאָט־טראַגעדיע ........ 62
די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן ........ 64
די טראַגעדיע פון יידישע פּליטים ........ 68
דער אָנהויב פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג ........ 69

## קאַפּיטל 4 — צווישן די מויערן פון געטאָ

די געטאָ־גזירה ........ 74
וועגן כאַראַקטער פון וואַרשעווער געטאָ ........ 78
צוריי לאַגערן אין געטאָ ........ 81
די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף ........ 87
דער דזשווינט אין וואַרשעווער געטאָ ........ 93

## קאַפּיטל 5 — "אַלץ פאַרן ידישן קינד!"

צענטאָס . . . . . . . . . . . . . 99
דער שטאַב פון צענטאָס אין געטאָ . . . . . . . . . . 100
אין קאַמף פאַרן לעבן פון ידישע קינדער . . . . . . . . 106
הילף פאַר קינדער אין גיהנום־באַדינגונגען . . . . . . . 112
פאַר דער רעטונג פון גאַסן־קינדער . . . . . . . . . 115
די קינדער ווינקלעך אין הונדערטער הייזער . . . . . . . 119
גרינע אָאַזן אין געטאָ . . . . . . . . . . . 121
טויזנטער — אין דינסט פון קינד אין געטאָ. . . . . . . 123
טעאַטער פאַר קינדער און קינדער־כאָרן אין געטאָ . . . . . . 128
די קינדער־ביבליאָטעק. . . . . . . . . . . 136
"חודש פון קינד" און קינדער־יום־טובים . . . . . . . . 139
דאָס געהיימע שול־וועזן . . . . . . . . . . 142
קינדערשוץ אין לאַנד־מאַסשטאַב . . . . . . . . . 147
צום אָנדענק פון ידישע דערציער . . . . . . . . . 150
די קינדערשוץ און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג . . . . . . . 152

## קאַפּיטל 6 — קולטור, בילדונג, וויסנשאַפט, קונסט

ייקאָ"ר. . . . . . . . . . . . . . 155
תקומה . . . . . . . . . . . . . 157
דער קלוב פון די פּלאַסטיקער . . . . . . . . . . 158
דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו . . . . . . . . . . 158
מיטלשול־בילדונג אין געטאָ . . . . . . . . . . 163
געהיימע מעדיצינישע הויכשול אין געטאָ . . . . . . . . 164
פאָרשונגען וועגן הונגער־קראַנקייטן . . . . . . . . . 166
מוזיק אין געטאָ . . . . . . . . . . . . 169
דער גורל פון אַן עילוי . . . . . . . . . . . 174
געלעכטער דורך טרערן . . . . . . . . . . . 176

## קאַפּיטל 7 — פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ

די ראָל פון פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ. . . . . . . . 179
די ראָל פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע . . . . . . . . 182
לינקע פּועלי־ציון. . . . . . . . . . . . 184
פּועלי־ציון צ.ס. און דרור . . . . . . . . . . 196
השומר הצעיר . . . . . . . . . . . . . 203
אַלגעמיינע ציוניסטן, עקיבא, הנוער הציוני און גורדוניה . . . . . . 213

ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן . . . . . . . . . . . . . . . 217
די רעליגיעזע פּאַרטייען — אדוגת־ישראל און מזרחי . . . . . . . . 221
בונד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 224
פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן) . . . . . . . . . . . . . . . 234
קליינע פּאָליטישע גרופּן . . . . . . . . . . . . . . 244

## קאַפּיטל 8 — דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

די קוואַלן פון בלאָק . . . . . . . . . . . . . . . 248
דער איבערברוך . . . . . . . . . . . . . . . . 249
דער רוף ״נאָוואָגרודעק״ . . . . . . . . . . . . . . 250
די אַנטשטייאונג פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק . . . . . . . . 251
די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון בלאָק . . . . . . . . . . 258
דער ״רוף״ . . . . . . . . . . . . . . . . . . 263
בלוטיקע קלעפּ . . . . . . . . . . . . . . . . . 267

## קאַפּיטל 9 — דער בלוטיקער מבול

דריי מאָל אויף דער שוועל פון טויט . . . . . . . . . . 271
דער טויט־מאַרש פון קינדער . . . . . . . . . . . . 286
די ראָל פון יודנראַט און געטאָ־פּאָליציי . . . . . . . . . 290
די ערשטע אַקטן פון ווידערשטאַנד אין געטאָ . . . . . . . 293
נאָכוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . 297

אינדעקס

רשימה פון דר. אַדאָלף בערמאַנס אַרבעטן וועגן די יאָרן
פון אומקום און ווידערשטאַנד.